STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 05903

ESEYEN FUN HARBSTIKN GEMIT

Iosef Okrutny

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

יוסף אָקרוטני

עסייען פון האַרבסטיקן געמיט

פאַרלאַג
י.ל. פרץ
ישראל
תל-אביב, תש"ם, 1980

JOSEF OKRUTNY
ESSEYEN FUN HARBSTIKN GEMIT
(ESSEYEN)

I. L. Peretz Publishing House
31 ALLENBY TEL-AVIV
ISRAEL

יוסף אָקרוטני
עסייען פון האַרבסטיקן געמיט

פאַרלאַג י. ל. פרץ, רח׳ אלנבי 31, תל־אביב

©
PRINTED IN ISRAEL 1980
נדפס בישראל תש״ם

דפוס אורלי, תל־אביב

דאָס בוך איז אַרויסגעגעבן מיט דער הילף פון
אליעזר פּינעס-פאָנד פאַר קולטור און ליטעראַטור,
פון די פאָנדן פון אריה דולטשין — פּרעזידענט פון
דער ציוניסטישער וועלט-אָרגאַניזאַציע,
פון דער קהילה אין בוענאָס איירעס,
פון פריינד אין ניו-יאָרק און מאָנטרעאַל.

דאס בוך איז אַן אָפּקלייב פון עסייען און עטיודן
וואָס דער מחבר האט געשריבן אין די לעצטע 25 יאָר.

אינהאַלט

אויסגערונענע האָריזאָנטן

די פאַרטיליקטע היימשטאָט 7
דער אָרעמער משה עקשטיין 12
„יונג יידיש" 21
משה בראָדערזאָן 27
יצחק קאַצענעלסאָן 40
חיים קרול, דער ניש־דאַיקער 56
ישראל ראַבאָן, דער שפּראָץ פון טיפסטן עלנט 72
ישעיהו שפיגל 84
מרים אולינאָווער — אַ זינגעוודיקע שרה בת־טובים 104
חיים־לייב פוקס, פּאָעט, און האַרעפּאַשניק 114
ווייטיקט אַ ייִד אין ווינּיפּעג 130

עסייען און עטיודן

דאָס אויף טויט אַנטשוויגענע שטעטל 136
ענדערונגען וואָס שרייען גוואַלד! 150
דער ליטעראַרישער מאָדעל 158
וועגן פּאָעזיע 165
אַ ביסעלע שונד 172
און ווער וועט ירשענען? 178
דב סדן 184
יאָרן אָן שמואל ניגער 191
שלום אַש 197
אליעזר שטיינבאַרג 204
איציק מאַנגער 211
ישראל שטערן 218
הערצער טויזנט — און איין ווייטיק... וועגן ש. פרוג 227
דער ניגון וואָס שפּאַנט איבער דורות 234

סילועטן און פּראָפילן

יעקב גלאַטשטיין 243
אפרים אויערבאַך 251
בעריש ווײַנשטיין 257

מלך ראַוויטש 264
חיים גראַדע 285
חיים גראַדע דער פּראָזע־קינסטלער 306
אברהם סוצקעווערס ליריק 321
אברהם סוצקעווער דער דערציילער 328
אַ טייער לעצט־געלט פאַרן דיכטער 340
אלחנן וואָגלער 347
דער יתום וואָס איז פאַרבליבן אין סומנעם דרויסן 353
יעקב שטערנבערג 363
משה גראָסמאַן 374
בנימין שלעווין 380
יעקב פרידמאַן 387
געפאַלן אַ שטיין אויפן געצעלט פון יידישן ליד 394
אליעזר גרינבערג 404
מאיר חרץ 413

אויסגערונענע האריזאנטן

די פאַרטיליקטע היימשטאָט

ווער איז ערשט מסוגל צו שרייבן וועגן יידיש לאָדזש? דערמאָנען זיך וועגן דעם אַ יידיש־שעפערישן צענטער, מיינט אונטערנעמען זיך אויפצושטעלן די פאַרביקע ביאָגראַפיע פון אַן אומרויקן, אינטענסיוו געלעבטן געוועזן, וואָס איז ברוטאַל אַרונטערגעריסן געוואָרן פון זיינע פונדאַמענטן. עס איז ממש דערשטיקט די פערספעקטיוו צו קענען פירנעמען אַזאַ אומגעהייערן אָנשטרענג. און דער אָנשטרענג צעוואַקסט זיך אויגנבליקלעך אין גוואַלטיקע פראָפאָרצן מחמת דער היינט שטייט אַן אומרחמנותדיק־באַקעטער, אָפגעסמאַליעט ביז זיינע וואָרצלען. איז ווער קען זיין אין שטאַנד צו טאָן אַזוינס ווי ברענגען די לעבנס־געשיכטע פון דעם וואָס איז געוועזן אַן אבר פון דיינע אברים, דער בייך פון דיין אייגענעם געביין! סיידן נאָר אויסוויינקן אַן אומגעהערטן קדיש. און די לאָדזש, וועלכע מיר געדענקען, איז כולה דינאַמיק. די דאָזיקע שטאָט האָט טאַקע, ווי אַ געשיכטלעכער אָביעקט, זוכה־געווען צו פאַלן בעיקר אין אויג פון כראָניקערס, צו ליפערן עפּיזאָדישע באַשרייבונגען־שילדערונגען וואָס קענען דינען ווי ליים פאַר אַ שפּעטערדיקן בנין, פאַר אַ סאָציאָלאָגיש־באַדאַכטן בילד, אייגנטלעך נאָר פאַר אַ „פּאָרטרעט" אין פּראָפיל. ווייל אַזאַ איז די יידישע לאָדזש, וועלכע מיר זעען נאָך ווי אַ יונגן יישוב בעת ער איז געפאַלן אויף דער עקדה פון אַ שגעון וואָס האָט זיך צעפלאַקערט ווי אַ פאַרציקערישער שייטער פון דער אונטערגעצונדענער „ציוויליזאַציע" וואָס אונטערן צייכן פון בלוט־דאָרשטיקן האַקנקרייץ און דעם גולמדיק־טעמפּן סערפּ און האַמער. די אַ סימבאָלן רעדן, ווירקן אינעם נאָמען פון דעם זשעדנעם קריפּל, וואָס רייסט זיך נאָך אין אונדזערע טעג צו אייבערמאַכט איבערן מין מענטש און רק זיינע פּראָדוצירנדיקע כוחות כדי זיך אַליין איבערצופרעסן ביז אייגענער טייטנדיקער פעטקייט. דערפון דער דערדריקנדיקער שאָטן וואָס האָט פאַר אונדז אַראָפּגעבראַכט אַ דויערנדיקע נאַכט אויף דער ערד, וועלכע איז לגמרי אָן אַ הימל. יאָ, אין ממשות איז אונדזער וועלט שוין געבליבן אַזאַ,

אַן אַ הימל. שטייט טאַקע אַצינד די היים פון אונדזער יוגנט, אַן אויסגעהוילטע, אַן אײנספּירירנדיקן כוח ווי זי איז עס געווען אין איר שאַפערישן בראשית, וואָס האָט נישט דערלעבט צו צייטיקונג.

ס׳איז אויסגערונען אַ דורכויסיקע כימערע. די האָריזאָנטן פון אַ גאַנצער וועלט זענען אַראָפּגעזונקען אין תהום. ערשט איז דער אַ מאָטיוו אַ שטיק פיינלעכער חושך. ריכטיק, אין זכרון פון על־פי־נס ניצול געוואָרענע זין און טעכטער, איז די היימשטאָט אָפּט מאָל נאָך אַלץ אַ טיף פונאַנדערגעצויגענע לאַנדשאַפט פון אַ לעבעדיקן קאַנגלאָמעראַט, וועלכער האָט (אָ, וויבארירנדיק ליכט פון דער אומשטאַרביקער לעגענדע!) אויף יענעם שוין וויטן באָדן איינגעשלונגען גרעסערע מענטשן־גרופּעס, כלערליי עטנישע שבטים; וואָס שייך יידן, האָט זי איינגעהיימישט ממש גאַנצע שטעטלשע פּראָווינצן, ניין, גאַנצע קאַנטאָנען ווו יידן זענען געזעסן אין אָרעמע הילצערנע גובערניעס מיט שטרוידעכער, שינדלדעכער, געלעבט אין כלערליי דיאַלעקטן, אויך אין פאַרשיידענע נוסחאות.

לאָמיר טאַקע נישט פאַרגעסן; לאָדזש איז אויפגעשטיגן אויף דער רויערד ווען ס׳האָבן געבלאָזן די אימפּעטיקע רענעסאַנס־ווינטן, וועלכע האָבן ביים סוף פון 19טן יאָרהונדערט זיך געטראָגן פון מערב־איראָפּע. אין צוליינג דערצו האָט עס אויך פאַרשמעקט מיט דער אָנרעגנדיקער יונגשאַפט וואָס האָט געבראַכט די בשורה פון גרונטיקע ענדערונגען, וועלכע האָבן זיך געעפנט אַ וועג צו דער גרויסער וועלט. דאָס גלייכן האָבן געלאָקט נייקייטן פאַר דער שטאָט מיט אירע אַטראַקטיוו־פונאַנדערגענומענע פליגל פון דער יונגער אינדוסטריאַליזאַציע.

פון פאַרוואָרלאָזטע פּוילישע פּראָווינצן האָבן יידן געגעבנט צו לאָדזש, זיך באַגרונטפעסטיקט אין דער צוזאַגנדיקער, ראַפּטעם וואַקסנדיקער שטאָט, וועלכע איז ערשט אַנומלט געווען דורכויסיקער וואַלד מיט לויערנדיקע וועלף (דערפון דער אַדאַפּטירטער נאָמען וו י ל ק ע פאַרן עלטסטן, רייכן שטאָטפערטל, וואָס איז אין אורשפרונג געווען אַ פאַלוואַרק). די ניי־צוגעפאָרענע פרנסה־גיריקע לייט האָבן די שטאָט שטאַרק באַלעבט. די שמיעה פון דער שפע, וואָס באַגעגנט די אָרעמע לייט אין דעם כרך פון פאַבריקן, האָט אָנגעלאָקט אויך יידן פון דער פאַסנער ליטע, פון וואָלין און אפילו פון דער רחבותדיקער ראַסיי.

נישט אומזיסט איז דער אויפקום פון גרויסלאָדזש און די אויפטוען פון אירע פיאָנירן אַרומגעוועבט מיט שלייערן פון לעגענדע, וועלכע איז שפּעטער געוואָרן פאַרוואָרט אין אויסגעטעסעטן פאַקט. דער דאָרפהעגדלער

ישראל פּאָזנאַנסקי וואָס איז געקומען פון פּוילישן שטעטל קעוול, איז עולה־לגדולה געוואָרן אין דעם אויגנרייסנדיק וואַקסנדיקן יישוב, געוואָרן אַ מאַגנאַט מיט פּאַלייען, גרויסע פאַבריקן און זיין שם־טוב האָט זיך צעקלונגען איבער מדינות. אפילו אין פאָלקלאָר זענען אַריבער פאַרגלייכן און ווערטלעך בשייכות די המצאות פונעם קעוולער זעקלייד, ווען דער אייבערשטער האָט אַראָפּגעוואָרפן „אין קאָפּ אַריין" אַ זאַק מיט גאָלדענע רענדלעך. ערשט ווי זענען אויסגעוואַקסן די עשירותן פון די שלעזישע דייטשן אין יענעם מעשה־האַפטיקן דור, ווו די היינצלס און שייבלערס זענען מיט יידן געוואָרן ידידים ממש, ווי היימישע זינט קדמונים און מיט זיי געפירט משא־ומתנים! איז אָבער באַשערט געוואָרן אַ בראָך — ס'האָט זיך אַראָפּגעלאָזן אַ פייער וואָס האָט פאַרלענדט די לעגענדע. אין יסורים־קראַמפּן איז זי אָפּגעמעקט געוואָרן ביינאַנד מיט איר ערדישער וואַרהאַפטיקייט, וועלכע האָט שוין געהאַט גענומען אויף זיך פלייש און הויט אין געשטאַלט פון דעם ווילבאַוווסטן לאָדזשער ייד, דעם קלאַסיש־געפורעמטן טיפּ מיט זיין אומדערמידלעכן טוען, רייסן זיך אַריבער־צושפּאַנען אַפילו אינטעלעקטועל די כמו־נאָענטע האָריזאָנטן. דער לאָדזשער ייד האָט אויסנעמלעך זיך אַרויסגעהויבן מיט זיינע תמיד אָנגעשפּאַנטע מוסקלען ווי מיטן גייסטיקן שוווּנג. אַזויערנאָך האָט ער מיט אויפטו זיך אַריינגעשריבן אין גדעכעניש פון דורות. ער האָט פּאַראייביקט דעם נאָמען פון יענער לאָדזש וואָס איז געווען, געווירקט, אָבער איז... מער ני־י־יששש־שטאָ!!

די אָקערשטיקע לאָדזש איז פאַר יידן נאָר אַ געאָגראַפישער סימן, אָבער אויך אַ באַגריף פון אָפּגעפרעמדקייט וואָס איז אויף איר אָנגעוואָרפן געוואָרן מיט ברוטאַליטעט. לאָדזש פון די סוף־זעכציקער יאָרן פון 20סטן י"ה איז אויף לעצט אָפּגעשליידערט געוואָרן פון אַ מלוכיש־רוצחישער פויסט. אַציינד שטייט זי ווי אין האַרבסט 1939 ביי נייס צעחורבנט, ווען דער ווילדער פייער־שטורעם האָט זיך געהאַט צעבושעוועט. אָט די לאָדזש שרעקט מיטן גליוועור פון אַ צעשטערטן בית־עלמין וואָס זיינע צעגראָבענע קברים מיט די געשענדטע מענטשישע קנאָכנס לאָזן הערן זייער פּחדימדיקן געשריי צו די הימלען.

טראַגיש איז דאָס געפיל פון אָפּגראָבן די קברדיקע טיפעניש ווו עס זשיפּעט נאָך אַ פונק לעבן וואָס האָט ברייטגיביק געהאַט זיך באַהאַפטן מיט דער וואָרהאַפטיקייט פון דער לעגענדע, וועלכע האָט יידישלעך געשפּאַנט אויף אייגענע פיס. ערשט יאָמערן איבער אונדז די קולי־קולות,

דאָס פֿאַרשניטן־ווערן פֿון דער לעגענדע וואָס האָט אַמאָל אָפּגעגעבן מיט צוואַנגדיקער שיינקייט און אַפֿילו מיט הערא:זם פֿון עדהס ייִדן, וועלכע זענען פֿון דערדריקנדיקער אָרעמקייט אַרויס אויף דער בתולה־ערד מיט פֿולע בוזעמס האָפֿענונג. נו, אַזוינס גרענעצט זיך ביי נייס מיט יענער מעשהלע וואָס איז אַרויס אויפֿן ברייטן טראַקט פֿון שטאָלפּערנדיקער וואָר, אַ געטריבענע פֿון טראַנסמיסיעס און האַמעטנעם גאַנג פֿון רויפֿן־רעדער איבער דער רויערד. ——

איז געקומען פֿון מרחקים דער אָרעמער ייִד ישׂראל בן קלמן פּאַזנאַנסקי און עס האָט אים באַגליקט דער פֿלייס אין זיין ערלעכן לעבן. אַ נאָכגייער אין זיין דרך איז דערנאָך געווען אָשר קאַן, דער חסידישער עילוי מיט אויפֿטוערישער המצאה, וואָס איז מיט אַ קאָפּ העכער אויסגעוואַקסן פֿון דעם קעווולער ישׂראל פּאַזנאַנסקי מיט זיינע הימלגרייכנדיקע פֿאַבריק־קוימענס. אָשר קאַן איז געווען אַ פֿאַנטאַסט, מחמת שאַרפֿער האָט געהאָרעוועט זיין מוח פֿון אַ געוועזענעם ישיבֿה־בחור. אָשר קאַן האָט אויסגעבויט זיין אינדוסטריעלן קאָמבינאַט אין סאַמע האַרץ פֿון לאָדזש און אים אָנגערופֿן אויפֿן נאָמען פֿון דער שטאָטגעגנט ווידזעוו. דאָס איז שוין געווען אַ ווירטשאַפֿטלעכע פּאַטענץ וואָס איז אויפֿגעקומען אין דער צייט פֿון „נייעם פּוילן", ווען יוזעף פּילסודסקי, דער שטורעמער פֿון פּוילנס אַנומלטיקע פֿאַריאָכערס איז געוואָרן דער „דזשאַדעק", דער זיידע פֿון ווידער־אויפֿגעקומענעם לאַנד ביי דער ווייסל. די מדינה איז דעמאָלט געלעגן אין קאָנווולסיעס פֿון הונגער און רו:ינעס נאָך לאַנגע יאָרן מלחמה. פֿונעם חורבן־אַש האָט אָשר קאַן אין די צוואַנציקער יאָרן אויפֿגעהויבן די געזונקענע פֿאַבריק פֿון דעם דייטש הײנצל און זי פֿאַרוואַנדלט, אונטער זיין אייגענער פֿירונג, אין דער קרוין פֿון דער לאָדזשער פֿאַבריקישער לעגענדע וואָס האָט ניילעך זיך געשטעלט פֿאַרן פּנים פֿון דער ברייטער וועלט מיט איר העזהדיק הויכן טעקסטיל־טורעם. און אָשר קאַן, ווען מ׳האָט וועלטלעך גערופֿן אָסקאַר קאַן, האָט ערשט געשפּרייזט אין סאַמע פּראַנט מיט אויפֿטוערישער גבֿורה. זיין טעקסטיל־קאָמבינאַט איז געוואָרן אַ שטאָט פֿאַר־זיך מיט צענדלינגער טויזנטער אַרבעטערס. אָסקאַר קאַן איז געוואָרן אַ נייע לעגענדע. ייִדן האָבן געקוקט אויף אים ווי אויף אַ קייסער, אַ קייסער וואָס זיצט אין אַ ווונדערלעכן פּאַלאַץ, כאָטש ער פֿראַוועט נאָך גאונות אויפֿן חסידישן שטייגער, לערנט יעדן טאָג אַ בלאַט גמרא. מ׳האָט אויך מיט חידוש

דערציילט איש מפי איש אַז יעדן פֿאַרמיטאָג פֿאָרט ער צו אין זיין ביוראָ אויף שרודמיעיסקע גאַס (נאָווע־צעגלאַנע), איז מעיין אין דער הויפּט־בוכהאַלטעריע, נעמט אויף אויסלענדישע געסט און אַהיים צו, אין פּאַלאַץ אַריין — צו מיטאָגן — גייט ער צו פוס. ס׳איז דערין נישט געווען קיין גוזמא, אויך נישט קיין גאווה פון אַ גביר. אָשר קאָן האָט טאַקע געהייסן אַז דער אויטאָ זאָל אויף אים וואַרטן אין דרויסן, פאַר דער ביוראָ־געביידע, אָבער דערנאָך האָט ער זיך מיישב־געווען: די מאַשין זאָל זיך שטיל אַהיימקערן אָן אים. ער׳ט ליבערשט זיך איבערגיין. אַזוי פלעגט ער זיך עפּטערס נוהג זיין. אַ ווונק געטאָן דעם געטרייען גאַבריעל: „פֿאָר, פֿאָר, איכ׳ל זיך דורכגיין אַ ביסל“. די פּריצישע לימוזינע האָט טאַקע געוואַרט אויף אים לאַנגע שעהען, אָבער צוריקגיין מוז זי אָן אים, נייערט פּאַמעלעך נאָכשפּאַנען זיינע פוסטריט. דער פֿאַרלאַנגווייליקטער שאָפער האָט געמוזט פּאַמעלעך זיך דורכשטויסן מיטן אויטאָ אין דעם געדרענג פון די גאַסן און דער באַלעבאָס בכבודו ובעצמו איז אים נאָכגעגאַנגען פסיעות. דעמאָלט האָט דער עילוי־שער קאָפּ רעכט צעאַרבעט זיינע געניאַלע פּלענער. דער שאָפער האָט זיך אַנגעטאָן אַ כוח פּאַוואָליע צו טרייבן די קאַטש איבער דער צעשטורעמטער שטאָט, אלאַ דער נגיד האָט געטריטלט אַ פאַרמוחטער, צעקייט די אידעען וואָס האָבן זיך אין אים צעשפּונען בנוגע דער וויטערדיקער פּראָדוקציע. נישט קיין וווּנדער: די ווידזעווער סחורות האָבן ברוך־השם אַ ברייטן אָפּזאַץ אין מערערע לענדער פון איירָאָפּע און אַזיע, מוז מען טראַכטן תחבולות נישט צו בלייבן פאַרגליווערט אויף איין אָרט. „ס׳מוזן אַלע מאָל אונטערקומען נייע המצאות צו שטאַרקן ס׳געשעפט לשם דעם געזונט פון דעם אַ וואַקסן. און קלאָר: ס׳איז קנאַפּ זיך צו פאַרלאָזן אַז עמעץ אַנדערש זאָל האָבן אַזוינס אין זינען“. ר׳ אָשרס מקורבים האָבן אפילו ריכטיק געשאַצט אַז אויפן עלטסטן זון זיינעם, אויף מאַקסן, איז באמת זיך נישט סומך צו זיין. דער פאָטער האָט בלית ברירה אָפּטלעך געמוזט טראַכטן דערפון אין לומדישן סקעפּסיס: „דער יונגער־מאַן האָט באַשיים־פערלעך זיך פאַרלוירן אין דער היינטיקייט... שוין צו פיל זיך אָנגעשמעקט מיט די מאָדערנע טועכצן, מישטיינס געזאָגט. על־פּי־רוב טוט ער אַזוינס וואָס טויג כלל נישט צו זיינע געשעפטן; ר׳פאַרלאָזט זיך שוין נאָר אויף חיים־יצחק בערמאַנס זינדל און די אַנדערע פאַצעטלעך. איי, איי, מיין מאַקסל! ר׳זוכט זיך אויס אַזאַלכענע וואָלוועלע זאַכן ווי אַ ביסל כבוד און זיך שוין אָנגעהאַנגען אַזאַ שאַלאַמויז ווי אָן ערן־קאָנסול פון אַ סקאַנדי־

נאָוויש מדינהלע. אַך, אָך, ווי דאָס ביסל שכל שפּילט זיך מיטן בן־אדם! — —״

דאָס אָ טראַכטן האָט דעם פאַן אָסקאַר עפּטערס שוין צעטראָגן נישט אויף קאַטאָוועס. ס׳האָט אים פאַרשאַפט פּאָטערישן עגמת־נפש: אַ ווױלער יונגער־מאַן און לאָזט זיך אַריין אין לאָבזעס וואָס פּאַסן זיך פאַר אַ ליאַדע וועמען, אָבער נישט פאַרן באַלעבאָס פון ווידזעוו. ווײ, ווײ, ס׳מינדסטע שטרויכלעניש קען חס ושלום קאָסטן כ׳וויס וויפל! און סע האָט טאַקע אַ מאָל געטראָפן אַז דעם חסידישן אינדוסטריעלן גאון האָט אַזאַ פאַרטראַכט גיין צו פוס און דמיונען געקאָסט אַ גאַר שטאַרקן איבערשרעק, וועלכער האָט אים צעטרייסלט פאַר אַ צייט.

דער אָרעמער משה עקשטיין

ס׳איז אין אַ נעפּלדיק־פּראָסטיקן מיטנטאָג פון די אָנהייב דרייסיקער יאָרן. דער שאָפער פון אָסקאַר קאָנס לימוזינע האָט הינטער דער טומאַניק פאַרהויכטער שויב געלאָסן נאָכגעשפּאַנט דעם אין זיך פאַרטוענעם באַלעבאָס. קוים־קוים זיך דורכגעריסן דעם ראַפּטעמדיקן גערדרענג פון שטאָט. דער קעניג פון ווידזעוו, געהילט אין זיין טייערן פעלץ גייט אַ פאַרדמיונטער, פאַרשטעלט אים פּלוצלינג דעם וועג אַן אומבאַקאַנטער יונגער־מאַן. אַ שלעכט אָנגעטוענער, אַ בלאַסער און נערוועזער, האָט דער יונגער מענטש אין קענטיקער שפּאַנונג זיך אָוועקגעשטעלט פּנים־אל־פּנים מיטן פאַן פון ווידזעוו און מיט אומרו אין בליק צו אים אַרויסגעשטאַמלט:

— פאַניע קאָן — — יענער האָט מיט אינערלעכן פיבער שווער געצויגן דאָס וואָרט און בשעת־מעשה אַריינגערוקט די האַנט אין קעשענע נאָכן נאָזטיכל אָפּצווישן דעם שווייס וואָס האָט אותו הרגע אים אָפּגעגאָסן — פאַניע קאָן, איך וויל... מחמת אומגעריכטקייט האָט דער פאַרטראָגענער פריץ ווי דערשפּירט אַ שטאָך אין מוח, אָבער נישט דערהערט וואָס דער אַ רעדט. „אַטענטאַט!״ — האָט אויגנבליקלעך אַ שטויס געטאָן מיט היץ זיינע געהירן און תיכף האָט זיך אים געשטעלט אַ נעפּל פאַר די אויגן. ר׳האָט שוין געזען ווי דער דרייט זיך עפּעס ווי אַ — — — אין דער רגע האָט אים אַ ברי געטאָן די אָנונג אַז ס׳גייט אויף אים אַ פאַרשווערונג, ס׳לעבן איז אין סכנה. מסתמא איז עס אַזאַ וואָס האָט אין פאַבריק געליטן אַן עוולה. אַצינד פאַרמעסט ער זיך קעגן

אים. אַזוינער קאָן שיסן... און אפשר אַ באָמבע! ווער ווייסט זיי, די הפקרים — — —? אויף טויט דערשראָקן האָט דער האַר פון ווידזעוו אויפגעהויבן אַ פּחדימדיקן געליאַרעם וואָס האָט אים אַליין אָפּגעבריט די אויערנלעפּלעך: — ראַאַאַ־טעעע־וועעעעעט!! פּאָאָאָ־לי־י־יִיִיִי־ציאַאַאַאַ!!!

עס איז שוין געווען די שטילע גאַס ווי עס הויערט פרידלעך דער נגידישער פּאַלאַץ. דער מיטן־טאָגיקער גוואַלדגעשריי האָט ברייט זיך צעהילכט אין דער שטוינענדיקער שטילקייט און פאַרדראָסיק געכפּלט די מורא פאַרן צעהפקרטן טויט וואָס אָט אַ שפּרייזט ער אַנטקעגן דעם פּאַן פון ווידזעוו. דער שאָפער איז פלינק אַרויסגעשפּרינגען פון דער לימוזינע, אויך אַ סטרוזש, אַ שטאַרק איבערגענומענער, איז אַרויסגעלאָפן אַקעגן דער אומגעריכטער געשעעניש און נעמט צעטומלט זוכן מיט די אויגן: „וואָסי? אוודאי עפּעס געטראָפן אין פּאַלאַץ... ס׳איז אַ וואָרער אומגליק וואָס פּאָליציע היט נישט אַזעלכע גאַסן. באַזשע רעטי, נישט אויסצוהיטן זיך פון געמיינעם פּעבל" — — בינו לבינו איז דער יונגער מענטש וואָס האָט „באַשיימפּערלעך זיך פאַרמאָסטן קעגן דעם פּאַן פון ווידזעוו" באַלד אַוועקגעפירט געוואָרן פון פּאָליציע. מ׳האָט אים געבונדן די הענט אויף אַהינטער און, צוגענומען. יאָ, תיכּף איז געקומען די אַליאַרמירטע פּאָליציי וואָס האָט דעם באַנדיט קודם פּעסט אָנגעבויקערט די ביינער, בלוט איז גערונען אים פון מויל און נאָז. לייט האָבן פון ווייטן זיך צוגעקוקט צום געטועכץ ארום אים, איבערגערעדט:

— ווייזט אויס, אַן אמתער איבערפאַל. צי דער געכאַפּטער האָט דעם פּאַן אָסקאַר געדראָעט מיט אַ רעוואָלווער, געפּאָדערט געלט — דערויף האָט דער פּאָליציי־קאָמיסאַר נאָך נישט געקאָנט אַרויסבאַקומען פונעם געליטענעם. וווּאַ, וואַאַ, וואָס ס׳קאָן טרעפן! דאַכט זיך: ר׳האָט דערווייל נישט געלאָזט הערן קיין אָנוווּנק אויף דעם, דער פּאַן אָסקאַר. מסתּמא צו שטאַרק זיך איבערגעשראָקן!

צעגייענדיק זיך, האָבן די צוקוקערס זיך באַרויִקט: „פּאָליציע האָט דעם באַנדיט אין אירע הענט. מ׳עט שוין אויספאָרשן, דערגיין צי דער פאַרדעכטיקטער קער זיך נישט אָן מיט דער פאַרברעכערישער ,קאָמונע'".

אַ צוויי שעה שפּעטער האָבן אָוונט־צייטונגען שוין פאַרהילכט די שטאָט מיט גוואַלדגרויסע „קעפּ" אַז ס׳איז געווען אַ פּרווו צו דערהרגענען דעם קיניג פון ווידזעוו. די בלעטער האָבן געליאַרעמט: „געהיימענישפולער אַטענטאַט אויף אָסקאַר קאָן. אַרעסטירטער אונטער שטרענגער אויספאָרשונג. דער לייבדאָקטאָר האָט פאַראָרדנט אַבסאָלוטע רו פאַר אַ דריי־פיר מעת־

לעת פאַרן געליטענעם...״ אויך אין ליטעראַרישן קאַפּעהויז אַסטאַריאַ האָט געקאַכט מיט דער געשעעניש. איי, דער שלים־שלימזל פון אונדזערע העלדן וואָס פאַרמעסטן זיך צו פאַרכאַפּן דעם פאַרנאָס, האָבן אַלץ נאָך נישט קיין לחם הקלוקל. דערפאַר דערוועגן זיי זיך טאַקע אויף אומ־געהאַרישע שריט — האָט משה בראָדערזאָן שעלמיש פאַרצויגן זיינע ברייטע שוואַרצע ברעמען און „דערהאַרגעט אַ חכמה״ וואָס שיסט אַרויס פון אים ביי איעדער געלעגנהייט. דער פּאָעט מיט די לענגסטע באַקנבערד אין מדינת פּוילן האָט באַלד דערויף זיך ערנסט פאַרכמאַרעט, הלמאי דאָס האָט געמוזט טרעפן דווקא מיטן פאַרחושכטן משה עקשטיין און דער דערנעבנזיצנדיקער הערשל זוהר, דער פּרוש פון ליטעראַרישן בית־מדרש, האָט אַ הויכן קרעכץ געטאָן: „גיי, צערייס זיך פאַר דער וועלט, זי בלייבט סיי ווי ביי ס׳איריקע; זי וויזט דיר תמיד אַ צעפּוילטע פייג!״

אין אמתן איז די מעשה מיטן איבערפאַל אויף אָסקאַר קאַנען נאָר אַן אויסטראַכטעניש פון דעם פאַרקעכלטן אינדוסטריעלן פּרינץ. און אזוי האָט עס זיך טאַקע באַשטעטיקט. דער בידנער דיכטער משה עקשטיין וואָס איז פּריוואַט געווען אַ מוראדיק פאַרצרהטער וועבער־געזעלן, האָט אָפּט געהונגערט און אין זיין שניידיקער נויט געוואָלט ביי אָשר קאַנען נאָר בעטן עפּעס אַן אַרבעט אין זיין פאַבריק. נישט מער — אַ מעגלעכקייט צו קענען פאַרשקלאַפּן זיין לייב און לעבן פאַר אַ נעבעכדיקן ביסן ברויט. אין יענעם ווינטערדיקן טויטן סעזאָן ביי דער האַנטוועבעריי, האָט ער מער שוין נישט געהאַט קיין כּוח צו הונגערן און פרירן אין זיין פאַרסטאַיעטער קאַמער. לכן האָט דער דערשלאָגענער יונגער־מאַן פאַרטראַכט צו כאַפּן אַ שמועס מיטן קיניג פון ווידזעוו — ר׳איז דאָך אַ למדן און די מידה פון רחמנות איז אַ יידישע מידה, וועט ער פּרובירן... האָט ער אָפּגעוואַרט דעם עושר אין דרויסן, אין דער בייסיקער קעלט כּדי ביי אים אויסבעטלען אַ ביסל איינזעעניש. אַנדערש קומט אים אויס צו פאַרענדיקן מיט זיך, וואָרן הונגערן קען ער שוין מער נישט. איז אָבער דער אַ ווייט נישט מוזיקאַליש, דער עושר, צו קענען דערהערן ס׳קול פון אַזאַ שטילער, אומדרייסטער בקשה. פאַרקערט, דער מאַגנאַט פאַן אָסקאַר וואָס ציטערט פאַר דער ברייט־אַנגעיוירענער אָרעמקייט אין שטאָט, האָט זיך שטאַרק דערשראָקן פאַר דער אומדייטלעכער ווענדונג פון דעם שעמעוודיקן יונגנמאַן ווען ר׳האָט אין אַנגסטלעכער פאַרלוירנקייט געפּרוווט זיך דערגראַבלען צום שניפּטיכל. דעריין האָט דער גביר אין אימה שוין דערזען ווי מ׳גייט אויף זיין לעבן און דערפאַר אַרויסגעשוידערט זיין

פחד. אזוי אַרום איז משה עקשטיין דער פּאָעט אָן דעם מינדסטן ביסל תענוג נתעלה געוואָרן צו דער מדרגה פון אַ העלד אין אַן אומגעריכטער גאָסן־סענסאַציע וואָס איז פאַרבונדן מיטן הויכגעשטעלטן טעקסטיל־קיניג. לסוף אָבער איז ער געבליבן, ווי פריער: געמוזט אַריינבייסן אין זיך שטיקער הונגער און קעלט און אין צוליג נאָך פאַראיבעריקט בלאָע פלעקן אויפן לייב פון די קלעפּ אין פּאָליציי־צערקל.

אַ גליק כ׳לעבן וואָס בראָדערזאָן האָט ביי צייטנס זיך געכאַפּט אַז מע באַדאַרף אַרויסציִען עקשטיינען פון די פּאָליציייִשע לאַפּעס. וואָס, וואָס, אַ באַנדיט איז נישט געוואָרן דער אָרעמער עקשטיין, האָט ער מערערע מאָל איבערגעחזרט און גערופן דעם ליבן ווילי קאַבאַקער, דעם געשווירענעם פריינד פון די יידישע קולטור־שאַפערס, די דיכטערס, מאָלערס, ער זאָל באַוויליקן תיכף־ומיד אויסזוכן מאַקסלען, מאַקס קאָנען און בעטן ער זאָל באַוויליקן הייסן באַלד אַרויסלאָזן דעם ווילן קבצן משה עקשטיין. זאָגט אים, מאַקסן, איך קאָויר אַז ר׳האָט נישט געמיינט קאָ׳ שלעכטס פון זיין טאַטעליו וואָס האָט זיך אומזיסט דערשראָקן, איידער ר׳האָט געהערט וואָס דיזער עקשטיין האָט פון אים געוואָלט. געזאָגט און מ׳איז טאַקע באַלד געגאַנגען אויסגעפינען דעם גוטינקן ווילי קאַבאַקער, דעם וואָס האָט אַ ברייטע האַנט פאַר „דען עדלען יִדישן קינסטלער־געזינדל”.

✶

גראָד איז געווען אַ שווערער ווינטער פאַר די אָרעמע לייט. דעם דיכטער עקשטיינס אָרעמע ווינקל איז געווען מוראדיק אויסגעפרוירן, אַזש מייז זענען אַרויס פון זייערע יאַמעס און געפרווט, ווען דער חלוש איז געלעגן פאַרשמאַכט אין די שמאַטעס, זיך ביורען צו זיין אויסגעצערטן גוף, אַ מאָל אים אַ גריזשע געטאָן פון וואָס ער פלעגט זיך אויפכאַפּן מיט אַ פאַנישן געשריי. דערוועקט זיך פון אימה פאַר די מייז וואָס ווערן מיט אים צו פיל שמעלקע, האָט דער פאַרוואָרלאָזטער דיכטער אָפּט אין מיטן נאַכט אויסגעבראָכן מיט אַ ווילדן געליאַרעם: ראַטעוועט!! און איבערגעשראָקן די שלאָפנדיקע שכנים. כאָטש ס׳איז שוין געווען טיפע מיטנאַכט איז ער שוין מער נישט געשלאָפן. אין דער פרי האָט ער אַראָפּגעצויגן פון לייב אַ לעצטע פאַר גאַטקעס און איז אַוועק אין אַן אביונישער שטוב אויף בערעק יאָסעלעוויטש־גאַס זיי צו פאַרקויפן אַזוי אַ, שמוציקערהייט, פאַר אַ שיבוש, אַבי צו קענען כאָטש איין מאָל פאַר אַ

לענגערער צייט, זיך אָנעסן מיט ברויט, מיט אַ געדיכטער גריץ. דער עלנטער האָט שוין געוווּסט ווו אָפּצוזעצן זיין „סחורה", די טראַנטעס פון אייגענעם לייב אַראָפּ. אַזוי האָט ער אויך פאַרהאַנדלט זיינע איינציקע פּאָר שיך, דער אָרעמער משה עקשטיין און די פיס געוויקלט אין שמאַטעס. דערנאָך האָט ער זיך באַהאָלפן מיט אַ פּאָר צעפּאָרענע אַלטע שיך וואָס ערגעץ געפונען, וואָרן נעמען פון עמעצן אַ פּאָר טרעטערס, האָט ער זיך מער געשעמט ווי גיין באָרוועס אָדער אין שמאַטעס געוויקלט די פיס. ער'ט אַלע זיינע יאָרן זיך געראַנגלט מיט זיין דורכויסיקער יתומשאַפט אין דער גרויסער, רווישיקער וועלט. די היימישע שטוב איז געווען אויסגעלעערט זינט דעם אויסגיין פון טאַטע־מאַמען. זיי זענען פאַרשניטן געוואָרן פון נויט, יונגערהייט. אים, משהן, איז געבליבן אַן איינציקער ברודער, איז אויך יענעם געווען באַשערט דורכויסיקער דלות. משה עקשטיין האָט קיין איין מאָל זיך נישט געקענט אָפּיאָגן פון דער דחקות. צום ערגסטן איז אים אָבער געווען אום ווינטער. אין זיין טוכלע אויסגעפּרוווירענעם ווינקל נישט געקענט איינזיצן און אויך דער שניידיקער דרויסן האָט אים געטריבן פון אָרט צו אָרט. ווידער פאַרהאַלטן זיך לאַנג ביי אַן עמעץ, האָט ער נישט געהאַט קיין יאַנדעס. ער פלעגט אַ מאָל אַריינגיין זיך אַנוואַרעמען אין אַ קבצנישער שטוב, ווו מ'האָט אים געקאָנט, אָבער וואָס האָט ער זיי צו זאָגן ? — האָט אים באַלד געגריזשעט ס'געוויסן. די אָרעמע לייט האָבן איבער גענוג פאַר ס'זייעריקע, האָט ער געטענהט צו זיך און זיך אָפּגעטראָגן אַן אַ וואָהין.

אין זיין איינגעבווירענעם שטאָלץ האָט עקשטיין פאַר קיינעם זיך נישט געקענט באַקלאָגן אויף זיין פחדימדיקן מצב. האָט דער הונגער אים שוין גאָר דאַקוטשעט און אין אַ פרעמדער שטוב נישט געוואָלט נהנה זיין פון אַן אומזיסטן ביסן (און געגעבן האָט מען אים, מחמת זיין פינצטערע מראה האָט אים פאַרמסרט...), פלעגט ער בלית ברירה מאָדנע זיך אַ קרים טאָן, דערויף באַלד אויסטאָן די סאַמע לעצטע שמאַטע און אַוועקגעבן דער באַלעבאָסטע. די ייִדענע האָט כלומרשט נישט געוואָלט נעמען — אָסור, זאָל מיר זיין צי כ'על נעמען, האָט זי זיך געוועדט, אָבער ער האָט זיך מער געעקשנט — אָבער אַן אַ זייט האָט די ייִדענע דערנאָך מיטביידע הענט אויסגעצויגן די אַרבל פון דער נעבעכדיקער סחורה צו זען צי זי איז נישט אינגאַנצן צעריבן, צעלעכערט. אַלץ איינס האָט זי פאַרן הונגעריקן שוין געהאַט אַוועקגעשטעלט אַ שיסעלע „אָנגעברענטע זופּ" און געזאָגט: — קודם זעצט זיך צום טיש און דערוואַרעמט זיך. זי'ט

גערעדט צו אים דרך־ארצדיק, כאָטש נישט אָן רחמנות און איינציייטיק געטראַכט אין שווערן געמיט פון אירע אייגענע הונגעריקע מיילער, וואָס וועלן דערנאָך אַהיימקומען און זי׳ט דאַרפן זיי געבן אָנצועסן. די „גראָבע חנה״, ווי שכנים האָבן זי גערופן, האָט געוווּסט אַז דער קבצנישער יונגער־מאַן איז אַ געלאַרנטער, ווי זיך אויסגעדריקט אין איר שידלאָווצער לשון און האָט נישט אויפגעהערט אים מינטערן: — „עסט, עסט, געזונטערהייט. ס׳האָאַנט אַ גרויסע קרירה און איר׳ט זיך שוין גענוג דאַרכגעפרוירן״.

— אַוודאי קען נישט קאַליע מאַכן זיך אַביסל צו דערוואַרעמען, האָט עקשטיין לסוף פאַרלוירן אַ בלייכן שמייכל און באַלד זיך צוגערוקט צום שיסעלע געקעכטס וואָס האָט היימלעך זיך געפּאַרעט פאַר זיין פּנים. בשעת־מעשה האָט ער נישט געקענט אָוועקדרייען זיין להוט בליקל פון דער יידענע ווי זי פּאַרעט זיך ביי נייס ביים אייזערנעם סאַגאַן וואָס שטייט אויף דער פּליטע אין ווינקל פון שטוב וואָס איז סיי דאָס שלאָפצימער און סיי דער עסזאַל. דאָס ציגלנע קעכל איז סתּם אַ צולייג צו די אביונישע באַקוועמלעכקייטן פון דער באַוווינונג פאַרן „געזינדל זאַלבע־אַכט״. דער אויסגעהונגערטער דיכטער איז נישט געווען בכּוח זיך אָפּצוזאָגן פון נאָך אַ שיסעלע זופּ וואָס די גוטהאַרציקע יידענע האָט אים באַלד פירגעלייגט. ס׳האָט אָבער געקענט געמאָלט זיין — ביי אַן אַנדערער קונהטע פון זיינע זאַכענישן — אַז מיטן ביסל וואַרעמס זאָל מען עקשטיינען דעקן דעם גאַנצן באַטרעף פאַרן „לאַך״ וואָס איז שוין געווען זיין איינציקער פאַרמעג וואָס איז נאָך געווען מסוגל אַבי־ווי צו פאַרדעקן זיין נאַקעט ווען אין דרויסן הודזשעט דער פּראָסטיקער ווינט. אָבער האָט מען אים נאָך „עפּעס״ געגעבן אין האַנט אַריין אַחוץ דאָס קאָפּ עסן, האָט ער אין פאַרלוירנקייט עס גענומען, אַפילו נישט געקוקט וויפל מ׳גיט אים.

אַ פאַרשעמטער פון גורל האָט עקשטיין בכלל ווינציק גערעדט, שטיל גערעדט, גלייך ער וואָלט זיך נישט געהאַלטן פאַר ראוי צו לאָזן הערן זיין דעה, הגם אַ מיינונג, אַן אייגענע מיינונג וועגן סתּם זאַכן האָט ער קיין מאָל נישט אַרויסגעבראַכט; בנוגע תּוך־זאַכן האָט ער דווקא יאָ געהאַט זיין קוק, אפילו זיך געשפּאַרט פאַר דעם. אָבער אַנטקעגן דער אָרעמשאַפט פונעם מין מענטש איז ער געשטאַנען אין טיפער הכנעה.

„זי איז נעבעך אַ וויסטע אָרעמאַנטע — האָט ער רחמנות געהאַט אויף דער יידענע צו וועלכער ער איז געקומען מיט זיין אויסטערלישער

סחורה — זי איז נישט ביכולת צו קויפן פאַרן מאַן, דעם טרעגער, אַ לייטיש שטיקל העמד און אויך נישט דעם זון פאַרשאַפן אַ פּאָר גאַטקעס, כאָטש ער איז שוין אַ חתן־בחור, אַ יונג אין „לאַנגע הויזן". קויפט זי ביי דעם געלאַרנטן דלפון אַ לאַך, טראַכט ער בשעת מעשה, רייסט די יידענע אַוועק דאָס ביסל קליינגעלט וואָס זי האָט באַדאַרפט פאַר עפּעס וויכטיקערס. זי איז פשוט אַ גוטע נשמה, זי באַדאַרף נישט זיין שמאַטע, אלא זי קאָן אים נישט אַרויסלאָזן מיט ליידיקע הענט און אַ שרייִקן מאָגן. יאָ, די אָרעמע לייט זענען די פאַרשעמטסטע באַשעפענישן אויף גאָטס וועלטל — — עקשטיין פלעגט שטילערהייט נעמען די פּאָר פּרוטות וואָס זיינע אַ קונהטע האָט אים דערלאַנגט און ר'איז באַלד אַוועק זיי פּטרן אין אַ נאָענטן ביידל ווו ס'שטייט אין קעלט און רעגנס אַ פאַרחושכטע הענדלערקע מיט אַ קיישל ציבעלע־פלעצלעך און נעבן איר זידט אַ רייכערנדיקער בלעכענער סאַמאָוואַר וואָס סיקעט פינצטער מיט אַ וואַרעם געשווענקעכץ „צו דערקוויקן אַ געסטאַיעט נפש אין דעם ווילדן, אומהיימלעכן דרויסן". שטעלט עקשטיין זיך אַריין אין אַזאַ ביידל, קרימט זיך זיין מינע אין אַ שטומען שמייכל. די קרעמערקע קאָן אים שוין. זי בייגט זיך תיכף אַראָפּ צום קיישל געבעקס וואָס הינטער איר קליינעם טאַמבאַנק, גראַבלט דערין מיט אירע שטייפע פינגער און שטרעקט אויס לסוף צו אים די האַנט: נעמט, און האָט הנאה. ס'אַ געשמאַק פּלעצל. רעדנדיק קלינגט זי שוין צווישן די געפּעסן כדי אַנצוגיסן אים אויך אַ „הייסן, אַנגעזיסטן שלוק באַוואַרקע צו דערכאַפּן ס'האַרץ". משה עקשטיין איז אַ געשוווירענער איינגייער אין איר ביידל. קומט ער, פרעגט זי אים גאָרנישט, נאָר דערלאַנגט אים באַלד עפּעס אין מויל אַריין, ווייל תמיד איז אים ס'האַרץ אַנטגאַנגען. און דאָס דערקענט מע שוין אין זיין גרינלעכער בלייכקייט און אין די איינגעצויגענע מאָגערע באַקן.

די איינציקע פּאָר גאַטקעס וואָס זענען נאָך געווען ביים אָרעמען דיכטער, האָט צוגענומען „די גראָבע חנה". ערשט שינדט שוין דער פראָסט זיינע שענקלען, איינגעהילטע נאָר אין די אויסגעריבענע הויזן; דאָס באַרכאַטענע העמדל פון לייב אַראָפּ האָט עקשטיין פאַרקויפט מיט אַ טאָג פריער. אַן אַנדערע קבצנטע וואָס שטייט אויף יונדל פּילצערס פּלאַץ מיט פאַרפרוירענע עפּעלעך ווי די שטיינדלעך, איז אויך עקשטיינס אָפּנעמערקע. אַ צייט פריער האָט ער פאַרטאַכליעוועט דעם פּאַלטן פאַר אַ מיטאָג און אַ פּאָר גלעזער טיי, צו וועלכע ער פּאַלט תמיד צו מיט זשעדנעקייט. „די קישקעס וואַרטן מ'זאָל זיי רעכטצייטיק דורכשווענקען,

אַנישט רעבעלירן זיי, שלוקערצן, פאַרטומלען די געהירן", פלעגט עקשטיין פלעגמאַטיש פילאָסאָפירן ווי ס'איז אייגן דעם מין פראָפעסיאָנעלע הונגערערס; ער האָט גערעדט געלאַסן, צו מאָל מיט ביטערן הומאָר איבערן אייגענעם וויסטן מעמד און ס'פּנים האָט זיך אים געקנייטשט זקניש, דעם יונגן־מאַן וואָס איז ערשט אין די שפּעטע צוואַנציקער. יאָ, פונעם פאַלטן האָט ער זיך „באַפרייט" שוין לאַנג, איידער ס'האָט אָנגעזאָגט דער האַרבער ווינטער. אָן מאַנטל וועט ער זיך יאַקאָש לערגען באַגיין, גיכער ווי מ'קען אָפּגעבאַרן דעם מאָגן, האָט ער זיך געטרייסט. האָבן זיך געשטעלט די פּרעסט נישט אויף קאַטאָוועס, האָט ער גענומען פלומרשט חוזק איבער זיך אָקעגן דעם וואָס לייט קוקן אויף אים מיט באַדויער: „איי, אַזאַ יונגער־מאַן און אַזוי אָפּגעלאָזן! עד־עד, דער אָרעמסטער איז ווי־עס־איז פאַרזאָרגט מיט אַ וואַרעמען בגד, ווען ס'נעמט בלאָזן די קרירה..." צו מאָל רעדט ער צו זיך אין זיין טיפער בלייכקייט, משה עקשטיין, דער דורכגעבריטער קבצן. בעת די שאַרפע קרירות פון יאַנואַר, פעברואַר, לויפט ער דורך די גאַס אין דער הוילער מאַריגאַרקע מיטן אויפגעהויבענעם קאָלנער און פון מויל זעצט אים אַ פּאַרע און די אויגן שניידן, טרערן. ער שטעלט זיך נאָר אַלע מאָל אַריין אין אַ טויער איבערכאַפּן דעם אָטעם, וואָס ווערט אים פאַרשפּאַרט פון שטעכיק־פראָסטיקן ווינט. אמת, עקשטיין איז געווען אַן עקשן. ער האָט קלוג זיך אויסגעלערנט אָפּצושטופּן פון זיך די בידע מיט אַ גאַליק וואָרט, אָבער סוף־כל־סוף האָט ער זי נישט געקענט בייקומען. לרוב איז ער געווען אָן אַרבעט, ממילא אָן אַ ביסן ברויט אָפּצויאָגן די נשמה.

משה עקשטיין איז געווען אַ טיף־דענקענדיקער מענטש, אויך אַ טאַלענטירטער דיכטער וואָס זיינע לידער, זיין באַזונדערש אָריגינעלע בילדערישקייט, איז שאַרף אויסגעשניטן פון אייגענעם פאַרטונקלטן געמיט. זיינער אַ ציקל אינטעלעקטועל־לירישע לידער אין גרויסן זאַמלבוך „וואַרשעווער שריפטן" וואָס ס'האָט אַרויסגעגעבן דער יידישער ליטעראַטן־פאַראיין פון טלאָמאַצקע דרייצן אין די צוואַנציקער יאָרן, האָט פאַר עקשטיינען געעפנט אַ וועג צו דער יידישער דיכטונג. אָבער די נויט ווי זיינער אַ פּערמאַנענטער סובלאָקאַטאָר, האָט צעפרעסן אין אים דעם פּאָעט און, פאַרצוקט. פּשוט: משה עקשטיין האָט זיך נישט געקענט דערשלאָגן צום זעטיקן ביסל חיונה אין דער שטאָט, וווּ די מיל פון מזל האָט טייל מאָל אַזוי באַוויזן איבערצומאָלן די פאַרפאַלנסטע קבצנים, אַפילו זלידנע שמאַטע־הענדלערס איבער נאַכט איבערגעניצעוועט אין

פּרינצן פון דער טעקסטיל־־בראַנזשע. אויך אַנאָנימע דלפונים פון די באַלוטער געסלעך זענען אין יענע יאָרן, ווען משה עקשטיין האָט איינגעטריקנט, געוואָרן בני־שם אין עולם המסחר און אין פאַבריקאַציע. זיי זענען דערעיקרשט „גרויס" געוואָרן אין דער בראַנזשע פון וואָל, ביינוול און וויגאָניע. אָבער אַזאַ וואָס געהערט צו דער ראַסע פּאָעטן האָט קענטיק נישט קיין דריסת הרגל צו דער מיוחסת מיטן קריינדל פון מזל. אפילו ווען מ׳וויל נישט זיין אַבערגלויבעריש מוז מען צושרייבן משה עקשטיינען די ביטערע מערכה פון אַ שלימזל און ווי אַזאַ איז ער טאַקע אַראָפּ פונעם האָריזאָנט, דער סובטילער יידישער פּאָעט וואָס האָט שוין אין זיין יוגנשאַפט קרענקלעך געבליט אויפן אומהיימלעכן לאָדזשער ברוק. ר׳איז לחלוטין פאַרגעסן געוואָרן, דער פיינפילנדיקער דיכטער משה עקשטיין און ס׳איז פון אים נישט געבליבן קיין שום ליטעראַרישער עזבון. פון אַן ערגעץ דערמאָנט זיך איינס פון זיינע קורצע לידער וואָס גיבן אַ שאָטנהאַפטיקן באַגריף פון זיין אייגנטימלעכן פילן די וועלט וואָס האָט זיך געהאַרבעט אַרום אים אין זויערע גרימאַסעס. לשם אַ קדיש לאָמיר ברענגען דאָס ליד פון דעם אַ דיכטער וואָס איז לגמרי אַוועק אין אַבסאָלוטן נישט־זיין.

דאָס ערשטע וואָרט מיינס איז געווען:
זאָל ווערן ליכטיק! —
און דאָס ליכט האָט מיר געזאָגט:
— „זיי !" —
איך האָב אויסגעשפּרייט דעם הימל
און דער הימל האָט מיר געוויזן דעם וועג צו זיינע שטערן.
איך האָב באַשאַפן די וועלט
און די וועלט האָט אויסגעשפּרייט דעם טעפּעך פון תשובה פאַר מיר.
איך האָב באַשאַפן דאָס לעבן
און דאָס לעבן יאָגט נאָך דעם טויט
אַלץ ווייטער און ווייטער,
און איך גיי אים אייביק אַנטקעגן, אַנטקעגן.

אַזוי, גורלדיק פאַרמשפּט, האָט זיך געשפּירט משה עקשטיין שוין אין זיין פרי׳ער יוגנט און משמעות ווי אַזאַ איז ער אַנטקעגנגעגאַנגען אויך זיינע אומברענגערס אין די יאָרן פון חשכות וואָס האָט זיך אַראָפּגעלאָזן איבער יידישע קעפּ כדי זיי איינצופינצטערן, פאַרשניידן פונעם לעבן.

געווען אַזאַ משה עקשטיין און געבליבן איז פון זיין טריבן לעבן נאָר דער נאָמען, דער נאָמען פון אַבסאָלוטער מענטשישער אָרנטלעכקייט בתוך

זיין טראַכטנדיקן האַרץ וואָס האָט טיף־טיף געזעען דעם פויזנדיקן, פּאַראומ־ווערדיקטן אָרום.

„יונג יידיש"

משה עקשטיין איז נאָך געלעגן אין די קינדערשע וויקעלעך ווען זיין היימשטאָט האָט זיך געפּעדערט צו דער ראָל פון אַן ערנסטער ליטעראַרישער אכסניא אין יידיש פוילן. דעם ווינקלשטיין פאַר דער אַ אכסניה פון דער יידישער וועלט־ליטעראַטור האָט איינגעמויערט אין די גרונטן פון דער גראַער שטאָט אַ קליינע חבריא יונגע יידן מיט משה בראָדערזאָן בראש. אוודאי איז דאָ נישט שייך זיך צו לענקען ווען דליק אַ „לאָגישער" כראָנאָלאָגיע. מ'באַדאַרף נאָר דערמאָנען אַז דער אויפבלי פון דער יידישער קולטור־שאַפונג איז געקומען ווי אַ מין קאָמפּענסאַציע נאָך אַ לאַנג־דויערנדיקן בין־השמשות. ווייל אויך שפּעטער האָט זיך געטראָגן דער געיאָמער פון יסורימדיקער יתומשאַפט פון מערערע יידישע קהילות אין פוילן, ליטע, וואָלין, רייסן און גאַליציע. עד־היום איז נישט צו פאַרגעסן יענער שווערער אומעט וואָס עס האָט בשעתו אַנגעוויעט צו מאָל דאָס דוד איינהאָרנישע פּאָעטישע קריעה־רייסן נאָך די געפאַלענע צען מיליאָן („רעקוויעם"), וואָס פלעגט רעציטירט ווערן פון עפּנטלעכע עסטראַדעס. און ס'איז געוואָרן דער מודה־אַני פון גרויס און קליין אורי צבי גרינבערגס עוקר־הרימדיקע, שוואַרצזעערישע וויזיע פון דעם האַפּערדיקן מלאך־המוות וואָס האָט געשניטן דאָס לייב און לעבן פון דעם ייד טאָג איין, טאָג אויס (זיין פּאָעמע „מעפיסטאָ"). מתוך דער אַ פיינלעכער שטימונג האָט לאַדוש דאַך זיך אַרויסגעהויבן מיט אייגענער שאַפערישער אַספּיראַציע אין פעלד פונעם נייעם ליד אין יידיש. בראָדערזאָנס אידעע צו שאַפן אין חרובן לאַדוש די פּאָעזיע־העפטן „יונג־יידיש" איז געקומען מיטן בריזדיקן קאַלטן ווינט פון דער פרעמד־געבוירענער רוסישער רעוואָלוציע, וועלכע האָט זיך געפּאָרט מיטן איינצייטיקן מאַסנ־האַפּטיקן יידישן צער, אַן אַנטפּלעקטער אין זיין גאַרן נאַקעט אין די פּעטליורישע און דעניקינישע פּאָגראָמען. אויסגעמאָרעטע יידן־פּליטים האָבן זיך צוריקגעקערט פון לאַנגן וואָגל איבער די צעשטורעמטע וועגן און געפונען זייערע היימען פאַרברענט, חרוב. נישט קיין חידוש, בכן, וואָס די יידישע לירע, וועלכע האָט זיך גראָד געוועקט, האָט אָפּגעגעבן

נאָר מיט עצבותדיקע טענער, אָדער עכאָס פון גאַליקער פאַרביטערונג. טאַקע מחמת דער מאָוזמדיקער קופּע (לאָמיר נישט אויסמיידן צו פאַרגעדענ־קען פּרץ מאַרקישעס דעמאָלטיקן אויפּריס פון צער, וואָס האָט צעיאָטער־ט די הימלען מיט זיין פּאָעמע אונטער דעם־אָ טיטל), וואָס האָט פון די ייִדישע הרוגים זיך געריסן מיט פאַרשמאַכטע פויסטן צו די גלייכגילטיקע הימלען. נו, ס'איז געווען סאָליד צעטרייסלט דאָס ייִדישע געמיט.

צוריקגעקערט זיך דעמאָלט פון רוסישן נע־וונד האָט אויך משה בראָדערזאָן, אין אָנבליק פון דער חשכות וואָס דערווישט אין לאָדזש, וועלכע ער האָט נאָך פאַרן מלחמה־אויסבראָך קונה־געווען פאַר זיין ניי־אַדאָפּטירטער היים, דאָס גלייכן זיך געלאָזט דערקענען מיט זיין טיף־אָקערנדיקן טרויער. דאָס איז אייגנטלעך געווען דער גוטמאָרגן וואָס ער, דער שפּעטערדיקער וואָרט־מכשף פון דער ייִדישער דיכטונג האָט אַנטקעגן געטראָגן אונדזער ליטעראַטור. דער „גוטמאָרגן" אין נייער פּאָעטישער אינטערפּרעטאַציע איז אין סאַמע קאָנקרעטסטן אופן זיין איניציאַטיוו צו יונג־ייִדיש וואָס איז געוואָרן אָן התחלה פאַר דער באַנייטער ייִדישער פּאָעזיע אין פּוילן און אָן אַרויסרוף צו דעם. אוודאי, מיט די עפּטן „יונג־ייִדיש" האָט זי זיך ערשטיק באַוויזן באַנייט אין פאָרעם און אינהאַלט. מ'באַדאַרף אגב מוסיף זיין אַז נאָך פריִער האָט דער יונגער בראָדערזאָן פאַרויסגעפּילט דעם מאַסיוון ייִדישן אומגליק וואָס אין זיין עמבריאָן האָט ער שוין „געוואָרעמט" די זריעה פון די גרוילמאַטיוון וואָס האָבן אויפגעשפּראָצט אין דער קומענדיקער נאָכחורבן־פּאָעזיע. בראָדערזאָנס אומעטיקער אָנזאָג האָט זיך געהערט שוין פון זיין ערשטלינגבוך „שוואַרצע פליטערלעך" (1913) וואָס איז אַרויס אין פּיעטרקאָוו, געוועזענע גובערניאַלע שטאָט פון לאָדזשער דיסטריקט. אמת, וואָקלדיק איז דעמאָלט נאָך געווען זיין ליד אין דער אָרקעסטרירונג, אָבער אין תוך האָט עס שוין געטראָגן אין זיך דעם דורותדיקן ייִדישן פּחד פאַר דער פּיין וואָס עס גרייט דער בייזטוער פון זיין אומה. נו, אין אָנהייב פון זיין דיכטערישן גאַנג האָט בראָדערזאָן נאָך נישט גענוג קלאָר אַרויסגעבראַכט דעם מהות פון דעם לויערנדיקן עשיו, אָלאָ אינעם דיכטער האָט באַצייטנס אויפגעציטערט די טיפע אָנונג פון אָנרוקנדיקן חורבן. ער האָט אינטויִטיוו פאָרויסגעזען אַ קאַטאַקליזם וואָס שפּאַרט ווילד פונעם אורוואַלד, וועלכער וואָרצלט נאָך אין מהות פון די בני־חם. אַזוי יונג ווי ער איז געווען, האָט דער דיכטער אין אים שאַרף דערהערט די טריט

פון האַרבסטיקן געמיט

פון דער סכנה וואָס עס טראָגט די ברענענדיקע שנאה פון די פרעמדע צו די ייִדן:

...ווי אַ פויגל, פריי און מונטער, פליט צו די הימלען מיט געזאַנג,
פּונקט אַזוי פאַרוויגט מיין לעבן יעדער אַטעמדיקער קלאַנג!
ווי עס וואַרט דער צוקונפטס חורבן אויף דאָס אַלץ וואָס ווערט געבויט,
לויערט־נאָך אַזוי מיר שטענדיק, זוכט און יאָגט זיך נאָך דער טויט!

און דער נסיון פון שווערער איבערלעבונג טרעפט דעם פּאָעט שוין אין זיין יוגנט. גורלדיק איז דעם פריצייטיק געפרוווטן דיכטער שפּעטער באַשערט געוואָרן אַוועקגעשטעלט צו ווערן פּנים־אל־פּנים מיט די ברואים וואָס האָבן געלייגט די פונדאַמענטן פאַרן אומגעהייערן ייִדישן פאַרלענד אין זיין היימלאַנד פּוילן. ער׳ט אַפילו צוגעזען ווי אייפערדיקע פּוילישע קאָמוניסטן זענען אין אַ מניה וביה געוואָרן פאַרביסענע היטלעריסטן וואָס האָבן גערן געטאָן די מלאכה פון מאָרדן ייִדן, יונג און אַלט. דער גלי פון ייִדנהאַס האָט פאַרפאָלגט דעם פּאָעט אויך ווען ער האָט געהאַט די זכיה איבערצולעבן די גרוילן פון חורבן און דערשפּירט סם צו מאָל אין דעם ברויט וואָס ער׳ט דערנאָך געמוזט עסן. פאַרשטענדלעך דעריבער, וואָס אין זיין שאַפונג מאָלט ער אויטאָ־ביאָגראַפיש זיין פאַרווונדיקט געמיט וואָס איז אין אים אָנגעוואָקסן פונעם צונויפטרעף מיטן צווייפיסיקן גולם וואָס האָט העפטיק געפלאַנצט דורכויסיקע צעשטערונג פאַרן מענטשנקינד ווי פאַרן דומם. דעם דיכטער האָט נישט אָפּגעלאָזן די וויסטקייט־פּאַנאָראַמע, וואָס ער האָט אָנגעטראָפן נאָכן צוריקקער פון דער ערשטער וועלט־מלחמה, וועלכע ר׳האָט דורכגעמאַכט ווי אַ פּליט אין רוסישן תוהו ובוהו. ער ווערט טיף אויפגעטרייסלט פונעם דערזעענעם:

די זון האָט זיך אויף לאַנגע יאָרן מיט די שלייערן פאַרהאַנגען:
באַמערקט זי ניט דעם ווייטיקדיקן צער פון דער ערד,
דערהערט זי ניט די טרויעריק־לוויהדיקע ראָב־געזאַנגען
און ס׳איז די ערד אין בלוטן־טויען נאָך פאַרטרערט:

— — — — — — — —

זי קאָרטשעט זיך אין חבלי־לידה פון אַ טאָג אַ נייעם
און גיסט זיך אָפּ מיט נייע שטרוימען בלוט!
און ו ו י י ט איז נאָך דאָס הייליק לאַנד, דער טרוים ירושלים
און ווייניק איז געבליבן אין די אוצרות פון די הערצער מוט.

(פון בוך „איבערגאַנג“, לאָדזש, 1921)

נאַטירלעך, בראַדערזאָן גיט דאָ נאָך נישט דאָס עסענציעלע פון זיין וועלט, ממילא נישט דאָס אויפשוידערנדיקע פונעם חורבן וואָס בראַדערזאָן, שוין דער ראַפינירטער דיכטער, ברענגט אין זיינע ווערק פון די רייפע יאָרן. דער תוכיקסטער שטריך פון זיין שאַפערישער כאַראַקטעריסטיק איז דער נאַציאָנאַלער געפיל פונעם געריודפטן ייד וואָס באַגלייט אים דעם גאַנצן לעבנסוועג. כאָטש אויסערלעך גאַלאַנט, צו מאָל עקסטראַוואַגאַנט, שפירט ער זיך דער צעווייטיקטער ייד אויך נאָכן צוריקקער פון פּליטים־שאַפט אין מאָסקווע ווען עס האָט זיך דורכגעטראָגן דאָס טונקעלע געוויטער פון וואָרפן די צאַרישע קרוין און דאָס אויפהייבן די באַריקאַדע פון דער פּראָלעטאַרישער דיקטאַטור, וועלכע האָט ברוטאַל זיך געכּפּלט אויף פּערמאַנענטן בלוטפּלייץ וואָס איז באַזונדער שווער געפאַלן אויף די שטאַמברידער פונעם דיכטער. אַ פּנים, דער מבול פון בלוט אין רוסישן תוהו ובוהו, האָט אים געשפּענצטעריש פאַרפאָלגט אויך שפּעטער אויף דער פּוילישער ערד. און קלאָר: דער נסיון פון די ייִנגערע יאָרן ווערט קעגן אים אַ דראַענדיקע פּויסט אויך שפּעטער. דאָס בילד פון איבער־געלעבטן שוידער האָט בראַדערזאָנען ממש אָנגעכאַפּט ביים גרגרת און שוין מער נישט געוויכט פון אים. אין אַלע שפּעטערדיקע שאַפערישע אויפטועך קען מען לייכט דעשיפרירן אָט דעם אומהיימלעכן שאָטן.

אָבער מיר האַלטן נאָך ביי בראַדערזאָנען ווי דעם גרונטלייגער פון אַ ליטעראַרישער גרופּע אין דער יידישער פּאָעזיע אין דער צייט פון דעם אומאָפּהענגיקן פּוילן. אויב מ׳זאָל אָננעמען אַז דער בראַ־דערזאָנישער אויפטו מיטן שאַפן די 12 פּאָעזיע־העפטן „יונג־ייִדיש" באַטייט נישט אַ ריכטונג פון נאָוואַטאָרישן פּאָעטישן אויסדרוק, איז ער אָן ספק געוועזן דער אינספּיראַטאָר פון אַ גרופּע קינסטלערס מיט דער אַמביציע צו ברענגען באַנייונג דעם שאַפערישן וואָרט און בילד אין מאַמע־לשון. אַפילו אויסערלעך זענען די העפטן „יונג־ייִדיש" געוועזן אַ דורכויסיקע נייעס אין דער יידישער דיכטונג, וועלכע האָט פאַר יענעם פּעריאָד באַטייט אַ דרייסטע ווענדונג אינעם אופן פון פּאָעטישן דענקען אויג אויף אויג מיטן מאָוימדיקן איבערקער וואָס יעדער טאָג האָט אויסגעצאַפּלט. ס׳איז געוועזן אַן אויסטערלישע ווירקלעכקייט וואָס דער מענטש האָט געמוזט זי נעמען ווי זי גייט און שטייט און זי באַנעמען לפי די נאָרמעס פון אַ גרויליקייט־צושטאַנד. אָט איז געפאַלן דער ניקאַלאַיסקער כאַמסקע זשאַנדאַרם און שוין האָט אויפגעהויבן דעם פּאַרריסענעם קאָפּ דער פּוילישער כוליגאַן באַוואָפנט היימיש־באַנדיטיש מיט פּיסטויל און האַק

ווי מיטן שוין אָנגעשימלטן ייִדנהאָס. אין שטאָט ווי אויפן שליאַך אונטערוועגס האָט אויפן ייִד זיך געוואָרפן דער פּאַגראָמשטשיק פון יוזעף האַלערס כאַוואַניע. אין דער ספערע פון ווילקיר האָבן בראַדערזאָנס פּאָעטישע העפטן געזוכט סיי אויסדרוק פאַר דער מאָנענדיקער נייער פאָרעם און סיי פאַרן אינהאַלט פונעם שאַפערישן ייִדישן געדאַנק: אָ דעקונג פאַר דער אומהיימלעכער טונקל־שעה פון דעם קלאָמפּערשטן טאָג וואָס איז אָנגעעיפּושט געוואָרן פון אַן אַקטיווער בוינע.

געדרוקט אויף גראָען פּאַקפּאַפּיר, האָבן די העפטן פון פּאָעטישן ייִדישן זשורנאַל פאַרחברט צווישן זיך אי דעם מיט אומרו־אָנגעזאַפּטן דיכטערישן געדאַנק אי די שאַרף־געצייכנטע ליניעס־סימבאָלן און סילועטן פון אַ שווונגפולער פאַנטאַסטיק, אַרויסגעבראַכטע פון מאָלערס אין האַלצ־שניטן. אין דער אָפּענסיווע קעגן די אַלט־אָנגענומענע נוסחאות פון ייִדישן פּאָעטישן און מאָלערישן „פּאַטשעראַק" האָבן בראָדערזאָנען דענצמאָל באַגלייט די פּאָעטן פון לאָדזש: יצחק קאַצענעלסאָן, חיים קרול, יחזקאל־משה ניימאַן, דוד זיטמאַן, ישראל אַדלער און אַנדערע ווי אויך די מאָלערס איטשל ברוינער, מאַרק שוואַרץ, יאַנקל אַדלער, אסתר קאַרפּ א"אַנד'. אויסערלעך אָריגינעל מיט דער אַנדערשקייט, אינטעלעקטועל־קינסטלעריש נאָוואַטאָריש, צו מאָל אינספּירירנדיק אינהאַלטלעך, האָבן די העפטן „יונג־ייִדיש" אונטער בראָדערזאָנס הנהגה, קען מע זאָגן, אין איין מניה וביה געמאַכט לאָדזש פאַר אַ וויכטיקן ליטעראַרישן אינדזל, אַרויסגערופן אָנערקענונג און טאַקע נישט ווינציקער חידוש אין דער גאַרער ייִדיש־ליטעראַרישער וועלט. בראָדערזאָן האָט דערצו נאָך געדינט ווי אַן אָנרעגער פאַר אַנדערע ליטעראַרישע אויפטוען אויך אין וואַרשע, מחוץ דעם דערוועקטן שאַפערישן אַפּעטיט צווישן די לאָדזשער ייִדישע פּענלייט. עס זענען טאַקע נאָכגעקומען אַנדערע אַמביציעזע קאָלעקטיווע פּובלי־קאַציעס און די מערסטע פון זיי זענען געווען מיט בראָדערזאָנס אַקטיוון אָנטייל. מיר מיינען די באַרימט־געוואָרענע וואַרשעווער עקספּערימענטאַלע ליטעראַרישע ייִדישע העפטן „כאַליאַסטרע", „אַלבאַטראָס" און צום סוף פון יענעם בלי־פּעריאָד די „רינגען" מיט אַלטער קאַציזנען בראש. די נעמען אורי צבי גרינבערג, מלך ראַוויטש, פּרץ מאַרקיש — דעמאָלט נאָך אין פּוילן — צוזאַמען מיט בראָדערזאָנען האָבן הויך געקלונגען איבער די פּליינען פון דער וויסל־מדינה. דער הויפּטמאָטיוו פון די מערסטע שאַפונגען אין די אַלע אויסגאַבעס זענען געווען אין מינאָרן טאָן, גראָ אויף שוואַרץ, נאָר דאָ און דאָרט האָט זיך דורכגעריסן אַ פּעדעמל ליכט,

אַ צעציטערט אָדערל בטחון אין דער בלייכער פּערספּעקטיוו פונעם אומבאַשטימטן מאָרגן.

פאַר יענעם געדענקלעכן פּעריאָד אין יידישן ליטעראַרישן שאַפן אין פּוילן איז כאַראַקטעריסטיש בראָדערזאָנס ליד וואָס הילכט אָפּ עד־היום ווי אַ הימען פון היכן מוט און אַ שטרעקן זיך צו די הימלען, הגם אויפן האַרצן איז געווען שטאַרק אַנגעזאַלצן. דער הימען „צו די שטערן" זאָגט עדות אויף בראָדערזאָנס דערגרייכן — שוין דעמאָלט — צום אייגענעם פּאָעטישן איך; און כאָטש זיין וועג איז שפּעטער געווען פול מיט שטרויכלונגען, איז בראָדערזאָן כל ימיו פון דעסטוועגן געבליבן אַזאַ, כולו ייִד־קינסטלער —

מיר, יונגען, מיר — אַ פריילעכע, צעזונגענע כאַליאַסטרע,
מיר גייען אין אַן אומבאַוווּסטן וועג,
אין טיפע מרה־שחורהדיקע טעג,
אין נעכט פון שרעק —
Per aspera ad Astra!*

און ס'ווערן שטערן — טרערן,
און טרערן ווערן — שטערן,
און טויבע הייבן אָן הערן,
און טויטע הייבן אָן — באַגערן,
און אַל דאָס גוטס מקוים ווערן — —

(פון בוך „באַגייסטערונג", לאָדזש, 1921)

ס'איז געווען די פּאָעטישע דעקלאַראַציע פון פריידיקייט מתוך גריזשנדיקן טרויער. בראָדערזאָנען איז באַשערט געוואָרן ארויסצוקומען פאַר דער גאַרער יידישער וועלט מיט אַט דעם מאַניפעסט מצד דעם גאַנצן יידישן פּאָעטנטום פון זיין שווער־געפּרווּוטן דור, פונקט ווי ער האָט דערנאָך, ווען ר'איז געשטעלט געוואָרן אַנטקעגן דעם טאָטאַלן כרת פון פּוילישן יידנטום, ממש האַרצרייסנדיק אַרויסגעשריגן זיין גרויסן ווייגעשריי אין טיף־לירישן, אָבער אויך מיט וויזיאָנערישן אויסקלאַנג.

* מיט גראַנגל צו די שטערן (לאַטיין).

משה בראָדערזאָן

א

משה בראָדערזאָן איז אין זיין שאַפן געווען אַלזייטיק אַטראַקטיוו, נו, און אויך אָריגינעל אין זיין אויסדרוק־פאָרעם. סיי אין לירישן ליד, סיי אין דער פּאָעמע, אינעם נאַטור־געמעל ווי אין דראַמאַלעט — זיין אייגנ־שאַפונג פון דער קורצער דראַמע — האָט פון בראָדערזאָנען געשפּראָצט מיט קינסטלערישער אינוועניץ און סובטילקייט. איז בכן נישט שייך צו געבן פון אים אַ קאָנדענסירטן פּאָרטרעט אויף אַ קליינער פלאַך.

...ווי באַלד ער האָט זיך דערפילט אַ תושב אין דער שטאָט פון אויסגעבליאַקירטן הימל, איז בראָדערזאָן אַרויס פון דער פּאַזע פון ליטעראַרישע אָנהייבן. נעמלעך, מתחילת האָט ער געפּרוּווט זיין פּען אין סקיצעס און לייכטע פערזן אין דער צייטונג „לאָדזער טאָגעבלאַט". באַגרונטפעסטיקט זיך, ווערט ער אַזוי ווי פסיכיש דעצידירט אויך צו אַ מהותיקער ענדערונג. ער האָט קענטיק נשמהדיק זיך אַליין דורכ־געאַקערט און איז שאַפעריש אַריין אין גבול פון אינדיווידועל באַזיניקטער ליריק. אַ גרענעץ פון אָט דעם שינוי זענען שוין זיינע „שוואַרצע פּליטערלעך", זיין ערשט לידערבוך. דערנאָך איז אין זיין שאַפן אָנגעשטאַנען די תקופה פון אינספּירירנדיקער עקספּערימענטיק. אַוודאי ליגט אַ היפשער מהלך צווישן יענער בראָדערזאָנישער התחלה און דער אויסקריסטאַ־ליזירונג פונעם פּאָעט וואָס איז דערגאַנגען צו דער מדרגה פון אַ שאַפערישער פּערזענלעכקייט מיט אַן אייגנאַרטיקן פּרצוף־פּנים. אין דער צווישנצייט האָט טאַקע שאַרף געזויערט דער נסיון פון דער באַלשע־וויסטישער איבערקערעניש, וואָס איר ברענענדיקן אָטעם דער יונגער בראָדערזאָן האָט געהאַט די טרויעריקע געלעגנהייט צו דערשפּירן אויף אייגענער הויט. אָנגעטראָפן זיך פּנים־אל־פּנים מיטן דאָזיקן געשיכטלעכן אומוועטער, וואָס ער האָט איבערגעלעבט ווי אַ טיפע אויפטרייסלונג מחמת יענע פיינען זענען גאָר גרויליק אויסגעפאַלן אויפן גורל פונעם ייִד אין זיין קיומשן יסוד. טאַקע פון דעמאָלט נעמט איר אָנהייב די פאַרביקע ביאָגראַפיע פון משה בראָדערזאָנען, דעם מייסטער פון מאָדערנעם פּאָעטישן אויסדרוק אין דעם רייכן ייִדיש־לשון וואָס ער האָט נישט ווינציק באַלעבט. און דער אימאַזש בראָדערזאָן האָט זיך איינצעמענטירט אין דער ספּעציאַליזירטער קריטיק פון דער ייִדישער פּאָעזיע.

ס׳איז געשטאַנען דער צומאָרגנס נאָכן בלוט־פֿאַרגליווערנדיקן איבערקער אויף דער רוסישער ערד וואָס זיינע ווידערקולות האָבן אומהימלעך אָפּגעדונערט אויך אין צעחרובטן פּוילן, וועלכע איז געלעגן אַ צעשונדענע און אויסגעהונגערטע נאָך דעם דורכגעלעבטן לאַנגן נסיונות־פּולן קאַטאַקליזם וואָס האָט נאָך פֿריִער אָפּגעשרפֿט די ערדן פֿון אייראָפּע. כאָטש געזונגען אין מינאָר, האָט דער נאָך יונגער דיכטער געוווּנען אַ דאַנקעוודיקן אָפּנעמער פֿון זיין יִידישן ליד (ניִשט נאָר אויפֿן לאָדזשער באָדן). די מאַסע אַרבעטערס, אויך האָרעפּאַשניקעס פֿון בעל־מלאכהשן ווערקשטעל האָט אין יענעם טומאַנעם פֿרימאָרגן דערהערט ווי אַ לאָקנדיקן כישוף אַ נייעם ניגון אינעם ליד וואָס האָט מיט עפּעס אומבאַשטימטס האַרמאָנירט מיט זייער אייגענעם פֿאָלקישן געפֿיל. אמת, מער אינסטינקטיוו ווי באַוווּסטזיניק האָבן זיי דערשפּירט אין בראָדערזאָנען אַ מיטגייער אין זייער פּיינפֿולן וועג פֿון וויי און צער. אַזוי אַרום האָט דער פּאָעט מיט זיין אפֿשר אומדעפֿינירלעכן חן פֿאַרן רוב געניסערס פֿון זיין ליד, אויפֿגעהויבן צו זיך דעם יונגן ייִד, אומדירעקט אים געהאָדעוועט פֿאַרן ראַפֿינירטן פּאָעטישן וואָרט אינעם ממש באַנייטן, באַרייכערטן ייִדיש־לשון. דעם אָ וועג האָט בראָדערזאָן פֿאַר זיך געעפֿנט באַלד ביי זיין דערשיינען, געעפֿנט מיט גאַלאַנטן, אומעטיק־קלינגענדיקן סטראָף; שפּעטער האָט ער זיין ליד אויך פֿאַרהיימישט מיט פֿאָלקיש־ליכטיקע, צו מאָל האָפֿערדיק־קוואַליקע מאָטיוון, אַפֿילו לירישע קופּלעטן וואָס האָבן מיט אַ ניצוץ פֿרייד אָפּגעהילכט פֿון דער אַליין־געשאַפֿענער קאַמעראַלער קינסטלערישער בינע אַררט, אויף וועלכער ער האָט זיך אַוועקגעשטעלט אין דער פּאָזיציע פֿון אַ וואָרהאַפֿטיקן שאַפֿערישן פּיאָניר. אויך דאָ איז דער דיכטער אַנטפּלעקעריש אין כולו נייקייט פֿון פֿאָרעם און אויסדרוק. יאָ, דאָס בראָדערזאָנישע קאַמעראַלע טעאַטער פֿאַר מיניאַטורע ווערק האָט אַפֿילו געמאַכט געשיכטע אין נאָענטן באַגלייט פֿון לויטערן פּאָעטישן געמיט און אילוסטראַטיוון פֿאָלקישן געמעל. אין זיין טעאַטער „אררט״ האָט בראָדערזאָן געלעבט אַ ניי שאַפֿעריש לעבן פֿון אַ פּאָעט וואָס האָט זיך געשטעלט פֿאַרן ברייטערן עולם, אַ דערוועקטן צו אַן עסטעטישן הונגער נאָכן געלייטערטן ייִדישן וואָרט וואָס האָט זיך אויסגעליכטיקט אויך אין סצענישן בילד. דערפֿון די ממש אַנטאַפֿעוודיקע רעאַליזירטע הנחה, אַז בעת ער האָט פֿריִער געפּרוווט דיכטעריש טעאַטראַליזירן ייִדיש געשיכטלעכן שטאָף, האָבן זיינע אַספּיראַציעס אים דערנאָך געפֿירט צו פֿאָלקלאָריזירן בלעטער ייִדישע געשיכטע

אין דער שיין פון אַ פּאָעטיש־באַהויכטער בינע, באַשיימפּערלעך, אין היסטאָרישן יידישן עבר וואָס איז פול מיט קאָכיקן דראַמאַטיזם, האָט דער דיכטער אַרויסגעשפּירט איבערגעחזרטע גורלדיקע יידישע אויפשפּראָצן, וועלכע ער׳ט דערזען אין שפּיגל פון זיין אייגענער יידישער עקזיסטענץ. איז בכן נישט קיין צופאַל, וואָס דער פּאָעט האָט אין זיין שאַפן זיך פאַראינטימיזירט מיט דעם געשיכטלעך פאַרפּיקסירטן קאָנפליקט פון דער יידישער פּערזענלעכקייט מיטן יידן־פיינדלעכן אַרום (מאָזעס מענדעלסאָן, שפּינאָזאַ, שיילאָק וכדומם). אַליין אַן עד־ראיה פון בלוטיקע מגפות וואָס עס האָבן שגעונותדיק אָנגעצונדן אַזעלכע מטורפים ווי דער צאַר ניקאָלאַי, פּעטליורא, סטאַלין און היטלער, האָט ער ווידער אַ מאָל „דערזען״ די אויטאָדאַפעס פון דער שפּאַנישער אינקוויזיציע וואָס האָבן זיך ביי אים, דעם פּאָעט, העלזעעריש איבערגערופן מיט די נאַצישע מאַסן־עקזעקוציעס בפני דער שיין פון דער גרויסער וועלט. מער: דער יידישער פּאָעט בראַדערזאָן איז געשטעלט געוואָרן פאַרן נסיון פון נייע אכזריותן וואָס זענען געקומען אויפן נאַקעטן לעבן פונעם ייד און זיין גאָרן אַרום. במשך זיין גאַנצן באַוווסטזיניקן לעבן זענען פאַרן פּאָעט געשטעלט געוואָרן פאַסטקעס פון שנאת־חינם הלמאי ער דערלויבט זיך צו זיין אַ ייד:

דער אַלטאָג פון דעם גיהנום האָט מיין יוגנט צעפּליקט,
געוואָרגן און מיט פייערצוואַנגען מיך געשטיקט —
און ס׳לעבן האָט געשאַפן מיר צו שטאַרבן מוט!
אויף אונדזער מזל ווײנט מסתם דער טייוול פאַר רחמנות,
אויף אונדזערע פאַרעלנטע, פאַרפינצטערטע כוונות.
אַרויפגערוקט אַ שוואַרץ־צילינדער אויף זיין פליך איז.
דאָרט זיצט ער רייטנדיק אויף קאַכלדעכער און אויף סטריכעס —
באַקלאָגט אין קוימענס מיטן ווינט דאָס ניי־משיחות...

(פון בוך „שוואַרץ־שבת״, 1921).

ס׳האָט זיך געטראָגן די יללה פונעם יונגן ייד. ער האָט שוין באַוויזן דורכצוגיין אַלע מ״ט שערי־טומאה פון דער אויפגעקלערטער צייט, ווייל „אין יעדן טויער האָבן מיך באַגעגנט מערדערס שטומע״. ער איז מרעיש־עולם אויף די סכנות וואָס גייען ערשט אויף זיין פאָלק, כאָטש „מיליאָנען מענטשן זענען (שוין) אומגעקומען, און מיליאָנען גייען ווייטער, ווייטער. עס איז אין מיר אַ נאַכט, אַ נאַקעטע, אַ הוילע נאַכט. אַט שטייען זיינע אַלע טויטע. בלוט און אייטער האָט אַלע אויסוועגן צוריק און אויך פאַרויס פאַרמאַכט״ (פּאָעמע „שוואַרץ־שבת׳). די דאָזיקע באַשערטקייט

גייט נאָך דעם פּאָעט ווי אַ שאָטן. מחמת דער גורל פון פאָלק איז זיין מענטשלעכער גורל און דאָס הערט זיך פון אים זינט זיין דיכטערישער יוגנט ביז דער סאַמע רייפקייט. חורבן איז דער קענצייכן פון בראָדערזאָנס דור. דער טשאַד און מראה פון חורבן באַפרייט אים נישט אַפילו אין די רגעס פון השתפכות־הנפש ווען ער געפינט זיך פנים־אל־פנים מיט זיין האַרצנס־געליבטער. „און שיר־השירים / איז מיין ליבסטערס געזאַנגען. / צו קושן איר שטים, / צו פאַרנעמען די קלאַנגען — / דאַרף מען הימלען דערלאַנגען", פון דעסטוועגן צעעקבערן אים הבל־הבלימדיקע ספיקות און ער פרעגט זיין שולמית: „זאָג מיר: שיינקייט געדויערט?" (ליד „טוי"). הגם נאָך יונג, הצלחהדיק אין זיין פּאָזיציע, גריזשעט שוין דעם דיכטער דער קאָסמישער צווייפל וואָס איז באַפאַלן זיין גאַרע ייִדישע וועלט, אַט אַ זי צו דערוערגן.

ב

דער דיכטערישער פּענאָמען משה בראָדערזאָן האָט נישט נאָר אַ לייכט געטאָן און זיך פאַרגאַנגען אין אַ פאַרשטיינערטקייט כאילו אַ מעטעאָר וואָס פאַלט פון די הימלען; ער האָט דיכטעריש זיך צעשטראַלט און איינצייטיק געוויטיקט זינגענדיק ביטער אויף דער צעשטערערישקייט וואָס האָט זיך געשפּרייט פאַר זיינע אויגן ווי אַ העלישע וואַלד־שריפה.

עס איז אָנגעשטאַנען די צייט פון ציקלאָנישע דורכרייסן, ווען דערהרגענען מענטשן איז געוואָרן אַ... העלדישקייט. יידן־שחיטות אין פּוילן, אין אוקראַינע און די פּילסודסקישע באַנדעס הוליען אויף די פּוילישע פעלדער. דער דיכטער שרייבט עס אַריין שוין יונגערהייט אינעם פּינקס פון זיין זכרון, וואָס אידענטיפיצירט זיך ביי אים מיטן פאָלקס־געדעכעניש:

אין די וועלדער, אויף די פעלדער האָט מען טייכן אויסגעגאָסן.
קוואַלן גאַנצע פון קרבנות־בלוטן אָפּגעשלאָסן! — —

— — — — —

איך זינג מיין בלוט און טרערן־קלינגענדיקע יִיאוש־ליד
און בלוט ווייסט גאַרנישט? בלוט בליט!
בלוט בריט, בלוט זידט!
כ'הער נאָר קולות נאָנט און ווייט.
זייט זשע שטילער איצטער אַלע: בלוט שרייט!

דאָס איז גראָד דער יאָמערלעכער אויסגעשריי אויפן ווילנער מאָרד איבער א. וויטערן. אָבער נישט בלויז די רציחה איבערן שרייבער א. וויטער בריט און זידט אין בראָדערזאָנס געצוימטן סטראָף. עס יוירט אינעם דיכטער דער האָס צו די הפקרע; סע קלאָגט אין אים דער פאַרוואונדיקטער מענטש.

„די זון האָט זיך אויף לאַנגע יאָרן מיט שלייערן פאַרהאָנגען" — באַמערקט זי נישט דעם וויטיקדיקן צער פון דער ערד — פרעגט דער דיכטער — דערהערט זי נישט די טרויעריק־לוויהדיקע ראַב־געזאַנגען און ס'איז די ערד אין בלוטן־טויען נאָך פאַרטרערט. דערנאָך, אין אויסגיכטערונג, זעט ער אינעם אַקטועלן חורבן די באַרבאַרישע צעשטערונג פון דעם יידנס בית־המקדש אין דעם פאַרצייטישן אַמאָל ווי פון היינט:

„עס זענען טויערן פון בית־המקדש מיט חזיר־בלוט פאַרשוועכט, / עס זענען טויערן פון בית־המקדש אויפגעפראַלט / און אויסגעשאָכטן אַלע כהנים, לוויִים יונג און אַלט / און ס'איז דאָס פאָלק פאַרפירט, פאַרקנעכט — — און ערגעץ הערט זיך פון שגעון אַ געזאַנג".

דאָס עקשנות פון לעבן לשם לעבן האָט דאָך מנצח געווען, ווי באַלד עס האָבן אויסגעוועפּט די טרויערן. אין בראָדערזאָנען זענען אָבער געבליבן וואָך אַלע זיינע חושים, ער זעט ביי נייס מענטשישע קליינלעכ־קייטן, ר'שפּאָט אויס דאָס מיאוסע, באַזינגט דאָס שיינע, געפינט אויס אַלע רייצן פון יידישן לשון און באַווייזט מיט אים חידושים אין זיין ווערק.

אין פּרט פון פאַרעם איז ער דערגאַנגען צו הויכער מייסטערשאַפט. אומצייליקע שאַפונגען זיינע זענען בלי גוזמא שעדעוורן פון פאָעטישער קונסט, פון שרייבערישער אינוועניץ און שפּראַכלעכער עשירות. באמת, בנוגע דיכטערישן לשון איז בראָדערזאָן איינער פון די עשירים ביי אונדז, אָבער ער איז אויך רייך אין מאָטיוון און פּאָעטישע מינים. אין זיין שעפערישן פאַרמעג האָט בראָדערזאָן סיי דאָס עפּישע ליד (למשל „פאַננע יוסטינע"), סיי דעם סאָנעט, סיי דעם טריאָלעט, אויך דאָס עפּיגראַמאַטישע און דאָס צייטליד ווי אויך טאַנקעס. באַזונדערש שאַרף איז זיין סאַרקאַס־טישע בילדערישקייט וואָס האָט פאַר איר פאַן די צעקרימטע פיזיאָנאָמיע פון דער צייט, אין וועלכער אים איז באַשערט געוואָרן צו לעבן און ווירקן. פאַר אַ מוסטער בעטן זיך ציטאַטעס פון פאַרשיידענע פאַרמען,

אין וועלכע דער פּאָעט האָט אויסגעהאַמערט זיין ליד וואָס בלענדט אויך מיט אַ באַזונדערער גאַלאַנטקייט, אַ שטייגער „זיין עקסעלענץ דער נאַר”:

אונ ס׳איז אַזוי אין אומגעמאַכט פון דער צייט, פון אונדזער צייט געשען:
העכער איבער זיבן הימלען ריזיק איז געוואָרן גרויס דער מענטשן־נאַר.
מדרגות אַלע איבערגעשפּרונגען, איבערגעוואָקסן, גאָט,
געלייקנט שטיין און ביין און אויסגעשעפּט פון יעדן סוד —
פון ניכטערקייט פאַרשיכורט, פון די טויטע קוואַלן
איז ער אין שווערן שלאָף אַריינגעפאַלן —
דער מענטשן־נאַר — — —

און ס׳איז אַזוי צו זאָגן אין דער גרויזאַמקייט געשען:
אַן כוח־גברא —
אין בייזן חלום אויפגערייצט אַן אויפגעפלאַנטערטער צענטאַוור
פון האַסטיקייט אין דרייען איינגעבויגט,
האָט ער אין שטורמפויק געפויקט,
האָט ער מיט פויסטן אויפגעביילט, געקלאַפּט אין קאַמף־ליטאַווורן,
האָט ער געקלאַפּט זיך קאָפּ אַן הימל, קאָפּ אַן דר׳ערד —
האַלבמענטש, האַלבפערד!

און ס׳האָט זיך אָנגעהויבן ווילד דער מתים־טאַנץ
אין הייסן, שטרוימענדיקן בלוטן־גלאַנץ —
מיט ברידער־קברים, זיגרייכע לוויות, לאָרבער־קרענץ — —
(פון בוך ,איבערגאַנג׳)

ניק, נישט אין איין אויסנעמלעכן ליד פאַרכאַפּט אונדז בראָדערזאָן מיט זיין פּאָעטישן רייץ. ער מאַניפעסטירט זיך בכלל מיט זיין מוזיקאַלישקייט פון סטראָף ווי מיט דער סאַטירישער נאָטקע אין דעם שטאַרק דיסציפּלינירטן ליד אַלץ איינס צי ס׳איז אַ סאָנעט אָדער אַ טריאָלעט.

אַ באַזונדערע, פּאָעטיש־אימאַגינירטע וועלט מיט געשטאַלטן־סימבאָלן, אויך מיט געשיכטלעכע סילועטן, באַלעבטע פון בראָדערזאָנישן וועלט־באַנעם, האָט דער דיכטער אַרויסגעפירט אין זיינע מיניאַטורע דראַמעס, וועלכע זענען אַרויס אין בוכפאָרעם אונטערן באַשיידענעם טיטל „פאָר־שטעלונגען” (1936). אגב: זיין תשוקה צו דראַמע האָט בראָדערזאָנען געבראַכט צו דער ערשטער יידישער אָפּערע „דוד און בת־שבע”, וועלכע ער האָט געשאַפן אין די דרייסיקער יאָרן; די ערשטע און דערווייל די איינציקע יידישע אָפּערע, צו וועלכער עס האָט פאַרפאַסט מוזיק דער קאָמפּאָזיטאָר הענעך קאָן, אויך אַן איש־לאָדזש. פון דער דאָזיקער אָפּערע איז בראָדערזאָן דערגאַנגען צו זיין אייגנאַרטיקן טעאַטער, אין וועלכן ער באַווייזט זיך ווידער דער אָריגינעלער דיכטער, וואָס אָטעמט מיט פאָלקיש־יידישער אייגנטימלעכקייט. עס איז גיך באַרימט געוואָרן בראָדערזאָנס קאַמער־טעאַטער אַררט, וואָס ער האָט מיט פּיאָנירישן

ברען אויפגעשטעלט אין ווייסן זאַל פון לאָדזשער האָטעל „מאַנטויפל״ און עס האָט אויך עושה־רושם געווען אין דער ברייטער וועלט. אַרדט האָט שטאַרק אויסגענומען מיט זיינע ווונדערלעכע אויפפירונגען פון סצעניזירטן פאָלקלאָר, וועלכער האָט אונטער בראָדערזאָנס פּען באַקומען אַלע חנען פון פּאָעטישער יידישער טעאַטראַלישקייט און אַלע טעמים פון קינסטלערישער לויטערקייט. „יִשוּבניקעס״, „באַלוט־באַלעט״, „זקנים״ און צענדליגער אַנדערע בראָדערזאָנס טעאַטער־בילדער און סקעטשן זענען אין ספּעציפיש־אַרטישן געמעל אַריבער אין פאָלקס־זכרון. מערערע ליכטיקע מאָטיוון פון דאָזיקן פּאָעטישן טעאַטער ווערן עד־היום אימיטירט פון קליינקונסט־אַקטיאָרן און געזונגען ווי האַרציקע יידישע פאָלקסלידער. טייל פון זיי ווערן פאַררעכנט צו די פּערל פון בעסערן יידישן פאָלקסליד. אָפט ווערט פאַרווישט דער נאָמען פון זייער מחבר, בראָדערזאָן.

ג

היפּש איז די צאָל פון בראָדערזאָנס פּאָעזיע־ביכער, נאָך גרעסער איז זיין פּאָעטישע שפע, וועלכע ער האָט נישט באַוויזן איינצושיירן אונטערן דאַך פון ביכער. זיין לעצטער בוך איז באַטיטלט מיטן איינציקן אות „י״ (יוד) און איז אַרויס אין 1939. אין דעם אָ בוך האָט דער דיכטער, אָ דערציטערטער פונעם אומגליק וואָס איז פון די פּאַליאַקן און זייער רעגירונג פּאַראַקערט געוואָרן האַרט פאַר די יידישע שוועלן, פאָרויסגעזאָגט דעם חורבן וואָס האָט אָנגערוקט אויף אונדזער פאָלק. אָבער כאַראַקטעריסטיש פאַר בראָדערזאָנען, דעם פיינפילנדיקן ייִד: שוין אין 1933, ווען דער דייטשיש פאַשיסטישער משחית האָט אויפגעהויבן זיין גיפטיקן קאָפּ איבער אייראָפּע, האָט בראָדערזאָן שוין אויסגעפּיבערט זיין וואָרענונג אינעם ציטליד „אַליאַרם״:

> אין שטעכלדראָטן פון פאַרפּלאָנטערטע באַגריפן און פון ווערטער
> זענען מיר פאַרפּלאָנטערט
> ווער ווייסט, ווי ס'הייבט זיך אָן און ס'לאָזט זיך אויס דאָס שלעכטס.
> צי קאָן מען רויק זיין ווען אומרו הייבט פון אַלע ערטער?
> („ליטעראַרישע בלעטער״, וואַרשע, נ׳ 49 (500), 8 דעצ׳ 1933)

אָ שרעקיקן נאָמען האָט שוין דעמאָלט געהאַט דער יידישער אומרו: היטלער.

אין דער רויער פּוילישערווירקלעכקייט האָט דער דיכטער שוין דערזען ווי עס גייט אויף די זריעה פון שלעכטס. זיין שעפערישע אינטויציע

האָט אים פּריצייטיק צוגעלויכטן און ר׳האָט בפּועל ממש דערשפּירט די פּחדים וואָס גייען אויף זיין פאָלק.

✶

אונדזער פּאָעט איז גורלדיק געווען פאַרמשפּט צו זינגען אין גערדיכטן מינאָר שוין אין די יאָרן, ווען ס׳איז נאָר וואָס געהאַט אַרויסגעבראַכט געוואָרן אויף דער אייבערפלאַך די באַנייטע תקופה, וועלכע איז פאָרויסגעגאַנגען דעם צייט־אַפּשניט וואָס ווערט אַלגעמיין באַצייכנט ווי די עפּאָכע פון צווישן די ביידע וועלט־מלחמות. זויי, ווי די באַשערטקייט טיילט אונדז צו אויסטערלישע באַגריפן פאַר כראָניקעס פּונקט אַזוי ווי שיינשרייבערס האָבן אין דאָזיקן ליכט געמוזט שפּאַנען אין דער ווייטער אומבאַוווסטקייט אַריין. מיט האַמעטנע טריט זענען גרוילן אויפֿגעגאַנגען פאַר די יידן און אויך זייערע דיכטערס זענען גורלדיק געווען געצוווּנגען דורכצומאַכן אַלע בראַנדן. מיט האַרבקייט שפּיגלט זיך דאָס אָפּ אין בראַדערזאָנס לידער־זאַמלונגען, אין זיינע פּאָעמעס ווי אויך אין די דראַמאַלעטן. אויפן גאַנצן שטח פון זיין שאַפן קען מע זיך אָנבאַגעגענען מיטן יידנס פּלאָגן און ווייעמוט. צו מאָל זיין טעאַטער רעפלעקטירט אַ וואָליזירטע טריבקייט מתוך אַ פינצטערן שמייכל. כאַראַקטעריסטיש: משה בראָדערזאָן האָט סכנות ליב געהאַט אַ שאַרף ווערטל, אַ קיילעכיקן אָדער שפּיציקן זאָג, אַ בייסיקן אַפאָריזם אָדער אין אַ מניה־וביה אַ וואָרף טאָן אַ געשליפן בילד. דערמיט דערקלערט זיך אויך זיין אומגעווייניטלעכע דערפינדערישקייט ביים באַנייען זיין פּאָעטישן אינסטרומענט, דעם יידיש, וואָס האָט זיך הכנעהדיק געבויגן און געפינקלט אונטער זיין פּען. און נאָך עפּעס: בראַדערזאָנען האָט זיך כמעט קיין מאָל נישט געלאַכט מיט אַ הילכיק געלעכטער. אויב געלאַכט איז עס געווען אַ געלעכטער מתוך אַ פאַרהוילענער טרעריקייט. אַפילו אין צייט פון אומגעהייערע ליידן, ווען דער פּאָעט איז געווען פאַרוואָרפן אין מדברישן נאָווא־אוזענסק ביי דער וואָלגע, דערנאָך אין קאַראַ־קאַלפּאַקישער געגנט הינטער די סאָוועטישע הרי־חושך, האָט זיך פון אים אַרויסגעריסן אַ גאַליקער געלעכטער וואָס אין אים האָט טיף אָפּגעברומט די מוראדיק קאַלעמוטנע טאָג־טעגלעכקייט, כאָטש ער איז געווען אַ מחוסר־לחם (בוכשטעבלעך!). די נויט האָט דעמאָלט אויך אַרויסגעקוקט פון די שורה־גריסלעך וואָס בראַדערזאָן האָט אַרייַנגעוואָרפן צו אַ קאָלעגע אין אַן אַנדערער סאָוועטישער פאַרוואָרפנקייט. טרויער האָט פאַרעקשנט באַגלייט דעם דיכטער אפילו דעמאָלט ווען אים האָט זיך מיקלאָמפּערשט געלאַכט.

שווערער אומעט איז בראַדערזאָנען נאָכגעגאַנגען ווי אַ געטרייער שטיף־ברודער. דער דאָזיקער שאָטן האָט אים קיין מאָל נישט אָפּגעלאָזן, צו מאָל ווען דאָס דיכטערישע מזל האָט אים גאָר־גאָר צוגעשמייכלט. דערמאָנט זיך טאַקע, ווי איינער פון בראַדערזאָנס ליטעראַרישע חסידים, דער בריט־באַוווּסטער אַרבעטער־פירער בייניש מיכאַלעוויטש האָט אין אַ גוטער מינוט, ווען זיין תשוקה צו דער גייסטער יידישער פּאָעזיע האָט זיך אָנגעטראָפן אויף בראַדערזאָנס אַ לידערבוך, — אַזוי זיך באַגייסטערט מיטן ילד השעשועים פון יידיש לאָדוש, אַז ער האָט אַזאַ שרייב געטאָן מכוח בראַדערזאָנס רייכן יידיש און זיין פּאָעטישער בילדערישקייט: „וואָס פאַר אַ בייזע גבורה דאָס האָט אין זיין טאַלאַנטפולער פען!" כדי זיך אָפּצוטאָן פון זיין ענגער פּאַרטייִישקייט, האָט ב. מיכאַלעוויטש יענע קריטיק וועגן בראַדערזאָנס פּאָעזיע געחתמעט מיט זיין אייגנטלעכן נאָמען יוסף איזביצקי. אַ שאָד, וואָס מיר האָבן נישט צו דער האַנט יענע וואַרשעווער אויסגאַבע (דאַכט זיך: ס'איז געווען אַ יאָרלעכער זאַמלבוך „אַרבעטער־קאַלענדאַר"), אין וועלכער יוסף איזביצקי האָט זיך מיט התפּעלות צעשריבן וועגן בראַדערזאָן דעם פּאָעט און זיין קינסטלערישן דערגרייך. אַוודאי, אויך דעמאָלט האָט זיך בראַדערזאָנען נישט אָנגעגלוסט קיין טיפער געלעכטער. אַ שאַרפער קאַלאַמבור, אַפילו אַ פּאָעטישער פּיוט, דאָס יאָ, אָבער פריידיקער געלעכטער? גליך אַזוינס וואָלט כלל נישט געווען אָנגעמאָסטן פאַר אַ יידישן פּאָעט. געמיט האָט ער געהאַט, משה בראַדערזאָן; אין יעדער סיטואַציע האָט ער אים געקענט אַרויסברענגען, אָבער לאַכן האָט זיך אים גאָר שווער געלאַכט. און פּאָעטיש האָט דאָס געמיט זיך אויסגעלאָדן אין זיינע אַזוי־גערופענע דיאַלאָגן און מאָנאַלאָגן אויף געשיכטלעכע צי אַקטועלע טעמעס (די דראַמאָלעטן), אויך אין די גרעסערע פּאָעמעס, נאָך מער אין די קינדער־לידער, וואָס האָבן פון בראַדערזאָנען ממש אַרויסגעזונגען מיט אַ קוואַליקער שפּילעוודיקייט. אגב, בראַדערזאָנס קינדער־מאָטיוון פאַרמאָגן אַזאַ עשירות פון פאָלקישער געזאַנגלעכקייט אַז ס'איז אַ תענוג אַפילו פאַר אַ דערוואַקסענעם זיך אַריינצולייענען אין זיי, מכל שכן אָנצושטעלן ס'געהער צו זייער האַרמאָנישן געקלאַנג. עס איז נישט קיין געגראַמטע לירעכץ וואָס זאָגט גאָרנישט, דערגייט אין ערגעץ נישט, נאָר סאַמע קינדער־פּאָעזיע וואָס איז אויטענטיש מיט איר לויטערקייט סיי אין לשון סיי אין דער מוזיק וואָס קוועלט אַרויס פון געמיט. בראַדערזאָנס קינדער־לידער זענען אַזוי ווייט אַריין אין דער נשמה פונעם פאָלק אַז מערערע מאָטיוון זיינע האָט די מאַסע אויך קונה־געווען ווי פאָלקסלידער, וואָס זינגען

זיך פון זיך אַליין. אָפטלעך ווייסט מע נישט אַז די דאָזיקע לידער זענען די פּרוכט פון בראָדערזאָנס שפּעדיקער פּען. און טשיקאָווע: צו אַ רוב פון זיינע קינדער־לידער האָבן קאָמפּאָנירט מוזיק דווקא לאָדזשער מוזיקערס הערץ רובין, הענעך קאָן, דוד בייגלמאַן ווי אויך אויסלענדישע קאָמפּאָזיטאָרן. און נישט קיין וווּנדער: די מערסטע טעקסטן וואָס בראָדערזאָן האָט געשריבן מיטן אויסבליק אויף דער קליינקונסט־בינע, האָבן „זיך געבעטן" צו הויזן ביינאַנד מיט מעלאָדיעס, ניגונים, מחמת זיי ניגונען זיך אַרויס שוין פון דער ווערטער־מוזיק גופא. באַזונדערש טאַקע די קינדער־מאַטיוון. אַ סך פון זיי האָבן זיך אויף אַ פאָלקישן אופן טאַקע פאַרשוועסטערט מיט מעלאָדיעס וואָס זינגען זיך גרינג און דאָס איז בלתי ספק צו פאַרדאַנקען דעם פּאָעטישן טעאַטער וואָס בראָדערזאָן האָט אַרויסגעפירט אין דער גרויסער וועלט אַריין. פון זיין בינע האָט טאַקע זיס אומעטיקלעך אַראָפּגעחנט דער קינדער־מאַטיוו, ווי למשל „ציפּעלע":

„עס האָט די קליינע ציפּעלע
פאַרביסן זיך אַ ליפּעלע.
— אוי, ציפּעלע, וואָס וויינסטו?
אַן עפּעלע דאָס מיינסטו?
— אוי, ניין, ניין, ניין,
ווער זאָגט עס אַז איך וויין?
עס האָט די קליינע ציפּעלע
פאַרקניפּט דאָס מויל — אַ קניפּעלע.
אוי, ציפּעלע, וואָס וויינסטו?
צוויי עפּעלעך, דאָס מיינסטו?
אוי, ניין, ניין, ניין,
ווער זאָגט עס אַז איך וויין?
און ס'טרייסלט זיך איר קעפּעלע
צוזאַמען מיט איר צעפּעלע.
— אוי, ציפּעלע, וואָס וויינסטו?
צוויי עפּעלעך — דאָס מיינסטו?
— אוי, ניין, ניין, ניין!
איך וויל אַ קוש — נישט מיין!"

דאַכט זיך, נאָר עטלעכע מוזיקאַליש־קאָמפּאָנירטע פּראָזעס, אָבער וויפל חן, וויפל געמיט עס לייכט אַרויס די קינדערשע וועלט פון אָט די טרערעלעך, וואָס קויפן אונטער מיט דיכטערישער גראַציע! קינדער־מאָטיוון זענען ביי בראָדערזאָנען נישט געווען קיין נאַיווע, אַן אינספּירירטע נאָר פון זיין לעבעדיקער בינע. שוין אַזוי פרי ווי אין 1922, ווען בראָדערזאָן האָט נאָך נישט געהאַט געשאַפן זיין פּאָעטיש־אַטעמענדיקן טעאַטער, האָט

דער וואַרשעווער פאַרלאַג „קולטור־ליגע״ אַרויסגעלאָזט זיין בוך „אַל דאָס גוטס״ מיט קינדער־לידער און מעשהלעך, אין וועלכע דער דיכטער אַנטפּלעקט מייסטערישע שפּילעוודיקייט וואָס האַרמאָנירט מיטן פלי פון דער קאָלירפולער פאַנטאַזיע דעם קליינוואַרגס.

בכלל זעען מיר דעם פּאָעט ווי אַ צעוויטיקטן מענטש וואָס אין זיין פילן און דענקען אָטעמט ער מיט יִדיש־געשיכטלעכע קאַטעגאָריעס, וואָס בעטן זיך אַלע מאָל אין קאָנפראָנטאַציע מיטן היינט, וועלכער איז אַזוי צו זאָגן איבערגעחזרטער נעכטן. בראָדערזאָנס דענקען איז דורכגעלויכטן פון יידישן געפיל פאַר דער פּערספּעקטיוו פון געדעכעניש. דאָס קענטיקט זיך אַרויס שוין פון זיינע פריִע לידער דורכגעוועבטע מיט מאָוימדיקע בילדער־איבערלעבענישן וואָס זענען באַשערט געוואָרן דעם פּאָעט אין זיין יוגנט; אַזוי זענען אויך זיינע בילדער־כאַראַקטעריסטיקעס פונעם יִדנס סטאַטוס אין די אומעטומען, וווּהין דער גורל האָט אים פאַרוואָרפן. דעם יִדנס צעיסורימטע וועלט, וואָס איז מוראדיק געשלאָגן געוואָרן פון דער סאַמע מאָדערנער נייציט, וועלכע שימלט מיט די וווּנדיירים פון דער טעכנאָלאָגיע, דאָקומענטירט דער דיכטער מיט איר נאַקעטער גרויליקייט אין זיין גרויסער פּאָעמע „י״, מיט וועלכער ער איז אַרויסגעקומען ווייט פאַרן בלוטיקן מבול. אויב דער פּאָעט איז בדרך כלל א נביא־פּסיכאָלאָג וואָס דערפילט ביי צייטנס סייסמאָגראַפיש דעם אָנקום פונעם שטורעם, איז עס געווען משה בראָדערזאָן מיט זיין ווערק יוד. ער האָט פאַרויסגעזאָגט די דערנענטערונג פון אימהדיקן חורבן, בעת וועלכן אונדזער פאָלק האָט געגעבן אַ פּחדימדיקן מעשר דעם מולך פון בלוטגיריקייט און צעשטערונג. דער דיכטער האָט וויזיאָנעריש אויפגעגרוילט פון די אכזריותן וואָס עס גרייט פאַר יִדן דער שד, וועלכער איז מיט אומגעריכטקייט קאַפּויער געקומען אין סאַמע הארץ פון דער ציוויליזירטער אייראָפּע. בראָדערזאָן האָט רעכטצייטיק אויפגעציטערט פון דער געשפּענצטערישער וויזיע. דעם דיכטער האָבן געמאַטערט די געגנעגנדיקע גרוילן, מחמת די געהייכטע וועלט איז געווען אַראָפּ פון זינען, זי׳ט געשלאָסן שלום מיטן אַרצי־רוצח וואָס איז אַרויס פונעם דייטשישן דזשונגל מיטן שעכטמעסער אין זיין צעפּאַכעטער לאַפּע:

> עס זעען אויס די שטעט איצט אַפּט ווי די בית־עלמינס אַלטע,
> אויף וועלכע ס׳וואָגלען־אום צעטומלט לעבעדיקע מתים,
> וואָס איטלעכן פון זיי זיין קבר האָט זיך אויסבאַהאַלטן —
> ווער ווייסט דען, ווּ ער איז — דער טייוול ווייס אים!

...כ׳בין שולדיק — זאָגט איר — כ׳ווייס עס: איך בין שולדיק,
און אַלע מאָסן זינד עס זענען איבערפולט.
דער ערשטער חטא מיינער — איך בין געווען געדולדיק,
דאָס איז אָן ספק, ס׳איז געווען און איז מיין גרעסטע שולד.
(פון בוך „יוד״)

די גרוילן פון געטאָ, וואָס איז ברייט צעעפנט געוואָרן פאַר אַלע ייִדישע עדהס, די טויזנט מאָל געכּפלטע רציחות אויפן מין ייִד און די מאַסנהאַפטיקע טויטן דורך אינקוויזיציע־פייערן וויט פאַרגאַנגענע און אַקטועלע, היטלערישע, סטאַלינישע, נגישות און פּאָגראָמען — דאָס אַלץ הויערט בולט אויף דער בילדערישער פּאַליטרע פון פּאָעטישן ווייגעוואַלד, וואָס בראָדערזאָן האָט אַרויסגעלאָזט איבער דער גאָרער ייִדישער וועלט ווי אַ מעמענטאָ מאָרי אונטערן טיטל יוד. איך בין אַ ייִד, מיר זענען ייִדן און ווי אַזעלכע ווערן מיר געיאָגט און געפּלאָגט, האָט עס געהייסן אין קלאָרן אויסטייטש פון דעם פּאָעט. אַ פּאַראַפראַזע פון אָט דעם גרויל קרעכצט אויס בראָדערזאָן אויך שפּעטער, בראָדערזאָן דער געפּענטעטער פון די סאָוועטישע „באַפרייערס״ אין די אומקום־לאַגערן פון עקסטרעמען צפון, וועגן וואָס עס דערציילט אגב אין זיין סיבירער לירישן ציקל דער אח־לצרה פון בראָדערזאָנען, דער באַוווּסטער דיכטער ישראל עמיאָט:

משה בראָדערזאָן וויקלט ווי באַנדאַזשן אויף די וווּנדן זיינע וויצן
און ר׳ אברהם־חיים זאָגט: אַז דו ווילסט איז גאָר אַ זכות
מגולגל ווערן אין סיביר, פון טומאה דער רשות,
ווייל דו ווייסט דען וויפל ס׳בעטן זיך ניצוצות
הייליקע, פון שלעכטס אַרויס: נעם און באַשייך אונדז,
און מיט עמוערם שעפּסטו אונטער יעדער קוסט.
בימי בעל־שם האָט מען ס׳אָרט דאָ נישט געוווּסט.
ער וואָלט אַהער געלאָפן מיט דרך־קפיצות.

דער דיכטער עמיאָט איז אַ רעכטגעשאַפענער עדות פון בראָדערזאָנס סיבירער דראַמע, וועלכע ער האָט אויך אין עקסטער פאַרביטערונג זיך באַמיט צו פאַרהוילן פון מענטשן מיט דער הילף פון אַ שפּיציק ווערטל, אַ קאַלאַמבור וואָס עקספּראָמט אויסגעפּלאַכטן. אָבער אין זיין ברוסט האָט אין דער זעלבער צייט געפּלאַקערט דער גיהנומשער ווײ אויפן בראָך דעם ייִדישן, דעם זייניקן ווי דעם כּללישן.

✶

אַוודאי, דער פּאָעט בראָדערזאָן האָט געלעבט נישט נאָר זיין אינדי־ווידועל לעבן. ער איז טאַקע געווען כולו איך, ווען זיך געשפּירט

אויג אויף אויג מיט דער נשמה־יתירה. דער פיל־געשטאַלטיקער אַרום האָט אָבער ענערגיש, וואָרענענדיק געקלאַפּט אין זיין טיר, צו מאָל אַריינגעבראָכן זיך אין זיין סאָליד פאַרהאַנגענעם פענצטער, אפילו געפּרווט דערוואָרטן עפּעס אַ הילף פון אים, דעם סאַמע אומבאַהאָלפנסטן. האָט אים אָבער געפּאַנגען די שעפערישע וויזיע, האָט זי אים בעל־כרחו אַרויסגעהויבן אַריבערן ראַנד פונעם עמק הבכא. דאָך האָט דאָס קאָמפּליצירטע, חומרדיקע לעבן געריסן פון אים שטיקער, געריצט און געניכטערט. באַוויזן אין אַ נאָווינע אויסצוטאָן זיך פונעם צויבער פון שעפערישן וואָרט, האָט דער פּאָעט אותו הרגע זיך פאַרוואַנדלט אין דעם פולבלוטיקן, איידעלן מענטש, ייִד־מענטש וואָס האָט חשבון־הנפשדיק אַריינגעקוקט אין די אויגן דער מגושמדיקער וואָר. דעמאָלט האָט ער ביי נייס געבלוטיקט אויף דער פּיין פון די ליידנדיקע. משמע, דער וועג פון ליטעראַר הומאַנישקייט האָט אים אויך געפירט צו ציטונג־שרייבעריי אָבער אויך אין דעם פעלד איז ער אוממיטלדיק צוגעטראָטן צו דער מאָנענדיקער טאָג־טעמע. דער סובטילער פּאָעט האָט נעמלעך פון חיונה וועגן געאַרבעט אין אַ טאָגצייטונג, געטאָן זשורנאַליסטישע אַרבעט, געשריבן אַקטועלע פעליעטאָנען, אַפילו סאַטירישע גראַמען, אלאַ אויך דאָ איז ער געווען מייסטעריש, אייגנאַרטיק, כאָטש די שורה איז געווען אַ פּאָפּולער־לייענעוודיקע פאַרן פרימיטיוון געניסער. און האָט ער געשריבן אַן עסיי, אַ מאמר וועגן אַ קולטורפּראָבלעם איז שוין דער פּאָעט געשטאַנען פאַר אונדז ווי אַ לעגיטימער עומד פון דער ייִדישער קולטור מיט אחריות פאַרן כלל. אמת, אין דער אַקטואַליע איז ער געווען נישט בראָדערזאָן, נאָר זיינוועלע קאָזע, בראָדערזינגער; און האָט זיך אַ מנוול אַריינגענאַדיעט אין ייִדישן ציבור, האָט בראָדערזאָן נישט פאַרפעלט צו קומען מיט זיין אויטאָריטאַטיוו וואָרט און פאַרענדיקן זיין אַרויסטריט בכתב מיט אַ מוטיקן „פּאַשאָל וואָן.” פאַרקערט, ווידער, ווען מ׳האָט באַדאַרפט אונטערקומען אַן אייגענעם אָדער אַ וויטן מיט ממשותדיקער הילף, איז בראָדערזאָן דער אויסגענומענער פּאָעט, אויך געשטאַנען אויף זיין נאָבעלער פּאָזיציע.

אַזאַ, אַ טאַלאַנטפולן, אַן אַמביציעזן און שעפערישן מיט אַ וואָרעם האַרץ האָט משה בראָדערזאָן זיך איינגעקויפט אין געדעכעניש פון דורות ייִדן. פאַר דער ייִדישער ליטעראַטור איז בראָדערזאָן פאַרבליבן אַ באַזונדער זעלטענע צירונג.

יוסף אקרוטני

יצחק קאַצענעלסאָן

א

כל ימיו איז יצחק קאַצענעלסאָן געווען אַ שיינער מענטש. שיין אויסערלעך און שיין פּנימיותדיק. ער האָט נישט געקענט הויך רעדן. פון זיין פּנים, פון זיינע אויגן האָט געשטראַלט אַ גוטסקייט. און האָט ער זיך שוין געזען געצוווּנגען אויפצוהייבן זיין קול, האָט ער געצאָרנט, געשטראָפט, צו מאָל זיך אָנגעצונדן. דער שטיל טליעדיקער פונק פון גערעכטיקייט־געפיל האָט זיך אין אים צעפלאַמט, ווען ר'האָט דערזען אַן עוולה, דערשפּירט אַ גראָבקייט פון וועמען עס איז, כּלפּי וועמען עס זאָל נישט זיין. אָבער פון יצחקלען פלעגט תּמיד אַראָפּרעדן די אצילות, די גייסטיקע איידלקייט. יצחקל האָט מען אים גערופן מחמת ליבשאַפט נישט נאָר ביי טאַטע־מאַמען, די מיוחסים, איז ער געווען דער בן־יקיר, נייערט ביים גאַנצן ציבור און אַפילו ביי די אייבערשטע פון שטייסל. ער איז נישט געווען קיין קהלישער קאָכלעפל, אָבער זיין וואָרט איז ביי אַלעמען געווען אויטאָריטאַטיוו; נישט מער — יצחק קאַצענעלסאָן האָט זיך נישט געמישט... זיין ענוות איז געווען אַ שורשדיקע, דערפאַר דער גרויסער אָפּשיי פאַר אים.

ער איז געווען דאָס קאַפּריזע קינד פון דער מוזע. באַוויזן זיך ביז גאָר אַ גראָטענער, אַ טאַלאַנטפולער זון פון אַ ייחוסדיקער, לומדישער משפחה, איז מען אים ווי שולדיק געווען אַ קניפּ אין בעקל ווי טייל האָבן אויבנאויפיק געמיינט. אין אמתן איז יצחק געווען ווייט פון אַוועלכן נאַרציסיזם. פאַרקערט, זיין גאַרע באַשיידנקייט האָט פון אים געלויכטן; שעמעוודיק, גלייך ער וואָלט זיך געפילט עפּעס שולדיק, דער גוטהאַרציקער יצחק. אַזוי אין זיין פריִער יוגנט און נישט אַנדערש אין די שפּעטערדיקע יאָרן, ווען שריפטשטעלערישע טריבונעס האָבן געהאַלטן פאַר אַ כּבוד אים צו פאַרבעטן זיך צו באַטייליקן אין זיי ווי אַן אדם־חשוב פון דער ליטעראַטור, סיי אין ייִדיש סיי אין העברעיִש. יאָ, קאַצענעלסאָן איז געווען אַ צוויי־שפּראַכיקער ייִדישער שרייבער, הגם העברעערס האָבן אים באַטראַכט נאָר ווי זייער דיכטער וואָס שאַפט אין הייליקן לשון פונעם פאָלק. נישט מער, קאַצענעלסאָן ווי אַ וואַרעמער ייִד, וויל ער אויך נישט פאַרשעמען די שפּראַך פון המון־עם, ווערדליק זיינע סימפּאַטיקערס האָבן געפרווּט דערקלערן זיין מחברישע נאָענטקייט אויך צום מאַמע־לשון.

ס'איז אָבער געווען ביז גאָר באַשיימפּערלעך אַז קאַצענעלסאָן גופא האָט נישט אָנערקענט די צעצוויטקייט, וועלכע מ'האָט אים געוואָלט צושרייבן. ס'יידישע לשון פון דער מאָסע איז אים אַלץ איינס געווען האַרציק נאָענט. נישט געווען ביי אים קיין פּרינציפּיעלע מחיצה אין דעם זין. ער האָט פּראָסט־פּשוט ליב געהאַט יידיש, גערעדט יידיש אויפן נאַטיר־לעכסטן אופן. אין ביידע שפּראַכן איז ער געשווומען פריי, אָבער פון רעדן יידיש האָט ער בפירוש הנאה געהאַט. און הגם לאָדזש איז נישט געווען אַזאַ ליטעראַטור־צענטער ווי וואַרשע צי ניו־יאָרק, האָט קאַצענעלסאָן אויך נישט געמאַכט קיין אונטערשייד צווישן לאָדזש און — וואַרשע, אויב ס'האָט זיך געהאַנדלט אין פאַרעפנטלעכן זיינע כתבים. אדרבא, אין דעם פּרט האָט ער צוגעטיילט די בכורה זיין לאָדזש. אים איז געווען דער זעלביקער כבוד צו שטעלן זיך אויף איין בריק מיט די לאָדזשער שרייבערס ווי מיט די וואַרשעווער. ס'האָט אַפילו אויסגעזען אַז אים איז ליבער צו זיין צווישן די היימישע, לאָדזשער שרייבערס. דערפאַר טאַקע האָבן אַרום אים זיך געוואַרעמט כמעט אַלע, בפרט די פון דער ליטעראַ־רישער משפּחה. מ'מעג זאָגן, אַז צוליב קאַצענעלסאָנען און בראַדערזאָנען, איז לאָדזש פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ וויכטיקער יידיש־ליטעראַרישער סטאַנציע, אויב נישט אין אַ באַזונדערן צענטער. עס איז געשען דער־עיקרשט אַ דאַנק קאַצענעלסאָנס פּערזענלעכן חן. צו אים האָבן געקלעפּט אַנשי־רוח, אַזוי ווען ער איז נאָך געווען אַ קינד ביי טאַטע־מאַמען אין שטוב און נישט אַנדערש, ווען ער איז געוואָרן אַ ראש־משפּחה, שוין געהאַט אַן אייגענע פאַמיליע־נעסט.

יצחק קאַצענעלסאָנען האָט מען ליב געהאַט נישט נאָר פאַר זיין פּאָעטישער אויסגענומענקייט, נאָר דערהויפּט פאַר זיין אָפנהאַרציקייט און פּשטות. בולטער האָט ער זיך געוויזן ווען ר'האָט זיך געהאַט סטאַ־ביליזירט מיט דער פּרנסה ביי דער זייט פון זיין סימפּאַטישער פרוי מיט די קינדער. קאַצענעלסאָנס הויז איז דעמאָלט געוואָרן אַן אמתער בית וועד לחכמים, פאַר גרויס און קליין פון דעם לאָדזשער יידישן אינטעלעקטועלן און קינסטלערישן עולם. צו יצחקלען האָט מע זיך צוגע־קניפּט, טאַקע צוליב זיין ממש פאָטערלעכער וואַרעמקייט. געווען אַן אַלטער העברעישער מחבר, מאיר פאַנער, אַ דראַמאַטורג, האָט ער ביי קאַצענעלסאָנען געהאַט זיין אייגנטלעכע היים. נישט געווען דער טאָג, קיין פרייער אָוונט אַז דער אַלטער פאַנער זאָל נישט זיצן ביי קאַצענעלסאָנס טיש. און האָט קאַצענעלסאָן זיך דערשלאָגן צו מער בריוחדיקע מעגלעכ־

קייטן (געעפנט זיין פריוואַט־גימנאַזיע אין צענטער שטאָט מיט אַן אייגענעם בנין), ס'איז געווען אין די שפּעטע צוואַנציקער יאָרן, האָט דער מאָלער העגעך באַרטשינסקי, אַ טאַלאַנטפולער אָרעמער קינסטלער, געהאַט אין קאַצענעלסאָנען דעם סטאַבילן געטרייען זאָרגער און פאַרזאָרגער. דער פּאָעט קאַצענעלסאָן איז געווען אַזוי ווייט פאַראינטערעסירט אין דער שאַפערישער הצלחה פון באַרטשינסקין אַז ער האָט פאַר אַ ריי יאָרן אים געשיקט (און אויסגעהאַלטן מיט די עיקרשטע הצטרכותן) קיין דייטשלאַנד אָנצוזאַפּן זיך מיט די זאַפטן פון דער גרויסער קונסט און טאַקע אין איין וועגס אויך שטודירן אין אַן אַקאַדעמיע. שפּעטער, נאָכן צוריקקער פון אויסלאַנד שוין ווי אַן אָנערקענטער קינסטלער, האָט העגעך באַרטשינסקי געהאַט זיין שטענדיקע היים אין קאַצענעלסאָנס הויז.

פאַרן פּאָעט קאַצענעלסאָן איז געווען אַ פרייד ווען ער האָט געקענט עמעצן העלפן, אָנטאָן וועמען אַ תענוג. אַזאַ איז אויך געווען זיין עזר כנגדו, די ליבהאַרציקע חנה, וועלכע האָט דאָס גלייכן זיך אויסגעצייכנט מיט אומגעוויינטלעכער באַשיידנקייט. נישט קיין חידוש דעריבער וואָס יונגוואַרג, וועלכע האָט זיך געשניטן מזכה צו זיין די וועלט מיט ליטעראַרישע אויפטוען, איז געקומען צו יצחק קאַצענעלסאָן ווי צו אַ רבין נאָך סמיכה, אַנדערע נאָך זיין ברכהדיקער מיטהילף צו קענען אַרויסלאָזן אַ נייעם בוך. קאַצענעלסאָן האָט זיך דעריבער אַרויסגעהויבן מיט זיין ציכטיקער אויפריכטיקייט און באַזאַכטקייט — חלילה קיינעם נישט ווי צו טאָן, אויב יענער איז נישט געווען קיין איינגעבעטענער שמעלקע מיטן מלאך וואָס איז ממונה איבערן ציטערדיקן אונץ טאַלאַנט אין הלכות פּראָזע צי פּאָעזיע. יאָ, קאַצענעלסאָן איז אויך געווען אַ געניטער הערער און ר'האָט זיך געפרייט מיט אַ גליקלעכן שפּראָך. אין די שפּעטערדיקע יאָרן האָט ער נאָך אָנגעהאַלטן דעם דרך פון אַ תמים. ר'פלעגט זיך נאָך רייטלען און קווענקלען ווען ער האָט אַ יונגן אַדעפּט פון דער וואָרטשאַפונג געדאַרפט זאָגן נישט אַזאַ גליקלעך וואָרט ווי דער בעל־דבר האָט עס דערוואַרט. אָבער ער'ט זיך שטאַרק געפרייט, ווען ר'האָט אַלעמען געקאָנט אָנזאָגן אַז סע ווייזט זיך „אַ רעכטע כלי". איידלקייט איז געווען אַ הויפּטשטריך פון דעם פּאָעט, וואָס האָט כלפּי אַזעלכע תמיד זיך געוויזן מיט גוטהאַרציקייט און אויך... פאַרדינטן רחמנות. מחמת דעם אַ סענטימענט האָט ער צו מאָל זיך באַצוווּנגען צו עפענען אַ טיר, וואָס אים איז אַפילו נישט געווען ניחא אָנצורירן איר קליאַמקע; אים איז געגאַנגען אין אויספועלן אַ טובה פאַר אַ נויט־

באַדאַרפטיקן. ס'האָט אויך געטראָפן אַז קאַצענעלסאָן האָט זיך געאַמפּערט מיט אַ האַרטנעקיקן פאַרשוין פון וועגן אַן עמעץ וואָס איז אים געווען ליב. נו, אַפילו זיך אויסקריגן, אַבי צו העלפן אַן עלנטן, אומבאַהאָלפענעם, אויב ער גופא איז נישט געווען אין שטאַנד אים אַנטקעגן צו קומען אין דער מאָס ווי עס איז געווען נייטיק.

אַזאַ איז געווען יצחק קאַצענעלסאָן, אַ רך־לב. אָבער קודם־כל איז ער געווען דער גאָט־געבענטשטער פּאָעט. אויך אין זיין טאָג־טעגלעכקייט, אינעם קנעלן מעשה לערער, איז ער געווען דער פיינפילנדיקער, ליבער פּאָעט און וואַרעמער ייִד. אַזוי אין ציטן וואָס האָבן געשאָנקען מילדע הימלען איבערן קאָפּ און נישט אַנדערש בעת אומוועטערס וואָס האָבן זיך דורכגעטראָגן איבער ייִדישע נעסטן. קאַצענעלסאָן האָט דאָס צום בולטסטן דאָקומענטירט מיט זיין ממש אויסגעווייטיקטן ליטעראַרישן שאַפן בעת דער קאַטאַסטראָפע, וועלכע האָט זיך דורכגעשטורעמט איבער דער נייסטער ייִדישע געשיכטע וואָס אונטערן צייכן פון דעם שענדלעכן פאַרדאַרבער פונעם יאָרהונדערט, פון היטלערן און זיין כנופיא טמאים.

ב

קאַצענעלסאָן איז געווען אין לאָדזשער ייִשוב ווי איינער פון זיינע גערעכנסטע זין. כאָטש אַ ילוד קאַרעליץ, פון וואַנען טאַטע־מאַמע האָבן אים געבראַכט אַ יונגיטשקן אין פּוילישן מאַנטשעסטער, איז יצחק קאַצענעלסאָן מיט דער צייט געוואָרן אַליין „אַ שטיק ייִדיש לאָדזש", אָרגאַניש אַריינגעוואַקסן אינעם ייִשוב. ייִדן האָבן אים געפּיעסטשעט, מסתמאָ דערפאַר וואָס כאָטש ער איז געקומען פון אַן אַנדערער לאַנד־שאַפט, פון אַ מער געלאַסענעם לעבנסטיל, האָט ער, דער פּאָעט, גיך פאַראייגנט דעם ספּעציפיש לאָדזשערישן סאָציאַלן קלימאַט, געשלאָגן וואָרצלען אין דער נייער סביבה פון וואָל, ביינוול און וויגאַניע; אָבער זי איז אויך געווען סכנות להוט די גייסטיקע אצילות וואָס אַזאַ ווי קאַצענעלסאָן האָט אַלע מאָל אַריינגעבראַכט, אַן אָפּגעפרישטע, מיט זיין גיין און שטיין.

ווען בראַדערזאָן איז אויפגעגאַנגען אויפן לאָדזשער ברוק ווי אַ שטיק צפונדיקע עקזאָטיק מיט באַקנבערד און מיט דער לאַנגער רוסישער בעקעשע, אַן ארומגעצוימטע מיט אַ ברייטער פוטערנער קרייקע, און דער עיקר, מיט דער העזהדיקער דיכטערישער נייקייט — איז קאַצענעלסאָן שוין געווען אַן אַנגעזעענער העברעיִש־ייִדישער פּאָעט און אויך אַ

דראַמאַטורג וואָס זיין פּיעסע איז מיט הצלחה אויפגעפירט געוואָרן אין ייִדישן טעאַטער. עס איז געווען די דראַמע „קאַריקאַטורן" וואָס האָט דעם מחבר פאַרשאַפט פּאָפּולאַריטעט. בראָדערזאָן האָט דעמאָלט, מעשה־גרינער געדאַרפט אָנהייבן פון דאָס ניי. ער האָט באַדאַרפט זיך איינהיימישן אין לאָדזש ווי אין פּוילן בכלל, הגם ר׳האָט אין אויפגעברויזטן רוסלאַנד שוין געהאַט דערגרייכט אַ געוויסן פּירסום. אין מאָסקווע זענען אַרויסגעגעבן געוואָרן עטלעכע שאַפונגען זיינע אין בוכפאָרעם, אָבער אין לאָדזש איז אים נאָך פירגעשטאַנען זיך צו לעגיטימירן מיטן דיכטערישן כוח. קאַצענעלסאָן וואָס איז שוין געווען אַ ליטעראַרישע פּאָזיציע, האָט חבריש אויסגעשטרעקט אַ פריינדלעכע האַנט דעם ניי־אָנגעקומענעם. פון וועגן בראָדערזאָנען האָט ער נעמלעך אָראַנזשירט עפנטלעכע שותפותדיקע אַרויסטריטן, צו וועלכע ס׳איז געקומען אָן עולם הערן און זען וואָס די פּאָעטן האָבן צו זאָגן. און זיי האָבן טאַקע געלאָזט זיך הערן. די אַרויסטרעטונגען האָבן עושה־רושם געווען, צום מערסטן טאַקע צוליב קאַצענעלסאָנען דעם היימישן, וועלכער האָט געוועקט דעם בייגער צו בראָדערזאָנען מיט זיין באַזונדערקייט, וועלכער איז אגב מחוץ זיין אָריגינעלן דיכטערישן טאַלאַנט אויך געווען באַשאָנקען מיט דער פעיִקייט געשמאַק פירצולייענען די נישט לייכטע עברי פון זיין גאָרנישט גלאַטינקער פּאָעזיע אין אַ נייעם ייִדיש. אָבער בראָדערזאָן האָט פּאַוואָליע זיך „אַריינגעאַרבעט" אויך מיט זיינע אינדיווידועלע מינדלעכע אַרויסטרעטונגען און איז טאַקע געוואָרן אַ נישט זעלטענער יוצא־ונכנס אין דער געזעל־שאַפטלעכקייט, וועלכע איז אין יענער צייט געווען ביז גאָר רירעוודיק אין שטח פון קולטור־פאַרשפּרייטונג צווישן ייִדן. געווען אָפטע פרייטיק־צונאַכטסן, שבייסצונאַכטסן אין די אַרבעטער־קלובן פון די פּועלי־ציון, פון די בונדיסטן, פון די האַנטווערקערס ווי פון „הזמיר" אָדער אין די ייִדישע ביבליאָטעקן פון די באַזונדערע ייִדישע סאָציאַליסטישע באַוועגונגען. בראָדערזאָן, אויך קאַצענעלסאָן, צו גלייך מיט אַנדערע שרייבערס האָבן עפּטערס זיך געלאָזט הערן ביי די דאָזיקע קולטור־אימפּרעזעס. ס׳איז געווען דער אויסדרוק פונעם דערוואַכטן קולטור־הונגער נאָך די לאַנגע מלחמה־יאָרן. קאַצענעלסאָן האָט באַטייטיק בייגעשטייערט צום דאָזיקן איינוואָרצלען זיך פון בראָדערזאָנען. וואָרן קאַצענעלסאָן האָט גרינג זיך פאַרחברט מיטן ברייטן עולם.

נאָכן הצלחהדיקן אויפפירן זיין ערשטע ייִדישע פּיעסע „קאַריקאַטורן" האָט ער אָנגעשריבן אַ צווייטע פּיעסע א״ט „פּאַטימאַ" — אויך אין

יידיש — אָבער נישט אָפּט איז גרינג צוצוקומען צום טעאַטער־עולם, ווידער אויפפירן אַ ווערק אויף אַ העברעיִשער בינע האָט כלל נישט געקענט זיין קיין רייד; אַזוינס איז נאָך נישט געווען, סיידן פּרווון. האָט דערפאַר קאַצענעלסאָן בעיקר זיך קונה־שם געווען ווי אַ פּאָעט, אין תחילת נאָר ווי אַ העברעיִשער פּאָעט, אָבער ער איז גיך אַריבער אויך צו יידיש. שפּראַכלעך בונט און געמיטלעך ליריש, האָבן געמיניעט זיינע פערזן וואָס האָבן אָפּגעגעבן מיט אַ זיסלעכער בענקשאַפט און דינעם טרויער.

כּפי זיין נאַטור האָט דער דיכטער אין קאַצענעלסאָנען זיך באַוועגט אונטער כּלערליי שטימונגען, לייכט זיך אויפגעהויבן אונטער עמאָציעס און בכלל געשוועבט איבער די גראַדועלע שטאַפּלען פון פּאַטעטיק. ס׳איז געווען אונטער דעם ווירקעוודיקן רושם פון דער ביאַליקיאַדע, וועלכע האָט דיכטעריש פאַרכאַפּט יענעם דור מיט זיין אויפטרייסלענדיקן נוסח פון דער „שחיטה־שטאָט“, „מתי מידבר“. אָבער קאַצענעלסאָן איז געבענטשט געוואָרן מיט דער אייגנשאַפט טעמפּעראַמענטפול אויפצופלאַמען אָדער אויסגיסן די נשמה לדוגמא ווי ס׳זענען ביאַליקס שירי חורף, אין וועלכע די נאַטור רעדט מיט דער שפּראַך פון דער פונאַנדערגעפּראַלטער מענטשלעכער סענסיבילקייט. באַזונדערש האָבן קאַצענעלסאָנס שאַפערישן דמיון געקרעגט תנ״כישע לאַנדשאַפטן און געשטאַלטן; זיין האַרץ האָט, פּלאַסטיש זיך אויסגעדריקט, פאַרנומען ביבלישע ווייטקייטן, וואָס זענען אים מיט אַ מאָל געוואָרן נאָענט, גלייך ער וואָלט אָט אָ זיך אַריינגעלעבט אין יענער ווייטער אַטמאָספערע. קאַצענעלסאָן איז געוואָרן אייגן אויך דעם לייענער אַ דאַנק זיין טאַלאַנט פאַר קינסטלערישער הסברה פון די בילדער און געדאַנקען, וואָס זיין מוזע האָט אַרויסגעבראַכט. ווי אַ קינד האָט קאַצענעלסאָן זיך פאַרשפּילט מיט דער מוזיק פון פאַרביקן פּאָעטישן אויסדרוק און שפּילנדיק זיך, אויב מ׳מעג אַזוי זאָגן, האָט ער געטרוימט זיינע אייגענע נאַציאָנאַלע טרוימען. געפירט פונעם דאַרשטיקן אינטעלעקט האָט דער דיכטער געוועבט זיינע מאָטיוון פון דער טריבער קעגנוואָרט און אויך בענקשאַפטלעך זיך באַוועגט איבער די פּליינען פון געשיכטלעכע געשעענישן.

דמיונותדיק זיך געטובלט אין נישט־דאַיִקע קוואַלן, האָט פון דעסט־וועגן פון קאַצענעלסאָנען אַרויסגעלויכטן דער גייסט־מענטש און דער גרויסער פּשטן. עברית און יידיש ווי אינסטרומענטן פון זיין שאַפערישן געוועב זענען אים געווען נאָענט שוין אין זיינע אָנהייב־עטאַפּן. דער

דאָזיקער שטריך טויכט אַרויס בולט פון זיין פּאָעטישער מי צו גלייך מיט דער וואָרצלדיקער יידישקייט וואָס איז מיט אים מיטגעקומען פון זיין היים, דעם הויז פון ר׳ בנימין, דעם קאַרעליצער בר־אוריין, וועלכער פלעגט אַליין אויך זינדיקן מיט מחברשאַפט אין לשון־קודש, הגם אין שטוב האָט מע זיך געפירט פשוט יידישלעך און גערעדט מאַמע־לשון. אגב איז נישט אויסן וועג מוסיף צו זיין אַז דער פּיאָניר פון מאָדערנעם ארץ־ישׂראל, בערל קאַצענעלסאָן ז״ל, קומט אַרויס פון דעם זעלביקן שטאַם. דער פּאָעט יצחק קאַצענעלסאָן איז געווען אַ לייבלעך שוועסטער־קינד פון בערלען, דעם שיינדל פון דער ארץ־ישׂראלדיקער אַרבעטער־שאַפט.

פאָלקיש יידיש ווי עמך טוט, רעדט און טראַכט, איז העברעיש פּונקט אַזוי געווען אייגן קאַצענעלסאָנען פון זיין סאַמע שרייבערישן בראשית אָן. אלא אין יענע פריִע יאָרן האָט קאַצענעלסאָן פון פּרנסה וועגן אויך זיך פאַרנומען מיט צונויפשטעלן יידישע און העבעריִישע כרעסטאָמאַטיעס פאַר בתי־חינוך. טאַקע פון דעמאָלט, ווען ר׳האָט זיך אוממיטלדיק באַגעגנט מיט די גייסטיקע באַדאַרפטיקייטן פון עמך, האָט ביי יצחק קאַצענעלסאָנען דעם העברעער גענומען ממש אַן אויבן־אָן דאָס לשון פון דער מאַסע. און יידיש איז עד סופו געבליבן דאָס ילד השעשועים פון זיין שאַפערישער וועלט.

עס איז באמת כאַראַקטעריסטיש די עוואָלוציע פון קאַצענעלסאָנס אַריבערגיין — אין זיינע מערסטע ווערק — פון העברעיִש צו יידיש. ס׳איז אַן איבערטרייבונג דער פּועל־יוצא פון דער טיפער צוגעבונדנקייט פונעם העברעיִסט קאַצענעלסאָן צו דער גייסטיקייט פון דער פאָלקס־מחנה וואָס האָט דערהויפּט געאָטעמט מיטן לשון יידיש.

ג

אָנגעהויבן האָט זיך ביי אים דער דאָזיקער פּראָצעס — פון כמעט דורכויסיקן אַריבערגיין צו יידיש — אין די שפּעטע צוואַנציקער יאָרן. יצחק קאַצענעלסאָן, דעמאָלט שוין אַ ביסל פאַרמעגלעך אַ דאַנק זיין הצלחהדיקן וועג ווי אַ העברעיִשער פּעדאַגאָג מיט אַן אייגענער שול, האָט זיך אַרויסגעלאָזן אויף אַ לענגערער נסיעה קיין ארץ־ישׂראל און זיינע רייזע־בילדער האָט ער פאַרעפנטלעכט קודם כל אין יידיש (אין „לאָדזער טאָגעבלאַט״), הגם ער האָט געהאַט די מעגלעכקייט אײנצייטיק צו דרוקן זיינע וועג־שילדערונגען אויך אין דער העברעיִשער טאָגצייטונג „היום״

וואָס איז גראַד אַרויס אין וואַרשע. אים איז אָבער געווען נשמהדיק מער ניחא צו רעדן דירעקט צום יִידיש לייענער, כדי אים אויף זיין אופן דערנענטערן צו דער דורותדיקער ציון־בענקשאַפט. קאַצענעלסאָנס וועג־שילדערונגען זענען געווען באַגייסטערטע בריוו פון אַ טאַלאַנטפולן דיכטער, וועלכער האָט בכל נפשו זיך געצויגן צום הייליקן לאַנד, פון וועלכן די באַרבאַרן האָבן אונדז פאַרטריבן, עס פאַרוויסט און פאַרשוועכט ירושלים עיר הקודש.

יצחק קאַצענעלסאָן האָט ליב געהאַט אהבת־נפש די יִידיש פאָלקס־מאַסע, געפרייט זיך ביינאַנד מיט איר אויב אַזאַ געלעגנהייט איז געווען, נישט קיין חילוק צו די יִידן זענען ציוניסטן, פאָלקיסטן, בונדיסטן אָדער אָרטאָדאָקסן. און ער האָט זיך קראַפטיק־זאַפטיק אויסגעדריקט אין אַלטעגלעכן לשון פון די דאָזיקע יִידן, באַמיט זיך צו דערהייבן זייער געמיט. ניי פאַר זיין אויג און קאָלירדייך ווי עס זענען די פעלקער און לענדער, וועלכע קאַצענעלסאָן האָט געזען בעת דער נסיעה, אַזוי קערנדיק און בילדעריש איז געווען דער יִידיש פון זיינע באַשרייבונגען. פון די שמאָלע בלעטלעך, אָנגעפּיקעוועטע מיט דריבנינקן, לויטערן כתב, האָט מיט ליכטיקן מאַמע־לשון אַרויסגעקוואָלן דאָס גרויסע דיכטערישע האַרץ פון קאַצענעלסאָנען. איטלעך קאַפּיטל פון די דאָזיקע וועג־שילדערונגען איז געווען אַ ניי־אַנטפּלעקטער אַנטיקער פּרק פון אַן ערגעץ פאַרגעסענער יִידישער עדה געזען פון אַ פאָלק־געטרייען פּאָעט און אָפּגעמאָסטן, אָפּגעשאַצט פון אַ בעל־מוח וואָס ציטערט איבער יעדער זעלטנקייט וואָס האָט זיך דאָ און דאָרט פאַרוואַלגערט אויף די אומוועגן פון זיין צעשפּרייטער אומה. דער בריוו „דער וועג קיין ברינדיזי" בלענדט נאָך היינט אין אונדזער געדעכעניש ווי אַן איידלשטיין פון קאַצענעלסאָנס פּאָעטישן סטיל און האַרציקער וואַרעמקייט. צו העברעיִש פלעגט דער דיכטער דעמאָלט זיך צוריקקערן זעלטענער, גלייך ער וואָלט זיך גראַד דערמאָנען אין עפּעס פאַרגעסנס וואָס אים איז באַענגט. פון יעדער שורה זיינער האָט זיך אַרויסגעשפּירט אַז יִידיש איז נשמהדיק אייגן זיין מוזע, אלאָ העברעיִש איז אים ליב מחמת דער דערציִונג וואָס באַקומען אין דער משכיליש־למדנישער היים. העברעיִש איז געווען אַריין אין זיין רגילות, אָבער יִידיש האָט ער ליב געהאַט ווי אַ לייבלעך קינד; אין מאַמע־לשון האָט קראַפטיק געדרייעט זיין קינסטלערישער כוח, בפרט אין די שפּעטערע יאָרן. אין די סוף צוואַנציקער־און־דרייסיקער־יאָרן האָט אין זיין שאַפן יִידיש זיך בולטער פאַראַנקערט, אין קעגנזאַץ צו דער נטיה

פון די פריִערדיקע יאָרן, ווען קאַצענעלסאָן האָט זיך מערער אָפּגעגעבן דער שאַפונג אין העברעיִש, אין וועלכער ער האָט דערגרייכט אַן ערנסטע פּאָזיציע שוין מיט זיינע שטימונג־לידער „דמדומים״. אין זיי האָט באַזונדער זיך דורכגעשלאָגן די נייגונג צו עלעגישקייט, וואָס האָט זיך אַריבערגעטראָגן אויך אין זיין ייִדיש־שאַפונג און זיך דערשלאָגן צו אַ הויכפּונקט אין דעם ליד „די זון פאַרגייט אין פלאַמען״, וואָס איז געוואָרן ברייט באַוווּסט און געזונגען אין פאָלק.

בעצם איז יצחק קאַצענעלסאָן ווי אַ העברעיִש־דיכטער אַנגעגאַנגען ווי אַ לעבנס־לוסטיקער, צו מאָל אַ שטיפערישער. אויב ס'האָט זיך דאָך דורכגעריסן אַ טאָן פון רעזיגנאַציע, איז עס געווען דער פּועל־יוצא פון די ייִדישע לעבנס־תנאים, ס'הייסט — די באַדרענגעניש פון אַ... פאַרגייִקער שטימונג. דער טרויער איז געווען קאַצענעלסאָנס צינדז פאַר דער צייט, ממילא אַן אויסדרוק דערפון וואָס דער דיכטער האָט זיך „נישט געקענט תקיפן מיט דער ייִדישער טראַגעדיע״, ווי ס'האָט אים טרעפלעך כאַראַקטעריזירט אַן אַנאַליטיקער פון דער העברעיִשער פּאָעזיע. דערויף זאָגט אגב עדות קאַצענעלסאָנס אַט דער סטראָף:

> נישט פרעג מיך: פאַר וואָס איך טו זעלטן אַ שמייכל,
> פאַר וואָס איז ביי מיר אַ צעקנייטשטער שטערן
> און ס'ווערט אַלץ בלייכער און בלאַסער דאָס פּנים?
> נישט פרעג, וואָס איך קען נישט קיין אַנדערער ווערן!
> דו פרעג בעסער, ברודער, פאַר וואָס ס'איז אין מיר נאָך
> פאַראַנען אַ פונק פון געפיל און בטחון,
> פאַר וואָס ס'איז נאָך אָפן דער קוואַל פון די טרערן,
> פאַר וואָס ווערט דאָס האַרץ אין גאַנצן צעבראָכן?!
>
> (ייִדיש: מרדכי יפה)

און כאָטש ער איז לפי זיין גייסטיקער קאָנסטיטוציע אַנגעגאַנגען אין העברעיִש ווי אַ שטיפערישער פּאָעט, באַזונדערש אין זיין פריִער יוגנט, האָבן אין זיינע שפּעטערדיקע לידער ברייט זיך דורכגעשניטן אַ וועג טרויער־מאָטיוון. צו מאָל האָט ער פאַר אַ צייט זיך געחתמעט אין צייטונגס־פעליעטאָנען מיטן פּסיידאָנים יצחק בכין, יצחק דער ווײַנער. דערפון איז צו דרינגען אַז קאַצענעלסאָן איז אין זיין ייִדיש־שאַפונג אין כלל גענומען געווען אַ פאַרשיידן אַנדערער. און אפשר דערפאַר, ווייל אין ייִדיש האָט ער זיך געשפּירט מער פריי, רייכער אין אויסדרוק־מיטלען, ווייל אוממיטלדיק טיפער באַווירקט פון לעבעדיקן לעבן. אויך ייִדיש האָבן אפילו עכט וואָרצלדיק אָפּגעקלונגען זיינע פּאָעטישע

אימפראָוויזאַציעס, וועלכע ער האָט אין אַן אינדיווידועלן דיכטערישן פאַרמעסט (מסתמא מחמת קאַפּריז) — ס׳איז געשען אַ מאָל אַזוינס אין אַ נאָווינע — ביינאַנד מיט משה בראָדערזאָנען. ס׳איז געווען אין די צוואַנציקער יאָרן, ווען ביידע פּאָעטן האָבן איינצייטיק אָנגעשריבן אַ ציקל לידער אויף די זעלביקע מאָטיוון, געשאַפן עקספּראָמט. ביידע פּאָעטן האָבן דאָס געדעטעניש פון זייער שעפערישן פאַרמעסט פאַרעפנטלעכט אין ב. קאַרלינגיוסעס זשורנאַל „אילוסטרירטע וועלט“, אַן ערנסטע ליטעראַרישע שריפט וואָס האָט זיך באַוויזן אין וואַרשע אין די אָנהייב צוואַנציקער יאָרן, ווו אַפילו דוד בערגעלסאָן האָט ערשטמאָליק פאַרעפנטלעכט זיינע אַ גרעסערע נאָוועלע א״ט אין פּאַרטונקלטע צייטן.

די טעמע פון ליבע, בענקשאַפט, פרוי און נאַטור האָט זיך מיט דיכטערישער גראַציע פונאַנדערגעוויכטן אין די דאָזיקע אימפּראָוויזאַציעס פון די ביידע ייִדיש־פּאָעטן. וואָס פאַר אַ שעפערישע חנען און שפּראַכלעכע נייקייטן אין ייִדיש יצחק קאַצענעלסאָן דער העברעער האָט אַנטפּלעקט אויך אין דאָזיקן לידער־פאַרמעסט מיט זיין מייסטערישן צד שכנגד! און מ׳באַדאַרף נישט פאַרגעסן אַז די ביידע פּראָמינענטע ייִדיש־דיכטערס האָבן די לידער־ציקלען אָנגעשריבן „על עיני כל הקהל!“

אַזאַ, אַ דיכטער אויך אין ייִדיש־לשון, איז יצחק קאַצענעלסאָן געווען און געבליבן ביזן סוף פון זיינע טעג, ווען ער איז פונעם גורל פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַן איוב פון אונדזער דור, וועלכער איז אַריינגעטריבן געוואָרן אין די בראַנדן פון איבערמענטשלעכע נסיונות. אומפאַרגעסלעך זענען די ייִדישע ווערק, וואָס ער האָט געשאַפן אין סאַמע חורבן, געשאַפן בתוך עמו, ווען ער גופא איז געווען אין פיינלעכסטן קלעם.

ד

אמת, דאָס איז שוין געווען ביים סוף פונעם גרויסן ייִדישן לעבן אין פּוילישן צענטער, ווען יצחק קאַצענעלסאָן האָט אין אָנבליק פון אכזריותדיקן טויט, אָנגעשריבן זיינע בלוט־טריפנדיקע מגילות: „דאָס ליד פון אויסגעהרגעטן ייִדישן פאָלק“, זיינע צאַרן און קללה־לידער ווי אויך די דראַמע אין ייִדיש־לשון „על נהרות בבל“. אלא דאָ באַדאַרף מע נאָך שטעלן דעם טראָפּ דערויף אַז במשך זיין גאַנצן דיכטערישן וועג איז קאַצענעלסאָן, נישט געקוקט אויף זיין בטחונדיקן געמיט וואָס אַרויסגעוויזן פון מאָל צו מאָל, ערגעץ טיף אין זיך איז ער געווען באַהערשט פון אַ סקעפּטיציזם וואָס האָט ווי אַ טונקל שטרעמל געריזלט אונטער דער

הויט פון זיין לעבנסגיר. אויבנאויפיק האָט זיין וואָרט געגליט מיט ליבשאַפט צום מיטמענטש; זיינע ריטמען האָבן מוזיקאַליש געשלאָגן מיט אַ וואַרעמען אימפּעט; די אייביקע באַנייונג פון דער נאַטור איז געווען דער מעדיום פון זיין בענקשאַפט צו יושר לגבי גאָטס באַשאַף אונטער די בלאָע הימלען. צו מאָל גייסטיק זיך געטובלט אין נישט־דאַיִקע עולמות, האָט דער פשטן קאַצענעלסאָן תמיד אַרויסגעלויכטן פון אים. נו, אין באַציִונג צו מענטשן האָט ער אָפט אַרויסגעוויזן אַן אוצר פון חסידישער התלהבות. זען קאַצענעלסאָנען אַ באַגייסטערטן פון אַ שיינעם אויפטו, פון עמעצנס אַ גוטער שורה, אַ געראָטענעם בוך, האָט נישט געהערט צו די זעלטנקייטן. באַזונדערש האָט פון אים געשטראַלט ליבשאַפט צו תלמידי־חכמים, צו קינסטלערס. און ביי אים איז געווען אַן אמתדיקע שמחה אַז עס איז צוגעקומען אַ נייער יִדישער שרייבער. אַזעלכן האָט ער געזוכט צו סטימולירן בכל אופנים, אים שוין נישט אַרויסגעלאָזט פון אויג; אַרום אַזעלכן האָט ער זיך באַמיט צו שאַפן אַ גינציקע אַטמאָספער. אַ יונג געוויקס באַדאַרף האָבן ליכט און וואַרעמקייט, און קאַצענעלסאָן פלעגט זיך אַפילו אויסדינגען פאַר אַזוינעם.

מישאַ טראַיאַנאָוו, אַ דיכטערישער שפּראָץ פון גרויסשטאָטישן עלנט, האָט אין יצחק קאַצענעלסאָנען געפונען אַ שטאַרקן מאָראַלישן און אויך מאַטעריעלן אָנשפּאַר. דער באַוווסטער פּאָעט, וואָס האָט געמוזט רוטינער זיין אַריינגעטאָן אין די ענינים פון זיין פונאַנדערגעוואַקסענער שול, האָט אָפּגעשפּאָרט פון זיין טייערער צייט, כדי צו פאַרזאָרגן מיטן נייטיקסטן דעם טאַלאַנטירטן קליינשטעטלדיקן בחור, וואָס איז אַ שעמעוודיקער געקומען אין דער גרויסשטאָט זוכן שרייבערישן תכלית. יצחקל האָט געוואָסן פון גרויסן אָנזען, און ווו ער איז געקומען מאָנען, האָט ער אויס־געפועלט פאַרן נצרך, דעם יונגן פּאָעט. קאַצענעלסאָן פלעגט נישט בעטן, נאָר מאָנען, מחמת ער אַליין האָט אויך נישט געשפּאָרט פון זיינע מיטלען. אַזוי פלעגט ער בסתר מאַטעריעל אונטערהאַלטן דעם באַאָרטן העברעִישן שריפטשטעלער מאיר פאַנער, אַפילו געהאָלפן אַרויסלאָזן זיינע אַ דראַמע. אויך דער אָנגעזעענער פאָרשער ד״ר א. ש. קאַמיענעצקי האָט געהערט צו די שטענדיקע טישזיצערס ביי קאַצענעלסאָנען. און דער מכניס־אורחדיקער בעל־הבית האָט געשפּריט געמיטלעכקייט אַרום זיינע מענטשן. דער צוגעלאָזענער יצחק קאַצענעלסאָן איז געווען מלא־כעס, אַפילו זיך נישט געשעמט צו שטראָפן, אויב עמעצער האָט אַרונטערגעריסן די חשיבות פון אַ כלל־זאַך אָדער פאַרלעצט דעם כבוד פון אַ יחיד.

אַליין איז ער געווען אַ ציוניסט, אים האָבן אָבער ליב געהאַט אויך בונדיסטן, פּועלי־ציוניסטן, און די ליבע איז געווען אַ קעגנזייטיקע. מ׳האָט יצחקן געשעצט. אין אַלעמען האָט ער געפונען אַ ניצוץ שיינקייט, אַ שטיק מענטשלעכקייט. אידעאָלאָגישע סימפּאַטיעס האָבן נישט דעצידירט אויף דער באַציִונג פון קאַצענעלסאָנען צו מענטשן. דעם העברעיִש־ייִדישן דיכטער איז געווען ליב און נאָענט די פּערזענלעכקייט פון ישׂראל ליכטענשטיינען, דעם אָנגעזעענעם בונדישן פירער פון לאָדזש. קאַצענעלסאָן האָט זיך פּאַסמאַקעוועט מיט ליכטענשטיינס עפּנטלעכע לעקציעס וועגן פּרצן אָדער ראַבינדראַנאַט טאַגאָרע, וועלכע דער בונדיסט האָט געהאַלטן אין דעם גרויסן פילהאַרמאָניע־זאַל, מחמת ליכטענשטיינס אַ לעקציע האָט תמיד צוגעצויגן אַ ריזיקן עולם. קאַצענעלסאָנען האָט אויך אונטערגעקויפט די קרישטאָלענע אָרנטלעכקייט פון דעם לינקן פּויעלי־ציוניסטישן מנהיג מוליע עדלמאַן. ייִדן, ייִדיש פאָלק איז ביים דיכטער געווען דער העכסטער באַגריף, וואָס האָט באַשטימט זיינע מענטשלעכע סימפּאַטיעס. דער ייִדישער קינסטלער איז דער צום מערסטן באַוואָלהטער מצד דער געזעלשאַפט, פאַר אים באַדאַרף מען זיך אייפעריק אָננעמען — דאָס איז געווען קאַצענעלסאָנס אַן אַקסיאָם. ער האָט סכנות ליב געהאַט אַן עכטן טאַלאַנט, אַלץ איינס צי ער איז געווען אַ שרייבער אָדער מאָלער. און איז קאַצענעלסאָן געקומען צו אַ באַשיידענעם פאַרמעגן פון זיין לערעריי, האָבן ייִדישע קינסטלערס געהאַט ביי אים אַן אָפענע טיר. קאַצענעלסאָנס הויז איז פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ סטאַבילער אויסשטעלונג פון ייִדישע מאָלערס. איטשל ברוינער, יאַנקל אַדלער, נתן שפּיגל, טוביה האַבער, אהרון האַבער, ישׂראל לייזע־ראָוויטש, אַדאַם הערשאַפט, הירשפאַנג, הענעך כיימאָוויטש, הענעך באַר־טשינסקי און אַנדערע האָבן מאָלעריש אַראָפּגערעדט פון קאַצענעלסאָנס ווענט. נאַט אייך, קינדערלעך; ס׳געלט איז נישט מיינס, גענייסט, שאַפט! — האָט עס געקענט הייסן אין לשון פון קאַצענעלסאָנס באַציִונג צו די קינסטלערס. נישט מחמת פּזרנות איז געווען קאַצענעלסאָנס געלט־געבן פאַר די ווערק פון די פּלאַסטיקערס; ס׳איז געווען אַזאַ פאָטערלעכע זאָרג פאַר דעם קינסטלערס שאַפן און די ליבשאַפט צו די שאַפערס. און כדי נישט צו נעמען ס׳געלט ווי נדבות, האָבן די מאָלערס גערן באַהאָנגען אַלע ווענט פון קאַצענעלסאָנס הויז מיט בילדער, פּייסאַזשן, צייכענונגען, אַקוואַרעלן, שטודיעס, פּאָרטרעטן, עטיודן. האָט עמעצער געדאַרפט עפענען אַן אייגענע אויסשטעלונג, האָט יצחק ווי אַ געטרייער פאָטער אַראָפּגענומען פון זיינע ווענט די שענסטע פּייסאַזשן, די וווּנדערלעכסטע צייכענונגען,

די גרעסטנסטע אַקוואַרעלן און פּאָרטרעטן: נעמט, באַוויזט זיך פאַרן עולם, טייערע. זאָלן לייט זיך לערנען די חכמה פון שיינקייט. און ער גופא, דער פּאָעט קאַצענעלסאָן, איז געווען אַ מבין. ער האָט אויך אָרגאַניזירט די עפנטלעכע מיינונג לטובת די באַטרעפנדיקע קינסטלערס, געבראַכט אין סאַלאָן אַריין די באַרופענע קריטיקערס. ער פלעגט אויך אייגנוויליק אונטערוואַרעמען גבירים זיי זאָלן באַשיינען זייערע גרויסע דירות מיט ווערק פון ייִדישע פּלאַסטיקערס. „מיר האָבן גאָר וואַזשנע קינסטלערס, פלעגן זיך צעבלישטשען זיינע אויגן: ביי די גויים וואָלט מען אַזעלכע געטראָגן אויף די הענט. מלוכישע מוזייען וואָלטן ברייט צעעפנט די טירן פאַר זייערע בילדער!” פון צווישן די פּלאַסטיקערס איז געווען, ווי שוין געזאָגט, קאַצענעלסאָנס „שוואַכקייט”, דער פיינער מאָלער הענעך באַר־טשינסקי. באַרטשינסקיס ווערק האָבן פאַרכאַפּט אַ סך ווענט פון קאַצענעל־סאָנס געראַמער וווינונג, פון זיין שרייבצימער, אויך פון דעם קינדער־צימער. אין באַרטשינסקין האָט קאַצענעלסאָן געפונען אַן אמתדיקן דיכטער פון פּענדזל. פון דאָזיקן יונגנמאַן האָט יצחק געוואָלט דערלעבן נחת ווי פון אַן אייגן קינד. דער בלאָנדער באַרטשינסקי איז אָבער געווען געשטראָפט מיט דער קרענק פונעם קינסטלערשטאַם — מאַטעריעל אומבאַהאָלפן, זייער אָרעם און זיך נישט אויסגעטויגט צו פאַרקויפן זיינע גראַטענע לייוונטן. קאַצענעלסאָן האָט אין זיין הויז באַשטימט באַרטשינסקיס באַ־שטענדיקע היים; געגעסן מיט אים ביים היימישן טיש. ווי אַ טאַטע האָט קאַצענעלסאָן געטאָן אַלץ אויף אונטערצוהאַלטן דעם קינסטלער.

ה

דאָס ביז דאָ געזאָגטע איז שייך דעם פּאָרטרעט פון יצחק קאַצענעל־סאָנען דעם אויסנעמלעך־איידעלן מענטש. יצחק קאַצענעלסאָן איז אָבער געווען דערעיקרשט אַ פּאָעט און דער פּאָעט האָט פולקום דערגאַנצט קאַצענעלסאָנען דעם פיינפילנדיקן מענטשנפריינד, דעם ליבהאָבער פון ייִדישער קונסט און קינסטלערס. עס איז נישט געווען קיין דיסהאַרמאָניע צווישן די ביידע קאַצענעלסאָנס. ערשט לאָמיר אַריינקוקן אין פּנים פון קאַצענעלסאָנען דעם דיכטער, וועלכער האָט געדינט דער פּאָעזיע בערך פערציק יאָר! דער פּאָעט קאַצענעלסאָן האָט שאַפעריש זיך אויסגעשפּרייט אין פאַרשיידענע שטראָמען: אין ליד, אין פּאָעמע, אין דראַמע, אין עסיי. און איבער אַלע שטראָמען האָט דאָמינירט די לירישע גאַמע. אים איז אויך געווען נאָענט דאָס קינדערליד. קאַצענעלסאָן האָט אַזוי צו זאָגן

געווייכט פון דער פּראָבלעמען־דיכטונג, הגם דער ייִדישער ווי וואָס האָט אַרויסגערופן אויף דער אייבערפלאַך פּראָבלעמען פון דער ייִדישער ספּעציפיק, האָט דאָ און דאָרט אויף אים גופא געמאַכט אַן אָנגרייף. דער הויפּטשטריך וואָס האָט מכריע געווען איבער זיין שאַפן איז — די באַזיניקטע שטימונג. קלאָר, די שטימונג האָט דעם דיכטער געפירט צו דמיונות, צו וויזיעס, ממילא צו דער אויספורעמונג פון זיין בולטן וועלטבאַנעם. כאַראַקטעריסטיש פאַר קאַצענעלסאָנס סוביעקטיוון געזאַנג זענען צו מאָל זיינע ים־לידער.

„דו זאָגסט: דער ים צעשיידט, / איך זאָג: דער ים פאַרבינדט; / זיין תהום איז טאַקע טיף / און שטאַרק, אָ, שטאַרק זיין ווינט. / ווערסט אָבער ריין ווי ער, / ווי זיינע ווינטן פריי, / דער ים, דער ווינט און דו — / איר זענט צוזאַמען דריי. / דער ים איז פול און ס׳רעדט און ס׳שרייט פון אים אַרויס: / עס קען נישט שטומען דער / ווער פול איז, טיף און גרויס. / דער ים רייסט אויף דיין אויג / און האָט דיין בליק באַפרייט. / קוק אָן די וועלט! — דער ים / ער לערנט קוקן ווייט. / דו זאָגסט: דער ים צעשיידט, / איך זאָג: אַז ער פאַרבינדט. / ער רייסט מיך אָפּ פון דיר / און בינדט צו דיר מיך, קינד.״

אומצאָליק זענען די מאָטיוון אויף וועלכע קאַצענעלסאָן האָט אויסגעזונגען זיין שפּירעוודיקע נשמה. אין אַלע איז ער פול מיט לעבנסגלי, צו מאָל אויך נישט אָן דעם הויך פון פילאָסאָפישן אומעט. צום שטאַרקסטן, אין פולן גאַנצן, האָט ער זיך אַרויסגעזאָגט אין די שאַפונגען וואָס זענען אַנטשטאַנען פּנים־אל־פּנים מיטן פאָלקס־בראָך. דאָ האָט דער דיכטער זיך אַריבערגעוואָקסן. אין זיין דיכטונג האָט באַקומען דאָס וואָרט די צונויפגעדרענגטע ייִדישע מחנה, אַ געטריבענע צום אומפאַרמיידלעכן אומקום. מיט אַ מאָל האָט אויסגעטריקנט דער ליריקער, אָבער עס רעדט דער סוביעקטיווער זעער, אלאָ עס הערט זיך אַרויס פון קאַצענעלסאָנען אויך דער צווייפלער און דער דיכטער־כראָניקער וואָס איז זיך באַוווסט פון זיין אחריות פאַר דער ראָל צו בלייבן דאָס מויל פון די, וואָס גייען דעם לעצטן וועג.

שטאַרק זענען די גראַדאַציעס פון דער שטימונג וואָס באַהערשט דעם וואָס איז פאַרשאָלטן מיטן כוח פון אַזאַ ווירקעוודיקן זעען ווי קאַצענעלסאָן האָט געזען דעם בראָך. טיפער ייִאוש האָט אַרויסגעשוימט פון אים אינעם „ליד פון אויסגעהרגעטן ייִדישן פאָלק״:

יוסף אַקרוטני

כ׳האָב אויסגעטראַכט אַ ייִדיש פֿאָלק! כ׳האָב אויסגעטראַכט אַן זיי!
ניטאָ זיי! און זיי וועלן דאָ אויף דר׳ערד מער ניט זיין!
איך האָב זיי אויסגעטראַכט, יאָ, אַזוי זיך איך און איך טראַכט זיי אויס! —
נאָר אמת זענען זייערע עינויים, וואָס דו זעסט, די פּיין, די פּיין
פֿון זייער אויסגעהרגעט ווערן איז דאָך וואָר און גרויס...

— — — — —

יחזקאלן, אים, נײַן, ירמיהון... אים אויך, איך דאַרף אים ניט!
איך האָב גערופֿן זיי: אָ, העלפֿט מיר, העלפֿט אַרויס!
נאָר כ׳וועל אויף זיי ניט וואַרטן מיט מיין לעצטן ליד —
זיי מיט נביאות און איך מיט ווייטיקן אין מיינע גרויס.

— — — — —

מע בלייבט אוממאַכטיק אַנטקעגן אָט דעם סקעלעטיש־אויסגעדייטערטן געטאָ־נביא, וואָס וואַרפֿט אַראָפּ זיין ביטערע טענה פֿונעם געטאָ־באַרג; מ׳ווערט צו נישט אין אָנבליק פֿונעם באַוועלטיקנדיקן כּוח פֿון טויט וואָס האָט גענומען די איבערהאַנט איבער אַלץ, וואָס האָט אָקערשט געפֿירט מיט אונדז. כאַאָטיש גייט אויף דער פּלאָנטער פֿון ווידערשיין און חושך וואָס וואַרפֿט אונדז פֿון די פֿיס; פּלוצלינג טויכן דאָך אויף ליבע געשטאַלטן, עס שטעכן־בריִען פֿונקען פֿון אומגעריכטע דערמאָנונגען, עס אָנען קענטלעכע ריחות — — ס׳שרייט צו דיר ס׳געשריי פֿון תהום, ווען סע צעדריוולען זיך די ייִאוש־טענער פֿון כראָניקער פֿונעם געטאָ־געשפּענצט.

פֿון יצחק קאַצענעלסאָנס מגילה־קאַפּיטלען גיט אָפּ די מוראדיקע באַזיניקטקייט מחמת טיפֿער רעזיגנאַציע. נישט ער קלאָגט, נישט ער בעט רחמים ביי דער השגחה. אויף דער שוועל פֿון די טויטן, צוגעקלערטע נאָר פֿון די ייִדנס וועגן, שטייט דער דיכטער און מעדיטירט, און פֿאַרשרייבט:

מיר האָט געחלומט זיך דער ערגסטער פֿון דער וועלט,
עס האָט זיך מיר געחלומט היטלער.
— איך דאַרף דיין לעבן ניט, דיין בלוט ניט, ניט דיין געלט;
ביסט נאָר אַ מיטל מיר, דער אויסגעפּרוווטער פֿון אַלע מיינע מיטלען.

כ׳הייב אויף דיר שטויב אַ וואָלקן מיט מיינע גראָבע טריט,
און אַלץ פֿאַרמאַכט די אויגן און דעם מויל צופֿרידן;
יאָ, דו ביסט דער שטויב מיט וועלכן איך פֿאַרשיט
די אויגן פֿון דער וועלט: ער מיינט נאָר ייִדן, ייִדן!

שאַרף, ייִדישלעך מעדיטירט דער דיכטער וואָס האָט אין פֿאַרביטערונג, מיט „אומטראַדיציאָנעלן” צווייפֿל געוואָרפֿן זיין באַשולדיקונג צו די אויסגעליידיקטע הימלען, אָבער מיט פֿאַרהייליקונג פֿונעם מענטשלעכן אין מענטש געמוטיקט די פֿאַרמשפּטע צום לעצטן אויסדויער — —

ס׳זענען געווען ביים דיכטער מינוטן פון נשמהדיקער וואקלונג אויך מחמת פערזענלעכן בראָך, — דעמאָלט האָבן זיך פון אים אַרויסגעריסן לידער פון קללה. זיי זענען דאָקומענט, און אַ סך מער פון דעם. אין דער גאַנצקייט פון קאַצענעלסאָנס דיכטערישע געשטאַלט אין דער רעם פון דער פּרוּווצייט 1939—1944, זענען זיי אַ סוביעקטיווער פּרט, נישט קיין עיקר. אַ ווייטיקלעכער פּרט. דער באַטייטעוודיקסטער שטריך פון קאַצענעלסאָנס דיכטערישער ביאָגראַפיע איז לכן זיין גרויסע פּאָעטישע כראָניק „דאָס ליד פון אויסגעהרגעטן ייִדישן פאָלק״. מיטן דאָזיקן ווערק האָט ער דיכטעריש פאַראייביקט די אוממענטשלעכע פּיין וואָס איז געבראַכט געוואָרן אויף די ייִדן אויף פּוילנס ערד אונטער דער לאַנגער ליקוי חמה; אויף דורי־דורות האָט ער אויך געגרייסט זיין אייגענעם באָמען ווי דער פּאָעט־מקונן, וועלכער האָט געטיילט דעם גורל פון פאָלק וואָס איז געפירט געוואָרן צו דער גאַלגאָטע פאַר זיין ייִדישקייט.

און טראַכט מען פון פוילן, דעם אכזריותדיק אָפּגעמעקטן ייִדישן צענטער צווישן די גלותן, מוזן מיר גיין אין די שפּורן פון יצחק קאַצענעלסאָנס בלוטנדיקע טריט אויף דער דאָזיקער אויסגעדאַרטער ערד. מיט האַרציטער פאַרנעמען מיר זיין וואָרענענדיק, זיין דראָענדיק קול בנוגע דעם הייִנטצייטיקן עמלק וואָס איז אַרויסגעקומען פונעם דייטשישן דזשונגל אין סאַמע מיטן פונעם היפּער־אויפגעקלערטן צוואַנציקסטן יאָר־הונדערט:

> ווי דיר, אַ פאָלק פון קינדער־מערדערס און פון אַלטע!
> האָסט מיינע קינדער און די אַלטע מיינע אויסגעהרגעט.
> וויים, אַ געהרגעטער אַ זקן לאָזט זיך ניט באַהאַלטן
> און קינדער רייסן זיך פון קברים ווי פון אַ מאַמעס טראַכט. — —

אַזאַ אַן אויפגעשווידערטער וועט קאַצענעלסאָן תמיד שטיין אויף דער זייט פון די באַגלייבטסטע צווישן די אָנקלאָגערס קעגן דעם אַ מערדער־פאָלק ווי פון די אַנדערע, וואָס לאָקערן אויפן לעבן פונעם ייִד צוליב זייַן ייִד־זיין.

יוסף אַקרוטני

חיים קרול, דער נישט־דאַיקער

א

עס קלינגט מאָדנע: חיים קרול, אַ יידישער דיכטער פון דער האַרט־נעקיקער שטאָט לאָדזש און — ער לעבט ווי אַ נישט־דאַיקער. יאָ, אַזאַ איז ער געווען, גלייך פאַר אים וואָלט נישט עקסיסטירט די האַרבע רעאַליטעט. עס איז נישט קיין טעות אין דער כאַראַקטעריסטיק פון זיין מהות. חיים קרול איז געבליבן אַ פרעמדפּלאַנץ אין דער האַוועגדיקער גרויסשטאָט. און אַזאַ איז געבליבן דער חותם זיינער אין דער יידישער דיכטונג, אין וועלכער ער האָט נאָר אַזוי צו זאָגן טעאָרעטיש אָפּטירט לטובת דער גרויסשטאָט, כאָטש נשמהדיק איז ער נישט אַרויס פון דער אידילישער ספּערע ווי פון אַ וויטן קליינשטעטל. פשוט, חיים קרולס דיכטונג האָט נישט געקענט אַרויס פונעם שטעטל, אַפילו נישט פון זיין באַדאַכטן פּייסאַזש, וואָס איז מאָנומענטאַל און אומפאַרענדערלעך.

אמת, ביאָלאָגיש איז חיים קרול אַרויסגעקומען פון קליינשטעטלדיקע טאַטע־מאַמע, וואָס האָבן אויף אַ לעבן־לאַנג איבערגעריסן מיט זייער געבוירן־אָרט. פון דעסטוועגן איז זייער בכור חיים געבליבן פרעמד די גרויסע שטאָט, אין וועלכער ער האָט זיך געשפּירט מבולבל, ממש ווי אַ פאַרבלאָנדזשעטער אין איר האַרמידער. אַ לירישע נאַטור, איז ער גייסטיק געוואַקסן אָן אַ זייט פון דער שטאָלפּערנדיקער ספּערע, וואָס לאָדזש האָט באַדינגט ווערדליק אירע אייגנשאַפטן פון אַ כרך. פאַר אַלע תושבים אַזוי, אָבער נישט פאַר חיים קרולן. אַזעלכער, אַ נישט־היגער איז ער געווען אויך שפּעטער, ווען דער גורל האָט אים אַריבערגעטראָגן אין דער צעשריגענער ניו־יאָרק.

דער פּאָעט חיים קרול איז באַלד אין זיין מענטשישן אָנהייב געווען ווי אַן אומרעאַלע, נישט נאָר אַן אומרעאַליסטישע דערשיינונג. אין דער וועלט, וווּ עס ווירקט בעיקר דער רויער כוח, איז ער געווען נישט הי. דערזען זיך אַנטקעגן דעם גיגאַנט לאָדזש, אַ האַרט־אַנגעמויערטע פון מענטשלעכער קראַפט, האָט ער פרעמדלעך אויפגעצאַפּלט מיטן גאַנצן לייב און לעבן; מיט אַלע זיינע חושים זיך געשפּירט באַצווונגען פון אומדערבאַרעמלעכע מוזן וואָס די טאָג־טעגלעכקייט מאָנט צודרינגלעך כדי צו קענען זיך האַלטן אויף דער אייבערפלאַך. דער זעלבער חיים קרול האָט שוין יונגוויז געאַרבעט אויפן ביסן ברויט זייט ביי זייט מיט זיין

פרומען טאַטן כּילקע, דעם אַלמן, וועלכער האָט פון באַגינען ביזן אָוונט זיך געבויגן איבערן וועבשטול; פלייסיק געהאָרעוועט אויף דער בידנער חיונה און געווען דמיונותדיק פאַרטראַגן אין אַ חלום צום אומדערגרייכלעכן פאַרן בן־אדם אויף דער זינדיקער ערד.

לפּנים אויך אַזאַ ברויטעסער ווי אַלע וועבער־יידן אַרום אים, און דאָך, ווי אַנדערש פון אַלע זיינע שכנים אין די נידעריקע הילצערנע הייזקעס איז געווען אויך כּילקע דער טאַטע — ריכטיק, אויך ער איז געווען עפּעס יומטובדיקער, איידעלער אַנטקעגן דער אַנגרייפּערישער וואָכע־דיקייט. ער האָט זיך צניעותדיק געטראָגן איבער די הינטערשטאַטישע געסלעך, ווו געוווינט אַלע זיינע יאָרן און מיט געהיטקייט ווי ער האָט געהיט דעם סידור, וועלכן ער פלעגט קושן אַלע מאָל, ווען זיך געשטעלט דאַווענען פון אים. ווידער דער בן־יחיד זיינער, חיימל, איז געווען אַ סאָמ־ניבולישע געשטאַלט פּנים־אל־פּנים מיט די שפּיציקע ווידעראַנאַדן, וואָס האָבן זיך געוואָרפן אויפן דיכטער הלמאי אים זענען נישט לעסטיק די טרוימערייען וואָס קריכן אים אין קאָפּ אַריין; דער האַרמידער האָט אים געדריקט, געוואָרנט אַז דאָס חלומען אויף דער וואָר איז עלול אַ יעדן מענטשנקינד צעטרעטן מיט אומגעזעענע קאָפּיטעס, אויב ער פאַרגעסט זיך אַז אים איז אָפּגעגעבן רק אַ קליינער חלק ערד און נאָר אַ כּזית הימל.

וואָרהאַפטיק האָט חיים קרול געהאַט אַ ליבע, אָרעמע היים, אַ האַרציקן טאַטן מיט אַ גוטמוטיק, פרום פּנים און רויט־געליאַמעוועטע אויגן; אויך צוויי ווויל דערצויגענע, איידעלע שוועסטערלעך. ער, אָבער, דער דיכטער, האָט אַ פאַרציטערטער ווי אַ זומער־פלאַטערל זיך געשפּירט אומזיכער צווישן הימל און ערד, נישט געשפּירט קיין ממשותדיקן באָדן אונטער די פיס. בפועל ממש אַ לאָדזשער מבטן ומלידה, אַ זון פון דער ברויזיקער גרויסשטאָט און פאַרהאָרעוועט פאַרן ביסן ברויט, אָלאָ די דאָזיקע וועלט האָט ער נישט געזען. מ׳קען נישט זאָגן אַז ער האָט זי נישט סובל געווען, די אימפּעטיקע שטאָט. פּשוט, זי גופא, די שטאָט, האָט נישט פאַרדייעט אַזוינעם. דער קאָלאָס וואָס ווערט געטריבן פון עלעקטרישער ענערגיע, אַפילו זיין נאָכט איז באַלויכטן פון אַ שרייַקער שיין, האָט אינערטיש אים אָפּגעשטויסן ווי אַ פרעמדקערפּער. חיים קרול האָט, אמת, באַנומען, אַז די וועלט ווערט יאַקאָש רעגירט פון אור־עלעמענטן, אָבער אים זענען זיי לחלוטין נישט נוגע. ער גייט פאַזע איר ליאַרעמדיקן טראַקט. אים איז גוט דאָס היימישע ווינקעלע נעבן טאַטעשי מיט די שוועסטערלעך; אים איז ליב דאָס רייכערנדיקע עלפער נאַפטלעמפּל וואָס וויגט זיך פאַר

זיין בליק אויף אַ שטריקל אַנטקעגן דער וועבערישער „לאָדע” אָדער עס בלינצלט — דערנאָך, ווען דער וועבשטול דרימלט אין טונקעלן שווייגן — אויפן טיש, און ער זיצט פאַרטיפט אינעם בוך פון געטהע צי בייראָן. די גייסטיקע וועלט וואָס דער טאַטעשי און דעם טאַטנס חבריה פון ראַדאָ־גאָשטשער שילעכל האָבן געשפּרייט פאַר אים, איז חיים קרולן געווען אייגן ווי אים איז געווען האַרציק נאָענט די ספערע פונעם פּאָעטישן דאַזיין, וועלכע האָט אים געפאַנגען מיט מיניענדיקע, צאַרטע צוזאָגן. אַזאַ, ווי אַ נישט־דאַיִקער, איז ער געווען אין דער סביבה פון די כלערליי פּרנסה־מאַכערס ביים וועבשטול צי אין שוסטער־ווערקשטעל און אַזעלכער געבליבן ביזן סוף פון זיינע טעג, דער זעלטענער דיכטער וואָס איז אַ פּריצייטיק־פאַרוויאַנעטער אויסגעגאַנגען אין אַ ניו־יאָרקער אַזיל פאַר אומהיילעוודיקע קראַנקע.

ב

כל ימיו איז חיים קרול געווען אַ בעל־יסורים. ליבע־ווייטיקן האָבן מיט אַ מאָל אין אים אויפגעשוימט פּנים־אל־פּנים מיט אַ מיידל־געשטאַלט וואָס האָט אויף אים אויסגעווירקט אַן אומבאַגרייפלעכן, ממש אַנגרייפערישן כוח. אַפילו דער הויך פון איר נאָמען, חיה־שרה, האָט ביז זיינע שפּעטער־דיקע יאָרן אים געגערט רק מיט יסורים. חיה־שרה, דער עסענץ פון זיין געהויבנסטער ליבע און חיה־שרה דער סוף־פּסוק פון אַ לעבנס־פילאָסאָפיע וואָס האָט זיך געשטעלט אויף צעוואַקלטע פיס פון אַ דיכטער־נאַטור. אַזאַ איז די זי אין לאַנגער טליִעניש ווי אַ צעשטערערישער פיבער נישט אָפּגעטראָטן פונעם דיכטער אין אָנבליק פון אַ צאַרטער אימאַגינאַציע.

ס׳איז נישט קיין גוזמא: חיה־שרה, אַ ווייבספאַרשוין האָט אויף דער וואָר זיך געחלומט דעם יונגן, סובטילן ליריקער אין אָרעמען שטיבל פון ראָג קאָלענבאָך־גאָס; ווי אַזעלכע האָט זי שפּעטער — שוין אין גאָרער ניכטערקייט אירער — מיט שאַרפע נעגל זיך אַריינגעבראָכן אינעם קרוכלע לייב פון דעם רייף־געוואָרענעם דיכטער, ווען דער גורל האָט אים געהאָט פאַרטראָגן מעבר־לים.

אינעם אַליין האָט עס חיים קרולן אַרויסגעריסן פון זיין היימווינקל וואָס האָט אין אים געלאָזן טיפע וואַרצלען צו גלייך מיטן חיה־שרה־מיראַזש, וועלכער האָט אים נאָכבאַגלייט ווי אַן אומאָפּטרעטלעכע באַשערט־קייט. געוויסט אַן מעטאַפאָרן, איז די טעמע חיה־שרה אין ממשות נאָכגע־גאַנגען דעם שטילן פּאָעט ווי אַן אויפגייענדיקע לאַטאַסבלום וואָס אַזעלכע

באַווייזט זיך גאָר־גאָר זעלטן אינעם זינען פון אַן אביונישן יידישן יונגנמאַן. דווקא די אַ חיה־שרה האָט ווי אין אַ כישוף זיך פאַרוואַנדלט פאַרן דיכטער אין אַ לאַקנדיקער, אומדערגרייכלעכער געשטאַלט, אָבער מיט אַ גריזשנדיקן ווירוס אין איר אינגעווייד, וועלכער האָט בפועל ממש פיזיש אָנגעשטעקט און אויך פסיכיש צעקרענקט דעם גוף פון דעם פאַרליבטן, אים צעטאָטשעט און דערפירט צו — פאַראַליזש.

נו, חיה־שרה, אַ פרימיטיווע מויד מיט אַ שיין פנימל, האָט אין תחילת געקענט פאַנגען אַזאַ „ישיבה־בחורישן" פאָעט וואָס הויערט ווי אַ פאַרדרימלטער פויגל אונטערן וועבשטול אין אַ הילצערן הויז וואָס איז ווי בכיוון אָוועקגעשטעלט געוואָרן פאַרן אומעטיקלעכן געוועב פון דער פאַרעקשנטער אָרעמקייט; אַ הייזקע אַזאַ אַ רעגן־אָפּגעצוואָגענע פון לויטער ברעטלעך, מיט קליינע פענצטער, מיט אַ קוים־קוימיקן דאַך וואָס ציטערט פון אַיעדן ווינט און הוידנדיקע, סקריפּנדיקע שטיגן איז געווען די היים פון חיים קרולן, דעם פאַראומערטן יתום נאָך זיין יונג אַוועק־געגומענער גוטער מאַמען.

משמעות, ס'איז געווען אַ באַשערטקייט אַזאַ, וואָס שוין אין דעם פרילינג פונעם דערוואַכנדיקן דיכטער, האָט זיך באַוויזן די אַ חיה־שרה. זי האָט אויף אים אָנגעווייעט אַ שיר־השירימדיקן אַראָמאַט וואָס האָט באַקומען ביי אים, דעם דיכטער־וועבער, שטאַרקע, בלאַ־לייכטנדיקע פליגל און זיי האָבן מיט טיפן אינעווייניקדיקן געפלאַטער פאַרפולט מיט שיינקייט זיין אַרום. אַזוי איז עס געווען אין חיים קרולס גרינעם בראשית מיט זיין מיידל. אָבער סוף־סוף איז חיה־שרה, לפי דעם איינזען פון שכנישע צוקוקערס (און זיי האָבן דערויף אָנגעווונקען חיימס שוועסטערלעך, דער קרוין פון כילקען, און זיי האָבן עס איינגערוימט אין אויער דעם פרומען טאַטן: „האָרכסט, טאַטעשי, וואָס לייט זוגן..?) שוין נישט געווען ראוי די איידעלע ריינקייט פון חיימלס האַרץ. אָבער וואָס האָט דער גוטער טאַטע געקענט ענטפערן? „גאַיטס שוין, גאַיטס, קינדער! מענטשן האָבן גרינגע קעפּ... נישט אַלץ מיז מע הערן ווּוס זיי רעדן..." און ער, חיימל? אַ פאָעט ביז די וואָרצלען פון זיינע נערוון, איז ער געווען צו רוחניותדיק פאַר אַ מויד וואָס אין איר האָט רק געגרעדט דאָס בלוט אין אירע אָדערן; אַזאַ וואָס האָט ווי אַ יאַלעווקע ביי ציטנס געחלומט פון אַ זכר, אַ באַגוועלטיקער און באַשיצער. פאָעזיע? ביכער, איידעלע רייד? אַ צו געהויבענער ענין פאַר אַזעלכער, וואָס נאָר אַ תמים ווי חיים קרול איז געווען מסוגל צו איר תפילה טאָן. און ער'ט טאַקע צו איר געזונגען

פסאַלמען פון לויטערער ליבשאַפט. פאַרטראַגן פון באַגייסטערונג פאַר חיה־שרהן, האָט ער אַראָפּגעצויגן די הימלען צו דער ערד און זיי געשפּרייט פאַר אירע געטאָקטע פיס.

אמת, אמת, חיה־שרה, די טאָכטער פון אַ פּראָסטינקער הײַם האָט אין תחילת געגעבענט צו חיים קרולן, דעם אַנטיפּאָר פון איר געשטאַלטלעכקייט וואָס האָט געשפּראָצט מיט יונגשאַפט, אָבער אין גיכן האָט זי זיך שוין געשטערעקט צו אַ מאַן אַ מער ממשותדיקן, אַ פאַרשוין פון פלייש און מוסקלען. דערין איז, פאַרשטענדלעך, היפש די שפּאַנונג אין דער קאָנפּראַנטאַציע פונעם תמימותדיקן לאָם מיט אַזאַ ווייבספאַרשוין וואָס האָט פון חיה־שרהן גענומען אַרויסשרייען מיט קולי־קולות. אֶלאָ אַזעלכער ווי חיים קרול איז נישט געווען מסוגל אויסצוטראָגן דעם האַרבן דרוק פון דער אַ גופיקער מויד וואָס איז ווייט נישט געווען די, וועלכע דער דיכטער האָט עקשנותדיק איינגעהיט אין זיין דמיון ביז, ביז — ער איז בטל ומבוטל געוואָרן אַנטקעגן איר. זיך איינגעבראָכן. פאַר וואָר, אין אָנבליק פון דער „זי" איז דער פּאָעט צו נישט געוואָרן אויך פיזיש, נישט נאָר מאָראַליש. די נעמלעכע דולצינעאַ, נישט די אימאַגינירטע פון דער דיכטערישער פאַנטאַזיע, איז געבליבן דער אויגנרייסנדיקער עדות פון דער מענטשלעכער דראַמע חיים קרול וואָס איז אויך חרוב געוואָרן ווי אַ דיכטער מיט אַ צעזונגענער ברוסט.

אָן ספק: חיים קרול, דער זון פון דעם יגיע־כּפּיימניק כילקע קרול, איז געווען קודם כל אַ יידישער פּאָעט בחסד עליון. פון אים ווילט זיך וואָס מער דערציילן דערפון וואָס עס עקבערט אונדזער זינען.

ג

ווי עס זאָגט די מליצה, איז חיה־שרה דער הויפּטסטימול צו חיים קרולס מערסטע געזאַנגען און דיכטערישע פּסאַלמען וואָס זענען אַרויס פון זיין יחידיש אויסגעליכטקטער נעסט, דעם ציטעריקן האַרץ.

חיים קרול האָט אונדז אַריינגעפירט אין די סודי־סודות פון זיין גרויסער ליבע, תמימותדיק אַזוי ווי ער האָט עס געקענט, אויך אַקעגן געפירט זיין דולצינעאַ. ער האָט עס געטאָן מיט זיין פּראָזע־בוך „פון מיין טאַטנס שטוב", וואָס איז געשריבן כמעט ווי אַן אינטימער טאָגבוך. און ער האָט עס געגעבן אינעם רוב פון זיינע איינציקאַרטיקע לידער. חיה־שרה איז זיין וועלט, חיה־שרה זיין גאָט, אָבער די זעלבע חיה־שרה איז — כאָטש מיט שטילינקע טריט — געוואָרן דער סם אין דער לופט מיט וועלכער ער האָט געאָטעמט.

אמת, ווי פון אַ פרום יִדיש ספרל אַרויס רעדט זיך ביי חיים קרולן וועגן זיין קלאַמפּערשטער באַשערטער: „מיין כלה, מיט וועמען איך האָב אין אַ לבנה־נאַכט געוועבט ס׳טוך פון דער צוקונפט — מיין אַלץ פון כ׳יין לעבן. וועמען איך האָב אָנגעטרויט דעם אינגעווייד פון מיין לייב. ווי אַ פּערלשנור האָב איך פון מיין לייב דעם אינגעווייד אַרויסגעריסן און דערמיט איר נאַקעטן גוף אַרומגעוויקלט. אין אירע צעפּ וואָס האָבן זיך געבאַמבלט אויף איר נאַקן ווי לולבים, האָב איך דאָס גאָלד פון מיין איין־און צוואַנציק יעריקער עלטער איינגעפלאָכטן...״ און מיר זעען ווי ער וואַרט אויף חיה־שרהן אין זיין טאַטנס שטוב. און קומט זי, קומט יומטוב און שיר־השירימדיקייט אַריין אין דער אָרעמער היים וואָס אַריבער וואַקלדיקע, הילצערנע שטיגן פון אַן ענגן אביונותדיקן הינטערשטאָטישן הויף: „איך נעם זיך גרייטן אויפן מיטוואָך (ווען ס׳איז אָנגעזאָגט געוואָרן חיה־שרהס קומען צו זיי). איך פּעץ מיינע נעגל ווי אַ מיידל, און איך וואַש מיינע ציין. און ביי אונדז אין שטוב גייט אָן אַ פלייסיקע אַרבעט: מיינע שוועסטערלעך שטויבן אָפּ די צוויי לאַנדשאַפטן וואָס הענגען איבער דער וואַנט, פוצן אָפּ די בעטן־ווענטלעך, וואַשן איבער די פּאָדלאָגע... ס׳ווערט אָוונט. מיין פּאָטער גייט אין דער חברה דאַוונען מנחה־מעריב און מיינע שוועסטערלעך פוצן זיך אויס לכבוד חיה־שרהן און אויך דערפאַר וואָס עס איז געקומען דער שיינער, קילער אָוונט פון רו. מיין שוועסטער צירעלע האָט געאַרבעט הינטערן שטול ווי איך, ווי מיין טאַטע. און מיין קליין שוועסטערל פּיטשעלע האָט געפירט דאָס ווירטשאַפט״. ווי אין אַ טאָגבוך פאַרצייכנט חיים קרול די געשעענישן און זיין גאַרן קלערן און ס׳חלומען ביי נאַכט. חיה־שרה איז דער צענטער פון דער גאַנצער, גרויסער, שיינער וועלט וואָס אַרום דעם מחבר. יאָ, אין די העכערע עולמות איז אַוועק חיימס ליבע צו חיה־שרהן: „חיה־שרה — די לעבטעג פון שרהן, חיי־חיים — די לעבטעג פון חיימען. כ׳האָב דאָס מיידל פאַרביבלישט אויף מיין נאָמען, וואָרן פיר יאָר דורך אַנאַנד האָט דאָס מיידל חיה־שרה נישט געהערט איר נאָמען פון מיינע ליפּן אַרויסרעדן, נאָר געהיים, ווי אַ קמיע, האָב איך אים געטראָגן און ווי אַ ברכה האָב איך אים געשעפּטשעט. כ׳פלעג זיך איינקאָרטשען ווי אַ שלאַנג פאַר גדולה, און דעם נאָמען חיה־שרה מיטן גרעסטן כוח אין דער שטיל אַרויסרעדן״. מיטן באַווייזן זיך פון דעם מיידל איז חיים קרול באַשיימפּערלעך איבער אַ נייס געבוירן געוואָרן. ער איז אַרומגעגאַנגען אַ פאַרכישופטער. און האָט ער גענומען רעדן, איז ער פול געוואָרן מיט איר. פאַרן גוטן טאַטן האָט ער זיך געשעמט.

פאַר די שוועסטערלעך אויבעט. זי איז אַ גוטע, האַ? — פלעגט ער פאַר זיי אַ מאָל פאַרלירן אַ וואָרט וועגן חיה־שרהן. ערשט פאַרן פאַפּיר, פאַר דער אייגענער אינטימיטעט, האָט ער געקענט אַרויסברענגען די פולע פרייד פון זיינע אַלע פריידן. „יעדעס ביימעלע פלעג איך אַ נאָמען געבן מיט חיה־שרהס נאָמען. יעדעס טייכל פלעג איך אַ נאָמען געבן חיה־שרה. כ'פלעג די זילבן פון איר נאָמען פונאַנדערטיילן און זיי אויסזעצן אין די רעגן־בויגן־שאַרפן — —" דעם טאַטנס שטוב איז שטאַפּלווייז, שעמעוודיק אַריין אין גאַנצן אין דער רעם פון חיה־שרהן און דעם צויבער וואָס ער'ט אין איר אַנטפּלעקט, האָט אַרויסגעפאַכלט פון חיים קרולס מאַנצבילשן בוך פון חלום און תפילה צו דער, וואָס האָט אים געפאַנגען אין דער נעץ פון איר כישוף; ווידער אין די לידער חיימלס האָט דאָס מיידל געקראָגן מלאכימשע פליגל. חיה־שרה וועלבט זיך, שוועבט איבער קרולס האַריזאָנטן. זי איז מיט אים שטענדיק, אומעטום. זי'ט זיך אַריינגעפלייצט אין זיין מהות.

ד

חיה־שרה איז דער אַלץ מיט אַנאַנד אין חיים קרולס וועלט, אָבער דער פאַרחלומטער דיכטער האָט פון דעסטוועגן אויך געלעכצט נאָך די אָן אַ שיעור שיינקייטן און פאַרבאָרגנקייטן וואָס עס פאַרמאָגן די ערד און דער אַרום מחוץ זיינע גבולן. חיים קרול האָט זיך אויסגעכאָוועט אין דורכויסיקער אַרעמקייט, אָבער זיין דאָרשט צו וויסן און דערקענען דעם מענטש אין זיין פילגעשטאַלטיקייט, אין זיינע פסיכישע פאַרוואַנדלונגען אין משך פון די יאָרטויזנטער וואָס ליגן הינטערן מענטשישן באַשאַף, האָט דעם וועבער־זון דערפירט צו ערנסטע קענטענישן. אַחוץ זיין לערנען יינגלווייז אין חדר, אין בית־מדרש, האָט ער מעשה אויטאָדידאַקט אָן אויפהער געלערנט ביי די פעלקער די חכמה פון גייסטיקער פאַרטיפונג. מיט התמדה זיך אויסגעלערנט גרינטלעך פויליש, דייטש, רוסיש און מיטן הונגער פון די ווויל־באַוווסטע מתמידים זיך באַקענט אויך מיט די ליטעראַטורן פון דער גרויסער וועלט. נישט געקענט דערגרייכן צו די גאוני השיר אין אָריגינאַל האָט דער וועבער־געזעלן געשלונגען, אין איבערזעצונג, די ווערק פון אָמאַר כאַיאַם, פון האָמער, פון ווערלען, פון געטהע, פון וואָלטער און קיטס און רעמבאָ. אויך די ספרי קודש פון טאַטעשיס פּאָליצע און פון זיינע פרומע זיידעס זענען אים נישט געווען פרעמד. דערפון קרולס נטיה צו דערנענטערן זיך אין זיין אייגענער דיכטונג

צו מאַטיוון פון תנ"ך, און נישט זעלטן שעפּן זיינע מעטאַפאָרן פונעם טיף־יידישן ברונעם. פון זיין אָרעמער סביבה איז דער דיכטער אַרויס צו די רייכע גאָרטנס פון די אומות העולם און דערפון אַ מאָל אַ שמועס טאָן וועגן די גרויסע שרייבערס מיטן טאַטעשי כּילקע וואָס האָט מיט פּאַרגאַפּטקייט געקוקט אינעם זונס פּנים און לסוף מיט בייגיר געפרעגט: זוגסטו, חיימלעב, אַז אַזעלכע וואַזשנע קעפּ זענען געווען ביי די נכרים? איי, איי, פון עשיון צי פון עמלקן זאָלן אַרויסקומען אַזוינע גדולים. אָבער זוג מיר, זונעשי, אַ פּילפּול פון דער גמרא וואָלט פאַרדייעט עמעצער פון די אָ וויכטיקע לייט? צי פאַרענטפערן אַ שטיקל רמב"ם? כ'מיין, אַז צו קאָרץ זענען זיי צו באַנעמען אַ סעיף אין בבא בתרא, — און מיט אַ דריבנע געלעכטערל מילד אַריינגעלאַכט אין חיימלעבס פּנים און געגלעט זיין דלאָניע כּדי אים מפיס צו זיין פאַר דער אַפּיקורסות וואָס שייך דער טיפקייט פון אַ יידישן רעיון פאַר גויִשע קעפּ, ווי גרויס זיי זאָלן נישט זיין.

— פאַראַן, טאַטעשי, פלעגט ער ענטפערן, אויך גרויסע פילאָזאָפן, דענקערס און דיכטערס ביי זיי. נישט יעדער פון זיי איז אַן עשיו וואָס איז גרייט צו ממיתן זיין ברודער. פאַראַן איידלקייט צווישן דער גויִשער גייסטיקער עליטע, טאַטעשי, מעגסט גלייבן. על פּי רוב האָט חיים זיך אויסגעלעבט אין די דאַכטענישן וואָס האָבן זיך געפלאָנטערט אין זיין זינען אין געשטאַלט פון אימאַגינאַציעס־מיראַזשן, וועלכע ער'ט אָפט געזעען... ר'האָט געלעבט ווי אויף אַן אומרעאַלן באָדן. נישט זעלטן זענען סימבאָלן געווען ביי אים די סאַמע וואָר. ער האָט זיך נאָר איבערגעוועלטיקט אינעם עול צו טאָן זיין אַרבעט ביים וועבשטול; דאָס מוסטער פונעם פּראָסטן באַסטל וואָס איז אָט אָ געלעגן ביי אים אויפן „בוים" ווי אַ ממשות, וואָס ער האָט נישט געטאָרט איבערפירן מיט אַ נישט־ריכטיקן דורכשיסן אַ העלערע שפּאָל אינעם שיצן. „חיימלעבן" איז פונעם גענינטן וועבער, דעם טאַטן, תמיד אָפּגעגעבן געוואָרן די גלאַטיקסטע אַרבעט ער זאָל נישט דאַרפן ענדערן די קאָליר פון געוועב וואָס האָט זיך געוויקלט איבערן ברוסטבוים וואָס אָקעגן אים האָט זיך פון באַגינען אָן געבויגן און געוויגט די מאָגערע געשטאַלט פונעם דיכטער. צו מאָל האָט ער זיך אָפּגעג־שטעלט, גלייך ווי זיך דערמאָנט עפּעס, איינגעקוקט זיך אין אויסשפּרייט פונעם געוועב און באַלד ווידער גענומען זיך וויגן אויף דער זיצבאַנק, ציִען דעם סצעפּטער פון דער „לאַדע" אַהין־אַהער וואָס האָט געפירט דעם אומזעעוודיקן שיצן אין זיין ריטמישן ראָלקעווען זיך צווישן דעם רעגן פון די קעטע־פעדעם. ער'ט פליסיק, אָפט מעכאַניש, אַן געדענקען זיין

טועכץ געטאָן די אַרבעט. אָבער גיך זיך געכאַפּט דערויף. מחמת זיין מענטשישער באַנעם איז געווען אַ באַשיידענער, אַ ייִדישלעכער וואָס אויף אים האָט געלעסטיקט די ירושה פון זיינע פרומע אָבות. אין רגעס פון פלוצלינגער ניכטערונג האָבן פון אים שטום אַרויסגעשטאַמלט אויך אומ־געווינטע ווערטער, אָבער אַלע מאָל אין שיינקייט־דאַרשט. אין שפּעטן אָוונט, ווען די שטוביקע האָבן געהויערט אין מידן שלאָף, האָט זיין מוח געפירט די טראַכטנדיקע פּען איבער אַן אומגעריכטער כוואַליע, וואָס האָט געשפּרייט שופן איבער זיין געהירן:

1. ווי אַ בין היפּ איך
פון פּרויען־פּנים צו פּרויען־פּנים
און כ׳זופּ זיך אָן
מיט שיינקייט.

2. האָסט מיר געשענקט אַ שמייכל,
צניעות —
און ליכטיק איז מיר געוואָרן
אין מיינע אברים,
ווי אַ לבנה וואָלט איר בליאַסק
אין מיר פאַרזונקען.

רעיון און בילד האָבן זיך איבערגעבלעטערט אין זיין זינען, ווען ער האָט זיך אַוועקגעזעצט דאַכטן זיינע דאַכטענישן וואָס האָבן להוט געזוכט אַ תיקון אינעם רעפלעקטירנדיקן אָפּבילד פונעם געדאַנק, וועלכער מאַטערט אים טעג דורכאַנאַנד. אָפט האָט חיים קרול געשפּירט אויך אַ דראַנג צו אַן אַנדערשוווּ וואָס האָט לגמרי נישט קיין ממשות ווי דער עטער, ווי די אומבאַשטימטע פעדעם פון אַן אומגעריכטן געדאַנק וואָס רינט אויס אין ערשטן הרף־עין. ער, וואָס האָט פון זיין שבט געירשנט געטריישאַפט צו נשמהדיקער ציכטיקייט לעכצט דערצו אין אַ ווידוי־טאָן:

„פאַרשטיי מיך: / נישט מיין שטים רופט נאָך בלוט; / מיין שטים איז דאָס קול פון מיינע זיידעס / וואָס האָבן געליטן און געשוויגן. / און איך אויך אַזוי ווי זיי, / די קדושים וטהורים / וועל לעבן / און שווייגן”.

אַזוי אוממיטלדיק ווי ס׳איז זיין דענקען און התנהגות, איז זיין דיכטונג — אומפּרעטענציעז, פּשוט און לויטער ווי ס׳קוואַלוואַסער: אַן דער אָרגאַ־מענטיק פון דער פּאָעטישער קונסט מיט אירע תקנות פון גראַם און מעטריק. קרול כוחט זיך נישט צו קלינגען מיט זיינע סטראָפן. דער עיקר

איז ביי אים די שיינקייט גופא, די אינעווייניקדיקע און ריינע. די לעכצעניש פון קאָסמיש־אומבאַוווּסטן וואָס ער פילט זיין גייסטיק נאָגן. עס איז מחמת דער אומאייגנקייט וואָס דער אַרום דריקט אויף אים מיט בפירושער שטאָמלעניש פונעם דומם, פון דער וועלט פון שטומע זאַכן און צמחים. נישט קיין חידוש אין דעם, ווייל חיים קרול איז לרוב אויסגעטאָן פון דערווירקלעכקייט, כאָטש זי האַלט אים אין שפּאַן פון אַ שכיר־יום. ער מוז זאָרגן פאַר זיין אויסקומעניש ווי פאַרן נייטיקסטן פון די נאָענטע. אָבער ס'אַ גליק פאַר דעם דיכטער־וועבער וואָס ער האָט אויך פריינד פונקט ווי עס זענען זיינע פריינד די פריינד פון זיינע שוועסטערלעך און די ידידים פון כילקען, דעם ייִד פונעם הינטערשטאָטישן שילעכל. צו חיים קרולס גוטע פריינד רעכענען זיך קודם די וואָס הויערן אַרום אים מיט זיין שטילן ליד און קינסטלערישן חוש. ממש בוזעמפריינד זיינע, די סאַמע טייערסטע, זענען אים יצחק־הערש ראַדאָשיצקי דער פּאָעט, וואָס האַלט אַ ראַזיר־געוועלבל אויף שרעדניע־גאַס. ראַדאָשיצקי פּאַלט אָפט אַריין צו קרולן מיט ברודערלעכן פרעג: „וואָס מאַכסטו, חיימל? אוי וויי, ווי מ'איז פאַרקאָפּעט! כ'האָב נעכטן זיך נישט געקענט אָפּרייסן אַהער־צוקומען. זיי נישט ברוגז אויף מיר, נאָר אויף מיין שלימזל!" ליב איז דעם דיכטער פון ראַדאָגאָשטש, קרול, אויך דער שיינער, עניוותדיקער שניידער־פּאָעט יצחק בערלינער, וואָס איז שטענדיק פאַרטועַן ביי דער ניימאַשין. און ס'איז גוט וואָס ער'ט זיך צו עוסקן ביי דער מלאכה. ר'קען זיך זעלטענער ווייזן צו חיימלען. אַלע מאָל, ווען עמעץ קומט צו אים, פרעגט זיך קרול וואָס ס'הערט זיך ביי בערלינערן. אים פרייט, ווען מ'דערציילט אים אַז זיין חבר, דער פּאָעט יצחק בערלינער האָט צו טאָן ביי דער מלאכה, אַנישט איז מאַרטוס, טענהט חיים קרול; די נויט לייגט זיך אָן אויפן שניידער אויף לאַנגע, שווערע וואָכן. ווייל פייגלעך איז דער צווישן־סעזאָן אין דער קאָנפעקציע־שניידעריי.

אַ ליבער חבר וואָס שטעלט זיך עפּעטער אַריין צו קרולן איז אויך הערשעלע (דאַנילעוויטש) מיטן זינגעוודיקן דינעם קולעכל וואָס פּישטשעט אויס פונקט אַזוי ווי ער רעדט זיינע פּאָלקישע לידער, אָבער זיי לאָזט ער הערן בכתב, דער קליינער, אונטערשפּרינגענדיקער הערשעלע. זיינע זינגעוודיקע, ריטמישע מאָטיוון שרייבט ער אַריין אין אַ קליינעם ביכעלע מיט דריבנינקע, קלאָרע אותיעלעך און ס'ביכעלע, דעם גאַנצן „מאַיאָנטעק" זיינעם, די שפּילעוודיקע לידער, טראָגט ער תמיד מיט זיך אין בוזעם־קעשענע. הערשעלע קאָן פּשוט נישט אויסהאַלטן אַז ר'זאָל זיך נישט באַווייזן

פאַר חימלען. אַ זינגעווודיקס, אַ קליינטשיקס זאָגט דאָס דיכטערישע מענטשל צום חבר הינטערן וועבשטול: „ני, יינגל, ביסט טאַקע פאַרהאַרעוועט? ווען זשע וועסטו האָבן צייט צו זיין פּאָעט, צו וואָס דער רבונו של עולם האָט דיך געבענטשט?

חימל האָט נאָך אַנדערע פריינד פון דער „שרייבערישער קאַוואַ־לעריע", ווי דער טאַטעשי האָט ליבלעך אָנגערופן זיין בן־יחידס פיינע חבריא. יענע זענען אָבער מער פאַרנומען, קענען זיך נישט אָפּרייסן צו קומען קיין ראַדאָגאָשטש וואָס פירט גלייך, מיטן נאָענטסטן וועג, קיין זגערזש, דער עלטסטער, קלענערער שוועסטער־שטאָט פון לאָדזש. ראַדאָגאָשטש איז אַ המשך פון באַלוט, אָבער די דייטלעכע הינטערשטאָ־טישקייט צייכנט זיך אין דער ראַדאָגאָשטשער געגנט מיט אַ מאָדנער טויבקייט. דורך ראַדאָגאָשטש קלימפּערט דורך מיט שווערע אייזערנע רעדער דער דרינזשנדיקער טראַמוויי וואָס פירט אַרויס די מענטשן צו דער פּראָווינץ מיט אַלע אירע אייביקע אייגנשאַפטן, כאָטש דאָ און דאָרט רייכערן זיך אויך אין די שטעטלעך הויכע פאַבריק־קוימענס. ראַדאָגאָשטש ליגט פאַרוואָרפן הינטער דער שטאָט ווי חיימס גוטער טאַטע האָט זיך באַזעצט מיט צענדליקער יאָרן צוריק און דאָ טאַקע זיך געעלטערט. כילקע קרולס משפחה איז אין דער געגנט ווי אַריינגעוואָקסן, פון וואַנען ס׳גלוסט זיך באמת נישט זיך צו דערווייטערן. ווייל סיי די זון, סיי די לבנה, אויך די שטילקייט זענען דאָרט עפּעס מער אייגן ווי ערגעץ אַנדערשוווּ, מחמת די געגנט איז אַ שאַרפער היפוך פון דעם משונה־צעשריגענעם כרך. אַפילו היימלעכער איז די קרולס אין זייער קאַנט, צו מאָל ליבער ווי באַלוט ווו ס׳יידישקייט איז געדיכטער.

באַלוט איז אַ מער ענגערע געגנט אין פאַרגלייך מיט חיים קרולס ראַדאָגאָשטש וואָהין עס פאַרבלאָנדזשען — צו מאָל ווי אויף טשיקאַוועס — אויך קאָלעגן פון שטאָטישן קעסל גופא; ס׳הייסט, אין חיים קרולן געדענקען זיי שטענדיק, די חשובע לייט פון די פּרינציפּאַלע גאַסן. עס קומט משה בראָדערזאָן, דער פּאָעט מיט די גרויסע באַקנבערד, מיט דער געשניצטער ביינערנער עמאַליע פאַרשטאַכן אין קראַוואַט; ס׳יאַוועט זיך אַהער יצחק קאַצענעלסאָן מיטן בעל־הבתישן טראָט, אַ מאָל ווייזט זיך אַפילו מרימל, ווי חיים קרול רופט ליבלעך די פּאָעטעסע מרים אולינאָווער. מיט אַזאַ גאַסט קומט אַ מאָל מיט אויך עמעץ פון מרחקים, אַ שטייגער יעקב אַדלער דער מאָלער, וואָס האָט זיך שוין איינגעקויפט אין דער וועלט אַ גרויסן נאָמען; ער פראַוועט באַרימטקייט אין בערלין,

ווי וואַזשנע לייט פון דער קונסט באַשיטן אים מיט שבחים, אָבער חיים קרול איז קענטיק קנאַפּ נתפּעל דערפון און פרעגט כלאחר־יד: „הע, יאַנקעלע, אומעטום איז גוט, אָבער אין דער היים איז דאָך בעסער; אפשר נישט?" און יאַנקל אַדלער, אַ לאָדזשער מיט די ביינער, מיט די ניקן און מיטן לשון, דערפרייט שטאַרק קרולן מיטן ענטפער: „אמת, חיימעלע, צווישן אייגענע איז עפּעס וואַרעמער". אַלאַ חיימל זוכט אין אים די היימישקייט פון אַמאָל, איידער ר'איז אַרויס אין דער וועלט דערגראָבן זיך צו אַ ביסל גדלות. ראַכטיק, דער יאַנקעלע האָט אויף אַן אמת זיך אָנגעשמעקט מיט ווייטע, פרעמדלעכע ריחות. אַפילו די בגדים וואָס ליגן אים אויף די אַקסלען רעדן מאָדנע דיבורים, כאָטש ער אַליין פאַרלירט זיך עפּעס — — פון באַלוט איז חיימען גאָר ליב דער יונגינקער ישראל רובין, וועלכער האָט שפּעטער געענדערט זיין שרייבערישן נאָמען אויף ישראל ראַבאַן. אויך ישעיהו שפּיגל קומט צו קרולן פון נאָענטן באַלוט, אייגנטלעך נאָר אַ קליינער שפּאַן פון דער קאַלענבאַך־גאַס. פון זגערזשער גאַס, נאָענט פון באַלוטער פּלאַץ, קומט שאַיעלע שפּיגל, דער איידעלער בחור מיט ענגליש־קענטעניש אין מויל און מיט אַ ליבע צו דער וועלט־דיכטונג. שאַיעלע האָט גערן צו שמועסן מיט קרולן וועגן דער דאָרפישער שלווה פון די ראַדאָגאָשטשער הייזקעס, וועגן דער באַזאַכטקייט פון די לייט וואָס וווינען אין קרולס געגנט. אַפילו די בלומענטעפּ אין די פענצטער שמייכלען דאָ, האָט שאַיעלע געלויבט די ראַדאָגאָשטשער אָרעמ־קייט און חיימעלע האָט צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ: „אָך, אָך, ווי דאָס זעט. ס'אַן אמת ווי גאָלד, שאַיעלע!" און מיט ליבשאַפט אים געגלעט זיין דלאָניע. און יחזקאל־משה ניימאַן פון אַלטשטאָט, וואָס ליגט אין סאַמע רעש פון גרויסן האַנדל מיט קאָלאָניאַלע סחורות פון וויטן אָריענט, וויזט זיך צו קרולן מיט חברישער וויכטיקייט. אָבער טייל פון זיינע געסט זענען עפּעס צוריקגעצויגן. אפשר נישט גענוג דרייסט צו דעם צנוע חיים קרול מיט די וואַרעמע, גרויסע אויגן. שפּיגל איז אַ שעמעוו־דיקער, ר'האָט ליב צו לאָזן הערן זיינס אַ ניי ליד און חיימל לייענט פאַר אים דערנאָך זיינע אַ שאַפונג. „וואָס 'עט איר זאָגן, שאַיעלע. ס'איז עפּעס ענלעך אויף מיר, דאָס שרייבעכץ?" י. מ. ניימאַן איז מיט גאָר אַנדערע אַמביציעס ווי דער רוב קומערס צום דיכטער אין ראַדאָגאָשטשער העק. ניימאַן „קלעפּט" מער צו פּלאַסטישער קונסט, כאָטש ער איז נישט קיין מאָלער ווי איטשל ברוינער. ניימאַן שניידט זיך פאַר אַ קונסט־קריטיקער, באַלעקט זיך מיט אַיעדן פיינעם ליניעלע, מיט אַ געראָטענעם פאַרבנפלעק

און ר׳האָט זיך אויך שוין באַוויזן מיט אַ שפּירעוודיק אויער פאַר דער מוזיק פון געמעלן פּונקט ווי מיט אַ דין געהער צו דיכטונג. נו, ער׳ט אַפילו געשריבן לידער און פאַרפאַסט אַ דראַמאַטישע פּאָעמע „שבת־אויפס״ וואָס גיט אָפּ מיט אידילישער יידישער שלווה.

כלפּי אַזאַ חיימל קרול איז ער מאָדנע, דער ניימאַן. אים געפעלט נישט גאָר דאָס וואָס ס׳איז אייגן. ר׳וויל אַנדערשס, ווייטס. געוווינט מיט טאַטע־מאַמען אויף אַלטשטאָט, אָבער ווי נאָר מעגלעך, האָט ער געוווּיכט פון דעם קאַנט, באשר ס׳שמעקט פון אים מיט המונישקייט. ער האָט געגרן „בעסערע לויטע״, פלעגט מען איראָניזירן דייטשמעריש. שרייבעריש האָט אים אויך אַוועקגעצויגן פון לאָדזש, ר׳האָט שטאַרק געטראַכט פון וואַרשע, באשר לאָדזש איז וועדליק אים אַ פּראָווינץ, וואַרשע איז אַ צענטער און ר׳האָט טאַקע גיך זיך אַריבערגעקליבן קיין וואַרשע, אַריין אין רעדאַקציע־שטאַב פון „היינט״. צו חיים קרולן האָט ער פון דעסטוועגן געפילט אַ מטושטשע נאָענטקייט און פלעגט זיך צו אים אַראָפּכאַפּן, טייל מאָל באַגלייט פון לאַזאַר קאַהאַנען, דעם רעדאַקטאָר פון „לאָדזער פאָלקסבלאַט״, וועלכער האָט אַרויסגעוויזן אַ תשוקה צו דער שיינער ליטעראַטור. לאַזאַר קאַהאַן האָט זיך געחברט מיט די לאָדזשער פּאָעטן, זיי מקרב געווען, געדרוקט זייערע לידער. חיים קרול איז — מחמת זיין אַנדערשקייט — געווען אַ שטיק עקזאָטיק פאַר לאַזאַר קאַהאַנען, און דאָך פלעגט ער דרוקן אין צייטונג אויך קרולס קורץ־שורותדיקע לידער. מיט דעם איז ער געווען דער בולטסטער קעגנזאַץ פונעם אַרויסגעבער פון „לאָדזער טאַגעבלאַט״, עמנואל האַמבורסקי, וועלכער איז געווען כולו אונטערנעמער, כאָטש ער האָט זיין צייטונג אַרומגערינגלט מיט די ערשטראַנגיקסטע מיטאַר־בעטער פון לאַנד ווי פון אויסלאַנד. און לאַזאַר קאַהאַנס בלאַט איז לפי זיין מהות געווען מער פּראָלעטאַריש, תמיד מיט אַן אָרעמלעכער פּאַטשעווקע, בעת האַמבורסקיס „לאָדזער טאַגעבלאַט״ איז געווען די צייטונג פון מיטלשטאַנד, פון סוחרים, פאַבריקאַנטן און נאַציאָנאַלער יידי־שער אינטעליגענץ. חיים קרולן איז באַשיימפּערלעך געווען מער צום האַרץ דער עמכדיקער פאָלקסבלאַט, דאָס מיינט אָבער נישט, אַז קרול זאָל נישט האָבן געווונען די אָנערקענונג אויך ביי די מיטאַרבעטערס פון בירגערלעכן ,טאַגעבלאַט׳. ווייל קרול איז געווען איידל און אָריגינעל סיי אין דער פּאָעזיע סיי אין דער פּראָזע. און זיין פּראָזע האָט ער טעמאַטיש אָפּגעגעבן אין גאַנצן דער יידישער אָרעמקייט. אַפילו די געגנט פון זיין אייגענער ווינשאַפט האָט ער ליריש באַשריבן אין זיין דערציילונג.

אַוודאי, זיין ראַדאַגאַשטש וואָס איז ווי מיט קזשאַקלעך, נישט דערוואַקסענעביימער, געוועזן באַפלאַנצט מיט נידעריקע, פון רעגן דורכגעווייקטע, פאַר־טונקלטע הילצערנע הייזקעס מיט מאָכיקע דעכער און געזונקענע קוימענ־דלעך, האָט חיים קרול פאַראייביקט אין זיין גוטער פּראָזע. דערביי איז קרול, דער סובטילער פּאָעט, אין זיין דערציילונג אויך אַ ציכטיקער שילדערער און צייכענער פון געשטאַלטן ווי פון שטימונגען.

דאָס באַזאַכטע, דורכגעטראַכטע וואָרט, האָט ער שרייבעריש קיין מאָל נישט פאַרראָטן. די געטריישאַפט צום וואָרט האָט אים אַלע מאָל ערלעך אָפּגעהיט.

„צום גוטן געדאַכט איז אָנגעקומען די כאָליערע אין לאָדזש, און עס איז שוין געוואָרן ווי אין מצרים: „אין בית שאין שם מת". איז טאַקע שלעכט. און עס איז שוין געגאַנגען אַזוי ווייט אַז טאָמער האָט איינער געהאַט שילשול, אַזוי גלייך האָט ער זיך אָוועקגעפּאַקט. און בראַנפן מיט פעפער איז געווען די איינציקע רפואה. און נאָך אַ מיטל איז געווען — טאָמער האָט דער איינער געהאַט שילשול און איז געוואָרן בלוי, האָט מען אים געריבן די פיס מיט ספּירטוס. זענען די בלויע פיס געוואָרן רויט, איז געווען שלעכט. איז מיין טאַטע טאַקע אַרומגעלאָפן מיט אַ פלאַש ספּירטוס מיט פעפער צו חולאים, זיי געגעבן גלעזלעך אָקעוויט און זיי געריבן די פיס מיט ספּירטוס. דאָ פאַלט מיין מאַמע אויך אַוועק אויף שילשול. האָט מיין טאַטע אַוועקגעלייגט די כוחות. ערשט דער לאָדזשער רב ר' אליהו מייזל איז אַוועקגעגאַנגען אויפן בית־החיים און זעענדיק די שרעגעס מתים, האָט ער פאַרשלאָסן דאָס בית־הקברות־טויער און זיך געשטעלט לעבן טויער מיטן שליסל אין האַנט און אויס־גערופן: — גענוג! מער לאָז איך נישט אַריין.

און די מגפה האָט אויפגעהערט".

עס איז אויטאָביאָגראַפיע אין עפּישן אָטעם, וועלכע ווייכט אויך נישט פון זאַגעפּראַנדזן וואָס אונטער זייער שיין האָט וואַרהאַפטיק זיך אויס־געבויט דער גרויסער ייִדן־ייִשוב. ווי אונטער אַ כישוף האָבן ייִדן בשעתם געצויגן אַהין צו, די שטאָט געמאַכט פאַר אַ מקום־פּרנסה פאַר די וואָס זענען געבוירן געוואָרן פאַר דער מאָס פון קליינע השגות, אָבער נישט ווינציקער אויך פאַר אַזעלכע וואָס האָבן געהאַט פליגל צו וועלן „איינגעמען אַ וועלט". די אַ גרויסשטאָט איז געוואָרן אַ מאַכטיקע קאָנצענטראַציע פון מערערע קליינע שטעטעלעך, וואָס זענען אין מהות געבליבן שטיין פאַר־

בליפּט אין מיטן דעם דאָזיקן גרויסן ים ווי איין גרויס־גרויס ייִדן־שטעטל מיט אַלע צויטן פון מעשׂיות, לעגענדעס, ווי עס האָבן אויך שפּעטער זיך געהאָרבעט אין שלווה די אַרבעטאָרערישע שטעטלעך אַלעקסאַנדער, בעלכאַ־טאָו, לאַסק און פּאַביאַניץ, די שכנותדיקע ייִשובים, אָבער שוין אָן דעם צויבער פון דער פאַרטראַכטער שטעטלשער לבנה. דער פּאָעט חיים קרול האָט דערעיקרשט געהאַט חוש פאַר אָט דעם שטילן פּייסאַזש, כאָטש ר׳איז געבליבן הויזן אויפן סאַמע ראַנד פון דער גרויסשטאָט, מחמת דערנענטערן זיך צו איר איז ער נישט געווען קאַפּאַבל.

ה

ס׳איז געווען די צייט פון קאָרקבערעכערישע ענדערונגען, די סוף־צוואַנציקער יאָרן, ווען חיים קרול האָט זיך שטאַרק אַרויסגעהויבן מיט זיין אייגנטימלעכן קינסטלערישן געמעל אויפן הינטערגרונט פון לאָדזשער רעשיקן פונאַנדערוווקס. פּאָעטן האָבן געזונגען מיט געענדערטע, געקינצלט־האַפּעדדיקע שטימעס, מיט נייע אינסטרומענטן פון וואָרט און פאַרב, אָבער חיים קרול איז געבליבן דער זעלביקער וואָס געווען — דער שטילער, אין זיך פאַרטיפטער אַליין־זינגער אין דער ייִדישער פּאָעזיע. פאַרקוקט אין זיך, געזען אַלץ מיט די אייגענע ברילן און אַזאַ פאַרבליבן אויך שפּעטער, אין צעטומלטן, מאַכטיקן ניו־יאָרק, וועלכע האָט נישט באַוויזן אים צו געווינען אין ליד פאַר איר בילד און אימפּעטיקער פאַרטראַגנקייט. יאָ, יאָ, ניו־יאָרק האָט באַוויזן דעם פאַראייזאַמטן ליריקער פיזיש צו צעברעכן, צו פאַרענדערן קערפּערלעך, ממש נישט צום דערקענען. אָבער נישט מער ווי פיזיש צו צעטרייסלען. מיט דער נשמה, מיטן געמיט איז ער פאַרבליבן אין דער טאַטישער הייזקע ווי בעת די יונגע חיה־שׂרה האָט אים גענומען וועקן מיט איר אַנזאָגנדיקן צוויט.

ווערדליק זיין מהות איז דער דיכטער חיים קרול אין גרויסשטאָט געווען אין דער בחינה פון אַ פאַרבלאָנדזשעטער טויב, וואָס האָט געקענט נאָר אויסוואָרקען, דערנאָך אויסוויינען זיינע שטאַמלדיקע בענקעניש, וועלכע האָבן אים לסוף פאַרצערט, ווי ער זינגט ערגעץ אין אַן אין־זיכיקן ליד:

> כ׳וויין ווי אַ טויב
> אויפן בית־המקדש
> וואָס איז אַ מאָל אין מיר
> חרוב געוואָרן.

אַזאַ, אָ תמים צווישן די צעוויטיקטע זינגערס האָט דער געליבטער פּאָעט חיים קרול אויף אייביק זיך אַריינגעשריבן אין געדעכעניש פון זיין היימשטאָט וואָס איז מערדעריש פאַרשניטן געוואָרן. פונקט אַזוי האָט ער זיך איינגעקריצט אין דער יידישער, ליטעראַטור, מיט דער לאַנדשאַפט פון דער ראַדאָגאָשטשער אָרעמלעכער אידיליע.

יוסף אקרוטני

ישראל ראַבאָן, דער שפּראָץ פון טיפּסטן עלנט

א

די גאַס האָט אים אַרויסגעבראַכט פון טיפּסטן עלנט, סטיכיש געפירט צו אַן אומגלייבלעכן באַרג־אַרויף — אין פאַרגלייך מיט דער שיפלות, אין וועלכער ער איז אויסגעוואַקסן. אָבער דער נאַקעטער, דולער דרויסן האָט נישט אויפגעהערט אים צו באַגלייטן אין דער באַשערטער נויט — אַלערליי נויטן — פון דער קינדשאַפט אָן. און ווי אַזאַ האָט ער סוף־כל־סוף זיך באַוויזן מיט אַן אַנטפּלעקערישן שרייבערישן טאַלאַנט, שאַרף ווי ס'אַקעראייזן וואָס שניידט זיך אַריין מיט גבורה אין די האַרטסטע פּלאַסטן פון דער מאַמע־ערד.

ס'זענען די רייד פונעם קערניקן פּאָעט און פּראָזאַיִקער ישראל ראַבאָן.

ער איז אַרויס פון דעם אָרעמלאַנד באַלוט, וואָס איז אַן אָפּגעשלייי־דערטער אבער מן החי פון דער צעטומלטער גרויסשטאָט לאָדזש, ווען זי איז נאָך געווען מיט אַ בולטן יידישן חותם אויפן פּנים. אָלאָ ווי מיט אַ להכעיס האָט ער, וואָס איז כל ימיו געווען אַ שטיק כמאַרע פון דעם שווערן לאָדזשער הימל, זיך געריסן צו דער פּרינציפּאַלער גאַס, ביי וועלכער עס פאַרכלט דאָס פּנים פון איבערזאַטקייט און פון לאַקנדיקן ליכט. אומדערייסט, אָבער דאָך געוואַגט, ממש שיכור פון בלינדן כוח, האָט ער זיך געשטערקט צום אַנטלויף פונעם דלות.

פון אַ שפּלדיק שטעטעלע, וואָס ערגעץ ווייט אין דער פאַרלוירענער פּוילישער פּראָווינץ, האָט מען אים קליינוויז אַריינגעפירט אין דער ענגשאַפט פון דער פאַרפלאָנטערטער פעפער־גאַס, וואָס אין באַלוט. אַהין צו האָבן דעם הונגעריקן יינגל דערגרייכט די עכאָס פון דער צערוישטער שטאָט און זי האָט אים אַ צי געטאָן ווי אַ בלינדן ציט אינסטינקטיוו צו ליכט. משמעות, דער רייצנדיקער כוח פון וויזיע האָט אים טאַקע אַרויס־געשטויסן פונעם אביונישן געסל און ער'ט גאָר יונג, אומגעריכט, זיך באַוויזן ווי אַ שרייבער. מיט פאַרנעמיקער אומהיימלעכקייט געשטעלט זיינע טריט און איינער אַליין, געטריבן פון מורא פאַרן לאַנגאָניקן הונגער און פון אַן אומקלאָרן דראַנג געצייכנט זיך אַ וועג מיט אייגענעם שאַרפן ווילן. מטושטש איז טאַקע אין תחילת געווען דער וועג, אויסטערליש אין

זיין זעען און ממש אַנגרייפּעריש אין דאָזיקן גערעם דערזען דאָס ליכט און שאָטן פונעם מין מענטש אין זיינע טוונגען.

יאָ, ווי מיט אַ מאָל איז ער אַרויס פונעם אָרעמאַנסקן שמאָלן געסל און, געזיגט. ווייל מ׳האָט באַלד דערשפּירט: אַ נייער, טאַלאַנטפולער שרייבער איז געקומען, מיט יונגן אימפּעט און מיט אייגנס, מיט אַן אינעווייניקדיקן פאַרבאַרגענעם פאַרמעג, כאָטש אויסערלעך איז געווען נעבעכדיק זיין געביין; אַפילו דאָס אויסגעצויגענע, דאַרע פּנים און דער בלייכער בליאַסק פון די אויגן האָבן עדות געזאָגט אויף דורכויסיקער אביונישקייט.

עס רעדט זיך נישט, באַטירלעך, פון די סאַמע ערשטע, קנאַפּ אַנזעעוודיקע שריט זיינע אויף די וואַקלדיקע שרייבערישע פיס. ווען ער איז נאָך געווען דאָס בידנע, אומבאַוווּסטע יינגל סרולקע רובין, דער מאָגערער בחור מיט די שמאָלע געשטופּלטע באַקן וואָס פלעגן זיך אומרוּיק אַרומקוקן מיט הונגעריק-צעפּיבערטע אויגן. אין יענעם אָנהייב האָט סרולקע נאָך געשריבן סאַטירישע לידלעך אויף צייט-טעמעס אין די גרעסערע ערב-שבת-נומערן פון לאַזאַר קאַהאַנס „לאָדזער פאָלקס-בלאַט" און אומבאַטייטיקע סקיצעס אין רויטקעפּלדיקן וואָכנבלאַט „פּריי-טיק", אויך לאַזאַר קאַהאַנס אויסגאַבע וואָס איז אַרויס אין די יאָרן פון נאָך דער ערשטער וועלט-מלחמה. פּוילן איז לאַנג געווען אָקופּירט פון דער ווילהעלמישער סאָלדאַטעסקע. אין דאָזיקן שווערן בין־השמשות האָט אויף דער יידישער פּרעסע געהאַט אַרויפגעלייגט אַ וואַרגנדיקע לאַפּע דער קייזערליך-דייטשער פּאָליציי-פּרעזידיום. געווען פּאַר-צענזור, געווען זשאַנדאַרמסקער ווילקיר און ס׳האָט געוועלטיקט פּיינלעכע נויט. סרולקע, ווי ער האָט געהייסן ביי דער מאַמען דער אַלמנה, איז נאָך געווען זייער יונג, אָבער שוין אויסגעשטעלט אויף אייגענעם באַראַט. מחמת אומאָפּ-טרעטלעכן דחקות זענען אַלע קינדער, סרולקעס ברידער און שוועסטער זיך צעלאָפן פון שטוב אַרויס כדי אַליין אויסצוגעפינען דעם ביסן ברויט. סרולקע, איינער פון די יינגסטע, האָט נישט געקענט זיין קיין מורנו אין די אַ באַדינגונגען. דאָס שטיקל שטרענג-צוגעטיילטע ליימיקע קאַרטן-ברויט, דער טעלער יושקע ווערט דער חלום פון איטלעכן. יעדער מוז זיך אַליין העלפן אין „אַזאַ צייט", האָט סרולקע אַליין אַרויסגעלערנט פון דעם אָרום, און נישט ווינציקער פון דער לייבלעכער מאַמע, וועלכע איז אין דער פרי אַרויס פון דעם חושכדיקן צימערל און צוריקגעקערט זיך

נישט פּריִער ווי אויף דער נאַכט. זי'ט זיך נישט געקענט קיין סך העלפן. נאָר כיענעס לעבן אויף ווען ס'איז אַ גערעטעניש אויף טויט. די עלנטע, אָרעמע פרוי איז נישט געווען גענוג שטאַרק זיך קעגנצושטעלן דעם וואַרגעניש פונעם מלאך המות. זי האָט זעלטן געקענט עפּעס אַהיימ־ברענגען צו עסן פאַר סרולקען, מחמת זי האָט קוים געקענט אָפּיאָגן ס'אייגענע הונגעריקע מויל מיט אַיעדער פּראַצע וואָס זי האָט געטאָן אין גאַס צי ערגעץ אין אַ געוועלבל, ווו ס'איז יאַקאַש אָנגעגאַנגען אַ בידנער מסחר. נו, אין אַזאַ צייט גייט אונטער דער מענטש אין זיין מענטשלעכער געשטאַלט.

אַ יתום נאָכן פאָטער, האָט סרולקע פון פרי ביז שפּעט אויף דער נאַכט אַרומגעשלאָנדערט אין גאַס, ווי אַ בלודנע חיהלע געזוכט זיין בידנע אויסקומעניש. געווען קאַלט אין דרויסן, האָט ער זיך געטוליעט צו אַן אָנגעהייצטן קהלשן אויוון, צו וועלכן אויך אַנדערע האָבן זיך געשאַרט. דעמאָלט האָט סרולקע גענומען מאָלן פּלאַקאַטן פאַרן קולטור־קלוב „די האַרפע", פאַר דער אַרבעטער־קיך. ער האָט זיך גיריק אָנגעזאַפּט מיט די ריחות פון די געקעכטסן וואָס האָבן דערקוויקט אַנדערע, וואָס האָבן געהאַט די פאַר גראַשן צו באַצאָלן פאַרן ביסל האַרץ־דערכאַפּעניש; צו די דאַזיקע האָט ער זיך שעמעוודיק צוגעקוקט פון דער ווייטנס. מערסטנס האָט סרולקע געליטן אָנפאַלן פון הונגער־קאַנוולסיע און — ס'רוב זיך גענערט מיט דער פאַרהוילענער קנאה צו די עסנדיקע. די סלינע איז דעם בחור געקומען אין האַלדז אַריין און אין די אויגן האָט געגנעפּלט, געפינצטערט. ווען עמעצער האָט אומיסטן אָפּגעשפּאַרט אַ ביסן פון מויל און געוואָלט עס געבן — צו מאָל מיט אַ רחמנות־שמייכעלע ווי אַ צולייג — דעם פאַרשמאַכטן סרולקע, האָט ער זיך דערפון שטום אַוועקגעדרייט. זיך געשעמט און, פאַרביסן זיך געבונטעוועט קעגן דער אייגענער אומבאַהאָלפנקייט. נישט זעלטן האָט ער געוויינט פון הונגער־קראַמפּן. די גראַשנדיקע האָנאָראַרן פון רעדאַקטאָר לאַזאַר קאַהאַן פאַר די אָפּגעדרוקטע לידלעך, זענען דעם אומוויכטיקן מחבר צוגעוואָרפן געוואָרן ווי נדבות, כאָטש לאַזאַר קאַהאַן האָט בפירוש גינציק אָפּגעשאַצט סרולקעס פעיִקייטן. מחמת סימפּאַטיע צום טאַלאַנטירטן, אָבער שטאַרק־ליידנדיקן בחורל און נישט ווינציקער פון רחמנות, האָט מען מיט דער צייט אים געגעבן צו כתיבהנען די פּלאַקאַטן פאַר דער אַרבעטער־קיך וואָס חיים־לייב פוקס האָט אים צוגעשאַנצט. דער דיכטער פוקס, דעמאָלט שוין באַוווסט ווי אַ שילדנמאָלער, איז מעשה בונדיסט, געווען נאָענט

מיט די טוערס פון „די האַרפּע", וועלכע האָט אויפגעהאַלטן די אַרבעטער־קיך אויף פּאַלודניאָווע 20. פון וועגן דעם יונגן סרולקע האָט ער זיך אַליין אָפּגעזאָגט פון דער דאָזיקער אַרבעט כדי יענער זאָל עפּעס פאַרדינען. אַזוי אַרום איז ישראל רובין פּאַוואָליע געוואָרן מער היימיש אין „האַרפּע" און געהאַט אַ מעגלעכקייט אויך גייסטיק צו געניסן פון די ליטעראַרישע אָוונטן און פאַרלעזונגען וואָס זענען דאָרט דורכגעפירט געוואָרן. יוסף מאַרגענטאַלער, דער סעקרעטאַר פון שמאַטע־קלייבער־פאַראיין האָט זיך באַזונדערש געזאָרגט פאַר סרולקען, געזאָגט אַ גוט וואָרט וועגן אים; אויך דער אַרבעטער־טוער רחמיאל פערגאַמענט האָט געהאַט אַ וואַרעם געפיל פאַר סרולקע רובין, ווייל ר'האָט געשאַצט זיינע באַשיימפערלעכע פעיִקייטן און מיטגעפילט אים אין זיין דאַליע: „אַ ייִנגל פון אַ פאַר־וואַרלאָזטער היים, האָט ער אַלע מאָל עמעצן אַריינגערעדט אין אויער. מ'באַדאַרף אים דערלאַנגען אַ האַנט — —".

אַזוי, אין דעררדריקנדיקער אָרעמקייט „ווי גאָט האָט געבאָטן" האָט ישראל רובין געשטעלט זיינע ערשטע שרייבערישע שריט. אַליין זיך באַוווּסט פון זיין אינעווייניקדיקן כוח, האָט ער אין גיכן אויך אָרגאַניזירט זעלבשטענדיקע פּעריאָדישע ליטעראַרישע אויסגאַבעס, אין וועלכע ער האָט געהאַט אַן אָנפירנדיקע ראָל. עס איז געווען האַרט נאָך דער מלחמה 1920—1924. אַרום רובינען און דעם זשורנאַל „ס'פעלד" האָבן זיך געזאַמלט די לאָדזשער דיכטערס פון ייִנגערן דור: דוד זיטמאַן, חיים־לייב פוקס, י. ה. ראַדאָשיצקי, יצחק בערלינער, ישעיהו שפּיגל, שרה בוים, ראָזע יאַקובאָוויטש. די מערסטע פון זיי זענען געקומען פון אומבאַקאַנטע שטעטלעך, אָבער ס'זענען אויך טייל מאָל צוגעשטאַנען די עלטערע שריי־בערס, די שוין אָנערקענטע יצחק קאַצענעלסאָן, משה בראָדערזאָן, הערשעלע. „ס'פעלד" האָט דערעיקרשט געטראָגן דעם חותם פון יונג־שרייבערשע פּרוּוון. אויסגעוויגט זיך שרייבעריש אין ס'פעלד איז דערנאָך אויפגעקומען די שריפט „שוועלן", פון וועלכער ישראל רובין האָט זיך שוין מערער אַרויסגעהויבן. צו דער רעדאַקציע שוועלן איז צוגעשטאַנען ח. ל. פוקס. סרולקע, דאָס ייִנגל פון פעפער־גאַס, ווייזט זיך דאָ שוין שרייבעריש קרעפטיקער, ער אַנטפּלעקט זיך אויך ווי אַ דערציילער און ווי אַן אָריגינעלער, פאַרטיפטער עסייִסט; ער שרייבט פּאָלעמישע ליטעראַרישע נאָטיצן, אָבער ער איז נאָך אַלץ נישט ישראל ראַבאָן, דער אַטראַקטיווער פּאָעט און נאָוועליסט, וואָס האָט שפּעטער ווייט אַריבערגעשפּאַנט די גרענעץ פון דער היימיש־לאָדזשערישער ליטעראַרישער סביבה.

ב

ישראל ראַבאָן האָט זיך באַוויזן ערשט אין די אָנהייב דרייסיקער יאָרן, באַוויזן זיך שוין מיט דער בולטקייט פון אַ ציל־באַוווסטזיניקן שריפטשטעלערישן טאַלאַנט. דערויף האָבן עדות געזאָגט זיינע צוויי ערשטע ביכער: „הינטערן פּלויט פון דער וועלט" (לידער) און „די גאַס" (אַ ראָמאַן). איין בוך איז אַרויס כמעט נאָך אַ בוך. דער דיכטער ישראל ראַבאָן האָט אָנגעשלאָגן אַ גאָר שטאַרקן, באַדאַכטן טאָן. אַ שלל אייגנס און אַ געבענטשטע העזה האָבן באַגלייט דעם יונגן דיכטער און ער'ט געוווּנען אָנערקענונג בפה אחד פון אַלעמען. די ליטעראַרישע קריטיק האָט אין אים אויפגעדעקט וואָגיקע מעלות: סיי אָריגינאַליטעט, סיי עכטע בילדערישקייט און, דער עיקר, אַן אייגענע וועלט אין אַן אייגענעם געדעמפּטן ליכט. אַן איבער־ראַשונג איז אויך געווען זיין ראָמאַן, וואָס איז געהאַלטן אין גרויסשטאָטישן ריטעם. סיי זיין ליד סיי די פּראָזע איז צאַפּלדיק, אָנגעזאָפּט מיט קלאַפּעדיקן אומעט און טייל מאָל אַפילו מיט אַ דינעם, בריעדיקן סאַרקאַזם. אויך אין דעם בילד וואָס איז הייס אין זיינע פאַרבן, לויטער אין דער שטימונג, איז ער רעליעף, כאָטש נישט זעלטן שאַקירט ער מיט אַ דראַסטישן פאַר־גלייך, מיט אַ נאַטוראַליסטישן פּענדזלשטריך. צו מאָל גיט ער אַ גרילץ מיט אַן אומגעריכטער שאַרפער בילדלעכקייט, אָבער דער עיקר־שטריך פון זיין טאַלאַנט איז די בולטע אָריגינעלקייט פון מאָלן, שילדערן; ער זשענירט זיך נישט צו נעמען פאַר אַן אָביעקט פון זיין געמעל אין אַ ליד „אַ יידענע מיט פליי אין די זאָקן". און מאָלן מאָלט ער אַזוי אַז עס באַקומט זיך דאָס געפיל ווי ראַבאָן פאַרדריקט די ציין ווען ער ברענגט אומגעריכט אַ שטיק זשאַווערנדיקן נאַטוראַליזם. זיין בילד איז אין סינטעז אַ דימענט וואָס שניידט דאָס גראָבסטע גלאָז, בעת זיין געמיט — שפּירט מען — איז געזונקען אין האַרבסטן סאָציאַלן גלי. ס'איז אַ מין סינטעז פון יידיש פאָלקישן דענקען צו גלייך מיט אַ בילדערישער ראַפינירטקייט פון אַ רעמבאָ, וועלכער האָט אגב אין ראַבאָנען געקראָגן אַ וואַרהאַפטיקן פירשפּרעכער אין דער יידיש־פּאָעזיע. וואָס שייך טעמע, איז ראַבאָן תמיד אוממיטלדיק און פשוט, אויך די מיטלען נישט קיין אויסגעזוכטע, דאָך עפּעס פרישע; און וואָס ס'איז נאָך אַן עיקר ביי אים: ראַבאָן איז אַלע מאָל נייגיריק כלפּי אַלטעגלעכע דערשיינונגען, ער דעקט אָפּ קלאָמפּערשט קליינע דראַמעס, מיט וועלכע מ'מוז זיך יאַקאָש ספּראַווען אַן גוואַלטיקן האַרצווייטיק (כאָטש ס'טוט שטאַרק וויי), מחמת ס'איז סיי ווי... באַשערט־קייט. אָבער מיטן אַריינקוקן דווקא אין די אַ דראַמעס איז ראַבאָן אומגע־

ווינטלעך אַנטפּלעקעריש. אַפילו פאַרעמלעך איז ער אָנצינדיק ביים „אויסטייטשן" דאָס געשעען וואָס געשעט און מ'ווערט אַ דאַנק אים אַזוי צו זאָגן אַן עדות, אויב נישט אַ מיטבאַטייליקטער, אינעם פּאַטאַלן טראַף מיטן העלד.

אין ישראל ראַבאָנס פּאָעטישן סטיל און אין זיינע פּראָזע־געמעלן שפּיגלט זיך אָפּ די נעוראַלגיע פון דער גרויסשטאָט, ווי זי ווירקט זיך אויס מיט איר בלינדן אימפּעט אויף דער סענסיבילקייט פון די באַוואָלהטע פונעם גורל, ווערליק דאָסטאָיעווסקיס גריבלערישער באַגרינדונג פון די האַנדלונגען מצד די וואָס די באַשערטקייט שפּילט זיי צו תמיד אַ להכעיס־לידל. ראַבאָנען טרייבט נישט קיין אידעאָלאָגישער מאָטיוו צום אַרויספירן זיינע שטילע, דערשלאָגנדיקע ליד־סילועטן, נייערט דער סאָציאָלאָגישער שפּיל וואָס גייט אָן אין מענטשישן געווימל ביים פאַרמעסט צווישן די שטאַרקע און שוואַכע, די זאַטע און הונגעריקע. דער הויפּט גייט אים אין אויפדעקן דעם מטושטשן קנויל פון שפּירונגען וואָס זענען גורם דעם גראָבנדיקן אומעט. אַוודאי צייכנט ער די מאַפּע פון דער אָנוואַקסנדיקער פאַרביטערונג וואָס איז אָנגעקליידט אין האַנדלונגען אָדער אויסגעדריקט אין געמיט־צושטאַנד פון זיינע פּערסאָנאַזשן, די דיכטעריש־רעסטאַווריטע ווי די רעאַליסטיש געשילדערטע. אָן גוזמא: דער סאָציאַלער עלעמענט טויכט אויף ביי אים אויבן־אויף, אַפילו אומדירעקט, כאָטש אין רעאַליסטיש־קריטישן ליכט. אַזוי אין ראַבאָנישן פּאָעטישן געוועב פּונקט ווי אין זיין דערציילונג.

דער עיקר וואָס וואַרפט זיך אין אויג, איז דאָס אויפשוימען פון ראַבאָנס ווערק דער אינעווייניקדיקער קאָנפליקט וואָס דריקט זיך אויס אין דער געשטאַלטיקונג פונעם אָנשווילנדיקן מענטשלעכן געמיט. אָבער דער סאַמע אמת פון אַלע אַנדערע אמתן וואָס דרינגען אַרויס פון ראַבאָנס שאַפונגען איז, וואָס ער גופא ווערט אָפּט אַליין פאַרכאַפּט פון דער פאַנ־טאַזיע אין איר היפּערבאָלישן שפּאַנען צווישן רויע, פּינצטערע ווענט, גליטשיקע טרעפּ און אַהין רייסט ער מיט אויך דעם לייענער, וועלכער ווערט אויף אַ נאַטירלעכן אופן אַ שותף צו די געשילדערטע איבערלע־בונגען אָדער שטימונגען. ישראל ראַבאָן דער קינסטלער איז — אויב מ'מעג אַזוי זאָגן — באַזעסן פון אַ מאַגיע, וועלכע איז עלול אייך מיט־צורייסן מיטן כוח פון אויפטרייסלענדיקן, אומטעגלעכן בילד אָדער אומ־געריכטן, טרעפלעכן פאַרגלייך.

יוסף אָקרוטני

ג

קינדוויַיז אַרויס פון קליינשטעטלדיקן פּיסאַזש אין גאָווערטשאָוו — אַ טויבער העק ערגעץ צווישן עלנטע פּוילישע פעלדער — האָט דער דיכטערישער אומרו ביים וואַקסנדיקן דיכטער צעשפּאַרט דעם דמיון וואָס האָט אים אַריינגעפירט אין דער איילעוודיקער, הייס־אָטעמדיקער לאַנדשאַפט פון דער טומלדיקער גרויסשטאָט מיט איר צעקרימטן פּנים. און קלאָר: אויף דעם היינטצייטיקן בבל גייען כלערליי אוממעגלעכע אוממעגלעכקייטן, עס פליִיצן אויף אים אויסטערלישקייטן, צו מאָל אין קאָלירפולער אָנקליידונג, כאָטש אין זייער יסוד גליט שוין די טויטלעכע זריעה פון אַ נייעם מאַסאָוון אומגליק. ראַבאָנס ערשטער ראָמאַן „די גאַס" איז טאַקע אַן אויסטערלישע, אָבער פאַרביקע געשיכטע אויסגעוועבט אויף דער קאַנווע פון גרויסשטאָטישן טרויער צו מאָרגנס נאָך דער מלחמה. ס׳האַנדלט זיך אין אַ מאָטיוו פון יענער תקופה, ווען דער פאַר־ריסענער סאָוועטיזם האָט נאָך נישט געהאַט דעם כוח אַריינצודרינגען מיט זיינע קרעציקע לאַפּעס מחוץ די אייגענע פאַרהונגערטע, חושכדיקע שטעט און דערפער. ס׳איז די צייט פון די אָנהייב־צוואַנציקער יאָרן, ווען דאָס ניי־אויפגעקומענע פּוילן האָט נאָך געלעקט די אייגענע ווונדן; די אָרעמ־שאַפט האָט זיך נאָך געקענט דערלויבן צו חלומען אַן אייגענעם חלום. די אָרבעטלאָזיקייט און נויט צווישן פאָלק, איז געווען די שפּייז פון יעדן טאָג. אינוואַלידשאַפט, באַשטענדיקער הונגער, טוכלע קעלער־שטובן, צירק, מענטשלעכער עלנט איז מחמת יִיאוש אַרויסגעטראָגן געוואָרן אויפן מיטן גאַס. צו גלייך מיט דער קינדערישער נאַיִוויטעט איילט דאָס אַלזעוודיקע אויג פונעם קינאָ־אָפּעראַטאָר איבערן סומנעם דרויסן (טאַקע דאָ האָבן מיר דעם מחבר במקום דעם זשעדנעם קינאָ־מאַן) צו אַנטפּלעקן אַלצדינג וואָס עס טרעפט, קען טרעפן אין דער פאַרוווּנדיקטער שטאָט אין דער אַ פאַרטונקלטער צייט. אינטענסיוו טריפט דער עלנט זיין ברענעדיקן סם איבער די אָפענע ווונדן פונעם אויסגעמאַרכטן מענטש־לעכן באַשעפעניש. און באַדאַרף ראַבאָנס צעדייווערטער העלד געפינען אַ נאַכטלעגער אין ווינטערדיקן העפטיקן דרויסן, ווייל זיינע כוחות קענען אים מער נישט טראָגן, מאַכט ער זיך ס׳געלעגער אין אויפגעטרייבערטן בויך פון אַ פערד וואָס איז געפאַלן ערגעץ אונטערן שטאָטישן יאָך. אין דער פערדישער נבלה איז וואַרעם, ווען אַרום בלאָזט אַ פראָסטיקער ווינט און דעם הימלאָזן מענטש טוט הנאה אַפילו דער דאָזיקער עיפּוש־דיקער מקום־מקלט. אויסטערליש זענען אויך די פּאַסירונגען מיט ראַבאָנס

אַנדערע געשטאַלטן, צו מאָל דער אַמוזאַנטער שוסטער אין פינצטערלעכן קעלערלאָך, ווו דעם טאָג פאַרטרעט אַ קאָפּטשנדיק פלעמל. אַלץ אַזוי גורלדיק אָנגעשפּיצט, צאַפּלדיק־אינטערעסאַנט אַז מ׳איז דעם מחבר אָפּט מאָל מוחל פאַר די אומגלייבלעכקייטן וואָס לייגן זיך בשום אופן נישט „אויפן שכל״, הגם ס׳האַרבע לעבן איז נישט זעלטן דער פאַקטישער „שונדיסט״.

פול מיט אויסטערלישקייטן פון דעם פּאָפּולערן אָרעמקייט־צענטער אין דער קאָציקער שטאָט איז אויך ישראל ראַבאָנס צווייטער און, צום באַדויערן, זיין לעצטער ראָמאַן „באַלוט״, וועלכן ער באַצייכנט ווי אַ „ראָמאַן פון אַ פאַרשטאָט״. די שילדערונג איז באַזירט אויף דער רויער ווירק־לעכקייט פון דער געגנט אין איר אויטענטישקייט, אויף אַ גאַלעריע פאָלקס־טיפּן, לייט פון דער אונטערוועלט, אויך שטאַלמענטשן, דינסטמוידן און ענלעכע, וועמען עס איז נישט פרעמד אויך ווילדער געשלעג, אַפילו מעסער־שטעכעריי, ממילא איז זייער ליבע אַ ליבע אָן טראַפּאַרעטע שלייערן, מיט וועלכע די אַלבאַרימטע בעסערע געזעלשאַפט איז געוווינט צו פאַר־הילן דעם שטורמישן שפּיל פון עראָס. ישראל ראַבאָן ברענגט מיט אייגענע קינסטלערישע מיטלען גיואַנסן פונעם בלוטגעברויז אין דערוועקטן מענ־טשישן מין. רעאַליסטיש, נישט חס ושלום אין פאָרנאָגראַפישן געשפּין, בייערט ווי אַ נאַטירלעכן מענטשלעכן טריב. ראַבאָן איז געטריי זיין מעדיום. דער קצב־יונג און די דינסטמויד קענען זיך נישט שלייערן אין מיקלאָמפּערשטע פייגקייטן, ווען פון זיי שטעקט אַרויס דעם קאָפּ די תאווה, ס׳דערוואַכט דער סעקס... נו, אין באַלוט זעען מיר ווידער אָרעמקייט, פאַרגרעבטע פאַרשוינען און פאַרשוינטעס. ליידנשאַפטן און ס׳געשריי פונעם מענטשנס עוולה טראָגן זיך פון דעם בוך און זיינע קינסטלעריש־קאָנסטרויִרטע פסיכישע און ביאָלאָגישע אינגעווייד.

אומפאַרגלייכלעך זענען אין זיין פּראָזע ישראל ראַבאָנס רעאַליסטישע שילדערונגען, שטאַרק־קאָנדענסירטע אינעם קאָלאָריט און שטייגער, און האַרב ווי פריש געריבענער כריין איז זיין געמעל אַפילו אין ליד. צו מאָל אויך סוביעקטיוו־מאָלעריש, פּלאַסטיש אין זיינע שטיל־לעבנס. דערצייי־לעריש און דורכגעדרונגען מיט בילדלעכע שטימונגען איז כמעט זיין גאַנצע פּאָעטישע שאַפונג; סאַמע בילד זענען אַפילו זיינע לירישע לידער, אויך דער סובטיל־לירישער געבעט וועגן רו פונקט ווי די שילדערונג פון אַ שטאָטישן פאַר נאַכט ווי ער האָט זיך געצייכנט אין געמיט פונעם דיכטער: „איך בין היינט אויפגעשטאַנען פיר נאָכמיטאָג״.

צום בעסטן רעדט וועגן דעם דיכטער זיין אייגנטימלעכקייט אין דער פּאָעטישער שילדערונג; ישראל ראַבאָן מאַניפעסטירט זיך אי מיט זיין סטיל און אי מיטן צימצומדיק־געצאַמטן בילד וואָס בעט זיך מ׳זאָל עס ציטירן, אָבער כלפּי זיין פּראָזע קאָן מע נישט יוצא זיין מיט סתם אַ ציטאַט, בעת דער לידערישער סטראָף זיינער איז יאָ מסוגל אונדז דערנענטערן הן צו דער פיזיאָנאָמיע פון פּאָעט והן ס׳קאָן דערוועקן אונדזער פּאָרשטעלונג פון דעם שוין אָפּגעמעקטן יִדישן באַלוט, זיינע טיפן און פאַרשוווּנדענע ווינקלען, ווי למשל די „גראַבינקעס״. מיר רעדן פון באַלוט, ווייל ראַבאָנס הויפּט־טיפּאַזש אי אין ליד אי אין דער פּראָזע קומט דערעיקרשט פון אָט דער פעריפעריע וואָס האָט זיך אַזוי צו זאָגן אויסגעאַרבעט אַן אייגענעם אימאַזש.

זונטיק. הינטער לאָדזש: קוימענס, סלופּעס, פאַבריקן.
אַ וואַסער — אַ רינשטאָק. אַ הימל ווי אַ טיפּוס רויט.
אַרבעטער אין ליאַק־שיך. אַ שטריק אויף צוויי ביימער:
אויף אַ הושטאַווקע הוידעט זיך אַ יונג מיט אַ מויד.
הודזשאַ — האַ!

עס פייפט די שטריק, די ביימער קרעכצן. ס׳שרייט די מויד.
דער יונג איז רויט. עס שלאָגט אַ שווייס. עס רייסט דער ווינט
די האָר, דאָס קלייד, די שטרימף. דער יונג ער ברומט:
„העי, מיידל מיינס, איך פלי מיט דיר צו גאָט אַצינד!״
הודזשאַ — האַ!

דעם דיכטער איז באַשיימפערלעך ענג די חומרדיקע וועלט וואָס איז צעביסן פון מוראדיקן עלנט, כאָטש פון דער אַנדערער זייט בלענדט זי אין אויגנרייסנדיקן ליכט; לכן גיט ער זיך אונטער, מחמת גייסטיקער נויט, דער פאַנטאַזיע, ווייל זי האָט פאַר זיך אַ מער־רחבותדיקע אַרענע. די פאַנטאַסטיק לעבט אין אים מיט אַן אייגן לעבן און זי פירט אים אַוועק צום פעלד וואָס קאָלאָרירט מיט דער אויסטערלישקייט פון אַזוינע בלומען וואָס וואַקסן נישט הי. ס׳איז עפּעס אַזוינס וואָס גיט אָפּ מיט אַן אמתן אמת, כאָטש ס׳דערגייט נישט צו דער קלאָרקייט אַז מ׳זאָל אים באַנעמען ווי אַ ממשות. ס׳איז די וועלט וואָס האָט זיך אויסגעלויכטן אין מחברס דמיון וואָס איז געוואָרן זיין אייגנטלעכע היים, וועלכע שטייט מחוץ דער האַמעטנע אַרומגעמויערטער, חושכדיקער וועלט. צו מאָל זעט דער דיכטער זאַכן אַ ביסל גראָטעסק, היפּש לעכערלעך, אָבער זיי פּאַסן זיך צו דער באַטרעפנדיקער סיטואַציע, ס׳איז דאָס ריכטיקע היטל פאַרן קאָפּ פון דער אַ משונה־צעקוליעטער וואָר. און אַזאַ גייט זי אָן אויך

פאַר אונדז, די וועלט, מיט אירע גרימאַסן. אַט איז אַ שטייגער ראַבאַנס „אַ חתונה“, אַ שטיק ייִדישע וואָר אין אויסגעשאַרפטן ראַבאַנישן ליכט וואָס שמעקט אַגב מיט נישט ווינציק ביטערניש, דער גראָטעסק:

„פינף ייִדענעס מיט לאַנגע שוואַרצע שלומפּערן, / מיט הויכע שייטלען אויף געגאָלטע קעפּ, / מיט דיקע בייכער ווי פולע שבת־טעפּ, / מיט דריי מאָל געדרייטע שוואַרצע שנורן קרעלן / וואָס בלישטשען גרין און קלימפּערן / אויף העלדזער, גוידערס, ביוסטן, / ברוסטן / פינף ייִדענעס מיט לאַנגע שוואַרצע שלומפּערן / פירן אַ מיידל בלייך און בלאַס, / נאַס / די אויגן, נאָז, ווימפּערן. / — — און די פידל: צעפּ־צעפּ־צעפּ... / און דאָס פּייקל: קלעפּ־קלעפּ־קלעפּ... דער חתן — אַ געלער ייִד, / אַ ברייט, אַ דיק, אַ הויך. / די באָרד און די וואָנצעס — פעט / פון ראָסל־יויך. /ער קוקט אויף דער כּלה, און קוועלט, / ווי פון אַ גראָבן טייסטער מיט געלט. / ער קוקט אויף דעם מיידל־קינד / און די סלינע פון זיינע ליפּן רינט. / ער קוקט אויף דעם רויטן שלייף אין אירע האָר / און ער עסט איר די בריסטלעך פון זיבעצן יאָר. / ער עסט איר דאָס מיילעכל, דאָס נעזל, די באַקן, / ער עסט איר די בעקלעך, דעם האַלדז און דעם נאַקן / און ער מורמלט מיט שוואַרצע, פאַרפוילטע ציין: / כּלה — כּלה — ביסט — שיין! / — — — און די פידל: צעפּ־צעפּ־צעפּ... / און דאָס פּייקל: קלעפּ־קלעפּ־קלעפּ... / — — הונדערט שטריימלעך, יופּיצעס, קופּקעס, גאַרטלען ביי אַ לאַנגן טיש, / צוויי הונדערט הענט ווי שפּיזן כאַפּן צימעס, פלייש און פיש; / העכט און פלאָדן, קאַטשקעס, אינדיק, יויך. / עס קלינגען וואַזעס, בעקנס איבער קעפּ אַריבער הויך, הויך. / עס קלינגען טעלערס, לעפל, גאָפּל. העי, לעבעדיק, איר חתונה־געסט! / אַן עדה שוואַרצע ייִדן מיט התלהבות פרעסט / און אין ערגעץ אין אַ חדר אַליין: / אַ געלער ווילדער ייִד און אַ קינד פון זיבעצן יאָר. / אַ שטיל און שניידנד געוויין / און אַ נאַסע באָרד גראָבט זיך איין אין אַ קאָפּ / מיידלשע האָר — —

ישראל ראַבאָן וואָס איז כּולו פּאָעט, ווערט בפירוש געפירט פון שטימונגען, האָט אָבער אויך אַן אויסגעשאַרפטן חוש פאַר דער רויער אומדערבאַרעמלעכער ווירקלעכקייט: ער זעט ניכטער דעם כּוח פון אָבער־גלויבן און גייסטיקער פינצטערניש. ער האָט אַן אייגענעם קריטישן בליק אויף די דערשיינונגען וואָס שאַפן פון דעם שלל קליינקייטן און קליינלעכקייטן דעם גרויסן קאָמפּלעקס וואָס ווערט אָנגערופן מיטן כּלל־נאָמען לעבן, טראַדיציעס... פאַר דאָס האָבן מיר ביי אים אַזעלכע רעליעף־אויסגעקנאָטענע געלע ייִדן וואָס זענען מסוגל וועלפיש אויפצופרעסן אַ מיידל־קינד, וועלכע איז פאַרמשפּט אַ לעבן־לאַנג (ווייל זי מוז מחמת טראַדיציע וכדומה אייגנשאַפטן וואָס גייען אַריין אין סוג שטייגער) אַריינצועסן אין זיך גרויסע פּאַרציעס פיזישן און מאָראַלישן עקל. דערפאַר דעם דיכטערס צעשמעטערנדיקער ביטול פאַר די וואָס ווילן ביים לעבן ווי אויך נאָכן טויט אויסקומען אויסשליסלעך מיט... אַ מאַסקע. אין דעם

זין איז ממש נישט צו פֿאַרגעסן די ממש קלאַסישע לוויה אין ראַבאָנס סקולפּטורעלער צייכענונג, וואָס שפּריצט פון יעדער שורה מיט פייער־דיקן סאַרקאַזם:

„דרייצן הערן אין צילינדערס האַרטע ווי בלעך, / און אין ליאַק־שיך וואָס זענען שוואַרץ ווי טינט, / און מיט פּאָמאַדע דער שרינט — / גייען נאָך אַ לוויה, / אַ שטילע לוויה. / אַ רעגן קלאַפּט אויף דרייצן צילינדערס ווי בלעך / און שווענקט אָפּ דעם פּודער און ווישט די פּאָמאַד. / די דרייצן הערן ווערן גרין און בלאַס, / ווי קרייד. / טריט ביי טריט גייט די לוויה. / אַן טרער, אָן שאַרד, אָן וואָרט. / אַ גאַס אַהער, אַ גאַס אַהין — / דאָס „גוטע אָרט״. און דער מת — אַ גראָבער הערר: / אַ בויך, אַ גוידער, פּעט, שמאַלץ. / פינף טויטן־יידלעך קומען אָן, / טאַפּן אים דעם הינטן, נאָפּל, האַלדז. / פינף טויטן־יידלעך פלינק ווי מייז, / אין כאַלאַטלעך טאַנצן אום. קנייפּן, דרייען, נייען, צופּן / דעם מת אַרום. / די דרייצן הערן אין צילינדערס האַרטע ווי בלעך / בייגן ביז אין העלפט זיך איין / און יעדער נעמט אַראָפּ פון אויג אַ טרער / און וואַרפט זי אין גרוב אַריין. / דער מת — דער ריז, / די וואָנצעס — פאַרשפּיצט, / די האָר געפּוצט, / ראַזירט, / פריזירט, / ער ליגט און שמייכלט זיס: / דאַנקעשען ״.

אַוודאי, ציטירן ראַבאָנס לידער אברימוויץ, איז ווי וועלן אָפּרייסן אַ האַנט צי אַ פוס פונעם גוף, כדי פאָרצושטעלן דעם מענטשנס כאַראַקטער אָדער אָפּמשלען זיין שיינקייט. דער ראַפינירטער דיכטער האָט זיין מוזע געשטעלט אין רשות פון דעם לעבעדיקן לעבן, ביטער געלאַכט פון זיינע אויסקרימעניש, בייסיק, מיט דער פולער וואָג פון אינעווייניקדיקן כוח; דיכטעריש רעאַגירט ער אויף אַלץ וואָס רירט אָן די מענטשלעכע ווערדע, און דאָס באַווייזט אויך אַזאַ קרעפּטיק־אויסגעהאַמערט ליד ווי זיינע „יידנפרעסערס״. עס איז זיין שאַרפע רעאַקציע אויף דער וויסטער וואַק־כאַנאַליע, וואָס די צעיושעטע באַנדעס פון יידנמערדערס האָבן אין די דרייסיקער יאָרן אויפגעהויבן אין פּוילן, געהעצט און ראַבירט ביי יידן אין שטעט און שטעטלעך און דער סיים מיט דער רעגירונג פון די פּולקאָווניקעס האָבן אויף דעם אַלעם געענטפערט מיט אַן „אָוושעם״ — שלאָגן יידן, הייסט עס, אדרבא, דערנידעריקן זיי? ביטע זייער!

פינף מענטשן מיט שפּיציקע וואָנצעס ווי שפּיזן,
מיט רויטע פּיסקעס, גרייט צום פרעס,
מיט רויטע פויסטן, גראָבע, ווי ביי ריזן,
מיט פעטע בייכער ווי קאָלבאַסן,
מיט באַקנבערד ווי לאַמפּאַסן —
טאַנצן אַ ראָד אַרום אַ מת;
טאַנצן און טאַנצן און ווערן נישט מיד,
פּאַטשן מיט די הענט און זינגען מיט חוזק אַ ליד:

„איי־ווײ, צימעס, פיש!
מאַזעל טאָפּ, אַ גיטע טיש!
אַ פיינע שנאַפּסע, באַזשע דאַי
איי־ווײ, איי־ווײ!

דער מת — אַ ייִדל, קליין ווי אַ הערינג,
מיט פּאות דינע, ווי וואַנצעס פון קעץ;
ער ליגט אויף אַ רויטן קופּערנעם ראַנדעל
און פּרעגלט זיך אין חזיר־פעטס.

אַ גויע מיט אַ לאַנגן קאַלטן,
מיט אַ נאָז אַ רויטע פון שפּריט
די האַלקע פאַרשאַרצט ביז צום בויך,
דאָס פּנים פאַרפּמאַליעט פון פלאָם און רויך,

שאַרט מיט אַ גאָפּל אין ראַנדעל
און דרייט דאָס ייִדל און דרייט
און שרייט:
„פּרעגל דיך, פּרעגל דיך, זשיד!"

קווילט און קוואַטשעט דאָס פעטס אויפן פייער.
די גויים שלינגען די פּאַרע מיט אַפּעטיט איין.
אין די ווינקלען פון שטיבל שטייען פיר שמשורעס
און רייבן מיט נאַסע נעז פיר ריבאַייזנס ברײן.

אויסטערליש? נאָר בייסיק און גראָטעסק זענען די כלים און די פאַרבן, וועלכע דער דיכטער ניצט פאַר זיין ווערק אין אַלע פאָרמען און זשאַנערס. אָלאָ נישט בלויז דאָס. קודם איז ישראל ראַבאָן אַן אייגנ־אַרטיקער ליריקער און אַ יאָדערדיקער נאָוועליסט. אָבער נישט ווייניקער אָריגינעל, שאַרף און טרעפלעך איז ער אויך אין זיין פאַרטיפטן עסיי, אין זיינע ליטעראַרישע פּאָלעמיקעס.

ישראל ראַבאָן איז געקומען אין דער ליטעראַטור מיט אַן אייגענעם קלסתר־פּנים ווי אַן איינמאָליקייט וואָס חזרט זיך נישט איבער, ווי איטלעכער פּענאָמען. אַזאַ איז ער געבליבן — אַ זעלטענער קינסטלער מיטן פּרעציזן אינסטרומענט פון אַן איידעלן פּאָעט אַ סקולפּטאָר פון דער מענטשלעכער נשמה און אַ סאַטיריקער מיט אַן אויסנעמלעכער פּאַליטרע פון אַ פּלאַסטיקער וואָס רופט אַרויס מיט זיין פּענדזל פונקען לעבן פון טויטן חומר, אַ פאַרמשפּטער אויף פוילעניש. פיזיש אומגעבראַכט געוואָרן פון דער בעסטיאַלישער חיה־רעה בצורת דייטש (אין אמתן, אַ דייטשישער ראַבאָט) אין דער אָקופּירטער ווילנע וווּ ער האָט געזוכט אַ מקום־מקלט צו קענען איבערהאַרן דאָס פייער־געוויטער. ראַבאָנען איז נישט באַשערט געווען איבערצולעבן דעם טויטלעכן שטורעם. זיין ווערק, קליין אין כמות, אָבער גרויס אין איכות, פאַרזיכערן אים אַ בכבודיק אָרט צווישן די אויסגענומענע ייִדישע שרייבערס פון אונדזער שוער־געפּרוּווטן דור.

יוסף אַקרוטני

ישעיהו שפּיגל

ישעיהו שפּיגל איז אַ קינד פון דער לאָדזשער אָרעמקייט. שוין פון זיין פריִער יוגנט האָט ער זיך אַרויסגעהויבן מיט אַ באַזונדערער איידל־קייט, וועלכע האָט אים אויסגעטיילט אַפילו צווישן דער יונגער שרייבע־רישער חברותא. אַ שטילער, אַ צוריקגעצויגענער, האָט ער געשריבן שטילע מאָדערניסטישע לידער, געטאָן לערערישע אַרבעט אין אַ יידישער שול און פריידלעך געטראָגן דעם גורל פון אַ זון וואָס איז געפאַלן אויף דער וועלט אין אַ שטוב פון אַ וועבער־האָרעפּאַשניק.

און איז אַראָפּ איבער פּוילן דער מבול פון בלוט און פייער, איז ישעיהו שפּיגל אין זיין באַזאַכטקייט אַריין אין געטאָ מיט זיין גאָרן פּאַרמעג — מיט אַ ווייבל ,בלוט און מילך׳ און אַ פּיצינק טעכטערל און, אַן ערשטלינגבוך פון לידער. סיי די לידער, סיי די דערציילונגען, וואָס ער׳ט געשאַפן שוין אין דער געטאָ־דחקות, האָבן קאָנטיק אים געשטאַרקט גייסטיק, כדי צו קענען איבערדויערן דעם גיהנום פון אומקום־לאַגער אוישוויץ.

נאָך די גזירות־היטלער, אויף דער אָנגעחורבנטער ערד פון לאָדזש, אונדזער אומגעקומענער היימשטאָט, האָבן מיר דערזען שפּיגלען אַ ווידער־געבוירענעם.

א

ישעיהו שפּיגל האָט באַקומען ברייטן שרייבערישן פּירסום ווי אַ דערציילער פון מלכות־געטאָ. אַ לענגערער ציקל דערציילונגען פון געטאָ און אומקום־לאַגערן האָט שפּיגלען אַרויסגעהויבן מיט שבחים ווי אַן אייגנאַרטיקן שילדערער פונעם עמק הבכא, אויף וואָס יידן פון אַלע אומע־טומען אין איראָפּע, באַזונדערש אין פּוילן, זענען פאַרמשפּט געוואָרן פונעם בייצייטיקן טעווטאָן, וועלכער איז אַרויס פון אורוואַלד אויף טאָטאַלן אומברענג פון די יידן. אין דער אַ גרויליקער מסכתא פון בלוט־אָפּצאַפּונג ביי צאָלרייכע יידישע קהילות, האָט שפּיגל זיך באַוויזן מיט זיין קינסט־לערישן אייגנאַרט ביי דער זייט פון אַזעלכע אָריגינעלע חורבן־מאָלערס פון געטאָ, עדי־ראיה פון אונדזער פאָלקס־בראָך ווי מרדכי שטריגלער (זיין „מיידאַנעק״, „ווערק צע״ א״אַנד.), קאַצעטניק („דאָס הויז פון די ליאַלקעס״ א״א), יהודה עלבערג („אונטער קופּערנע הימלען״, „אויפן שפּיץ פון מאַסט״), חוה ראָזענפאַרב („באַלאַדע פון קעלנער „אַבראַם״, „דער בוים

פון לעבן" א"א). ווײַזשע נישט אַרויסצוהייבן אין דער אָ שורה אויך אברהם סוצקעווערס פּאָעמע „געהיימשטאָט" און זיין מייסטערישע כראָניק „ווילנער געטאָ"? ישעיהו שפּיגל האָט אָבער אָנגעהויבן זיין שעפערישן וועג ווי אַ ליריקער. זיין ערשטלינגבוך איז באַשטאַנען פון לידער אונטערן טיטל „מיטן פּנים צו דער זון" (1930) און אַ רוב לידער האָט ער פאַרעפנטלעכט אין צייטשריפטן אויך דערנאָך, און לידער שרייבט ער אויך אַצינד. זיינע לידער פון דעמאָלט (פּונקט אַזוי ווי איצטער) זענען לפּי זייער תוך דורכגעדרונגען מיטן טריבן געמיט פון אַ קינד וואָס האָט פריצייטיק זיך אָנגעזען מיט אַ וועלט פון עלנט און רשעות. יאָ, ישעיהו שפּיגלס וועלטבאַנעם האָט געצייטיקט אונטער שווערע סאָציאַל־פּאָליטישע געשעענישן, וועלכע האָבן בלי ספק זיך אויסגעווירקט אויף אים ווי אויף אַ פיינפילנדיקן ייִד, דהיינו, ער איז געווען אַן עד־ראיה פון גרויליקע איבערלעבענישן אין זיין עלטערן־הויז ווי בכלל אין דעם נאָענטן אַרום פון וועלכן ס'האָט שוין בעת זיין קינדשאַפט דערבראַכט צו אַזאַ תהומיקן איבערבראָך ווי עס איז געווען די ערשטע וועלט־מלחמה. און באַלד דערויף האָט דער יונגער שייַעלע זיך אָנגעזאָפּט מיט די צרות־צרורות וואָס זענען געקומען אויף ייִדן, באַזונדערש אויף ייִדן, דער ביטערער אויפשפּראָץ אינעם אומאָפּהענגיקן פּוילן ווו עס האָט במשך לענגערע יאָרן געדייעט די מגפה פון פּויפּעריזאַציע כלפּי דעם פּוילישן ייִדנטום. לסוף האָט דער אָ וועג וואָס איז געשטאַנען אונטערן אומאויפהעריקן בין־השמשות דערפירט צו דעם נאַקעטן חורבן, צו וועלכן דער נאַצישער דייטש איז אומגעשטערט דערגאַנגען ביי דער אוממיטלדיקער מיטווירקונג פון פּוילישן פאָלק, ווי עס באַשטעטיקן די ווערק פון אַ צאָל אָרנטלעכע פּוילישע שרייבערס (זאָפיאַ נאַלקאָווסקאַ, אַדאָלף רודניצקי, קאַזשימיעזש בראַנדיס און מערערע אַנדערע פון ריינער פּוילישער ראַסע). גענוג לדוגמא אָנצורופן אויף די באַרימטע נאָוועלע „נאָץ" (נאַכט) וואָס אַנטהוילט די פּוילישע רשעות. מיט זיין דערציילן וועגן לעבן און אומקום פון ייִדן אין דער ספערע פון דורכויסיקן תהום און זייערע אומגעהייערע פּיינען איז ישעיהו שפּיגל דער קינסטלער־אָנקלאָגער פון דער משוגע־געוואָרענער וועלט, וועלכע האָט מיט מוראדיקן גלייכגילט זיך צוגעקוקט צו די מעשים־תעתועים פונעם משחית וואָס האָט זיך באַוואָפנט ביז די ציין פאַר דורכויסיקן פאַרלענד פונעם פאָלק ישראל. אַ צאָל ביכער פון באַטייטיקן פאַרנעם זענען ישעיהו שפּיגלס זעלטענע עפּישע מגילה פון די שוידערן אין אַלע מדרגות פון ייִדנס פאַרטיליקונג.

ב

אַוודאי, נישט נאָר אין ניכטערנער פּראָזע עדותט ישעיהו שפּיגל די דאָזיקע יסורימדיקע תקופה. אויך אין פּאָעטישן געמעל דערציילט ער פון די פּינצטערע שטורעמס וואָס די בייזע גויִים האָבן געבראַכט אויף אונדזער אומה, צו מאָל ברענגט ער עס אין פּלאַסטישע בילדער. נו, די דאָזיקע לירישע און דערציילערישע געמעלן אין פּאָעטיש דיסציפּלינירטע סטראָפן האָט אונדזער דיכטער געשאַפן בעת ייִדן זענען געוועזן אַריינגעטריבן אין עקסטרעמסטן געקוועל פון געטאָ מיט ווילדע יאָגענישן, אַקציעס, אימת־מוות. די לידער זענען אַפילו געשריבן מיט אַ טרעפיקער מעטאַפאָריק און אין אַ געמיט וואָס גיט אָפּ אין פּולן ציטער דעם גורל־גאַנג פונעם צעבלוטיקטן ייִד וואָס איז על פּי מיקרה ניצול געוואָרן פון דער צוויי־פיסיקער חיה־רעה. און כאַראַקטעריסטיש: אין זיין טיפסטן ייִאוש דערבליקט שפּיגל אַ פונק ליכט אין אָפּגרונט פון אומדערהערטן אומגליק וואָס איז געקומען אויף זיין דור. טאַקע מיט דעם אַ שטריך איז אונדזער דיכטער געטריי דעם רוף פון רבי נחמן מבראַצלאַוו צו זיינע בני־דור אין אַ שעה פון פאַרצווייפלונג מחמת מאוימדיקע נגישות פונעם נכרי: ייִדן, זייט זיך נישט מייאש! אַ סימן אַז ישעיהו שפּיגל גייט שעפעריש אין דעם דאָזיקן וועג (אין געמיט, מיינען מיר מיט דעם אַ וועג) זאָגן עדות צו מאָל זיינע ביכער וועלכע ער רופט אָן מיט אַזעלכע נעמען: „שטערן איבערן געטאָ" (1948), „ליכט פונעם אָפּגרונט" (1952), שוין נישט צו דערמאָנען זיין ערשטן בוך „מיטן פּנים צו דער זון", אַ לידער־זאַמלונג, בעת זיין צוויט לידערבוך וואָס איז אַרויס שוין נאָך חורבן־געטאָ, טראָגט דעם טיטל „און געוואָרן איז ליכט" (וואַרשע, 1949).

טאַקע אין די לידער, געשריבן אין דער סוביעקטיווסטער פאָרעם (וואָרן אויב אַנדערש וואָלטן זיי נישט געקענט דינען פאַר אַן אוממיטלדיקער עדותשאַפט אויפן קרבן פון אונדזער מוראדיקסטן בראַך) אַנטפּלעקט זיך ישעיהו שפּיגל ווי דער ליריקער פון איבישסטן געזאַנג, נעמלעך, מיטן פּנים צו זיין אינטימען אַרום און צו דער וועלט אין איר קאָמאַ־לעאָנישער פאַרענדערלעכקייט. אָבער מחמת דעם אומגעהאַרישן פאָלקס־קאַטאַקליזם האָט ער געמוזט מיט זיין אומפאַרלעשלעכן ווייַ שעפעריש אָנקומען אויך צום דערציילערישן זשאַנער כדי צו האָבן אַ ברייטערע רעם פאַר דער שילדערונג פונעם גלייִקסטן נסיון וואָס איז געווען דורכוויסיקע רויע וואָר, רוי שברוי. צו דער דאָזיקער שפּיגלישער שטים, וועלכע טראָגט זיך פונעם סאַמע תהום ווען דער דראַקאָן בצלמו פונעם באַוואָפנטן,

געהעצטן דייטשישן רצחן האָט זיך געשטעלט אַנטקעגן דעם דיכטער שוין אין 1939 ; אַזוי אַ אומדערבאַרעמלעך האָט ער געצונדן שייטערס פאַר יידן זינט 1940 ביז 1945 איינשליסלעך, מוזן מיר זיך צוהערן מיט האַרצצאַפּל צו גלייך מיט די שיטערע רייען פון די אַרומגעפליקטע שארית־הפליטהניקעס, וועלכע זענען געשטעלט געוואָרן פּנים אל פּנים מיט זייער צעחרובטער וועלט. אגב, וועדליק די לידער־מאָטיוון פירט אונדז דער פּאָעט שפּיגל איבער אַלע מדרגות פון דעם גיהנום, צו וועלכע דער ייִד פון געטאָ און אוישוויץ איז דערבראַכט געוואָרן. באופן זה קענען מיר די נעמלעכע מאָטיוון נעמען ווי אַ ייִדישן פּינקס פון יענע יסורימדיקע טעג :

נאַכט. ס׳ברענט אין שטאָט די לעצטע שיל.
אַנגעצונדן ס׳האָט דער שונא צו גאָט די לעצטע טרעפּ.
איך גיי מיט זיי, מיט אַלע נע־ונדניקעס אויף דעמערוועגן :
— ווו וועלן מיר היינט אַוועקלייגן אונדזערע קעפּ ?

די לעצטע שילן ברענען אין די שטעטלעך. ס׳טליען אַלטע קלויזן.
אין זייערע ווינקלען זיצט נאָך איצט די שרעק פון גזירת ת״ח.
— ווו וועל איך, גאָט, מיט אַלע די פּאַרטריבענע,
אַוועקלייגן דעם קאָפּ היינט ביי נאַכט ?

„אין ערגעץ נישט — ענטפערט זיך אַליין דער פּאָעט אין פאַר־צווייפלונג — די לעצטע שילן ברענען. ס׳ברענען אַלטע קלויזן ; אין רויטן אַש גייט אויס דיין לעצטע טרעפּ — —״ דער אַ מאָטיוו טראָגט די דאַטע 1940, ווען דער היטלערישער הוראַגאַן האָט זיך רעכט געהאַט צעשטרעקט מיט בלוטיקן צאָרן איבער דעם רוב ייִדישע ייִשובים פון אייראָפּע, מיט פּוילן ווי דעם הויפּטצענטער פון די הריגות איבערן ייִדן־פאָלק.

דער ייִאוש צערט אויס דעם ילוד אשה אין אַנבליק פון די בלוט־פאַרגליווערנדיקע געשעענישן וואָס עס זענען גורם דער אומדערבאַרעמ־לעכער אָקופּאַנט און זיינע פּוילישע מיטהעלפערס. אָבער אַ פּונק בטחון טליִעט נאָך אויף אין האַרצגעוועב וואָס איז סוף כל סוף געבליבן די מיסטעריע פאַרן מענטשישן שכל. אין גרעסטער נויט האָט זיך אויך דעם דיכטער ווי זיינע אחים־לצרה געהאָפט אַ בלינד האָפן אויף... אויף וואָס ? פרעגט זיי בחרם, די שארית הפליטהניקעס פון יענעם תהום. אפשר האָט זיך זיי געבענקט נאָך אַ נס מן השמים. מהאי טעמא האָט זיך דעם ייִד אין טאָטאַלער דחקות געגומען חלומען לפּחות פון חומרדיקער זאַטקייט. דערפאַר זיין באַשיידענע תפילה צום בורא עולם, הגם ער רופט נישט אָן זיין נאָמען.

„כ׳בין הונגעריק נאָך דיין ליכט יעדן טאָג / ווי נאָכן ברויט, וואָס איך עס אין חלום. / כ׳בין דאָרשטיק נאָך דיין וואָרט יעדן טאָג, / ווי נאָכן ווייַן וואָס איך טרינק אינעם חלום. / דו האָסט מיך פאַרשטילט ווי אַ מושלע / אין גאָלדזאַמד אויף אַ ווייטן ברעג. / די שטערן צינדן מיך אָן — — / איך הענג איבער אָפענעם תהום / און טרינק דיין קילע אָוונטיקע שיין / פאַרן טויט און פאַרגיין" (1941).

פון דעסטוועגן מאַנט שפּייז זיין געביין, דער הונגער צעפּייניקט זיין געמיט און טריקנט אויס די בלוטן. בכן איז ברויט, פּראָסט ברויט דער חלום פון אומאָפּטרעטלעכן אומרו. ער ליגט ביי נאַכט אַ הונגעריקער און „ס׳ציטערט אויף מיין מויל דער לבנה־זוים — אַ שטיקל ברויט. / זיי וועלן קומען באַלד באַגינען, באַגינען אויפהייבן מיין קאָפּ / און מיינע אויגן — צוויי שטערן — ווי שטויב זיי וועלן צעפּאַלן. / בלויז אויף מיין מויל ס׳וועט פלאַטערן דאָס שטיקל ברויט און זינגען פונעם מילכוועג אויף כישופדיקע שטראַלן." אַזאַ אַ צושטאַנד האָט ווי אַ קאָנ־ווולסיע פון דערדריקנדיקער נויט אַרומגעכאַפּט היטלערס ייִדישע שקלאַפן וואָס זענען געווען אַריינגעטריבן אונטער שטעכלדראָטן אויף מוראדיקן הונגער, ענגשאַפט, פאַרלוירנקייט און קאַטאָרגע־אַרבעט. דאָס אַלץ בייַנאַנד מיט די דעפּאָרטאַציעס צו די פאַבריקן פון טויט האָט דערבראַכט צו פולשטענדיקער פאַרוויסטונג פון די גרעסטע ייִדישע עדהס. נישט קיין חידוש דעריבער די מוראדיקע פאַרצווייפלונג פונעם פאַרמשפּטן אויף פאַרלענדונג מיט אַ מיתה משונה צי פּשוט אויסגיין פון הונגער אָדער דערוואָרגן ווערן פונעם ברענענדיקן צער מחמת די פּיינען פון די נאָענטסטע און טייערסטע. אויך אונדזער דיכטער איז געשטאַנען פאַר אַזאַ דראַמע, אַ געכפּלטע אַלע מאָל אויף אַן אַנדער ליב פאַרטיליקט לעבן. גראָד אַזוי איז עס געשען אין יעדן משפּחה־ווינקל (קיין סימן היים איז פאַרן ייִד מער נישט געווען ניכּר) אונטערן געענגטן געטאָ־הימל, ווען אַ מאַמע האָט געמוזט אומבאַכטיק דורכווייטיקן די מאַקאַברישע פּיין בעת אַן עסעס־מאַן האָט פון אירע אָרעמס אַרויסגעריסן אַ פּיצל קינד און צוזען ווי דער מחבל וואַרפט אַריין דאָס צעשריגענע נפש אין אַ וואָגן, איבער וועלכן עס איז שוין געהאָנגען ווי אַ פּראָסטנעפּל אַ באַוועגטער קינדערישער געיאָמער. פּונקט אַזוי איז דער פּאָעט י. שפּיגל גורלדיק געפּרווּוט געוואָרן פונעם נסיון צו מוזן צוזען ווי זיין קליין טעכטערל איז אויסגעגאַנגען אויף זיינע אויגן ווען אַ באַרבאַר האָט מעשה־ראָבאָט גלייכגילטיק עס אַריינ־געשליידערט צווישן אַנדערע מתים און ערב־מתים ווי מ׳וואַרפט אַ שטיין אויף אַ הויפן שטיינער. ביז שניידיקן האַרצווייטיק זענען רירנדיק די

סטראָפֿן וואָס שפּיגל, דער פֿאָטער, גיט אָפּ דעם פֿאַרגיין פֿון זיין צאַרט קינד. אומפֿאַרגעסלעך סובטיל איז דער געוועב פֿון לידער־ציקל צו זיין טעכטערל עווא, וועמענס אָנדענק דער דיכטער האָט שפּעטער געהייליקט אויך זיין אויטאָביאָגראַפֿיש בוך „שטיגן צום הימל" (תל־אביב, 1966).

ווי ווייט עס איז די דאָזיקע איבערלעבונג פֿונעם דיכטער, זאָגט עדות צו מאָל דאָס ליד „אַלץ געדענקט"; ס׳הייסט, אַלצדינג אַרום אים געדענקט זיין טייער טעכטערל, און דאָך איז זי מער נישטאָ. זי איז אַוועק מער נישט זיך צוריק צוקערן:

אַלץ געדענקט: ס׳געדענקט דער בוים, דאָס גראָז געדענקט,
דער פֿויגל אויפֿן בוים געדענקט דיך אויך.
דו האָסט די אייגעלעך פֿאַרזשמורעט דיין
און נאָכגעקוקט ווי ס׳קרייזלט זיך דער רויך.

דער רויך איז דאָ. דער בוים איז דאָ. דער פֿויגל אויך:
אַ ווינטעלע גיט טייל מאָל אויך אַ בלאָז.
איך זיץ אין גאָרטן־ווינקל מיט דיין שאָטן נאָך
און — רייס די האָר מיר פֿון מיין קאָפּ.

יאָ, שוין אין ערשטן געטאָ־יאָר 1940 האָט דער דיכטער ישעיהו שפּיגל געצאָלט אָט דעם פּיינלעכן צינדז דעם מולך וואָס איז להוט וואָס מער ייִדן־בלוט, ייִדישע פּיינען. נישט ווייניקער דערמאָנען אים דאָס אַ אומגליק די קינדערשע שפּילצייג, וועלכע איז אַ צולייג צו זיינע פּלאָגן.

אין שופֿלעדל דיין שפּילצייג
ליגט אַזוי פֿאַרשעמט.
מיט שטערן כ׳לאָז זיך וואַנדערן
אָן מלבוש און אָן העמד.

וואָס דאַרף אַ מענטש אַ בגד?
וואָס דאַרף אַ מענטש אַ קלייד?
בלויז שטערן אין דער פֿינצטערניש,
בלויז שטילע, שטילע רייד.

איך לאָז מיט אַלע ווינטעלעך
אַוועק זיך אין דער פֿרעמד.
אָ, גאָט, אַ גאָט, מיין איינציקער,
וואָס האָסטו מיך פֿאַרשעמט?

ליד און תפֿילה פֿון טיפֿסטן צער זענען אויך די אַנדערע לידער שפּיגלס וועגן דעם אַוועקגעריסן ווערן פֿון זיין אומשולדיקן יונגיטשקן

קינד. ער האָט אויסגעטאָן די שיך און אָנגעצונדן ליכט און „וואָלט אַזוי אַ לעבן־לאַנג מיט דיר געזעסן" — שמועסט דער פּאַראַבלטער פּאָטער צו דער נשמה פון זיין פאַרשניטן טעכטערל. אין אַ צווייטן ליד הערט ער אַלץ נישט אויף צו טענהן צו זיך און צום גייסט פון געשטאָרבענעם קינד אַז „ס'איז נישט אמת אַז ביסט טויט, / מיין האַרץ — עס ליגט צוזאַמען מיט דיר אין וויג. / און ביי נאַכט / איך פליסטער דיר מיינע הייסע פּאָטערלעכע רייד, / אַז דער רעגן־בויגן / שטאַרבט קיין מאָל נישט אויף אונדזער הימל".

ס'איז גרויליק דער באַוווסטזיין וואָס עס וועקן די אַ ווייַ־מאָטיוון פון יענע שוואַרצע יאָרן, אָבער זיי זענען איינציייטיק אַ באַווייז אַז קיין שום טומאה־כוח איז נישט אין שטאַנד אָפּצוטויטן דעם שאַפערישן גייסט פונעם פאָלק אין דער געשטאַלט פון זיינע דיכטערס און אינטעלעקטואַלן וועמענס ווערק עדותן אויף דער אומפאַרגעסלעכקייט פון דער באַלעבנדיקער אינספּיראַציע. אויך די זינגעוודיקע נשמה פון ישעיהו שפּיגל געהער צו די, נישט געקוקט דערויף וואָס די תליה־פּעטליע איז אָן אויפהער געהאָנגען איבער זיין קאָפּ.

די פיל מאָל איבערגעחזרטע מאָטיוון פון דער הייסגעליבטער מוטער און דעם גורל פונעם טאַטן דעם פרומען האָרעפּאַשניק פון די שמאָלע געסלעך אין לאָדזשער אָרעמקייט־געגנט באַלוט, זענען צו בלאָס אָנטקעגן דעם בראַנד וואָס צוקט אין שפּיגלס האַרץ פנים אל פנים מיט די פּריציייטיק אַוועקגעריסענע, וועמענס אָנדענק דער פּאָעט פאַרהייליקט מיטן בלוט פון זיין איידעלן האַרץ. יאָ, דער אומפאַרהיילטער שניט פון חרוב געוואָרענעם געבוירנאָרט באַגלייט דעם דיכטער שפּיגל ווי אַ פיינלעכער רעפרען צו זיין אייגענעם לעבנסליד:

איך קני פאַר דיר, מיין היים, מיין טויט־פאַרברענטע באַלוט,
פון פייער־ים אַ שפּליטער כ'שטיי ווידער ביי דיין שוועל;
נאָך ברענען מיינע האָר פון לעצטע שייטער־פלאַמען,
אַ טויטן־גרוס איך ברענג דיר פון דער־שטיקטער קעל.

אוי ווי איז מיר, מיין היים, און אַלע מיינע ברידער
וואָס קלאָגן איצט ירמיהוס אַלט געוויין אויף ס'ניי;
אַ פעלד אַ וויסטס — דאָס האַרץ וואָס פלאַקערט ווי אַ דאָרן
און וויל פאַרברענט נישט ווערן נאָך אונדזער בראָך און ווייַ.

ווי אַ שאַקאַל איך וויין אין די פאַרברענטע געסלעך,
און ס'רינט נאָך אויף מיין פנים אַראָפּ דעם הימלס שנאה.
כ'בין פון מיין לעצטן דור דער לעצטער ייִד צום שטאַרבן,
און אפשר אונדזער טרייסט כ'וועל אונטער אַש געפינען?

וויִ שײן ביסטו געווען, וויִ שיין, מיין אָרעם באַלוט,
מיט יעדן שטיין און שוועל, מיט אַלטע שיינע קלויזן;
דיין ערד קוקט איצט צו מיר ווי ס׳פּנים פון אַן אָבל
און איך אַליין — אַ נס, אַ נס פון הונדערט טויזנט.

אין געשטאַלט פון זיין אָרעם באַלוט קלאָגט אויס דער דיכטער די עלעגיע אויף דעם פאַרלענד פון זיין גאַנצער אומה, וועלכע האָט דערזען אַרום זיך אַן אויסגעוואָרצלטע וועלט און אַן אויסגעדייוועטע, אַן צוזאָג פאַר ווייטערדיקן לעבן.

ג

אין דער מאָס ווי ישעיהו שפּיגל דער דיכטער דענקט, געדענקט און דמיונט פון די יסורים וואָס ייִדן זענען באַשערט געוואָרן אין געטאָ־גיהנום און אין אומקום־לאַגער, איז דער דערציילער ישעיהו שפּיגל דער לירישער שילדערער פון דער ברוטאַלער און שאַרף־פּאַרטונקלטער ווירקלעכקייט וואָס דער נאַצישער סיסטעם פון טעראָר, רויב און אַנטמענטשונג האָט באַשאַפן פאַרן ייִד אויף דער פּוילישער ערד. יאָ, פּיין־לאַגערן פאַר קאָנצענטרירטער פאַרטיליקונג פאַרן מין ייִד האָט דער היטלערישער ראַבאַט פאַרפּלאַנצט אויך אין אַנדערע לענדער, אָבער אין פּוילן האָט די דייטשישע חיה־רעה נישט געשפּירט קיין שום צוריקהאַלט פאַר אירע פאַרצוקערישע געלוסטן כלפּי דעם ייִד. ווייל אין ערגעץ האָט דער היטלערישער אָקופּאַנט נישט געשוינט דעם ייִד; „די ענדלייזונג פון דער ייִדנפראַגע״ איז פאַר דעם שד פון בערכטעסגאַדען געווען דער ציל פאַר אַלע לענדער וועלכע ער האָט אונטערגעיאָכט, אָלאָ דעם תוהו ובוהו וואָס ער האָט צעעפנט אויף פּוילישן באָדן, האָט ער אַנדערש־ווו נישט דערוועגט צו באַגרונטפעסטיקן בחוזק יד אַזוי ווי אין לאַנד פון דער ווייסל. די סיבה איז אַ גאַנץ פּשוטע: ווייל די פּאָליאַקן זענען אים געווען די געטרייסטע שותּפים און מיטהעלפערס צום ייִדן־פאַרלענד. און אויף דעם זאָגט עדות אויף אַן אויסנעמלעכן קינסטלערישן אופן ישעיהו שפּיגל, שפּיגל דער פּראָזאַיִקער. זיינע געטאָ־נאָוועלן זענען אייגנציקאַרטיק אין אונדזער קינסטלערישער ליטעראַטור וואָס איז אָפּגעגעבן דער עפּיק פון דעם אומגעהייערן חורבן. נאַטירלעך, ס׳איז אַ פּועל־יוצא דערפון וואָס דער מחבר פון די אַ נאָוועלן האָט באַוויזן אונטערן אויגנרייסנדיקן פּראָזשעקטאָר פון די אויפטרייסלענדיקע געשעענישן אַריינצודרינגען אין דער סאַמע טיף פון דער פּסיכיק דעם ייִדס, ווי זי האָט זיך געבויגן, געענדערט, צו מאָל זיך געקרישלט, אונטערן פייערבראַנד פון די מאַוזמדיקע טרייסלענישן —

עלעהיי אייזן אונטערן שווערן האַמער פונעם שמידער, נו, אונטער די קלעפּ פון אומדערבאַרעמלעכן גורל.

אויף צומאָרגנס נאָכן חורבן האָט דער ניצול־געוואָרענער דיכטער ישעיהו שפּיגל אויסגעגראָבן פון אונטער דער ערד זיינע פאַרבאַהאַלטענע כתבים, וואָס ער'ט מחבר־געווען אונטער דער פלאַקערשיין פון דער אומגע־הערישער שריפה וואָס דער פאַרביסענער פאַרטיליקער האָט צעצונדן פאַרן יידישן לייב און לעבן. אויסגעגראָבן און זיי געגעבן אַ תיקון אין דער סומנער לופט פון קוים אויפגעלעבטן דעת־הקהל. דאָס ערשטע ביכל פון אָט די געמעלן פון יידנאומגליק האָט שפּיגל אָנגערופן מיטן כוללדיקן נאָמען מלכות געטאָ. און ריכטיק, ביז גאָר טרעפיק די אַ באַצייכענונג פאַרן גרויסן ווערק פון דעם אומגעהייערן פאַלקס־בראַך. לפי דעם אַ זאַמלווערק פון בילדער, שילדערונגען, געמעלן און פּסיכאָלאָגישע ווי סאָציאָלאָגישע עקסקורסיעס פונעם קינסטלער איבער די פלאָכן פון חורבן איז דער שרייבער שפּיגל אי דער ביאָגראַף און אי די ביאָגראַפיע פון אונדזער חורבן השלישי. אַ קינסטלער פון געלייטערטן יידישן וואָרט איז זיין יחידישע ביאָגראַפיע אויף דער גאַנצער שטרויכלוועג פונעם געטאָ־דור ווי פונעם ייד וואָס איז געוואָרפן געוואָרן אין די קרעמאַטאָריע־פייערן פון אָשוויענטשים צי מיידאַנעק. מענטשלעך דערהויבן אפילו אין זיין צעוויטיקטן געמיט האָט דער שרייבער ישעיהו שפּיגל געפונען אין זיין ווערק אייגענעם פולן אויטענטישן אויסדרוק.

„מלכות געטאָ" אָדער ווי זיינע געטאָ־דערציילונגען זענען אָנגערופן געוואָרן אין די מערערע שפּעטערדיקע אויסגאַבעס אין פּאַריז, ניו־יאָרק, בוענאָס־איירעס צי תל־אביב, איז נישט קיין מליצהדיקע באַציי־כענונג פאַרן גיהנום וואָס די דייטשן האָבן געשאַפן פאַר די יידן מיט דער הילף פון די פּאָליאַקן, אוקראַינער, ליטווינער און אַנדערע גויים. מיט די ערלעכע מיטלען פון אַ קינסטלער וואָס האָט אין געטאָ־קלעם דערשפּירט דעם צופלוס פון זיינע אייגנטלעכע שעפערישע כוחות, האָט ישעיהו שפּיגל געטריי, מיט נשמה־צאַפּל אויסגעמאָלן די געטאָ אין איר טאָג און נאַכט, ווי ער האָט דערשפּירט די פּיין און נויט אויף אייגענער הויט, געשילדערט מיט די טריבע פאַרבן פון דחקות און אומגליק. אַ, ווי די אינטענסיוויטעט פון שפּיגלס פילן און באַנעמען די פּחדימדיקע וואָר באַצווינגט אונדז מיט דער דאָזיקער וואָרהאַפטיקייט אַזוי ווייט אַז מיר דערשפּירן בחוש ווי אומבאַהאָלפן, אָרעם עס איז דאָס מענטשישע וואָרט פאַר דער שילדערונג וואָס אַ ליאַדע ווער פון די קרבנות איז אין שטאַנד אונדז צו דערציילן פון זיינע שווער־איבערגעלעבטע פּיינען. אָבער אַ דאַנק

די אויסנעמלעכע כשרונות פון שפּיגלען, דעם קרבן פון געטאָ און אומקום־לאַגער אָשוויענטשים איז דעם דור פון פיינלעכסטן נסיון געראָטן צו באַקומען דאָס אוממיטלדיקע בילד פון דעם כרת וואָס איז נגזר געוואָרן אויף דעם גאַנצן פאָלק און אויף אונדזערע נאָענטסטע בתוך עם הנשבר.

עס זענען געשאַכטן, צעטראָטן געוואָרן אומעטום די יידישע היימען און ישעיהו שפּיגל געגעענט דעם גרויל צו אונדזערע אויגן. מיט זיין קינסט־לערישער צייכענונג און אינטעלעקטועלער הסברה פאַרבילדלעכט ער מיט אַ זעלטענעם כוח פון זיין זעען און שפּירן סיי דאָס שעכטן און סיי דעם גליוועך פון טויט וואָס האָט פאַרזיגלט מיט זיין אכזריות דעם גאַנצן קאָמפּלעקס פון דערשטיקטן יידישן לעבן. וואָרן אַזוי האָט פאַרפּלאָנט און אַזוי האָט געוואָלט דער דייטש מיט זיין אָפן אַרויסאַנטפּלעקטן מאָרד־לוסט. נו, אַזוי פיל פּיין, אַזוי פיל טויטן האָט פאַרגרייט דער רוצח בצורת דעם דייטש מיטן פּיקלהויב און העלם, פאַרגרייט פאַר יעדן יידישן גבול! ס׳איז אונדז באַפאַלן אַזאַ פאַרציקערישער היישעריק און ער׳ט אָפּגעפרעסן פון יידישן פעלד אַל דאָס בלִיענדיקע, אַל דאָס שפּראָצנדיקע. ממילא אויך די גאַסן און געסלעך פון דער גאַנצער יידישער ערד. ישעיהו שפּיגל איז אַ מאָדים פאַר דעטאַלירטער צייכענונג פון חומרדיקן ווי פון גייסטיקן, אויך פון דעם פּסיכאָלאָגיש־פאַרוועבטן אין מענטשישן מהות און דערויף וואַרפט ער אַ רעכטצייטיק ליכט. דערפון ווערט לפנים שווערלעך זיין סגנון, אָבער ער איז אַלע מאָל ביז גאָר קלאָר אין גרונט פונעם דערציילערישן געמעל. אפילו דער קלאַנג פון זיין פאַרב (יאָ, פאַראַן אַזוינע קינסטלערישע פאַרבן וואָס גיבן אָפּ מיט וואָרעמע וויברי־רונגען פון וואָרט און געמעל) שניידט זיך אַריין אין געדעכעניש נישט אָפּצומעקן. נעמלעך, אַזעלכע בילדער אַסאָציאַציעס און געדאַנקען שפּאַרן אַרויס דאָ און דאָרט פון שפּיגלס מלכות־געטאָ. אונטער טונקעלע מויערן און שטעכלדראָט־פאַרצוימונגען וועלבט זיך, שפּיזט זיך אָן מיט גרוילן די געטאָ אין איר גאַנצענעם היקף. נאָך מער, אין זיין פאַרטיפטן בילד ווערט צו מאָל בולט אַז פון די אָפּגרונטן וואָהין דער מענטשן־פיינד האָט אַריינגעוואָרפן די יידן, דרינגט נאָך אַרויס אַ פאַרשעמט לויטער ליכט פון מענטשישער יידישער גוטסקייט, נישט געקוקט דערויף וואָס דער פאַרפייניק־טער ייד איז גורלדיק פאַרמשפט אויסצוגיין פון קרענק, פון הונגער. מיט דעם איז צו דערקלערן וואָס ישעיהו שפּיגל האָט אַ פולערע זאַמלונג פון זיינע געטאָ־נאָוועלן אָנגערופן מיטן טיטל „ליכט פון אָפּגרונט״. אָט דאָס ליכט באַשטראַלט די פאַרבאָרגענע שיינקייטן פונעם מענטש, וואָס אַפילו די

אכזריותן וואָס דער רוצח טיילט אים אויס זענען נישט מסוגל זיי צו פּאַרמיסטיקן. מערערע צייכנס פון מענטשישער דערהייבנקייט באַלייכט די איידעלע קונסט פונעם געטאָ־ביאָגראַף ישעיהו שפּיגל. דאָס כלה־מיידל האָט מיטגענומען אין געטאָ אַריין דאָס גרויסע שיינע בעט וואָס איר חתן, דער סטאָליער לייבל, האָט אייגנהענטיק אויסגעמייסטערט צו זייער נאָענטער חתונה. איז פּלוצלינג געקומען דאָס אומגליק, זעלדע מיט איר אָרעמער מוטער זענען אַרויסגעטריבן געוואָרן פון זייער דירה און אַריין אין אַ טוכלער נעסט פון דער ענגער געטאָ, און דער חתן איז אומגעקומען צווישן מחנות געפאַלענע בעתן אָנגריף אויפן לאַנד. האָט זעלדע טאַקע איינגעטריקנט אין געטאָ צוזאַמען מיט דער מוטער, ס'זענען אויסגעדאַרט געוואָרן אויך אירע יונגע בלוטן אָן האָפענונג, אָבער זי'ט אַלץ זיך נישט פאַרגונען צו שלאָפן אין איר חתונה־בעט. צוזאַמען מיט דער מוטער האָט זי זיך געוואַלגערט אין די נעכט אויף שמאַטעס, אויסגעשפּרייטע אויפן דיל. איז אָבער קראַנק געוואָרן דעם שכנס יונגער זון אין געטאָ־ענגעניש, ער האָט געצאַנקט ווי אַ ליכט, האָט זעלדע זיך אַנטשלאָסן צו ראַטעווען דעם חולה מסוכן לפּחות מיט אָנוואָרעמען דאָס חדרל, ווו ער האָט געהויזט מיט זיין אָרעמען, פרומען פאָטער. זי האָט מיט אַ האַק צעשטיקלט דאָס אַזוי אָפּגעהיטענע חתונה־בעט, אויסגעהייצט דאָס שטיבל פון דעם שווער־קראַנקן בחור און געפּרוווט אים ראַטעווען מיט אַ פּאַסנע ביסל וואַרעמס. די טראַגיק פון חרובע בענקשאַפטן אַנטפּלעקן זיך בכן אויך אין די פינצטערנישן פון דחקות אין געטאָ, און זעלדע איז נישט די איינציקע געשטאַלט ביי שפּיגלען, דעם קרבן פון אכזריותן וואָס אַנטפּלעקט מענטשישע סובטילקייט פּנים אל פּנים מיטן אייגענעם גרויסן אומגליק. אמת, עס טרעפן אויך פאַרקערטע דערשיינונגען אין תהום פון טיפסטן אומגליק. דער אָרעמער, הונגעריקער טאַטע, וואָס שטייט אַ גאַנצן טאָג אין טלית און תפילין, קען נישט גובר זיין דעם שד פון נאָגנדיקן הונגער און — ער פאַלט צו, קעגן אייגענעם ווילן, צו דער באַהאַלטענער פּאַרציע ברויט וואָס די מוטער האָט באַהאַלטן פאַר די קליינע קינדער זייערע, פאַר אומעלען און פערעלען. עס איז אַ מוראדיקע טראַגעדיע, פאַר וועלכע דער קינסטלער אין שפּיגלען האָט געפונען די וואַגיקסטע, געמאָסטענע שפּראַכלעכע מיטלען און פּרעציז־געשטעלטע פאַרבן פאַר זיין פּסיכאָלאָגישער פּאַליטרע כדי אונדז אונטערצוטראָגן די טרעפלעכע לאַנד־שאַפט פון אָט דער אומהיימלעכער דראַמע. נישט וויכטיק די דעטאַלן. גענוג צו שטעלן דעם טראָפּ אויפן פּרט אַז דער זעלביקער טאַטע וואָס

האָט אויפגעגעסן די אָפּגעציטערטע פּאַרציע ברויט פון די לייבלעכע קינדער, האָט מיט זיין טויט, וואָס איז געקומען אין גיכן אים אויסלייזן פון דער נויט, מעגלעך געמאַכט אַז זיין אומעלע מיט פּערעלען האָבן זיך כאָטש איין מאָל אָפּגעגעסן צו דער זעט מיטן ברויט וואָס איז געבליבן נאָך דעם ווי דאָס טויטן־וועגעלע פון געטאָ האָט צוגענומען דעם אויס־געגאַנגענעם פאָטער פון שטוב אַרויס.

ס׳וועט נישט זיין קיין גוזמא צו פאַרגלייכן ישעיהו שפּיגל מיטן מחבר פון פּאַרצייטישן יון מצולה, הגם אונדזער הייניטיקער שילדערער פון די גרויליקע געשעענישן איז אַ ראַפינירטער קינסטלער און נישט אַ סתם ערלעכער פּאַרצייכענער פון אומגעהאַרישע פּיינען וואָס דער רצחן האָט געבראַכט אויף אונדזער דור מיט מער ראַפינירטע מכשירים ווי ס׳איז געווען די האַק און דאָס ברעכאייזן מיט וועלכע יענע באַדעס האָבן אין בלוט דערטרונקען גאַנצע ייִדישע קהילות און געשענדט ייִדישע הייליקייטן. אָבער פונקט ווי דער מחבר פון יון מצולה הייליקט ישעיהו שפּיגל אין זיין ספר די געטלעכע יצירה וואָס איז געשאַנקען געוואָרן מיטן מענטשלעכן לעבן. אַ שטייגער די מבולבלע ייִדענע בינע־איטע, וועלכע שפּיגל ברענגט פאַר אונדז ווי אַ בילדערישן נמשל ווי אַזוי אַ געפּייניקטע, נויטליידנדיקע בעל הביתטע איז אין געטאָ־עלנט ממש אומגעקומען מיטן חלום אין טומאַנעם בליק ווען זי האָט זיך געגריידט, אַ הונגעריקע, צו בענטשן שבת־ליכט. נו, דער נמאסער גורל פון געפּלאָגטן ייִד האָט געבראַכט צום באַוווסטזיין פונעם קינסטלער דעם עדות אויף דער אויס־נעמלעך־שווערער דראַמע פון געטאָ־תפוס אַז ס׳איינציקע שטיקל ממשות אויף וואָס ער קאָן זיך סומך זיין, איז נאָר זיין אמונה אין גאָט דעם אַלמאַכטיקן און... אין אַ נס וואָס נאָר ער קאָן ברענגען אויף זיין פאָלק.

אַל דאָס לעבעדיקע איז געשרומפּן אין געטאָ. נישט נאָר ברויט איז געוואָרן אַ זאַך פון וואָס מ׳האָט שוין אויפגעהערט צו חלומען, מחמת ס׳איז שוין דערגאַנגען צום באַוווסטזיין אַז הונגערנויט איז דער גזר וואָס אים איז נישט בייצוקומען. מ׳מוז ווי עס איז בידעווען, שווער האַרעווען אין די כלעריי וואַרשטאַטן און שטאַרק ציטערן פאַרן געלוסט פונעם דייטש דיך צו פאַרשיקן צום טויט. „שפּערעס״, אַקציעס, סעלעקציעס, אַרבעט־שיינען זענען נישט אַרויס פונעם זינען ביים געטאָ־איינוווינער. מחמת די געטאָ איז געווען די בכיוון איינגעשטעלטע פּולאַפּקע ווי מ׳שטעלט אַן פאַר מייז, כדי זיי צו כאַפּן און, פאַרניכטן. פון דעסטוועגן האָט מען אין געטאָ אויף אַן אויסטערלישן אופן געפּרוווט זיך צו ראַטעווען כאָטש

מאַראַליש. געווען פאַרליבטע חתן־כלה, וועלכע האָבן פאַר דער בהלה פון געטאָ נישט באַוויזן חתונה צו האָבן, האָט מע זיך געריכט אַ ליאַדע־ווען אַריינצופאַלן אין די מערדערישע לאַפּעס פונעם שונא, אַרויסגעשיקט צו ווערן אויף אומקום, האָט די יונגע פּאָר, אַ מאָל אויך טאַטע־מאַמע פון די יונגע לייט געוואָלט אַז אויב פאַרשיקט ווערן, זאָל דאָס יינגל מיטן מיידל כאָטש קענען זיין צוזאַמען אין זייער גרעסטער נויט. האָט מע געפּראַוועט חתונות אויך אין געטאָ. אַוודאי, געווען מער לוויות ווי חתונות. אָבער אין דער נויט האָט מע געשטעלט טרויעריקע חופות אַפילו מיט אַ חתונה־אויפשפּיל. ישעיהו שפּיגל מאָלט אויס פאַר אונדז אַזאַ שמחה, מישטיינס געזאָגט. נישט געווען קיין חתונה־געבעקסן, האָט מען ווי עס איז אָפּגע־שפּאָרט אַ רינדל ברויט, פון קאַרטאָפל־שאָלעכץ געפּרעגלט שוואַרצע לאַטקעס, מ'האָט געזונגען אַ זמרל, צו מאָל געגאַנגען אַ מצווה־טענצל און דער טרויער האָט צוגעברומט דער שניידנדיקער נויט וואָס איז באַגינען באַלד נאָך דער חופּה־נאַכט געשטאַנען מיט אַ פאַרשעמטער פּויסט אויף דער שוועל. דער שרייבער שפּיגל איז עס דער צווישן די זעלטענע יידישע וואָרטשאַפערס וואָס האָט פאַראייביקט אָט די אומהיימלעכע וואָר, טאַקע מיט זיינע ביז גאָר שפּאַרעוודיקע מיטלען פון וואָרט און פאַרב. דערפאַר באַקומט זיך פון זיין פּען אַזאַ אַלזייטיקע, געטרייע שילדערונג פון דעם טריבן ליכט וואָס איז אויפגעגאַנגען פון די טיפסטע אָפּגרונטן אין געטאָ צי אומקום־פאַבריק ווי בירקענאַו־אוישוויץ. אמת, אמת, דאָס מאָגערע בלינצל ליכט איז מערסטנס פאַרווישט געוואָרן פון אַזעלכע אומהיימלעכע מאָטיוון ווי די דערציילונג גאָלדענע יויך, וועגן דער יונגער פרוי ביילע מיט איר קליין קינד, צוליב וועלכן זי איז געפאַלן אין די טמא לאַפּעס פון אונטערוועלטניק פּיוויש, וועלכער האָט געמאַכט וויסטע „קאַריערע״ ביים נאַצישן מושל. מיט דעם אַ כוח האָט ער פאַראומווערדיקט דאָס לעבן און ס'געוויסן פון דער אומגליקלעכער יונגער מוטער, וועלכע האָט בכל אופנים געוואָלט ראַטעווען ס'לעבן פון איר איינציק קינד. היות איר כוונה איז לסוף גיליאָטינירט געוואָרן פון דעם, וואָס איז לכתחילה געקומען כלומרשט זי ראַטעווען מיט אַ שיסל עסן, האָט זי זיך דעצידירט אויף אַ דראַמאַטישן פינאַל פון איר אייגן לעבן ווי פון איר פאַרשקלאַפער. אוודאי דערציילט עס, מאָלט און „באַגרינדט״ דאָס שפּיגל מיט קינסט־לערישן כוח. אונדז גייט נאָר אין אונטערשטרייכן די „געשיכטע״ וואָס האָט בשום אופן נישט דערלאָזט קיין פונק ליכט צו דער דאָזיקער פיינ־לעכער פאַרלויפעניש, וועלכע שפּיגל האָט געגעבן אַ מייסטערישע אינטער־

פּרעטאַציע. אַ מוראדיקן גרילץ איבער אונדזערע געהירן ברענגט די שאַרפע בילדערישקייט פון „אומריינקייט", דער דערציילונג, אין וועלכער דער שרייבער לאָזט זיך אַראָפּ צום סאַמע נידעריקסטן שיכט פון דער געטאָ־באַפעלקערונג, די וואָס זענען באַשעפטיקט ביים אַרויספירן צו די היגטערשטאַטישע פעלדער דאָס מיסט פון די ענגע געטאָ־געסלעך און אויך די וואָס מוזן זיך איינשפּאַנען אין מאַדנע־צונויפגעשטוקעוועטע וועגעלעך מיט פעסלעך פון בלעך, אין וועלכע עס ווערט אַרויסגעפירט דאָס אָפּפאַל פון די בתי־כיסאות אין דער באַדרענגעניש פון געטאָ, ווו עס מוזן לעבן הונדערטער טויזנטער נפשות אין קליינע געסלעך מיט נידעריקע הייזקעס. דאָס געמעל פון די אַ אומריינקייט־פירערס, דערין יונגע קינדער אָדער באַיאָרטע פרומע יידן, פון וועלכע עס טראָגט זיך אָן אַוויר פון דערוויטנס. דערצו טרעפט נאָך אַז אין די גריבער פון די געסלעך גיט זיך אַ טרייסל אַזאַ פעסל און דער אינהאַלט זיינער גיט אַ שפריץ אַרויס. ברענגען אַ ציטאַט פון אַזאַ געמעל וואָלט געגעבן אַ בלאַסן באַגריף פון דעם וואָס אַזוינס איז פּאַקטיש אין שפּיגלס אויפטרייסלענדיקער דער־ציילונג. ערשט אַזאַ געמעל ווי פון טויטן געסל, ווו עס געדייען, אין די תנאים פון מענטשלעכער ירידה, אפילו שפּראָצן פון זנות ווי אַ קוואַל פון... פרנסה פון אַ פּראָסטער יידענע די הויכע רויזע. אָך, אָך, מיט וואָס דער שוואַרצער גורל האָט געשטראָפט דעם דור וואָס האָט דערלעבט דעם דערגרייך פון דזשעט־אַוויאָן און לבנה־פאָרשערס.

ריכטיק, די עפּיק פון דעם אוישוויץ־פּלאַנעט איז אַ באַזונדער גרויס און גרויליק קאַפּיטל אין ישעיהו שפּיגלס קינסטלערישער מגילה, וואָס איז רייך אין מאַטיוון ווי אַ פאַרביקע מאָזאַיִק. גענוג צו נעמען פון דעם אַ מין פּאַר אַ מוסטער זיין צעטרייסלענדיק געמעל „באַרוועס". דאַ בעט זיך אַ ציטאַטע:

„ווי לאַנג געדויערט דער פרימאָרגנדיקער יידן־אַפּעל אויפן בירקע־נאַוער זשוויר־פּלאַץ? אומצאָליקע פאַרביישוועבנדיקע שוואַרצע אשמורות. צווישן געבויגענע יידנרייען גרייטן אָן די אשמורות מניגים טויטע. זייערע פּנימער זענען שוין פּריִער רייף געוואָרן צום טויט... צווישן דער צווייטער און דריטער אשמורה זענען זיי בלויז געוועזן צייטיקער, אויפגעקנאָספּעטער פּחד. איך און מיין אומבאַקאַנטער דיל־שכן זענען באַפרייט פון צייטיקן טויט. אויף ס'ניי וויל ער מיר עפּעס אַריינשאָרכן אין אויער, ווידער וועגן די אַניצעס וואָס ליגן אויף דעם קאָנאַדערס הענט? ניין, מיין שכנס מויל איז דיין פאַרקרימט. אָפן און אַראָפּגעלאָזן אין די ווינקלען ווי ביי אַ פיש.

ער וויל עטעמען און קאָן נישט. אָבער איצט שטייען שוין זיי ביידע צוזאַמען, פּאַוולישעק און דער קאַנאַדער. ביידע קוקן זיי אַריין אין די אַגיצעס. מיינע פאַרשוווּנדענע שבת־שיך גלאַנצן אויף פּאַוולישעקס פּיס. אַ טריבער, שוואַרצלעכער שימער פון קרעפּ.

„— דו, פון וואַנען האָסטו די אַניצעס?

„פּאַוולישעק נעמט אַ שטיק אַניצע אויף דער דלאָניע. ער בייגט זיך איין צום איינגעקנייטשטן טוך. צי וויל ער עס אַ קוש טאָן? זיינע אויגן שליסן זיך פרום ווי ער וואָלט געשטאַנען פאַר אַ צלם.

„—מאַטקאַ שוויענטאַ, אַזאַ הייליקייט! אַזאַ שיינע הייליקייט! פאַר דיינע פאַרשיווּע פּיס.

„— פון וואַנען האָסטו דאָס הייליקייט? — צישעט דער קאַנאַדער צווישן זיינע אָפענע ליפּן. זיינע ציין, שפּיציק־וועלפּישע, האָבן אַ געלבלעכן אָפּשיין פון העלפאַנטביין.

„ערשט איצט זע איך די אַניצעס אויף זייערע אויסגעשפּרייטע הענט. די גליזיקע זילבער־העמערלעך אין מיינע שליפן האָבן אויפגעהערט צו קלאַפּן: קליפּ־קלאַפּ. איך זע אַז די אַניצעס זענען פון צעריסענע און צעשניטענע תורה־מענטעלעך. פאַר די אויגן פלאַטערט: שויתי ה׳ לנגדי תמיד... איינגערעמט אין אויסגעהאַפטענע מגן־דודס. דער זעלביקער מגן־דוד וואָס איז געווען איינגענייט אויף די אָוועקגעוואָרפענע געטאָ־רעקלעך. צוזאַמען מיט אונדז זענען דאָ אַהער געקומען, די שויתי ה׳ לנגדי תמיד... ווידער סיטשעט פּראַסטיק דער קאַנאַדער:

„— אַזאַ הינטישער זון. פון דער הייליקער תורה נעמען אַ מענטעלע... אַ ייִד זאָל טאָן אַזאַ חילול השם... ר׳ יאַנטשע האָט אויפגעהויבן פון דער ערד אַ פאַרברענט מענטעלע און טראָגט עס צו צו זיין באָרד. די היציקייט רינט אַראָפּ פון מיינע שלייפן — —״

עס איז אומענדלעך די ציטערניש פון די אוישוויצער אסירים אַנטקעגן זייערע צינישע תלינים וואָס אָט פירן זיי זיי אַוועק גראָבן אַ קבר פאַר זיך, ווי עס פילן די געמאַטערטע; די תלינים וואָס שטאַמען פון בלוטגיריקע חיות אין מענטשן־געשטאַלט, אַלץ איינס צי זיי זענען פּאָליאַקן אין דינסט פון די עסעס־מערדער צי אַפילו אַזאַ וואָס איז מיקלאַמפּערשט אַ — ייִד, ווי עס איז שפּיגלס קאַנאַדער, וועלכער געניסט פון רצחנס׳ חסדים דערפאַר וואָס ער שפּאַנט מיט אים אויף דעם זעלביקן שטעג פון באַרויבן און ממיתן די אומגליקלעכע קרבנות. פּונקט אַזוי האָט דער קאַנאַדער געהאָלפן באַרויבן ישעיהו שפּיגלס שבת־שיך און געלאָזט אים

באָרוועס אין פראָסט אויף שטעכיקער אוישוויצער ערד. און האָט מען געפונען אַ געשענדט מענטעלע פון אַ ספר־תורה צו פאַרוואַנדלען עס אין אָניצעס, שטראָפן די אויסוואָרפן די געפייניקטע ייִדן הלמאי זיי טוען אַזוינס מיט אַזאַ הייליקייט.

ד

באַשאָנקען מיט אַ שאַרף אויג, מיט געפיל פאַר די גרימאַסן פון גורל צוגלייך מיט אַ גוואַלטיק־שפּירעוודיקן טאַלאַנט פאַר פּלאַסטישן געמעל, באַזיניקט ישעיהו שפּיגל די אומוואַנדלונגען פון ייִדישן יחיד ווי פון כלל אין דער קאַטאַסטראָפישער תקופה פון מענטשישער ירידה אין דער וועלט, וואָס איז געשטעלט געוואָרן אויפן סאַמע סכנהדיקסטן משקולת. דערפאַר זעען מיר שפּיגלען דעם דערציילער ווי דעם באַרופענעם צייכענער און מאָלער פון דעם גרויליקן כליאַפּ רעגן וואָס פאַלט מיט אומשולדיק־פאַרגאָסענעם ייִדישן בלוט. זיינע שילדערונגען פון געטאָ — און זיי נעמען ארום סיי די צנועות פונעם קרבן און סיי די טומאה פון די געשטרויכלטע וואָס האָבן נישט געקענט ביישטיין דעם נסיון בכדי צו ראַטעווען זייער אייגענע פּעל, איז די ברייטע גאַמע פון מאָטיוון, אין וועלכע דער מחבר פון די געטאָ־נאָוועלן שפּיגלט אָפּ דעם פּיינלעכן איבערקער אין דער פּסיכיק פונעם ייִד, פונעם מענטש אין דעם ייִד פונקט ווי ער צייכנט דעם שגעונותדיקן אַרויף־אַראָפּ־געשפּרונג פונעם באַראָמעטער, ווען איבערן קאָפּ פונעם געבונדענעם אין געטאָ צי אומקום־לאַגער האָבן זיך צעפּאָכעט די פליגל פונעם מלאך המוות. נו, און דער מחבר האָט אַ וואַך אויג און שפּירעוודיק האַרץ פאַר די מענטאַליטעטן פון די ייִדן־קרבנות וואָס זענען פון בלוטגיריקן אָקופּאַנט געכאַפּט געוואָרן און פאַרשיקט פון האָלאַנד, פון בעלגיע, עסטרייך צי דייטשלאַנד אויף מאַסן־אומברענג. אָט די ניואַנסן האָט שפּיגל באַוויזן אַרויסצוברענגען מיט קינסטלערישן שכל־הישר, צו מאָל אויך די קאָליזיע צווישן אַן אָפּגע־פרעמדטן האָלענדישן ייִד און אַ פּוילישן ייִדישן פּראָסטאַק. אוודאי איז דער באַזיצער פון אַלטן סטראַדיוואַריוס, היינץ לעווי, אַ בולטער אַנטיפּאָד פון די ייִדן וואָס זענען פאַרשיקט געוואָרן פון די פּוילישע שטעטלעך אין לאָדזשער געטאָ אַריין. מהאי טעמא זעען מיר די שאַרפע אויסנעמלעכקייט פון ישעיהו שפּיגלס איינציקאַרטער נאָוועליסטיק ווי פון זיין בילדערישער נאַראַציע, וועלכע האָט ערגעץ אַ פאַרבינד־פאָדעם צווישן דער געטאָ און דער אַנדערער זייט, דער אומבאַקאַנטער, ווו עס האָט סוף כל סוף, נאָכן

חורבן, ווידער געגומען יערן מיט ווייטיקלעכער באַנייונג, אָבער אויך מיט אויגנרייסנדיקע קריעה־ווונדן.

אָן ספק, ישעיהו שפיגל, דער ניצול־געוואָרענער פונעם קרעמאַטאָריע־מאַנסטער, קען נישט אַנטרינען פון די קאָשמאַרע בילדער וואָס האָבן זיך אַריינגעפּליישט אין זיין געביין און אין זיין געפילוועלט. ווי באַשערט אַ רוב פון דער שארית־השחיטה איז ער אויך אַוועק אין אויפגעריכטן לאַנד ישראל, מיטגעלעבט אַפילו אירע חבלי־לידה.

ה

מדינת ישראל איז דעמאָלט נאָך געווען אין די סאַמע ערשטע מלוכישע וויקעלעך, ווען דער נעכטיקער תפוס פון געטאָ און אוישוויץ האָט גענומען בויען זיין נייע היים. דאָ האָבן די האָריזאָנטן זיך אויס־געברייטערט פאַרן ווידעראויפלעב פונעם פאַרוווּנדיקטן אָבל. אָבער פאַר אים האָט אייגנצייטיק זיך אַוועקגעשטעלט אויך אַ נייער פּייסאַזש אויפן פאָן פון אַרומיקן מדבר, דאָס גלייכן אַ גערטל פאַר אַליין־פאַרזייעטע ירקות און די שווערע קאָנסעקווענצן פון קיבוץ־גלויות. עס האָבן גענומען זיך איינזאַמלען אין אַלטניילאַנד געקומענע פון די בונקערס, פון די פּאַרטיזאַנער־וועלדער און קאַנדידאַטן פון די פלאַקערנדיקע דייטשישע קאַלכאויוונס בדרך נס אָפּגעראַטעוועטע. עס זענען געקומען יידן פון אַ סך לענדער. געקומען המון־מענטשן, אינטעליגענטן און אויך אינדיווידן מיט אידעאַליזם וואָס האָט געלויכטן פון זיי מיט אבותדיקן חלום. און געוויזן האָבן זיך אויך יידן פון אָריענט, פון תימן, פון מאַראָקאָ, פון איראַק און מצרים, אָבער עס האָט באַלד אויסגעבראָכן דער מערדערישער ווידערווילן מצד די געהעצטע אַראַבער צו דער יידישער אומאָפּהענגיקייט. דער חלום פון די פאַרוואָגלטע יידן — און די בלוטגיריקע מדבר־לייט האָבן געמוזט זיך צונויפשטויסן. דאָס גלייכן דער ווידעראַנאַנד פונעם פּייסאַזש וואָס באַגלייט דעם באַוווּסטזיין פון דעם עולה און דאָס נאַטורבילד פון ארץ־ישראל האָבן געמאָנט דאָס זייעריקע, אַז ליבשאַפט זאָל דעקן דורות־לאַנגן חוב כלפּי דער מדינה. דער קינסטלער אין שפּיגלען האָט אויך דורכ־געמאַכט אָט די נסיונות. צום גליק זיי גובר געווען און שעפעריש נישט פאַרגעסן זיינע פיינלעכע איבערלעבענישן סיי אין דער פרעמד, סיי אין דער דורותדיק־אויסגעבענקטער היים אין ארץ־ישראל, וועלכע עס איז נאָך שווערלעך צו פאַרהיימישן ווי עס איז דער האַרציקער באַגער. י. שפּיגל האָט אָבער מיט זיין כאַראַקטעריסטישער קינסטלערישער באַזי־

ניקונג פּאַרט באַוויזן מצליח צו זיין אויך אין די שילדערונגען־געמעלן פון דעם דורס דורכלעב אויף דער שוועל פון די נייע גרונטאָוונע מעטאַ־מאָרפאָזעס.

...ייִדן וואָס האָבן בדרך־נס זיך געראַטעוועט פון די נאַצישע לאַפּעס, זענען שולדיק זייערע לעבנס אַ פּשוטער דאָרפישער גויע. האָט זיך אַזאַ אַריבערגעקליבן קיין ארץ־ישראל און גענומען ביי נייס בויען זיין היים. און אמת, די פּרימיטיווע פּויערטע איז מיט געטרייקייט מיטגעגאַנגען מיט איר בועז. זי האָט אָבער געליטן אין דער שטיל און געחלומט זיך צוריקצוקערן צו די אייגענע נאָך דעם ווי איר מאַן איז פּלוצלינג מאָבי־ליזירט געוואָרן פאַר דער היסטאָרישער סיני־אַקציע. ס׳איז איר געוואָרן אויף אַן אמת שווער אויף דער נשמה, ס׳האָט זיך צעוואַקלט איר פעסטקייט צו דויערן אין אַזאַ פרעמדער וועלט ווי די פון איר ייִדישן מאַן. איז אָבער צוריקגעקומען איר מאַן מאַריאַן־משה, האָט זי מיט דער געטריישאַפט פון אַן אומבאַקאַנטער רות אָפּגעגעבן איר ביסל זילבער פאַר דער אויפריכטונג פון יונגן דאָרפישן ייִשוב, ווען ביי אים איז אויפגעבויט געוואָרן זיין ערשטער בית־הכנסת.

ריכטיק, ס׳איז אַ סכנותדיק שווערע, אחריותדיקע עובדא צו באַ־שרייבן, שילדערן די דאָזיקע נייע וואָר אין אַלע אירע דימענסיעס. שפּיגל גופא איז אין דער אַ וואָר נאָך פאַרטרונקען אַריבער דעם האַלדז. משמעות, ער גופאַ איז אין דער בחינה פון יענע ייִדן זיינע פון דער נאָוועלע „די בריק״ (תל אביב, 1963) וואָס בויען אין מדבר אַ בריק פון בעטאָן, אָבער פּראַקטיש גענומען איז זי, די בריק, פאַר די בויערס אַלץ נאָך געווען (דעמאָלט, אין דער יונגינקער מדינת ישראל) אַ פּאַפּירענע בריק, מחמת זייער לעבן פון אויסגעוואָרצלטע, האַלט זיך נאָך ווי אויף שפּינוועבס. ס׳איז געווען אַזאַ ציטעריקע אומזיכערקייט. קענען איבער־געשראָקענע ייִדן זיך לאָזן אויף אַזאַ בריק? סיידן — טאַקע אַריבערשוועבן זי, די בריק, וואָס אַרום איר איז פול מיט שטרויכלונגען. אַ מערכה וואָס די בויערס זענען געווען אָנגעגורט מיט אויסדויער, זיי האָבן זיך פאַרעקשנט דאָך צו דערגרייכן אייגנס, היימישס, און דאָס קאָן זיין דווקא דאָ, אין דער יונגער מדינה. און אַ מערכה וואָס דער גורל איז גנאָדיק צו ישעיהו שפּיגלען וואָס ער קאָן אויסגעצייכנט דאָס האַרץ און... די אַנאַטאָמיע פון דער שארית־הפליטה. זי האָט טאַקע אויף אַן אמת זיך געשטעלט גיסן יוסטע פונדאַמענטן פאַר דער מדינה זייער היים, די וואָס איז געוואָרן די באַפרייטע היים פון אויפגעריכטן נשמהדיקן לעבן ווי פאַרן

קיום פון דעם מוראַדיק געליטענעם פאָלק. אַ ראיה דערויף האָט אונדז געגעבן ישעיהו שפּיגל מיט זיינע שפּעטערדיקע ישׂראל־נאָוועלן ווי דער אומזיכערער, דער ערשט צוריק געקומענער אַהיים, שפּירט זיך וואָס אַ מאָל מער איין אונטער די ברייט־פונאַנדערגעצויגענע האָריזאָנטן פון דער מדינה. עס קומען טאַקע קאַפּויער נייע מכשולים, עס פעלן נישט קיין שוועריקייטן, דאָך ווערט דער אַרום מער אַנגעליכטיקט, געיִידישט פון מער יִידן וואָס שפּאַרן אין לאַנד אַריין פון אַלע אומעטומען. די באַגעגעניש פונעם סופר סת״ם פון פּוילישן שטעטל מעלניק (דערציילונג „שדי״) מיטן קאָרסיקאַנער זשאַן־אַנטאָניאָ איז נעמלעך אַזאַ דין־שאַרפע בליץ־אַנגעליכטיקטקייט איבערן שטוינענדיקן הימל פון דער דאָזיקער געמיינשאַפטלעכקייט וואָס טראָגט זיך דורך אַנטפּלעקעריש צווישן דעם פאָלק. שפּיגלס קינסטלעריש־פילאָסאָפישער באַנעם פון דעם נייעם בראשית אויף דער ארץ־ישׂראל ערד באַלייכט דאָס מיט באַזונדערער פאַרטיפטקייט.

— פּוקואַ?... למה? מאַן דיע! אתה זקן, אני צעיר, כן? איין מענטש דאַרף דעם צווייטן העלפן, נע, פאַ? ווען נישט — צו וואָס וואָלט גאָט באַשאַפן די מענטשן, די וועלט, דעם הימל, די ערד? שטאַרקע און שוואַכע? בלויז צו טאָן שלעכטס די שוואַכע? ניין, מיין הייליקער! נאָ, מאַן סען. נאָן פּור לע מיזעראַבל איז געשאַפן די וועלט! נישט פאַר שלעכטס, נע, פאַ? וואָס פאַרקויפסטו דאָרט אין דיין טאָרבע, אַל־טיטשקער? — — זיין אָפּן מויל און ליפּן (דעם סופרס) פון וואַנען ס׳איז די גאַנצע צייט נישט אַראָפּגעגאַנגען זיין דין רחמים־שמייכעלע צוזאַמען מיטן פליסטערן ווי פון אַ גוטן מלאך, האָט דעם מעלניקערס האַנט... פון דער טאָרבע אַרויסגענומען אַ צעקנייטשט, איינגעוויקלט פּאַרמעטל (פון אַ מזוזה) — — „קעס קע סע? מה זה?״ — — ש...ד... י... — האָט דער מעלניקער פרום געמורמלט... אלוהים, אַבאַ בשמים... שדי...״

דער מחבר דערפירט צו אַ גייסטיקער דערהייבונג דעם שפּלן יִיד פון פּוילן פּנים אל פּנים מיטן אָפּגעפרעמדטן יִיד פון אַ ווייטן צווייג פונעם אַלטן יִידישן שטאַמבוים; ער דערשפּירט זיך מיט זיינע שטומע רייד אָן אַריינגעצויגענער, אומבאַוווּסטזיניקערהייט, אין אַ שליחות פון דער דורותדיקער יִידישקייט, דער סופר סת״ם ר׳ יוסף גבריאל פון מעלניק אין דער יונגער מדינה וואָס האַלט זיך נאָך שוואַך אויף אירע פיס. די נאָוועלע „שדי״ איז, קאָן מע זאָגן, די פּערזאָניפיצירטע אידעע פון דעם נסיונותפולן קיבוץ־גלויות אין דער קינסטלערישער, סובטיל דורכגעפירטער פּסיכאָלאָגיש־דורכגעליכטענער הסברה פונעם אידעלן פּאָעט

ישעיהו שפּיגל אין זיין אייגנאַרטיקער פּראָזע. אוודאי, שפּיגל דער פּאָעט זינגט אַצינד אויך שוין אַנדערע מאָטיוון ווי די, וועלכע ער האָט געלאָזן אונדז הערן אין זיין בוך „און געוואָרן איז ליכט", ווו ס'איז ליריש־טראַכטעריש פֿאַרסך־הכּלט דער פּיינלעכסטער וועג פֿון זיין און אונדזער אַלעמענס דור פֿון ווײ און וווּנד, וואָס געדענקט זיך, לאָזט זיך אַלץ נאָך נישט פֿאַרגעסן:

„ס'הענגט נידריק איצט דער הימל אויף מיין פֿענצטער; / דער ווינט, ער טראָגט שוין פֿרוכט אין גרינע סעדער. / נאָר נישט פֿאַרגעסן כ'וועל אייך, געסעלעך פֿון געטאָ, / ביי אַלע שטערן טו איך היינט אַ נדר: / אַז כ'וועל אַ מאָל צווישן אַש און חורבות אינעם טויט דעם ייִדישן פֿאַרגעסן — / וועל איך שוין וויסן: ס'איז מיין האַרץ פֿאַרלאָשן, / די שבעה נאָך מיין פֿאָלק כ'בין אָפּגעזעסן. / און ווי אַמאָל ביים שפּינראָד אונדזערע באָבעס / און ווי אַמאָל די זיידעס אין די קלויזן — / וועל איך מיין האַרץ טראָגן דיר אַנטקעגן, / פֿאַר אַלע שטערן אין די נעכט אַנטבלויזן — —"

מאַרץ, 1976

יוסף אקרוטני

מרים אָלינאָווער —
אַ זינגעוודיקע שרה בת־טובים

א

מרים אָלינאָווער...? נישט געהערט. אַן אומבאַקאַנטער נאָמען.

אין לאָדזש האָט מען לאַנג נישט געוווּסט פון איר, כאָטש זי האָט שוין היפּשע יאָרן געלעבט אין שטאָט. מאַלע וואָס אין אַ גרויסער מויער האָט זיך אַריינגעקליבן אַ משפחה וואָס איז געקומען פון אַ פאַרוואָרפן שטעטל. ממילא האָט דער נאָמען פון יונגן פּאָרפאָלק נישט אַרויסגערופן קיין באַזונדערן חידוש. אַפילו דער ביינאָמען האָט נישט געמאַכט קיין רושם. פעלן דען אויסטערליש־קלינגענדיקע פאַמיליע־נעמען ביי ייִדן? או־לי־נאָ־ווער. מן הסתם אַ שטאַמנאָמען פון ערגעץ אַ העק. טאַקע מאָדנע. אַוודאי פון דייטשישן שורש דער נאָמען. נייגיריקע האָבן פון דעסטוועגן זיך פאַראינטערעסירט מיט דעם פיינעם יונגנמאַן וואָלף אָלינאָווער וואָס טראָגט זיך אַלע מאָל אַדורך איבערן הויף אַ ציכטיקער, האַלב־חסידיש געקליידט. ס׳האָט גענומען אַ שפּאַר שטיקל צייט ביז לייט האָבן זיך דערוווּסט אַז דער אָלינאָווער שטייט ווייטלעך פון זיין ווינשטוב מיט אַ רייך אינסטאַלירט געוועלב און זיין ווייבל, אַזאַ שטילע, אַ געלאַסענע, גייט אום בכבוד מיט איר בעל־הביתישקייט און צערטלט די קינדערלעך וואָס זענען ביי איר נאָך קליינינקע. אַ פּשוט, וויל ווייבל וואָס האָט, זעט אויס, קיין מאָל נישט קיין צייט, מ׳זעט זי ווינציק אין דרויסן. דאָך האָבן לייט גענומען משער זיין אַז זי, די אָלינאָווערן, ווייזט זיך בכיוון נישט אַרויס, מחמת זי האָט באַשיימפּערלעך נישט קיין חשק אַריינצולאָזן זיך אין מחזקות מיט שכנישע פרויען. באַווייזט זי זיך אַ מאָל, הערט מען פון איר אַ פרעמדלעכן גוט מאָרגן, אַ גוט יאָר און די באַגריסונג באַגלייט זי מיט אַ מילדן שמייכל. קענטיק, מער וויל זי נישט. לייט האָבן לסוף זיך געכאַפּט אַז ס׳איז אַ פרומע שטוב ביי דער דאַזיקער, דערפאַר האָט זי נישט גערן זיך צו מישן...

דאָך האָט דער נאָמען פון פרוי אָלינאָווער מיט אַ מאָל ליכטיק אָפּגעקלונגען אין געהער פון ווינציקע. און מיט פאַרוווּנדערונג: „אָ, זי איז אַ פּאָעטעסע! זי שרייבט לידער, און מ׳זאָגט — גוטע לידער. פאַראַן מבינים וואָס ווייסן! הער וואָלמאַן האָט אַליין געהערט ווי מ׳האָט גוט

געריעדט פון דער פרוי." אָבער פאַרן רוב־עם איז זי ווייטער געבליבן איינע פון אַ סך. טאַקע אַ באַשיידענע, אַ באַזאַכטע, וועלכע האָט די טבע זיך צו הילן אין די ווייכע שאָטנס פון איר שיינער היים, טוליען צו זיך דאָס אייגענע הויזגעזינד. פון דעסטוועגן האָט זי מיט דער צייט געגומען שמען ווי אַ ליבער מענטש וואָס האָט גערן צו טאָן אַ טובה, אַרויסהעלפן אַ נויטבאַדאַרפטיקן, און טאַקע שטילערהייט, מיט איידעלער פרומקייט. טייל האָבן אַפילו דערציילט אַז זי האָט ממש הנאה צו טאָן גוטס — בסתר. און איז עמעץ אַ מאָל אַריין אין שטוב פון די אָלינאָווערס אויף נאָרוטאָ־וויטש־גאַס, האָט אים באַלד אַרומגענומען אַ מאָדנער יראת הכבוד. ס'האָט פאַרשמעקט מיט בשמים־ביקסלעך און טייטש־חומש. און אַז דאָס גויִשע שטובן־מיידל האָט אין אַ צווייטן חדר איינגעלוליעט דער בעל־הביתטעס קינד, האָט אויך איר וויגלידל אָפּגעברומט מיט דער זיסקייט פון דער מעלאָדיע פון „אונטער יאַנקעלעס וויגעלע"... פּשוט, די פיינע שטוב האָט יִידישלעך משפּיע געווען אַפילו אויף דער נכרית.

ב

גאָר ווייניקע האָבן געוווּסט אַז די אַ צנועהדיקע פרוי איז אַ דיכטערין. זי פאַרפאַסט לידער, טשיקאַווע יִידישלעכע לידער וואָס זינגען זיך נישט מיט קיין ניגונים, אלא זיי האָבן אין זיך אַזאַ מתיקותדיקייט און וואַרעמען ממש מיט אַן אויסטערלישער היימישקייט; זי שרייבט נעמלעך אַזוינע לידער וואָס לאָזן זיך הערן מיט גינציקייט, מחמת עס ווייען פון זיי ליכטיקע, פרוכטיקע ווינטלעך. אַנדערע האָבן מעשה אַלץ־ווייסערס אָנגע־וווּנקען אַז „אמתדיקע ליטעראַטן" האַלטן פון איר שרייבעכץ אַן עולם ומלואו צוליב דער באַזונדערקייט פון די דאָזיקע נישט־זינגעוודיקע לידער, וואָרעם זיי גראַמען זיך מיט אַזאַ האַרציקייט וואָס לאָזט זיך נישט סתם־אַזוי אויס־טייטשן, נאָר זיי אַנטהאַלטן אַ באַטעמטע ראַזשינקע. די סאַמע נעוואָרעט איז, אַז פרוי אָלינאָווער האָט בתמימות אַליין שוין געהאַט פאַר עמעצן פירגעלייענט אירע שרייבערייען. אָבער אַחוץ פון אויסגענומענע יחידים אין לאָדזש איז וועגן איר נישט אַוועק מער ווי אַ גוט וואָרט מכוח אירע פאַרפאַסונגען, צו וואָס עס פלעגט איר אַלע מאָל לאָקן. פון אַ ברייטערן פירסום וועגן דער נייער דיכטערין האָט נישט געקענט זיין קיין רייד אין יענער צייט, ווען די לעגיטימע יִידישע פּאָעזיע האָט זיך געהאַט פאַרנומען אויפן וועג פון עקספּערימענטירן מיט נייע פאָרמען פון אויסדרוק, בעת די אָלינאָווער האָט מיט איר ליד געבראַכט דווקא אַ ווייטלעכן גרוס

פון דער „אַלטער״ יידישער וועלט. יאָ, אַ מין קילן גרוס פאַר דעם אָנגרייפערישן מאָדערניזם אין דער דיכטונג.

אַן ערנסטן ערשטן אַרויספּאָר האָבן דורכגעמאַכט די דאָזיקע בסוד־געשריבענע לידלעך פון דער אַ אָפּגעהיטער יידישער טאָכטער נאָך דעם ווי מרים אולינאָווער האָט געהאַט די געלעגנהייט זיי צו ווייזן דעם באַרימטן יידיש־העברעישן שרייבער דוד פרישמאַן. עס איז געווען אין אָנהייב צוואַנציקער יאָרן, ווען דער פאַרדינסטפולער דוד פרישמאַן האָט נאָך אַ לאַנגער אָפּוועזנקייט זיך פאַרבענקט צו זיינע היימישע מקומות. ער איז אַראָפּגעקומען קיין זגערזש, זיין געבוירן־שטעטל. אָבער לענגער האָט ער פאַרבראַכט אין לאָדזש, דער נאָענטסטער גרויסשטאָט פון דעם קליינעם זגערזש. האָט זיך טאַקע מרים אולינאָווער עניוותדיק אַריינגעשטעלט צו פרישמאַנען און געבעטן ער זאָל „באַוויליקן אַ קוק טאָן אויף דעם וואָס איר שרייבט זיך אָפּטלעך.״ ס׳איז געווען אַן ערשטמאָליק, שעמעוודיק אָנקלאַפּן אין דער טיר פון דער ליטעראַטור. פאַרגעשטעלט זיך און, אויסגענומען ווי אַן איינמאָליקע דערשיינונג אין דער יידישער פּאָעזיע, וועלכע איז אָקערשט געווען דאָמינירט פון מאָדערנע איזמען.

אַ דאַנק דוד פרישמאַנען איז מרים אולינאָווער אויף אַן אמת נתגלה געוואָרן ווי אַן אויטענטישע יידישע דיכטערין וואָס פון איר זינגט אַרויס דאָס טעמ׳עדיקע עכט־יידישלעכע געזאַנג וואָס זיין קוואַל זענען די טיפעניש פונעם פאָלק און זיינע קאַנאָניזירטע התנהגותן. אמת, דער מרים אולינאָווער האָט זיך געזונגען אינסטינקטיוו, ווי עס זינגט זיך דעם פויגל. פירגעלייענט אירע שאַפונגען פאַרן מפונק פרישמאַן און איר נאָמען איז אַריין אין היכל פון דער יידישער דיכטונג מיטן אַרעאָל פון אַ ראַסאָווער דיכטערין פון אַ זעלטענעם מין. דער באַרימטער שרייבער האָט פאַר דער באַשיידענער יונגער פרוי ברייט צעעפנט דאָס טויער צו דער יידישער פּאָעזיע. דוד פרישמאַן האָט געשריבן וועגן דער ביז דעמאָלט אומבאַוווסטער מרים אולינאָווער:

„עס הויכט אונדז אין פּנים אַריין (פון דער נייער דיכטערין) די אַטמאָספערע פון עפּעס אַ ווייטן ווינטערדיקן חנוכה־אָוונט אינעם קליינעם שטעטל ביי אַן עלטער־זיידע און פון עפּעס אַ ווייטער־ווייטער פּורים־סעודה אין אונדזערע ליכטיקע קינדעריאָרן ביי אַן עלטער־פעטער. ווער געדענקט עס נאָך היינט? ווער פילט עס נאָך היינט?״

דער נאָמען מרים אולינאָווער האָט אומגעריכט אָפּגעקלונגען אויף די יידיש־ליטעראַרישע געמאַרקן פון וואַרשע, פון לאָדזש, אָבער זי איז,

כדרכה, ווי פריער, געבליבן אַ נכבאת אל הכלים: אַ צוריקגעצויגענע, בכבודיקע בעל־הביתטע, די ליבע מוטער פון איר הויזגעזינד. פּאָעזיע? אירע לידער? טאַקע, ווי אַ צאַרט בלימל האָט דאָס אַרויסגעבליט אין גאָרטן וואָס הינטער דער אייגענער שטוב און זי בליקט צו דעם מיט פאַרהוילענער ציטערניש. נו, ס׳איז דער ענין פון איר יחידישער אינ־טימיטעט.

איז אַרויס אין וואַרשעווער פאַרלאַג פון לעווין־עפּשטיין איר לידער־בוך „דער באָבעס אוצר״ (1920) מיט דוד פרישמאַנס גאָר גינציקן אַריינ־פיר, האָט די מחברטע מסתמא זיך געשפּירט דערפון דערהויבן, אָבער נישט אַרויסגעוויזן די להוטקייט צו לאָזן הערן פון זיך אונטער אַ יום־טוב־געשאַל. גאָרנישט ווי די מערסטע יונגע מחברים זענען עס להוט, מחמת אַנהאַלטנדיקער אומזיכערקייט מיט זיך אַפילו ווען זיי זענען זוכה צו זען זייער ערשטלינגבוך. אין אַלע פּרטים איז מרים אוליצאָווער געבליבן דער יוצא מן הכלל. איר זעלטענע עניוות איז די גילדענע רעם פון דעם לעבן וואָס זי האָט בצניעות דורכגעטראָגן אַלע אירע יאָרן: הן ווען זי איז געווען אַרומגערינגלט מיט מאַטעריעלן וווילזיין והן דעמאָלט, ווען איר איז באַשערט געוואָרן בתוך עמה צו ליידן דחקות אין געטאָ, וועגן וואָס עס דערציילן פּה־אחד מערערע עדי־ראיה פון יענעם שעת־חירום. מרים אוליצאָווער, די טאַלאַנטפולע פּאָעטעסע האָט נאָכן אַרויסלאָזן איר ערשטן און איינציקן בוך דער באָבעס אוצר ווייטער געשריבן לידער אין איר אייגנאַרטיקן נוסח. ביי נייס שטילע געזאַנגען פון דער טראַדיציאָנעלער יידישער משפחה. יודעי חן האָבן געוווּסט אַז זי האָט שוין אַפילו געגרייט צום דרוק אַ נייעם באַנד לידער אויף מאָטיוון פון שבת. דעם דאָזיקן פאַרטראַכט האָט זי אָבער נישט באַוויזן אויסצופירן. דער גורל פון די אסירי־געטאָ און אוישוויץ האָט אויך די אידעלע דיכטערין מרים אוליצאָווער נישט געשוינט. צוזאַמען מיט איר פיזישן פאַרגיין איז אומגעקומען אויך די שיינע פרוכט פון איר צניעותדיקן געזאַנג שבכתב. מ׳דערציילט אַז אומעטום ווו דער דיכטערין איז באַשערט געוואָרן צו וואָגלען חורבן־צייט, האָט זי אין אירע נעבעכדיקע מטלטלין וואָס געהאַלטן אין אַ זאַק געהאַט פאַרהוילן אויך דעם כתב־יד וואָס איז אויסגעווייטיקט געוואָרן פון איר שוין פאַרווונדיקטער נשמה.

ג

אין סך־הכל האָט מרים אוליצאָווער, מחמת אומגעוויינטלעכער עניוות, נישט איבערגעלאָזן קיין ביאָ־ביבליאָגראַפישע פּרטים פון איר

זיין און איר שאַפּערישער מי אויף דער זינדיקער ערד אַז מ'זאָל דערפון קענען אויפשטעלן אַ פול בילד. בפרט האָט איר פּנימיותדיק לעבן זיך נישט געלאָזט פאַרפיקסירן, סיידן מ'זאָל פאַר אַ באַגלייבלעכן עדות נעמען נאָר איר איין־איינציקן בוך, וועלכער איז בלי גוזמא אַ שפּיגל פון אירע יונגע יאָרן. אירע שפּעטערדיקע כתבים האָבן דאָך געטיילט דעם גורל פון דער דיכטערין. ווי אַ צוגאָב צו מרים אולינאָווערס לידער — אַליין־כאַראַקטעריסטיקעס — קען אגב דינען אויך איר הנהגה וואָס אחים־לצרה פון געטאָ־ליצמאַנשטאָט דערציילן פון יענער טונקעלער צייט און אויך דאָס פאַרבינדט איר נאָמען מיטן שטראַליקן אָרעאָל וואָס האָט געבלענדט פון איר פּערזענלעכקייט, כאָטש זי איז שוין געווען אַריינ־געשטויסן אין תהום פון אומדורכדרינגלעכן אומגליק. ליטעראַריש בלייבט פון דער אַנטפּלעקונג מרים אולינאָווער אומפאַרענדערט דער מהות פון אירע פשטותדיקע לידער און דער ניגון וואָס דרינגט אַרויס פון זיי, אַוודאי איז דאָס אַן אויסנעמלעכע גאַטונג פון פּאָעזיע אין יידיש־לשון.

יאָ, אַנטקעגן דעם האַמעטנעם טאָג, איבער וועלכן זי פלעגט זיך דורכטראָגן איז מרים אולינאָווער געווען אַ רוחניותדיקע געשטאַלט. מע מעג זאָגן: זי האָט זיך צניעותדיק פאַרבאַהאַלטן פאַר דער שיין פון אַלע מעגלעכע טריוויאַליטעטן. אין איר בייזיין האָבן לייט זיך געשפּירט גלייך זיי וואָלטן אַריין אין אַ רוחניותדיקער ספערע פון יידישער באַזונדערקייט. אַזאַ איז געווען אויך די ציכטיקייט אין איר פאַרקער מיט מענטשן און פונקט אַזוי איר חדרי־חדרימדיק שאַפן וואָס איז (געווען) אַן אָריגינעל געזאַנג פון יידישלעכער פרייד און אויך לייד. אין אמתן האָבן אולינאָווערס לידער געלאָזן דעם רושם ווי אַ פרומער רעטשיטאַטיוו פון אַ פאַרבענקטער אָדער פאַרטראַכטער, געטרייער יידישער טאָכטער. לכאורה האָט זי שעמעוו־דיק אויסגעזונגען פאַרן אייגענעם געהער מאָטיוון פון דער יידישלעכער, שטרענג אָפּגעהיטענער היים און דערנאָך זיי פאַרשריבן אויף בלעטלעך, איידל אָרומגעצירטע מיט אָרנאַמענטאַלע בלימעלעך און פייגל וואָס היפּן איבער די צווייגן פונעם בוים הינטערן היימישן פענצטער. אַזעלכע שטילע לידער אַריינגעשריבן אין איר פרום־סודותדיקן ווינקל און זיי איינגעהיט פאַרן אייגענעם זכרון כדי זיי צו לאָזן פאַרגעדענקען די נאָכקומענדיקע דורות. חס ושלום, זי וועט זיי נישט אַרויסטראָגן אין רשות הרבים. אַ פנים, דער עולם־המעשה האָט אַנדערש געוואָלט, און דיקטירט... בפירוש, אונטער אַ צניעותדיקן גייסט איז געבוירן געוואָרן די אַ ציכטיקע פּאָעזיע און אַזאַ רושם לאָזן די דאָזיקע לידער, וועלכע האָבן נישט קיין גלייכן

אין דער יִדישער דיכטונג וואָס איז לפי איר מהות אַ סעקולערע, אַ פֿאָלקיש־דורכגעאָדערטע און אין גייסט אַ נאַציאָנאַלע.

לאָמיר נאָך מוסיף זיין אַז מרים אולינאָווערס באַזונדערקייט האָט זיך אויך אויסגעטיילט מיט דעם וואָס זי האָט ווי אַ פֿאַרבלאָנדזשעטער זינג־פֿויגל פֿון אַ ווייטן קאָנטינענט זיך אַראָפּגעלאָזט אין אומבאַגרייפֿלעכער בענקעניש הויערן אין כרך לאָדזש, וווּ ס׳איז נישט פֿאַראַן קיין הימל און קיין שלווה צו נערן אַזאַ אײדעלע נשמה. דערפֿאַר האָט זי אין בענקעניש זיך אָפּגעזונדערט, געציטערט איבערן ביסל אייגנס וואָס זי האָט געשפּירט אַז ס׳איז באַדראָעט. נו, ווערליק איר מהות איז מרים אולינאָווער געווען און געבליבן די דורכויסיקע פֿאַרקערפּערונג פֿון פֿרומען יִדישן שטעטל, פֿון פּוילישן שטעטל אין זיין דורותדיקן גיין און שטיין בציבור מיט דער יִדן־עדה אין איר אינדערוואָכן און איר יום־טוב.

אוודאי, וואָס שייך דער דיכטערישער מוזע, וועלכע האָט שלימותדיק אויפֿגעזונגען פֿון דער טאָכטער פֿונעם שבט די אולינאָווערס, איז זי געווען דער בולטסטער היפּוך פֿון אַזאַ זינגער ווי למשל משה בראָדערזאָן, וועלכער האָט מיט זיינע צעשפּילטע סטראָפֿן ממש איינגענומען לאָדזש פֿאַר די גראָע הימלען, וועלכע ער האָט באַוויזן צו פֿאַרהיימישן מיט דעם מאָדערנעם ליד אין באַנייטן, באַרייכערטן יִדיש־לשון.

ד

עס וועט נישט זיין קיין חידוש אויב מיר וועלן זאָגן, אַז צווישן דער כנופֿיא צעזונגענע, פּראָאומערטע יִדישע שרייבערס פֿון כרך לאָדזש אין די יאָרן פֿון זיין ליטעראַרישן פֿונאַנדערבלי, איז מרים אולינאָווער געווען — אינעם פֿולדיקן בילד וואָס לאָזט זיך נישט פֿאַרגעסן — אַ חד במינה. אַן איינציקע, אַ זעלטנקייט אינעם פֿינקלענדיקן דיאַדעם אויפֿן קאָפּ פֿון דער יִדישער דיכטונג. אמת, זי האָט ווייניק געשאַפֿן און אין דער שטיל געשאַפֿן, אָבער איר ליד איז געווען ניכר מיט זיין אויסנעמ־לעכקייט, אַ דאַנק די באַזונדערע חנען און אייגנאַרטיקן ליכט וואָס עס האָט אַרויסגעגעבן. משמעות, אין דער דורכויסיקער פֿנימיותדיקייט וואָס האָט זי גייסטיק באַוועלטיקט, האָבן די שטורמישע געשעענישן וואָס זענען קאָפּויער געקומען שפּעטער, בעת איר שעפֿערישער צייטיקונג, שאַרף קאָלידירט מיט איר פֿרידלעכן געמיט. פֿון דעסטוועגן זענען ביי מרים אולינאָווער אויפֿגעקומען נייע ציקלען לידער אויסגעשפּינטע אויף דער קאַנווע פֿון ווייבלעכער פֿרומער יחידישקייט: שבת־לידער, טייטש־חומש־

מאַטיוון און בענקשאַפט-געזאַנגען פון אַ פאַרווונדיקטער נשמה. עס איז אפילו שוין געוואָרן באַוווּסט אַז די דיכטערין גרייט ענדלעך די אויסגאַבע פון אירס אַ נייעם בוך א״ט שבת־לידער. ווי ווייל עס האָט זיך צו איר שעפעריש געזיווגט דער מאָטיוו פון באַבע־געזאַנגען, איז דערצו געווען אַ כשרע פאַר דאָס געזאַנג צו שבת-קודש. צום ווײ פאַר אונדזער באַוווּסט־זיין איז די זאַמלונג שבת-לידער פון דער ווונדערלעכער פרוי שוין נישט נולד געוואָרן, ווערליק די דיכטערין האָט עס פאַרפלאָנט. צוזאַמען מיט דער כאַרפאַסערין איז דאָס ווערק פאַרלענדט געוואָרן אין די יאָרן פון בראַך. מרים אולינאָווער גופא האָט דעמאָלט וועגעטירט, בכבודיק געליטן נויט און געוויטיקט צו גלייך מיט די שרידים פון יידישן שרייבערטום אין געטאָ. ווי אַזאַ לייכט זי אין געדעכעניש פון דער יידישער פאָעזיע ובפרט ביי די וואָס האָבן געהאַט די זכיה צו זיין אַ צייט אין איר נאָענטקייט.

מיטן פאַרשווינדן פון מרים אולינאָווער הי״ד, דער איינציקאַרטיקער יידישער דיכטערין, האָט די יידישע פאָעזיע פאַרלוירן אַ זעלטן ווערדיקע געשטאַלט פון אַ וואָרהאַפטיקער שרה בת־טובים פון נייציײטיקן יידישן ליד וואָס האָט אַריינגעזונגען אין אונדזער געדעכעניש אַ באַנייטע צוגע־בונדנקייט צו די פאַרהייליקטע יידישע טראַדיציעס.

נו, אויך איר אומגעקינצלטע פשטות, כאָטש אויסערלעך איז זי, מעשה-דאָמע, געווען סאָליד אָנגעטאָן, איז מרים אולינאָווער געווען געהיט אין יידישקייט, געצונדן שבת־ליכט. און האָט זי אין שטוב גערעדט מיט איר גויישער דינסט פויליש, האָט איר וואָרט אויך אויסגעקלונגען יידיש־לעך, וואָרעם, וואָרן אַזאַ איז געווען איר געפילוועלט, הגם אויך די פויליש־קולטור איז איר נישט געווען פרעמד, דער צאַרטער דיכטערין. די עכטקייט פון איר וועלט האָט זיך בולט אַרויסגעקענטיקט פון איר דיכטונג. געטריי דעם פאָלקיש־יידישן מאָטיוו, האָט זי וואָרעם באַזונגען די דורות־דיקע טראַדיציאָנעלקייט, דעם שטייגער פונעם ייד אין זיין שבת־יומטובדיקייט, אַנטפּלעקט די נאַטירלעכע שיינקייט פון דער יידישער היים וואָס האָט אירע וואָרצלען אין שטעטל און זיינע פירונגען. מרים אולינאָווערס געטאָקטע, שטילע דערציילערישע לידער האָבן אויך צווישן די בוך-טאָוולען פאַרבאַהאַלטן אַלע לירישע חנען פון די פרומע יידישע באָבעס און מומעס וואָס זענען אַוועק אין די אייביקייטן און זייער אָפּגע־היטקייט איז קינסטלעריש באַוואָרט אין דעם צאינה וראינה נמשל ווי אין דער צניעותדיקער שעמעוודיקייט פונעם כלה־מיידל. אָט וואָס פאַראַ ציכטיקייט עס ווייעט פון אולינאָווערס ליד „אַנטיקעלעך״:

פון הארבסטיקן געמיט

אנומלט האָבן מיידעלעך דריי, שיינינקע ווי גאָלד
מיט טייערע אַנטיקעלעך זיך זאָלבע דריט געפּראָלט:
— איך האָב אַ שטערן־טיכעלע — האָט איינע זיך באַרימט —
נאָך פון מיין עלטער־באָבעשי, געקעסטלט און געבלימט.

— איך האָב אַ ציטער־נאָדעלע — די צווייטע האָט שטאָלצירט —
נאָך פון מיין עלטער־באָבעשי מיט דימענטלעך פּאַרצירט.
און נאָר דאָס דריטע מיידל האָט שטיל אין זיך אַריינגעלאַכט
און שטיל דאָס שוויבנטירעלע פון אַלקער אויפגעמאַכט:
— דאָס טייערסטע אַנטיקעלע פּאַרמאָג איך איינע נאָר —
די עלטער־באָבעשי פון איבער הונדערט יאָר!

אַקעגן דעם גראָבן שטויב וואָס לייגט זיך שווער אויף אונדזער זכרון — אויב עס גייט אין גלויבונגען און פירעכצער וואָס האָבן געבליט אין די סאַמע געדיכטענישן פונעם פאָלק — זענען בלי ספק שטאַרקע ליכטזיילן אויך אוליגאָווערס אַזעלכע לידער־מאָטיוון ווי „פּוטערן־ברויט" און „הבדלה־ווייך" און מערערע אַנדערע. זיי שטראָלן אויס יידיש־מענטש־לעכע גוטסקייט. אין געצאַמטע קורצע שורהלעך, מיט פּשוטע שפּראַכלעכע מיטלען ברענגט די דיכטערין אונדז אַריין אין דער ספערע וואָס איז לפנים גאָר, גאָר ווייט אַוועק פון אונדז, אָבער דאָך האַרציק נאָענט, עמאָציאָנעל אייגן.

ווען ס'פּוטערן־ברויט פאַלט אויף דער ערד אַראָפּ,
דאָ נעמט זיך צעשאָקלען דער באָבעשיס קאָפּ:
— אַ סימן, מיין לעבן, אַ סימן, מיין קינד,
דער חתן איז ערגעץ־ווו הונגעריק אַצינד.

דאָס נעמלעכע איז מיטן הבדלה־ווייך, דאָס פאָלק האָט עס אָפּט איבערגעחזרט, מרים אוליגאָווער האָט דעם מאָטיוו געגעבן אַ חנעוודיקן פּאָעטישן תיקון:

טרינקען אַלע פון הבדלה,
טרינק איך אויך אַ טראָפּן ווייך,
מאַכט די באָבע צערטלעך־ערנסט:
— קינדלעב, זאָלסט געוואָרנט זיין

אַז פון טרינקען פון הבדלה
קריגט אַ מיידל באָלד אַ באָרד —
אַזוי שטייט עס אָנגעשריבן
אין דעם ספרים־שענקל דאָרט.

יוסף אקרוטני

פאַל איך אונטער מיר פאַר אימה,
טאַפּ איך ס׳גאַמבעלע ביים עק:
גאָט צו דאַנקען! ווייך און מיידלש,
אויסגעשפּיצט נאָר בלויז פאַר שרעק.

אין דער ייִדישער דיכטונג איז מרים אולינאָווער געבליבן — ווי דערמאָנט — אַ חד במינה. קיינער האָט נישט אַזוי ווי זי, צווישן פּרויען־דיכטערינס, געזונגען פּעמיניל פון דער „אַלטפרענקישער" ייִדישקייט. און קיין איינציקע פון די מאָדערנע ייִדישע פּאָעטעסע האָט דאַכט זיך מיטן אייגענעם פּערזענלעכן לעבן אַזוי עכט זיך נישט אידענטיפיצירט מיטן פּאָעטישן וואָרט וואָס אַליין געזונגען ביחידות. איר ליד האָט באַקומען פולע דעקונג אין מרים אולינאָווערס מענטשלעכן מהות. זי איז געווען דורכויס ייִדישלעך, אפילו אַריסטאָקראַטיש אין איר עכטקייט. דער שטרענגער ליטעראַטור־מפונק פרישמאַן האָט זיך באַגייסטערט מיט איר אומ־מיטלדיקייט, מיט איר אומדורכשניטלעכער פּאָעטישער קונסט וואָס איז (געווען און איז) אַן אומצווייפלהאַפטיקער קעגנזאַץ צום געגרילץ פון דער „מאָדע" אין דער ייִדישער ווי אין דער נישט־ייִדישער קוואַזי־פּאָעזיע פון דער איבערבראָך־צייט. און האָט דער „בייזער" דוד פרישמאַן געשריבן וועגן דער דערשיינונג מרים אולינאָווער אין דער ייִדישער פּאָעזיע: „עס הויכט אונדז אין פּנים אַריין די אַטמאָספערע פון עפּעס אַ ווייטן, ווינטערדיקן חנוכה־אָוונט אינעם קליינעם שטעטל ביי אַן עלטער־זיידע" איז ער געווען אויפריכטיק דערשטוינט פון דעם פענאָמען וואָס ר׳האָט אַנטדעקט און זיך באַגייסטערט מיט מרים אולינאָווערס קינסטלערישן צויבער.

ה

אַ שווערער הימל איז דעמאָלט געווען דער הימל איבער לאָדזש, ווי איבערן גאַנצן ייִדן־יישוב פון מדינת פּוילן. אַ שטיק רויע מאַרענגאַ איז געווען די וואָר איבערן ייִדישן לעבן — מרים אולינאָווערס ליד האָט אונדז אַוועקגעפירט אין דעם היימישן שטעטלשן אַמאָל וואָס האָט שוין פאַר צענדליגער יאָרן זיך געהאַט צונויפגעגאָסן, אויף אַן אומהיימלעכן אופן, מיט דער שטאָט פון פאַבריקן און שטיקנדיקער לופט. אָבער מרים אולינאָווערס איידעלער סטראָף איז נאָך מסוגל אונדז עד־היום צו דער־נענטערן צו יענעם עבר ווי צו אַ באַלעבטן אַנטיקוואַריאַט וואָס פון אים זינגט עס מיט אויסגעפּרווטער לויטערער ייִדישער פּאָעזיע, מיט ייִדישע פיינקייטן ווי עס זענען בכלל שיין די בענקשאַפטן צו אונדזער אַמאָל, וואָס אכזרים האָבן באַגערט פאַרפינצטערן.

ווי אַ פרומער ספר איז געבליבן מרים אָלינאָווערס איינציקער לידערבוך „דער באָבעס אוצר״. עס איז אַ בוך וואָס האָט אין דער יידישער ליטעראַטור געעפנט אַ פענצטער צו אַ וועלט פון אַ באַזונדערער צאַרטער יידישער אָפּגעשלאָסנקייט, אין וועלכער עס האָט געאָטעמט אַ פאָלק אַ גאַנצס, אַ פאָלק מיט בטחון און איינגעגלייבטקייט אין אַלעם וואָס עס האָבן געזאָגט און געטוען די גוט־יידישע זיידעס און גאָטספאָרכטיקע באָבעס. דער ווייטערדיקער גאַנג פון מרים אָלינאָווער איבערן דרך־המלך פון דער יידישער דיכטונג איז געווען דער חומש און שבת־מאָטיוו, אָבער ווי, אין מיטן זינגען איז די ליכטיקע מעלאָדיע מערדערלעך איינגעלאָשן געוואָרן צוזאַמען מיט איר צניעותדיקער זינגערין. דערשטיקט פון גאַז אין דער טויט־פאַבריק אוישוויץ.

יוסף אַקרוטני

חיים־לייב פוקס, פּאָעט און האָרעפּאַשניק

אַ מיטצייטלער פון דער חברותא פּאָעטן, דערציילערס און סתם צעפלויגענע טרוימערס, וואָס האָבן ביז האַרט פאַרן חורבן פאַרפולט דעם יידיש־געזעלשאַפטלעכן הינטערגרונט פון לאָדזש מיט אַ גייסטיקן פער־מענט, איז געווען אויך חיים־לייב פוקס. אין זיין פריער יוגנט ווי אין זיינע שפּעטערדיקע יאָרן האָט ער זיך אַרויסגעהויבן מיט זיין צעכראַס־טעטקייט, תמיד זיך געאיילט, געהאַט אַ פול מויל מיט רעדן. אויך פּלענער וואָס זענען געשווומען אין אַ שוימיק צעטומלעניש. חיים־לייב פוקס איז געווען אַ שטאַמגאַסט ביי די מערסטע צוזאַמענקומען פון לאָדזשער קינסט־לערס, פּאָליטישע טוערס און סתם יידישע בעלי־פּלוגתא. נישט געווען נאָך אַזאַ ווי חיים־לייב פוקס, וועלכער איז אויסגעוואַקסן ווו מ׳האָט אים נישט פאַרדייעט. איבער אים האָט שולט געווען זיין חסידישער ברען. מיט פאַרב פאַרשמירט די הענט, צו מאָל אויך ס׳פּנים, פלעגט ער אומגעריכט זיך אַריינגשטעלן אין אַ יעדן קרייזל, פּאַר אים נישט געשפּאָרט זיין אומגע־ריכט וואָרט און — פלוצלינג זיך אָפּגעטראָגן. ס׳איז געווען גענוג אָנצורופן דעם נאָמען חיים־לייב און פאַר אייגענע האָט זיך אַ וויג געטאָן אַ כוואַליע ווינט צו גלייך מיט זיין הייסן טעמפּעראַמענט געטונקט אין חלום אויף דער וואָר.

געווען... עס איז אַ פיינלעך געפיל וואָס מישט זיך מיטן שניידיקן באַוווסטזיין אַז דאָס רעדט זיך פון דעם פינצטערן שטורעם וואָס איז געקומען אויף אונדזער גאָרער מי צו בויען אַ נייעם מגדל פון שיינקייט פאַרן גוף ווי פאַר דער נשמה פון יידישן מענטש. צום גליק איז חיים־לייב פוקס אונדז געבליבן צווישן די שארי־ההריגה. דער גורל האָט אַזוי געוואָלט, אַז אויף די עלטערע יאָרן זאָל אין אים קאָנוולסירן רק דער ווי וואָס שאָטנט זיך אויף דעם אַנידערגעזונקענעם בוים פון יידישן לעבן. עס איז די רייד פון חיים־לייב פוקסן דעם פּאָעט, דעם אַקטיוון קולטוריסט און כל־ולך אין אַלץ וואָס האָט געקאָכט און געזאָטן מיט יידישן קיום אויף דער שטייניקער ערד פון לאָדזש. אַוודאי איז געווען שטייניק דער לאָדזשער באָדן, אָבער יידן האָבן מיט כוח און ענערגיע אים באַפרוכטיקט מיט באַלעבנדיקן חומר און מיט גייסט וואָס האָט צו מאָל אַרויפגעהויבן קליינע מענטשעלעך צו די הימלען. חיים־לייבן פון נאָכן חורבן איז באַשערט געוואָרן צו זיין אַן עדות — און אויך אַן אָנקלאָגער — קעגן די ווערעמ־

דיקע פאַרדאַרבערס וואָס האָבן דערפירט צום טראַגישן פאַרגיין פון דעם ייִדנס וועלט. ער איז איינער פון די וואָס חתמעט זיין עדותשאַפט מיט דיכטערישן כתב און עמאָטיווע בילדער.

✶

יאָ, חיים־לייב פוקס איז אַלע זיינע יאָרן געווען אַ שטיק צאַפּל פון דער גייסטיקער ווי פון דער מאַטעריאַליסטישער לאַדוש אין איר ייִדישער געשטאַלטיקונג. אין אַ געוויסן זין איז חיים־לייב אויך אין זיינע עלטערע יאָרן געבליבן דער קענצייכן פונעם טיפּ לאָדזשער ייִד. דער אומרו און ס׳געדעכעניש פונעם אַמאָל באַיונגט אים, דעם זקן. למעשה איז ער שטענדיק געווען אַזאַ, ס׳הייסט — ער׳ט זיך אין גרונט נישט געענדערט. צו די זיבעציק איז ער נאָך אַזוי יונג ווי צו די זיבעצן. אַליין אַ האַרע־פּאַשניק וואָס יאָגט זיך צו פאַרדינען ס׳טעגלעכע ברויט, האָט ער דאָך זיך אויסגעטיילט ווי אַ באַהעם און ווי אַ קאָמפּעטענטש מיט דער תשוקה צו גייסטיקער שאַפערישקייט.

אַ געוועזענער ישיבה־בחור האָט דער פאָטער צייטלעך אים אַריינ־געפירט אין זיין מלאכה, שילדן־מאַלעריי, און אַזוי אַרום חיים־לייבן, דעם בן־יחיד אין „אַ שטוב מיט מיידלעך״ (ווי עס האָט געהייסן, ווען ס׳איז געקומען צו רייד וועגן חיים־לייבס גערעטענע שוועסטערס), ביסלעכווייז אַריינגעבראַכט אין דער סביבה ווו עס האָט געקאָכט מיט מסחר און פאַבריקאַציע. עס מיינט צו זאָגן אַז חיים־לייבס פאָטער ר׳ יצחק־מאיר האָט געהאַט צו טאָן מיט לייט פון עולם־המסחר; פון פרנסה וועגן זיך געעוסקט צווישן מענטשן וואָס האָבן געהאַנדלט מיט ביינוול און וויגאָניע, לייוונט און זיידנצייג, אויך אייזנוואַרג, שוסטעריי, מעל און הערינג, אימ־פּאָרט ווי עקספּאָרט. פאַר די מערסטע רייכע און מיטעלע סוחרים, פאַברי־קאַנטן, קאָנפעקציאָנערן, עקספּעדיטאָרס, אויך מוכר־ספרימניקעס האָט ר׳ יצחק־מאיר פוקס געמאָלן גרויסע און קלענערע קאָליריקע בלעכענע שילדן וואָס האָבן ווי אין אַן אויסטערלישן צירק זיך אַרויסגעשטעלט אין די פאַרשמייעטע גאַסן מיט קאַלטע מאַסקעס פון קרומע נעזער און אַרויס־געביילטע אויגן און אַזויערנאָך אַראָפּגעלויכטן פון צעוויגטע טירן און שטומע ווענט. דער שילדנמאָלער פוקס האָט געהאַט צו טאָן מיט אַלער־האַנט מענטשן און די פרנסה איז אַוועק אַ ברכהדיקע. ווייל עפּעס ווי מיט אַ מאָל זענען שילדן אַריין אין דער מאָדע פון אַלע בראַנזשעס און ר׳ יצחק־מאירס מלאכה האָט אין שטאָט געקראָגן גרויסן פּירסום און ער איז איבערן קאָפּ פאַרוואָרפן געוואָרן מיט באַשטעלונגען.

צו שטאַרק פֿאַרטרודט אין דער מלאכה, האָט דער ייִד מורא געהאַט צו האָבן צו טאָן מיט פֿרעמדע געזעלן, וואָס קענען מיט דער צייט ווערן אויך זײַנע קאָנקורענטן. האָט ער בלית־ברירה אַרײַנגעצויגן אין דער מלאכה דעם איינציקן זון, וועלכער האָט אגב אַרויסגעוויזן צום פֿאַך גרויסע פֿעיִקייטן. און איז דער פֿאָטער מיד געוואָרן פֿון יאָרן האָרעוואַניע, איז דער זון שוין געווען אַרײַנגעוואָקסן אין דער בראַנזשע. דעמאָלט האָט חיים־לייב גענומען זיך ווייזן ווי דער פּירער פֿון דער פֿירמע „פֿוקס, וווסקאָדניע 50". פֿון די נידעריקסטע ביז די העכסטע גאַרנס פֿון לאָדזשער הויפּטגאַסן, פֿון די פּראַנטאַווע געוועלבער ווי פֿון די טיפֿע הייף, ווו ס'איז אָנגעגאַנגען דער גרויסער האַנדל מיט דער פּראָווינץ ווי מיט אויסלאַנד, האָט עס אַראָפּגערעדט מיט שרײַיִקע גרויסע און קלענערע ר׳ופּנדיקע שילדן מיט פֿוקסעס חתימה: ‚פֿוקס, וווסקאָדניע 50.' אַזוי איז עס געווען אויף די גאַסן פּיעטריקאָווער, צעגליאַנע, פּאָלודניאָווע, זשעלאָנע, וווסקאָדניע, פּאָמאָרסקע און אַראָפּצוצו, אויף נאָוואָמיעיסקע, אָגראָדאָווע, פּולנאָצנע, וואָלבאָרסקע, אַלטשטאָט און אַפֿילו זגערזשער ווו עס האָט אויך געזאָטן דער מסחר.

פֿוקס איז, אמת, נישט געווען קיין „יחיד אין מאָסקווע" מיט זײַן שילדן־מאָלערײַ, אָבער דער בעסטער און פּאָפּולערסטער. נישט קיין וווּנדער דערפֿאַר וואָס די פּרנסה האָט געבליט בײַ פֿוקסן. ווער האָט נישט געהאַט פֿאַרבינדונגען מיט פֿוקסן פֿון די שילדן? צי דער אָנגעזעענער חסידישער פֿאַבריקאַנט יאָסעלע וואָידיסלאַווסקי, צי דער איבּ־דוסטריעלער זיידנוורום, צי דער אויגנדאָקטער שמואל־יוסף שווייג, פּונקט ווי דער דירעקטאָר פֿון דער דעפּאָזיטן־באַנק, ד״ר אורי ראָזענבלאַט. אויך דער גבירישער ביינוול־סוחר אלישע קאָן, דער שותף פֿון באָוווסטן שרײַבער י.י. טרונק. יעדער האָט געקענט פֿוקסן, אויב ער האָט נאָר געהאַט ערגעץ־ווו „אַן אָפֿענע טיר" אין שטאָט. וואָס שייך דער אָנגערופֿענער סוחר־שאַפֿט פֿון דעם שרײַבער יחיאל־ישעיהו טרונק און זײַן ביינוול־סקלאַד דאַרף געזאָגט ווערן, אַז מיטן געשעפֿט האָט ער זיך פֿאַרנומען אויף אַזוי פֿיל, אויף וויפֿל ער פֿלעגט אַרום האַלבן טאָג אַרײַנשפּאַנען אין הויף פֿון פּיעטרקאָווער 66, וווּ עס איז געווען דער סקלאַד; אַרײַנגעקומען אַזוי צו זאָגן „גוטמאָרגן ביטן", זיך אָנידערגעזעצט ווי אויף אָפּרוען אַ ווײַל און גענומען שמועסן מיט „די מענטשן" פֿונעם געשעפֿט, פֿרעגן שמעלקע ראָזענמאַנען וואָס מע הערט און בכלל, וואָס לייט מאַכן. וועגן פֿדיון זעלטן זיך נאָכגעפֿרעגט. דאָס חומרדיקע האָט יחיאל־ישעיהו טרונק איבערגעלאָזט

אין גאַנצן פאַרן שותף און גוטן פריינד אלישע קאַן. בשעת־מעשה פלעגט טרונק שטאַמלדיק (זיינער אַ פּיזישער פעלער) דערציילן די אָנגעשטעלטע אַן אַנעקדאָט, ברענגען עמעצנס אַ שאַרף וואָרט, געלאָזט אויך הערן סתם אַ נייעס און איז דערנאָך אַ רויִקער, באַזאָכט אַוועק ביז צו מאָרגנס אין דער זעלבער צייט. דאָס געשעפט אויף פּיעטרקאָווער גאַס האָט ער, ווי געוויינטלעך, געלאָזט זיך פירן ווי ס׳האָט זיך געפירט: ס׳איז געבליבן הויערן אין די הענט פון שותף אלישע, דעם ברודער פון דעם „ווידזעווער קעניג״, אשר קאַן.

חיים־לייב פוקס איז אַ דאַנק זיין שילדן־מאָלעריי געוואָרן היימיש מיט אַלט און יונג פון די באַרימטע געשעפטן, אָפט פאַרפירט אַ שמועס מיט די באַלעבאַטים פון די מעכטיקע סחורה־סקלאַדעס און פאַבריקאַנטן. די מערסטע זענען געווען זיינע קונדן: סיי די זיידנווערמס, סיי די עטינגאָנס ווי די גליקסמאַנס און די פּיאַסקאָווסקיס, אַזוי אויך די פירמעס וואָס האָבן פּראָדוצירט שטאָפן פאַרן אינערלעכן פּוילישן מאַרק — די שווערע פּאַ־טשוילן, געקראַצטע וועליורן און פלאַנעלן, זאַקן, צייגן, גאַבעלינען, פּלוישן און טישטעכער. אַפילו די אַדוואָקאַטן און אינזשינירן, פאַרטרעטערס פון אויסלענדישע אונטערנעמונגען פון טעקסטיל און כעמיקאַליען, אימפּאָרטערן פון אָריענטאַלישע שפּייז־אַרטיקלען און פרוכטן זענען געווען חיים־לייבס קונדן. צו די פאַרמעגיקטע לייט פלעגט דער שילדנמאָלער אָפּט מאָל זיך אַריינשטעלן מעשה־אייגענער און תוך כדי דיבור אויסגענומען ביי זיי מיט אַ פלינק־דערציילטע טשיקאַווע געשיכטע אָדער אַ נייעס. חיים־לייב פוקס האָט געהאַט די גוטע טבע וואָס יעדן האָט ער געקענט אַריינוואַרפן אַ נייטיק וואָרט, אַ טרעפיקע פראַגע, צו מאָל אַ מימרא פון אַ ספרל. די מערסטע קונדן האָבן געקוקט אויפן מאָליאַזש ווי אויף אַ היימישן מענטש וואָס איז אַלע מאָל להוט אַ ביסל פּרנסה. און מ׳האָט אים נישט געזשאַ־לעוועט צו געבן צו פאַרדינען. אַפילו ווען נישט באַדאַרפט אַ שילד, האָט מע נישט זעלטן געלאָזט אויפפרישן די אַלטע, באַשר זי איז שוין אָפּגע־בליאַקעוועט, זי „דאַרף מער רעדן ווערטער״. דער שילדן־מאָלער פלעגט אומגעריכט אַריינפאַלן אין אַ סקלאַד, ווו דער בעל־הבית איז געזעסן אַ פאַרדרימלטער און ער׳ט גענומען יענעמען מינטערן:

— זעט אויס, מ׳האָט שוין גאָר פאַרגעסן אין מיר. אָפּגעמאָלן דעם אָקס מיט די הערנער און גענוג אויף אַלע אייביקייטן, ס׳וואָר? ווי, סאַר אַ זנב איך בין! באַדאַרפט אונטערשיקן דעם משוגענעם אַנטעק ער זאָל אַראָפּגנבענען די שילד אַ לעבעדיקע ווי זי גייט און שטייט אָדער אַרויפּ־

הענגען זי אויף אַ וואָלקן. אַז די רעגנס און ווינטן וואַשן גאָר אָפּ אויף ריין מיינע שילדן, ס'בליאַקעווען נישט זייערע צורות... גוואַלד, זאָג איך ענק, צ'עט דאָך לאָזן אַ ייִד אָן פּרנסה! ר'האָט גערעדט צו איינעם און געהאַט אין זינען דעם כלל קונדן; גערעדט איילִיק, בעת־מעשה זיך געחכמעט און לסוף אַוועק מיט אַ ברייטן שמייכל: — צ'מיינט, כ'על מיך לאָזן? ס'פּאַלט מיר נישט אַאָן, צ'העע־ערט! און געשווינד אַוועק־געאיילט.

אין אמתן האָבן פּוקסן נישט געפעלט קיין באַשטעלונגען אין ווערק־שטעל. ער האָט נאָר געוואָלט מ'זאָל אים נישט פאַרגעסן אָדער מ'זאָל אים נישט פאַרבייטן אויף אָן אַנדערן שילדן־שמירער, ווי ס'האָבן געהייסן ביי אים די קאָנקורענטן.

— אַוודאי, פּושערס זענען דאָ ברוך־השם אַ רוב. זיי קומען אונטער, גענאַרן אָפּ. איך וועל מאַאַנע קונדן נישט לאָזן אַראָנפּאַלן צו אַזעלכענע, — איז געווען דער תירוץ פאַר פּוקסעס אומרו, וואָס האָט אים געטריבן אַריינצוגיין דאָ און דאָרט צו אַ קונד און דערמאָנען אין זיך. — כ'זאָל וויסן צו אַרבעטן בחינם, — האָט ער געטענהט — 'עלעך נישט דערלאָזן צו קיין שקרייען אין מאָן פּאָסעסיע! און זיך צעשמייכלט, געזוכט פריינד־שאַפט פון זיינע ברויטגעבערס, ווי ר'פלעגט רופן די קונדן.

דער שילדן־מאָלער פּוקס האָט געהאַט אַ שיינע פּרנסה. טייל מאָל נישט געווען געגנוג העענט צו טאָן אַזוי פיל אַרבעט וואָס מ'האָט געמאָנט ביי אים. אָבער ער איז נישט אָפּגעשטאַנען, געאַרבעט ביז שפּעטער נאָכט. געווען אָן איינרייסער. מ'האָט אפילו געשמועסט נישט אָן קנאה, אַז ר'האָט אַ שיין קניפּל. ער האָט — האָבן אַנדערע געזאָגט — אָבער ר'איז עס ווערט. באשר ר'איז אַ ווילער מענטש, ר'אַרבעט שווער און האָט גאָלדענע העענט. און ייִדן האָבן גערן געמאַכט מיט אים „געשעפט", ס'הייסט, באַשטעלט שילדן נאָר ביי אים, אַזוי אויך סאָלידע קריסטלעכע פירמעס. דער שילדן־מאָלער איז געגאַנגען מעלה־מעלה. און אַז דער פאָטער איז אַוועק מיטן לעצטן וועג, האָט חיים־לייב פאַרטראַכט אין גאַנצן צו גיין פאַר־זיך, שאַפן זיך אָן אייגענע היים, אָבער דאָס הויז פון ווסכאָדניע 50 האָט ווייטער געלויכטן מיט זיין באַשטענדיקן שילדן־מאָלערישן ליכט, הגם שוין מיט דער אומאָפּמעקלעכער אבלות. ווייל אין זעלביקן הויף איז, ווי פריער, געבליבן הויזן אין אַ גאָרנדיקער דירה די געשרומפּענע מאַמע און די פאַרטרויערטע שוועסטערלעך, וואָס האָבן באַזאַמען, ווי אַלע יאָרן, געצויגן זייער חיונה פון ווערקשטעל, וועלכע האָט אין פּושקעס קאַליריקע

פאַרבן און פענדזלען מיט לייטערס און שפּאַכטלען שטיל געהויערט אונטן, נאָענט פון דער זאַמדיקער ערד פון הויף. ווסכאָדניע פּופּציק האָט ווייטער אויפגעהאַלטן די פירמע פוקס, אָבער חיים־לייב האָט מעשה־באַלעבאָס פּריוואַט שוין זיך באַזעצט אין אַן אייגענער דירה אויף זאַכאָדניע גאַס צוזאַמען מיט זיין יונג שיין ווייבל וואָס געבראַכט זיך פון אויצאָוו, פון גאַליציע. נו, ס'איז געבליבן דער זעלביקער חיים־לייב, אָבער שוין מיט אַן אַנדער געמיט.

*

די וואָכעדיקע גאַס האָט שוין געקאָנט פוקסן דעם שילדן־מאָלער, אָבער דער פּאָעט חיים־לייב פוקס האָט איינצייטיק געלעבט זיין יחידיש לעבן. געמאָלן שילדן, זיי צוגעפּעסטיקט צו הויכע מויערן, צו געשעפטס־טירן, אלא אין מוח, אין זיין זינען האָבן זיך געוועבט די איידעלע געוועבן פון ליד און גייסטיקן בילד. די פּאָעזיע פון טאָג האָט זיך ביי אים צונויפגעפלאָכטן מיטן פּייסאַזש וואָס זינגט אַרויס פונעם נעכטן, וועלכער פלעגט צו מאָל אין דמיון אויפלייכטן מיט באַדאַכטקייט. דער דיכטער חיים־לייב פוקס האָט געצייטיקט צו גלייך מיטן ילוד אשה חיים־לייב וואָס האָט פון חיונה וועגן געפירט די מלאכה, געזוכט המצאהס פאַר צייכענען פיגורן וואָס זענען מסוגל אַריינצולאָקן אין אַ קליייט אַ קונה, וועלכער איז להוט אַ וואָלוול טוץ שקאַרפּעטקעס, אַן אַנדערן וואָס וויל קויפן לייוונט אויף אַן אויסשטייער פאַר אַ טאָכטער אָדער אַריינברענגען אַ קרעמער וואָס איז אַ בעלן אויף אַ ראַמש פון פּאַראַיאָריקן סעזאָן. דאגות־פּרנסה זענען אויף אַ גליקלעכן אופן געגאַנגען ביינאַנד מיט די שאַפערישע וויזיעס און קינסטלערישע קאָנסטרוקציעס פאַר אידעען פון וועגן לידער און פּאָעמעס, גענערטע פון אינטעלעקטועלער זריעה, וועלכע האָט געדייעט אין חיים־לייבס דיכטערישן גאָרטן. צום גליק זענען מאַטעריע און גייסט ביי אים געגאַנגען אויף פּאַראַלעלע שטעגן, זיך נישט צונויפגעשטויסן ווי פּרעמדקערפּערס וואָס איינער איז נישט סובל דעם אַנדערן, וואַרפט אים אָפּ. דעמאָלט, אין די שפּעטע צוואָנציקער און פריִע דרייסיקער יאָרן האָט חיים־לייב פוקס דיכטעריש זיך צעבליט, געוווּנען אָנערקענונג אין וואַרשע ווי אין אויסלאַנד. אין זיין לאָדזש האָט ער שאַפעריש דערגרייכט אָנזען ביי דער זייט פון די עלטערע פּאָעטן און געווען אַ מאָל אויך אַ שותף צו טייל ליטעראַרישע אויסגאַבעס. אין יענער צייט האָט פון אים, דעם דיכטער פוקס, רירנדיק אַרויסגעזונגען אויך דער מאָטיוו פון שילדן־

מאָלער. די דאָזיקע לידער, זענען באמת רייפע פּירות פון חיים־לייבס פּאָעטישן בוים.

ס׳איז געווען אַ געראָטענער זיווג צווישן דעם האַרעפּאַשניק מיט דעם פּאָעט חיים־לייב פוקס. פון איין זייט געטאָן פון פּרנסה־וועגן ביי דער מלאכה און פון דער אַנדערער זייט אויפגעגאַנגען ווי אַ דיכטער. זיין לידער־זאַמלונג „דורשטיקע לעמער" (1926) האָט חיים־לייב פוקסן געעפנט אַ וועג צו דער ייִדישער פּאָעזיע. אין פוילן האָט גראָד געווירן אַן אינטענסיוו ייִדיש־ליטעראַרישע שעפערישקייט און ס׳איז געווען אַ געדרע־טעניש פון יחידישע און קאָלעקטיווע פּובליקאַציעס. אין יענע יאָרן זענען אין לאָדזש אויפגעקומען זשורנאַלן ווי ס׳פעלד, שוועלן, געזאַנגען און אַנדערע, אַרום וועלכע עס האָבן גענומען זיך אויספּיקן כמו ליטעראַרישע גרופּעס. עס איז שוין געווען נאָכן פּאָעטישן שניט פון די באַרימט־געוואָרענע העפטן יונג־ייִדיש, מיט וועלכע משה בראָדערזאָן האָט ברייט צעעפנט די טויערן פאַרן עקספּערימענטאַלן, אַנטי־טראַדיציאָנעלן ליד אין ייִדיש.

אין דער זעלביקער צייט האָבן אין לאָדזש זיך באַוויזן נייע שרייבע־רישע אַנהייבער, דערעיקרשט דיכטערס וואָס האָבן גענומען אומדרייסט שטאַמלען, צו מאָל אויך אויסגעזיגנגען זייער פּאָעטישע עברי. געקומען דוד זיטמאַן, ישראל אַדלער, שושנה טשענסטאָכאָווסקי, שרה בוים, אלחנן נאַטאַל. חיים־לייב פוקס איז דעמאָלט שוין געווען אין די דיכטערישע פעדערן צו גלייך מיט חיים קרולן, י. מ. ניימאַן, הערשעלען. ווינציקער דרייסט האָבן זיך נאָך געלאָזן הערן י. ה. ראַדאָשיצקי, יצחק בערלינער, ישראל רובין. זייער קול האָט זיך מער אויסגעקלאָרט אַ ביסל שפּעטער, ווען עס האָט אומגעריכט אויך אַנגעליכטיקט דער נאָמען פון מרים אולינאָווער. ניימאַן האָט גראָד אַריבערגעשפּרייזט די לאָדזשער ראַגאַטקע — דער וואַרשעווער אַלימפּ האָט צו אים גענומען שמייכלען. פוקס איז שוין אַנגעגאַנגען ווי אַן „עלטערער פּאָעט", כאָטש נאָך יונג אין יאָרן. דער שם פון ישראל ראַבאָנען (אין תחילת זיך געחתמעט מיטן אייגנטלעכן נאָמען ישראל רובין) האָט דערנאָך זיך צעקלונגען מיט היפּשער חשיבות. דער דערציילער שלמה בערלינסקי האָט אַ סך שפּעטער פון אַנדערע יונגע אין לאָדזשער שרייבערישן געזעמל אַרויסגעשטעלט דעם קאָפּ צו דער וועלט. בערלינסקיס דערציילונג „אין דרויסן" האָט אים געגעבן אַ בכבודיקע פּאָזיציע אין די ליטעראַרישע גבולן, הגם ער האָט נאָך לאַנג, ווי אַ היטלמאַכער, געבידעוועט אין אַ בוידעמשטיבל צוזאַמען מיט ווייב און קינדער. דער יונגער ישעיהו שפּיגל האָט דיכטעריש זיך פּרעזענטירט,

פּאַרפּעסטיקט זיין אַנזעץ כמעט אין דער זעלבער צייט ווי פוקס און ראַבאָן. י. שפּיגל האָט זיך געשניטן פּאַר אַ מאָדערניסטישן פּאָעט. מיר דערמאָנען דעם און יענעם פון לאָדזשער ליטעראַרישן אינדזל, כדי כלאחר־יד צו וואַרפן אַ בליק אויף דער פּעריפעריע ווו ס'האָבן זיך געצייכנט די אָנהייבן פון חיים־לייב פוקסעס שרייבערישער ביאָגראַפיע, הגם אין זיין צייט זענען צוגעקומען מערערע נייע פּאָעטן און דערציילערס ווי מ. בערשלינג, יאָסל סמאָליאַזש, מישאַ טראַיאַנאָוו, אלתר האַפּמאַן א״אנד. און פוקס האָט נישט אַרויסגעלאָזט פון האַנט דעם בעל־מלאכהשן פּענדזל, כאָטש ער איז איינצייטיק געווען שרייבעריש אַקטיוו, געקראָכן אויף הויכע מאַליאַרסקע ליטערס און נישט אויסגעמיטן צו קענען באַגעגענען מיט אַ הימלעכן קאַפּשאַקל אַ יצחק גאָלדקאָרן, דעם סובטילן דיכטער וואָס זינגט ליריש־טראַכטעריש שוין יִנגיטשקערהייט מיט אַ סקעפּטישער גרימאַסע אויפן בלייכן פּנים. און אָט שרייט אַראָפּ פוקס מיטן צעשויבערטן קאָפּ האָר פון אַ הויכן לייטערשטאַפּל צו שמחה־בונעם שייעוויטשן, דעם שעמעוודיקן חסידישן יונגן־מאַן אין דער לאַנגער קאַפּאָטע מיטן קיילעכיקן שוואַרצן הִיטעלע, ס'איז דער וואָס פאַרהוילט פאַרן אייגענעם טאַטן אַז ער איז געוואָרן אַן אַרבעטער אין אַ זאָקנפאַבריק און... ער ציטערט סכנות אַז דער פרומער טאַטע זאָל חס ושלום זיך נישט דערוויסן אַז ער פאַרנעמט זיך מיט אַזוינע זאַכן ווי שרייבן דערציילונגען.

— הע, שייעוויטש, וואָס לאָזסטו מיך אויסקיקן אויף דיר! מיינסט טאַקע אַז כ'דאַרף דיר שיקן אַן עקסטרע איינלאַדונג אַז זאָלסט זיך אַראַנ־וואַגן צו מיר? ווייסט דען נישט אַז כ'האָב ליב דאַאַן שראַאַבן?! אַז חיים־לייב האָט עמעצן ליב, זאָגט ער עס אים אויפן הויכן קול. ס'געהערט צו די חסידישע ניקן וואָס ער האָט איינגעזאַפּט אין דער סביבה, וועלכע האָט אים אויסגעהאָדעוועט. און טראָגט זיך חיים־לייב איבער דער גאַס מיט אַ לייטער אויף די אַקסלען און טרעפט אַ יונגן שרייבער, יאָסל סמאָלאַזשן צי עקשטיינען, שטעלט ער זיך אָפּ מיט זיי, שמועסט מכוח די זאַכן וואָס זיי האָבן אָקערשט אָנגעשריבן און פאַרבעט זיי באַלד אין קאַפּעהויז אַריין. די לייטער לאָזט ער אין דרויסן אַ לאַנג־אויסגעצויגענע ביי דער וואַנט בשכנות פונעם קאַפּעהויז און דעם פאַרשמירטן עמער מיט די פּענדזלען וואָס געהאַלטן אין האַנט, נעמט ער מיט צום קאַפּעטישל.

מיט חיים־לייבן איז אָפּט פול די קאָנדיטעריי אַסטאָריאַ, ווו עס זאַמלט זיך חברה שרייבערס, מאָלערס, מוזיקערס און נישט ווייניק געשעפטלייט וואָס ווילן פאַרברענגען אַ שעה־צוויי אין אַן אַטמאָספער

ווי מ׳קאָן הערן אַ מער יומטובדיק וואָרט. אין „אַסטאָריאַ״ קומט אַריין בראָדערזאָן, עפּעטערס זיצט דאָרט איטשל ברוינער, דער מאָלער־באָהעם; עס זעצט זיך צו צו זיי אלימלך שמולעוויטש, אַ פּאָעט־פאַבריקאַנט וואָס חברט זיך מיט די פּני פון דער ליטעראַטור. אַהין קומט דאָס גלייכן שמעיה צימערמאַן, אַ געוועזענער בית־מדרשניק וואָס איז קאַליע געוואָרן; היינט איז ער פאַבריקאַנט און זיין הויז איז אַ בית־וועד פון דער לאָדזשער יידישער ליטעראַטור און אירע כוהנים. שמעיה צימערמאַנס שטוב אויף ציגלגאַס איז שטענדיק אָפן פאַר ליטעראַרישע געסט פון וואַרשע ווי אויך פון אויסלאַנד. ער איז דער מעצענאַט פון איטשע מאיר וויסענבערגן, צו אים קומט נח פּרילוצקי, אויב ר׳לאָזט זיך אַראָפּ פון וואַרשע; און אַז אַ גוט רעקאָמענדירטער יונגער שרייבער גייט אַריין צו צימערמאַנען, זאָרגט ער אויך פאַר פאַנדן אַרויסצולאָזן זיינס אַן ערשטלינג־ביכל. ביי צימערמאַנען איז אַן אָפטער גאַסט פון וואַרשע איציק מאַנגער. לכבוד מאַנגערן האָט פרוי צימערמאַן, אַ גוט רענאָמירטע שניידערין פאַר דאַמען פון דער בעסערער געזעלשאַפט, דורכגעפירט גאַנצע בעלער, ווי מ׳האָט געשמועסט אין שטאָט. אין די אַ „בעלער״־באַנקעטן האָט אַנטייל גענומען אַ געקליבענער עולם פון שרייבערס און מאָלערס. ביי צימערמאַנען איז שטענדיק געווען רעזערווירט אַ צימער פאַר מאַנגערן, וועלכער איז קיין מאָל נישט אַוועקגעפאָרן פון די לאָדזשער פריינד אָן אַן אָרנטלעכער תמיכה. אַזוי אויך וויסענבערג און ענלעכע, וועמען עס איז „קיין מאָל נישט איבערגעגאַנגען״ אין פּרנסה. חיים־לייב האָט אָפט זיך געלאָזט הערן ביי דעם און יענעם טיש פון „אַסטאָריאַ״. און איז זיך צונויפגעקומען אַן עולם ביי צימערמאַנען, איז מען צו מאָרגנס געוואָר געוואָרן פון חיים־לייבן ווי עס האָט זיך גערודערט, ווער ס׳האָט געשטורעמט די ליטעראַרישע הימלען.

חיים־לייב פוקס איז אַ שאַרפער טעמפּעראַמענט, ער טראָגט אַרויס אין גאַס די היץ פון אַלע חילוקי־דעות וואָס שפּילן אויף און פינען אין די געמאַרקן פון די פאַרשיידענע פּאַרטיי־גרופּעס און אין די קינסטלערישע כּנופיאָס. חיים־לייב איז אומעטום. חיים־לייבן הערט מען צווישן די רעכטע פּועלי־ציון ווי צווישן די לינקע, און אַוודאי לאָזט ער זיך הערן צווישן בונדיסטן. אין אמתן האַלט ער זיך פאַר אַ בונדיסט, אָבער ער חלומט אויפן קול פון ירושלים עיר־הקודש ווי עס חלומען דורות אָפּגעהיטענע יידן. אין צווישן לאָזט חיים־לייב הערן חידושים וואָס ער גופא האָט כלומרשט אַנטפּלעקט אין שטח פון דער נייסטער דיכטונג ביי די גויים.

ער האָט געלייענט דערפון און אפילו געזעען די אויפטועץ אין הלכות גראָם און משקל. אַן אַנדערש מאָל קומט ער מיט נייסן וואָס מ׳האָט אים ערשט געשריבן פון נעוויאָרעק. און רעדט ער, נעמט מען גלייבן אַז ער שטייט אין ענגע קאָנטאַקטן מיט די גרעסטע און באַרימטסטע שרייבערס פון די וויכטיקע צענטערס. אָפט וויל ער זיך אַליין באַווייזן מיט אַ נייער לידערישער פּאָרעם. שרייבן שרייבט ער גראָד ווינציק. ר׳איז פאַרהאָרע־ וועט, אָבער תמיד „פּלאַנט" ער נייע ווערק. אַזוי למשל פּאַרפּלאַנט ער אַ פּראָזעווערק וועגן דער צייט פון די בריונים; אַפילו שוין אָנגעהויבן שרייבן אַריינפיר־קאַפּיטלען, געפּרוווט, זאָגט ער, דמיונותדיק זיך אויס־ מאָלן אַ שטיק אַלט־ירושלים. „כ׳זאָל אַזוי לעבן, ווי שוין אָנגעשריבן", דערציילט ער. אָבער קיין מאָל איז פוקס נישט דערגאַנגען אַז ר׳זאָל פונאַנדערוויקלען דעם סוזשעט פון יענער ברויזיקער תקופה און ממילא נישט דערפירט אים צו אַ סיום. ער האָט דעם ראָמאַן אָנגעהויבן שרייבן, געגעבן נאָר אַן אַריינפיר אין דער אַטמאָספערע פון אַלטן ירושלים. מיר ווייסן אַז דאָס אַ ווערק איז אַ ריי יאָרן געווען ביי חיים־לייבן „אין גערעדטן פלאַן", אַזוי ביזן אויסבראָך פון דער צווייטער וועלט־מלחמה וואָס האָט פון אַלעמדינג ביי יידן געמאַכט אַ באַרג אַש. חיים־לייב פוקסעס פּראָיעק־ טירטער ראָמאַן „בר גיוראס לעצטער וועג" איז לגמרי נישט געבוירן געוואָרן. אָנגעשריבן נאָר עטלעכע בלעטלעך, אָפּגעדרוקט זיי באַלד אין לאָדזשער צייטונג. נאָך דער מוראדיקער קאַטאַסטראָפע וואָס ס׳האָט געטראָפן דעם אייראָפּעישן יידנטום, האָט דער ניצול־געוואָרענער חיים־ לייב פוקס דעם זעלבן קאַפּיטל איבערגעדרוקט אין פּאַריזער חודש־זשורנאַל „קיום" נומער 9—11 פון יאָר 1952 אונטערן טיטל „אין דער נאַכט אַריין". נישט באַשערט געוואָרן צו פאַרווירקלעכן דעם חלום פון אַ ראָמאַן וועגן די בריונים, אָבער דאָס ליד באַגלייט אים שטענדיק, דעם דיכטער חיים־לייב פוקס. אַפילו אין דעם שווערן נע־ונד וואָס איז אים אויסגעקומען דורכצומאַכן אין יענע שוואַרצע יאָרן פאַר אונדזער דור, איז ער ווען־ נישט־ווען אַרויסגעקומען מיט אַ ליד פול מיט ווייַ און נאָסטאַלגיע צום געשעענעם פאַר זיינע אויגן. עס איז די ברכהדיקע „קללה" פון דער מוזע וואָס עס זינגט זיך דעם דיכטער (אויך אין טרויער ברומט אַ ניגון אין טריבקייט), אפילו ווען ס׳האַרץ איז צעוווּנדיקט. און דאָ איז דאָך געגאַנגען אין דער פאַרשניטנקייט פון אַ גאַנץ פאָלק, עס האָט זיך געוויינט, די נשמה האָט געיאָמערט, געריסן זיך צו די שטומע הימלען. יאָ, די וויסטע בשורות האָבן זיך דערטראָגן צו די וועלכע זענען אַוועק אין נע־ונד כדי

אויסצומיידן די רוצחישע האַנט פונעם תלין וואָס איז אין גוואַלטיקע מחנות אַרויס מיט פייער און שווערד פאַרטיליקן די ייִדן וואָס זענען לאַנגע יאָרהונדערטער געזעסן ביי די טייכן פון פוילן, פון ליטע, רייסן, אוקראַינע, וואָלין, גאַליציע, בעסאַראַביע און נאָך, נאָך יישובים. האָט טאַקע דער פּאָעט שוין אונטערוועגס טרויעריק געזונגען אויף די פריש־אַנגעהאָרבעטע חורבות פון זיין ייִדיש־פּוילישער אבלות. אַזוי האָט זיך זיין עצבותדיק פּאָעטיש קול געהערט אויף פון סאָוועטיזירטן ביאַליסטאָק ווי שפּעטער פון מיטל־אַזיאַטישן קאַזאַכסטאַן, וווהין ער איז פאַרוואָרפן געוואָרן אויף נויט און גייסטיקער פּיין. דערנאָך, ווען דאָס מלחמה־פייער האָט אויפגעהערט, האָט חיים־לייב פוקס אַ קורץ שטיקל צייט געהויערט מיט ווייב און קינד אין פוילן, אָבער די לופט האָט אים געשטיקט פון די אומווערדיקייטן וואָס די גויִים, די דייטשן צוגלייך מיט די פּאָליאַקן, האָבן אָפּגעטאָן אין די וויסטע יאָרן. ער איז אַרויסגעפאָרן קיין פּאַריז, וווּ ער האָט געזוכט אַ דערוויילִיקן מקום־מיקלט, כדי זיך צו ראַטעווען ווי פון אַ דראָענדיקער נייער שרפה. אוודאי, אייראָפּע איז חרוב, פול מיט ייִדן־קברים. אין פּאַריז איז אַרויס זיינער אַ בוך לידער „די שעה פון ליד" (1951), אָבער די שטאָט האָט אים נישט געהאַרצט ווי אַזאַ ר׳זאָל האָבן חשק זיך אין איר באַזעצן, מחמת ס׳האָט פון איר אויך געבלאָזן אַ פרעמדקייט. פוקסן האָט זיך געבענקט נאָך אַ גרויסן ייִדישן יישוב, צו קענען רעכט אָפּאָטעמען און שאַפעריש זיך באַנייען. דער ציל האָט אים דערנאָך געבראַכט קיין ניו־יאָרק, וווּ ער׳ט זיך געשטרעקט ווי צו אַן אָנשפּאַר צו קענען אויפבויען אַ נייע היים, וועלכע האָט אין מהות שוין געהאַט אָנגעוווירן איעדן זוימען פאַר האַפטיקייט.

✶

אַוועק אין גלות פון דער צעשטערטער היים, האָט דער דיכטער פאַרלוירן זיין בעל־מלאכהשן מעמד, וועלכן ער האָט בשום אופן נישט געקענט צוריק אויפשטעלן, כאָטש ער׳ט זיך פּירגענומען ווי תמיד צו האָרעווען אויף חיונה. בינו לבינו האָבן געגומען טריפן זכרונות פונעם אייגענעם נעכטן און אייערנעכטן, ווען ער איז נאָך געווען פאַרקנוילט אין בלוטיקן נעפּל. אָ, ווי דעמאָלט איז פון חיים־לייבן שוין געווען אויס־גערונען דער צאַפּל פון באַגער צו לעבן, וואָס פלעגט נאָך טליִען אין יעדן פון די, וועלכן ער האָט אַלע מאָל באַגעגנט מיט זיין חסידישער האָפער־דיקייט. אַזוי האָט ער טאַקע אין זיינע בליִיאָרן אויף באַגעגנט די יונגפרוי, וועלכע ער האָט ליב געקראָגן אהבת־נפש און אומגעריכט פאַר איר זי

אָנגערופן מיט אַ נישט־געהערטן נאָמען: „ריקודה, ריקודה הייסטו ביי מיר, הערסט? מיין טאַנץ ביסטו, רעגאַ! נישטאָ פאַר מיר רעגינע, רבקהלע, וואָס דו ביסט געווען ביז... מיר. ביז היינט". אַזוי האָט ער גערעדט צו זיין שאַנקעדיקער כלה, וועלכע ער האָט געבראַכט פונעם וויטן שטעטל וואָס נאָענט פון די קאַרפּאַטן. דערזען זי, די חנוועדיקע, די אין טויּ־באַהויכטע רעגאַ, ווי זי האָט זיך גערופן אין דער היים, איז ער שוין געווען גרייט איר די נשמה אָפּצוגעבן. גענומען זי פאַר אַ ווייב, די יונגע רעגינע־רעגאַ פּאָטאַש און אויפגעבויט אַ מלכותדיקע היים, ווייל אויך אַ געבענטשטע מיט שפע. ריקודה פּאָטאַש האָט אויפגעבליט ביים דיכטער חיים־לייב, אָבער זי האָט אין דער זעלבער צייט גענומען אויך אומערן, ווען זי'ט געזען אים אַ וואַכעדיקן, שטענדיק אַ וואַכעדיקן, אַ געלט־גיריקן און תמיד אין די קליידער פון אַ האַרעפּאַשניק, איינגעשמירט אין פאַרבן, פאַרקויטיקט אויף די הענט און די שיך צעטשאַפּעט.

שיין איז געווען ריקודהס היים אין לאָדזש, וואָס חיים־־לייב האָט אויפגעשטעלט פאַר איר, רייך אין כלי־בית און אין קליידער. אויך היימלעך איז געווען איר סביבה וואָס חיים־לייב האָט געהאָט אויפגעכאַוועט אַרום זיך, אַלאָ איר, דער פאַרצערטלטער בעל־הבתישער טאַכטער פון גאַליצישן קליינשטעטל איז אַלץ מיט אַנאַנד נישט געווען ניחא. חיים־לייבן האָט אָבער געזוגגען די וועלט מחמת ליבשאַפט צו זיין אויסדערוויילטער. טאַקע אַזוי האָט ער אָנגערופן זיין צווייט לידערבוך: „זינגט מיר די וועלט", פאַרלאַג „יונג־יִדיש", לאָדזש (1936), וואָס ער האָט ממש מיט לייב און לעבן שאַפעריש אָפּגעגעבן „ריקודהלען — ביז אַלע אייביקייטן". אָבער אַ טיפער אומרו האָט אין דער זעלביקער צייט אים שוין צעטרייסלט, אַזש פון אים האָט אַרויסגעוויינט אַן אומפאַרשטענדלעכער עקבערנדיקער עלנט:

דאָס געוויין פון ליידיקע שטובן פאַרלאָזטע
איז אַדורך דורך מיר
און כ'בין געשטאַנען, איך אַליין אַנטקעגן מיר
און האָב געוואַרט, געוואַרט ס'זאָל עפענען זיך די טיר
אין וועלכער כ'זאָל אַריין,
אַריין צו זיך אַליין — —

(דאָרט)

אַ פּנים, נישט גאַר גליקלעך איז געווען אויך רעגאַ פּאָטאַש מיטן זיווג וואָס איר איז באַשערט געוואָרן; און — מסתמא — האָט ביי איר נישט גאַר אויסגענומען די נייע, שאַרף־געענדערטעווירקלעכקייט וואָס

איז געווען דער היפוך פון דער אַטמאָספער, אין וועלכער זי איז אויס־געוואַקסן. ריקודה האָט קאַנטיק ביחידות געחלומט אַנדערע חלומות, פון אַנדערע הימלען האָט געאָנט איר האַרץ, פון אַנדערשדיקעביימער און אַנדערע מענטשן־שטימעס. ס'איז באַשיימפּערלעך געווען אַ חלום פון נישט הי, דער חלום אירער מיט חיים־לייבן, דעם זינגעדיקן האַרעפּאַשניק. אָבער ס'איז דאָך געשען אַ נס מיט דעם ווייבל. אומגעריכט אַפילו פאַרן מאַן דעם דיכטער איז די שיינינקע ריקודה אויך אַרויס אַנטקעגן דעם פאַרהאַרעוועטן לאַדזשער טאָג ווי אַ... פּאָעטעסע. און סאַמע טומל וואָס חיים־לייב האָט שטענדיק געלאָזן אויף איר שוועל, האָט זי אַרויסגעלאָזן אַן ערשטלינג לידער־ביכל „ווינט אויף קלאַווישן". חיים־לייב האָט, אמת, זיך געפרייט וואָס זיין ווייבל זינגט צאַרט, ליריש, בילדעריש פון איר אייגענער וועלט וואָס איז יאַקאָש ביז איצט געווען פאַרבאָרגן פון אים. אָלאָ עס האָט אים ווי געטאָן הלמאי ריקודהלע האָט זיך צעזונגען הינטער זיין רוקן. באַהאַלטענערהייט. און משמעות טאָקע איבער דעם און אפשר נישט בלויז צוליב דעם — איז געקומען צו אַ ויתרוצצו צווישן דעם פּאָרפאָלק, אַ ברוגז וואָס האָטביידן ערנסט דערווייטערט פון אייננאַנדער. ריקודה פּאַטאַש, די אויסדערוויילטע פון דעם דיכטער חיים־לייב פוקס האָט דעמאָלט באַשיידן, אָבער קענטיק געגנוג צעווייטיקט, זיך פאַרטרויט פאַר איר לידערישן פריינד, אין אירע „נאָקטורן":

אָונט שניידט מיר איין מיין האַלדז פול בענקשאַפט.
כ'ליג אויף זיין האַנט ווי'אַ געקוילעטע עוף.
זאָל איך אָוועקטרייבן דעם שאָטן פון טויט
וואָס שטייט און בליקט מיט אויגן רויט ? — —

יסורימדיק רינען היינט מיינע רייד פון מויל.
כ'צעשיט מיין טרויער ווי בלעטער פון אַ צעריסענער רויז
און דו ביסט אַזוי ווייט און דאָך אַזוי נאָענט.
נאָר פאַר וואָס וואָלסטו ערגעץ, אויסמיידנדיק מיין הויז ?

(1930)

ס'וועט געוויס בלייבן אַ רעטעניש די סיבה פון ריקודהס טרויער וואָס זי האָט פאַרזיגלט אין איר טריפנדיקן געמיט. מסתמא אַ רעטעניש פון אירע ווייבלעכע אינטימיטעטן. שפּעטער איז געשען דאָס וואָס איז נאָכגעקומען אין ממשות. ריקודה, דאָס זיסע ווייבעלע, האָט אומגעריכט אָוועקגעטאָנצט ווייט פון דער ניי־איינגעשטעלטער היים און מיט זיך פאַרכאַפּט (ווייל אַן וויסן פונעם מאַן זיך געגרייט דערצו) דאָס קינד וואָס איז שוין

געווען געקומען אויף דער וועלט. חיים־לייב האָט דעריבער גענומען מוראדיק אומערן אין אָנבליק פון די „לידיקע שטובן... (און אומזיסט) געוואָרט ס׳זאָל זיך עפענען די טיר, אין וועלכער כ׳זאָל אַריין, אַריין צו זיך אַליין״ — — לסוף האָט ער זיך אָוועקגעלאָזט „ווו די אויגן טראָגן״, אָבער אין ערגעץ זיך נישט געפונען קיין אָרט. געווען אויך אין ארץ־ישראל אַ לענגערע צייט. דאָרט האָט ער ענדלעך געפונען זיין פאַרלוירענעם פקדון, געהאַט דערביי אויסצושטיין אַ שווער דינגעניש, אָבער סוף־סוף צוריקגעקערט אַהיים צו זיך די אַנטרונענע ריקודה מיטן שיינעם קינדעלע אביבה. אָלאָ זי איז דאָס מאָל שוין נישט געבליבן לאַנג. ריקודה האָט וויזט אויס מער נישט געקענט הויזן אונטער איין דאַך מיטן פאָטער פון איר קינד. חיים־לייב איז אין גיכן ווידער געבליבן איינער אַליין. דער־שלאָגן פון דעם טראַף, איז ער געוואָרן ביז גאָר אָפּגעלאָזן נאָך דעם ווייבלס אַוועקגיין. ס׳האָט אויסגעזען אַז דער לעבנס־לוסטיקער חיים־לייב טראָגט זיך ערשט אַרום מיט אַ צעשפּאָלטענער נשמה; אַ ליאַדע ווינט קאָן אים אַנידערשליידערן צו דר׳ערד. נישט ער האָט געהאַט חשק צו אַרבעטן ווי תמיד, נישט געלעבט און דאָך נישט געוואָלט שטאַרבן. אין אים האָט געוויינט אַ טיפע באַליידיקונג און ס׳האָט ווי געטאָן הלמאי מ׳האָט פון אים אָוועקגעריסן אויף אביבהלען, וועלכע ער האָט ליב געקראָגן אהבת נפש, מיט ערשטיקער פאָטערישער ליבשאַפט. דעמאָלט איז ער ממש אַ צעבראָכענער אַרויס פון דער שיינער דירה אויף זאַכאַדניע גאַס וואָס ריקודה האָט פאַרלאָזן מיט אַ הילכיקן קלאַפּ מיט דער טיר, און אַליין גענומען זיך וואַלגערן אין אַ ווינקל פון דער קויטיקער ווערקשטעל אויף אַן אייזערן בעטל ווי אַ הקדש־ייִד, אַ לעבעדיקער קנויל צווישן לייטערס און פאַרב־פאַרשמירטע געפעסן מיט פאַרדאַרטע פענדזלען.

מיט אַ מאָל איז געוואָרן אויס מיט דעם חיים־לייב וואָס האָט געהאַט אַ פול מויל מיט ריידן און אַ שטענדיקן איילעניש, גלייך ער וואָלט מורא געהאַט עפּעס צו פאַרשפּעטיקן. אמת, ער איז ווידער געשטאַנען אויף אַ הויכער לייטער אין מיטן דער רוישיקער גאַס ווו ער האָט אויפגעהאַנגען שילדן ווי קאָליריקע לאַטעס אויף דער גראַקייט פון דער שטאָט; האָט עמעצער דערזען אַז ס׳קוקט אַרויס פון חיים־לייבס צעריסענע הויזן אַ שטיק וויס פון די גאַטקעס און דערויף אים אַנגעוווּנקען, האָט דער שילדן־מאָלער שטאַר זיך אומגעקוקט אויף יענעמס רוף: „זע נאַר, פוקס... די שטאָט לאַכט דאָך!״ און נאַר אַ שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ. מיט אַן איינגעטונקטן פענדזל האָט חיים־לייב דעמאָלט באַלד פאַרשמירט מיט גרינער פאַרב

דעם גוואַלדריס. אויפֿן סאַמע אָנזעעוודיקסטן אָרט פֿון זיין אָנטועכץ איז געבליבן קוקן אין גאַס אַריין אַ טומלדיק חוזקדיקער פּלעק. אַט אַזוי האָט פוקס ווייטער געקלעטערט איבער דער הויכער הייך פֿון שטאַטישן געליאַרעם. אַן אַנדערש מאָל האָט ער פֿאַרשמירט מיט רויטער צי געלער פֿאַרב די אויפֿגעריסענע פּיאַטעס פֿון זיינע אויסגעריבענע זאָקן, מחמת חיים־לייבס פּלאַטפּיס האָבן זיך לויז געגליטשט אין זיינע גרויסע טשיזמעס, איינגעקויטיקטע מיט בלאָטע און פֿאַרב.

— העי, חאַם־לייב, ווי קענסטו אַזוי? — און געוויזן אים אויף דעם מיאוסן פּגם פֿון זיין הילוך. — ביסטעך אַ מענטש וואָס מ׳קאָן עים אין שטוט!

געהאַרכט וואָס מ׳זאָגט, האָט ער מיטן פּענדזל ווידער אַ שמיר געטאָן איבערן פּיאַטע־נאַקעט און ווייטער געשפּאַנט אַזוי איבער די גאַסן, גאַס־איין, גאַס־אויס. זאָל זיין, הייסט עס, אַ זאַפּראַן־געלע לאַטע איבער די צעריבענע זאָקן, אַבי מ׳זעט נישט אַרויס די נאַקעטע פּיאַטעס... אַזאַ איז שוין דער שילדן־מאַכער פוקס, וועלכער איז מסוגל אין מיטן פּלאָנטערן זיך איבער דער טומלדיקער שטאָט לאָזן וועבן אין מוח דעם געדאַנק פֿון אַ ליד וואָס האָט דערנאָך זיך צעפּלאָטערט מיט אַ שטיל לוישן איבער זיין גאַנצענעם זינען.

✶

זינט יענעם פֿיינלעכן אַמאָל זיינעם, ווען ס׳וויבל האָט אויף לעצט ווידער זיך פֿאַרנומען פֿון זיין צעלויכטענער שטוב, איז חיים־לייב פוקס געוואָרן איבערגעאַנדערשט; לחלוטין נישט דער אייגענער וואָס געווען. סע האָט זיך פֿאַרענדיקט דער לעבנס־דאַרשטיקער, היציקער, תמיד־איילנ־דיקער חיים־לייב, בפֿרט אַז עס איז אין גיכן אָנגעשטאַנען דער חושך וואָס ווערט אָנגערופֿן פֿון ייִדן „חורבן בית השלישי". אמת, דער פּאָעט פֿאַרלאָזט אים נישט. דער דין־דינסטער נערוו פֿון שטאַרק־שפּירעוודיקן זינגער לעבט אין חיים־לייבן אין די שווערסטע אומשטאַנדן. דער פּאָעט איז פֿאַרליבט אינעם לעבן און אין אַלעמדינג וואָס פֿאַרבינדט אים נשמהדיק מיטן אייגענעם געוועזן. משמעות, פֿאַר אַלע זיינע יאָרן, שוין נאָך דעם ווי אַ צווייטע פֿרוי האָט אים געגעבן געראָטענע קינדער, וועלכע ער האָט אויך ליב באַקומען, פֿאַרלאָזט נישט חיים־לייבן דאָס נאָגנדיקע געפֿיל וואָס ס׳האָט אין אים אויפֿגעוועקט זיין וואַרהאַפּטיקע ליבשאַפֿט צו ריקודהן, צו וועלכער עס דאַרשט זיין נשמה, כאָטש ער דערמאָנט זי נישט ביים נאָמען:

„דו האָסט אויף מיר אַרויפגעדופט / דעם חן פון פרישן קאָרן / וואָס בליט מיט בלאָנדקייט און מיט גאָלד / דיינע יונגע יאָרן... / אין פוסטער שטאָט פון לאַנגווייל מיד / און מאַט פון גרויע שעהען, / דו האָסט מיין טאָג מיר אויפגעזונט / און העל געמאַכט דאָס גראָע" — —

(פון בוך „שעה פון ליד").

אויך אַצינד, ווען ער שטייט ווי אַן אָבל פאַר זיין צעבראָכענער היים, הערט זיך נישט אויף צו וועבן אין אים זיין ליד. ריכטיקער, אַצינד תפילהט מיינסטנס חיים־לייב פוקס אין אַן איכה־טאָן. דערצו גענענט די גורלדיקע שקיעה די גופישע און אין געדעכעניש וויגט זיך דאָס ווידערקול פונעם ליד וואָס איז אין אים, דאַכט זיך, ערשט אַנומלט אויפגעגאַנגען מיט האָפע־נונג, ווייל מיט יונגשאַפט. ער בעט גנאַד ביים באַשעפער אַז ס׳ליד זאָל זיך צוריקקערן צו אים מיטן חסד פון זיין פאַרפלאָסענער יוגנט און אַז עס זאָל אים נישט פאַרלאָזן. דער פּאָעט איז פאַרצערט פון ווייטיק, ווייל ער שפּירט זיין היים ווי זיין לעבן ווי אַ זינקענדיקע חורבה:

„די טעג נייגן שוין די קעפּ אַראָפּ / ווי די זאַנגען פאַרן שניט. / און ווייל איך ווייס / אַז אַ ליד איז מיין אַלץ, / געפלאַנצט — פון דיר צו מיר / און פון מיר צו דיר — / הייב איך מיין בליק אַרויף / און צינד אָן ווי אַ פלאַם מיט בענקשאַפט / מיין קאָפּ — — / אלוקי, / גיב מיך צוריק צום ליד!"

(פון בוך „די טעג נייגן שוין די קעפּ" (ניו־יאָרק, 1968).

עס איז אומעטיק אַיעדן בשר־ודם וואָס דערשפּירט דעם בלוט-גליוועכער פון זיין אָפּגעשאָכטענער היים, ווי עס איז געשען חיים־לייבן און זיין דור. טרויעריק שניידט ביטערער עלנט דעם פּאָעט וואָס זיין האַרץ איז ווי אַ באַראָמעטער אַנטקעגן דעם אומדערבאַרעמלעך־נאַקעטן דרויסן וואָס איז אין צוליג אויך צעבושעוועט. באַוווסטזיניק בנוגע דער אומגעהייערער נויט תפילהט חיים־לייב פוקס אויך אויפן גורל פון זיינע פאַרוויסטע ברידער, די ניצול־געוואָרענע פון בלוטיקן תהום. די איינציקע טרייסט איז אים, וואָס כאָטש ער האָט פאַרלוירן זיין דירת אַרעי, ס׳איז פאַרזונקען אין חושך אויך זיין בעל־מלאכהשע ווערקשטעטל, דינט אים נאָך דער מכשיר פון ליד וואָס איז כולו יידיש. און דאָס איז דער קוואַל פאַר שטאַרקונג וואָס וואַרעמט זיין געמיט.

יוסף אַקרוטני

ווייטיקט אַ ייִד אין וויניפּעג

ס׳איז אויסטערליש מיט דעם פּסיכאָ־פיזישן פענאָמען פון דער ייִדישער וואָר: נישטאָ קיין שמחה אָן אַ טרער פון ווייטיק און נישטאָ (ווי מאָדנע!) קיין טרויער וואָס זאָל ווי־נישט־ווי נישט דורכגעשיינט ווערן פון אַ שטראַל ליכט. כאָטש מ׳וואָרגט אונדז, מ׳רודפט, און דאָך גיט מען נישט אויף דעם לעצטן פונק בטחון פאַר געגעזונג. עס איז דער שטריך פונעם רעטעניששפולן ייִדישן זיין וואָס טליִעט אויפן דנאָ פון סאַמע טיפסטן ייִאוש. בילדעריש וואָלט דאָס זיך געלאָזט אויסדריקן אַזוי ווי אויפן רוקן פון דעם אומערנדיקן קדיש־ניגון גייט אויף דער מאָטיוו פון נאָגנדיקער ייִדישער האָפענונג, דער אויפשאַל פון דער באַלעבנדיקער התקווה.

אַגב באַשטעטיקט דאָס אונדזער אינדערוואַכן, צו מאָל — דער צו מאָרגנס נאָך דער היטלערישער קאַטאַסטראָפע, וואָס האָט אונדזערע טעג געלאָזן פאַרזייעטע דורכויס מיט אויפגעאַקערטע ייִדישע בית־עלמינס.

יאָ, פנים־אל־פנים מיטן בראָך שפּילט מען שוין אויף ייִדישע חתונות דאָ און דאָרט...

אוודאי איז עס ס׳גליק פון אונדזער זיין, וואָס אויף דער שוועל פון אבלות וואַקסט אויס כאָטש די אָנונג פון אומקלאָרן האָפן, באשר ערגעץ־ווו טליִעט באמת אַ פונק לעבן וואָס וועט זיך צעצווייגן, ס׳וועט אויפקומען אַ פלעמל, דערנאָך אַ פלאַם וואָס וועט ווידער אַ מאָל זיך צעלייכטן איבער אונדזער וועלט. אַ פּנים, אין יסוד פון אָט דעם מטושטשן געפיל וואָרעמט זיך טאַקע דער זוימען פון ייִדישן מאָרגן וואָס אין מהות איז ער אומ־צעשטערלעך, כאָטש די שוואַכע, די ליידנדיקע ברענגט עס נאָך צו חלום — דעם סוף, דאָס נעבעכדיקע פאַרגיין פונעם בן־אדם. דאָך דאָמינירט דער אונטערבאַוווסטזיניקער דראַנג צו אַנטרינען פון דער טויט־אָנונג. איבער־געזעצט אויפן לשון פון דער פשוטסטער לאָגיק מיינט די דאָזיקע אַנט־רינונג דאָס אַוועקלאָזן זיך אויף די פליגל פון דמיון איבערן אומעטיק־באַזוניקטן פעלד פון בענקשאַפט צו די, וואָס זענען אַרויסגעריסן געוואָרן פונעם צרור־החיים.

מיט דעם לאָזט זיך דערקלערן דאָס גרויסע געוועטעניש פון זכרונות־ביכער, וואָס זענען אויסגעוואַקסן (און וואַקסן נאָך) אין פעלד פון דער ייִדישער ליטעראַטור. אין כמות זענען די דאָזיקע שריפטן עלול צו פאַר־

שטעלן די ווערק פון יִדיש־קינסטלערישער פּאַטענץ, וואָס זענען ווינציקער אין צאָל. אַ שטראָם פון מענטשלעך־צעיסורימטער בענקעניש צום אַכזריות־דיק־פּאַרלענדטן לעבן פּלייצט פון די בוזעמס פון יִדישע פּאַרפּאַסערס־מקוננים.

*

איינער פון די וואָס צאַפּלט זיך אין בלוטנדיקער בענקעניש צו די פּאַרשניטענע פון זיין נאָענטער סביבה האָט זיך נאָך לאַנגן וואַגל איינגעמאָסטעט אין דעם פּרעמדלעכן וויניפּעג וואָס אין קאַנאַדע.

אַליין אַן אַרומגעפּליקטער בוים, שפּירט ערשט דער שידלאָווצער יצחק גאָלדקאָרן די שאַרפן פונעם בייזן עלנט. קורץ פאַרן אויסבראָך פון דער אַנומלטיקער וועלט־שריפה האָט ער געהאַט איינגעוואָרעמט זיין באַשיידן ווינקל אין לאָדזש, דעם גרויסן צענטער וואָס האָט אים געגעבן דעם סוראָגאַט פון דער היים, וועלכע ער האָט פּאַרלוירן מחמת כמה טעמים אין טאַטע־מאַמעשן שטעטל. איצט איז געבליבן אַ קבר־גרוב פון שידלאָווצע און אַ בית־המוות פון יִדיש לאָדזש. קלאָגט אין גאָלדקאָרנען דער געיאָמער פון אָרעמען חדר און ישיבה־יִנגל נאָכן היימישן שידלאָווצע, אָבער שניידיקער, בולטער קענטיקט זיך אויס דער טרויער וואָס די עיר הבירה לאָדזש האָט אין אים טרעריק צעלויכטן, מחמת אַהין, קיין לאָדזש, האָט ער דערגרייכט שוין אין די יאָרן פון זיין אויסגעשטאַלטיקטער דערוואַקסנקייט.

דער פּועל־יוצא פון דער צעלויכטענער עצבות גאָלדקאָרנס האָבן מיר אין זיין לויטער אָנגעשריבענעם בוך „לאָדזשער פּאָרטרעטן", אַרויס־געגעבן פון תל־אביבער פאַרלאַג המנורה.

ניין, ס'איז נישט אין פולן זין פון וואָרט קיין פּאָרטרעטן ווי ס'זאָגט דער טיטל פונעם ספרל וואָס איז אָפּגעגעבן פאַר די קרוב דריי צענדלינג סוביעקטיוו־געצייכנטע סקיצן און לירישע אויסגאָסן פון בענקעניש צו די, וועלכע האָבן בחייהם זיך איינגעקויפּט אין ליבער געדענקשאַפט ביים יונגן דיכטער און אינטעלעקטועל־אויסגעהונגערטן צו כסדרדיקער באַגייונג. דערפאַר די להוטקייט פונעם ביטער געפּרווטן יצחק גאָלדקאָרן, דעם שרייבעריש שוין אויסגעפּורעמטן, אויפצולעבן די בילדער און עפּיזאָדן פון זיין לאָדזשער יִנגשאַפט אַזוי ווי זי איז געבליבן איינגעקריצט אין זיין וואַכן זכרון. נו, מ'דאַרף צוגעבן אַז דער אַ זכרון איז אַן אינטעלעקטועל־געזעטיקטער און ער באַלעבט מיט לעבעדיקן קאָליר און ריח זיינע דער־

מאַנונגען־רעמיניסצענצן פון אַן אָח־לצרה פון דעם רוב געשילדערטע אין זיין בוך.

*

מיטן אייגענעם געדעכעניש געגעענט דער מחבר צו די וואָס קלאָגן אין אים אויף זייער פאַרשניטנקייט. זענען דאָך אַלע געווען נאָך אַזוי יונג, צוזאַגנדיק מיט זייער לעבן ווי מיט זייער ליידן. דערפאַר איז די עיר ההריגה פאַר אים אַן אדמת־קודש.

יצחק גאָלדקאָרן האָט זיין לאָדזשער בוך אָפּגעגעבן נאָר פאַר אומ־געקומענע יידישע שרייבערס און אויסטערלישע געשטאַלטן וואָס האָבן נאָך מער געשטרייפט די רייכפאַרביקע קאַנווע פון דעם שפּעריש יידישן לאָדזש — לאָדזש פון דעם אַמאָל וואָס ליגט אַט אָ נאָך אין וויסטע חורבות. חוץ שרייבער־געשטאַלטן האָט גאָלדקאָרן הייסט עס מזכיר־נשמות געווען אויך אַ גאַלעריע מאַרקאַנטע טיפּן, גייסטיק־נאָענטע צו דער קינסטלער־באָהעמע.

אָנהייבן הייבט ער אָן מיט די שרייבער־קרבנות פון דער מגפה, בעת וועלכער עס איז געפאַלן דער רוב־עם אונדזערער. און לאָדזש האָט מיט יידישע שרייבערס ערנסט זיך אַריינגעגלידערט אין דער יידישער ליטעראַטור. אויפן ערשטן אָרט גיים ביים מחבר יצחק קאַצענעלסאָן, דער וואָס איז געוואָרן מפורסם ווי דער מקונן פון דעם געטאָ־יידנטום אין מדינת פוילן. קאַצענעלסאָן איז געווען אַ טייערער ייד אין דער שרייבע־רישער חברותא. גאָלדקאָרן, דער יונגער אַדעפּט פון חברת הסופרים לויבט שטאַרק דעם מענטש קאַצענעלסאָן, אָבער ער פּראָבירט אויך וואַרפן אויף אים זיין קריטישן פּראָזשעקטאָר, אַנאַליזירן. מ׳באַדאַרף אגב צוגעבן: גאָלדקאָרן האָט אַ חוש פאַר טרעפלעכן אַנאַליז וואָס גייט געפּאָרט מיט דיכטערישן אַריינבליק אין דעם ווערק פון געגעבענעם מחבר. כאָטש אַ קדוש, פאַר וועמענס אָנדענק ער פאַלט כורעים, דערלויבט זיך דער לאָגיקער גאָלדקאָרן — און נישט אָן רעכט — אויפן ניכטערנעם אָפּשאַץ פונעם אָנערקענטן יידיש־העברעישן פּאָעט און דראַמאַטורג.

...„דאָס ווייסע לעבן״ (קאַצענעלסאָנס אַ ווערק) לייענט זיך איצט ווי עפּעס פון אַ ליטעראַרישער פּרעהיסטאָריע. לאָזנדיק אָן אַ זייט די שאַקירנ־דיקע, נאַיוו־„ראַפינירטע״ אומבאַהאָלפנקייטן, שטעלן די געלונגענע פראַגמענטן מיט זיך פאַר נישט מער ווי דעטאַלע שילדערונגען פון קאַלט־בלוטיק־תאווהדיקער אכילה און סעקס... אין קאַצענעלסאָנס גייסטיקייט איז געווען עפּעס ערדישס, סענסועלס, אַ גשמיותדיקייט מיט אַן איידעלען

ניואַנס. כאַראַקטעריסטיש פֿאַר אים זענען די „שירי אפיקור" אין זיין לידער־זאַמלונג „דמדומים". בכלל האָב איך פון זיינע לירישע און פּראָזע־שאַפונגען דעם איינדרוק פון עפּעס אַ רובענסישער, איידעלער פליישי־קייט". אָבער גאָלדקאָרן שאַצט הויך קאַצענעלסאָנס „ליד פון אויסגעהרגעטן יידישן פאָלק" וואָס אין אים האָט דער דיכטער אַקומילירט גאָר די „ווונדיקייט" פון אַ מאָדערנעם איוב"". אַליין ווי אַן אָבל אויך נאָך דעם אַ טייערן ייד און דיכטער קאַצענעלסאָן כליפּעט אויס גאָלדקאָרן צו גלייך מיטן אומגעבראַכטן פּאָעט: ארץ, אַל תכסי דמי!

מיט ליבשאַפט, אָבער אויך מיט קריטישן לאַנצעט אין האַנט גיט ער דאָס גלייכן אַ סכעמאַטיש בילד פון משה בראָדערזאָן. מיט יראת־הכבוד רעדט ער וועגן בראָדערזאָנען דעם דיכטער, דעם זוכער פון פּרעציזע שעפערישע מיטלען, אויך דעם שפּראַכמייסטער און ער לאָזט זיך אַראָפּ, טאַקע יצחק גאָלדקאָרן, אין די קעלערס פון די קינסטלערישע סודות, וואָס האָבן אַזוי צו זאָגן אויסגעבויט די אייגנאַרטיקע געשטאַלט פון פּאָעט און טעאַטער־מחבר משה בראָדערזאָן. זיינע באַהויפּטונגען באַקרעפטיקט גאָלדקאָרן מיט אויסצוגן פון בראָדערזאָנישן שאַפן. און ער באַמיט זיך צו צייכענען די אומדורכשניטלעכע געשטאַלט פון דעם דיכטער, וואָס איז געווען אַ וויכטיקער טייל פון דעם לאָדזשערישן יידיש־גייסטיקן רעקוויזיט. גאָלד־קאָרן זעט אין בראָדערזאָנען אויך אַ ליבן עלטערן חבר און פּראָטעקטאָר פון יונגע שרייבערס און עס וויינט זיין ברוסט אויף דער אומדערהערטער אבידה וואָס ס'האָט גורם געווען דאָס פּריציייטיקע אַוועקגיין פון אָט דעם שיינעם מענטש וואָס האָט אָנגעליכטיקט דעם טריבן לאָדזשער ברוק.

מיט געטריישאַפט שרייבט גאָלדקאָרן וועגן דעם באַטייטיקן דיכטער און דערציילער ישראל ראַבאָן, אַ קינד פון דער טיפסטער לאָדזשער יידישער אָרעמקייט, אָבער ער איז אויפגעגאַנגען צו די הייכן פון אַן אָריגינעלן קינסטלער פון לעבעדיקן יידישן וואָרט. די גרעסטע שבחים האָט דער מחבר פאַר ראַבאָנען דעם פּאָעט, וועלכער איז, צום באַדויערן, געבליבן באַקאַנט נאָר אין די שרייבערישע קרייזן. יאָ, די אייגנאַרטיקייט פון ישראל ראַבאָן שילדערט גאָלדקאָרן נישט בלויז ווי אַ שרייבער, נייערט אויך ווי אַ דענקענדיקן עסייִסט.

אַ סך וואַרעמקייט האָט גאָלדקאָרן אויך פאַר מרים אולינאָווער, דער אָנגעזעענער דיכטערין וואָס האָט ביי איר לעבן אַרויסגעגעבן נאָר איין לידערבוך „דער באָבעס אוצר", וואָס האָט ממש איינגענומען די יידיש־שרייבערישע וועלט. ווי דער רוב יידן־קינסטלערס אין פּוילן, איז די

איידעלע דיכטערין געפאַלן צווישן די קרבנות פון געטאָ און אויסראָט־לאַגערן. צוזאַמען מיט איר איז אומגעקומען אויך איר ליטעראַרישער עזבון, כתבים, וועלכע זי האָט שטאַרק געהיט אין איר פינצטערן וואָגל.

פּראָפּאָרציאָנעל רייך איז גאָלדקאָרנס בוך מיט עטיודן און צייכע־נונגען פון אַ גאַלעריע יונגע ייִדישע שרייבערס פון לאָדזש, על פּי רוב אומבאַוווּסטע, אָבער טאַלאַנטירטע, צוזאָגנדיקע. מיטן בלוט פון האַרץ שרייבט ער וועגן דעם מהות פונעם מענטש און דיכטער מישאַ טראַיאַנאָוו, וועלכער איז באַלד ביים ערשטן אַרויספּאַר אויפן פּאָעטישן פּערדל געזאַלבט געוואָרן מיטן קטורת פון אָנערקענונג. אמת, די וואַרעמע אויפנאַמע מצד דער קריטיק האָט נאָך נישט באַדייט אַז דער סובטילער דיכטער ווערט שוין באַזאָרגט לפחות מיטן טעגלעכן ביסן ברויט. נייִן, סיי טראַיאַנאָוו, סיי יאָסל סמאַליאַזש, אַ דערציילער, האָבן אָפּט געחלומט פון אַ זאַטן מאָלצייט. און אַזוי טרויעריק ווי זיי האָבן געלעבט, זענען זיי פּיינלעך אומגעקומען בעתן חורבן. מיט צער און מיטגעפיל זענען דאָס גלייכן דורכ־געזאַפּט די בלעטלעך וואָס גאָלדקאָרן גיט אָפּ פּאַר שמחה־בונם שאַיעוויטש, אַ יונגן־מאַן פון אַ פרומער ייִדישלעכער היים; שאַיעוויטש האָט זיך פּראָלעטאַריזירט ווי באַלד ער איז פון דער נויט אָפּגעריסן געוואָרן פון דער ישיבה, אין געהיים (פאַר טאַטע־מאַמען) געשריבן דערציילונגען, לידער, געוווּנען צווישן שרייבערס אָנערקענונג, אַפילו געגרייט זיך אַרויס־צולאָזן אַ בוך דערציילונגען, אָבער דעם חשבון פאַר זיין גורל האָט גאָר יונג אָפּגעשלאָסן דער ברוטאַלער טויט, וואָס איז שאַיעוויטשן דערלאַנגט געוואָרן אין אַ טויטנלאַגער. אחרי־מותו האָט דער זעלביקער שאַיעוויטש זוכה־געווען אַז זיינע צוויי פּאָעמעס, „לך לך" און „פרילינג תש"ב", געשריבן אין לאָדזשער געטאָ, זאָלן זיך אָפּגעפינען צווישן די רויִנעס און מיט זיי זאָל פאַראייביקט ווערן זיין אייגענע פּאַרשעניטנקייט פון לעבן.

מיט נישט ווייניק בענקשאַפט דערציילט גאָלדקאָרן אויך פון אַלטער האָפמאַן, אַ יונגער אַרבעטער וואָס האָט געשריבן פיינע דערציילונגען. ער צייכנט אגב דאָס גלייכן די פּערזענלעכע איידלקייטן פון האָפמאַנען און בלוטיקט אויף דעם כרת וואָס האָט געטראָפן זיין אינטימען חבר.

גאָלדקאָרן ברענגט דאָס גלייכן סקיצן און סילועטן פון נישט־דערבאַקענע שרייבערס ווי ירחמיאל נייבערג, אברהם הערש פלאַקסער א"א. גאָלדקאָרן איז אַ נוח לבריות, ער גיט אַפילו די לאַנג־יאָריקע אָנהייבערס זיין שרייבערישן קרעדיט. ער זוכט פאַר זיי זכיות, הגם דאָס וואָס זיי האָבן איבערגעלאָזן ווי „ווערק" דערציילט פונקט דאָס פאַרקערטע.

אוודאי איז גרויס דער ווייטיק וואָס די דאָזיקע זענען ווי ייִדן אומגעקומען אויפֿן מזבח פֿון צעשטורעמטער רשעות. דערקענגן די סקיצן וועגן די מער פּעיִקע, די טאַלאַנטפֿולע מאָטל קאָזלאָווסקי, משה עקשטיין, אויך העלדן פֿון דער דיכטערישער ביאָגראַפֿיע לאָדזשס, זענען ביי גאָלדקאָרנען אויס־געפֿאַלן גאָר מאָגער, גיך זיך אָפּגעפּטרט מיט זיי. מסתמא דערפֿאַר וואָס ער האָט זיי ווינציק געקענט.

אגב, כמעט ביי אַלע וואָס גאָלדקאָרן באַשרייבט ווי דיכטערס און דערציילערס, ברענגט ער אויך אַ קורצן אָפּקלייב אָדער פֿראַגמענטן פֿון זייערע שאַפֿונגען. דאָס איז אַ וויכטיקער פּרט וואָס מ'דאַרף אַרויסהייבן לשבח פֿון דעם בעל־הזכרונות.

✶

אַ באַזונדערער טייל פֿון גאָלדקאָרנס בוך באַשטייט פֿון פּאָרטרעטן פֿון לאָדזשער „טיפּן". איז דאָס זייער אַ טשיקאַווער און אויך באַלערנ־דיקער מאַטעריאַל וואָס איז סערווירט פֿאַרן לייענער מיט קינסטלערישע מיטלען. אין דעם איז שוין „שולדיק" גאָלדקאָרן דער פּאָעט און פֿיינער עסייִסט. פֿאַרכאַפּנדיק און דין געצייכנט זענען די געשטאַלטן פֿון דעם לאָדזשער „סאָקראַטעס", אַ למדן און וואַגאַבונד חיים וואָדניק, (אַ יוגנט־חבר פֿון שלום אַש, ווייל אויך אַ קוטנער), פֿון זיין זון יאָסל, וואָס איז אין פּרט פֿון וואַגאַבונדישקייט געווען גרעאָטן אין זיין פֿאָטער, פֿון דעם מעצענאַט און תורה־ייִד שמעיה צימערמאַן, פֿון דעם דיכטער־אינדוס־טריעלער אברהם סאַלאָוויטש, פֿון דעם בטלן־אינטעליגענט משה מאַנדעל, פֿון דעם ניהיליסט־פֿילאָסאָף יוסף גאַרצעוויטש, פֿון דעם ליטעראַרישן כל־ולך הערשל זוהר, ווי אויך פֿון דעם שטיק אויסטערלישקייט „לייב אַנאַרכיסט", אַ בן־בית צווישן די לייט פֿון דער ייִדישער באָהעמע. דאָס אַלץ צוזאַמען איז אַ בוקעט פֿון דעם בונטן ייִדישן לאָדזש, דער מעלאַנזש וואָס זאָגט עדות אויף אַ דור וואָס האָט, כאָטש אין דחקות, געלעבט אַ פֿול גייסטיק לעבן. יצחק גאָלדקאָרן, ווי איינער פֿון זיינע זין, האָט זיי אַלע צונויפֿגעקליבן, פֿאַרפֿיקסירט בכתב מיט דער הילף פֿון זיין ספּעצי־פֿישער קונסט פֿון אַזאַ וואָס איז פֿון פֿייער־געוויטער ביי נייס פֿאַרוואָרפֿן געוואָרן אין אַ פֿרעמדער ווייט. אַ צעווייטיקטער, אַן עלנטער זיצט אָקערשט יצחק גאָלדקאָרן אין דעם אומעטיקלעכן וויניפּעג ווו ער אומערט אין פֿאַרלוירנקייט.

1964

עסייען און עטיודן

דאָס אויף טויט אַנטשוויגענע שטעטל

א

עמעצער האָט שוין, דאַכט זיך, אָנגעוווּנקען אַז די ייִדישע נאָוועלע מאַכט דורך אַן ערנסטן קריזיס, אַ שאַפערישן קריזיס. נישטאָ מער די נייטיקע פאָרעם און נישטאָ דער תּוך פאַר דער ייִדישער דערציילונג באופן אַז זי זאָל זיין מסוגל צו געווינען דעם לייענער, ווי ייִדישע ביכער האָבן עס באַוויזן אַנומלטיקע יאָרן. נו, מ׳איז בפירוש געשטאַנען אין דער ריי נאָך דעם בוך אין דער ייִדישער ביבליאָטעק. דערהויפּט שרייבט מען צו דעם אומהיימלעכן שינוי די גרויליקע געשעענישן וואָס זענען צוהאַנדן געקומען דעם ייִדישן פאָלק. עס זענען פאַרשניטן געוואָרן די פּרוכטיקסטע ייִדישע מאַסן־צענטערס, איז אויסגערונען געוואָרן אַפילו די קוואַליקע טעמע פאַר דער ייִדישער דערציילונג. אַן איבעריקע ראיה דערויף איז דאָס, וואָס די ייִדישע פּראָזע איז אַוועק בעיקר אויפן שליאַך פון זכרונות, וואָס זעלטן שטייט הינטער זיי די שאַפערישע פּערזענלעכקייט. אגב האָבן מיט אַ מאָל פאַר זכרונות־שרייבעריי אָפּטירט מערערע ייִדן מיט צעבענקטע הערצער, וואָס זענען מכוון מיט זייערע באַשרייבונגען צו שטעלן אַ „מצבה״ די היימשטעטלעך, ממילא אַרויסצוברענגען זייער ווערבאַלן ווייַ מחמת דעם טראַגישן פאַרגיין פון די אייגענע אין די געטאָס, אין די אומקום־לאַגערן אָדער אין סאָוועטישן בע־ונד. שוין פאַראַן אַ היפּשע צאָל אַזעלכע זכרונות־ביכער, אָבער זעלטענע פון זיי זענען קוואַליטאַטיוו סאָציאַל־פּסיכאָלאָגישע דאָקומענטן פון דער טריבער ערב־חורבן־עפּאָכע און פונעם חורבן פוילן צי גאַליציע אָדער וואָלין. אַ געדענקלעך ווערק פון דעם שניט איז אַ שטייגער דעם ווישאָגראָדער ייִדס י. מאַניטשס „כוח פון גלויבן״. אָבער לרוב האָבן זכרונות, וואָס אויף זיי איז געוואָרן אַן אמתע אינפלאַציע, איבער זיך נידעריקע, בלייכע הימלען. פאַר דער קינסטלעריש־פאַרטראַכטער דערציילונג איז געבליבן דער ענגער שטעג פון אומגעשטילטן ווייַ פון חורבן, וואָס איז אייגנטלעך אַ צוריקבליק פונעם מחבר צו דער

תקופה פונעם פײַנלעכן פאַר נאַכט. די פּערספּעקטיוו פאַר אידעע איז לגמרי אײַנגעפּינצטערט. פאַראַן חלל נאָר פאַרן קרעכץ.

און נאָך אַ סימן פון קריזיס פאַר דער ייִדישער נאָוועלע איז אויך דאָס, וואָס פאַרנעמיקע ווערק אין ייִדיש פאַר די לעצטע יאָרן, דעקן טעמאַטיש אַזוי צו זאָגן נישט קיין פּרינציפּאַלע שטחים פון נאָענטן עבר, ווען ייִדיש לעבן איז נאָך אינטענסיוו געפלאָסן אין זײַן דורותדיקן בעקן. דאָס איז אַ פילזאָגנדיקער בײַשפּיל. מיר מײנען דאָ למשל חיים גראַדעס נאַראַטיווע עפּאָפּייע פון ישיבה־לעבן „צמח אַטלאַס", יצחק באַשעוויסעס „דער קנעכט", אויך יעקב זיפּערס עפּישן ציקל „צווישן טײַכן און וואַסערן" און ניסן ברוסילאָווס „שטילע ערד". דאָס גלײַכן די מערסטע קינסטלערישע דערציילונגען געהערן צום סוג פון יענע מאָטיוון וואָס האָבן אַ ווינציקע שײַכות צו דער אַקטועלער תקופה. אָבער די חורבן־מאָטיוון וואָס פאַרכאַפּן ברייטע פּליינען פון דער נײַסטער ייִדישער דערציילערישער ליטעראַטור באַלאַנגען מערסטנס צום כראָניק־זשאַנער, אפילו די וואָס גרייכן צו אַ קינסטלערישן ניוואָ. עס איז גיכער ליטעראַריש־באַוואָרטע דאָקומענטאַציע פון העכערער מדרגה. די סוביעקטיווע שילדערונג גייט אין די דאָזיקע דערציילונגען אין דער פאַר מיט די סאַמע רויע, דראַסטישע געשעענישן־איבערלעבונגען וואָס לאָזן זיך נאָך נישט געהעריק אַרומטעסן — מחמת זייער גלײַכער, נאָך לעבעדיקער אַקטועלקייט. אויף דעם ערשטן אָרט רוקן זיך דאָ אַרויס די ווערק פון מרדכי שטריגלער, פון קאַצעטניק, פון ישעיהו שפּיגל, יהודה עלבערג און ענלעכע גאָר ווינציקע.

אוודאי, קריזיס אין דער ליטעראַטור מײנט בכלל דוחק אין דראַמאַטישן שטאָף. אָקערשט איז דאָס ייִדיש־דראַמאַטישע אַזאַ וואָס לאָזט זיך לעת־עתה באַלײַכטן דערעיקרשט סאָציאָלאָגיש און פּובליציסטיש. צוריקגעשמועסט איז ייִדיש לעבן קיין מאָל נישט געווען אַזוינס וואָס האָט געליווערט דעם שרײַבער פאַסצינירנדיקן שטאָף. מחמת ייִדישער קיום האָט זיך געשטאַלטיקט אין שמאָלע געסלעך, צו מאָל אויף בוידעמס און אַנדערע משקולתן. דער סאָציאַלער געראַנגל, דער צונויפשטויס פון דורות, בכלל ברענענדיקע עוולות וואָס האָבן אויפגעטויכט אין דחקות זענען ממילא דראַמע, אָלאַ זי האָט ייִדיש ליטעראַריש שוין אויסגעלעבט אירע דימענסיעס; איר פייער האָט אויסגעטליעט אין ברייקע פונקען און אין אַש. די ווערק פון די קלאַסיקערס און זייערע נאָכגייערס דערציילן דערפון צום בולטסטן. ווידער דאָס דראַמאַטישע פונעם נאָך־חורבן־פּעריאָד איז פון אַזאַ גאַטונג וואָס לאָזט זיך ערשט נישט ציזעלירן דערציילעריש. אין

געגעבענעם פאַל וויל עס זאָגן, אַז וואָס שייך טיפּיש־ייִדישער דראַמע איז לאַוו דווקא נישטאָ וואָס זיך צו באַקלאָגן. אָנרעגנדיקער שטאָף ליגט פאַרן ייִדישן מחבר אין הורט. ס׳איז אי אָנגרייפנדיקע אַסימילאַציע אין אירע נייע גראַבע פאָרמען, אי מאַסנהאַפטיקע געמישטע חתונות, אי אַפילו דאָס פעלן פון באַבע־זיידע פאַרן נייעם דור ייִדישע קינדער אין די יונגע וווינלענדער פון די ייִדן; און אַוודאי איז נאָך הייס דאָס פּראָבלעם פון פּאַרלוירענע טאַטע־מאַמע אין בלוטיקן געוויטער. אויך איז צאַפּלדיק די דערשיינונג פון די קליינע ייִדישע קינדער וואָס האָבן אין בהלה־צייט זיך געהאָדעוועט אין קלויסטערס און ביי באַקאַנטע פּויערן. נאָך היינט זענען מיר עדות דערפון אַז אין די דאָזיקע אָפּגעראַטעוועטע, אָפּגעפרעמדטע ייִדן דערוואַכט ערשט אַ נאַגנדיקע ייִדישקייט־דערקענטעניש: ווער איז מיין מאַמע? ווי הייס איך אין דער אמתן? ס׳איז טראַגיש די שטים פון דערוואַכונג אין אָנבליק פון אייגענער צייטיקונג אין אַ שטאָק פרעמדער, צו מאָל פיינטלעכער אַרומרינגלונג. די אַ שטים רייסט זיך דורך פון מאָל צו מאָל אין ייִדישע צייטונגען: צענדלינגער יאָרן נאָכן טאָטאַלן אויסראָט פון ייִדישע קהילות אין מזרח־אייראָפּע, דער עיקר אין פּוילן. ערשט טויכט אויף אויף די גוואַלטיקע אַנטוישונג פון נשמהדיק צעבלוטיקטן ייִדישן אידעאַליסט, וואָס זיין אמונה איז געווען די אויסגעחלומטע סאָציאַלע רעוואָלוציע, וואָס צו איר האָט געפירט פיינלעכער וואָגל, יאָרן־לאַנגע תּפיסה־אורטיילן און האָפענונג אויפן פאָטערלאַנד פון דער רעוואָלוציע בנוסח אָן אַלמענטשלעכן אחרית הימים! די אַ טעמאַטיק זוכט פיבערדיק איר מחבר. אויך דאָס איז ייִדישע דראַמע.

יאָ, עס וואַרטן אויף קינסטלערישן תּיקון גאַנצע קאָמפּלעקסן פון פּראָבלעמען און דערשיינונגען, וואָס האָבן זיך אויסגעקאָכט אין קעסל פון ייִדישן לעבן פון אייראָפּע. עס איז אַ לאַנג קאָנסערווירטע יוירונג פון גרויסע פאָלקס־כּוחות, וועלכע זוכן „אַנטבינדונג״ אין אַ פאַרנעמיקער עפּיק פון אַ געזעלשאַפטלעכן ייִדישן ראָמאַן. דעם אָנהייב דערפון האָבן מיר שוין אין בנימין שלעווינס צוויי גוטע ראָמאַנען: „חברים פון מוראַנאָווער ראַיאָן״ (תל אביב 1961) און „ליפּע קאָמאַשנמאַכער״ (פּאַריז, 1969). ביידע ווערק זענען געבויט אויף אַן עמיגראַנטישער פּערספּעקטיוו. געוואָרן סכּנות ענג דער ייִדישער גייסטיקער אָרעמקייט (דעם חומרדיקן דלות האָט מען מסירת־נפשדיק פאַרברענט אויפן שייטער פון הויך געשאַצטע אידעאַלן) אין די שמאָלע געסלעך פון בריסק, פון וואַרשע און די קרעסן־ייִשובים, האָט זי זיך סטיכיש אויסגעגאָסן איבער דעם טומלדיקן ייִדן־

געטאָ פון פּאַריזער פּלעצל און דעם בעלוויל. אַליין אַ בעל־נסיון האָט ב. שלעווין אַמביציעז זיך פאַרמאָסטן אויף אָט דעם קאָכיקן שטאָף, וואָס צייכנט די אומגעהייערע אַנטוישונג פון דער יידישער יוגנט אין דעם לאַנג געהאָפטן אידעאַל פון דער רעוואָלוציע. געוואָרפן די היים און די היימישע און זיך אַליין אַריינגעקנאָטן אין נייסטן משיחיזם. מיט זיינע געמעלן איז שלעווין דערוויַיל איינציק אויף דער דאָזיקער פּאָזיציע אין אונדזער ליטעראַטור, נו, אין דער שוין אויסגעשטאַנענער טעמע. אָבער די יידן־דראַמע פון דער אַנגעדראָלענער, הייסער איצטיקייט לאָזט זיך, ווייזט אויס, קינסטלעריש דערוויַיל נישט אויסקלאָרן. נאָך נישט.

עס איז אמת — אין סתם־יידישן דראַמאַטישן שטאָף זענען מיר קיין מאָל נישט געווען צו רייך, פּאַרטיפּטע פּראָבלעמאַטיק — דאָס יאָ, פּסיכאָלאָגישע אַריינדרינגונג אַוודאי און אַוודאי, אַפילו אין דער באַלייכטונג פון דער טריוויאַלער טאָג־טעגלעכקייט. אָבער פונעם אָקערשטיקן דראַמאַטישן גלי נעמען מיר נאָר די נאַקעטע פאַקטאָלאָגיע אונטערן ניכטערנעם ליכט פונעם געדאַנק. איינגעשרומפּן די לעבנס־טראָגנדיקע טעמע, האָט אויסגעלאָשן אויך די אינספּיראַציע פאַר דער קינסטלערישער דערציילונג. די יידישע בעלעטריסטיק איז דערפאַר אויף די אומוועגן פון דער שארית הפליטה, וועלכע איז אַליין נאָך אין דער סטאַדיע פון בלאָנדזשעניש — צו זיך. צעשפּרייט איבער צענדליגער יידישע יישובים, צעבריקלט אין די כוחות, איז נישט לייכט צו דערגיין דעם יידישן מענטש. צו דער אַליין־דערקענטעניש. דעם יידישן שרייבער איז בכן באַשערט צו זוכן מער סטאַבילע פאָרמען פון יידישן לעבן און אַזעלכע זענען אין ערגעץ נישט בנמצא. ווייל ס'איז שווער דער וועג צו אַ קלאָר דעפינירטער לעבנס־פילאָסאָפיע פונעם ייד צווישן די פעלקער. נישט קיין וווּנדער דעריבער וואָס עס איז נישטאָ קיין פול בילד פון דעם יידנטום אין אַן אויסטראַליע צי אַרגענטינע למשל. מירריידן פון אַ בעלעטריסטיש אויסגעקלאָרט בילד פון געגעבענעם ציבור. אַפילו פונעם גרויסן צפון־אַמעריקאַנער יידנטום איז נאָך נישטאָ אַזאַ פאַרגאַנצט בילד, סיידן מ'זאָל וועלן אַזוינס זען אין איינציקע ווערק פון דער דאָזיקער ספערע. פאַראַן אַזעלכע ווערק (אָפּאַטאָשו, ראַבאָי א״א), אָבער נישט קיין עפּיש גרויס געמעל פון אַמעריקאַנער יידנטום. אפשר איז עס דערפאַר, ווייל צו יונג איז נאָך די יידישע קאָלאָניזאַציע אין דער נייער וועלט?

ס'איז טאַקע אַ קריזיס, לכאורה נאָר אַ טעמאַטישער קריזיס אין דער יידישער דערצייל־קונסט. עס זענען אויסגעטריקנט געוואָרן די

טעמאַטיק ברונעמס, אָבער נישט די זאַפטן פאַר דער ייִדישער נאָוועליסטיק. צו מאָל איז טאַקע אַ יוסף אָפּאַטאָשו אַן עדות דערויף. אַ פּוילישער ייִד, אָבער ווי ער וואָרצלט אין דער אַמעריקאַנער ייִדישער ספערע! ייִדיש לעבן האָט געדייעט אין דער פאַרגאַנגענהייט און עס גייט אָן אויך אין אונדזערע טעג. עס האָט נאָר נייע פאָרמען, וואָס באַווייזן זיך דאָ און דאָרט אין באַזונדערע פראַגמענטן. ריכטיק, צו גאַנצקייט איז ייִדיש לעבן נאָך נישט דערגאַנגען אין די נייע יישובים. דער אַ דוחק אין אייגענער פאַרב און ליכט איז די סיבה פון אַ באַרעכטיקטן אומרו. איבער דעם דאָזיקן אומרייפן צושטאַנד נייגט זיך דער דערציילער און קלאָרט עס ערשט אויס, פורעמט עס פאַרן געדעכעניש פון דורות — אין צייכן פון קריזיס פון אונדזערע טעג.

אַוודאי, אָן דעם גלויבן אַז זיין מי איז אַ נויטווענדיקייט פאַרן ייִדישן היינט ווי פאַרן מאָרגן, וואָלט קיין איין ייִדיש בוך נישט אָנגעשריבן געוואָרן אין אונדזער צייט פון פולקומער דעקאַדענץ.

ב

אַלע מאָל, ווען מיר דרינגען אַריין אין מהות פון אַ ייִדישן בוך, כמעט אין יעדן ייִדישן בוך, האָבן מיר דאָס אייגנגעפיל אַז מיר האָבן ערגעץ־ווו אָנגערירט אַ וואָרצל פון ייִדישן קיום אין קולטור־געשיכטלעכן בראשית. דאָ און דאָרט הייבט עס זיך אָן קלאָמפּערשט ווי אַ מעשה, די געשיכטע פון אַ יחידיש לעבן אין אַ פּרימיטיוון אַרום, אָבער אַרום דער דערציילונג וואַקסט אויס, צעוואַקסט זיך אַטמאָספערע פאַר דעם ברייטן קאָמפּלעקס וואָס מיר רופן אָן — לעבן, אַרומנעמענדיק לעבן. ווייל ייִדישע שרייבערס, ווי ווייט זיי זאָלן נישט זיין אינספּירירט פון אידעען אָדער אינדיווידועלע טרוימען, זוכן זיי מיט זייער שאַפן באַוווסטזיניק צי אומ־דירעקט דעם תּכלית פון פאַרצייכענען אין בילד און אין געמיט־שילדערונג די לעבנס־געשיכטע פון זייער דור. פאַרשטענדלעך, די דאָזיקע מחברשאַפט איז פאַרטונקען אַזוי צי אַנדערש אינעם טעמפּעראַמענט און אינעם איינ־טעלעקט פונעם באַטרעפנדיקן שרייבער־באַשרייבער. באַווייזט ער זיך אויפצוהייבן איבער דער האַמעטנער אַלטעגלעכקייט, טראָגן זיך פון זיין שאַפן ריחות פון די גרונטן, פון וועלכע ער גופא איז אויפגעקומען. דאָס זאָגט עדות אויף דער עכטקייט פונעם געפיל, וואָס ליגט אינעם יסוד פון דעם ווערק, אויב עס פאַרמאָגט קינסטלערישע עלעמענטן. אַזוי פילט זיך אויך די בראשיתדיקייט פון דער ספערע, וועלכע האָט באַדינגט די גרונט

ווערק פון דער מאָדערנער ייִדישער ליטעראַטור. ס׳איז די אידעע פון תּכלית וואָס דאָס ייִדישע בוך דאַרף איינפלאַנצן אינעם לייענער. און תּכלית מיינט דאָ די מאָס פון געטריישאַפט צום נוסח פון ייִדישן לעבן, וואָס דאַרף זיך באַזירן אויפן פּרינציפּ פון בזיעת אפּיך תּאכל לחם, דעם גראַד יושר וואָס מ׳דאַרף אָנווענדן אין דער באַציִונג צום מיטמענטש און צו האַלטן הייליק די כּללים פון מאָראַל. און אַ טרויעריקע לערנונג האָט דער ייִדישער שרייבער — ספּעציעל דער ייִדישער שרייבער! — געהאַט פּאַר זיך קודם כּל אין דעם דחקות און אין די נגישות וואָס עס האָט געטראָפן דעם ייִד מצד דעם פרעמדן, דעם שכן, מיט וועלכן עס איז אים אויסגעקומען צו לעבן און געפינען זיין ביסן ברויט.

דערפאַר איז אומהיימלעך דאָס ייִדישע בילד וואָס איז איינגעקריצט אין די בלעטער פון דער ייִדישער ליטעראַטור. תּחום המושב, נויט, פּאָגראָמען, קידוש השם און געטאָ, יאָ, פּאַרציייטיקע ייִדן־געטאָס און לסוף, די היטלעריסטישע שטעכלדראָט אַרום די מאָסנדיקע געטאָס און די סאָ־וועטישע קאַטאָרגע־לאַגערן.

טאָקע די וואָרצלען פון דעם ווילדן בייז האָט דער ייִדישער שרייבער דערזען, דערפילט אין דער ספערע פון קאָמפּאַקטער ייִדישער איינגעזעסנ־קייט אין מזרח־אייראָפּע, בעיקר אין יענע לענדערייען וואָס ווערן געוואַשן פון די ווייסל־שטראָמען, פון דער בזורע, דעם ניעמאַן, דער ווילִיע, דעם זברוטש און דעם דניעפּער. איבעריק אונטערצושטרייכן אַז די אָ ספערע אַרום ייִד האָט געשאַפן דער סלאַוו, דער פּאָליאַק, דער ליטווינער, דער רוס, דער אוקראַיִנער און דאָס דאָזיקע באַגלייט אונדז זינט לאַנגע דורות, אָנגעזעטיקטע מיט גרויליקן נסיון. דער נסיון וואָס די גערמאַנער האָבן אויף אונדז אָנגעבראַכט, איז פאַרדימדיק אין זיין אָקערשטיקן צאַפּל, הגם זיינע וואָרצלען גרייכן פון לאַנג צו אונדזער געשיכטלעכן געדעכעניש. דער נייער גערמאַנישער מאָסיוועער פּאָגראָם האָט דערפאַר ביי אונדז (דערווייל) נאָר אַ פּובליציסטישן, אַ כראָניקאַלישן דברי הימים, בעת אונדזער דויערעוודיקע שכנותשאַפט מיט די סלאַוון איז שוין אַ ביטער אויסגעי־שטאַנענע אַזוי ווייט, אַז זי האָט שוין באַוויזן רעכט זיך אַנצוקליידן אין אַ רייפער בעלעטריסטישער געשטאַלטיקונג, און טאָקע אין מאַמע־לשון. אין ווערק פון שלום עליכם, שלום אַש, פון זלמן שניאור, פון לאַמעד שאַפּירא און אַנדערע זעען מיר די צעשוימטע גיפטיקע יוכע פונעם גוי מיט דער בלוטיקער האַק, וואָס וואַרפט זיך אויפן ייִדישן שכן און זיין

פיצל קינד. אפילו אין דער געצאַמטער ראַם פון דער יידישער פּאָעזיע טריפט דער אָרגאַניזירטער און סטיכישער גוייִשער האַס.

עס איז טרויעריק — ס'איז פאַרשוווּנדן די יוירונג פון דעם מאַסנ־האַפטיקן יידישן לעבן, אָבער עס איז נישט אויסגערינען דער בייזער שטורעם פון דער ווילבאַווסטער שוואַרצער מאה אין אַלע אירע פאָרמען. צעבושעוועט זיך היינט דער נעאָ־נאַציזם פון דייטשישן אָפּשטאַם אָדער דער נעאָ־אַנטיסעמיטיזם מעיד אין סאָוועטאוניאָן, בושעוועט ער אין אַ לײדיקייט, ווייל יידן־קרבנות טרעפט ער אָן ווינציקע, אָלאָ ער זוכט, דער נעאָ־אַנטיסעמיטיזם, אַנדערע פאַרכאַפּערישע צילן. אַצינד איז דער יידן־פּאָגראָם — שוין הוילער פּאָליטישער שונד. און אויך דאָס באַדינגט דעם קריזיס פון דער יידישער נאָוועלע.

ג

נישטאָ ערשט פאַר דער נאָוועלע קיין פּערספּעקטיוו. זי ליידט פון ציל־באַוווסטזיין. אויף וואָס זאָל זי בויען, די יידישע נאָוועלע, בעת עס איז נישטאָ דאָ און דאָרטן קיין איינגעשטעלטער יידישער לעבנס־שטייגער? כאָטש שוין אין צווייטן און דריטן דור איז אַריין די יידישע אימיגראַציע אין די אַמעריקעס, אין אויסטראַליע און אין דרום־אַפריקע, געפינט זיך דאָס געגעבענע יידנטום אויפן בראָכשטול פון ווערן. עס איז אַ פיינלעכער פּראָצעס פון אומדעפינירטקייט. דער נעכטיקער אימיגראַנט האָט זיך לאַנג געראַנגלט פאַר זיין פיזישער עקסיסטענץ, געווען אויסגעשטעלט אויף אומגעהערטע שוועריקייטן און איז ער בייגעקומען די צרות פון אויסגרינען זיך, איז ער געשטעלט געוואָרן פאַרן פּרווו צו מוזן גובר־זיין דעם אייגענעם נעכטן לטובת — דעם היינט. אַ לאַבירינט פון פּסיכישן פרשת־דרכים האָט דער מענטש געמוזט דורכמאַכן ביז ער האָט ענדלעך זיך געפונען. האָט ער זיך טאַקע געפונען? ס'בלייבט אַ קשיא, ווייל ערשט דעמאָלט איז ער געבליבן שטיין פאַר אַ הויכער מויער, וועלכע ער האָט כמעט אַליין אויפגעשטעלט קעגן זיך גופא: דער ייִד האָט אין דער נייער ווירקלעכקייט פאַרלוירן דעם וועג צו זיין אייגענעם קינד. דער זון איז שוין אַ געבילדעטער, צו מאָל אַ דיפּלאָמירטער, ער האָט שוין די לאַנד־שפּראַך אין מויל, אָבער פון טאַטע־מאַמען כמעט זיך אָפּגעקערט, ס'הייסט פרעמד; און צו זיך איז דער נייער דור נאָך נישט דערגאַנגען. יאָ, פון אייגענעם שוין שוואַכן וואָרצל איז ער אין גאַנצן אָפּגעריסן, כאָטש נישט פאָרמעל. דער דאָזיקער קאָמפּלעקס האָט כּלערליי נעמען, אָבער דער באַ־

קאַנטסטער נאָמען פון דעם מין איז — בלאַנדזשעניש, אָפּגעפּרעמדטקייט. אַוודאי, דער שטעג צו טאָטאַלער פאַרלייקענונג פון טאַטע־מאַמעס אָפּשטאַם איז שוין גאָר נישט ווייט. איז עס טראַגעדיע פון ייִד אין די נייע לענדער. מעגלעך, ער לעבט איבער אַזאַ שטילע טראַגעדיע, דער ייִד אין דער פרעמד, אָבער דער בעל־דבר, דער געליטענער גופא באַנעמט עס נישט געגוג טיף. אַנדערע נעמען עס גאָר גרינג: „גיין באַקלערן אַ וועלט? ווער האָט אַזוי פיל כּוח דערצו! ס׳נייע צייטן, נייע פּירונגען; געבוירן אין אַ ייִדישער היים, וועט אַזאַ קינד נישט צו ווייט אַוועק...״ ס׳איז אַ טרייסט פאַר אייגענער באַרויִקונג, אָבער אָן דער נייטיקער געגעזונג.

מיט דעם דערקלערט זיך די אַנעמישע ייִדישקייט פון דעם רוב ייִדישע יישובים. די טאַטעס זענען אַלט, מיד, זיי זענען צעטומלט; און אַז זיי כאַפּן זיך שוין באשר זיי האָבן געגרייזט מיט דער פירונג ווי זיי האָבן געפירט מיט די לייבלעכע קינדער, איז שוין צו שפּעט! ווי, ווי, דער פונדאַמענט רייסט זיך איין. לרוב געשעט אַזוי, ווייל אומעטום זעען מיר קליינע ייִדישע אינדזלען, וואָס לפי דעם כאַראַקטער פון זייער געבוי, זענען זיי שוואַך און די שפּאַלטן וואָס פאַלן אַריין אין זייערע מויערן, דערקענט מע נישט בייצייטנס ביז — ביז די ווענט קראַכן. דאָס דאָזיקע געשעען איז דערווייל נאָך רויער, ברוטאַלער פאַקט, וואָס קען דינען נאָר דער כראָניק פון ייִדישער ירידה, העכסטנס אויך ווי אַן אַרגומענט פאַר דער וועקנדיקער פּובליציסטיק אָדער ווי אַ ציפערישע אויפקלערונג פאַר אַ סאָציאָלאָגישער שטודיע. בעצם רוקט זיך אַרויס אין דעם אַ דריקנדיקן בין־השמשות דער שאַרפער ווידעראַנאַנד צווישן די דורות מחמת דער... שפּע וואָס די נעכטיקע עמיגראַנטן האָבן אָנגעזאַמלט. קלאָר, די פּולע שייערס זענען גרייט פאַר זייערע קינדער. דער יונגער דור גייט אָבער אַוועק אין פרעמדע גערטנער אָדער ער בלאָנקעט זיך סתּם אַרום נישט דאָ און נישט דאָרט. פאַר דער בעלעטריסטיק איז אַזאַ אַרגומענט לעת־עתה נאָר אַ שפּינגעוועב, ווייל אַ קנאַפּער אָנשפּאַר פאַרן בילד וואָס דאַרף קרעפטיקן ייִדיש לעבן פּנים־אל־פּנים מיט דער דראָענדיקער שקיעה. סיידן עמעץ האָט גערן די שיין פון אַ פאַרשווינדנדיק גליווערעמל אויף צו באַלייכטן דעם שוידער פון אַ קאַטאַסטראָפע.

סיי ווי, ייִדיש לעבן שטייט פאַר תּהומען און ליידיקייטן און אַזוינס קען נישט אינספּירירן צו קינסטלערישע ווערק, אַכיבע צו אַ שאַרפער סאַטירע. אָבער צו אַזוינס מוז געבוירן ווערן אַ נייער מענדעלע. מוז בכן אונדזער שרייבער זיך אומקערן צום ייִדישן נעכטן און דעם אייערנעכטן.

דאָס ליכט און שאָטן פונעם עבר האָבן תמיד געלויכטן און לאָקן אויך איצט דעם שרייבער. היינט צו טאָג שפירט ער, מחמת דעם פּחדימדיקן נעכטן, די גרויסע נויט אין אַ קוואַליק יידישן פאָלקסלעבן, ווייל נאָר אַזוינס קען זיין די אינספּיראַציע פאַר זיין שאַפערישקייט. אָבער — דאָס קען זיך אָנשפּאַרן דער עיקר אין דעם יידישן שטעטל, וואָרן יידישקייט קען געדייען, אין אַלע אירע אויסדריקן געדייען, אין דער ראַם פון שטעטל; נו, אַפילו אויך אין דער גרויסשטאָט, וואָס איז בנוגע יידיש לעבן אַ קאָנ־גלאָמעראַט פון מערערע יידישע שטעטלעך. רעכט, דער וויכטיקסטער מעדיום פאַרן יידישן שרייבער איז געווען — דאָס שטעטל, ס׳יידישע שטעטל וואָס איז מער נישט בנמצא. דאָס שטעטל איז געווען די גאַנצע וועלט אין איר מיניאַטור. יעהופּעץ, טוניעיאַדעווקע, שעברעשין, קוטנע, זשעלעכאָוו, ראַקיטנע זענען געווען די ברילן, פון וועלכע די יידישע ליטעראַטור האָט געזען דעם גאַנצן אוניווערס און לויט אים געפורעמט די גרויסע פּרשה יידישקייט. נו, און די שווערע סדרה מענטשלעכקייט, דאָס אוניווערסאַלע הומאַנע דענקען. טאַקע אויך דאָס אוניווערסאַלע, אָבער ביז אַ געוויסן גראַד. וואָרן דעם יידישן גבול מוז מען איינהיטן. ווייל געקומען אַ טאָג, ווען ,שטאַרק אויפגעקלערטע׳ יידישע מוחות האָבן גענומען דרייען מיט דער נאָז: גענוג מיטן שטעטל! אַרויס פון פאַרענגטן געטאָ. מ׳האָט אַפילו פירגעוואָרפן דער יידישער ליטעראַטור באַשר זי איז אַ שטעטלדיקע, צו וועלכער די גרויסע וועלט וועט קיין מאָל זיך נישט צוהערן. גוואַלד, וואָס פאַר אַ צרה מיר האָבן פאַר זיך אויסגעהאַדעוועט! אַ מערכה, וואָס עס האָבן זיך אויך אויפגעהויבן דרייסטע קולות וואָס האָבן מיט שטאָלץ אויפגעוויזן אַז טאַקע דעם יידישן שטעטל האָבן מיר צו פאַרדאַנקען קאַפּיטאַלע ווערק, אומגעהייערע אינעווייניקדיקע שיינקייטן אַזוי, אַז מ׳מעג זיך גרויסן מיטן שטעטל. טאַקע דערפאַר, וואָס דער דאָזיקער אָאַזיס האָט אונדז נאָך אַ קאָפּ אָפּגעזונדערט פון דער גויִישער וועלט. און אין אמתן: איז פאַר אונדז טאַקע אַ חסרון די שטעטלדיקע ציוויליזאַציע? האָט די גרויסשטאָט באַוויזן אויסצואיידלען דעם מענטש, גליקלעכער געמאַכט דאָס לעבן? דעם לעבן פאַרזיכערט כאָטש אַ ביסל חשיבות? אַ פאַקט, די צייט האָט געענטפערט נעגאַטיוו אויף דער טענה קעגן שטעטל. אַדרבא, די מענטשן פון גרויסשטאָט האָבן גענומען זיך דערוויטערן פון דער צעליאַרעמטער שטאָט, זיי זענען גערן געניגט צו שאַפן זיך אייגענע נייע שטעטלדיקע אָאַזיסן, ענלעכע צו די שטעטלעך, פון וועלכע זיי זענען אַוועק.

דאָס שטעטל, ווייזט זיך אַרויס, איז אַ קאַפּיטאַלע אינוועסטיציע פונעם מענטשנס געפיל־לעבן, פון וועלכן עס איז באַשיימפּערלעך נישט מעגלעך זיך צו דערווייטערן. אין דעם איז דער ייִד נישט קיין אויסנעם. אינטעלעקטועל און געפילמאָסיק שטייט דאָס שטעטל און איז געשטאַנען אין צענטער פון ייִדישן לעבן. ממילא קען די ליטעראַטור נישט וויכן דערפון, אויך נישט פון דעם שטעטל, וואָס לעבט היינט, דערווייל, אינעם דמיון פונעם ייִדנס געדעכעניש.

ד

האָט ייִדיש לעבן געקוואָלן צי עס האָט וועגעטירט, אַלץ איינס האָט די מאַסנהאַפטיקייט און דער אימפּעט פון דער אַנוואַקסנדיקער פּראָבלעמאַטיק באַאומרויִקט דעם ייִדישן שרייבער. צו מאָל האָט דער בעלע־טריסט געשילדערט קאַפּיקע געשעענישן וואָס זענען אָקערשט אַרויס פון „אונטער דער נאָדל”. עס לאָזן זיך דערמאָנען אַ צאָל אַזעלכע ווערק: „שמוגלאַרס”, „פאַרפּלאָנטערטע וועגן”, „אויף די חובות פון פּלוינע”, „מענטשן פון גאָדלבאַזשיץ”. אַלץ פון דער שטעטלשער אַרענע, וועלכע איז געשטאַנען אין צענטער פון גרויסע געשעענישן און טיפע אומוואַנד־לונגען אין ייִדישן מאַסן־לעבן. טאַקע ווייל עס איז גראָד געווען געמאָלט אַקטועלע, ברייט פאַרנעמיקע בעלעטריסטיק, איז זי פון דעסטוועגן אויפ־גענומען געוואָרן גאָר גינציק. און די שרייבערס זענען באַגעגנט געוואָרן מיט אָנערקענונג. עוזר וואַרשאַווסקי, שמעון האָראָנטשיק, מיכאל בורשטין. זיי האָבן געגעבן געמעלן פון אינעווייניקדיקן ייִדישן קידער־ווידער, אָבער אויך דרויסנדיקע דראַסטישע גרימאַסן פון מלחמה־נויט, דעמאָראַליזאַציע און ווירטשאַפטלעכע עקסטערמינאַציע, וואָס האָבן ווי בליצן אָנגעזאָגט נייע שטורעמס, וועלכע האָבן בשעתו געשפּאָרט פון ייִדישע שטעטלעך אין חורבן, פּאָגראָמישן פּוילן.

יאָ, דאָס שטעטל איז געווען דער הויפּטהעלד פון דער ייִדישער דערציילונג. די מאַרקאַנטסטע געשטאַלטן און געדענקלעכע געשעענישן וואָס זענען אַריין אין דער ייִדישער ליטעראַטור ווי סימבאָלן פאַר דער געגעבענער תּקופה באַזירן זיך אויפן ייִדישן שטעטל. און דאָס שטעטל איז געווען די פּערזאָניפיצירונג פון דער גאַנצענער גרויסער וועלט. אין שטעטל האָבן באַקומען בלוט און פליש די רעוואָלוציאָנערע באַוועגונגען ביי ייִדן, סיי דער ציוניזם, סיי דער סאָציאַליזם פונעם בונד, אויך די שטרייקן ווי אַ נייע דערשיינונג אין דער ייִדישער אַלטעגלעכקייט האָבן

באַקומען אַ תּיקון אין דער שטעטלדיקער שילדערונג (י. מ. ווייסנבערגס „אַ שטעטל״). אויך דאָס פאַרצערנדיקע אומגליק פון דחקות, פון אַלע ברענענדיקע נויטן, אין טאָטאַל — אַלע יידישע נויטן, האָבן באַקומען אַ קינסטלערישע אָפּשפּיגלונג אין דער מאָדערנער יידישער ליטעראַטור זינט מענדעלע מוכר ספרים ביז חיים גראַדע און ישעיהו שפּיגל. דער קווערשניט איז דאָ אין תּוך נוגע דעם יידישן שטעטל וואָס איז אין זיין ווּקס געווען אַ האַרעפּאַשנע אידיליע און האָט זיך פאַרוואַנדלט אין אַ יישוב וואָס איז אונטערגעצונדן געוואָרן פון רוצחישע לאַפּעס. אמת, אין צווישנצייט האָט דאָס שטעטל דורכגעמאַכט אַ צאָל טראַנספאָרמאַציעס: ס׳איז דורכגעפרעסן געוואָרן פונעם זשאַווער וואָס די נייע צייטן האָבן אַנגעבראַכט דערויף פון אַלע עקן וועלט; ס׳האָט געיוירן אויף דער הייוון פון די נייע „פילאָסאָפיעס״ און שגעונות, וועלכע האָבן פאַרכאַפּט דעם כמו־דערוועקטן מענטש. אויך דער ייד פון שטעטל האָט נישט געקענט בלייבן הינטערשטעליק אַנטקעגן אָט די צוגווינטן, וואָס אינטעלעקטועלע קעפּ האָבן זיי געגעבן אַ קלאָמפּערשט וויסנשאַפטלעכע באַרעכטיקונג. הקיצור — דאָס שטעטל האָט געשרומפּן אויף אונדזערע אויגן; ס׳שטעטל אויך ווי אַ קולטור־אויסדרוק. אָבער דאָס זעלביקע שטעטל ווי אַ יידן־צענטער איז פאַרשניטן געוואָרן. די דייטשישע האַק האָט די פרידלעכע יידישע עדהס לגמרי אָפּגעמעקט פון דער אייבערפלאַך. דער סך־הכּל פון דעם דאָזיקן געווען איז —

דאָס שטעטל ווי אַ מאָסנבילד אַקומולירט עד־היום אַ שטיק צאַפּלדיקע געשיכטע און פּסיכאָלאָגיע פון יידישן פאָלק, אַזוי אויך אין דעם תּוכן פון דער יידישער ליטעראַטור.

ביז ווייטיקלעכקייט איז קלאָר די כאַראַקטעריסטיק פונעם געווע־זענעם שטעטל, וואָס עס ברענגט דער ייד פון כּעלעם, וואָס איז געוואָרן אַן אָנגעזעענער אייִדעלער שרייבער אין גרויסן יידישן ניו־יאָרק. אליעזר בלום איז זיין נאָמען. זיין פען צייכנט דעם סינטעז פונעם אַוועקגעגאַנ־גענעם יידישן לעבן אין די אַלטע היימען, אָבער — דאָס שטעטל איז געבליבן גליווערן ווי אַ סכום נייע יידישע אינדזולעך אין די שטעט פון דער נייער וועלט:

— „געווען צייטן ווען די גאַנצע וועלט איז געווען אַ שטעטל און אין יענער שטעטלדיקער וועלט איז דער באַרבער (פריזירער) געווען ממש אַ כירורג. ער האָט אָפּערירט, ער האָט געשניטן אויף טיש און אויף בענק. נאָר דאָס איז שוין זייער לאַנג. ווי אַן עדות פון דעם אַמאָל האָבן

מיר דאָס געשטרייפטע סלופּיקל ביי דער טיר פון יעדן באַרבער־שאַפּ: דאָס סלופּיקל מיט די שטרייפן, וואָס וויקלען זיך בעת עס דרייט זיך, איז דעם באַרבערס עמבלעם, וואָס ווייזט ווי ער האָט באַנדאַזשירט אַן אָרעם ביים לאָזן בלוט.״

און אויף אַן אַנדער אָרט דערציילט דער זעלביקער שרייבער פונעם געפיל וואָס עס האָבן געהאַט די שטעטלדיקע יידן וואָס האָבן זיך אַרויס־געראַטעוועט ביי׳צייטנס פון דעם פּוילישן צי רוסישן עמק הבכא:

— „געשטאָרבענע (אין אַמעריקע) זענען געקומען פון זייערע אייגענע לוויות, זיך געוואַשן די הענט אין דרויסן און אַרומגעגאַנגגען צווישן די לעבעדיקע פון אַמאָליקן שטעטל — אין שטעטל האָט מען דאָך נישט געוווּסט אַז זיי זענען געשטאָרבן, האָבן זיי געלעבט און דערציילט און דערציילט וועגן דעם לעבן וואָס זיי האָבן אָפּגעלעבט אין אַמעריקע און דאָס שטעטל, וואָס איז שוין געווען טויט אין שטעטל, האָט אויך געוואָלט לעבן אין אַמעריקע — —״

דער געדאַנקען־געוועב האָט געבראַכט די על־פּי־נס ניצול־געוואָרענע דעם חלום פון אַ קאָפּויערדיקן לעבן אין דעם גליקלעכן אַמעריקע. די דערשיינונג פון אַנקעל מאָזעס, ווי אַ קינסטלערישער פּראָטאָקאָל פון האַרבן אמת, זאָגט עדות דערויף. די בענקשאַפט צום שטעטל, פון וועלכן דער ייִד איז ברוטאַל פאַרטריבן געוואָרן, רעדט בולט וועגן דעם אין פאַרשיידענע ווערסיעס. אַ פּנים, דאָס שטעטל איז סוף־כּל־סוף נאָך אַלץ געבליבן די באַליביקע היים פונעם ייִד, וואָס זוכט פרידן פאַר זיין היים פון מאָרגן. איז ער פאַרטריבן געוואָרן פון דער היים, איז אויפגעגאַנגען אין אים די היימבענקשאַפט ווי אַ פלעמל אין דער עלנטער נאַכט. אויפן גאַנצן לאַנגן שטח פון ייִדישן וואָגל צי אַפילו אין זיין נייער איינגעזעסנקייט, גייט דעם ייִד נאָך זיין גאַרונג צום פאַרלוירענעם שטעטל. נישט קיין חידוש דעריבער וואָס אין אונדזער ליטעראַטור איז דאָס שטעטלדיקע בילד דאָס וויכטיקסטע און דאָס נאַטירלעכסטע בילד, וואָס גיט אָפּ מיט אייגנטימלעכע נשמהדיקע וויבראַציעס. אַזוי האָט דאָס שטעטל איינגעבירגערט אין דער ייִדישער ליטעראַטור סיי די פירנדיקע שרייבערס סיי די ייִנגערע. פון מענדעלען אַריבער שלום עליכמען, בערגעלסאָנען, יונה ראָזנפעלדן, משה סטאַווסקין און אַנוכין. נייך, דאָס שטעטל צי עס הייסט ראַקיטנע, צי גאַמבין אָדער קאַסרי־לעווקע, איז נישט קיין פּסיכאָלאָגישער פענאָמען, נאָר אַ געזונטער עלעמענט פונעם דורותדיקן ייִדישן קיום, וואָס איז צו אונדזער אומגליק איבער־געבראָכן געוואָרן אין יסוד. אָפּגעמעקט, פאַרטיליקט, און דערין די אומ־

פאַרהיילטע ווונד וואָס טריפט, פאַרטריפט מיט קראַנקן נעפּל דעם גאַרן ייִדישן זיין. אין פּועל־יוצא — אויך דער קריזיס פון דער ייִדישער נאָוועלע, מחמת אירע אויסגעטריקנטע קוואַלן.

פאַרשטענדלעך, פאַרשיידן זענען געווען די שטראָמען וואָס האָבן באַזאָפּטיקט דעם ייִדישן זיין — די היפּער־גרויסע מענטשן־קאָנצענטראַציעס אין די שטעט, די השפּעה פון דער אויפגעשוואָלענער טעכנאָלאָגיע האָבן דעם ייִדישן מיעוט דאָ און אַנדערשוו פאַרוואַנדלט נאָר אין אַ קליין קערנדל פון מאַכטיקן קאָנגלאָמעראַט וואָס הייסט מענטשהייט. אָבער דער מיעוט ווערט אין דער דאָזיקער מענטשן־מיל ניוועלירט; ס׳ווערט צו נישט די אייגנקייט פון זיין ייִדישן פּנים. דאָס פּרצוף־פּנים פון איעדן פאָלק פאַרשווינדט אין גוואַלטיקן געליאַרעם; עס שטויסט פאָרויס נאָר דער פּאָטענציעלער כּוח פון מאַכט, מאַכט פון שטאַרקן פאָלק איבערן שוואַכן. ייִדן זענען אַ קנאַפּער פיזישער כּוח אינעם פאַרמעסט מיטן אומגעהייערן דרויסן פון דעם פאָלק, צווישן וועלכן זיי לעבן, דערפאַר ווערן זיי צו ביסלעך צעשטויבט פון די שטאַרקע שטראָמען. רופט עס אַסימילאַציע, גיט עס אַן אַנדערן נאָמען — דער ייִד פון אונדזערע טעג האָט נישט די געוועגנדיקע גבורה זיך אַנטקעגן צו שטעלן די אַלער־לייִקע מטושטשע כּוחות וואָס ווילן אים באַהערשן. דערפאַר דער אומעטיקער סך־הכּל, דערפאַר דער קריזיס, אויף וועלכן מיר קלאָגן אַן אומבאַהאָלפענעם געקלאָג. אין קאָנקלוזיע אויך דאָס אָוועקבלאָנדזשען פון דער ייִדישער נאָוועלע פון זיין דרך־המלך. די סיבּות פון דער דאָזיקער אומבאַהאָלפנקייט דאַרפן מיר צושרייבן די אומגעהייערע מעטאַמאָרפאָזעס, וואָס זענען אונדז אויפגעצוווּנגען געוואָרן פון דרויסן. די שטים פון שעפערישן ייִדישן געדאַנק, וואָס רעדט צו אונדז מיט ליטעראַרישע בילדער פון וויטן אויסטראַליע, פון דרום־אַפריקע, פון אַרגענטינע ווי פון שרייבערישן געזעמל אין מדינת ישראל איז דעריבער די שטים פון יענעם עלנט, וואָס איז געבליבן איינגעקלעמט אין פאַרשניטענעם ייִדישן שטעטל פון יצחק לייבוש פּרץ, פון שלום אַש, פון י. מ. וויסנבערג ווי פון יצחק באַשעוויס און א. מ. פוקס, פון יעקב מעצקער און פון יאָסל בירשטיין. יאָ, יאָ, די גרויסשטאָט ווהין עס האָט זיך איינגעזאַמלט די שארית הפּליטה פון די פאַרלענדטע שטעטלעך אַקומולירט אָקערשט דעם שניידנדיקן געקרעכץ פון דער פאַריתומטער ייִדישער עדה. דערפון זינגט אומעטיק דער צעפּייניקטער ברודער אונדזערער חיים גראַדע, ער זינגט מאַמע־לשונדיק:

ביי דער נאַכט, ווען אַ וואָלף נאָר אַ וואָלף קען דערקענען, / דערקענט זיך מיין שפּראַך און די אויגן איר ברענען. / מיין טאַטע זינגט שטיל און זיין קול איז פון סאַמעט — / איך הער מיינע ברידער פון רייסן און זאַמוט. / איך גיי נאָך די טרויעריק שטילע ניגונים / און טרינק פון אַ קאַלטן טיף־נאַכטיקן ברונעם. / לאַטגאַליע — מיין מאַמע מיט נאַכט־אויגן גרינע, וויגט איבער מיין קאָפּ זיך ווי איבער אַ תחינה. / ס׳גייט אויף האַלבע נאַכט, ווי אַ זון אַ צעגליטע / אויף צייטיקע פעלדער — מיין לשון פון ליטע. / ווי סנאָפּעס אין אָסיען פון שטורעם געדראָשן — / צעשפּריצט מיין געקערנטער פּוילישער לשון. / אַן אַזיערע פּליעסקעט אין קלאַנג אין וואָלינער, / און זאַפּטיק איז ער ווי דער יונג־גראָז דער גרינער / אַ שמעק טוט מיט ווייַנקלערס, אויפּס, מאַמעליגע, / מאָלדאַווישע דעמבענע יידן — נישט היגע. / מיט לידער אין שענקען און וואָליאַכס פאַרבענקטע, / און חרובע היימען פון דניעסטער פאַרשווענקטע.

אָט־אָ די גרויסע, די זאַפּט אָנגעגאָסענע יידישע וועלט איז פאַרלענדט געוואָרן. עס איז מוראדיק אומעטיק. ס׳איז פאַרשווּנקט אַל דאָס לעבעדיקע פון יידישן שטעטל און עס איז פאַרשטאָפּט די קוואַליקייט וואָס האָט גענערט די יידישע ליטעראַטור פון זינט איר אויפקום. אַצינד, אין פּנים פון דער אומהיימלעכער ירידה, שטרעקן מיר זיך נאָך צום ווידער־אויפקום פון פאַרגאַנגענעם שטעטל מיט נייע לעבנטראָגנדיקע יידישע קוואַלן. נו, די דאָזיקע האָפענונג קען מע סומך זיין אויך אויף דער געזונטער שטעטל־דיקייט וואָס וואַקסט, קרעפּטיקט זיך אָקערשט אין דער יידישער מדינה.

דער אומגעקומענער פאָלקסזינגער האָט אַנומלט, אין סכּנות פון געטאָ, אויף אַ קול אויסגעוויטיקט די פּיין למאי „אונדזער שטעטל ברענט״; ערשט זינגט אויף יידיש די חלוצישע העלדישקייט פון אַ פאָלק אַ באַנייטס אויף יידישע פעלדער, אין יידישע שטעטלעך.

ס׳איז אָפּגעמעקט געוואָרן דאָס פּרוכטיקע שטעטל פון דעם יידישן געוועזן, היינט קומט אויף דאָס נייע יידישע שטעטל, עס דערוואַכט מיט פרישע כּוחות אין דער אויפגעריכטער היים פון דעם פאָלק דעם גאַנצן אין ישראל. ס׳טראָגט זיך שוין אפילו דאָס נייע געזאַנג דערפון.

אָן ספק, די יידישע ליטעראַטור וועט דערפון ממילא באַלעבט ווערן.

1971

יוסף אָקרוטני

ענדערונגען וואָס שרייען גוואַלד!

הימישע יידישע סאָציאָלאָגן, וואָס כאָטש זיי האָבן נישט אַרויס־באַקומען קיין אוניווערסיטעט־דיפּלאָמען, האָבן שוין זינט יאָרן פעסטגע־שטעלט מיט עלעגיע: ס׳איז אַראָפּ פון דער גוזעלשאַפטלעכער יידישער סצענע דער אָנזעעוודיקסטער, כמעט דורכויס יידישער העלד „עמך שער און אייזן״. דער ייד האָט לגמרי זיך געביטן אין זיין געשטאַלט, סיי אויסער־לעך, סיי אַפילו פּסיכיש. ס׳רעדט זיך פונעם ייד וואָס איז ווייט אַוועק־געשווומען פון זיין שטעטלשער ספערע אין די אַלטע היימען, פון די פאַריאָגטע, פאַרשוויצטע האָרעפּאַשניקעס וואָס האָבן כל ימיהם עוסק געווען ביי נאָדל־פאָדעם, ביי ניימאַשין וואָס געטריבן מיטן פוס, ביי קאָפּיטע, ביי הובל און זעג, און זענען געוואָרן — קאָנפעקציאָנערן, אינדוסטריאַלן און פאַבריקאַנטן. אויפן אָרט פון קליינע וואַרשטאַטן זענען אויפגעקומען גרויסע, רוישיקע אונטערנעמונגען מיט מאַשינען, געטריבן פון מאָטאָרן, פון עלעקטריע. יידן וואָס האָבן זיך אַריבערגעקליבן אין נייע ווינלענדער, האָבן זיך בלי עין־הרע צו ביסלעך אַרויפגעאַרבעט עקאָנאָמיש, ס׳האָט זיך ממילא געענדערט אויך זייער אופן טראַכטן און לעבן. פון בעלי־מלאכות זענען זיי געוואָרן צו ערשט שטיקלעך סוחרים, דערנאָך קאָמערסיאַנטן און אינדוס־טריעלער, אויך עקספּאָרטערן און אימפּאָרטערן. בכלל זענען זיי אַריבער אין אַן אַנדערן, העכערן סאָציאַלן שטאַנד. זיי האָבן לכתחילה גענומען האַנדלען מיטן פּראָדוקט פון זייער אייגענער אַרבעט; זענען אַליין אַרויס אויפן מאַרק, געוואָרן אונטערנעמערס וואָס האָבן זיך געשטעלט פּנים־אל־פּנים מיטן קונה. זיי האָבן פאַרקויפט בעל מלאכהש־אויפגענייטע הויזן, קורטקעס, מאַנטלען, אויך שיך און סאַנדאַלן און העמדער און ס׳איז אַוועק אַ גאַנג.

די נעכטיקע שניידערס, שוסטערס, היטלמאַכערס האָבן דערשפּירט אַן אַנדערן טעם פונעם אויסגעאַרבעטן גראָשן. ס׳זאָגט זיך נאָר אַזוי: גראָשן, ווייל אַזוי איז געווען די מאָס פון פריערדיקן באַגריף פון דער פּרנסה. עולם איז פּאַוואָליע אַרויס פונעם גדר באַשיידנקייט וואָס שייך פּרנסה. אמת, אמת, די וואָג פונעם דערגרייכטן ריווח, אַפילו דער נאָמען פון דעם געלט איז געוואָרן גאָר אַנדערש. פונעם רובל, פון דער זלאָטי און ראַניש איז געוואָרן די פּעזע, די קרוזיירא, דער באָליוואַר, דער גוואַראַני און גרינטלעך אַנדערש אויך די חשיבות פונעם מענטש אינעם ייד אין דעם געענדערטן אָרט.

אויס, הייסט עס, מיטן שניידעריי, מיטן שוסטערבענקל, מיט דער סטאָליעריי, וואָס זענען געווען כמעט אויסשליסלעך ייִדישע מלאכות, בפרט די שניידעריי, אויף וועלכער ייִדן האָבן אין זייער רוב געהאַט אַ חזקה במשך פון אַ ריי דורות. און אַט די ייִדישע פּראָפעסיעס האָבן אַריינגעבראַכט די ערשטע מאָסן פון ציוויליזאַציע אין פּאַרוואָרפענעם גוייִשן דאָרף, ווי זיי האָבן עס שפּעטער געטאָן אין די נייע וווינלענדער, ווו זיי האָבן דעם קרעאָל, דעם אינדיאַנער און גאַוטש אויסגעלערנט אָנטאָן אַ פּאָר לייטיש גענייטע הויזן, אַ העמד און אַ פּאָר שיך. ייִדישע שניידערס (און קלאָפּערס, פּעדלערס) האָבן ממש צוגעוווינט דאָס אָפּגעשטאָגענע פּויערן-פּאָלק צו אַ פּאָר הויזן, אַ טולופּ צי אַ בעקעשע. וואָרן אין דער „פּרעהיסטאָריע" פון דער ייִדישער שניידעריי האָט ס׳פּויערנוואָרג אַליין זיך אויפגענייט אַ פּאָר נאָגעוויצעס, בילע־ווי אַריינגעקראָכן אין אַ שובע וואָס אויפגענייט מיט פּרימיטיוון פּאָדעם, פּונקט ווי די פּויערטע האָט איינע אַליין געשפּינט פלאַקס אויף פּאָדעם און דערפון אויפגעשטעלט אַ גראָב העמד, אַ פּלאַכטע במקום אַ ליילעך, אַזוי אויך אַ קלייד. נאַטירלעך, די שניידערישע מלאכה ביי ייִדן איז אויך אַדורך אַ ריי גלגולים ביז דער בעל־מלאכה איז געוואָרן ספּעציאַ־ליזירט אין פאַך, אין וועלכן ייִדן האָבן אַרויסגעוויזן אַ סך טאַלאַנט.

*

כמעט דריי דורות האָט געדויערט דער פּראָצעס פון דער סאָציאַל־עקאָנאָמישער ענדערונג וואָס האָט אין יסוד פאַרטריבן פון דער ייִדישער לעבנס־אָרענע דעם טיפּ פונעם ייִדישן בעל־מלאכה, וועלכער האָט דורכ־געפירט אַ דאָמינירנדיקע ראָל אין ייִדישן לעבן. נאָך מער: דער ייִדישער בעל־מלאכה האָט אַריינגעדרונגען אויך אין דער אַלגעמיינער סביבה און ער האָט זי באַווירקט ווי ער איז פון איר באַווירקט געוואָרן. און נישט בלויז דאָס. אויך מיט זיין איבערוואַנדערונג פון קליינעם שטעטל אין גרויסשטאָט אַריין איז ער באַווירקט געוואָרן. דערצו האָט דער ייִד נישט נאָר געאָגראַפיש און פּסיכאָלאָגיש — אויך עקאָנאָמיש — דורכגעמאַכט די גרויסע מעטאַ־מאָרפאָזע, וועלכע האָט אים, דעם ייִד פון אַ גאַנץ יאָר, פאַרוואַנדלט אין אַן „אַנדערן מענטש". ענדגילטיק איז נישט געוואָרן דער טיפּ פון אַ שימעלע סאַראַקער, דער „שניידער בן שניידער" וואָס האָט ערלעך געהאָרעוועט אויף זיין ברויט, אָבער ער האָט אויך נישט אַרויסגעלאָזט פון אויג דעם חלום פונעם בוים, וואָס וואַקסט ביי אים אין מיטן שטוב און אויפן בוים וואַקסן רענדלעך. כאַטש נעם און טרייסל אַראָפּ פון אים די גאָלדענע רענד־

לעך, הגם זיין עטי־מעני איז געווען ממש באַזעסן פון דער ביטערער ניכטערקייט אַז אַזעלכע רענדלעך זענען גלייך צו בלאָטע.

געוויס איז עס געווען אַ נס, דער ייִדישלעכער בטחון אין אַ ווייטן גליק וואָס ריכט זיך אַט־אַט אין וועג אַריין כדי אויפצולייכטן אין די געצעלטן פון ייִדישן דלות. אמת, פּסיכיש האָט נאָך לאַנג אָנגעהאַלטן די בריהשאַפט פונעם שניידערוק שימעלע סאַראַקער צו היטן זיין סימבאָלישן שפּילבילעט גאַנצע פינף און צוואַנציק יאָר, ווי עס שטייט ביי שלום־עליכמען. דער ייִד האָט לאַנג נישט אויפגעגעבן זיין חלום פאַר אַן אויפריכטונג, אַפילו ער זאָל וויסן צו „פּגרן פאַר אַ גראָשן און דעם בילעט (וועט ער) אַ מכּה פאַרקויפן".

אויך ווייט פון פאַרפאַלענעם שטעטל ווייזט דער ייִד אַרויס די גבורה פון אויסדויער קעגן אַלע שטרויכלונגען. דער חילוק איז נאָר וואָס דער חלום פון שימעלע סאַראַקער און זיינס גלייכן איז געוואָרן וואָר אין אַן אַנדערן וואַריאַנט אין גאַנץ אַנדערע באַדינגונגען אויף נייער ערד. ממילא איז די געשטאַלט פונעם ייִד אַ לחלוטין געענדערטע. נישטאָ מער קיין אָרט — אויף אימיגראַציע — אַפילו פאַרן באַשיידנסטן פון די באַשיידענע, פאַר אַ שמעון־אלי שמע קולנו, וואָס זיין ציל צו דערגרייכן צו אַזאַ מאַיאָנטעק ווי אַן אייגענע ציג, וואָס האָט זיך געדעקט מיט דער תורה פון אַן אַסקאָקורדע דבאַרבאָנטע... דער באָדן איז שוין נישט אַזוי טומאַניק ווייך אַז ס'זאָלן קענען געדייען אין אים חלומות; דער ייִד האָט שוין פאַר זיך אין איר פולער נאַקעטקייט אַ שטייניקע רעאַליטעט, אויף וועלכער עס קען מער נישט אויפגיין אַ פּסוק אינעם טייטש וואָס עס קען באַנעמען נאָר דער קאַזעדאַיעוועקער מלמד. טאַקע שלום עליכמס ייִדן וואָס זענען דורכגעדרונגען מיטן ביטערסטן אָפּטימיזם פון ייִדישן גורל האָבן שוין דערשמעקט די גוואַלטיקע ענדערונג — אַז זיי זענען אַריין אין אַ גאָר אַנדערער וועלט. און נאָך וואָס פאַר אַן ענדערונגען האָבן זיך אָנגעהויפּט קעגן זיי? מאָטל פּייסי דעם חזנס דערציילט עס מיט האַרבקייט נאָך דעם, ווי ער האָט רעכט דערזען פאַר זיך די גרויסע אַמעריקע:

„מיין ברודער אליהו און אונדזער חבר פּיני אַרבעטן אין צוויי באַזונדערע שעפּער. איינער איז אַן „אָפּרייטער", דאָס הייסט מחילה אַ שניידער. דער אַנדערער אַ פּרעסער. אַן אָפּרייטער דאַרף ניט נייען מיט די הענט. ער שטעפּט ביי דער מאַשין. דאָס דאַרף מען אָבער אויך קענען. עס שטעפּט זיך ניט אַליין. ווי זשע קומט עס צו מיין ברודער אליהו, אַז אונדזער טאַטע, און אונדזער טאַטנס טאַטנס טאַטע איז קיין מאָל

קיין שניידער ניט געווען? מיר שטאַמען, זאָגט די מאַמע, פון לויטער חזנים, רבנים און שמשים. איז דאָך שלעכט! איז דאָס אָבער אַמעריקע. אין אַמעריקע איז ניטאָ אַ זאַך וואָס אַ מענטש זאָל ניט קאָנען. אין אַמעריקע לערנט מע זיך אויס. אַ סימן האָט איר למאי — אַ רב? זיין אַ רב דאַרף מע דאָך אַוודאי קאָנען. אַ רב מוז כאָטש קאָנען פּסקענען שאלות. פון דעסטוועגן זענען פאַראַן אין אַמעריקע רבנים, דאָ הייסן זיי ,רעווערענדן׳ וואָס אין דער היים זענען זיי געווען קצבים. מיין ברידער אליהו האָט זיך דאָ באַקענט מיט אַ מוהל, מיט אַ רעווערענד וואָס מע נעמט אים אויף בריתן. אין דער היים איז ער געווען אַ שניידער, און נאָך אַ דאַמסקע דערצו! פרעגט אים אליהו: ,היתכן?׳ ענטפערט ער אים: ,אַמעריקע׳!”.

אַמעריקע מיינט נישט דווקאָ דאָס גרויסע לאַנד פונעם קאָנטינענט, ניו־יאָרק, טשיקאַגאָ, באָסטאָן צי פילאַדעלפיע אָדער סאַן פראַנציסקאָ. די מאָס אַמעריקע מיינט אויך דעם דרומדיקן טייל פונעם קאָנטינענט, איבער וועלכן עס האָט זיך אויסגעשפּרייט אַ נעץ פון אומציילִיקע יִדישע יִישובים, וועלכע האָבן ברוך השם זיך גוט איינגעוואָרצלט אין דעם נייעם שטייגער און טאַקע אַ סך בייגעטראָגן צו דער אַנטוויקלונג פון די לענדער.

*

אויך אין לאַטיין־אַמעריקע זענען פאַראַן יידן, וואָס זענען אַוועק פון די אַלטע היימען, געוואָרן אמתדיקע גאָלדשפּינערס, אין קעגנזאַץ צו שלום־עליכמס גאָלדשפּינערס, וועלכע דער שרייבער האָט אונדז געוויזן ווי פאַרלוירענע בעלי־חלומות. זיי האָבן נישט באַוויזן צו פאַרטרייבן דעם מלך אביון פון זייערע נעבעכדיקע פּאָסעסיעס, הגם די־אָ דאָן קיכאָטן זענען געווען נישט אָן איינגעבוירענער אינטעליגענץ און אַמביציִעס צו וועלן (און קענען) אַראָפּברענגען דעם גן־עדן אויף דער ערד. נישט מער, דאָס איז ביי זיי געבליבן אין פּלאַן. נו, דאָס איז נוגע דער ליטעראַטור, דער פיקציע וואָס אַזאַ שלום עליכם האָט זי פאַרקאָנסערווירט פאַרן אייפּעריקן זכרון ווי פאַר דער סאָציאָלאָגיע פון די קומענדיקע דורות. דערווייל זענען די יִידן אין די נייע לענדער פּאַוואָליענקע געוואָרן אויס גאָלדשפּינערס וואָס זענען בשעתם געווען אויסגעשטעלט אויף גוטמוטיקן שפּאָט. יִידן פון יענעם מין זענען אָקערשט נישטאָ מער. ערשט איז נישטאָ צווישן זיי קיין שימעלע סאָראָקער, קיין קאַסרילעווקער מלמד און אַוודאי נישט קיין רב יויזעפל. אַפילו קיין חברה פּועלים איז נישט בנמצא.

געווען אַזוינס אין די ווייטלעכע „גרינע״ יאָרן. היינט איז קיין צייכן נישטאָ פון אַזוינס צווישן ייִדן. היינט זענען די נעכטיקע שניידערס, שוסטערס, סטאָליערעס, לוסטרירערס (פון מעבל) בעלי־בתּים פון קראָמען און קרעמ־לעך אין די פּרינציפּאַלנע גאַסן, אין האַנדלס־גאַלעריעס, זיי זענען פּאַברי־קאַנטן, האָבן אייגענע שטיבער, טרייבן אייגענע אויטאָמאָבילן, גראַבלען אין שופלאָדן מיט געלט, רעדן אַ גאַנצע וואָך שפּאַניש מיט ייִדן, אויך פּאָרטוגעזיש. אַזוי איז שוין דער דרך צווישן אייגענע ווי צווישן פרעמדע, ווייל זיך אָנגענומען מיט די רגילותן פונעם לאַנד, כאָטש מ׳זאָרגט זיך אויך — אין איינוועגס — פאַר ייִדישע קהלישע הצטרכותן. אָבער אויך דאָס איז שוין רוטין. נישטאָ מער דערפאַר קיין אידעאַליזם; דער אַ רעזערוו האָט משמעות זיך אויסגעשעפּט. זיין אָפּשיין נעפּלט זיך נאָר אויפן האָריזאָנט פון דער אייגענער פאַרפלאָסענער יוגנט.

מ׳זאָגט, און מיט רעכט, אַז די דאָזיקע ייִדן וואָס פירן איצט הורט־געשעפטן, ברענגען סחורות פון אויסלאַנד, שיקן אַרויס זייערע פּראָדוקטן אין אַנדערע לענדער, האָבן פּאַראיבעריקט זין און טעכטער מעדיצינערס, אינזשיניערן, אַדוואָקאַטן און פּראָפעסאָרן, בויען אַפילו גרויסע הייזער אין די טומלדיקע הויפּטשטעט פונעם קאָנטינענט, אַז זיי האָבן אויך אַ רוק געטאָן פאַרויס די אַנטוויקלונג, די עקאָנאָמיק און די וויסנשאַפט פון די לענדער וווּ זיי האָבן זיך באַזעצט מיט יאָרצענדלינגער צוריק. און צום ייִדישן שטאָלץ ווערן די דאָזיקע דערגרייכונגען אָפּגעשאַצט מצד די באַטרעפנדיקע רעגירונגען.

ריכטיק, אַלץ האָבן אונדזערע ייִדן באַוויזן צו שאַפן ווייט פון די אַלטע היימען, אָבער זיי האָבן נישט אָנגעהאַלטן די דורותדיקע טראַדיציע פון זייערע זיידעס און פאָטערס באופן אַז זייערע קינדער און אייניקלעך זאָלן נישט פאַרשעמען די טראַדיציאָנעלע מלאכות, מיט וועלכע ייִדן פלעגן בלייבן ייִדן כּנהוג. מחמת מלאכה איז אויך אַ ציגל אָן וואָס עס קען נישט זיין האַפטיק דער בנין פון אַ פול ייִדיש לעבן. ייִדישע ייִנגעלייט זענען ערשט דערוויטערט אויף לאַנגע מיילן פון שניידעריי, פון שוסטעריי, פון בלעכעריי און אַנד׳ מלאכות. מיט פאַרביטערונג רעדן היינט ייִדן גופא אַז ס׳איז נישטאָ פאַר אַ רפואה קיין ייִדישער בעל־מלאכה. ווער קען ערשט געפינען אַ „באַשטעלטן שניידער״ אויפצונייען אַ גוטן גאַרניטור, אַ לייטישן מאַנטל? ווו האָט איר אַן „אָקריטשע־שניידער״ וואָס האָט באַצירט ייִדישע פרויען מיט מענטעלעך און קאָסטיומען וואָס פלעגן „אַראָפּטאַנצן״ פון זיי! נישטאָ! סיידן מ׳זאָל מיט אַן אָנגעצונדענער לאָמטער

זיך לאָזן זוכן אין דער גרויסער שטאָט אַן איטאַליענישן שניידער. יאָ, איטאַליענער האָבן זיך אויסגעלערנט די קונסט פון בעסערער שניידעריי. דאַכט זיך אויך פּאַרטוגעזער. בכלל איז אַ נס אַז מ׳זאָל הייַנט קענען געפינען אַ בעל־מלאכה וואָס זאָל אַרייַנקומען אין אַ הויז ווי עס ווערט עפּעס קאַליע. אַן עלעקטריקער? זוך אים צווישן אַלע פּעלקער־גרופּעס. צווישן ייִדן וועסטו אַזוינס נישט געפינען. אויב יאָ, וועסטו דאַרפן אויף אים וואַרטן אין אַ לאַנגער ריי. נישטאָ אויך קיין אַנדערע מינים בעל־מלאכהס. סיידן אַזעלכע וואָס האָבן אַן ענגע מגע ומשא מיט מסחר, אַ שטייגער קירזשנערײַ, וואָס האָט צו טאָן מיט אויפּנייען אַ טייערן פוטער וועלכן ס׳לאָזט זיך פאַרקויפן. נו, די טעכנאָלאָגיע, די אַנטוויקלונג פון דער מאַשינעריע האָט פאַרטריבן די מלאכה, וועלכע איז אַריין אין דער גרויסער פאַבריק־האַלע, וואָס סטראַשעט אַוועק דעם פרידלעכן מענטש מיט איר גרייס.

*

דאָס נאָכלויפן דער מאַשין וואָס פאַרשטויסט די מענטשלעכע הענט פון אַרבעט, קומט אויס אַז זי פאַרצערט אונדז ווי אַ נאַציאָנאַלער איינס וואָס קען נישט לעבן אַ נאָרמאַל לעבן, אויב ער האָט נישט צווישן זיך די נייטיקע כּוחות וואָס זאָלן דורכפירן די פונקציעס וואָס באַפרוכפּערן אַלע צעלן פון קאָלעקטיוון אָרגאַניזם. עס איז סימפּטאָמאַטיש פאַר דעם דאָזיקן אומהיימלעכן צושטאַנד, וואָס אַפילו די גרויסע וואַרשטאַטן פון דער געזעלשאַפט „אָרט״, ווו מע לערנט די מאָדערנסטע פּראָפעסיעס ווי מעכאַניק, טעלעוויזיע־בוי, עלעקטראָניק, באַדינען קאָמפּיוטערס, קוקן זיך אַרויס די אויגן צו זען אַ ייִדישן שילער, אַ קאַנדידאַט פאַר אַ קומענדיקן געבילדעטן ייִדישן בעל־מלאכה. איז עס ממש אַ נאַציאָנאַלע דראַמע אונדזערע, מחמת אַן פשוטער אַרבעט איז נישט שכיח אַ נאָרמאַל אַנטוויקלט לעבן. דערצו האָבן מיר ייִדן אַ גרויסע איבערפּראָדוקציע פון דיפּלאָמירטע פּראָפעסיאָנאַלן. מעדיצינערס, אינזשעניערן, אַדוואָקאַטן, דענטיסטן, אַרכיטעקטן, — האָבן מיר אַ לעגיאָן און דער רוב פון זיי האָבן נישט קיין פּראַקטישע אָנווענדונג פאַר זייערע פּראָפעסיעס. עס איז טרויעריק פעסטצושטעלן אַז עס זענען פאַראַן אינזשעניערן צווישן יונגע ייִדן, וואָס פאַרדינען נישט קיין צעבראָכענעם שילינג, ווען נישט דער גוט־סיטואירטער טאַטע אָדער דער שווער, וואָס האָט זיך געוואָלט איינקויפן אַן איידעם אַ פּראָפעסיאָנאַל, וואָלט מען אין אַזאַ היים אויס־געגאַנגען פאַרן שטיקל לחם. ענלעכס געשעט אויך מיט יונגע דאָקטוירים.

אָבער דאָס איז שייך דער פּראַקטישער זייט פון אַט־דער סאָציאַלער מטבע אין דער ייִדישער ווירקלעכקייט אין די נייע, יונגע ייִדישע ייִשובים. סיידן דער טאַטע, דער נעכטיקער אימיגראַנט, האָט געמאַכט געווּג געלט צו סטימולירן דעם זון דעם אַרכיטעקט צו ווערן אַן אונטערנעמער — בויער פון הייזער צו פאַרקויפן האָריזאָנטאַל, ווי דאָס רופט זיך אין די לענדער פון לאַטיין־אַמעריקע.

ווידער מעדיצינערס מוזן אויך ווערן אונטערנעמערס־סוחרים אין פאָרעם פון שאַפן שותּפותדיקע גרויסע אַמבולאַטאָריעס, וואָס וועט־ירן סטאַבילע מיטגלידער, וואָס וועלן דאַרפן להבא זוכן מעדיצינישע הילף, ביי וואָס זיי וועלן קענען עווענטועל געפינען מאַטעריעלע הנחות. ס׳האָט זיך שוין אויסגעבילדעט אַזאַ נייע בראַנזשע אין די לענדער, דאָקטוירים וואָס קומען אָן צו כּלערליי מאַטעריעל־פינאַנציעלע ספּעקולאַציעס כּדי צו מאַכן אַ געברויך פון דער מעדיצין, וועלכע איז אויסגעשטעלט אויף קרעמערישער קאָנקורענץ צווישן גרופּעס. אַזוי איז די לאַגע. די ייִדישע מאַסע אין די אימיגראַציע־לענדער, ס׳הייסט די ייִנגערע דורות, איז אַראָפּ פון דעם טראַדיציאָנעלן וועג פון פירן ייִדישע מלאכות. און דאָס איז בלי ספק אַ בלויז, וואָס איז גורם נעגאַטיווע דערשיינונגען אין כּלל־לעבן.

אין אַרגענטינע, למשל, ווי אין אורוגוואַי, צי באָליוויע און בראַזיל, איז די דאָזיקע דערשיינונג ביז גאַר אַנזעעוודיק. יונגע ייִדן ווילן נישט שמעקן צו פיזישער מלאכה, אַפילו די וואָס האָבן נישט קיין נייגונג צו לערנען כּדי זיך צו דיפּלאָמירן. מען איז זיך סומך אויפן טאַטנס שווער פאַרהאָרעוועטן רכוש; אָבער דערצו קומט אויך נאָך די צרה, וואָס אַ רוב ייִדישע יונגע מענטשן שעמט זיך שוין מיטן טאַטנס ייִדישקייט, אַפילו מיטן חותם פון דער אויסערלעכער ייִדישקייט. עס איז די קאָנסעקווענץ פון געיעג מצד דעם עלטערן ייִדישן דור נאָך מאַטעריעלער חיי־שעה, צוליב וואָס דער רוב האָט לגמרי פאַרגעסן אַז ער טראָגט די אוממיטלבאַרע אחריות פאַר דער דערציִונג, פאַר דער אויסגעשטאַלטיקונג פונעם אייגענעם דור, וועלכער וועט אים דאַרפן ירשענען סיי מאַטעריעל, סיי גייסטיק.

אַוודאי, דאָס אומגליק זעט זיך ערשט אַצינד: פיזיש יאָק פיזיש. דער זון קאָן נישט אַנטלויפן פונעם טאַטן, דעם נעכטיקן הויזן־נייער, כאָטש ער איז היינט שוין אַ פאַבריקאַנט, אַ גביר, אָבער גייסטיק האָט דער יונגער ייִדישער דור גאָרנישט צו ירשענען פון דער היים. און דאָס איז מער ווי טראַגעדיע פון ייִדישן לעבן אין די יונגע ייִשובים, וואָס זענען אויסגעוואַקסן אויף די גרונטן פון די אַלטע היימען אין אייראָפּע,

ווו יידיש לעבן אין זיין פילפאַרביקייט האָט געדייעט און גענעבן זעטיקע פרוכטן. די יונגע אימיגראַנטישע יישובים אין די אַמעריקעס ליידיקן זיך אויס פון יעדן צייכן יידישקייט. דאָס איז אַ געשריי, וואָס הערט זיך אָקערשט נאָך פון די איינצלנע, וואָס שפּירן אויף זיך די אחריות פאַרן גייסטיקן חורבן, וואָס וואַקסט פאַר אונדזערע אויגן טאָג איין, טאָג אויס, אַז הלוואי זאָלן מיר נישט פאַרשפּעטיקן איינצולעשן די פאַרציקנדיקע פלאַמען פון דער שריפה, וואָס איז עלול אָפּצומעקן יעדע איבערבלייבעניש פון דעם פאַרמעגן, וואָס די ביז־איצטיקע דורות האָבן אָנגעזאַמלט מיט שווערער מי.

1971

יוסף אָקרוטני

דער ליטעראַרישער מאָדעל

אין די ליטעראַטורן אויף אַלע שפּראַכן דינט דעם שרייבער ווי אַ מאָדעל דער לעבעדיקער מענטש. דאָס איז אַ נאַטירלעכע זאַך; זיין פּראָטאָטיפּ נעמט דער שרייבער (אַזוי ווי דער מאָלער) פון דער בונטער מענטשלעכער גאַלעריע וואָס באַוועגט זיך אויף דער אייבערפלאַך פונעם טאָג. און אַנדערש קען עס נישט זיין. אַכיבע — ער וויל געבן מטושטשע פאַנטאַסטיק אָדער אומבאַגרייפלעכע אַלעגאָריע, אין וועלכער מ׳קען אַריינ־טייטשן וואָס עמעצן גלוסט זיך. נאָך מער: דער מאָלער פאַרבעט אין זיין אַטעליע לעבעדיקע מענטשן אַז זיי זאָלן פאַר אים פּאָזירן. פּיסאַזשיסטן גייען אַוועק צו דער נאַטור כדי זי קינסטלעריש צו רעפּראָדוצירן, און טאַקע זי צו באַלעבן מיטן אָטעם פון קונסט. דער אופן פונעם שרייבערס אויפנעמען די מעדיומס פון זיין שאַפן איז אַ פאַרשיידנאַרטיקער. עס איז געוואָנדט אין די אינדיווידועלע אייגנשאַפטן און אין דער פּסיכישער קאָנסטיטוציע פון געגעבענעם מחבר. בכל אופן איז דער שרייבער נישט קיין קאָפּירער אָדער פאָטאָגראַפיסט. אַדרבא, ער קען זיך „אויסבאָרגן״ ביי איינעם פון די באַגעגנטע מענטשן אַ כאַראַקטעריסטישן שטריך פון זיין אינדיווידואַליטעט, פון אַ צווייטן אַן אַנדערן דעטאַל, ביי אַ דריטן אַן אייגנטימלעכע האַנדלונג און פון די אַלע עלעמענטן קאָנסטרויִרן אַ העלד בצלמו ובדמותו. גענויער: אַ שרייבער קאָרעגירט דעם מאָדעל, לפי ער האָט זיך געוויזן אין דער וואָר און ר׳שאַפט זיין געשטאַלט. דערפון דער ווידערווילן פון אַיעדן ערנסטן בעלעטריסט צו קאָפּירן אַוועלכן עס איז לעבעדיקן פּערסאָנאַזש ווי ער גייט און שטייט, ווי פּיקאַנט ער זאָל נישט זיין. לפי יעדן רעכטגעשאַפענעם שרייבער זענען נישטאָ אין לעבן קיין פולקומע געשטאַלטן, וועלכע ער זאָל קענען אַריינבויען אין דעם ווערק וואָס ער האָט פאַרטראַכט. פון דעסטוועגן געשעט אַז דער שרייבער קומט אַמאָל אין קאָליזיע מיטן ארום. דער אָדער יענער פּערסאָנאַזש פון אונדזער ווירקלעכקייט „דערקענט זיך״ אין אַ ווערק. באשר דער מחבר האָט אים אומיסטן „באַשריבן״, אָפּפאַרטרעטלט, ווי עס זאָגט זיך אין פאָלקס־לשון.

דער אמתער אמת איז אַז פאַרן גייסטיק אַנטוויקלטן מענטש איז די אייגנטלעכע מאָס פאַר עכטער קונסט דאָס, וואָס ער קען אויף זיך אָנמעסטן אָט דעם אָדער יענעם אַספּעקט אָדער אָפּשיין פון אַ ווערק.

אַ ריכטיקע דעפיניציע פאַר קונסט איז — אַז אַט אַ דאָס ליד איז דאָס ליד וואָס האָט זיך לאַנג שוין געזונגען מיר אין האַרצן, אַט דאָס בילד וואָס איז כולל אַ סך בילדער געפעלן מיר (אָדער איבערצייגן מיך). קיין אַנדערע מאָסן פאַר אומגעפעלשטער קונסט איז דאַכט זיך נישטאָ.

וואָס שייך דער בעלעטריסטיק איז זי ביז גאָר שטאַרק אויסגעשטעלט אויף באַנאַלע צוזאַמענשטויסן צווישן אַזוי־גערופענעם פּראָטאָטיפּ און דעם מחבר. די ליטעראַטורן ווייסן דערפון ווי פון אַן אָפּטער דערשיינונג, און זיי גייען תמיד אַריבער איבער איר צו דער „טאָג־אָרדנונג". ווייל די דאָזיקע ווידעראַנאַנדן זענען אומפאַרמיידלעך. אַ רעאַלע אילוסטראַציע פאַר דעם געפינען מיר אין דער שאַפערישער ביאָגראַפיע פונעם ענגלענדער טשאַרלס דיקענס. כלומרשטע מאָדעלן פון זיינע ווערק האָבן געהאַט צו אים שאַרפע תרעומות, און דער באַרימטער פראַנצייזישער שרייבער גוסטאַוו פלאָבער? דער פּראָטאָטיפּ, וואָס האָט נאַטירלעך זיך איינגע־שמועסט אַז ער איז עס דער מאָדעל פון זיין „מאַדאַם באָוואַרי" האָט זיך נעבעך דערקענט אין פלאָבערס ווערק און זיך באַמיט צו באַאומרויִקן דעם מחבר. צי האָט דער עפּיזאָד געשטערט פלאָבערן אַנצוגיין מיט זיין ווייטערדיקן שאַפן? אויב נאָכקומען די קאַפּריזע איינפאַלן פון די, וואָס ווערן „געטראָפן" פון שרייבערישן פענדזל אָדער פון זיין לאַנצעט (יאָ, פאַראַן אויך אַזאַ מין שרייבערישע כירורגיע) וואָלט מען די מענטשן געדאַרפט פונאַנדערטיילן אין נישט־אַבסערווירנדיקע קינסטלערס און אומבאַרירלעכע מאָדעלן. דאָס גליק איז, וואָס דאָס מענטשלעכע אויג איז לעת־עתה נאָך נישט אונטער אַ צוואַנג־פאַרבאָט צו זען און מעסטן און שאַצן אַזוי ווי עס געפעלט אים, דעם אויג, און די מאַסע ווי דער יחיד איז אַן איבערדרייס דער פּאָטענציעלער מאָדעל פאַרן זעער, שילדערער אָדער מאָלער. דער טויזנטמאָליקער אמת איז, אַז דער מאָדעל איז נישט מער ווי אַ חומרדיקער אָנשפּאַר פאַר יעדן אויטאָר.

אין אונדזער ייִדישער ליטעראַטור איז דער ענין פּראָטאָטיפּן נישט קיין אויסנעם. עס איז ווייל באַוווּסט אַז שלום אַש האָט זיין קאַפּיטאַלע טיפּן־גאַלעריע (דער עיקר פון זיין ערשטן שאַפונגס־פּעריאָד) גענומען פון לעבעדיקן שטעטל. סיי מאָנדרעק דער שוסטער, סיי פּשאָרעק פון „גאָט פון נקמה", סיי מאָצני וואָיטעק און אַ רוב אַנדערע זענען לייט פון קוילער־געסל אין קוטנע. דער סימבאָל פון גראָבלעכן מאָסנמענטש וואָס ווערט געפירט פון זיינע אינסטינקטן וועלכע רייסן אויף די ראָם פון דער אידישלישער לאַנדשאַפט — אַט דאָס קוילער־געסל און ס'שילגעסל איז אַריין אין דער

ליטעראַטור ווי אַ בוין פון פאַרביקן יידישן נפש און איז אַן אוצר פאַרן יידישן געדעכעניש וועגן געוועזענעם און טראַגיש־פאַרשניטענעם. ווייכן פון אַט די מאָדעלן וואָלט געמיינט באַוווסטזיניק פאַראַרעמען אונדזער געמעל וואָס האָט אי אַ נאַציאָנאַלן אי אַ סאָציאַלן כאַראַקטער. געדענקען מיר דען נישט ווי דער גבורהדיקער מאָדעל פון מרדכי פשאַרעק (אויך דער „פּסיידאָנים" פון מאַטקע גנב אין אַן אַנדער ווערק) פון „גאָט פון נקמה" האָט זיך צעשטשירעט אויפן באַרימטן שרייבער, הלמאי ער האָט אים אַריינגעשטעלט אין די ביכער, אפילו מיטן ענלעכן נאָמען? עס איז געווען אין קוטנע אין סוף צוואַנציקער יאָרן, ווען שלום אַש איז גראָד געקומען אין שטעטל אַריין און אַ טרופּע אונטער דער אָנפירונג פון יעקב ווייסליץ האָט אַהין צו גראָד אַריינגעטראָפן מיט דער אויפפירונג פון „גאָט פון נקמה".

קומט אויס לכן אַז גאַנצע שטעט, נישט נאָר „ס'געסל", זאָלן פאַר־פאַלגן די מחברים וואָס האָבן זיי און זייערע מענטשן גענומען פאַרן מאָדעל פון זייערע ווערק. ענלעכס איז אויך געשען מיט שמעון האָראָנטשיקן. דער הויפּט־העלד פון זיין ראָמאַן „זומפּ" האָט אויף אַ מאָדנע אופן זיך „דערקענט" אינעם בוך און האָט געפּרוווט רודפן דעם מחבר. איז עס געווען באַרעכטיקט? און האָט עס געהאָלפן? צי האָט אַ זין צו פאַרפאָלגן אַ שרייבער דערפאַר, ווייל ער האָט זיך קלאָמפערשט דערוועגט צו שילדערן אַ געשטאַלט וואָס איז על פּי מקרה ענלעך אויף איינעם אַזאַ וואָס פאַרקערט אין דער סביבה, וועלכע דער מחבר קען נישט אויסמיידן אויף אַזאַ אָדער אַנדערן אופן? עס איז אומלאָגיש, שוין נישט צו רעדן וועגן דעם פּסיכאָ־לאָגישן אַספּעקט פון דער דערשיינונג. נישטאָ קיין רעכט אָנצוטאָן אַ יאָך אויפן קינסטלער אַזוי אַז ער זאָל נישט קוקן אַהין און ער זאָל נישט גיין אַהער.

עס איז אַ כלל גדול: אין זיין שאַפונג איז דער שרייבער, ווי דער קינסטלער אין אַלגעמיין אַ פרייער מענטש. לפי דער דעפיניציע (אויב דאָס קאָן אַזוי הייסן) פון דעם גרויסן העברעישן שרייבער ש"י עגנון, איז שרייבן חיבורים אַ גזירה פון הקדוש ברוך־הוא. ער פאַררופט זיך אויף כלערליי ספרים, ווי למשל אויפן „ספר חסידים", סימן תק"ל (ישעיה מ' י"ג): „ווער עס האָט אָנגעברייט דעם רוח־הקודש אין דעם מויל פון די נביאים, וואָרן דער אייבערשטער איז גוזר, ווער עס זאָל זיין אַ חכם און אין וואָס זיין חכמה זאָל באַשטיין, און וויפל יאָרן ער זאָל לעבן און וויפל כפרים ער זאָל מאַכן. פאַראַן אַז ער איז גוזר אויף עמעצן, ער זאָל מאַכן אין ספר אָדער צוויי, אָדער דריי... און דער יעניקער וואָס דער אייבערשטער

האָט אים עפּעס מגלה געווען און ער שרייבט עס נישט אָן כאָטש ער קאָן עס אָנשרייבן, באַזולט ער דעם וואָס האָט אים מגלה געווען נאָר כדי עס אָנצושרייבן״.

בנוגע דעם ויצעקו פון דעם כלומרשטן פּראָטאָטיפּ וואָס „דערקענט זיך״ אין אַ בוך, האָט אויך דער מפורסמער דובנער מגיד זצ״ל — דערציילט מען — אויף דעם אַ מעשהלע מיט אַ מוסר־השכל: אַ בר־נש האָט זיך געשפּירט שטאַרק אָנגעגריפן פון אַ הלצה וואָס דער מגיד האָט געזאָגט אויפן חשבון פון אַ גביר אַ האַרטע נוס. האָט מען דאָס פירגעהאַלטן דעם דובנער מגיד, האָט דער תורה־קאָפּ דערויף געענטפערט: „אייגנטלעך בין איך אַ היטלמאַכער. מיין עובדאָ איז צו מאַכן היטלען, נאָר אויב מיין היטל פּאַסט אַקוראַט פאַר דיין קאָפּ, טאָ טראָג עס געזונטערהייט״. קיין אַנדערע ברירה איז נישטאָ. אַ שפּרודלדיקן קוואַל איז קיין שום כוח נישט אין שטאַנד צו פאַרשטאָפּן. די שאַפערישע אינספּיראַציע באַומרויִקט דעם שרייבער און דער אָביעקט פון זיין באַשרייבונג באַוועגט זיך שטענדיק אויף די פלאַכן פון דערווירקלעכקייט. דער אופן פון מאָדולירן אָט די ווירקלעכקייט צו גלייך מיט אירע געשטאַלטן, געהערן צו דער בחירה חפשית פונעם שרייבער. נישט מעגלעך אָוועקצושטעלן קיין טאַמע קעגן אָט דער פרייהייט. און אויב אַזוינס ווערט ערגעץ אָנגעווענדט, זענען די דאָזיקע פּרוּוון ביטער זיך נוקם. אַ מוסטער דערפון האָבן מיר אין דער צעקרימטער סאָוועטישער ווירקלעכקייט; עס האָט זיך אויף צעפּיקעניש — טאַקע אין אַ נאָווינע — צעבונטעוועט דער יונגער שרייבער דודינצעוו מיט זיין ווערק „נישט מיט ברויט אַליין״ און עס האָט ווידערגעשפּעניקט דער גרויסער ייִדיש־רוסישער פּאָעט באָריס פּאַסטערנאַק. ער האָט רעוואָלטירט מיט זיינעם אַ ראָמאַן „ד״ר זשיוואַגאָ״ וואָס האָט נישט גושא־חן געווען ביי די סאָוועטישע ליטעראַטור־דיקטאַטאָרן. דער ראָמאַן איז אָפּגעדרוקט געוואָרן אין איטאַליע און ער ווידערשפּעניקט בכל הכוחות קעגן דעם צוואַנג־רעזשים, וואָס האָט לאַנג פריִער שטום געמאַכט דעם אַנגעזעענעם דיכטער. אַן איבעריקער באַווייז פון וואָרהאַפטיקן אומווילן קעגן דעם צוואַנגהעמד וואָס די דיקטאַטור האָט אָנגעטאָן דעם פאָלק אין רוסלאַנד איז צו מאָל אויך דער שרייבער אַלעקסאַנדער סאָלזשעניצין, וואָס רייסט אַראָפּ די באַנדאַזשן פון די ברענענדיקע ווונדן וואָס פרעסן אויף דאָס לייב און די נשמה פון דעם מענטש אין לאַנד פון די באָלשעוויקעס.

ניין, עס איז אוממעגלעך און עס איז באַרבאַריש אָנצוטאָן אַ שלאָס אויפן מויל פון דעם רעדנדיקן, פונקט ווי עס איז נישט קיין אופן צו

באַצווינגען אַ שטומען נישט צו שרייען, אויב מ׳וועט אים דווקא ווי טאָן. דער קינסטלער איז דווקא דער גרויסער ריידער — אין בילד, אין שילדערונג צי אין לירישן אויסגאָס. און דער מאָדעל קען אים נישט צוגענומען ווערן ווי לאַנג עס דינט אים די ראיה און זיין געהער און עס וויברירט אין אים לעבן. נאָך אַ באַווייז: אין אַ סאָוועטישער תּפיסה איז געבוירן געוואָרן אַ באַנד העברעיִשע לידער און ווי דורך אַ נס זענען די דאָזיקע לידער אויפגעשווומען אין מדינת ישראל. פאַרשטאָפּט דאָס מויל פון דעם העברעיִשן שרייבער זינט צענדלינגער יאָרן, פון דעסטוועגן איז דער גייסט און דער כּוח פון אַלט־יידישן לשון נישט אָפּגעווישט געוואָרן אַפילו אין סאָוועטישן קלעם. פאַרקערט — דער באַצווינגטער האָט אין רעאַקציע קעגן דעם בייזן כּוח פון פאַרדאַרבער, דערשפּירט אַ שאַרפערן דראַנג צום גייסטיקן לעבן, אַזש ס׳האָט פון אים אַ זונג געטאָן טאַקע אין דער עקסטרעמער פאַרצווייפלונג. נאָך מער: דער אומבאַוווסטער מחבר פון מדבר־רוסלאַנד שרייבט גראַד אין אַ נייעם עברית, הגם ער האָט פאַר זיינע אויגן נישט געזען קיין שום העברעיִש בוך פון דער יונגער ישראל־מדינה. איז דאָס נאָר נס?

כאָטש דער פאַרגלייך איז נישט אַקוראַט אָנגעמאָסטן פאַר אָט דער טעמע, איז אָבער דער עפּיזאָד ווי צוגעשניטן פאַרן קעגנשטאַנד פון אונדזער אַקערשטיקער מחשבה: קען מען, מעג מען באַצווינגען אַ מחבר אַז ער זאָל נישט זען און נישט הערן? אָדער קען מען באַגרענעצן זיין טעמאַטיק, די סובסטאַנץ פון דער שאַפערישער אינספּיראַציע? שוין אין ספק פון דעם ליגט דער קערן פון באַרבאַריזם צו דריקן מיט אַזאַ צוואַנג אויף וועלכן עס איז מחבר. שוין נישט צו רעדן וועגן דעם הומאַניטאַרן און אויך יורידישן אַספּעקט פון דעם. דאָס לעבן, דער לעבעדיקער מענטש און אַלע זיינע האַנדלונגען ווי אין זיין דענקען, איז דער חומר פאַרן קינסטלער־מאָדולירער, אַלץ איינס צי ער איז אַ שרייבער אָדער אַ מאָלער־פּלאַסטיקער. יעדער דרוק אויף דעם מאָדולירער גרענעצט זיך מיט אַן אומדערהערטן וואַנדאַליזם.

*

ס׳איז פּרא דאָמאָ סואָ.

אין אַן אומבאַדייטנדיקער יידישער אויסגאַבע וואָס איז יאָרן־לאַנג אַרויס אין בוענאָס איירעס איז בשעתו געווען פאַרעפנטלעכט אַ פּאַשקוויל קעגן דעם שרייבער פון אָט די שורות. מיר זאָגן פּאַשקוויל, ווייל קיין האַרבערער באַצייכענונג פון דאָזיקן בייזווילי קן אַרויסטריט איז נישט

צו געפינען אין אונדזער לעקסיק. מחמת די פאָרעם און דער אינהאַלט פון דעם אָפּגערופענעם געשרייבעכץ איז אַ פּראָסט-פּשוטער אָנפאַל פון אַן אומפאַראַנטוואָרטלעכן טינטלער וואָס דערוועגט זיך נישט זיך אונטער-צוחתמענען. און רעכט. ווייל אַזאַ שרייבעכץ שמעקט מיט דער קולטור פון אַ מיסטפּירער זינט דורי־דורות. אמת, דער אַרויסגעבער פון דעם נישטיקן העפט איז סיי ווי פאַראַנטוואָרטלעך פאַר דעם שרייבעכץ, אין וועלכן ער גרייפט מיך אָן פאַר אַ קליינער דערציילונג. דער וואַנדאַל טוט עס קלאָמפּערשט אין נאָמען פון שרייבערישער עטיק, ווען ער באַוואַרפט מיט שטיינער אַ מחבר אָן אַ פאַר וואָס.

עס האַנדלט זיך אין אַ קורצער דערציילונג א״ט „אַליאַרם״, אין וועלכער עס ווערט געגעבן אַן עטיוד פון אַ מיזאַנטראָפּ וואָס האָט ליב נאָר זיך און בלויז זיך. אַל דאָס איבעריקע אין זיין אַרום איז מישטיינס געזאָגט פאַלש און געמיין. נישט קיין חידוש אַז די סביבה פון דאָזיקן העלד האָט אים פיינט, און זי האָט דאָך אויף אים רחמנות, הלמאי ער איז אַ ביטערער יונג. אַ שטריך און אַ שטריך, אַ כאַראַקטעריסטישער עפּיזאָד צו אילוסטרירן דעם געשילדערטן און דער פאָרטרעט איז געווען פאַר-ענדיקט. עס איז נישט אָנגעגעבן קיין ממשותדיקער נאָמען וואָס לאָזט זיך אידענטיפיצירן מיט אַזאַ וואָס דאָס חודש-בלעטל דערמאָנט מיט אַ ווונק. אָבער דאָס שטערט נישט דעם פּיצינקן פענהאַלטער פון פּרנסה־זשורנאַלעכל (געווען אַזאַ פאַרזעעניש אויפן אַרגענטינער באָדן, און נישט איינער פון דעם מין!) אָנצופאַלן אויפן דערציילער אונטערן פוילן תירוץ אַז ער האָט קלאָמפּערשט באַליידיקט די „הייליקע אינדיווידואַליטעט״ פון אַ קולטוריסט מיט וואַזשנע „פאַרדינסטן פאַרן יישוב״. וואָס זשע ענטפערן אויף אַזאַ אָנפאַל, דערצו פון אַ מיאוסן פּערזענלעכן כאַראַקטער? אָט דער צבועק האָט פריִער מיך ממש פאַרפאָלגט ווי אַ מחבר מיט אָנבאָטן איך זאָל שרייבן פאַר זיין בלעטל, אָבער איך האָב געוויכט פון אים ווי פון אַ... אסור, עס ווילט זיך נישט אָנרופן דעם אומבכבודיקן נאָמען פון דעם פאַרשוין וואָס איז אַגב מפורסם אין די מקומות ווי אַ האַרטע שקורע, וועלכער איז פעיִק מיט זיין וואַלוועלן וואָרט צו פאַרגלייזן די אויגן בכן אַלץ וואָס ער טוט, טוט ער עס נאָר אין סאַמע צניעות, ווייל „נאָר לטובת הכלל״. חלילה, ער איז אַ פאַרשוין וואָס האָט „ריינע הענט״, ר׳וויסט נישט פון קיין שוחד. אַבי לייט רעדן פון פאַרקויפן זיין פען... ס׳איז איבעריק צו זאָגן אַז דעם אָנפאַל אויף מיין ווינציקייט האָט ער אויסגעפירט מיט אומריינע כוונות און מיט אומגעוואַשענע הענט. דאָס ליגט אויבן־אויף.

אַוודאי, אַזאַ האַנדלונג קוואַליפיצירט זיך פאַר דער קרימינאַל־פּסיכאָלאָגיע, אָלאָ דאָס גייט אַרויס פון אונדזער גבול. אָבער אומזיסט פלאָנטערט זיך אַזאַ פאַרשוין ביי שרייבערכצן „וואָס דינען דעם יישוב". אונדז אינטערעסירט דער ענין פון ליטעראַרישן מאָדעל און זיין רעאַליזירונג. דאָס, זעט איר, איז דער אומפאַרבייטלעכער קוואַל פון איעדער ליטעראַטור, און פאַר אונדז גילטן נישט קיין באַזונדערע געזעצן אין דעם זין.

אין פאַל פון דער אָנגערופענער דערציילונג „אַליאַרם" איז דער אומאָפּהענגיקער מחבר דער קרבן פון אַ בייזוויליקייט מצד אַ נישטיקן בלעטל וואָס ליגט אויף די ווייטע ראַנדן פון דער יידישער פּעריאָדיק. עס רעדט קלאָמפּערשט אין נאָמען פון פאַרגוואַלטיקטער עטיק, בעת אַליין איז עס אויסגעהוילט פון דעם אַ תוכן. מענטשן פון דער ווייטנס קענען נישט וויסן אַז אַזאַ און אַזאַ רעפּאָרטערל איז נעבעך גוואַלטיק צעקריגט מיט דער עלעמענטאַרער אָרנטלעכקייט, הגם ער לאָזט דרוקן יעדע פאַר וואָכן און אויף יעדן יומא דפגרא „אַ ספּעציעלן יום־טוב נומער" כדי איינצוזאַמלען וואָס מער אַנאָנסן און כמו־אַנאָנסן וואָס גלייכן צו פאַרקויפטע פאַרציעס כבוד מישטיינס געזאָגט פאַר איקס און איגרעק. דער וואָס שרייבט די אַ שורות איז מעיד אַז דער נעמלעכער איז אַרום און אַרום אַ גאַארנישט מיט אַ ברייטן פּתח נאָך מער, ער נעמט זיך נאָך די העזה צו אורטיילן וועגן ליטעראַרישע קוואַליטעטן, אַ זאַך וואָס גרענעצט אין געגעבענעם פאַל מיט דער אַלצייטיקער דעפיניציע פון „נזם זהב באף חזיר". וואָס־וואָס, אָבער אָנווייזן מוז מען אַזוינעם אַז נישט אין דעם גאָרטן אַריין דאַרף ער שטעלן זיין פוס. דער שרייבער איז פריי און זיין מאָדעל איז אומעטום פאַראַנען. בשייכות דער דערציילונג „אַליאַרם" דאַרף נאָך געזאָגט ווערן אַז דער מחבר איז נישט אויסן געווען קיינעם צו „באַשרייבן", קיינעם נישט אָנצוגרייפן. זיין טעמע איז דער מיזאַנטראָפּ סעניאָר פעליפּע און אַזעלכע געפינט מען צום באַדויערן נישט בלויז אין בוענאָס איירעס. אויך אין פאַריז צי אין תל־אביב אָדער אשקלון קענען זיך אָפּגעפינען קעפּ, וועגן וועלכע עס האָט גערעדט דער דובנער מגיד זי"ע. און אויב אויפן אַנעקדאָטישן גנב ברענט דאָך ס'היטל אין בוענאָס איירעס, איז דער מחבר אין דעם נישט שולדיק.

1956

וועגן פּאָעזיע

וואָס איז אַזוינס פּאָעזיע? אין אַ נאָווינע דרינגט אַן אויף אונדז אויך אַזאַ קשיא. עס איז אַ פֿראַגע וואָס לאָזט זיך נישט גרינג פֿאַר־ענטפֿערן. און די פֿראַגע שטעלט מען אַלע מאָל ווען די שטימונג נעמט מטושטש קרייזלען אין דיר, ס׳געמיט דערהייבט זיך אויף קאַליריקע פֿליגל און ס׳געהער שוימט אויף אומגעריכט אַריבער אַלע קעמערלעך פֿונעם מוח. אויך אין האַרצגריבל נעמט עפּעס נאָגן. סע ציט צו אומ־באַשטימטס. פּאָעזיע, טייטשט דער עולם פֿון אַ גאַנץ יאָר, איז אַזאַ נאָענט אָבער אומקלאָר פֿילן וואָס שפּאַרט פֿון דער נשמה ביי אַיעדן פֿלוצלינג באַגליקטן עמעץ מיט אַן אויסטערליש ליכטיקן פֿונק וואָס מ׳באַצייכנט אין באַגייסטערונג מיט דער זיסער אומבאַשטימטקייט פֿון... פֿאַר וואָס פּאָעזיע? אָבער ווי זשע אַנדערש אויסטייטשן דאָס מיטן ניכטערנעם, פֿאַרשטענדלעכן וואָרט!? מסתמא, אַזוי מחמת דער אַ פֿונק וואָס זינגט אויף אין בן־אדם צעגיסט זיך אין געמיט צום — גראַם, ר׳ציקלט זיך אויס מעלאָדיש אין האַרץ מיט אַן אויסגעקייַלעכיקטער, ווייכער נעימותדיקייט וואָס מ׳קאָן צו איר נישט געפֿינען קיין געטרייען נאָמען. ווייל ס׳צעזינגט זיך די נשמה וואָס האָט אויך נישט ביי אַלעמען די זעלבע געשטאַלט. נו, ס׳איז אַזאַ געפֿיל (אָדער צושטאַנד) וואָס איז למעלה מן השכל. דער גאַנצער מענטשישער מהות בלייבט באותו הרגע וואַרעם צעקלעמט פֿון דער אַ שטאַמלדיקער שפּירונג. טאַקע מחמת דעם איז עד־היום נישטאָ קיין פּרעציזע דעפֿיניציע פֿאַרן ווערבאַלן אויסדרוק, וועלכער דערברענגט דעם מענטש צו די הייכן — אָדער טיפֿן — פֿון דעם וואָס ווערט פֿון רגילות אָנגערופֿן פּאָעזיע, מחמת אַזאַ נאָמען אָדער באַגריף בלאָנדזשעט אַרום דעם פּלויט פֿון אונדזער אינטעלעקט. קריטיש־דענקענדיקע מומחים האָבן שוין לאַנג געפּרוּווט דעפֿינירן דעם דאָזיקן דערהייבנדיקן אויסדרוק פֿון מענטשישן געמיט אין זיין שאַפֿערישן גלי. דערפֿאַר דעקט זיך דער נעמלעכער צושטאַנד וואָס זינגט אָדער פֿליסטערט אין אונדז (צו מאָל אונטערבאַוווסטזיניק) אונטער דער ווייט פֿאַרשפּרייטער באַצייכענונג פֿון פּאָעזיע, וועלכע איז פֿאַר דעם אַ געפֿיל באַשיימפּערלעך פּילזאָגנדיק.

ריכטיק, פּאָעזיע, ווי מ׳באַגעגנט זי אין כלל, איז אייגנטלעך אַזאַ סובסטאַנץ וואָס דרינגט אַדורך דעם מענטשנס נשמה מיט בילדערישער געדאַנקלעכקייט, פּילט זי אַן מיט אַזאַ וויברירנדיקער אָדער לייכטנדיקער

באַזונדערקייט, אָבער קיין טרעפיקן נאָמען, אַ מער קלאָרן נאָמען איז נישט אויסצוגעפינען פאַר דער אַ סובטילער רעפלעקטיווקייט, וועלכע פאַרכאַפּט ווי מיט אַ כישוף אונדזער מהות. אין אמתן רעדט צו אונדז אַזוי אַרום אָן אומגעריכט ווידערגעקערטע טיפע איבערלעבונג, וועלכע מיר דער־שפּירן ווי אַן איבערערדישע ווירקונג פון אַ סכום האַרצלעך־נאַענטע, אינסטינקטיוו אַקומולירטע עמאָציאָנעלע אָדער עסטעטישע ליכטשטראָמען וואָס באַוועגן אונדז דאָס אויסצודריקן אָדער צו דענקען אין ספּעציפישע נאָרמעס. וואָסערער עס איז אין תּמצית דער אויסטייטש פון דער דאָזיקער שפּירונג איז דאָך נישט לייכט צו באַענטפערן, מחמת יעדער מי אין דעם זין האָט נישט צוגעדינט די הצלחה. סע בלייבט אַ שטאַמלער דער מענטש וואָס פּרוּווט אין וואָרט געבן אַ טייטש פאַר דעם טעם וואָס פילט אים אָן אין דער באַטרעפנדיקער רגע מיט אַן אומגעריכטן השתפכות־הנפש, וועלכע ברענגט אים צו — פּאָעזיע. סיידן ער זאָל זיך באַגנוגענען מיט די אינדיווידואַליסטישע טייטשן, וואָס עס ברענגען פאַרן מין פּאָעזיע, פּאָעטן גופא.

אַוודאי, יעדער זעט דעם מהות פון פּאָעזיע אין זיין אייגענער פּריזמע, בצלמו. פּאָעטן, אויך יידישע פּאָעטן, האָבן שוין געפּרוּווט אויף דעם געבן זייער מהותיקן באַשייד, צו מאָל אַ פיגוראַטיווע געשטאַלט דעם אַ פילן־דענקען וואָס קרייציקט זיך אין די מוחות און אין די בלוטן פון די זעלטענע וואָס די מוזע קושט זיי אָדער בראַנדיקט מיטן גורלדיקן פלאַם פון אומאיבערגעחזרטן חותם פון קונסט וואָס איז שולט איבער זייער וואָרט־געשטאַלטיקונג.

אין דער אונטערשטער שורה: עס איז דער אויפבליץ אינעם „אור־וואַלד" פון מענטשלעכן געמיט און איטלעך מאָל איז דער אויפבליץ ערשטמאָליק. אַוודאי איז פּאָעזיע ווי אַ ליטעראַרישער מין שוין אַזוי אַלט ווי אַלט עס איז דעם מענטשנס געדאַנק. זינט די מאָך־פּאַרטונקלטע צייטן בלאָנקעט דער מענטש אין שטח פון דעם אַ אומבאַשיידטן זין פאַרן באַגריף פּאָעזיע וואָס איז דער אייגנטלעכער לעכץ פון זיין גאָרער פּנימיות. ווייל סטיכיש האָט שוין אין זיין בראשית זיך צעזונגען די נשמה. זיינע שפּי־רונגען האָט ער אַרויסגעבראַכט אויף כּלערליי אופנים, צו מאָל אין ווילדע רופן, אין אויפגעשרייען. ביים היילמענטש איז אַ רוי רעווען געווען זיין באַגייסטערונג פאַרן אַנטפּלעק פון זונאויפגאַנג און דער בלינדער געברום — דער צייכן פון מטושטשע בענקענישן. הקיצור: פּאָעזיע איז געווען און געבליבן דער אומדעפינירלעכער אויסדרוק פון די פּאַר־

באַרגנסטע מענטשישע געפילן וואָס זוכן אין וואָרט צי אין קלאַנגען־באַהעפט אַן אויסגאַנג פאַר אונדזער טונקל פאַרוועבטן געמיט; און ס׳איז דער באַראָמעטער פון דער פאַרהוילענער וועלט וואָס לעבט אין אונדז. יאָ, ס׳איז דאָס וואָס מיר ווילן אָנרופן מיט פאַרשיידענע טערמינען, אָבער מ׳קען עס בשום אופן נישט גענוי דעפינירן. ובכן איז פּאָעזיע די שפּראַך וואָס לייזט אויף די דריקונג וואָס לויערט איבער דער שטומקייט פון אונדזערע געפילן. און באמת: ווערדליק איר מהות איז פּאָעזיע נישט קיין סטאַטישע דערשיינונג, אויך נישט קיין דינאַמישער באַגריף פאַר אַן אָביעקטיוויזירטן חומר, נייערט דער אומדערקלערלעכער צאַפּל וואָס לאָזט זיך רק סוביעקטיוו פאַרבילדלעכן אָדער פערזאָניפיצירן אין אַ פּייסאַזש וואָס אָטעמט אין אונדז גייסטיק. און ווילסטו, איז דאָס בליִען פון קאָרנ־פעלד דער אַנטפּלעקערישער נאַטור־אויסדרוק פון סאַמע פּאָעזיע ווי דאָס איז דער מאַכטיקער כוח פונעם בליאַסק וואָס די זון שיקט אַראָפּ צו דער ערד. נו, אַפילו אַ קינד איז דער שטומער מבין אויף פּאָעזיע. וויז דעם קינד אַ בלישטשנדיק בלעכל צו גלייך מיט אַ שטיקל גאָלד, וועט דאָס הענטל גיכער זיך שטרעקן צום אינטענסיוון אויסשטראַל פונעם איידעלן מעטאַל איידער צום פלאַכן בליאַסק פון דעם בלעך. וואָרן דאָס ליכט פון גאָלד דערציילט אינסטינקטיוו פון עכטקייט. עס „איבערציַיגט" אַפילו דעם קינד וואָס ס׳איז ווערטפול און וואָס — פאַלש.

אָן ספק, דער יחידישער אויסמעסט פון פּאָעזיע איז דער באַגלייבטס־מ׳ער, ווייל דער געטרייסטער אָפּשפּיגל פון דער דערשיינונג, וועלכע באַקומט אין שעפערישן אויסדרוק צו מאָל אַ פיגוראַטיווע אויסטייטשונג. אַזוי אַ שטייגער גיסט אויס אין קינסטלערישער פאָרעם די געשטאַלט פון פּאָעזיע דער דיכטער אברהם סוצקעווער:

אַ טונקל פיאָלעטע פלוים
די לעצטע אויפן בוים,
דין־הייטלדיק און צאַרט ווי אַ שוואַרצאַפּל
וואָס האָט ביי נאַכט אין טוי געלאָשן
ליבע, זעונג, צאַפּל

און מיטן מאָרגנשטערן איז דער טוי
געוואָרן גרינגער —
דאָס איז פּאָעזיע. ריר זי אָן אַזוי
מען זאָל ניט זען קיין סימן פון די פינגער.

(פון בוך „אין מדבר סיני")

אַן אַנדער זין זעט אין מהות פון דעם וואָס מיר רופן אָן פּאָעזיע דער דיכטער יעקב פרידמאַן; אין פּאַרטראַכטונג גיט ער אַזאַ זינג אַרויס זיין אני־מאַמין בנוגע דעם תמצית פון לעבן וואָס איז נישט ווינציקער ווי דער תוך פון פּאָעזיע:

...איך טראַכט: איז דאָס דער גאַנג פון מענטשנס לעבן?
— און די חכמים, פרעג איך, ווי אַזוי לעבן אויף דער ערד?
— די חכמים (לאַכט ער) זענען אַלע לענדער אויסגעוועזן
און זיך אומגעקערט מיט לאַנגע ווייסע בערד.

זיך אומגעקערט צו גערטנעריי און פישפאַנג,
און צום פּראָסטן פויגלס ליד.
וואָרעם פון צו פיל חכמה איז די חכמה
געוואָרן שלעפעריק, און מיד.

האָבן די חכמים די חכמה אַוועקגעלייגט שלאָפן
אויף אַ פּאָר צענדליגג טויזנט יאָר.
און דער חכם איז אַוועק אויף אַ שיפל
צו קושן פון זיין ליבסטער די האָר.

...די שיף דערשרעקט די שטערן אינעם ים.
מיר דוכט: די חכמה, ווי אַ גרויינקער זיידע,
זיצט אין גאָרטן אין דער טונקל אויף אַ שטאָם.
און איצט נעמט אָרום מיך רחמנות צו דער חכמה
ווי נעכטן צו מיין אָרעם ליד...

(פון זיין פּאָעמע „זהבה")

געדאַנקען, סימבאָלישע צייכענונגען, בילדער און סענטענצן פאַרבולטן דעם דיכטערס שווונגפולן אינטעלעקטועלן אָדער פּלאַסטישן אויסדרוק פון זיין באַנעמען דעם מהות פון פּאָעזיע, וואָס לאָבט די געפילוועלט פון די סובטילע געניסערס פון צאַרטער וואָרטשאַפונג. אַזוינס איז מסוגל צו דערהייבן צו העכערע רעגיאָנען פון דענקען די פּאָעטן גופא. אַזוי געשעט עס באמת מיט די טאַלאַנטפולע און גאָטגעבענטשטע אויפצושטייגן מיט זייערע פליגל צו די גייסטיקע הימלען. אַן אומצווויידייטיקע אילוסטראַציע פאַר דעם גיט דער פּאָעט סוצקעווער אין זיינעם אַן אַנדערן ליד שיינקייט, וואָס איז אין דער זעלבער צייט אַ שטילער הימען צום תוך פון פּאָעזיע:

די שוואַרצע קוזינע לעבן פלאַנקען
אין פונקען ווי אין רויטן מאַן —
זי האָמערט מיר אין די געדאַנקען:
— איך בין... דערמאָן זיך שוין, דערמאָן!

פון האַרבסטיקן געמיט

איך גיב דעם שמידער מיין שוואַרצאַפּל,
מיין צייט, מיין ליבע, מיין געוויין;
און אונטער האַמער גלי איך, צאַפּל,
אַבי צו קאָנען זאָגן: שיין!

און אָט דער שיינקייט וויל איך דאַנקען,
זי איז מיין אייביקע מינוט.
אָ, שוואַרצע קוויטע לעבן פלאַנקען,
דיין האַמער טאַנצט ביי מיר אין בלוט!

דאָ זאָגט דער דיכטער גאָר אַ סך וועגן דער ליד־שפּאַנונג ווי ער שפּירט זי אַ באַלעבטע מיט האַרץ און מוח, אָבער קיין אַרטיקולירטן נאָמען פאַר דעם אָ שאַפערישן דראַנג אויסצוניגונען געפילן־צייכענונגען אין פעלד פון ווירקעוודיקן וואָרט, דער נאָמען איז לאַוו־דווקא בנמצא. געוויס, דעם זין פון פּאָעזיע קאָן מען באַנעמען, פאַרענטפערן נאָר מיטן וואָרטצאַפל אַליין. נישטאָ אָבער קיין סטאַבילע קאָליר, אויך נישט קיין פּאַרטיקע פאָרמול צו קענען מיט איר כאַראַקטעריזירן אָט דעם עלעמענט, כאָטש דעם טעם זיינעם שפּירט אַיעדער וואָס אים רעגט אַפילו נאָר דער פרעג בנוגע דעם זין פון דער אָ אַנגאָמענדיקער דערשיינונג אין שטח פון וואָרטמוזיק און אידעע פון בילדערישן וואָרט. דער נאָמען פּאָעזיע איז אייגנטלעך נאָר די אַזוי צו זאָגן עטערישע שפּירונג אַז אַן אינעוויניקדיק געזאַנג ריזלט אין אונדז, שפּראָצט פון אונדז; צו מאָל רייסט עס אויף און גיסט זיך אויס ווען ס'קומט אויפן בראָכשטול פון ממשותדיקן ווערן. ס'איז ליד, ס'איז געזאַנג פון פרייד, אויך פון קאָנוווּל־סירנדיקן ווײ צי בענקעניש, כאָטש סע קומט נישט מיט אַ פּאַרטיקן שטאַמנאָמען. מחמת עס איז אוממעגלעך צו דעפינירן דעם „גענעטישן" מין פון דעם זוימען. אַ שטראַל קלאָרקייט פרווט אויף זיין אופן אַריינ־טראָגן אין דעם אויפשפּראָץ ליד דער דיכטער אליעזר גרינבערג, וועלכער מעדיטירט וועגן ליד בעת עס קומט שוין אויפן בראָכשטול פונעם פּאָעט:

דאָס ליד קומט קיין מאָל אויף באַשטעל.
דיין בלוט דאַרף פריער זיין דאָס תופס:
ביסט תמיד וואַך מיט לייב און זעל
עס זאָל באַוויזן זיך דער מופת.

געשעט דער מופת ווערסטו מושל.
די פורעמסט פריי דיין חלום־אוצר:
ציסט אַרויס פון אות דאָס מינדסטע רוישל,
ביז ס'ווערט וואָרט ווי ליים אין האַנט פון יוצר.

(פון בוך „גערעדנקשאַפט")

אליעזר גרינבערג פירט אונדז אַריין אין סוד פון ליד לאַבאָראַטאָריש. פאַרקערט טוט עס אברהם סוצקעווער. ער דערבערעגנגט אונדז צום גליַיקן געמיט פונעם דיכטער און אָן שהיות אַנטהוילט ער זיך אין אייגענעם וואָרט און געדאַנקען־שפּריי. אָבער דאָס איז נאָך נישט קיין פּעולה מ׳זאָל קענען אין ממשות דעפינירן וואָס סע מיינט פּאָעזיע ווי אַזאַ. ווייל קלאָר, דערצו מוז דער געניסער פונעם ליד אַליין זיך דערקלייבן, אויב אים גייט בנפשו צו קומען צו אַ טאָלק אין דעם אַ פאַרנעפּלטן ענין וואָס שטייט איין־אַליין ווי אַ מאָנענדיקער פרעגצייכן אין פעלד פון... ספּעקו־לאַטיווער לאָגיק. משמע, פּאָעזיע, ליד שפּראָצט פון אַזאַ מין געוויראַטיש אָדערל וואָס צעשפּילט זיך פלוצלינג ביז מתיקות אין די פאַרהוילנסטע אינעווייניקייטן פונעם בן־אדם און סע זינגט אַרויס פון אים; צו מאָל געשעט עס ווען ער דערשפּירט אומגעריכט אַ ברי אין די וואָרצלען פון זיין האַרשיידל; זעלטן פלאַקערט אויף פון אים אַ לידערישער געבריל וואָס מיר רופן פּאָטעטישע פּאָעמע צי פאַרקערט — ליריש־עפּישער געזאַנג. איז ווידער אַ מאָל: ס׳איז נישט שייך אָנצוגעבן די נאָמענקלאַטור פון דעם אינטעלעקטועל־שאַפערישן מין וואָס פון אים שטאַמט דאָס געזאַנג וואָס קוועלט אַרויס פון פּאָעטישן קוואַל און ס׳איז נישט צו פרעגן ביים קוואַל אַ נאָמען פונעם קינד וואָס איז געקומען פון זיין אינגעווייד.

ביין, ווייסט זיך נישט דערשלאָגן צו קיין גענויער דעפיניציע פון פּאָעזיע וואָס דיר איז זי דווקא אייגן מיט איר ליכט ווי מיט איר טריבער שיין. אין עכט לידערישן געוועב קענסטו זען דעם זעלטן־אַנטפּלעקערישן נאַטור־אויסדרוק פון לויטערער פּאָעזיע, כאָטש האָסט נאָך נישט געפונען פאַר איר דעם באַגערטן אייגננאָמען.

לכל הדעות איז פּאָעזיע נישט דאָס וואָס מיר באַגעגענען אָפט מאָל אין פּלאַסטיקע גראַמען. זעלטענער באַקומט זיך די אמתע, טיף שפּרודל־דיקע פּאָעזיע, וועלכע באַווירקט אונדז מיט איר אַנגעזעטיקטקייט פון לעבעדיקן געדאַנק, זאַפטיקן בילד און אָנרעגנדיקן ליכטשפּיל.

די יידישע פּאָעזיע האָט פון דעסטוועגן ביי דער מיקלאָמפּערשטער „אָננאָמענדיקייט" פאַר איר רייכער פּראָדוקציע — אויב סע האַנדלט זיך אין אַ ספּעקולאַטיווער סעגרעגאַציע אין שטח פון ליטעראַרישער שאַפונג — אומצאָליקע מאָל מיט געטריישאַפט וואָריִירט, זיך אַליין באַקרעפטיקט מיט... גרונטיקע ווערק אין ליכטיקן מאַמע־לשון.

בנוגע דער עכטקייט־פּראָבע פון וואָרהאַפטיקער יידישער פּאָעזיע

ווי אַזעלכע, כאָטש נאָך אַלץ אָן אַ קאָנקרעטן סיגנום פאַר איר מין, רעדט אינדירעקט, אָבער מיטן גאַנצן מויל זיינעם דער צעזונגענער יעקב גלאַטשטיין. ער רעדט עס אין אַ ליד אונטערן טיטל סוצקעווער וועלכן ער באַטראַכט ווי דעם געקריינטן דיכטער וואָס האָט ווי אַ נס זיך הויך אויפגעהויבן פון די חורבות־תהומען אויסצוזינגען אין מייסטערישן ליד די פּיינען פון זיין פאָלק, וואָס פאַר אים עדותט ער אויף דור־דורות דאָס פאַרגעדענקען דאָס מאוימדיקע געשעען. גלאַטשטיין סקאַנדירט:

„סוצקעווער,
די ביקס איז לעבן דיר / אַ האַלב־וואַכע געשלאָפן, / ווען דו ביסט אַרויסגעקומען פון די וועלדער, / טויט־מיד / און גלייך צוגעפאַלן צום ליד. / די זינגענדיקע סטראָפן / האָבן דיין אויסגעמוטשעטן גוף / נאָך לופטיקער געמאַכט. / מיט דערשראָקענע פליגל / האָט דער יונגער שר פון ייִדיש / איבער דיר געוואַכט. /
מיט דעם נישט־פאַרשניצטן שטיקל בלייער / האָסטו קוים געציטערט / איבער אָפּגעריבן שיימעסדיק פּאַפּיר. / אַ טונקל וואָרט לייכט אויף פון אַ ריר / און ווערט באַלד געפּאָרט. / ס׳פּלאָטערט דער בלייער ווי אַ גלעט / אין די גלייביקע הענט פון פּאָעט. / ער טרייבט פון זיך הונגער, ביטערקייט און סם / און צינדט אָן די פינצטערע שורות / מיט דעם ליכט פון אַ גראַם. / — — אַ קליינע פאַרוואָרלאָזטע קלויז, / אין ליידיקן ארון־קודש צייכנדלט אַ דערשראָקענע מויז, / דורך דער צעבראָכענער שויב סאַזשעט אַ פינצטערניש אַריין. / דער שר פון ייִדיש האָט נייע שיימעס אויפגעקליבן / און געבענטשט דעם קליינעם בלייער / ער זאָל נישט ווערן אויסגעשריבן. / אין דער אָן־ניסימדיקער, פאַרשוועכטער קלויז / האָט דער שרייבער אין דער פינצטער געזען / ווי די אַלטע פאַרשיימעטע אותיות האָבן זיך אויסגעריבן / און אויף קלאָר פּאַפּיר / האָט דאָס שטיקל שרייבפענדל אַ גאַנצע נאַכט געשריבן / און זיך נישט אויסגעשריבן. / דער יונגער שר פון ייִדיש / האָט זיך קוים איינגעהאַלטן / צו געבן אַ גלעט / די צעפּאַטלטע האָר פון פּאָעט. / ער האָט געלאָזט פאַלן / אָן איינציקע שטילע טרער. / נישט נס־חנוכּה, / נאָר נס־סוצקעווער.“

אַ פּנים, נס־סוצקעווער איז טאַקע איינער פון די מערערע בולטע קענצייכנס פון וועגן דער קוואַליקער עכטקייט פון דעם וואָס רופט זיך ייִדישע פּאָעזיע, כאָטש ווי אַזאַ האָט זי כּלל נאָך נישט זיך דערוואָרט אַ דעפינירנדיקן אייגננאָמען וואָס זאָל אַרויסרופן פאַרדינטע אַכפּערונג ביי דעם און יענעם. נישטמער, זי שטעלט פאַר מיט זיך עפּעס דער־הייבנדיקס אַפילו פאַרן נישט פאַרשטענדיקן בר־נש און דערפאַר איז זי אונדז אַזוי אייגן, די ייִדישע פּאָעזיע, ווי דאָס טעגלעכע ברויט פאַר אונדזער לייב און לעבן.

.1974

יוסף אַקרוטני

אַ ביסעלע שונד

קינסטלערס קרימען זיך דערויף, פֿיינשמעקערס קענען פֿיזיש עס נישט סובל זיין, אָבער די מאַסע וואָס האָט אַן אומבאַצווינגג צו קונסט פּונקט ווי זי פֿאַרשטייט זיך נישט אויף די אַלע באַזונדערקייטן וואָס איז אייגן דער עכטקייט — די דאָזיקע זענען כּלל קאַלט צו דער אייגנטלעכער ספּערע פֿון קונסט. אדרבא, זיי באַלעקן זיך גאָר מיט שונד און שטרעקן זיך צו דעם ווי צו אַ גוטן ביסן.

מסתמא דערפֿאַר, ווייל שונד איז אַזוי צו זאָגן „לייכט און גלאַט" און מיניעט מיט העלע פֿאַרבן אָדער מיט גרויסע אומגעריכטקייטן וואָס צערודערן די פֿאַנטאַזיע. נאָך מער — שונד זאָגט צו „דאָס ליכט פֿון גליק" פֿאַר די אומגליקלעכע. דערפֿאַר איז שונד אַ סחורה עובר לסוחר און ווערט פּראָדוצירט און קאָנסומירט „אין מאַסן".

וואָס עס איז אַזוינס שונד? דעם פֿרעג האָט מען שוין אַ סך, אַ סך מאָל געפֿרעגט, אָבער ער איז נישט פֿאַרענטפֿערט געוואָרן. דער ברייטער עולם חידושט זיך למאי מע פֿרעגט דערויף, וואָרן ער האָט ליב צו געניסן פֿון שונד. אַוודאי, עס איז בעסער, אַז מע פֿרעגט נישט אַזויפֿיל! ווייל שונד איז פֿאַר דעם סתם מענטש לגמרי נישט קיין טרייפֿענער אַרטיקל. שונד האָט די אייגנשאַפֿט פֿון סם. לכאורה איז ער זיס, אַפֿנאַרעריש. שונד איז זיסלעך, צומאָל לאַקריצדיק און גלאַנצט מיט די שרייִיקע גלאַנצן פֿון קאַלטע פֿייערן. אין אַן אַנדערן טייטש מיינט שונד די פֿאַרפֿירערישע נאַכט-פֿלעמלעך פֿון די פֿאַרצייטיקע זאַבאַבאָנע מעשיות וואָס פֿאַרפֿולן דעם פֿאַלקלאַר. שונד רעדט צום מערסטן אויף הויכע קולות, טייל מאָל מיט ריטמיזירטע ביי-קולעכלעך און ער פֿאַלט אַריין אין אַן אַטמאָספֿערע פֿון סענטימענטאַלקייט וועלכע מ׳קען חושד זיין אין שטימונג וואָס איז נאָענט דעם פֿאַרקלעמטן האַרץ.

אין כּלל גענומען איז נישט גאָר גרינג זיך צו כאַפּן ווו עס איז די דינע שיידליניע וואָס צווישן וואַרהאַפֿטיקייט — דעם פּרווושטיין פֿון קונסט — און שונד, וואָס שטעלט זיך אין דער פּאָזע פֿון אַ ירא שמים מיט אַן ערנסט פּנים פֿון מיטלייד פֿאַרן קרבן פֿון אומגליק. עס איז נישט קיין צופֿאַל וואָס די שפּראַך פֿון שונד איז אַ זשאַרגאָן וואָס גייט אויף שטאַלצן. די אַזויגערופֿענע שוואַרצערד פֿאַרן „לעגיטימען" שונד איז די אויפֿגעבלאָזענע לעבנס-דראַמע אַן אויסגעשפּילטע אויף די טומלדיקע

כאַראַקטער־קאָנטראַסטן; יאָ, אינסטינקטן־פייער און פּאַפירענע פאַנטאַסטיק געהערן אויך צו די אַקסעסואַרן פונעם שונד, וואָס שפּיצט אויס דעם קראַנקהאַפטיקן בייגיר פון זיינע נישט איבערקלייבערישע געניסערס.

עס איז נישט שכיח געווען צו דעפינירן וואָס עס איז שונד, ווייל שונד איז סיי דער אַנטיפּאָד פון קונסט, און סיי ער איז אַקטיווער פאַרדאַרבער פון איטלעכן פיינגעשמאַק. און אגב, פיינגעשמאַק איז שייך אויך אין פּאָליטיק. אין אונדזער לעבן ווירקט אויך דער פּאָליטישער שונד. ראיות דערויף קען מען ברענגען אַ סך, אַפילו פון דער טאָג־טעגלעכ־קייט, וואָס יורשט אָן שונד־האַנדלונגען אויף שריט און טריט. אין אַלגעמיין אָבער רעדט מען וועגן שונד, ווען עס קומט צו רייד וועגן אונטערגע־פעלשטער ליטעראַטור אָדער שפּלן טעאַטער. מיט דעם באַגרענעצט מען זיך אַליין דאָס זע־פעלד, ווי עס ווירקט דער שונד ווייט מחוץ דעם געשריבענעם וואָרט און אויך ווייט פון די בינע־ברעטער. שונד האָט אַ ווייט גרעסערן כוח, וואָס פאַרמיסטיקט דאָס לעבן און אַ רוב מענטשן ווירקן מיט פאַר זיין טובה וועגן, פאַר דער אויסשפּרייטונג פונעם שונד.

✶

אַוודאי, קיינער וועט נישט פאַרלייקענען אַז די פּאָפּולאַריטעט פונעם מטושטשן באַגריף שונד האָט מען צו פאַרדאַנקען די אומצופרידענע מיט אַ געוויסן מין ביכער און זשורנאַלן ווי אויך דעם לייכטן טעאַטער. מיר, יידן, זענען באַזונדערס שפּירעוודיק ווען עס האַנדלט זיך וועגן אָט־דער מחלה, ווייל יידישע ליטעראַטור און יידיש טעאַטער ווי ברייט־אָנגעווענדטע קולטור־פאַקטאָרן האָבן אין אונדזער תקופה געליטן שטאַרקע קלעפּ. עס איז מוראדיק איינגעשרומפּן געוואָרן די יידישע מאַסע וואָס האָט להוט אויסגעקוקט (ממילא סטימולירט דאָס אַנטשטיין) אַלץ נייערע ווערק פון דער יידישער ליטעראַטור און טעאַטער און עס איז איינגעטריקנט געוואָרן דער שאַפערישער קוואַל וואָס האָט בשפע גענערט אָט־די פּרוכטיקע צווייגן פונעם יידישן גייסט־בוים. דאָס געדייען פון קונסט ביי יידן האָט במילא פאַרכאַפּט די פליינעך, די היגלען און טאָלן פון יידישן קולטור־פעלד און עס איז נישט געבליבן גענוג אָרט און עס האָט נישט געקענט האָבן קיין אָנזען דער אויפשפּראָץ פונעם ווילדגעוויקס וואָס גראַמט שונד מיט שאַנד. פאַרקערט, יעדע דערשיינונג פון שונד איז פאַרטונקלט געוואָרן פונעם לעבנס־טראַגנדיקן כוח פון דער קונסט אין אַלע אירע אויסדרוקן, ס׳הייסט סיי אין דער ליטעראַטור, סיי אין טעאַטער און סיי אין דער פּלאַסטיק.

שונד האָט נישט געהאַט קיין דריסת-הרגל אין דעם ריין צוגעקליבענעם הויז פון דער יִדישער יוגנט, וועלכע איז געווען אידעאָלאָגיש באַלאָדן מיט פאָלק־ און מענטשהייט-מיסיע און ווי אַזאַ האָט זי דאָמינירט דאָס לעבן אונדזערס און עס באַפּרוכטיקט.

היינט, ווען מיר שטייען אויף די חורבות פון אַן אומגעבראַכט גרויס לעבן, שטאַרן אַרויס חוצפּהדיק די באַדעליעס פון כלערליי קלאָמפּערשט גייסטיקע אויסוווקסן און עס רייסן די אויגן די דערנער פון שונד. שונד אין אַלע שטחים פון לעבן, יאָ, אויך אין שטח פון דער אַזוי־גערופענער יִדישער גייסטיקייט, עס הייסט — ס׳זענען זיך אויסגעשטאַנען איינדולען פון פאַרפּסולתטן יִדישן פעלד.

אין אונדזער גאָרטן האָבן גענומען פאַרריסן זיך אַרויסהייבן די פאַרפּוסקודיעטע דערנער פון שונד, און וואָס נאָך ערגער: מ׳וויל זיי אָפן און פריי אַרויספירן אויפן ליטעראַטור־יאַריד ווי אַ סחורה מיט אַ קלאָמפּערשטן הכשר.

*

שווער זיך אָפּצוגעבן אַ חשבון, וואָס עס מיינט אייגנטלעך די דער־שיינונג שונד, אין וואָס זי דריקט זיך אויס און ווי אַזוי „זי פאַרשלייערט זיך אין מאַסקעס פון „טיפקייט״, „צאַרטקייט״ און „אידעיִשקייט״. הגם מ׳ווייסט נישט גענוי דעם באַטייט און די מיאוסקייט פון שונד ווי אַזאַ, קען מען זיך לייכט משער־זיין אַז דאָס איז אַ מין גייסטיקע צרעת וואָס איז עלול אָנצושטעקן אַ גאַר ברייטע פעריפעריע און שטעקט זי אגב אָן, די דאָזיקע צרעת. זי איז אַן אומגליק וואָס צינדט אָן (שוואַכע) מוחות ווי שטרוי און עס פאַרברענט (פאַרטומלטע) הערצער אויף די פייערן פון צעווינטיקטער פּוסטקייט.

ראיות? איר האָט זיי אָן אַ שיעור — ביי די צאַלרייכע, אייפעריקע קינאָ־גייערס, ביי אַ היפשן שיכט טעאַטער־באַזוכערס (פון אַ געוויסן מין טעאַטער) און איר האָט דאָס אין דער געזעלשאַפטלעכקייט. שונד איז אַ מין רעפּערטואַר פון פאַרשיידנאַרטיקע זשאַנערס, איינגעשלאָסן אויך די פּאָליטיק פון נידעריקסטן ביזן העכסטן גראַד. אַפילו — כדי צו רעדן אין ממשותדיקע טערמינען — ברעזשניעוו איז אַ פּאָליטישער שונדיסט און פ. קאַסטראָ שפּילט מיט די שונד־ראָלע פון אַ... ס׳איז דען אַ גרויסע נפקא־מינה וואָס פאַר אַ פּערסאָנאַזש ער איז פון המנס געזינדל?

*

אָפט הערן מיר אַ פאַראיבלדיקן געשריי: „שונד!״ מיר זעען אַן

אומרויִקע מינע ביים באַווייזן זיך פון שונד אין אַ וועלכן־עס איז אויסדרוק און דערפון זענען מיר זיך משער אַז דאָס איז עפּעס אומליבס, אומהיימ־לעכס. יאָ, אַזוינס ווי אַ געזעלשאַפטלעכע פּלאָג וואָרפט זיך אויף אַ מאַסע. דאָס ערגסטע איז דערין, וואָס די דאָזיקע אומגעזונטע דערשיינונג האָט דאָ און דאָרט „חסידים״, פּאַרטיידיקערס, צו מאָל באַגרינדערס אַז אַ ביסעלע שונד איז כלומרשט נישט געפערלעך. אַדרבא, אַ קאַפּיטשקע שונד, זאָגן די דאָזיקע, איז אַפילו נייטיק ווי אַ רפואה פאַר געשפּאַנטע נערוון. פאַר מענטשן וואָס ליידן פון שלאָפלאָזיקייט און עס איז „אַ מיטל״ פאַר פאַרוויילונג.

איר שטוינט? עס האָט זיך אַפילו צוגעשטעלט אַזאַ וואָס געפינט אויס אַז מענטשן, געזונטע, נאָרמאַלע, קולטורעלע מענטשן האָבן נחת פון סענסאַציאָנעלע ראָמאַנען, פון דעטעקטיוו־מעשיות. זיי רוען זיך אָפּ קלאָמ־פּערשט ביי אַזאַ לעקטור. אמת, ער געפינט אויס אַ טייל לייענערס פון סענסאַציאָנעלע ראָמאַנען שעמען זיך מיט די דאָזיקע ביכער ווי מיט אַ פּאַסקודנער זאַך וואָס שטייט נישט אָן פאַר אַ קלאָרן מענטשן. דער שרייבער יוסף בערנפעלד איז עס דער, וואָס נעמט זיך אָן די עוולה פון דעם מין „לייכטער״ ליטעראַטור, וועלכע עס איז כדאי צו לייענען. נאָך מער: ער איז מבשר אַז אַנומלט האָט ער געוואָלט אינספּירירן אַ ייִדישן פאַרלעגער אַז ער זאָל אַרויסלאָזן אַזעלכע סענסאַציאָנעלע ביכער אין ייִדיש. ייִדישע לייענער באַדאַרפן כלומרשט אויך אַזעלכע ביכער — ביי דער זייט פון קלאַסישע ווערק. האָבנדיק אַמאָל מיט אַ פּרץ, מיט אַ שלום־עליכם, אַ סערוואַנטעס, אַ באַלזאַק און שטיינבעק קאָן מען לייענען אויך אַ בוך פון ריימאָנד טשענדלער אָדער אָן ערל דער ביגערס. נישקשה, זאָגט י. בערנפעלד, לייענערס פון גוטע ווערק לייענען אויך אַ פּאָליציי־ראָמאַן, אַ קרימינאַל־געשיכטע און זיי שעפּן דערפון נחת. דאַרף דעריבער דעם ייִדישן לייענער אויך נישט פעלן אַזאַ ליטעראַטור. אַדרבא, ער רעקאָמענ־דירט זי אַריינצופירן אין אונדזער ביבליאָטעק. בערנפעלד האַלט אַפילו, אַז עס איז פאַראַן כלומרשט בעסערע און ערגערע שונד־ליטעראַטור. עס קומט אויס אַז מ׳דאַרף זיך אויסקענען אויף דעם מין ביכער. זיי זענען עס די שלאָף־פּילן פאַר די מידע און דער פאַרשיכורונגס־געטראַנק פאַר די פאַרלאַנגווייליקטע מיט די אָנגעשפּאַנטע נערוון.

„איך האָב מיר דעמאָלט געטראַכט אַז עס וואָלט געווען כדאי אַמאָל צו רעדן וועגן פּאָליציי־ראָמאַן און צו זאָגן, אַז מע קען פון אים שעפּן נחת און צו מאָל אַפילו נאָך מער ווי פון די אַזויגערופענע הויכע ליטעראַ־

רישע ווערק" — איז זיך מתנצל בערנפעלד פון כּרך פּאַריז און ער נעמט די זאַך ביז גאָר ערנסט. ער כאַראַקטעריזירט אַ ריי קאַטעגאָריעס לייענערס, וואָס לייענען די שונד־ביכער, וואָס אַ טייל באַהאַלט זיך אויס דערמיט און אַנדערע קוויקן זיך אָפּן מיט די דעטעקטיוו־ראָמאַנען. דערויף פּאַררופט ער זיך אויך אויף דער סאָוועטישער שרייבערין שאַגיניאַן, וואָס האָט צו גלייך מיט אים רעקאָמענדירט אַזאַ לעקטור. מאַריעטאַ שאַגיניאַן בויט איר אַרטיקל אויף אַ פאַקט מיט אַ „פּראָמינענטן סאָוועטישן פאַכמאַן און קריטיקער וואָס איז אַמאָל געלעגן קראַנק אין שפּיטאָל און האָט פונעם קראַנקנבעט גאַנץ פאַרצוויפלט טעלעפאָנירט צו זיינע פריינד, זיי זאָלן אים שיקן עטלעכע קרימינאַל־ראָמאַנען, ווייל ער דאַרף זיי האָבן געניייטיק ווי מע דאַרף לופט צום עטעמען". נאָך אַ ראיה האָט בערנפעלד פאַר זיין הנחה, וואָס באַרעכטיקט די פוילע שונד; אין פּראַג, אין „פאָלקס־דעמאָ־קראַטישן" טשעכאָסלאָוואַקיי האָט מען לעצטנס אַרויסגעגעבן אַ ראָמאַן פון דער באַוווסטער שונד ראָמאַניסטקע אַגאַטאַ קריסטיע און די גאַנצע אויפלאַגע פון 160 טויזנט עקזעמפּלאַרן איז באַלד צעכאַפּט געוואָרן. און אַרויסגעגעבן האָט מען דאָס בוך פון דער ענגלישער שונד־פאַבריקאַנטקע נישט כּדי צו מאַכן מיט אים „אַנטי־אימפּעריאַליסטישע" פּראָפּאַגאַנדע, נאָר כּדי דעם עולם אַביסל צו פאַרווײַלן... אַזוי זאָגט דער ייִדישער אינ־טעליגענט י. בערנפעלד, וואָס געפינט אויס כּלערליי ראיות אויף צו באַווייזן ווי וויכטיק עס איז דאָס קאַפּיטשקע שונד. בשעת־מעשה האָט בערנפעלד תּרעומות אויף סטוטשקאָוו, דער מחבר פונעם „אוצר פון דער ייִדישער שפּראַך" הלמאַי ער האָט אין זיין ווערק ניט אַריינגענומען די באַצייכענונג „פאַרווײַלונג־ליטעראַטור". ער חידושט זיך למאַי סטוטש־קאָוו „קען ניט דעם פּאָליציי־ראָמאַן", אַקוראַט ער וואָלט אונדז אויסגעפּעלט צום רומל. אויף אַזוי ווייט גייט עס בערנפעלדן אין אַריינפירן אין ייִדיש דעם פּאָליציי־ראָמאַן אַז ער זוכט צו אינספּירירן דעם נישט־פּאַראַנענעם ייִדישן פאַרלעגער אַז ער זאָל לפּחות לאָזן איבערזעצן אַ „גוטן פּאָליציי ראָמאַן" אין ייִדיש און דער ייִדישער לייענער וואָלט ממש געטאַנצט פון נחת.

...אמת, מיר זענען עדות פון מערערע אומנאָרמאַלע דערשיינונגען אין אונדזער לעבן; דער רוף אַריינצוברענגען דעם קרימינאַל־ראָמאַן אין ייִדישן ביכער־אַלמער איז מער ווי אַן אויסדרוק פון אומנאָרמאַלקייט. עס איז סתם אַ ווילדקייט וואָס האָט נישט קיין שום באַגרינדונג. אָט־דאָ שטייען מיר פול מיט ציטערניש פאַר די ייִדיש־פּאָזיציעס, מיר פלאַטערן

פון האַרבסטיקן געמיט

פאַר דער ציכטיקייט פון אונדזער ייִדיש־קאַמער, קומט פּלוצלינג אַ ייִדישער מענטש וואָס רופט אַריינצופירן אַ פּעסט אין דער ייִדיש־קאַמער, באַוווּסט־זיניק אַריינצוברענגען די דאָזיקע פּעסט, וואָס האָט זיך קיין מאָל נישט געקלעפּט צום מהות פון ייִדישן קולטור־באַוווּסטזיין.

יאָ, נאָך אַ קרימינאַל־ראָמאַן איז אונדז נייטיק.

דערבאַרעם זיך, הייסט עס, דערלאַנג אַ קאַפּעטשקע שונד און מיר וועלן זיין געהאָלפן.

1963

יוסף אַקרוטני

און ווער וועט ירשנען?

א

זינט פאַרגעסענע צייטן שטייען ווי אַ וואַנט די ווידעראַנאַנדן צווישן יונג און אַלט. דורות רופן זיך טאַקע איבער אין מערערע פּרטים, אָבער צווישן פאָטערס און קינדער האַלטן אָן אייביקע טענות, שטרייטן. אין גאַנג פון תּקופות האָט, וואָס אָן אמת, גאָר אַ סך זיך געביטן דער איינשטעל בנוגע די אַ דערשיינונגען, אַלאָ די באַציונג צו שטאַם און טראַדיציעס האָט ווינציק וואָס זיך געענדערט. די יוגנט גייט תּמיד אַוועק פון די אַלטע. מיר האָבן פאַר זיך דעם גלגל החוזר, די אומפאַרענדער־לעכקייט פון דער מענטשלעכער פּסיכיק. דער טאַטע איז היינט, ווי דער טאַטע פון אַמאָל, אייפעריק אויף דעם אַז דער זון זאָל זיין ענלעך צו אים, ער זאָל גיין אין זיינע דרכים. אונדזער פובליציסטיק האָט דאָס דעפינירט מיט אַ ברייטן באַגריף — המשך. באשר קיום־האומה איז באַגרונטפעסטיקט נאָר אויפן המשך צווישן די דורות.

יידן, וואָס זענען אין דער ערשטער העלפט פון אונדזער יאָרהונדערט אויסגעריסן געוואָרן פון כלערליי פיינדשאַפטן, זענען געוואָרן גוואַלטיק אָפּגעשראָקן פאַרן קיום־האומה. נישט געשען זאָל עס מער — דער חלף האָט די יידן שוין צו פיל פאַרשניטן; גזרות האָבן אונדז צעשטויבט איבער ימים און לענדער, שרפות און מגפות האָבן אונדז פאַרטיליקט, זענען מיר מוראַדיק אָפּגעשוואַכט געוואָרן ווי אַ נאַציע. לאָמיר זיך דערמאָנען: די צאַרישע פּאָגראָמען האָבן געמאַכט דעם אָנהייב דערצו, דערנאָך זענען געקומען די רעוואָלוציאָנערע אויפברויזן, לסוף די מגפה פון פּוילישן כוליגאַנישן אַנטיסעמיטיזם און דערנאָך ווי אַ גרונטיקע קאָנסעק־װענץ פון ברייט צעגאָסענעם פּוילישן שנאה־טייך, איז געקומען דער הוראַגאַן פון די היטלערישע יידן־שחיטות. יאָ, דער חשבון איז געוואָרן בלוטיק אָפּגעקיילעכיקט. בייזע גויישע כּוחות האָבן צעטרייסלט אונדזערע איינגעפונדעוועטע צענטערס און חרוב געמאַכט די דורותדיקע יידישקייט־ציוויליזאַציע. אין שיין פון געשיכטלעכן טאָג האָט מיט אימהדיקער געשווינדיקייט זיך אַראָפּגעלאָזן אויף אונדז אַ פיינלעכע שקיעה.

נישט קיין חידוש וואָס די ווידעראַנאַנדן צווישן יונג און אַלט זענען איצט תּהומיק טיף. יידישע קינדער זענען היינט מער דערווייטערט פון זייערע היימען, און דערויף זענען מיר גאָר שפּירעוודיק.

ייִדיש לעבן איז אונטערגעשוואָנקען אין יסוד. די סיבה איז קלאָמ־פּערשט אָן אויבנאויפיקע: דאָס איינוואָרצלען זיך אין די נייע וווינערטער איז אָנגעקומען כּקריעת ים־סוף. אין די חבלי־לידה פון אימיגראַציאָניסטישן „שטעלן זיך אויף די פיס״ האָט אונדז פאַרכאַפּט די חולאת פון גראָבער אַסימילאַציע מיט אַלע אירע נאָכווייענישן. עפּעס אַן אַנדערע הויט איז אָנגעוואָקסן אויף ייִדן אין די געענדערטע באַדינגונגען; מיר האָבן זיך אויך שטאַרק אָנגענומען מיט די פּירונגען פון די נישט־ייִדישע שכנים וואָס זענען, נאַטירלעך, אין דער מערהייט. צו ביסלעך (נישט אויסגערעדט זאָל עס זיין!) האָט זיך אונדז פאַרדרייט דער קאָפּ אויכעט פון דעם וואָס די טייסטערס זענען געוואָרן שווערער אין די בוזעם־קעשענעס און די שטיבער זענען ברוך־השם געשטעלט אויף הייוון.

נו, שפּע שלעפּערט איין די געהירן און טעמפּט אָפּ דעם חשק פּאַר... אַוודאי וויל איך נישט מוצא שם־רע־זיין אויף ברידער־ייִדן, אָבער שווייגן אין גאַנצן וואָס עס דריקט, טאָר מען אויכעט נישט.

ווײ, ווי דער משומד פון טרירער (קאַרל) מאַרקס האָט ריכטיק געטראָפן מיט זיין זאָג: „דער זיין געשטאַלטיקט דעם באַוווּסטזיין!״

די לופט פון אונטער די אַנדערע הימלען, צו וועלכער מיר זענען נישט געוווינט, די זאַטקייט פון איינגעזעסענע אימיגראַנטן וואָס אין דער גרויסער אַמעריקע האָבן זיי דעם צונאָמען אָלרייטניקעס, האָט דער כּלל־ייִדישקייט נישט געטאָן קיין טובה.

קלאָגן דערויף? אפשר וואָלט מען געדאַרפט קלאָגן אַזאַ אויסטערליש געקלאָג. צי וואָלט עס געהאָלפן? אַז מיר זענען „אין די הענט״ פונעם שר פון אונדזער פאָלקס גורל.

געוויס איז אַזאַ ענטפער נאָר פון יוצא וועגן. בלויז אַ קלאָרער, אָן־פּשרהדיקער נאַציאָנאַלער ייִד־באַוווּסטזיין וואָלט געקענט ענדערן לטובה דעם מצב פון דער לאָמיך־געמאַך־ייִדישקייט אין איר פולן קאָמפּלעקס, וואָס אויף דעם קומט אונדז אויס צו פאַרגיסן מעלאָדראַמאַטישע טרערן וואָס רירן קיינעם נישט.

בעוונותינו הרבים האָט די ייִדישקייט דערלעבט אַ ביטערע מערכה אַפילו צווישן ייִדן פון עלטערן דור. אמת, די וואַנט וואָס צווישן פאָטער און זון איז נישט פונאַנדערגענומען, אָבער איר שאָטן דריקט מער נישט אַזוי ווי אַמאָל, אַפילו ווען דער נייער דור ווידערשפּעניקט אין די פאַר־הייליקטע סענטימענטן פון טאַטע־מאַמע.

ב

פון דעסטוועגן וועט קיינער זיך נישט דערוועגן צו פֿאַרלייקענען אַז דאָ און דאָרט ווערן נאָך געמאַכט אָנשטרענגונגען צו פֿאַראַקערן אין דער טיף די דורות-אַלטע ייִדישקייט אין איר גאָרן פֿאַרנעם.

דער פֿאַרמעסט איז אַ ברייטער: ער נעמט אַרום די שארית־הפליטה פון חרובן ייִדנטום, וואָס האַלט אָן אַרום זיינע געצעלטן פון צפון־אַפריקע, מערב־אייראָפּע אַריבער דעם גרעסטן ייִדן־יישוב אין צפון־אַמעריקע, אויך אַרגענטינע ביז מדינת ישראל אַ נעץ פון ייִדישע שולן, חדרים, ישיבות, אַ ייִדיש־טעאָלאָגישן אינסטיטוט, אַ ישיבה-אוניווערסיטעט, רעלי־גיעזע לערער־סעמינאַרן, חסידישע דערפֿער מיט אינטערנאַטן פֿאַר לערנענ־דיקער יוגנט וואָס איז צעזייט איבער אונדזער אומאַרומנעמלעכער צע־שפּרייטקייט. אומעטום טראָגט זיך דער ניגון וואָס איז נאָענט דעם ייִדישן געהער:

> לערנט, קינדער, האָט ניט מוראָ,
> יעדער אָנהייב איז שווער;
> גליקלעך איז דער וואָס האָט געלערנט תּורה —
> צי דאַרף דער מענטש נאָך מער?

אַ פֿאַקט: דער יסוד פון ייִדישקייט באַזירט זיך דערעיקרשט אויפֿן טראַדיציאָנעלן לימוד וואָס איז פֿאַרוועבט אין אונדז מיטן באַנעמען דעם מהות פון ייִד־זיין. דאָ האָט די בכורה יענץ לערנען וואָס ווערט איינגע־פֿלאַנצט אין חדר, אין ישיבה. אין דער פּלוגתא צווישן וועלטלעכקייט און טראַדיציאָנעלער ייִדישקייט האָט באַשיימפּערלעך מנצח געווען דער זין פון דעם באַטעמטן פֿערז: „זעט זשע, קינדערלעך, געדענקט זשע, טייערע, וואָס איר לערנט דאָ" — —

און לאָמיר זיך נישט שעמען (כאָטש ס'טוט וויי), וואָס מיר זענען אַרויס באַזיגטע מיט דער „וועלטלעכקייט". מ'באַדאַרף זיך אָנגורטן מיט מוט און מודה זיין אַז מ'האָט געגרייזט אינעם לאַנגיאָריקן פּרווו איינצו־פֿלאַנצן אין יונגן דור די פֿילאָסאָפֿיע פון וועלטלעכער ייִדישקייט. טעאָרע־טיש האָט עס בשעתו געקלונגען שיין, די ווירקלעכקייט האָט עס אָבער אָפּגעוואָרפן. עס דערקלערט זיך מיט דער קאָליזיע וואָס עס האָט אונדז אַנטקעגן געבראַכט די אכזריותדיקע רעאַליטעט וועלכע האָט פון אירע אומצוטריטלעכע הייכן זיך צוגעקוקט ווי מ'פֿאַרלענדט אונדז אין סאַמע וואָרצל: ככל הגויים ווילסטו זיין, הויז פון אברהם, יצחק און יעקב? מעגסט עס באַגערן, אָבער נאָר ביז אַ געוויסן גראַד. עשיו איז נישט סובל

יעקבן. די אורשפּרינגלעכע ברידערלעכקייט זייערע איז דערטרונקען געוואָרן שוין אין נעפל פון די אורצייטן. פאַרגעס, פאַרגעס, ווייל מיט לעגענדע פּאַרזייט מע נישט דאָס פעלד וואָס דאַרף געבן זעטיק ברויט. אויב פלאַנצן נחת פון יונגן דור, קענען מיר — ניכטער געשאַצט — דאָס דערוואַרטן פון די תלמוד־תורהס וואָס פאַרקליגעגן די גאַסן פון וויליאַמס־בורג (אין נאָענטער שכנות פון ניו־יאָרק), פון די ישיבות און חדרים אויף די גאַסן עקוואַדאָר און וואַרנעס (אין בוענאָס איירעס), פון די תלמוד־תורהס אין ליעזש (בעלגיע) און ליאָן (פראַנקרייך) און פון די ישיבות פון בני־ברק, אין כפר חב״ד און וויזשניץ וואָס אין דער ייִדישער מדינה. איי, די פּיאהלעך ביי די דאָזיקע קינדער, די יאַרמלקעלעך? נישט קיין בייז אין דעם. מיר און דיר זאָל זיין פאַרן דאָזיקן בייז, שטאָטס אין גאַנצן אָפּגעמעקט צו ווערן ווי ייִדן פון דער איבערפלאַך צווישן די אומות פון אַ מיקלאָמפּערשטער וועלטלעכקייט וואָס איז נישט מילכיק און נישט פליישיק. און צוריקגעשמועסט: די נעמלעכע יאַרמלקעדיקע לערן־אינסטיטוציעס גיבן די ייִדישע קינדער אויך אַ וועלטלעכע בילדונג. אָבער האַנט ביי האַנט מיט דעם באמת ייִדישלעכן חינוך מוז אויפן דרך פון ייִדישקייט גיין אויך די היים פון דעם קינד. די היים מוז, נעמלעך, איינפירן אַ גרינטלעכן שינוי אין איר אויפפיר און דאָס איז — פאַרשטייט זיך — אויך נישט קיין פאַרברעך פנים־אל־פנים מיט דער געגרייסטער וועלטלעכקייט וואָס אַ היינטיקער ייִד קאָן זיך ווינטשן. ס׳וועט נישט זיין קיין לאָך אין הימל פון דער וועלטלעכקייט, אויב טאַטע־מאַמישער שבת און יום־טוב וועלן ווידער זיך באַווייזן אויף די שוועלן פון ייִדישע היימען. אַזאַ ייִדישקייט־רעוואָלוציע איז אויך אַ רעוואָלוציע, צו וועלכער עס איז כּדאַי זיך צו פאַרמעסטן מיט ערנסט, מחמת זי איז אוממיטלדיק שייך דעם אַזוי צעטרומייטערטן פּראָבלעם פון המשך, וואָס צו זיין תוך רירט מען זיך נישט צו מיט גענוגנדיקן ערנסט.

ג

ווי ווייטיקלעך עס איז די זאַך פון אויפריכטיקן מיין מיטן ייִדישן המשך אויף די ערדן וואָס זענען פאַרטאַרפּעט (כ׳מיין עס פון באַגריף טריפה) געוואָרן פון דער וועלטלעכקייט מישטיינס געזאָגט, איז כּדאַי זיך צוצוהערן צום רירנדיקן וויי־רוף פון איינעם פון אונדזערע קרעפּ־טיקסטע פּאָעטן.

בעריש ווײַנשטיין דער עפּיקער, וואָס איז לירישן אין זיינע פאַרנעמיקע

פּאָמעס וועגן אַמעריקע זיין וווּנלאַנד און וועגן זיין גאַליצישן שטאַמלאַנד, האָט אין נאָסטאַלגיע נאָכן יידישן שטייגער וואָס וועפּט זיך אויס אין זיינע אייגענע גבולן, אַצינד אַרויסגעשפּאַנט פון זיין אַליין־איינגעצאַמטער צעווייטיקטקייט מחמת דעם ראַפּטעמדיקן איינטריקענען פון די צווייגן אויפן יידישן בוים.

„באַלאַדע פון די ליכטיקע זיידעס" הייסט ביי בעריש וויינשטיינען זיין געשריי איבערן וויסטן פעלד, ווּהין עס האָבן פאַרבלאָנדזשעט זיינע לייבלעכע זין און אייניקלעך. ווילט איר, רופט דאָס פעלד אַמעריקע, רופט עס אויסטראַליע, אַרגענטינע צי אַפריקע. אַלץ איינס פאַרפאַלגט דעם דיכטער די פיינלעכע פאַרלוירנקייט אין דער פרעמד וואָס איז אויסגעדייוועט פון איעדן יידישן תוך.

דורותדיקע צוגעבונדנקייט צום שטייגער פון די אור־פּאַטערס, חלומות פון ביבלישן ארץ־ישראל און דאָס אייביקע אויסגעוואָרצלטקייט־געפיל פון עמיגראַנטן וואָס האָבן מיט שווייס אַרויסגעשלאָגן דאָס ברויט פון דער פרעמד, וועלכע מ'האָט בעל כרחו זיך באַמיט צו פאַרהיימישן — אָט וואָס עס איז די קאַנווע פון דעם דיכטערס האַרציקן געמעל. ס'איז באַשיימפּערלעך, נאָר דאָס געדעכעניש פון די ליכטיקע זיידעס איז דער טרייסטנדיקער אָנשפּאַר פון בעריש וויינשטיינען דעם ייד פון ריישע, וועלכער באַנעמט אין גאָרער עצבות וואָס אים איז געבליבן אין אָנבליק פון זיינע אייגענע קינדער און קינדס־קינדער.

די זיידעס זענען די דעמבעס פון זיין וואַלד וואָס ליכטיקט אים אָן די נשמה אין זיין עלנט אויף דער טומלדיקער וועלט פון שווימענדיקע אויטאָמאָבילן און אויגנרייסנדיקן ליכט פון בלענדיקע, נישט־דאַיקע לאָמפּן. די קערניקע יידישקייט וואָס די זיידעס האָבן געשפּרייט אַרום זיך מיט זייער פרומער איידלקייט, האָט ער געירשנט, דער יידישער דיכטער און די ירושה היט ער ציטעריק אויך אין דער מאָכטיקער אַמעריקע. אָבער די אייניקלעך זיינע — וואָס וועלן זיי אַרבן? זיינע אייניקלעך, זאָגט ער, וועלן נישט וויסן פון זייערע פרומע עלטער־זיידעס און אויך נישט פון די זיידעס, וואָס האָבן געבראַכט קיין אַמעריקע שיריים פון דעם רייכן יידישקייט־וועלטל. מילא, „נישט די געגאַלטע (זיידעס) וואָס האָבן דעם טלית־ותפילין פאַרוואָרפן" — די אָ זיידעס זענען לפי דעם דיכטער־נאַראַטאָר נישט אַזוי גאָר וויכטיק, שמועסט ער זיך איין בגוואַלד. אים גייט בעיקר אינעם געדעכעניש נאָך יענע וואָס די אייניקלעך האָבן נישט זוכה־געווען צו זען און זיי צו קענען.

פון הארבסטיקן געמיט

אָן אָפּשיין פון אַזאַ ייִדן, פון די באַגילדטע ספרים
האָט נאָך ווי ס'איז אַ שטראַל געטאָן אויף מיינע זין,
די געבוירענע אין לאַנד ביי די טייכן פון האָדסאָן.
נאָך געבליבן איז זיי ס'געדעכעניש פון זיינע שבתים;
דער ברייטער אויפשטראַל פון זיין טיש פּרייטיק־צונאַכטס...
די דינע ווייטקייט פון דער באָבעס פאַרגעלט געזיכט.
— — — —

...בלאָנדע־ברונעטע אייניקלעך, ווו וועט דאָס אַלץ אַהינקומען,
אַז פאַרענגלישט איז אייער הויזגעזינד, אייער נאָמען?
אפשר שטיקלעך דערפון זענען נאָך פאַרוואַלגערט אין וויליאַמסבורג.
כ'האָב אַליין געזען קלויז־ייִנגלעך מיט שפּרינגענדיקע פּיאות,
וויגנדיקע טאַטעס מיט רויטלעכע האָר און ירושלימער וואָר.

עס איז אַ געשריי פון צעציטערטן האַרץ, אַ טרעריקע בענקשאַפט צום תפארת פון יענעם שטייגער וואָס האָט געלויכטן מיט גייסטיקייט, אַרויסגעזונגען ממעמקים פון דער ייִדישער מחנה וואָס הגם זי האָט געליטן פון אַלע גלות־האַרבקייטן, איז זי דאָך געבליבן געטריי צו זיך און אירע קוואַלן וואָס האָבן נישט אויפגעהערט זשוזשן און שטראָמען.

ד

— ווער וועט ירשענען, ווע־עער?! — איז דער אינעווייניקדיקער רוף פון שאַרפן ייִאוש וואָס קומט פונעם דיכטער, דעם וואַרהאַפטיקן עומד פון געפלאָגטן ייִדישן געפיל מחמת מוראַדיקן עלנט.

נישט נאָר אַ באַלאַדע פון די ליכטיקע ייִדעס איז בעריש וויינשטיינס געזאַנג פון צער נאָכן אָפּגעמעקטן ייִדישן אַמאָל, עס איז נייערט אויך אַ געקלאָג אויף דעם וואָס עס בלייבט נישט ווער עס זאָל ירשענען דעם יופי פון דער לאַנדשאַפט מיט די ייִדעס, באָבעס און פעטערס, וואָס בלייכן שוין אויס אַפילו פון געדעכעניש.

מיט די מיטלען פון אַן עניו וואָס שטראַלט ביי זיין יעדן קער און ווענד מיט זיין לויטערער פּאַעטישער נשמה פון אַ טיף פאַרוואָרצלטן ייִד האָט בעריש וויינשטיין אויפגעשריבן אַ ווונדערלעך געדענקלעכע פּאָעמע וואָס איז סיי אַן אָנזאָג־צוואה פון אַ ייִד און אַ געטרייען זיידע צו זיינע אַמעריקאַנער אייניקלעך, סיי אַ הערלעכע מצבה אויפן קבר פון יענע ייִדישע דורות וואָס זייער אָנדענק בלייבט הייליק, נישט געקוקט אויף די ווידעראַנאַנדן צווישן יונג און אַלט.

1964

יוסף אקרוטני

דב סדן

א

דער ביז גאָר אָריגינעלער שרייבער דב סדן, וואָס מיר לייענען אים אַלע מאָל מיט באַזונדערן נייגיר, האָט זיך אַנטפּלעקט פאַר אונדז דער עיקרשט ווי אַ העברעיִש־שאַפער, כאָטש ייִדיש־לשון איז אַזוי צו זאָגן זיין לאַבאָראַטאָריע. אויפן ייִדיש־פעגאַז מאַכט ער זיינע באַלערנדיקע עקסקורסיעס אויף די וועגן־שטעגן ווו מאַמע־לשון האָט זיך אַנטוויקלט און געוואַקסן, צו מאָל פאַסמאַקעוועט ער זיך מיט די חנען און טעמים פון ייִדיש־פאָלקלאָר. נו, ייִדיש־לשון האָט סדנען אינספּירירט צו שאַפן אין ירושלים אַ קאַטעדרע און זיין אודיטאָריע, וואָס סטימולירט אים צו פאַרטיפונג אין דער שאַפערישקייט פון דער ייִדיש־קולטור און איר ליטע־ראַטור פאַר יאָרהונדערטערס. ייִדיש איז אים ליב אין שוועסטערלעכער פאַרבונדנקייט מיט לשון־קודש ווי מיט דעם מאָדערנעם העברעיִש. טאַקע נאָענט באַהאַפטן מיט ייִדיש־לשון, אָבער לאור־יום האָט זיך מער באַוויזן דב סדן דער עברית־שרייבער. דאָס וואַרפט זיך אין די אויגן, ווען מיר טרעטן צו זוכן וואָס כאַראַקטעריזירט אים בעסער, גענויער.

דער מפונק סדן וועט מן הסתם אָפּוואַרפן די־אַ קלאַסיפיקאַציע. ר׳וועט אויפווייזן אַז ער איז שרייבעריש צוויי־שפּראַכיק אוןביידע לשונות זענען פאַר אים אין אַ גלייכער מאָס ייִדיש־נאַציאָנאַלע שפּראַכן, פאָלקס־געטריי מחמת זיי פאַרבאַהאַלטן אין זייערע שייערס דאָס גאַרע פאַרמעג וואָס דער קרעאַטיווער גייסט פון פאָלק האָט אויסגעכאַוועט אין משך פון לאַנגע דורות.

וואָס אמת איז אמת. דב סדן איז שאַפעריש צוויי־שפּראַכיק כמעט אין אַ גלייכער מאָס. אָבער ריכטיק איז אויך אַז בעת אין כמות זענען דער רוב פון זיינע ביכער נאָר אין העברעיִש, איז אין ייִדיש פאַראַן — וועדליק אונדז איז באַקאַנט — נאָר עטלעכע בענד צונויפגעזאַמלטע כתבים, הגם ס׳איז באַשיימפערלעך אַז געשאַפן האָט ער מערערע. ריכטיק, וועגן ייִדיש שאַפן און וועגן ייִדישע שרייבערס האָט דער העברעיִשער מחבר סדן גאַנצע ווערק (למשל „אבני מפתן״, מסות על סופרי יידיש, תל־אביב, תשכ״ב, 316 ז״ז). סדנען דעם ליטעראַטור־פאָרשער פירט די ליבע צו דער ייִדיש־שאַפונג פון אונדזערע עלטסטע ביז די ייִנגסטע שרייבערס צום אויפדעקן די וואָרצלען פון זייער אוממיטלדיקער באַהאַפטנקייט מיטן עבר ווי מיטן הווה. אַנאַליטיש דערגראָבט ער זיך צו יענע קוואַלן וואָס באַלעבן

די אַטמאָספער פאַר קולטור־שפּראַצן, וועלכע געשטאַלטיקן זיך אויס ליטע־ראַריש. אגב איז פאַראַן אַ באַרעכטיקונג פאַרן כמות פון סדנס העברעיִש־שאַפן אַנטקעגן דעם, וואָס ער גיט אונדז אין ייִדיש. דער פאַרענטפער איז וואָס עברית איז די נאַציאָנאַלע, די אָפיציעלע שפּראַך פון מדינת ישראל און זי, די מדינה, איז דאָס לאַנד פון זיין לעבן אין דער טאָג־טעגלעכקייט, ממילא איז זי די אַטמאָספערע וואָס נערט זיין גייסט. און גייסט איז אַ קאָמפּליצירט וועזן וואָס לאָזט זיך נישט שפּאַלטן. דער פענאָמען דב סדן איז דער בעסטער עדות דערויף.

טאַקע ער, וואָס איז גרונטאָווגע אַריינגעטאָן אין עברית־שאַפונג, ר'איז אַפילו אַ מיטגליד פון דער וויסנשאַפטלעכער אַקאַדעמיע פאַר דער העברעיִשער שפּראַך, האָט זיך פון זיין היימישן בראָדער ייִדיש נישט אויסגעטוען. פאַרקערט, ער דענקט אין אַלט־היימישע קאַטעגאָריעס, כאָטש ער ווייכט נישט אין דער אייגענער צייט פון די וויסנשאַפטלעכע דיסציפּלינען בנוגע ייִדיש ווי עברית. אַפילו דער אופן פון אויסדריקן אין די־אַ לשונות זיין געדאַנקלעכקייט איז אַזאַ וואָס פּאַסט זיך נאָר פאַר סדנען דעם געלערנטן און שרייבער, וועלכער איז אַ מאדים אויך אין שפּראַכלעך שאַפערישער דערפינדערישקייט. אָפט מאָל קומט אויס זיך אָפּצושטעלן אויף די חידושים, וואָס סדן באַוויזט אין זיין ייִדישער וואָרטשאַפונג. געלעגנהייטן דערצו רוקן שוין אונטער. אַן אַריינבליק אין סדנס עסייען, צעוואָרפענע דאָ און דאָרט, רעדן דערפון קלאָר.

ב

דער זעלביקער צוויי־שפּראַכיקער ייִדישער שרייבער דב סדן איז, ווי געזאָגט, אויך — און דאָס איז דער תוך פון זיין ווירקן — אַ ייִדיש־געלערנטער. און ביידע, סיי דער שרייבער סיי דער פאָרשער־אַנאַליטיקער פון ייִדישן גייסטיקן שאַפן האָבן אין סך הכל אַנטפּלעקט אין סדנס ליטעראַרישן אויפטו דעם אייגנאַרטיקן סינטעז פונעם מפרש קריטיקער און ליטעראַטור־געשיכטלער מיט דער בפירושער נטיה פון אַ בעלעטריסט. מ'זעט עס אויף כלערליי אופנים אין זיין שפּראַכלעכער בילדעריש־קייט ווי אויך אין דער אידיאָמאַטישקייט, ווען ער נעמט צייכענען שטריכן פון ליטעראַרישע געשטאַלטן. אַפילו אַ משל פון דער אייגענער יוגנט איז סדנען צו דער האַנט, ווען ער וויל בולט מאַכן זיינע אַ סענטענץ. דאָס גלייכן העלפט ער זיך אַרויס שרייבעריש, אַנאַליטיש, מיט אַן אינטימער ד'ערמאָנונג. די סאַמע סדנישע אייגנשאַפט איז אָבער ניט אַרויסצולאָזן

פון דער האַנט דעם שפּאַקטיוו פון קריטישן אַנאַליטיקער, וועלכער קוקט אויף זיין אָביעקט מיט די אויגן פון אַ קינסטלער מיט דער אויסגעשפּראָכענער תשוקה צו ליטעראַטור, בעיקר ליטעראַטור ביי ייִדן וואָס האָט אַ דורי־דורותדיקן ייִחוס. אַוודאי, דער ייִחוס פון יעטוועדער קולטור איז דער יסוד פאַר איטלעכער קונסט. דב סדן איז באַוווּסטזיניק דערויף און ביז גאָר שפּירעוודיק אויף דעם דאָזיקן עלעמענט. דעריבן דער שמאַלצגרוב פון זיין גאַנצער שאַפערישער מי. נו, מירן מער נישט אָפּטיילן סדנס מי אין עברית פון ייִדיש צי פאַרקערט, ווייל מיר זעען דב סדנען דעם גאַנצן, דעם וואָס אין אים זינגט אינטעלעקטועל מיט דעם זעלביקן פאַרבענקטן קול סיי זיין העברעיִש סיי זיין ייִדיש, הגם זיין ייִדיש איז דאָך מאַמע־לשון וואָס נערט זיך מיט די זאַפטן פון ברויט און וויין און מיטן ניגון פון בית־מדרש־לערנען.

אַלץ איינס איז דער ווי דער אַנדערער אין דב סדנען אונדז נאָענט, כאָטש אונדזער ווינציקייט אַכפּערט מער דעם, וואָס גרייסט מאַמע־לשון ווי אַן אַקאַדעמישע דיסציפּלין און ווי אַזאַ האָט ער דערהויבן ייִדיש אין די אויגן פון דער ברייטער אינטעלעקטועלער וועלט. אמת, אין דער פאָרשונג פון ייִדיש ווי אַ פאָלקס־שפּראַך און ווי אַ ליטעראַטור־געשיכטלעכער אינסטרומענט איז דב סדן אַ פּיאָניר מיט זיין פאַרטיפונג אין אוניווערסיטאַרישער מדרגה. ער איז עס דער וואָס האָט פאַר ייִדיש־לשון געעפנט אין אַלט־העברעיִשן ירושלים אַ פענצטער צו די ווייטערע האָריזאָנטן פון דער אוניווערסאַלער גייסטיקער שאַפונג, ווו ייִדיש־לשון געפינט שטאַרקע באַריר־פונקטן.

יאָ, די ייִדיש־קאַטעדרע איז אָנגעמאָסטן פאַר דב סדנס כשרונות פון אַ געלערנטן, וואָס איז דורכגעזאַפּט מיט די ריחות און טעמים פון קולטור־אוצרות וואָס זיינע פאָרגייערס האָבן בשפע איינגעשפּייכלערט. דער אַקאַדעמישער ניוואָ איז צו מאָל ניכר אין טייל פון זיינע עפּנטלעכע לעקציעס. דער אַנאַליטיקער גייט אויך דאָ געפּאָרט מיטן טיף־זעעוודיקן קריטיקער־וויסנשאַפטלער פון סדנס קאַליבער, ד״ה פון אַזאַ וואָס האָט אין זיין מין נישט קיין גלייכן. דער געלערנטער אין אים איז פאַרקרובט מיטן בעלעטריסט. סדנ׳ס כאַראַקטעריסטיק פון אָפּאַטאָשוס דרך אין דער ייִדישער ליטעראַטור רעדט פון דער דאָזיקער אייגנשאַפט.

„לאָמיר אָנהויבן ייִדישלעך, מיט אַ משל, — הייבט אָן סדן זיין צייכענונג פון אָפּאַטאָשוס פאָרטרעט. — מיין עלטער־פעטער און רבי ר׳ יעקעלע בערגער, אַ למדן מופלג אין מיין אַלטער בראָדער היים, האָט

געהאַט גרויס עגמת-נפש וואָס זיינע בעסטע תלמידים זענען געוואָרן ראַבינערס לויט דער נייע מאָדע, בשעת ער האָט זיי געוואָלט זען רבנים לויטן אַלטן נוסח. דערפאַר פלעגט ער אונדז טאַקע איינשאַרפן די גרויסקייט פון די לעצטע גאונים און ער פלעגט זיי אויסמאָלן ווי אַ שאַרע הייזער, ווו יעדעס הויז האָט געהאַט זיין באַזונדערע מראה און זיין באַזונדערע מאָס — אָט דער גבאי איז סתם אַ גוט געביי און דער צווייטער איז אַ מויער (כלשונו אַ מאָוער) און ווידער אַ דריטער איז אַ פעסטונג ממש. קוים איז ער אָבער צוגעקומען צו יענעם, וואָס איז ביי אים חשובער פון אַלע, איז ער תחילת אַ ביסל צעטומלט געוואָרן און האָט זיך אַזוי אַרויס־געדרייט: וואָס איז דאָ דאָ צו ריידן. יענער איז דאָך אַ גאַנצע פּאָסעסיע. אָט אַזאַ מין געפיל באַפאַלט אונדז ווען מיר דאַרפן ריידן איבער אַ פּאַרשוין און אַן אויפטו פון אַפּאַטאַשוס שניט. אויך מיר דרייען זיך אַרויס ווי מיין האַרציקער רבי: וואָס איז דאָ דאָ צו ריידן. ס'איז דאָך אַ גאַנצע פּאָסעסיע, וואָס נעמט אַרום אַ גוזמא נחלות מיט ווערטשאַפטן אין לשער".

אַזוי געגעגט דער ליטעראַטור-מפונק סדן צו דער פערזענלעכקייט פון אַ ליטעראַרישן גברן. ער טויכט אַרונטער טיף אין מהות פון זיינע ווערק וואָס זענען באַזירט אויף אונדזער עבר, אויפן מיטלעלטער און אויף דעם צעטומלטן היינט. ער שיכט אָן פּלאַסטן פון אַפּאַטאַשון דעם גרויס־מייסטער אין אַלע זיינע דימענסיעס, פּאָלעמיזירט מיט טייל קריטיקערס וואָס האָבן זיך ניט דערגרונטעוועט צום תמצית פון זיין קינסטלערישן שאַפן. יאָ, דער פאַרשער סדן איז מסוגל אויך אָפּצוואַרפן הנחות פון אַנדערע, ווען זיי זענען טעותדיקע. ער מאַכט עס ביי פאַרשיידענע געלעגנ־הייטן. און דער פאַרשער גלייכט אויס דעם נייטיקן וועג פאַר באַזייטיקן שטרויכלונגען פון אַנדערע. אַזוי טוט ער צו מאָל אין זיין הספד־וואָרט נאָך דוד פינסקין. סדן ראַמט אָפּ דאָס ווילדגראָז וואָס די קריטיק האָט טעותדיק געלאָזט אָנוואַקסן אַרום דער שאַפערישער פערזענלעכקייט פון פינסקין, וועלכער איז געקומען פריִער פון געוויסע קלאַסיקער אונדזערע און ער האָט שאַפעריש זיך געעפנט אַ וועג אין נאָענטער שכנות פון די „פּאָסעסיעס". דאָס עיקרשטע וואָס סדן הייבט אַרויס אויף פינסקיס קאָנטאָ איז אַז ער איז געשטאַנען אויף דער שוועל פון אַקטועלן רעאַליזם און דער היסטאָרישער פּערספּעקטיוו. ביידע ליניעס זענען געווען אין אים פאַראייניקט. אָבער אויך דאָ טיילט זיך אויס מיט עפּעס דב סדן דער בעל מחדש; נעמלעך, דאָ קומט ער מיט אַ ניי־שאַפונג אויפן חשבון פון באַגריף הספד. ערשטנס קניפּט ער אָן אין דעם רושם וואָס הספדים

האָבן געלאָזן אויף אים גופא אין זיינע פריִע יאָרן. דעמאָלט האָט ער באַצייכנט די אַרויסטרעטונג אַנטקעגן דעם נפטר ווי די אַרויסטרעטונג פון אַ הספדיטאָר. נעם און פאַרגעדענק די שאַפערישע המצאה פון אַ קינסט־לער וואָס זעט, נישט צו פאַרגלייכן, אינעם גוזעגענען דעם בר־מינן ווי אַן אַקט פון עקספּעדירן, אויב נאָכגיין די אַסאָציאַציע פון עולם המסחר; אין אַ צווייט אָרט אין זעלביקן הספד־וואָרט באַצייכנט שוין סדן דעם באַקלאָגער ווי אַ הספדיאַנט. עס איז, אמת, אַ קליינער פּרט וואָס מיר געפינען אין וועג פונעם פאָרשער סדן, אָבער דער פּרט פאַרראָט איינציִיטיק סדנען דעם קינסטלער מיט שאַפערישער אינווענק. מיט אַזעלכע פּערל פון סדנס שפּראַכלעכן פאַרמעג באַגעגענען מיר זיך נישט זעלטן אין זיינע פאָרשערישע אַרבעטן און עסייען.

ג

דב סדנס וואָגיקע ייִדישע עסייען קען מען שוין געפינען אין זיינע ביכער. זיי טרעפט מען מער אין ייִדישע זשורנאַלן. אויף דער אַנאַליטישקייט פון זיין פאָרשערישן טאַלאַנט זאָגט עדות צו מאָל זיין עסיי וועגן ש״י עגנון. עס איז אַן אַרבעט וואָס סדן האָט אָנגעשריבן נאָך אין 1949, אין נומער איינס פון „די גאָלדענע קייט״, ווען דער איצטיקער ייִדיש־פּראָ־פעסאָר האָט זיך נאָך געחתמעט מיט זיין היימישן נאָמען בערל שטאָק. די פאַרטרעטירונג פון דעם פאַרדינסטפולן לשון־קודש שרייבער עגנון איז ווי ס׳איז סדנס שטייגער, אַ פאַרטיפטע, פון אינעווייניק אויפן דרויסן אַרויס. ראשית פאָלעמיזירט ער מיט די טעותדיקע אָפּשאַצונגען פון עגנונס ווערדיקייט און ער שטעלט אים אַוועק אין געהעריקן ליכט פון אָפּשאַץ.

„ווי אַ גרויסע רעטעניש, וואָס קוקט אָפּיר פון איר טיף־קלוגער באַהאַלטנקייט אויף די פאַרשיידנסטע טראָפּן פון גרויס און קליין און לאָזט זיי זיך שטופן און טומלען אַרום איר פאַרבאָרגענער שוועל — אַזוי, דאַכט זיך, קוקט ש״י עגנונס ווערק אויף די צווישן זיך צעאַמפּערטע טייטשן, וואָס האָבן זיך אַרום אים במשך פערציק יאָר און מיטן אָנטייל פון דריי דורות צוזאַמענגעקליבן״. דער אַנאַליז איז אַ טיף־גרייכנדיקער און שטיצט זיך אויף אַזעלכע אַטוטן, וועלכע סדן הייבט אַרויס אין פולער באַגרינדונג: „אמת, אַזאַ קוק אויפן דערציילער און זיין דערציילעריי האָט זיך געהאַט אויף וואָס צו שטיצן — סיי אינהאַלטלעך; דער נוסח פון אַ סיפּור־המעשה, סיי שפּראַכלעך: דער נוסח פון ספרי יראים, אָבער דאָס איז געווען אַן אויבנאויפיקער קוק און האָט זיך אַזוי צו זאָגן געלאָזט

אָפּגאָרן פון יענער באַזונדערער עפּישער קונסט, וואָס ווייסט מיט דער אייבערשטער פּאַרפּירערישער גלאַטקייט צוצודעקן דעם אונטערשטן דנאָ פון טיפע קעגנזאַצן. דער דאַזיקער קוק האָט נישט פאַרשטאַנען אַז דער העל־שימערנדיקער שפּיגל פון דער האַרמאָניע איז נישט קיין אַריטמעטישער צוזאַמענשטעל, נאָר אַ שאַפערישער איבערגאַס פון זיינע שטאָפּלעכע און פאַרמעלע קאָמפּאָנענטן... אַזוי צעפאַלט זיך אויך אַ שפּעטערדיקער טייטש: אָט האָבן מיר פאַר זיך די אמתע, ריינע פאָלקסטימלעכקייט וואָס גרויסע און קליינע האָבן געשטרעבט צו איר און בלויז אָנגערירט די פראַנדזן פון איר זוים, אָבער נישט דערגאַנגען צום פּינטל פון איר האַרץ". די בקיאות פונעם פאַרשער באַווייזט אַריינצודרינגען אין די עמקותן פון זעלטענעם דערציילער עגנון וואָס איז לפי זיין מאַניר פאָלקסטימלעך יידיש אין זיין העברעיש, אַזוי אויך אין דעם דערציילן פון דער אַלטער וועלט אין גאַליציע, כאָטש עס איז שוין פון אים גופא, פון עגנונען, פאַרוואָרפן אַ דערציילערישע בריק אין דער נייציטיקייט אַריין. דער פאַרשער דב סדן דערשלאָגט זיך נעמלעך צו די אינעווייניקייטן פון עגנונס גראַנדיעזער פשטות וואָס איבעראַשט אונדז.

און נישט נאָר עגנון. אויך אַנדערע העברעיש־שרייבערס זענען גענומען אויף סדנס שרייבערישן געלענדער. אַזוי זלמן שזר דער בעל זכרונות און עסייִסט, אין וועמען ער דעקט אויף די ווונדערלעכע וואַרעמקייט וואָס ער האָט אָפּגעגעבן דער פּאָליטישער אַרבעט פאַר גאולת העם, אָבער ער ווייזט אָן לפי שזרס פּאָרטרעטן וועגן גרויסע פּערזענלעכקייטן, ווי אַזוי דער עסייִסט און היסטאָריקער זענען אויפגעגעסן געוואָרן פונעם פּאָליטישן עסקן אין שזרן. דער אַנאַליטיקער אין סדנען קען נישט פאַרזען די בלויזן וואָס עס ליידט דאָס ליטעראַרישע ווערק. ער קומט אויך אַרויס מיט קריטישן פּירוואָרף קעגן געוויסע הנחות בנוגע טייל שרייבערס. און רעדט ער וועגן שלום עליכמען, הערט זיך פון אים נישט נאָר דער פאַרליבטער אין דעם קאַנאָניזירטן קלאַסיקער, נייערט עס הערט זיך דער פּראָפעסאָר, וועלכער דעקט אויף פאַר זיין אוידיטאָריע, דער ממשותדיקער און דער אימאַגינירטער, די תמציתדיקע אייגנשאַפטן פון שלום עליכמען, דעם וואָס הייבט זיך אויף אין זיין פולער פּאַטענץ ווי דער שאַפער פון גרויסן יידישן מאָנאָלאָג, דעם קינסטלער פון עפּיסטאָלאַרן זשאַנער אין יידיש און פון דער יידישער קאָמעדיע. יאָ, די פּסיכאָלאָגיע פון שאַפער און זיין ווערק איז ביי סדנען נישט קיין ביי־זאַך. שלום עליכם איז נעמלעך דער ריז וואָס איז אויפגעשטיגן אויף דער יידישער בינע מיט זיין מאָנאָלאָג,

און האָט שטאַרק אויסגענומען. אַזוי אויך מיטן בריוו־פאָרעם אין דער קאָמעדיע. דער אַנאַליז פון די מקורות, פון וועלכע שלום עליכם איז אַרויסגעוואַקסן, שײַנען מיט דער געזונטער וויסנשאַפטלעכער יסודותדי־קייט. דער געלערנטער סדן באַווײַזט זײַנע הנחות „דאָקומענטאַר". אַן ענלעכע איז זײַן באַלײַכטונג פון ייִדיש־שאַפערס פון ייִנגערן דור, פון ה. לייוויק, פון ש. ניגער, איציק מאַנגער, א. לעיעלעס וכדומם. אומעטום איז ער גרינטלעך, קלאָר. אַזאַ, אַן ערנסטן, אַ בעל מוח זעען מיר סדנען דעם געלערנטן באַפליגלט פון דער וואָרטקונסט.

ד

ווי האָט געזאָגט לדוגמא דער בראָדער עלטער־פעטער פון בערל שטאָק וועגן די גדולי תורה? דער איז אַ מויער, דער צווייטער איז אַ פעסטונג און דער, דער... וואָס איז דאָ צו ריידן, עס איז דאָך אַ גאַנצע פאָסעסיע וואָס נעמט אַרום אַ גוזמא נחלות מיט ווערטשאַפטן אָן אַ שיעור. דעם זאָג ברענגט דב סדן בשם אומרו פאַר דער כאַראַקטעריסטיק פון אַפּאַטאָשוס פולבלוטיקער ברייט־טעמאַטישער שאַפונג. דאָס נעמלעכע מעגן מיר אָנווענדן אויך אויף דב סדן גופא, דעם פילזייטיקן שרייבער און געלערנטן פון ייִדישלאַנד:

וואָס איז דאָ דאָ צו ריידן. ער איז דאָך אַ גאַנצע פאָסעסיע וואָס נעמט אַרום אַ גוזמא נחלות אין קינסטלערישן און אינטעלעקטועלן ייִדישן ליטעראַרישן שאַפן.

אסור, נישטאָ די מינדסטע איבערטרײַבונג אין דעם.

יאָרן און שמואל ניגער

שוין אַוועק לאַנגע יאָרן ווי ער איז אַוועק און מיר לעבן־איבער ווייטיקלעך דעם בלויז פון זיין פעלן!

אומדערבאַרעמלעך איז נישט געוואָרן שמואל ניגער, דער פאַרדינסט־פולער ליטעראַטור־קריטיקער, דער מיט דער הא הידיעה, וואָס זיין אָרט האָט קיינער נאָך נישט פאַרטראָטן.

מיר האָבן אַ יונגע ליטעראַטור און צו פיל בר־סמכאס זענען ביי אונדז נאָך נישט אויפגעוואַקסן. געווען אַ יעקב גלאַטשטיין, אַ נ. ב. מינקאָוו, אַ ברוך ריווקין, אַ ד״ר א. מוקדוני, אַ. גלאַנץ־לעיעלעס, וואָס האָבן זיך אויך אָפּגעגעבן מיט ליטעראַטור־קריטיק, ווי עס האָט עס געטאָן ד״ר שלמה ביקל, זענען זיי אויך איינגעזאַמלט געוואָרן צו זייערע אָבות. ערשט איז די ליטעראַטור־קריטיק אין דורכויסיקן עלנט. אָבער מיטן אַוועקגיין פון ניגערן האָט מען תיכף דערשפּירט אַז צווישן די אַלע וואָס האָבן זיך עוסק געווען מיט ליטעראַטור־קריטיק ווי אַ גרונטיקע פאָרשונג איז ער געווען איינער אַ פּוסק וואָס איז געבענטשט מיט אַן אויטאָריטאַטיווער פּער־זענלעכקייט. און איז ער צוגענומען געוואָרן, האָט זיך אין דער ייִדישער קולטורוועלט אויפגעהויבן אַ פאַרשטענדלעכע בכיה. ווייל עס איז געפאַלן אַ שר פון ייִדישן גייסט, אַ פירנדיקער קאָפּ פון דער ייִדישער ליטעראַטור.

יאָ, מיטן אַוועקגיין פון ניגערן האָט מען זיך ערשט אַרומגעזען ווי חשוב עס איז די פּאָזיציע, וועלכע ער האָט פאַרנומען. דעמאָלט האָט מען זיך געכאַפּט אַז אָן אים איז די ייִדישע ליטעראַטור געבליבן מוראַדיק פאַריתומט, אָן צו באַניצן זיך מיט דער טראַפּאַרעטער מליצה ווי ס'גייט דער פּסוק אין ענלעכע פאַלן. וואָרן ש. ניגער איז אַלע זיינע שאַפערישע יאָרן געווען דער, וואָס האָט געהאַט אַן אָפן אויג פאַר אַלץ, אָדער כמעט פאַר אַלץ וואָס עס האָט זיך געטאָן אויפן גאַנצן שטח פון דער ייִדישער ליטעראַטור־שאַפונג. ווי אַ געטרייער גערטנער, האָט ער צוגעהיטן אַז דער שפּראָץ וואָס זאָגט־צו זאַפטיקע פּירות, זאָל נישט פאַרדאַרבן ווערן. ער איז געווען דער היטער וואָס האָט געפּילעוועט דאָס פאַראַנענע.

עס איז נישט קיין גוזמא צו זאָגן אַז ווייטיקלעך שפּירט זיך די ליידיקייט וואָס איז געבליבן נאָך אים.

אין דעם ים קלאָג־אַרטיקלען וואָס האָבן זיך באַוויזן נאָך זיין פּטירה, זענען אויך געווען אָפּשאַצונגען וועגן זיין שאַפערישער פּערזענ־

לעכקייט, אַ זאַך וואָס ניגער האָט בחייו זיך נישט דערוואָרט. אַדרבא, ער גופא פלעגט אַרויסקוקן די אויגן אויף אַן ערנסטער אָפּהאַנדלונג וועגן זיינעם אַ נייעם בוך, שוין נישט צו רעדן וועגן אַ שטודיע איבער זיין גאַנצן שרייבערישן דרך. נו, אַ מענטש האָט מענטשלעכע שוואַכקייטן; אויך ניגער האָט געוואָלט זען אַן אָפּשאַץ פון זיין אויפטו. ער האָט עס אָבער נישט דערלעבט, אַחוץ געלעגנהייטלעכע שבחים בשייכות אַ וויכ־טיקער דאַטע אָדער אַ בוך וואָס איז אַרויס פון זיין פּען.

נאָך זיין אַוועקגיין האָט מען זיך אָנגעהויבן דערשלאָגן אַפילו אויף פּרוון פון כאַראַקטעריסטיקעס פון דער ניגערישער פּערזענלעכקייט. אַחוץ אויסנעמען, האָבן אַלע פּה־אחד געשטעלט דעם טראָפּ אויף זיין איינציק־אַרטיקייט, אויף זיין אָריגינאַליטעט אין פעלד פון דער יידישער ליטע־ראַטור־קריטיק. מ׳האָט זיך פאַררופן אויף באַזונדערע שטריכן פון זיין אינדיווידואַליטעט: ניגער איז געווען ליבלעך, געווען באַשיידן, ער האָט זיך דערווייטערט פון דעם, וואָס קען אָנגערופן ווערן — פּראַווען רבישן טיש אין דער ליטעראַטור, הגם מ׳האָט אַרויסגעקוקט אויף דעם. נאָך מער: מחמת עניוות האָט ש. ניגער נישט געוואָלט זיך שטעלן אין דער פּאָזיציע פון אַ פּוסק. ד״ר אהרון שטיינבערג, אַן ערנווערדיקער חסיד ניגערס, האָט אין גרויסן לאָמענט זיך צערעדט וועגן ש. ניגערס שולחן־ערוך וואָס ער האָט באַשאַפן פאַר אונדזער ליטעראַטור, ער, דער אַנאַליטי־קער וואָס זוכט אין יעדער ליטעראַרישער יצירה דאָס תּוכיקע, תּוכן ווי אַן עיקר, הגם ער איז אויך נישט מוותר אויף דער פאָרעם. ניגער דער אַב־בית־דין פון דער יידישער ליטעראַטור. ער האָט עס נישט געוואָלט, אָבער ר׳איז עס געוואָרן. מ׳האָט אים צוגעטיילט די דאָזיקע קרוין.

שמואל ניגער איז ראוי געווען די קרוין, וואָס די יידישע ליטעראַטור, די ליטעראַטנשאַפט, האָט אים אָנגעטאָן. דאָך — תּרעומות האָבן נישט געפעלט צו אים, תּרעומות אַזוי צו זאָגן פּרינציפּיעלע און אויך פּערזענ־לעכע. צי די פּרינציפּיעלע טענות אויף ניגערס אַדרעס זענען געווען די, הלמאי ער איז געווען האַרב מיט זיינע פּסקים צו די און יענע, בעת ער איז געווען שטאַרק נאָכגיביק לגבי דערשיינונגען בנוגע וועלכע מ׳דאַרף זיין מער געהיט, שטרענג. געננג צו דערמאָנען דעם וויכוח מיט ד״ר א. מוקדוני בנוגע דער פּרעמיע פאַר יצחק באַשעוויסעס „פאַמיליע מושקאַט״. עס האָט זיך געהאַנדלט נישט אין פּסלען באַשעוויסן דעם באַטייטיקן קינסטלער; דער פּירוואָרף קעגן ניגערן, ווי אַ מיטגליד פון דער זשורי וואָס האָט צוגעטיילט די אָנגערופענע פּרעמיע, איז געווען וואָס ער האָט

דעמאָלט נישט ריכטיק אָפּגעשאַצט דעם עלעמענט פון אַזוי־גערופענער פּאָרנאָגראַפיע (ווערליק מוקדונים באַהויפּטונג), וואָס עס אַנטהאַלט דאָס דערמאָנטע ווערק. דאָס איז געווען אַן ערנסטע, נישט נאָר טעאָרעטישע שקלאָ וטריאָ מכּוח דעם וואָס מיר פאַרשטייען אונטער דער באַצייכענונג „פּאָרנאָגראַפיע". דער אמת איז, אַז אויך אַנדערע קריטיקערס האָבן דאָס זעלביקע אויפגעוואָרפן באַשעוויסעס מאָנומענטאַלער פּראָזע. לעאָ פינקעלשטיין איז אַרויסגעטראָטן קעגן באַשעוויסעס איינשטעל צו זען אין די שענסטע געשטאַלטן פון זיין ווערק פאַקטישע אָדער פּאָטענציעלע נואפים; באשר ער זעט רעכט נישט קיין אָרנטלעכע צווישן די יידישע טעכטער. כמעט יעדע איז קאַפּאַבל צו לאָזן זיך פאַרפירן. ש. ניגער האָט רויק, הגם נישט אָן פאַרבאָרגענער ליידנשאַפט, אָפּגעפרעגט די דאָזיקע סברות וואָס שייך צו יצחק באַשעוויסן און זיין קונסט — בנוגע זיין בליק אויף פיזישער און מאָראַלישער אָרנטלעכקייט, ווי מ׳דאַרף זי באַנעמען ווי אַ ייִד און ווי אַ קינסטלער.

און נישט נאָר די אָ טענה צו ניגערן. מ׳האָט אין דער שטיל געפילט אַ ברוגז צום באַרימטן קריטיקער, הלמאי ער האָט מייסטנס זיך באַגרענעצט נאָר אויף אויבנאויפיקער רעצענזענטיק, וואָס באַשטייט הויפּטזאַכלעך אין צוטיילן הסכמות אָדער אַרונטעררייסן יענעמס אַ בוך. און מ׳איז געווען אומצופרידן וואָס ער האָט זיך אָפּגעגעבן סתּם ייִדישער אַקטועלער פּראָבלעמאַטיק, פאַרגענגלעכער פּובליציסטיק און נישט בלויז דער עבודת־הקודש פון ליטעראַטור־קריטיק און דער געשיכטע פון דער ליטעראַטור. מ׳האָט געהאַלטן: עס איז צו ווינציק און קליין פאַר דער קאַפּאַציטעט פון אַזאַ שאַפערישער פּערזענלעכקייט. מ׳האָט איבערגעחזרט אַז שמואל ניגער איז שולדיק דער ייִדישער ליטעראַטור די געשיכטע פון איר אַנטוויקלונג. אַוודאי, ער איז געווען באַרופן צו זיין דער היסטאָריקער פון דער נייער ייִדישער ליטעראַטור. ניגער האָט אָבער נישט באַרעכטיקט די האָפענונגען וואָס מ׳האָט אויף אים אַרויפגעלייגט. פון דעם אָפּשניט האָט ער אונדז געלאָזן נאָר ברעקלעך, בלעטלעך כראָניק וואָס די ליטעראַטור ווי אַזאַ האָט אייגנטלעך אַליין אויפגעשריבן. ניגער האָט נאָר צוגעגעבן זיין גבית־עדות, בלויז פאַרצייכנט דאָס געשעענע.

דאָס סינטעטישע ווערק וואָס מ׳האָט דערוואַרט פון אים, האָט ער נישט געשאַפן. זיינע גרעסטע עסייען וועגן דעם אָדער יענעם ייִדישן שרייבער, זענען ווייט נישט קיין באַזע פאַר אַ געשיכטלעך ווערק פון אַזאַ מאָס, ווי מ׳האָט עס געקענט דערוואַרטן פון ניגערן. אין בעסטן פאַל זענען

עס ציגל פאַר אַזאַ בנין. אַזעלכע ציגל האָט ניגער אויסגעקנאָטן מערערע. ער האָט אויך אָנגעשריבן ברייטערע שטודיעס וועגן איינצלנע גרויסע שרייבערס אונדזערע: וועגן שלום עליכמען, וועגן מענדעלען, וועגן לייוויקן און אויך וועגן פּרצן. וועגן שלום אַש האָט ער געגעבן בלעטלעך, ברעקלעך, וואָס פינקלען אַרויס פון אַשס פאַרנעמיקן שאַפונגוועג און די דאָזיקע בלעטלעך זענען פאַסט מאַרטעם, נאָך ניגערס פּטירה, צונויפגעשטעלט געוואָרן אין אַ בוך מכּוח דעם גאַנצן שלום אַש. איז עס אַ פולע מאָנאָגראַפיע וועגן דעם אַ גרויסן שרייבער? ניין, אַלץ נאָר ציגל, צו מאָל ווינקלשטיינער, אָבער נישט אַ ווערק וואָס איז כּולל די יידישע ליטעראַטור אין איר נייסטן אויפשוווּנג וואָס איז געשען פאַר ניגערס אויגן — מיט שלום אַשן ווי איינעם פון אירע גרויסע מייסטערס.

מיט זיין שאַפן האָט ניגער געגעבן אַ פּתחון־פּה פאַר מערערע פאַראיבלס. שווער זיי אויסצורעכענען על רגל אחת. און ס׳ווילט זיך נישט אַזוינס.

פאַרקוקט זיך אויף איינצלנע שאַפערס, וואָס זענען אים געווען נאָענט, אינטעלעקטועל נאָענט, האָט דער באַרופענער ליטעראַטור־קריטיקער פאַרזען אַנדערע זייער וויכטיקע שאַפערישע כּוחות, און טאַקע זיי נישט סטימולירט פאַר אַ ווייטערדיקן שפּאַן אויף אַרויף. דער רוגז אויף ניגערן איז געווען אַ באַגרינדעטער, אין אַ גרויסער מאָס. נאָך מער: מ׳האָט ניגערן, וואָס איז געזעצט געוואָרן אין אונדזער אויבן־אָן, פירגעוואָרפן הלמאי ער פאַרזעט אָדער וויל נישט דערזען ערנסטע דערשיינונגען אין אונדזער ליטעראַטור־שאַפן, אָבער ער באַמערקט דווקא געוויסע מיטלמעסיקייטן, וועלכע ער שענקט זיין אויפמערקשאַפט. און נאָך: ער ווייזט אַרויס אַ פאַרליבע צו זיינע ליטוואַקעס און אַ מתנגדישן ווידערווילן צו „פּוילישע" צווישן די שאַפערישע מענטשן פון זיין דור. מ׳האָט דייטלעך אָנגעטייטלט אויף ניגערס צוכאַפּן זיך ווי צו אַ געבראַטנס צו יעדן אַפילו מיטלמעסיקן בוך פון אַ ליטווישן מחבר, בעת אַנדערע יידישע מחברים האָבן אַפּט מאָל זיך נישט געקענט דערוואַרטן די לייטזעליקייט פון דעם אַ קריטיקערס אויפמערק. אויף וויפל דער פירוואָרף איז זיך סומך אויף ממשותדיקע אָבסערוואַציעס, נעמען מיר זיך נישט אונטער צו זאָגן. אַ פאַקט איז אָבער, אַז ניגער, דער קריטיקער האָט בכלל אַרויסגעוויזן אַ מאָס פון התנגדות צו אַ טייל שרייבערס, בתוכם אויך „פּוילישע", וועלכע האָבן נישט באַוויזן, מחמת עפּעס אַ סיבה, צו פאַרכאַפּן זיין פאַראינטערעסירונג.

אמת, אמת, פאַראַן אויך אַזאַ קאָמפּלעקס אינעם קוק אויפן בילד ניגער. איי, ער האָט אַ פערציק יאָר „געוואַרעמט" פּרצן, וואָס איז געווען

זער פּוילישער ייִד? ער האָט זיך געצאַצקעט מיט שלום אַשן, ר׳האָט „דערזען״ נאָמבערגן און אויך ייִנגערע פון פּוילישן שטאַמבוים? עס איז אַ סברה, וואָס איז נישט אָפּצופרעגן, אַז ש. ניגער האָט גאָר זיך אַליין געוואָרעמט ביי אָט די גאָט־געבענטשטע שרייבערס, פון זיי געצויגן יניקה פאַר זיין אייגענעם שאַפן, געוואָרן אינספּירירט פון זייערע ווערק.

און האָט ניגער געשריבן זיין בוך וועגן פּרצן, האָט ער עפּעס נישט געקענט אויסמיידן צו דערמאָנען מיט אומווילן דעם נאָמען פון דעם גרויסן דערציילער איטשע־מאיר וויסענבערג, וועלכער האָט בשעתו, ביי אַן אומ־היימלעכער געלעגנהייט, אַזוי אַ אויסגעגאָסן זיין צאָרן אויף דעם אָנגעזיפּעטן קריטיקער: „איך פאַרוואָר ניגערן צו פאַרדינען אפילו איין דאָלאַר אויפן גרונט פון מיין שאַפן״ (אָדער לערך מיט אַזעלכע ווערטער זיך אַזוי אויס־געדריקט). אַ פּנים, ניגער האָט דאָס נישט געקענט פאַרגעסן שרייבנדיק, אין בין השמשות פון זיין לעבן, וועגן פּרצן, דערמאָנט ער עס מיט פאַראיבל אויפן חשבון פון וויסענבערגן: אַז ער האָט אים, ניגערן, אַ מאָל געשיקט אַ בריוו וועגן פּרצן, האָט ער, וויסענבערג, געאָטעמט מיט שנאה... ער האָט צו אים געהאַט די האַרבסטע און ביטערסטע טענות. אַלץ געמיינט וויסענבערגן, ווען ער, ניגער, האָט געשריבן וועגן פּרצן, דעם פאַרשטאָר־בענעם, דעם געקריינטן. „ער האָט אין די לעצטע יאָרן אַרויסגעוויזן צו פּרצן — זאָגט ניגער — אויב נישט עפנטלעך, איז פּריוואַט — אַ היפּש ביסל אומדאַנקבאַרקייט״.

צו וואָס איז געווען נייטיק צו דערמאָנען בשייכות דעם צער איבער פּרצעס פּריצייטיקן אַוועקגיין, וויסענבערגס פאַרביטערונג? קענטיק, ניגער האָט אין אייגענער פאַרביטערונג זיך נישט געקענט באַפרייען פון אומווילן צו אַזאַ וואָס איז פּערזענלעך אים געווען אומליב. איז בכן אפילו אַזאַ אומ־היימלעכע געלעגנהייט אים געוואָרן באַקוועם אַרויסצוברענגען אַזוינס... משמעות, ניגער גופא האָט געהאַט גענוג סיבות צו זיין פּערזענלעך נישט ווינציק אומצופרידן, אָבער וואָס שייך א. מ. וויסענבערגן האָט ער, דער קלוגער ניגער, נישט געפונען פאַר נייטיק, צו מאָל פאַרבייגייענדיק (אין זיין פּרץ־בוך) צו זאָגן כאָטש איין וואָרט וועגן דער וויכטיקער פּאָזיציע וואָס וויסענבערג פאַרנעמט אין דער קינסטלערישער ייִדישער ליטעראַטור. און שרייבט ניגער זיין ווערק וועגן זיין באַליבטן יצחק־לייבוש פּרץ, זוכט מקורים פאַר דער גרינטלעכער פּרץ כאַראַקטעריסטיק, ניצט ער אַלע מעגלעכע פּרטים, געבראַכטע פון באַקאַנטע ווי אומבאַקאַנטע מחברים, נאָר די וואַגיקע אַרויסזאָגונגען פון דעם אָנגעזיפּעטן עסייִסט לעאָ פינקעלשטיין וועגן פּרצן

דערהערט ער נישט; און לעאַ פינקעלשטיין האָט אַ סך מאָל געשריבן וועגן דעם מחבר פון „די גאָלדענע קייט", אים אַנאַליטיש אָפּגעשאצט, און ער האָט געהאַט וואָס צו זאָגן וועגן פּרצן. אָבער ניגערס פּרץ־בוך איז בעמיש אויסגעוואָשן פון פינקעלשטיינס נאָמען. דאָס וואַרפט זיך אין די אויגן. פאַר וואָס? אויב נישט פאַר דעם וואָס לעאַ פינקעלשטיין דער עסייִסט איז געווען אַ פּוילישער ייִד — איז עס געשען מסתמא מחמת דעם וואָס ער איז ביי אַ געלעגנהייט שרייבעריש אַרויסגעטראָטן קעגן ניגערס איינשטעל בנוגע אַזאַ אָדער אַנדערן ליטעראַרישן ענין. מהאי טעמאָ לאָזט זיך גלייבן אַז דער קריטיקער ניגער איז נישט אַלע מאָל געווען פריי פון אומקאָנטראָלירטע ליידנשאַפטן אָדער סענטימענטן וואָס האָבן שולט געווען אויף זיין פּען אויף אַזאַ אָדער אַנדערן אופן. און דאָס וואָס ער, דער קריטיקער, האָט מכּוח אַזאַ יוסטן פּראָזע־מייסטער ווי יוסף אָפּאַטאָשו נישט אָנגעשריבן קיין איין בריטערן עסיי — מיט וואָס דאָס דערקלערן? ריכטיק, אָפּאַטאָשו איז געווען אַ פּוילישער ייִד און דווקאָ נישט אַזאַ וואָס מ׳קריגט „דריי פאַר אַ גראָשן". אַ סימן דערפון האָבן מיר צו מאָל אין דער אויס־פירלעכער ביבליאָגראַפיע פון ניגערס פּרץ־בוך.

אָבער דאָס אַלץ איז אגב־אורחא. אין סאַמע פולן און גאַנצן, איז ש. ניגער געווען דער אַב־בית־דין פון אונדזער ליטעראַטור־קריטיק, ווערליק דער טרעפלעכער דעפיניציע פון זיין ראָל אין דער ייִדישער ליטעראַטור אין משך פון עטלעכע יאָרצענדלינגער. און זיין אָרט איז עד־היום געבליבן ווייטיקלעך ליידיק. די מעגלעכע שאָטנס וואָס קענען אפשר פאַלן אויף ניגערס מענטשלעכער געשטאַלט, קענען בשום אופן נישט מינערן זיין באַטייט ווי דער געזאַלבטער אויסטייטשער פון ייִדישן ליטעראַרישן שאַפן אין די לעצטע צוויי דורות.

אָן שמואל ניגערן איז די ייִדישע ליטעראַטור פּיינלעך פּאַראַלמנט געוואָרן.

.1969

שלום אַש

שוין צוואַנציק יאָר זענען אַוועק זינט דאָס פיזישע געביין פון שלום אַש ע״ה רוט אין עלנטן קבר אויף אַן ערגעצדיקן לאָנדאָנער בית־עולם. שלום אַשן, דעם גרויסן ייִדישן קינסטלער וואָס איז אויפגעגאַנגען ווי אַ זעלטן געוויקס פון ייִדישן מאַסן־לעבן אין פוילן, געגערט אין זיין שאַפערישקייט פון דער ייִדישער מאַסע און אירע וואַנדלונגען, איז באַשערט געוואָרן צו שטאַרבן אַ דערוויטערטער פון דעם גרויסן ייִדישן כלל. ער איז פאַרשריגן געוואָרן, באַליידיקט, כמעט פאַרשטויסן פון די, וועלכע וואָלטן על פּי זייער נאַטור און זייער באַרוף באַדאַרפט אים ליבן און הייבן ווי איינעם פון די אויסדערוויילטע זין פון ייִדישן פאָלק.

האָט דאָך שלום אַש, דער באַזינגער און באַשרייבער פון ייִדישן לעבן דאָ און אומעטום, דער וווּנדערלעכער קינסטלער־כראָניקער פון ייִדישן קיום אין שטעט און שטעטלעך פון אייראָפּע, אַמעריקע און ארץ־ישראל, דער שילדערער פון ייִדישן גייסטיקן און פיזישן מהות היינט און נעכטן און אין דעם היסטאָרישן אַמאָל, זיך איינגעקויפט אין געדענקשאַפט און שבחים ביי אַן אומגעהויערער לייענערשאַפט. און דאָך איז שלום אַש, דער באַרימטער ייִדישער שרייבער, „פאַרמשפּט געוואָרן" צו שטאַרבן אין ענגן קרייז פון זיין נאָענטער משפּחה און זיין לוויה איז געווען די צער־פולע לוויה נאָר פון געציילטע, פון די סאַמע נאָענטע — אין קעגנזאַץ צו דער געוווינשאַפט ביי פעלקער (און אויך ביי ייִדן), אַז זייערע פאַר־דינסטפולע זין ווערן אויף אַ קול באַוויינט און באַגלייט אין זייער לעצטן וועג פון דעם רוב־עם. אַנדערש איז געווען מיט שלום אַשן.

ס׳איז טרויעריק, אָבער אמת. ווייל גורלדיק טראַגיש איז געוואָרן דאָס לעבן און שאַפן פון דעם אומפאַרגעסלעכן ייִדישן שריפטשטעלער אין די לעצטע אַנטדערטהאַלבן יאָרצענדלינג פון זיין קינסטלערישער עקסיסטענץ. ס׳איז געשען מחמת אַ טעותדיקן אָפּשאַץ פון זיין שפּעטערדיקן ווערק, וואָס האָט געגעבן אַ געלעגנהייט פאַר בייזוויליקע און פאַרבלענדטע צו פאַר־ביטערן די עלטערע יאָרן פון דעם באַליבטן ייִדישן שרייבער.

יאָ, די קאָמפּליצירטע טעמע דער קינסטלער שלום אַש איז עד־היום געבליבן דער קעגנשטאַנד פאַר אַ גרויסער סאָציאַל־פּסיכאָלאָגישער שטודיע. ס׳איז אָבער פּראָבלעמאַטיש צי אין דער ספערע פון אונדזער ייִדישער ליטעראַטור ווערט צוגעגרייט דער באָדן פאַר אַזאַ טיף־אַרומנעמענדיקער

פאַרשונג; מחמת שלום אַש, אַזאַ גרויסער יידישער שרייבער, האָט אַפילו זיך נישט דערוואָרט קיין מאָנאָגראַפיע פון זיין אייגנאַרטיק ווערק, הגם געשריבן וועגן אים האָט מען אַ סך, מ׳האָט אים אָפּגעשאַצט, געלויבט און אויסגעקריגט זיך דעם קריג פון זיין אומצווייפלהאַפטיקן הויכן אָרט אין דער ייִדיש־שאַפערישער גייסטיקער סביבה. אמת, די ייִדישע ליטעראַטור האָט — אַ חוץ קליינע אויסנאַמען — נאָך נישט זוכה געווען צו האָבן אַזוינס ווי גרינטלעכע מאָנאָגראַפיעס פון אירע באַדייטנדיקסטע שאַפע־רישע פערזענלעכקייטן. דאָס וואָס איז ביז איצט אָנגעשריבן געוואָרן וועגן שלום אַשן זענען עטיודן, אָנהייבן, פּרוּוון, ממילא האָט מען נאָך נישט אַריינגעדרונגען אין שטח פון דעם, וואָס די קריטיקערס ווילן באַצייכענען ווי שלום אַשס בלאַנדזשענישן.

סיי ווי איז די געשטאַלט פון דעם שרייבער שלום אַש נאָך אַלץ אין דער בחינה פון דעם רוי־טייג וואָס קוקט אַרויס אויף אַן אַריינדרינ־גענדיקן קינסטלער און פּסיכאָלאָג־דיאַגנאָסטיקער. און ער איז עס געווען דאָס געצערטלטע קינד פון יידישן שאַפן און — אַ באַנייער. מחמת געלעבט און געשאַפן האָט ער ווי אַן אייפערדיקער יידישער קינסטלער און ביים סוף פון זיינע יאָרן איז ער פאַרשריגן געוואָרן ווי אַ... ריכטיקער וועט זיין נישט אַרויסצוברענגען דאָס, וואָס מ׳האָט אומבאַרעכנטערהייט פּירגע־וואָרפן דעם געלויבטן און פיל־געלייענטסטן יידישן מחבר. נו, נישט גערעכט איז י. ראַפּאַפּאָרט מיט זיין שאַרפער קריטיק בנוגע די אַזוי גערופענע אַשישע קריסטוס־ראָמאַנען און בייזוויליקייט הערט זיך אַרויס פון דעם פּאַמפלעט וואָס עס האָט אָנגעשריבן אויף דער זעלבער טעמע דער פייער־דיקער בעל־תשובה חיים ליבערמאַן. און דער „פאָרווערטס״־רעדאַקטאָר אב. קאַהאַן האָט זיך זיין באַזונדערן חלק אין דעם פּאַמפלעטישן אַרויספאָר קעגן דעם, וואָס האָט מיט זיין ווערק אַזוי באַרייכערט די יידישע ליטעראַטור.

*

נישט אומזיסט איז דער קריג קעגן שלום אַשן. ווייל מי גדול כשלום אַש? מיר האָבן געהאַט און מיר האָבן אָנגעזעענע יידישע שרייבערס, וואָס יעדער פון זיי טראָגט צו זיין וויכטיקן חלק צום בנין פון דער פּראַכטיקער יידישער ליטעראַטור. עס וועט קיינער נישט אָפּפרעגן די גרויסקייט פון דעם און יענעם אין דעם עלטערן דור יידישע שרייבערס; יעדן ווערט מיט רעכט צוגעשריבן דער באַזונדערער שטאַפּל פון דערגרייך אין פּרט

פון מאָלן ווינקלען, פראַגמענטן פון דעם אומאַרומנעמלעכן בילד פון דער ייִדישער צעשפּרייטקייט צווישן פעלקער. שלום אַש איז אָבער אַנדערש פון אַלע, ער איז אַנדערש מיט זיין זעלטענער מעלאָדיע. זיין שווונג איז אומגעהייער, גרעסער פונעם פאַרנעם, וואָס דער רוב ייִדישע וואָרט־קינסטלערס האָבן דערגרייכט אין זייער ערנסטן פאַרמעסט. שלום אַשס מיטצייטלער איטשע מאיר ווייסענבערג איז געבליבן אין שטעטל, ה. ד. נאָמבערג איז געבליבן אויפן ראַנד פון שטעטל, הגם אינטעלעקטועל האָט ער זיך געשטרעקט צו דער גרויסער וועלט; דוד בערגעלסאָן, דער מייסטער־דערציילער איז כולו שטעטל, כאָטש דאָ און דאָרט פילן זיך ביי אים שוין קאָנטורן פון שטאָט. אַפילו דער גערימטער פּרץ איז נישט אַוועק פון קליינעם שטעטל, הגם זיין פּראָבלעמאַטיק האָט דאָ און דאָרט אָנגעשפּאַרט אויך אין דער גרויסשטאָט, אָבער דאָס איז לרוב געווען פּרץ פון די „אויפזאַצן", פּרץ דער פּובליציסט־עסייִסט. יאָ, פּרץ דער ייִדישער שרייבער האָט קינסטלעריש זיך געצויגן צום אוניווערסאַלן, הגם די מאַטעריע, אין וועלכער ער האָט זיך שאַפעריש באַוועגט, איז געווען דורכויס ייִדיש. דאָס וויכטיקסטע ווערק פון פּרצן הויערט אָבער אין שטעטלשן תחום. אַנדערש, ווייט אַנדערש איז עס מיט שלום אַשן. אַפילו ווי דער שילדערער פון שטעטל איז אַש אַנדערש, גוואַלדיק אַנדערש פון די מערסטע שטעטל־באַשרייבערס ביי אונדז. און אַזוי באַדאַרף עס זיין. מחמת יעדער קינסטלער איז אַ באַזונדערע אייגנאַרט. שלום אַש איז כידוע דער דיכטער פון אידילישן שטעטל. אי דער ייִדישער באַלעבאַטישער שטייגער, אי די דראַמע פון ייִדישן מענטש וואָס אים איז באַשערט געוואָרן צו לעבן נאָר אין שטעטל, איז אין אַשס קינסטלערישן ליכט אַן אידילישע דראַמע, אויב מ'קען אַזוי זאָגן. שוין אין זיינע פריִע דערציילונגען (די זאַמלונג „אין אַ שלעכטער צייט" און אַנדערע) קומט צום בולטן אויסדרוק אָט דער אַשישער עלעמענט. דאָס זעלביקע אויך אין דער פּאָעמע „ר' שלמה נגיד" הערט זיך דער דערשטיקטער קוויטש פון דער שטעטלשער דראַמע, וואָס עס לעבט איבער דער ייִדישער מענטש אונטערן דרוק פון דורותדיקן לעבנספּיר. און די שטעטלשע דראַמע פון יענקל שאַפּשאָוויטש, אין דער אַשישער אינטערפּרעטאַציע, איז דען נישט אַ פּראָבלעם שוין פון אוניווערסאַלן דערגרייך — די ספר־תורה איז דאָ ייִדישער אַקסעסואַר, די שיין פון דער ייִדישער מאָראַל, אָבער דער ווייַ פון אָפּגעבריטן פּאָטער, דאָס געשריי פון דער אָפּגעשפּירטער וווּנד איז — אַן אוניווערסאַלער געשריי פונעם מענטש וואָס וויל זיך אַרויסרייסן פון דער טומאה. דאָס

וויל זאָגן, אַז שאַפּשאָוויטש שפּאַרט שוין אַרויס מיטן קאָפּ פון שטעטל. ווייל אַש דער קינסטלער פון שטעטלשן מאָטיוו, רייסט זיך מיט אַלע זיינע כוחות פון דער שטעטלשער ספערע. ער גייט מיט מיט זיינע שטעטלשע העלדן אין דער גרויסער וועלט אַריין, מאַכט דורך מיט זיי זייערע פּיזישע און מאָראַלישע ליידן וואָס די פרעמדע וועלט איז גורם דעם מענטש מיט דער דריבנער השגה. ס׳ווערט געבוירן די נייע דראַמע פון יידישן מענטש. אַנקל מאָזעס, דער שטעטלשער פּאַרשוין איז אין ניו־יאָרק אונטער שאַרפע פּסיכישע נסיונות, ער ענדערט זיך אויבנאויפיק, כאָטש אין דער אמתן בלייבט ער נאָענט צום קוילער־געסל, און צום מאַרק, ווו מאנדריק שוסטער קוקט אַרויס אויפן פויערישן קונה.

שלום אַש איז דער וואָרצלדיקער שילדערער פון שטעטל, ס׳שטעטל אין זיין פּסיכאָלאָגישן בילד שוין אויפן פּאָן פון דער גרויסשטאָט, נו, אַפילו אין ניו־יאָרק. אַש דער פּראָזע-קינסטלער האָט מיט דער סטיכיע פון זיין טאַלאַנט גליקלעך אויפגעטויכט אויך אין דער גרויסשטאָט אין איר פולן טעמפּאָ. דאָ איז ער אויך מיט שטעטלשע טיפּן, אָבער נייע אידעען באַוועלטיקן אים שוין. אין דער טרילאָגיע דריי שטעט, האָבן מיר אַשן שוין אויף יענער זייט שטעטל — מיר זעען דעם שטעטלשן דיכטער אויפן ברייטן שליאַך פון דער וועלט, וואָס איז מעוברת מיט וועלטיקלעכע, צאַפּל־דיקע פּראָבלעמען.

האָט ש. אַש דער דיכטער פון דער שטעטלשער פּאָעמע, פון דער לעבעדיקער אידילישער נאַטור געקענט אָטעמען מיט דער פולער ברוסט די לופט פון דער גרויסער וועלט, צו וועלכער ער האָט אַמביציעז זיך געשטרעקט ?

דאָ דערגייען מיר צו דער דראַמע פון דעם יידישן שריפטשטעלער שלום אַש.

שלום אַשן דעם קינסטלער האָט אויך אַ גליקלעכן אופן געפירט די אַמביציע צו דערגרייכן די אומאַרומנעמלעכע גרויסע וועלט. און וועלט מיינט די קאָמפּליצירטע פּראָבלעמאַטיק, און אין דער אַספּיראַציע דאַרף מען זוכן די פּאַטאַליטעט פון דער אַשישער קינסטלערישער אַמביציע.

ווייל אין סך הכל וואָרצלט אַש בראשו ורובו אין שטעטל. אין קוטנע, אין גאָסטינין און אין שעמעניץ איז די ספערע פון זיין זעען און פילן. דאָס אַריבערשפּאַנען דעם דאָזיקן גבול האָט שוין געשמעקט מיט סכנה פאַר דעם קינסטלער. ער האָט טאַקע געגעבן פּאַרכאַפּנדיקע בילדער פון דער גרויסשטאָט. ער איז מיט מענלעכער קראַפט געשוווּמען אין די וואַסערן

פון עפּישן שטראָם, ער איז אָבער נכשל געוואָרן ווען ער האָט פילאָסאָפיש געוואָלט אויפנעמען פּראָבלעמען. אַש, דאָס קינד וואָס האָט שפּילנדיק ביים ברעג פון קוטנער טייכל אויפגעשטעלט אַ שיין קאָרטנהייזל (ווערליק בעל מחשבותעס דעפיניציע פון אַשס קינסטלערישן מהות), איז געשטרויכלט געוואָרן ווען ער האָט זיך צוגערירט צו פּראָבלעמען. ער איז דער דיכטער פון אוממיטלדיקן זען און שילדערן מענטשן און געפילן, אָבער קינסט־לעריש לייזן פּראָבלעמען פון מאָדערנעם לעבן, איז געווען אַשס שוואַכסטער עלעמענט. און שאַפעריש איז אַש געווען אַ שטאַרקער קוואַל וואָס האָט געזוכט זיינע וואָרצל־אָדערן אין די תהומישע טיפקייטן מחוץ די רוטינערע אונטערערדישע וועגן. דערצו איז ער געווען טעמאַטיש דערפינדעריש און להוט צו באַלעבן שטחים, וועלכע זענען היפּוכדיק צו זיין אייגנטלעכן עלעמענט. אויף דער פלאַך פון אידיליע, פון דער יידישלעכער שילדערונג און פון מענטשישע ליידנשאַפטן, איז אַש געווען דער גליקלעכער קינסטלער, אַפילו ווען די טעמע איז געלעגן אין געשיכטלעכער פּערספּעקטיוו. זיין „קידוש השם" וואָס איז באַזירט אויף דער תקופה פון באָגדאַן כמיעלניצקיס ביטערע גזירות קעגן יידן, איז אַ שלימותדיקע שילדערונג; פּאַרנעמיק איז זיין „כישוף־מאַכערן פון קאַסטיליע", כאָטש וואָרהאַפטיקער, פולער קלינגט אַף שלום אַשס קול, ווען ער דערנעענטערט זיך צו דער ראָמאַנטיק וואָס אָטעמט מיט גאַנצער יידישקייט. זיין הייליק שניידערל, ווי דער סימבאָל פון יידישן בטחון, איז אַן אומפאַרגעסלעכער סילועט פונקט ווי ס'איז ממש קלאַסיש זיין גאָסטינינער צדיק, דער „תהילים־ייד". ריכטיק, אַשס סטיכיע איז דער פולבלוטיקער העלד פון קוילער־געסל, אָבער מירקין פון דער טרילאָגיע איז אויך אַ לעגיטימע אַשישע געשטאַלט. אָלאָ די שאַפערישע אַמביציע האָט אַשן אין פּראָצעס פון זיין פונאַנדערוווּקס געפירט אויך... אין דעם פאַר אים „פאַרווערטן" תחום, אָבער דער כפירה האָט נישט געדינט זיין פען. מיר האָבן אין זינען די קריסטאָלאָגישע ראָמאַנען. אמת, די וואָר־האַפטיקייט פון טייל בילדער אין „מאַן פון נצרת" איז קינסטלעריש שטאַרק, אָבער — און דאָס איז אויך וואָר — אַש געפינט זיך דאָ נישט אין גאַנצן אין זיין עלעמענט. דאָס היטל איז נישט פאַר דעם דאָזיקן קאָפּ. אָבער קומען מיט אַ באַשולדיקונג אַז דער באַרימטער יידישער שרייבער איז מיט דעם באַגאַנגען חס ושלום אַ בגידה קעגן זיין שטאַם, קעגן זיין גאָט, דאָס איז שוין איבערגעכאַפּט די מאָס. געווען אַפילו אַנדערע וואָס האָבן אַשן חושד געווען אין אָוועקלאָזן זיך אויפן וועג פון — קאַריעריזם, ס'הייסט, ער איז געגאַנגען צו די גויים נאָך רום. עס האָט

אים נישט געקלעקט דער שם־טוב ביי די ייִדן נאָר. דאָס איז שוין איבער־געזאַלצן. דאָס אַ שמעקט מיט עפּעס אַזוינס ווי פּניותדיקייט. וואָרן דער מאָטיוו פון פּרעמדן גאָט אין שטח פון ייִדישן זיין האָט געהויערט איבער שלום אַשן דעם ייִדישן קינסטלער נאָך אין זיין שאַפערישער יוגנט. אָבער דעמאָלט איז צו אַזעלכע תרעומותן נישט געקומען, הלמאי אַש דער ייִד וואָס שרייבט פאַר ייִדן, האָט זיך דערוועגט אַזוינס. ערשט ווען דער זעלבער שלום אַש האָט זיך ברייטער, מער אַרומנעמיקער צוריק־געקערט צו דער דאָזיקער טעמע, איז פון דעם שוין אויסגעוואַקסן אַזאַ שאַרפער אָנקלאָג קעגן דעם מחבר, אַן אָנקלאָג וואָס מ׳קאָן באַצייכענען ווי די טראַגעדיע פון אַשן דעם ייִדישן קינסטלער. ס׳איז אַן אָנקלאָג אַן אַ האַפּטיקער באַגרינדונג און מיט דעם אַזוי צו זאָגן געצאַפּט דאָס בלוט פון דעם שרייבער, הלמאי ער האָט געזינדיקט מיט בגידה, מיט... נו, ס׳האָט שוין פאַרשמעקט מיט איינפּאַקן חרם, ווי געוויסע היצקעפּ צווישן פּענלייט האָבן געליאַרעמט אויפן הויכן קול.

נאַטירלעך, שלום אַש האָט דערפון שטאַרק געליטן, ממש זיך אויפגעגעסן פון דערדריקטקייט. מיט דעם דערקלערט זיך טאַקע וואָס אָט דער גרויסער קינסטלער האָט אין זיינע לעצטע יאָרן שטאַרק זיך געשטערקט צו דער ייִדישער סביבה, געזוכט רעהאַביליטאַציע צווישן די שרים פון דער ייִדישער מדינה. דער גוראַנגל פון דעם געעלטערטן שלום אַש, וואָס איז פון קליינעם שטעטל דערגאַנגען מיט גרויסן רום אין דער וועלט אַריין, האָט שוין אָפּגעגעבן מיטן גלי פון אַ שווערער דראַמע וואָס אַ קינסטלער פון דער מאָס ווי שלום אַש, איז באַשערט געוואָרן איבערצולעבן. און נאָך טרויעריקער איז וואָס די דאָזיקע דראַמע גליט נאָך היינט, צענדלינגער יאָרן נאָך אַשס פּטירה, אין תּחום פון אונדזער ליטעראַטור, וואָס שלום אַש האָט זי גרויס געמאַכט מיט זיין ווערק און טאַקע מיט זיינע אַמביציעס צו דערגרייכן מיט זיין שאַפן ווייט אַריבער די ראַנדן פון שטעטל.

און מ׳דאַרף אויך נישט אויסנלאָזן פון אויג אַז דאָס ייִדישע שטעטל איז שוין אין אַשס רייפע יאָרן געלעגן אין גסיסה, מחמת דער פּולשטענ־דיקער פּויפּעריזאַציע פונעם ייִדישן שטעטלשן תּושב און מחמת דעם האַסטיקן גאַנג פאָרויס פון דער גרויסשטאָט, וועלכע האָט אויך פאַר־שלונגען דעם ייִדישן מענטש.

מ׳מוז בכן זען אין שלום אַשס שאַפערישן שטרעקן זיך אין דער גרויסער וועלט אַריין — אַ באַוווּסטזיניקן אָדער אפשר אַן אינטויִטיוון

אויסדרוק פון אַ קינסטלער, וואָס לאָזט נישט אַרויס פון זיין שפּירעוודיקער האַנט דעם דופק פון זיין פאָלק. אין דעם פּרט איז אַש געבליבן דער גרויסער שרייבער פון דער יִידישער מאַסע, וועלכע האָט סוף־כּל־סוף איינגעהיט אין איר נשמה די ליבשאַפט צו איר וויכטיקסטן דערציילער פון איר עבר ווי פון איר הײַנטיקייט.

אַוודאי, שלום אַש לעבט ווייטער אין די באַגערן פון יִדישן פאָלק אומעטום, ווייל זיין שאַפן איז מיטגעגאַנגען און אַריינגעוואָקסן אינעם פאָלק. דאָס פּרוּוון אים פאַרלייקענען, צי איגנאָרירן דאָס ווערק פון אַזאַ מאַכטיקן קינסטלער איז אַן אומפאַרגיבלעכע שטרויכלונג מצד די, וואָס ווילן אָנגיין ווי די וואָרטזאָגערס פונעם פאָלק.

יוסף אקרוטני

אליעזר שטיינבאַרג

א

...איטלעך מאָל כאַפּן מיר זיך אויף אויף אַן אמת פּאַרשפּעקטיקטע, אַליין פאַר זיך פאַרשעמטע הלמאי מ׳האָט ווידער דורכגעלאָזט די געלעגנהייט אָפּצומערקן די יאָרצייט נאָך אונדזער גרויסן פאַבוליסט אליעזר שטיינבאַרג ע״ה. אַזוי אַ גריזשען מיר אין דער שטיל דעם שטומען בייז פון טיפן צער דערפון: ביי בייס געהאָלפן, טאַקע אומגערן, אָנהויבן אַ גרעבערן שיכט שטויב אויפן שאַפערישן גייסט פון אָט דעם אויסנעמלעכן פּאָעט. דער אָנדענק פון אים פאַרזינקט ביי אונדז ממש אין סטאַבילער פאַר־געסנקייט. אָ, די פאַרגעסערס צווישן די קינדער פונעם עם־הספר!

שוין וויפל יאָרצענדלינגער זינט ער איז אַוועק אין דער אַזויגערו־פענער אייביקייט, דער דיכטער־פּאַבוליסט אליעזר שטיינבאַרג, און מיר פאַרשטויסן די דאָזיקע געאַכפערטע אייביקייט. אַ שאָד, אַ גרויסער, אַ גוואַלטיקער שאָד וואָס אַזאַ טאַלאַנטפולער מענטש איז אַזוי יונג צוגענומען געוואָרן, אָבער ס׳איז אַ ווייטיקלעכער פאַרדראָס וואָס אין אונדזער וועלטל איז שאַ־שטיל אַרום זיין אומפאַרגייקער ירושה, גלייך עס וואָלט נעבעך געליטן פון אַן איבערגערעטעניש אין אַזעלכע שטיינבאַרגס.

— וואָס, אַפילו נישט געהערט פון אַזוינעם?

— יאָ, נישט שייך זיך צו חידושן. אַזוי ווייט זענען מיר פאַרפאַרן אין גייסטלאָזיקייט. עס איז טאַקע אַ חרפּה און אַ ווייטיק דערצו. ס׳איז דאָך אונדזער קרילאָוו! פון קרילאָוון אויך נישט געהערט? ער איז דאָך אויף די ליפּן פון אַ רוב ייִדן זינט עטלעכע דורות. אַ לאַדע־ווער גרויסט זיך נאָך היינט מיטן איבערחזרן אַ משל פון קרילאָוון.

— געהערט, האָט מען געהערט, אָבער פון דעסטוועגן... מרעיש עולם זיין באַדאַרף מע נישט אויב מ׳פאַרגעסט אַ מאָל אַ קדיש. און צוריקגעשמועסט, וואָס איז דער מער מיטן דאָזיקן אַז מ׳זאָל זיך דערמאָנען אין אים אַזש נאָך וויפל צענדלינגער יאָרן נאָך זיין אַוועקגיין ווו־הין יעדער מענטש מוז סוף־כל־סוף זיך מטריח זיין! ס׳האָבן אונדז נישט געפעלט קיין גדולים און יחסנים און דאָך גראַבלט מען זיי נישט אַרויס צו די יאָרצייטן. נישקשה, אויך היינט האָבן מיר היפּש סולת, פון דעסטוועגן — בילכערע דאגות פאַראַן. אַ בעלנות מיצקע־דערינען אויסצווזוכן עפּעס אַ גדול.

— גדולים און גאונים זענען, אמת, פאַרהייליקט אין ספרים און טאַקע אויך אין געדעכעניש פון לומדים, אָבער אַזאַ אליעזר שטיינבאַרג ע״ה? ווו זענען ביי אונדז די לערנערס, וואָס זאָלן מעיין־זיין אין זיינע כתבים? זיי זענען דאָך אַ שפּייז סיי פאַרן מוח סיי פאַרן האַרץ. אַזוי פיל חריפות איז אין שטיינבאַרגס משלים. אַזוי פיל חן אין זיין מעשה־נוסח וואָס ער טראָגט אונדז אונטער מיט אומגעווייניטלעכער קלאָרקייט. בפירוש, גאָלע מעלות באַגלייטן דעם ממשל אליעזר שטיינבאַרג, אָבער דאָס האָט נישט געשטערט אַז ער זאָל פאַרגעסן ווערן אפילו פון די וואָס וואָלטן באַדאַרפט אים גרייסן און הייכן. וואָרן נאָך אַזאַ ווי ער איז נישטאָ ביי אונדז, הגם מערערע יידישע מחברים האָבן זיך פאַרמאָסטן אויפן רוישטאָף פון פּאָעטישן משל. ווער פון די דאָזיקע איז באמת אַרויס־געקומען מיט אַן אייגענעם פּנים און ווער ס׳האָט אונטערגעשטאַמלט אָדער גאָר געהונקען גלייך ר׳וואָלט געפּרוווט טאַנצן נאָכן ווייטן ווידערקול פון שטייבאַרגישן מאָטיוו. אמת, פאַראַן טאַלאַנטפולע משלים־שרייבער ביי אונדז אויך היינט, אָבער אַלע מאָל מוזן מיר בשעתן לייענען דעם אָדער יענעם משל אומערן הלמאי סע הערט זיך נישט מער אליעזר שטיינבאַרגס ריטמישער געציקל פון זיין בילדערישן משל. קלאָר, ער איז געווען אַ יחיד במינו. ער איז געבליבן די גרויסע אייגנאַרט סיי ווי אַ בעל־לשון און סיי ווי אַ מאָלער אַ פּאָעט וואָס גרייכט חריפותדיק צום שאַרפן מוסר־השכל.

צי האָבן מיר אָבער גענוג אָפּגעשאַצט אליעזר שטיינבאַרגן? אין דער אַ פראַגע ליגט שוין דער ענטפער, אַז ניין. נאָך אַ ראיה איז די אומפּאָפּולערקייט פון זיינע אַזוי קלאָר־געשריבענע משלים וואָס לייענען זיך (און הערן זיך, אַ שטייגער אין דער אומפאַרגעסלעכער אינטערפּרעטאַציע פון הערץ גראָסבאַרד) ווי מעשהלעך פון וועלכע מ׳קען אי לערנען אַ „מאָראַל״, אי נאָכטראַכטן צי די שטיינבאַרגישע משלים מיינען נישט טאַקע די סביבה אין וועלכער מיר לעבן. נו, זיי זענען טאַקע אָנגעמאָסטן אויך אויף אונדז, אויף דעם היינטיקן טאָג ביי די היינטיקע לייט, דאָ און אומעטום!

יאָ, מיר זענען טאַקע דער עם־הספר, אָבער... גלייכער נישט צו זוכן דאָ קיין מעטאַפאָרן. אויסנווייניקדיקער גלאַנץ פאַרבלענדט אונדז. ביי די גויים איז דאָ יראת־הכבוד פאַר אַזעלכע ווי אָט אַזאַ אליעזר שטיינבאַרג, און מיר גופא בייגן זיך פאַרן גויישן פאַבוליסט. געווען אַמאָל, אַמאָל „ביי זיי״ אַן עזאָפּ, אַ גריך, האָלט מען אים שטענדיק אויף דער יומטוב־דיקער פּאָליצע, מ׳גרויסט זיך מיט אים, מ׳האָלט פאַר נייטיק אין אַ שמועס אַריינצוּוואַרפן זיינס אַ וואָרט אויף צו באַלייכטן אַ לעבנס־חכמה. וואָס

האַט ער באַוויזן אַזוינס, דער גרעק? אין זיין שרייבן האָט ער געהאַט אין אויג אַן עדוקאַטיווע מאָראַל מיט זיינע מעשהלעך־משלים, געשריבן פשטותדיק און אויף זיין פאַליטרע געפירט די זעלביקע קלאַסישע פאַרבן און ליניעס ווי עס פירט זי דער ייִד אליעזר שטיינבאַרג — מיט אַ דריט־האַלבן טויזנט יאָר שפּעטער. דער חילוק איז נאָר וואָס דער ייִד איז אַן אַן ערך רייכער אין פּאָעטישע און פּאָבולאָרע מיטלען, אויך ראַפינירטער אין פאָרעם און זיינע תכסיסי המשל זענען אָפּט מאָל ייִדישלעך, כאָטש דער נמשל איז אַלמענטשלעך, ד״ה מיט אַ הומאַנישן סוף־פּסוק. פּונקט אַזוי ווי עזאָפּן דעם משלים־שרייבער גרויסן די פעלקער דעם פראַנצויז לאַ פאָנטען און מיר ייִדן זענען אין דעם פּרט נישט הינטערשטעליק אין פּרט פון גרייסן דעם פראַנצויז צי דעם גרעק. ציטירן דעם פראַנצויז אָדער אַן אַנדערן נישט־ייִדישן ממשל איז קלאָמפּערשט אַ סימן פון געלערנטקייט און אינטעליגענץ. אליעזר שטיינבאַרג האָט ביי אונדז אַן ערגערע מערכה, הגם זיין אויסנעמלעכקייט דערוועגט מען זיך נישט באַצווייפלען, נישט מער — דער גוי איז עפּעס מער חשוב... אדרבא, מפונקים ברענגען זיין נאָמען באַגלייך מיט די נעמען פון עזאָפּ אָדער לאַ פאָנטען. ייִדן וואָס שטאַמען פון דער רוסישער ספערע זענען צו די אַ נעמען נאָך מצרף דעם רוס קרילאָוו. געוויס גייט אונדז נישט אין זוכן פאַרגלייכן צווישן די דאָזיקע משלים־שרייבער און אליעזר שטיינבאַרגן. אַן גוזמא איז שטיינבאַרג מער קינסטלער און מער חריף אינעם משל ווי דער רוס קרילאָוו. עס ווילט זיך נאָר שטעלן דעם טראַפּ דערויף, אַז דאָ איז אמתער ווי אמת דער זאָג אַז „אין נביא בעירו״. וואָלט אליעזר שטיינבאַרג געשריבן אויף אַ נישט־ייִדישן לשון וואָלטן געלערנטע ייִדן פאַר אים געצויגן דאָס היטל ווי זיי ציִען עס פאַרן גרייזן גרעק אָדער פאַרן באַיאָרטן פראַנצויז.

נאָך ערגער: יודעי־חן דערציילן אַז אליעזר שטיינבאַרג האָט נאָך נישט „זוכה־געווען״ — קאַרגע פופציק יאָר נאָך זיין פּטירה! — אַז אַלע זיינע שריפטן זאָלן דערשיינען אין דרוק. עד היום זענען אַרויס אין דרוק נאָר צוויי בענד פון זיינע וווּנדערלעכע משלים. און ער איז דאָך דער מחבר פון מעשהלעך, פון קינדער־לידער און טעאַטערווערק וואָס האָבן בשעתם, אין דער אויפפירונג פון שטיינבאַרגן גופא, שטאַרק אויסגענומען מיט זייער נייקייט און פּאָעטישן רייץ. אָט דער שטיינבאַרג איז נאָך כמעט אומבאַקאַנט דער ייִדישער קולטור־סביבה. דאָס איז אַ שאָד און אַ גרויסער שאָד כּלפּי דעם וואָס מיר רופן אַן מיטן גדלותדיקן נאָמען

ייִדישע קולטור. דער אומבאַקאַנטער אליעזר שטיינבאַרג רופט אונדז שוין מיט אָפענער טענה און נישט מיט קיין משל: היתכן! עד מתי?!

ב

אליעזר שטיינבאַרג איז באמת דער גרעסטער משלים־שרייבער ביי ייִדן, כאָטש די רײ פון ייִדישע פאַבוליסטן איז נישט אַזוי קליין. מ׳ר האָבן געהאַט און האָבן עד היום, אַזעלכע משלים־שרייבערס ווי ר׳ מרדכילע (טשעמערינסקי), נחום יוד, פישל ראַוויצקי, יצחק גאָלדקאָרן, פרץ מיראַנסקי א״אַנד׳, וואָס זענען אָן ערנסטע פּאָזיציע אין דער קינסטלערישער ייִדישער ליטעראַטור, אָבער שטיינבאַרג איז פון אַ באַזונדערן קאַליבער. נו, ער איז דער ייִדישער קרילאָוו, אויב נישט גרעסער, ווייל אויך מער פּאָעטישער כוח שפּרודלט פון שטיינבאַרגן ווי פון קרילאָוון. דערצו איז ער בחייו געווען אויך אַ פירנדיקע פּערזענלעכקייט אין דער ליטעראַרישער משפּחה פון דער ייִדישער רומעניע און פון דער בוקאָווינע; לפי דער עדותשאַפט פון שלמה ביקל, אַ נאָענטער פריינד פון דעם משלים־שרייבער, האָט מען אין טשערנאָוויץ, שטיינבאַרגס וווינאָרט זינט לאַנגע יאָרן, צו אים געצויגן ווי צו אַ רביץ. מ׳האָט אים טאַקע באַטראַכט פאַרן פּרץ פון רומעניע, הגם ער גופא איז געווען אַ נכבא אל הכלים, ביז גאָר באַשיידן און נישט זעלטן אויך אַ מחוסר לחם. דער תמצית פון זיין לעבן איז געווען די ליטע־ראַטור און די דערציִונג פון יונגן דור. פון פּרנסה וועגן האָט שטיינבאַרג אַ סך פון זיין טײַערער צייט אָפּגעגעבן דער ייִדישער שול, פאַרפאַסט אַ גרויסע צאָל אָריגינעלע, שיינע קינדער־לידער, מעשהלעך, צונויפגע־שטעלט לערנביכער פון זעלטענעם שניט. אגב, ער האָט געהאַט זיין באַזונדערן איינשטעל בנוגע דעם אופן פון לערנען קליינע קינדער. ער איז געווען גרינדער און דירעקטאָר פון ייִדישע שולן און האָט געלאָזן ווערטפולע בולטע שפּורן פון זיין לערנמעטאָד. ווערדליק שלמה ביקלען איז אליעזר שטיינבאַרג געווען אַ רעוואָלוציאָנער אין דער מאָדערנער ייִדישער שול. ווי אַ פּעדאַגאָג איז ער פאַרוואָגלט געוואָרן אויף אַ צייט קיין בראַזיל. ווי אַן אָנפירער פון דער ייִדישער שול אין ריאָ דע זשאַניירא האָט ער נישט געקענט אויסקומען מיט די קאָנסערוואַטיווע עסקנים וואָס האָבן זיך געפּאָרעט אַרום דער ייִדישער שול און ער׳ט זיך צוריקגעקערט קיין טשערנאָוויץ פול מיט פאַרביטערונג. אָן ספק האָט די דאָזיקע אַנטוישונג ווי בכלל דאָס שווערע לעבן באַקומען אַן אויסדרוק אין זיינע אַטראַקטיווע און אָריגינעלע משלים־לידער.

ג

אַוודאי, צו די משלים פון אליעזר שטיינבאַרג איז די באַצייכענונג ליִדער, די וואָרהאַפטיקסטע פּאַר, ווייל די אמתדיקסטע כאַראַקטעריסטיק פון שטיינבאַרגן איז דער עלעמענט פון לויטערער פּאָעזיע וואָס באַהנט אַלע זיינע שאַפונגען. און וואָס עס מיינט פּאָעזיע האָט איר עס אין שטיינבאַרגס משלים אין אָנצאָליקע ראיות. קודם כל אין דער שילדערונג, אין פּלאַסטישן בילד, אין טרעפיקע מעטאַפאָרן, אין דער שפּילעוודיקער פאַלקישקייט און אין לייכטנדיקן לשון.

אַ מוסטער פון אליעזר שטיינבאַרגס פּאָעטישער קלאָרקייט און פּאָבולאָרער שאַרפקייט, געפינען מיר צום ביישפּיל אין אַזאַ ליד ווי „דער קוש”:

יעדער האָט זיך זיינע תּנועות און העוויות,
און ר׳ ניסל ישעיהס, דער גביר דער שיינער,
ער האָט געהאַט אַ טבע: תּמיד נאָכן עסן
זיך ביים טיש געזעסן
און געצמאַקעט ביינער.
צמאָקעט ער אַ ביין און נאָגט,
און דער ביין דערפרייט זיך און ער זאָגט:
— טעלער, שיסל, גרויס און קליין!
זעט נאָר, ווער סע קושט מיך!
דער באַלבאָס אַליין!
גלעזלעך דינע,
רוקט אייך אָפּ, מחילה!
איר פאַר קנאה
קענט דאָך פּוקען נאָך, חלילה!
ווי ער צמאָקעט, לעקט מיך מיט די ליפּעלעך די רויטע!
— איי, דו שוטה (ענטפערט אים די שיסל),
וואַרט אַ ביסל
ביז ר׳ ניסל
וועט דעם מאַרעך דיר אויסנאָגן —
וואָס וועט איר, ר׳ ביינישׁ,
דעמאָלט זאָגן?

ווי אַלע בעלי־משל רופט אַרויף אויף זיין בינע אויך אליעזר שטיינבאַרג כל המיני בעלי חי, דוממים, צמחים און אַפילו די שטערן, די לבנה און די זון. אַלץ פאַר דער אויסבולטונג פון זיינע אידעען. יעדער עלעמענט קריגט ביי אים לשון און אייגענעם שכל; אַפילו דער ביין אין די הענט פון הונגעריקן מענטש. נאָך מער, אין מוסר־השכל ווערט דער אויסגענאָגטער ביין אַ רב ביינישׁ, אַ פאַרמענטשלעכטע געשטאַלט וואָס שטעלט זיך פּאָטענציעל אַנטקעגן אונדזער קורצזעעוודיקייט. קלאָר, דער

פון הארבסטיקן געמיט

ציל פונעם משל איז די מאָראַל, זיין מוסר־השכל. ביי אליעזר שטיינבאַרג ווערט דער מוסר־השכל פאַרפּלאָנטישט מיט דער שאַרפער סאָציאַלער איראָניע — אין פאָעטישן לבוש.

לעבן אויוון קאַטשערע געשטאַנען
און גענומען צו דער קאַץ זי טענהן
(וואָס צו טענהן האָט די קאַטשערע אַ סך):
אַז מע האָט נישט קיין רחמנות! אַז מע לאָזט זי נישט געמאַך.
פאַרוואָס צינדט מען אָן אַ פייער
און דערנאָך די קוילן שאַרן
שיקט מען זי!
דאָס איז יושר? זי ביי זיך איז אויבעט טייער! — —

אויך דאָס יחידיש־לירישע און דאָס מעשה־האָפטיקע איז שטאַרק אָנזעעוודיק אין די בילדערישע משלים פון שטיינבאַרגן. מער ווי דער מוסר־השכל נעמט אונדז ביים ממשל דאָס פאָעטישע געמעל וואָס איז דער פאָן פון דעם משל. אַ שטייגער „דער ברוגזער דאַך״:

בעס, וויסן מיר דאַך, איז עבודה־זרה,
אָבער מיטן דעכל פון ר׳ שלומהס הייזעלע אַ צרה —
בייז, סע גייט אַ רויך אַרויס פון זיין נאָז,
פונעם קוימען,
און פאַר וואָס?
טענות האָט ער צו ר׳ שלמהן.
הערט אַ מעשה: שלמהס דעכל
האָט באַקומען ערגעצווו אַ לעכל
אָדער צוויי, צי אפילו דריי —
און אַז פינעף, פופצן,
זעכצן,
נו, באַדאַרף מען רופן שוין דאָס דעכל רעשעטע
און קרעכצן? — — —

עס גייט דאָ נישט אין ברענגען פולע משלים־געמעלן אין שטיינבאַרגס בילדלעכן אויסטייטש. ס׳ווילט זיך נאָר אַרויסברענגען אַז אַחוץ דער סאַטירע און דער בולטקייט פון דער שילדערונג אויפן שטח פון אַ קורצער מעשה־נישט־מעשה אין פערזן, טראָגט זיך פון אליעזר שטיינבאַרגס שאַפונגען דער אומדעפינירלעכער אַראָמאַט פון עכטקייט און אינטעלעקטועלער חריפות. יאָ, און יידישלעכן זין און טעם הויכן אָן די משלים. שטיינבאַרג אַליין אילומינירט אָט די אייגנשאַפט מיט אַזאַ משל־ליד ווי „העמדער״:

הענגען העמדער אויף אַ שטריק
און מען הוידעט זיך

און מען סודעט זיך
און מען רעדט פון פּאָליטיק.
— על פּי לאָגיק
האַלטן מיר שוין בײַ מלחמת גוג ומגוג
(זאָגט אַ מאַנסביל־העמד און וואָרפט מיט ביידע אָרבל).
— יאָ, געטראָפן ווי אין קאָרבל!
(ענטפערט אים אַן אונטערהעמד אַ שלימזאַלניק)
קיין מאָל נישט געווען די וועלט אַזוי אונטערן פּראַלניק!
קיין מאָל נישט געגרייכט אַזוי,
דאָס הייסע וואַסער ביזן האַלדז! — —

בכלל דאָמינירט בײַ שטיינבאַרגן דאָס סאַטירישע אין דעם מעשהלע וואָס האָט אין אויסקוק דעם נמשל. אַ סך משלים זיינע זענען דיאַלאָגן צווישן זאַכן, צווישן חיות, בהמות. אין אויבן־אָן זינגט און שפּילט פון אַלץ די פּאָעזיע וואָס פינקלט אַרויס פון צווישן די מטלטלין פון אַ משלים־פּרינץ. אַ וועלט מיט זאַכן און חיות שמועסט צווישן זיך, האָט טענות־מענות צו אייננאַנדער, וואָרעמט זיך אין דער זון, טרויערט אין לבנה־גליווער און — מעדיטירט אויף אַ קול, מיט אַ פּישטש און מיט אַ קוויטש. דערפון די מוסר־השכּל אין דער פאַרמיטלונג פון אליעזר שטיינבאַרג דעם פּאָעט מיטן אומעטיקן פילאָסאָפישן געמיט.

יאָ, ס׳איז שטאַרק אומעטיק געווען דעם ממשל אליעזר שטיינבאַרג. די וועלט פון די דערוואַקסענע האָט אים געשראָקן, צו מאָל אים אָפּגע־שטויסן. ער האָט עס בחיו געלאָזט וויסן אָן באַהעלטערלעך. און איז ער נפטר געוואָרן, האָט מען אים אָנגעטאָן דעם גרעסטן כבוד וואָס ער האָט זיך כּשר פאַרדינט: מ׳האָט דאָס שטאַרביקע געביין פון דעם זעלטענעם דיכטער באַהאַלטן צווישן די קינדער־קברים אויפן טשערנאָוויצער אַלטן בית־עולם. כּפי שלמה ביקל דערציילט, איז אליעזר שטיינבאַרגס מצבה די העכסטע מצבה צווישן די קינדער־מצבות אויפן טשערנאָוויצער בית־הקברות און פון דעם געדענקשטיין לייכט אַראָפּ דעם פּאָעטס אַ פערז:
„עס איז טרויעריק אויף דער גרויסער וועלט דער גראַמער״.

ס׳איז אַ פילזאָגנדיקער זאָג פון דעם ייִדישן קרילאָוו מיט דעם עכט שטיינבאַרגישן חריפותדיקן פּנים וואָס איז געווען שטאַרק אָפּגעהיט אויפן וואָרט וואָס ער׳ט אַרויסגעבראַכט; אַוודאי, ס׳איז אַ קלאָרער זאָג און שוין נישט קיין פאַרשלייערטער משל פונעם ממשל וואָס איז לפּי זיין טבע דער אָנגעשפּיצטער אויסטייטשער פון אַלעגאָריעס.

אמת, אמת, עס איז ענג דעם מענטש אין דער וועלט דער גרויסער!

1972

איציק מאַנגער

א

פון מדינת ישראל האָט אַ קאָרעספּאָנדענט בשעתו געשילדערט די באַגייסטערונג, מיט וועלכער דאָס פאָלק, וואָס האָט זיך איינגעזאַמלט אין זיין אַלט-ניילאַנד, האָט אויפגענומען דעם דיכטער איציק מאַנגער. עס איז געווען צו דער געלעגנהייט וואָס אַ העברעיִש טעאַטער אין תל־אביב האָט אויפגעפירט מאַנגערס באַרימטע מגילה־לידער ווי אַ גרויסע בינע־פאָר־שטעלונג. דאָס נעמלעכע טעאַטער האָט מיט מאַנגערן אַזוי אַ גלאַנץ געטאָן אַז עס האָט פאַרלויכטן די גרעסטע ייִדישע שטאָט מיט אַלע חנען פון דער בינע-קונסט און נאַכט בנאַכט האָט עס אַרויסגעצויגן פון זייערע היימען די קינדער פון ישראל צו זען דעם נס פון אויפלעבן די שוין זינט דורות פאַרגראַגערטע מגילה־העלדן און ווי מ׳לאַכט אַריין אין זייערע גולמדיקע פּנימער דאָס גרויסע געלעכטער — מחמת זייער מפּלה, וואָס ייִדן קענען נישט פאַרגעסן. יאָ, געשיכטע און ווירקלעכקייט קענען זיך אַ מאָל צונויפטרעפן — אין להכעיס.

דאָס באַזונדערע פון דער דאָזיקער געשעעניש — האָט אונטער־געשטראָכן דער קאָרעספּאָנדענט שלום ראָזענפעלד — און דאָס וואָס אין איר קומט צום פולן אויסדרוק דער אָריגינעלער איציק מאַנגער; עס שוויבלט אין דער פאַרשטעלונג מיט דער שיינקייט פון קרישטאָל־ריינער פּאָעזיע און מיטן שווונג פון פאָלקסטימלעכער פאַנטאַזיע, געפּאָרט מיט באַפליגלטער איראָניע פון מאַנגערישן פּערז. די באַשרייבונג וועגן דער אומגעווייניטלעכער הצלחה פון דער מגילה־פאַרשטעלונג שטעלט דעם טראָפּ אויף דעם, וואָס דאָס דורכויסיק העברעיִשע טעאַטער האָט אייגן דראַמאַ־טיזירט מאַנגערן אין דעם לשון פון זיין שאַפן, אין ייִדיש. ס׳איז הייסט עס אי אַ קינסטלערישע סענסאַציע מיט דעם וואָס פון אַ ציקל לידער האָט אַ בינע־מייסטער באַוויזן אויפצושטעלן אַן אַמוזאַנטע טעאַטער־פּיעסע, אי ס׳איז אַ חריפות וואָס מ׳קען אין צייטן פון בהלה, וועלכע האָט אַזוי ביטער אָנגעלערנט די ייִדן מיט באַנייטן המניזם און אַלטער פּאָגראָ־מאָלאָגיע אַרויסרופן אַ הארציק, היילעוודיק געלעכטער, ווי ס׳האָט עס באַוויזן די מאַנגערישע מוזע אויף דער בינע.

אַגב איז עס שוין נישט דאָס ערשטע מאָל ווי דער דאָזיקער ייִדישער פּאָעט געפינט אַ גליקלעכן תיקון אויף די טעאַטער-ברעטער. ווייל עס

איז שפּילעוודיק זיין ליד און דראַמאַטיש דאָס ליכט, אין וועלכן עס קוועלט אָן זיין פאַנטאַזיע, די טרעריק־פריילעכע. אַזאַ איז דער אייגנטימלעכער כּוח פון מאַנגערן. ער קען אַזוי וואַרעם און שיין זיך צעזינגען אין דער־נשמה פון פאָלקסמענטש ווי אין דעם אינטעליגענטן ייִד. עס איז דער צויבער, מיט וועלכן ער האָט זיך איינגעקויפט אין ליבשאַפטביים פאָלק, וואָס איז להוט זיין מעלאָדישקייט, כאָטש זי איז דורכגעדרונגען מיט טרויער.

דאָס מאָל האָט דאָס פאָלק פראַסט פשוט זיך פאַרבענקט נאָך דעם פּאָעט, מחמת ער האָט אַטראַקטיוו אַנדערש, נײַ, אַראָפּגעשטראַלט פון דער בינע, און דאָס פאָלק אין טעאַטער אויג אויף אויג מיט די גראָטעסקע מגילה־געשטאַלטן, האָט גערופן אַז מ׳זאָל אים געבן דעם דיכטער אויף צו אַכפּערן אים פאַר זיין ווערק.

האָט דאָס טעאַטער פאַרבעטן דעם דיכטער פון ניו־יאָרק (האָט געשריבן דער קאָרעספּאָנדענט) און מאַנגער האָט זיך באַגעגנט מיט זיינע פאַרערערס. עס האָט נישט געהאַט קיין שיעור די פרייד און די טרערן פון פרייד וואָס די באַגעגעניש מאַנגערס מיט זיין פאָלק האָט אַרויסגערופן אויף דער ערד פון ישׂראל.

איציק מאַנגער, דער איינזאַמער ייִדישער דיכטער האָט ווידער אַ מאָל דערלעבט נחת פון זיין אומעטיקלעכער, לייכטנדיקער מוזע. דאָס פאָלק האָט געהייכט זיין דיכטער און דער דיכטער האָט פון ס׳ניי דער־שפּירט די שיינקייט פון דער אינספּיראַציע וואָס ער געפינט תמיד אינעם פאָלק.

ב

עס איז נישט קיין נאָווינע דערין וואָס איציק מאַנגער נעמט שטאַרק אויס אויך אויף דער בינע. איז דאָך זיין גאַנצע באַלאַדנטום לויטער דראַמאַטישע עקספּרעסיע, און ס׳איז לעבעדיק אַפילו דער חלום פון זיין לירישן שמועס מיט דער לבנה, מיטן שליאַך און דאָס אָפּמאָליעווען דאָס פאַרתּמטע קוימענדל אויפן פאַרשלאָפענעם דאַך. דער חידוש איז נאָר וואָס דער דאָזיקער צאַרטער פּאָעט פון לשון ייִדיש האָט אַזוי פאַר־כאַפּט אויך די סבראַס אין מדינת־ישׂראל. ווערדליק מ׳שרייבט, וויגט זיך דאָרט דאָס טעאַטער פון התלהבות און פון דער שפּרודלדיקער פרייד וואָס דער גלות־דיכטער האָט באַוויזן איינצוהיימישן דעם היינטיקן עולם מיט די מגילה־פאַרשוינען און זיי וויזן מיט אַלע טשיקאַווע תנועות. די עבֿרית־צייטונגען און זשורנאַלן זענען מלא שבחים פאַר דער מגילה־פאַרשטעלונג,

וואָס הערט נישט אויף צו ציִען „סבאָר“ און זיי זענען פול מיט לויב פאַרן מחבר פון די מגילה־לידער.

אַוודאי, די וואָס קאָנען ניט די פּאָעזיע פון דעם אייגנאַרטיקן פּאָעט מאַנגער מעגן זיך חידושן אויף דער אַנטפּלעקונג, וואָס די דיכטערישע פאַרשטעלונג ברענגט זיי צו זען דעם וווּנדערלעכן ספּעקטאַקל. און דאָך ווערן באַגייסטערט אויך די מפונקים פונעם מגילה־ווערק. די באַהאַוונטע אין דער שימערירנדיקער פּאָעזיע פון איציק מאַנגערן געדענקען פון דעסטוועגן די גרויסע מעלות פון זיינע לידער און זיי פילן אויף שריט און טריט די שפּיל פון גרימאַסע און קאָלירפולקייט פון דער צאַרטער מאַנגערישער טעאַטראַליע. זי איז מלא טעם אין זיין יעדן ליד.

אָט אַ שטייגער:

מיט אַ געל דערשראָקן פּנים כאַפּט זיך אויף דער שטעטל־זייגער:
— ייִדן, טרייבט אַראָפּ פון דעכל
יענעם ווייסן, קילן פּגר!

טויערן סקריפּן, טירן קלאַפּן, שורכן שקראַבעס אַלטע באַבעס,
קרבן־מנחהס אין די הענט
קרייען הייזעריק: „גוט שבת“!

די לבנה אויפן דעכל
שטייט מיט אויסגעגלאָצטע אויגן,
מעקעט דריי מאָל צו די שטערן
און פאַרשווינדט — אַ פייל פון בויגן.

ווילט איר איז עס שאָטנשפּיל אין דער פאַרחלומטער נאַכט און ווילט איר איז עס דיכטעריש טעאַטער, וואָס פאַרכאַפּט דאָס אויג, פאַרוויגט ס'געמיט. אָבער אויך דראַמע פּראַלט אַרויס פון מאַנגערישן פריילעכן אומעט. יאָ, ביי דעם יחיד במינודיקן מאַנגער איז שכיח פריילעכקייט אין סאַמע אומעט וואָס שוימט איבערן ייִדישן גורל. נאָט אייך און זייט טועם פון אַזעלכע מיני מטעמים:

„איינס און צוויי, איינס און צוויי, / לויפן קינדער מיט געשריי: / אָט־אָט גייט ער! אָט־אָט גייט ער! / שמענדריק, חברה — אַ טרומייטער / האַלט ער אין דער רעכטער האַנט / און אַ פּייקל אין דער צווייטער. / שניידער־יונגעו, שוסטער־יונגעו, / נאָדלעו,

דראַטוועס אין די הענט / גייען פאַרויס און זיי זינגען: / —
וויינט און קלאָגט איר ציתם טעכטער!

טאַנצט בר־כוכבא אויף אַ שטריק. / האַצמאַך אין אַ טערקיש
מיצל — / בראַוואָ בים! און אַ געלעכטער. /

אויפן שילהויף, דורכן פענצטער / קוקט אַרויס דער אַלטער רב: /
— גאַטעניו, אַזאַ מין שטראָף! / אין אַ פּראָסטן ערב מיטוואָך /
חברה לצים, פּורים־שפּילער. / טאַבעקע אַ שמעק... האַפּציו! /
פאַלט אַראָפּ אַ זיפץ אַ שטילער: / „שוין פאַרפאַלן היינט דער
שלאָף!" /
אויף אַ בעזעם רייט קאַלדוניאַ / אין דער האַנט — אַ לאַנגע
בייטש. / פאַר איר ציט זיך אויס אַ שאָטן / חצי חסיד, חצי דייטש: /
—ס'שטייט געשריבן אַז „לא תחמוד" / און איך ווייס נישט דעם
טייטש!"

(גאָלדפאַדעניאַדע).

און ווייטער אַזוי ציט זיך די דראַמע פון דער באָבע יאַכנע און ס'באַגלייט זי דאָס באַליבטע געזאַנג פון „האַצמאַך איז אַ בלינדער" מיטן גאַנצענעם טעאַטראַלישן רעקוויזיט, וואָס האָט זיך טיף אַריינגעשניטן אין יידיש המונישן געדעכעניש.

מאַנגער דער פּאָעט ווייסט ווי אַזוי אַרויסצוקריגן פון דער אַ חוזק־מעלאָדיע די עכט דראַמאַטישע אַקצענטן און זיי צו מאַכן פאַרן קנין פון פאָלק. דערפאַר זיין הצלחה איבעם פייגעם ליד וואָס זינגט זיך מיט אַזוי פיל האַרציקייט און דערפאַר דער חן וואָס עס נעמט אָן צו מאָל די אינסצעניזירונג פון זיין פּאָעזיע.

און באַגעגענען זיך דער דיכטער מיטן פאָלק, שמעלצט זיי צונויף די השתפכות הנפש מיט דער געטריישאַפט־טרער וואָס דרינגט אַרויס פון די סאַמע טיפסטע קוואַלן. די אַקערשטיקע באַגעגעניש פונעם דיכטער מיט זיינע לייענערס אין ישראלישן טעאַטער איז באמת אַן אויסגעבענקטע באַגעגעניש. און נישט קיין חידוש דעריז. ווייל סיי דער דיכטער, סיי זיינע לייענערס (דאָס מאָל די צושויערס פון סצענישן אויסלידלען די מאַנגערישע מגילה־העלדן) זענען באַוועגט געוואָרן אין זייערע אימפּולסן פון דעם טיפסטן עלנט, וואָס דריקט זייערע געמיטער. מחמת אי די מאַסע אי איר דיכטער איז אָפּגעריסן געוואָרן פון די וואָרצלען, וואָס האָבן אַ לעבן־לאַנג גענערט זייער פילן און האָפן. מיר האָבן אין זינען די פאַרלוירנקייט פון דעם יידישן דור, וואָס האָט הינטער זיך דעם באַרג חורבן, וואָס טשאַדעט נאָך אין זיין באַוווסטזיין. די מאַסע יאָק די מאַסע,

דער דיכטער שפירט עס אָפּ טויזנטפאַך שטאַרקער, ווייטיקלעכער. אַ ראיה — זיינע געזאַנגען פון בלוטנדיקער בענקשאַפט.

עלנט, עלנט, ווי פיינלעך דאָס ליד זינגט זיך אין איציק מאַנגערס געמיט!

ג

געקומען איז דער דיכטער קיין מדינת ישראל אויף אַ ספּעציעלער פאַרבעטונג. שוין נישט צום ערשטן מאָל רופט דאָס לאַנד ישראל דעם באַרימטן יידיש־פּאָעט פון זיין וווינאָרט אין ניו־יאָרק און אַלע מאָל ווערט ער אויפגענומען ווי דער פּרינץ פון דער יידישער פּאָעזיע. דאָס פאָלק האָט ליב זיין דיכטער פאַרן נחת־רוח וואָס עס פאַרשאַפט אים זיין ליד, וואָס איז דער ניגון פון ציבורדיקן געמיט אין אַלע זיינע גילגולים. עס פרייט זיך דער דיכטער אין געפילדער פון דער התלהבותדיקער מאַסע און ער דערפילט דעמאָלט די גרויסע גענוגטוונג, צו וועלכער עס בענקט זיך אים, מאַנגערן, אין זיין תהומיקן עלנט.

יאָ, ער וווינט אין דעם קעסל ניו־יאָרק, דער עלנטער דיכטער איציק מאַנגער, אָבער אין איר סאַמע געדיכטעניש פאַרגעסט זיך די יידישע מאַסע אין דעם רעש און זי פאַרגעסט אויך אין דעם זינגער פון זיינע אומעטן און טרוימען. די עלנטקייט פונעם דיכטער רייסט זיך צו מאָל אַרויס פון זיין לירע. ווען איר לייענט די נייסטע שאַפונגען מאַנגערס, דערקענט איר אין אים די אַלטבאַקאַנטע מעלאַנכאָליע וואָס וואַרגט דאָס יידישע געמיט אומעטום. איציק מאַנגערן לאָזט זי נישט אָפּ, די יידישע מרה־שחורה אַפילו אין זיינע פריידן. און חוץ מזה פילט זיך דאָך דער דיכטער פאַריתומט פּונקט אַזוי ווי עס זענען פאַריתומט זיינע ברידער, וויינען ס׳געוויין פון געשאָכטענעם דור. אַדרבא, מאַנגער האָט שאַרפער דערלאַנגט זייער אומה, נו, עס קומט נישט אַ קניפּ אין בעקל פאַרן מיט־וויינען ס׳געוויין פון געשאָכטענעם דור. אַדרבא, מאַנגער האָט שאַרפער ווי אַנדערע זינגערס אָפּגעשפּירט די פּיין וואָס איז געפאַלן אויף זיין מאַסע, וועלכע פלעגט אים תמיד באַגייסטערן. האָט דאָך מאַנגער געלעבט מיט דער שפּרודלדיקער עדה פון פוילישן יידנטום, וואָס האָט מער ווי וועלכע עס איז יידישע עדה געליטן פון טייוולאַנישן דייטשן מעסער. איציק מאַנגער איז צוזאַמען מיט זיין ליד אויפגעגאַנגען אויף יענער לאַנדשאַפט, וואָס האָט בונט צעהעלט און צעקלונגען זיין לאַקנדיק געזאַנג. אויף צו מאָרגנס נאָכן חורבן האָט ער אַן אָפּגעצערטער ווי אַן אָבל נאָך זיין לייבלעכן הויזגעזינד זיך צוריקגעקערט אין רויִנירטן וואַרשע, כדי אויף

די אַשן פון די הייליקסטע קרבנות אַרויסקלאַגן זיין יאָמערלעכן קדיש מחמת דעם פאַרשניטן ווערן פון פוילישן ייִדנטום.

איציק מאַנגער, דער זון פון ייִדישלעכן יאַס, דער שטאָט ווו עס האָט אויפגעשוימט דאָס האַרצפאַרכאַפּנדיקע געזאַנג פון די בראָדער זינגערס און ס׳בענקשאַפטליד פון דער גאָלדפאַדענישער חברותא, האָט אין צעהור־דזשעטן ייִדישן וואַרשע געפונען דעם קוואַל פון זיין אייגענעם געבענטשטן געזאַנג. דערפאַר זיין נשמהדיקע צוגעבונדנקייט צום המון וואָס האָט געגעבן זיסקייט פאַר זיין ליד. און מחמת דעם זיין צעבראָכנקייט אין אַנבליק פון דער וויסטעניש, וואָס איז געבליבן אויף דער שוועל פון זיין בענקעניש זיך צו קענען צוריקצוקערן צו זיין וואַרשע, פון וועלכער ער איז ברוטאַל פאַרטריבן געוואָרן פון דער כוליגאַנעריע ערב דעם צופאַלן פון דער נאַכט איבער פוילן 1933. יאָ, איבער פוילן. איציק מאַנגער איז געקומען אויף קבר־אָבות, אין אַפּריל 1948, צו זיין געשטאָרבענער וואַרשע און פון אים האָט זיך אַרויסגעריסן אַ יאוש־געשריי: ווו האָט איר אַהינגעטאָן דאָס פאָלק פון מיינע ייִדן, איר רוצחים! און איז ער געגאַנגען קיין טרעבלינקע, איז איציק מאַנגער געפאַלן אין אַנמאַכט, ווען ער האָט דערזען דאָס בילד פון די אכזריותן וואָס זענען געבראַכט געוואָרן אויף זיינע ייִדן. אַ צעבראָכענער איז דער דיכטער צוריקגעפאָרן אין זיין עלנט געצעלט אין לאָנדאָן, וווּהין עס האָט אים פאַרוואָרפן דער גלות, נאָכן פאַרלירן זיין דיכטער־היים אין וואַרשע.

עס איז געווען פיינלעך דעמאָלט צו זען מאַנגערן אויג אויף אויג מיטן צודרינגלעכן עלנט, ווען ער האָט ווידער אַמאָל באַדאַרפט פאַרלאָזן וואַרשע, דאָס חרובע וואַרשע, מחמת לאָנדאָן, זיין אַדאָפּטירט גלותדיק היימאָרט איז געבליבן אים פרעמד, אומליב. אמת, מאַנגעריש האָט זיך אים געזונגען אויך ביי דער שוועל פון וויטשעפּל, אָבער ס׳איז שוין נישט געווען דאָס, וואָס איז געווען נאָענט זיין האַרץ.

אַ שווער קאַפּיטל ביאָגראַפיע פון מאַנגערן דעם דיכטער איז געווען דאָס בלעטל לאָנדאָן. דאָס איז געווען צו זען פון זיינע איינצלנע לידער וואָס האָבן זיך פון דאָרטן אַרויסבאַקומען און ס׳איז געווען באַשיימפּערלעך פון דער איבערדריסיקייט וואָס עס האָט אָפּגעפּילט אין יענע יאָרן דער פּאָעט ה. לייוויק, ווען ער איז אַראָפּגעקומען קיין לאָנדאָן און — מאַנגער האָט נישט באַגערט צו מאָל מיט אים זיך צו טרעפן. דער דיכטער פון די סיבירער לידער האָט עס אָפּן אַרויסגעקלאָגט אין זיינעם אַ לאָנדאָנער אַרטיקל אין ניו־יאָרקער „טאָג״: איציק מאַנגער איז ברוגז אויף מיר;

איציק מאַנגער האָט תרעומות צו די ניו־יאָרקער ייִדישע שרייבערס — האָט לייוויק זיך משער געווען. מאַנגער, הייסט עס, האָט זייער לאַנג זיך געשטרעקט אַרויסצורייסן פון זיין לאָנדאָנער עלנט.

ס'איז דעמאָלט געווען מאַנגערס געשריי פון זיין אומדערבאַרעמלעכן עלנט ביי די ברעגעס פון דער טעמזע. ער האָט געחלומט פון באַנייונג אין גרויסן ניו־יאָרקער ייִשוב, געטרוימט פון דיכטערישן אויפלעב אין אַמעריקע, ווו עס קלאַפּט אינטענסיווער דער ייִדישער דופק אָקעגן דעם ווי ער שלאָגט אין אויסגעוועפּטן ווייטשעפּל. אָבער דער דיכטער האָט נישט געזען פון ניו־יאָרק קיין ברודערלעכע האַנט. דערפון זיין פּאַראַבל אויף דער קילער קאַלטגיאַלקייט פון כרך ניו־יאָרק. משמעות, דער זעל־ביקער קידער־ווידער האָלט אָן, קעגנזייטיק האַלט ער נאָך אָן עד היום הזה. נו, מאַנגער איז שטאָלץ אין זיין פּרינצלעכער עלנטקייט פון אַ ייִדישן פּאָעט. אויך אין דעם ווילד־גרויסן ניו־יאָרק איז ער כמעט איינזאַם, דער פּאָעט מאַנגער. עלנט איז שוין דעם דיכטערס גורל. דער דיכטער פון באַפּליגלטער פּאַנטאַסטיק אין זיין לויטערער לירישקייט ווייס פון דעסטוועגן זיין ווערט און ער באַקומט טאָקע דעם פּאַרדינטן פּרייז פּאַר זיין דער־הויבענעם געזאַנג. אַצינד האָט עס מאַנגערן צוגעטראָגן די ייִדישע מדינה. ס'מעגן אויף אים מוצא שם רע זיין די נישט פּאַרגינערס, דאָס פּאַלק שאַצט אים מיט דער הויכער שאַצונג, איציק מאַנגערן, דעם פּרינץ פון איידעלן ייִדישן ליד.

יוסף אקרוטני

ישראל שטערן

די ל. מ. שטיין-ביבליאָטעק ביים קולטור־קאָנגרעס אין ניו־יאָרק האָט אונדז אונטערגעטראָגן אַ גאַר ווערטפול בוך אין אַ באַשיידענעם לייוונט־איינבאַנד: „ישראל שטערן, לידער און עסייען“. עס איז דאָס ערשטע און ס׳איינציקע בוך פון אָט דעם מחבר! ס׳ערשטע בוך, ווייל ישראל שטערן האָט בחייו נישט אַרויסגעלאָזט קיין בוך פון זיינע זעלטן אָריגינעלע לידער, אויך נישט פון זיינע פּאַרטיפטע עסייען; און ס׳איז דאָס איינציקע בוך זיינס, מחמת ישראל שטערן וועט קיין לידער מער נישט שרייבן. ישראל שטערן האָט מיט זיין אַסקעטיש לעבן ווי מיט זיין אויסטערלישן, ממש גערנוויליקן אויסגיין אין וואַרשעווער געטאָ בעת דעם היטלער־חורבן, אין פולער תמימות געטיילט דעם גורל פונעם רוב ייִדן, אַריינגעטריבענע צווישן שטעכלדראָטן אויף עקסטרעמער דחקות און אומקום. אָבער אומגעבראַכט האָט מען אים אין גיהנום טרעבלינקע.

ישראל שטערן געהערט צו די דיכטער־קדושים פון אונדזער צוואַנציקטן דור. פון געטאָ־וואַרשע האָט זיין מאַרטירער־וועג געפירט אין טויטן־לאַגער טרעבלינקע, וווּ ער איז אומגעקומען בייאַנאַנד מיט די שענסטע און פשוטסטע פון פאָלק, מיט וועלכן ער האָט זיך אידענטיפיצירט מיט אויסנעמלעכער געטריישאַפט, הגם זיין דרך איז — אין אַלע פּרטים — געווען אַ יחידישער.

אַ מערקווערדיקע געשטאַלט איז געווען ישראל שטערן. אַזוי ווינציק מפורסם ביים דורכשניטלעכן עולם, אָבער הויך געשאַצט פון די מפונקים. ה. לייוויק רעדט וועגן אים מיט יראת־הכבוד — אין זיין הקדמה צום אָנגערופענעם בוך — און ער שטעלט זיך פאַר דער דערשיינונג ישראל שטערן ווי פאַר אַ פּסיכאָלאָגישן רעטעניש, אָבער גלייכצייטיק פאַר אַ טראַגעדיע פון אַ מענטש־פּאָעט וואָס יסורימט אויס זיין געפיל און זיין וויזיע אין זעלטענעם ליד.

*

ווער איז ישראל שטערן? — וועט פרעגן דער פשוטער ייִד, ווען ר׳וועט זען די חשיבות וואָס מ׳שרייבט צו דעם אַ־בר־־נש וואָס מאַכט אויסערלעך קיין שום באַזונדערן איינדרוק; וואָס שטעלט ער פאַר מיט זיך, דער ישראל שטערן, אויפן באָדן פון דער ייִדישער ליטעראַטור, איז נייגיריק אַפילו אַ מער ראַפינירטער בירגער צווישן ייִדן. אין אמתן איז

שווער צו פּרעציזירן אין אַן איינציקער פראַזע דעם תוך פון דער פּער־זענלעכקייט ישראל שטערן. קודם איז ער אַ זעלטן איידעלער, דענקענדיקער יידישער שרייבער און — דערצו — אַן אָריגינאַל פון זיין מין — ווערליק זיין אופפיר. און נאָך: לפי זיין כאַראַקטער איז ער שרייבעריש אַ מאָנער, אַ לויטערער הומאַניסט און אַן איש־תמים. ער האָט פאַרקערפּערט דעם אידעאַל פון אַ מחבר ווי ער דאַרף זיין סיי אין דעם וואָרט וואָס ער ברענגט אַרויס, סיי אין זיין מענטשישער האַנדלונג: קודם כל געבן מיט זיך די פולע עטישע דעקונג אין זיין ממשותדיקער טאַט. אלא אַליין האָט ער געלעבט מיט כולו גייסט, ווי ר׳וואָלט געווען אויסנעטאָן פון דער וועלט: פון דעסטוועגן איז ישראל שטערנס ליד די געעפנטע ווונד פון אייגענעם האַרץ, וואָס אַנטפּלעקט דעם ווייטיק פון זיין יחידישן זיין. איז ער, הייסט עס, אַ גרויסער יידישער דיכטער? נישט נאָר דאָס. ישראל שטערן איז אַ דיכטערישע פּערזענלעכקייט, וואָס איר עמוד איז נאָר דאָס אויפגעשריבענע וואָרט און די שטומקייט פון זיין יחידישן ביטול־היש, וואָס ער ווענדט אָן נאָר כלפּי זיך. נו, די גרויסע ענווות, זיין טיף אַקערנדיק ליד און חריפותדיקער עסיי פליוס זיין הנהגה איז די אומגעוויינטלעכע גאַנצקייט פון דער דיכטער־געשטאַלט ישראל שטערן. ער איז געווען איינציק־אַרטיק און טיפמענטשלעך.

ביאָגראַפישס וועגן דעם יידישן פּאָעט? דאָ און דאָרט האָט עמעץ שוין געבראַכט פּרטים פון זיין אָרעמער היים אין פוילן. קיין בייכיקן ראָמאַן פון אַ העכסט־אינטערעסאַנטן אינהאַלט וואָלט זיך נישט געלאָזט פאַרפאַסן פון ישראל שטערנס לעבן און שאַפן. קיין שום פאַרביקייט, קיין אַוואַנטוריסטישס האָט נישט באַגלייט זיינע טעג און נעכט. שטערנס גרויסקייט דאַרף מען זוכן אין זיין דיכטערישן דענקען ווי אין זיין חידותדיקער פאַרשלאָסנקייט. זיין ביאָגראַפיע ליגט אין די טיפן פון זיין מחשבה, אָפט מאָל אַן אַנגעקליידטע אין קראַנקהאַפטיקע בילדער וואָס זענען באַלויכטן פון דער בלוטנדיקער נאַכט, פון אַן אויסגעטריקנטער לבנה. פון דעם עזבון וואָס איז געבליבן נאָך דעם פּאָעט ישראל שטערן קאָן מען געוואָר ווערן קנאַפּ ביאָגראַפישס. מנחם פלאַקסער, דער בן־עיר פון ישראל שטערן, דערציילט פון אים אַלץ אויף כמעט קאַרגע דריי בוך־בלעטלעך. אָסטראָלענקע וואָס אויף דער גרענעץ פון פוילן און ליטע איז געווען זיין געבוירן־אָרט. ביטערע אָרעמקייט האָט געהויזט מיטן דיכטער פון קינדוויז אָן. דער טאַטע, אַ מלמד, איז יונג געשטאָרבן; די מוטער האָט מפרנס געווען דאָס הויזגעזינד פון דריי קליינע יינגלעך און

אַן אַלטן טאַטן פון אויסבאַקן געבעקס, וואָס זי פלעגט אין די פאַרנאַכטן פונאַנדערטראָגן צו פאַרקויפן אין די באַלעבאַטישע הייזער. ישראל שטערן, דער עלטסטער פון די קינדער, איז אַוועקגעשיקט געוואָרן לערנען אין די ישיבות פון לאָמזשע און סלאָבאָדקע. אויף יום־טוב, ווען ישראל פלעגט אַהיימקומען, האָט ער געדאַוונט אין גערער שטיבל. בעתן דאַוונען — דערציילט מ. פלאַקסער — פלעגט ישראל שטערן שטיין מיטן פנים צו דער ספרים־שאַנק און האַלטן דעם קאָפּ איינגעגראָבן אין די לאַנגע טאָולען פון יורה דעה. איך האָב זעלטן געזען אים מיט־דאַוונען מיט קהל. וואָס נאָך? ער איז געווען צוגעבונדן צום בוך און ספר. ער פאַרבינדט זיך אין וואַרשע, וואָהין ער איז דערנאָך אַריבער־געפאָרן, מיט אַ קיבוץ פון מוסרניקעס. ער זיצט שפּעט ביי נאַכט און לערנט אין שטיבל פון די „טויטע חסידים". די ליטעראַרישע קאַכעניש איז אים געווען גלייכגילטיק. ווי אַזוי ער האָט געלעבט? „אין אַן איינגעפּאַלענעם איזערנעם בעטל צווישן אַ באַרג מיט שמאַטעס. אַ שווער באַוואַקסענער איז שטערן געלעגן אין אַ טיפן שלאָף. ער פלעגט אַזוי אויף וואַכן לאַנג ,אַוועקגיין' פון דער וועלט און דאַן ווידער אַרויסקומען, אָפּדרוקן אַ בליציקן עסיי אין אַ צייטונג, אין אַ זשורנאַל, אָדער, זעלטענער, אַ ליד. ער איז געווען פול מיט ביטערן פּראָטעסט קעגן דעם לעבעדיקן אַרום און איז נישט געווען גרייט איינצוגיין אויף קיין שום פשרות מיטן לעבן", זאָגט עדות מ. פלאַקסער.

אַזאַ איז געווען ישראל שטערן: האָט אַרומגעבלאָנקעט איבער די וואַרשעווער גאַסן, זיך איינגעקוקט אין די פּנימער פון די פאַריאָגטע און פאַרפלאָגטע מענטשן. ער פלעגט שטיין מיט בעטלערס אויפן ראָג גאַס און פלעגט פאַרענדיקן ביי אַ ספר אין דער „ליטווישער חברה ש"ס". אַזאַ איז געווען דער מענטש ישראל שטערן, דער ייִד וואָס איז אומגעקומען אין די פייערן פון גיהנום טרעבלינקע; אַנדערש, לויטערער, טיפער, טראַגישער איז געווען ישראל שטערן דער פּאָעט, וועלכער איז אונדז אומגעקערט געוואָרן — אין געפּלייש פון זיין בוך, פון וועלכן עס שפּאַרט אַרויס די געשטאַלט פון אַ בלוטנדיקן, אַ יסורים־צונויפ־געקנוילטן דיכטער, וואָס הערט נישט אויף צו פרעגן אין ווי און פּיין: „צו וואָס? פאַר וואָס?"

אויף די „צו וואָסן" און „פאַר וואָסן" וואָס מאַטערן, געפינט דער דיכטער דעם ענטפער: — עס איז דער ווייטיק פון פילן, פון דורכלעבן

און באַנעמען דאָס צוגעזעענע, מחמת אַלץ גליט פאַר אים אין שטאַרצנדיקן בילד, אין אומערשיין.

קנאַכיקער הונגער, אומאָפּטרעטלעכע נויט און קרענק האַלוציגירן דיווירקלעכקייט. ישראל שטערן באַוועגט זיך אין אַ וועלט פון גראָטעסקע פאָרמען, פון אומנאַטירלעכע קאָלירן, כאָטש איר שפּראַך איז אַלץ איינס אַ מגושמדיק־רעאַלע. פון דער אכזריות, וואָס איז נאַקעטע ממשות, איז דער דיכטער שווער געטראָפן אין זיין אַלטאָג. זיינע לידער „דאָקומענטירן" דאָס; נאָך מער — זיין שפּיטאָלציקל, וואָס איז תּוכיק און פאַרעמלעך איינציק אין דער יידישער פּאָעזיע, וועלכע איז כלל נישט אָרעם אין שפּיטאָל־לידער פון מערערע יידישע פּאָעטן. דעם נשמה־שליסל צו אָט די ווייַ־קאָרטשנדיקע אימאַזשן פון ארויף און אַראָפּגאַנג אין באַוווסטזיין פונעם קראַנקן, דאַרף מען אפשר זוכן נישט בלויז אין ישראל שטערן דעם וואָרטקינסטלער, נייערט אויך אין זיין פילאָסאָפירנדיקער נאַטור, אין דער טיפער עניוות.

וואָס טויג אין מיין ליד דיינע אויגן?
אַז צוויי ווערבעס שטייען ביים טייך,
לעבן זיי ביידע געבויגן,
נאָר יעדער פון זיי וויינט באַזונדער.

ער איז שאַרף אינדיווידואַליסטיש. די מענטש־ און וועלט־דערקענטעניש האָט גאָר טיף זיך אַריינגעשניטן אין דעם יידישן דיכטער און זי האָט אים פונקט אַזוי, קאָנסעקווענט, אַזוי צו זאָגן, געפירט איבער די שיפועים פון לעבן. אַלץ איז משא, שווער, אין באַנעם פונעם מענטש ישראל שטערן רייסט זיך אַ מאָל אַריין אויך — ווידערווילן. אָבער ביי אים איז דער צאָרן נישט קיין רעוואָלטירנדיקער, גיכער איז ער תּפילהדיק, גלייך ער וואָלט געמאָנט אַ ביסינקע גערעכטקייט, איינזעעניש, מחמת דאָס וואָס געשעט איז מענטשלעך נישט דורכצוטראָגן. איך בין דאָך אויך אַ באַשעפעניש — רעזאָנירט ער — טאָ פאַר וואָס זאָל די נאַכט מיך אומעטום יאָגן מיט איר לעצטן ביסל געקלאָג? יאָ, די סאָציאַלע ווידעראַנאַנדן רייצן זיין אינטעלעקט, די נערן זיין שאַפערישע פאַנטאַזיע און ער קלאָגט אויף זיי אין זיין מענטשלעכער פרומקייט. ער זינגט נישט, ישראל שטערן, ווי מען באַצייכנט טראַפאַרעט, דעם גאַנג פון די פּאָעטן איבער די אָביעקטן פון זייער אינספּיראַציע. ישראל שטערן זעט, ליידט ווייטיקלעך איבער דעם געזעענעם אומזיניקן אומרעכט. און דערפאַר

איז וויטיק זיין ליד. צו מאָל דער אויסקלאַנג פון פרייד, אַפילו פון שמייכל איז נישט ניכּר אין זיין סטראָף. אויב „אַ יתומל לאַכט", „אַ יתומל זינגט" איז עס דער קעגנשטאַנד פון דעם דיכטערס צעקאַליעטשעטער געמיטלעכקייט. וואָס פאַר אַ לאַכן? „אַ יתומל לאַכט אין צעריסענע בגדים, שרעקט זיך און לויפט איבער די גאַסן און געסלעך", איז אונדז מודיע דער צניעותדיקער דיכטער; ער האָט עפּעס צוגעגנבעט, יאָגט מען אים נאָך. „ער טאַנצט דורך אַ פּאַרקאַן, קוקט זיך אַרום: — אַ שטאַל, אַ קאַלב מיט צוויי אויגן... אַ בודע, אַ הונט מיט צוויי אויגן און עס דאַכט זיך, זיי באַקלאָגן זיך: מען האָט אונדז געשלאָגן". טיילט ער זיי פונאַנדער דאָס געגנבעטע שפּיגעלע, די ברילן, דאָס בייטעלע, און לאַכט און „מען פּאַקט אים דאָ". ס'איז אַ ביטער לאַכן! וואָס פאַר אַ זינגען פונעם יתומל? „דורך ענג געשפּאָלטן רעקל רייסט זיך דורך (זיין) געזאַנג, האָט צעריסן די פּזשישוועס אויף די שיך און זינגט (אין דער נאַכט). ער האָט נישט ווו צו שלאָפן, שטרענג פאַרקלאַפּט די טויערן ווי דער קבר פון זיין טאַטן, אַן ליכט געבליבן אַלע פענצטער ווי ער אָן אַ מאַמען; טראָטואַר און מענטש — טויט־אָרעם ביידע און קלעמעדיק־שווערע ליידיקייט איז אַצינד די שטאָט ווי אַ פריש־געבויט יתומים־הויז". אַזאַ איז די האַרטע וואָר, און דער דיכטער לאָזט זיך אָוועק דמיונותדיק איבער באַלאַדישער וואָר: „גלותט דער יתום פון פּאַלאַץ צו פּאַלאַץ, שלעפּט אַ מאָגן פול מיט הונגער" (ז' 37) — רעדט פאַר אים דער דיכטער און ר'חלשט פון וועגן דעם יתום: „גאָט, אַ קאַפּקע רו! זיין גומען טויג נישט צו קיין תפילות, ס'האָט אַ טאַטע נישט געלערנט און קיין מאַמע האָט ער אויך נישט — פון וואַן זשע זאָל ער שעפּן טרערן?" (דאָרט). באַלאַדיש דערציילט דער דיכטער: דער יתום לאָזט זיך אַראָפּ אויף האַרטער שטאָטישער ערד, חמרט און זינגט אַרויס פון שלאָף:

> שטיינער גוטע, ווייכע שטיינער, / איך בין אַ מאָל געווען אַ שיינער / היינט קוקט אויף מיר נישט קיינער; / אַלע שלאָפן, איך וואַך איינער. / אַז איך עס נישט — ווייסט נישט קיינער. / שוין שוואַרץ געוואָרן מיינע ציינער! / ווייכע, ווייכע, ווייכע שטיינער, / איך בין אַמאָל געווען אַ שיינער" (ז' 38).

טרויעריק דיווירקלעכקייט, נישט ווייניקער טרויעריק איז זיין אויסגעחלומטע ווירקלעכקייט.

*

די עוולה קעגן דעם מענטש איז די ברענענדיקע פּיין וואָס הויקערט זיך, טונקלט און בלייכט פאַרן בליק פון דיכטער. מענטשן, וואָס הונגערן,

מענטשן וואָס זענען אָנגעבאַרייט פאַר קרענקן, זענען די מאָדעלן פאַר ישראל שטערנס בילדערישע לידער. די אינספּיראַציע פאַר זיין פּרוכ־פּעריקן כּעס, אויב מ׳קען אַזוי זאָגן, מחמת מערערע מאָטיוון פון דעם אַ אָריגינעלן דיכטער, איז ביי אים — מחמת מערערע סיבות — אַ פּראָדוקט פון זיין שאַפערישן, אַקטיוון ווידערווילן כּלפּי דעם סאָציאַלן בייז. „מענטשן וואָס הונגערן״ שטויסן ישראל שטערנס מוזע.

אַז זיי זאָגן „מענטש״ — ווערט דער וועלט אַזוי באַנג,
ווי מ׳וואָלט די גאָלדענע האָר פון דער זון אָפּגעשוירן.
און אַז זיי זאָגן „צווייג״ — ווערן די וועלדער קראַנק,
גלייך די פייגל האָבן די נאָטן פאַרלוירן.
און אַז זיי זאָגן „היי״ — איז אַ שריפה אין דעם סטויג,
ווייל אַנדערש, אַנדערש זייער קול, זייער אויג,
ווייל׳ הונגעריקע קאָנען פעסטט, האַרט זיין ווי ביין,
און האָבן נישט רחמנות און דערציילן זיך אַליין
אין טיפע נעכט אַ גרויזאַמע מעשה,
אַז די שטערן אין הימל זענען קעפּעלעך ווייסע
פון אָנגעצויגענע געשווירן. (ז׳ 40).

נישט קיין חידוש וואָס אַזוי און נישט אַנדערש, האָט ישראל שטערן באַנומען אונדזער שיינע וועלט. די פאַרענטפערונג געפינען מיר אין די מאָוימדיקע מעת־לעתן, ווי ער האָט ליב געהאַט איבערצוחזרן אין זיינע זעלטענע לידער, אין וועלכע ער טייטלט אָן מיט „אַ לאַנגן שפּיזל״ (וואָס זאָל דעם הימל דערכאַפּן און אַ שטאָך טאָן די בלאָטערס, עס זאָל אייטער זיך צאַפּן און פאַרגיסן די וועלט״. חלילה, נישט רעבעלירן איז אויסן דער דיכטער, כאָטש ער שפּירט זיך אַליין אין דורכויסיקער פאַרלוירנקייט, אָן אויסוועג. כּפי זיין מהות איז ער אַ תּמים און אַזאַ איז ער דורכגעגאַנגען דעם פאַרטונקלטן וועג. בלויז די עוולה מצד דעם מענטש קעגן מענטש האָט אים ווי געטאָן און פון גערעכטיקייט וועגן האָט פון אים אַרויסגעשפּאַרט דער וואָס האָט שטיל באַגערט די באַלערנענדיקע שטראָף. וואָס שייך זיך גופא, האָט ער זיך באַוואָרנט קעגן אַזאַ מעגלעכן חשד:

„איך בין קיינעם נישט מקנא, / סיידן דעם געזאַנג פון דער קאַסע / פאַר נאַכט אין דאָרף״ (ז׳ 43). דער עיקרשט האָט ער געטרויערט וואָס זיין קאָפּ ליגט אין שוים פון „די וועלט (וואָס) איז שוין אַריין צו מיר אין האַרץ אַ פינצטערע״. (ז׳ 57).

גרויס, ווייל איינמאַליק אין דער בילדערישקייט פון זיין פאַר־שטויסענער וועלט, איז ישראל שטערן אין זיינע לידער. און אַטראַקטיוו

אין די שאַרפקייט פון בילדלעכן אויסדרוק, מיט וועלכן ער דערבערענגט צו אונדז אין ליד זיין גרויליק געמיט, כאָטש געשריבן אין געצוימטע שורות. גאַר אויפטרייסלענדיק איז ער אין זיינע שפּיטאָל־לידער. פרילינג שטייט גראָד צוקאָפּנס ישראל שטערנען ווען ער האָט „זוכה־־געווען״ דאָס ווייסע געלעגער פון אַ חולה. די שאַרף שטאַרצנדיקע ווידעראַנגאַנדן פון דעם בלי אין דער נאַטור און די צעקאַליעטשעטקייט פון מענטשישן גוף, רופן אַרויס ביים דיכטער אַ בלוט־פרירנדיק געפיל פון רחמים און יסורים, אַ געפיל וואָס איז אויסגעשפּרייט איבערן גאַרן אוניווערס וואָס בייגט זיך און פּאַכעט אַנטקעגן דעם מענטש וואָס צאַפּלט זיך אויפן משקולת. ציטירן? אין זיין סענסיבילקייט איז דער קראַנקער דיכטער מאַכטיקער פון שטאַרקסטן סטראָף. זיינע אינעווייניקדיקע אימאַזשן זענען איבעררײַשנדיק ניי. אין ישראל שטערן מוז מע זיך אַריינלייענען מיט אָפענע חושים, זיין אָטעם איז אָנגעזאָפּט מיט פיבער און ער איז איינ־צייטיק פול פאַרגעבונג פאַר אַלץ, פאַר אַלעמען.

נישט שייך אַריינצונעמען אין די שמאָלע ווענט פון אויפקלערנדיקע, אַריינפירנדיקע שורות צו אַזאַ ספר די רקיעים פון אַ גרויסער אינעווייניקדיקער וועלט. און אַזעלכע איז די וועלט פון ישראל שטערן, דעם יידישן דיכטער, וועלכער איז אונדז צוריקגעקערט געוואָרן אַ ווירקעוודיקן אויף די פליינען פון זיין אײדעלן ליד. זיין עסיי, אַ שטאַרק פּאַרטיפטער, אַ ספּעקולאַטיוו־אַנאַליטישער, איז אַן אַנדער אינסטרומענט אין רשות פון דער פּערזענלעכקייט ישראל שטערן. יאָ, אויך אין דעם עסיי גראָבט ער אין די טיפן פון גייסטיקן טאָג און נאַכט וואָס דריקן אויף אים, דעם דאָזיקן שאַרף־זעעוודיקן, חריפותדיקן מוח. שוין זיין עסיי „קרויגנען צום קאָפּ פון דער יידישער קריטיק״ פירט ער אונדז אַריין אין דער ספערע פון גייסטיקער חקירה בנוגע דעם וועג פונעם דיכטער, וואָס איז גורלדיק „פאַרמשפּט טראַפּנווייז, שטיקערווייז צו פאַרברענען זיינע נערוון און זיין מאַרך ביים שפּירן און דורכשפּירן, ביים דענקען און אויסדענקען מאָטיוון און קאָנסטרוקציעס, שטאָפּן און אָרנאַמענטן — — אַז ער זאָל אייביק מוזן טראַכטן״ (ז' 97). אַ צעפּאַלמעסטע וועלט צעעפנט צו מאָל פאַר אונדז דער קריטיקער ישראל שטערן, אָבער צו וואָס פאַר אַ קאַטעגאָריע קאָן צוגערעכנט ווערן דאָס פּאַלמעסן פּראָבלעמען, געדאַנקען און דערשיינונגען וואָס מאַטערן אַ דענקענדיקן, שעפערישן מוח! אַ גאָלדענעם שליסל צו אָט דער קאַטעגאָריע גיט אונדז שטערנס עסיי „ברויט און פּאָעזיע״. דאָ גיט דער דיכטער אַן אַריינבליק ווי אַזוי ער באַנעמט עכטע פּאָעזיע.

ער זאָגט אַ שטייגער, אַז „אַ ליד וואָס איז שטאַרק פּאָפּולער (האָט ער נישט ליב, און דאָס איז אויך נישט קיין איבעריק גוטער סימן...״ ער נעמט פּרוגס פּאָגראָם־־ליד „גיט די טויטע אויף תכריכים און די לעבעדיקע ברויט״ און פרעגט עס אָפּ על פּי לאָגיק פון זיין אַנאַליז (ז׳ 145).

אַוודאי, די דימענסיעס פון ישראל שטערנס עסיי זענען אויך אַנדערע ווי אין דעם רוב עסייען וואָס קומען אונדז צו דער האַנט — זיי פאַרנעמען זיך צו מאָל אין דער הויך און אין דער טיף. די פלאַך וויכט ער לגמרי. זי עקסיסטירט גאָר נישט פאַר דעם אַ בעל־מוח, די פלאַ־טשיקייט זעט ער נישט.

*

„לידער און עסייען״ (ניו־יאָרק, 1955) הייסט דאָס איינציקע און לעצטע בוך פון ישראל שטערן. נאָר לידער און עסייען האָט ער געשריבן און דאָס אויך נישט אָפט. אַחוץ דעם ראַנגלען זיך מיט דער צודרינגלעכער נויט, האָט שטערן נישט געהאַט קיין אַנדער „געטועכץ״. ישראל שטערן פון אָסטראָלענקע, וועלכער האָט זיך נאָך זיין מוטערשטאָט באַהאַפטן מיט דער יידישער וואַרשע, האָט נאָך געלערנט תורה ביחידות — מחמת דאַרשט צו דערגיין צו די פאַרבאָרגענישן פון דער יצירה און די הייכן פון דער מחשבה. אַ ספק, צי ישראל שטערן האָט אַ מאָל געשריבן אינטימע בריוו צו אייגענע. זיין הנהגה איז געווען ווי פון אַ מענטשן „וואָס לעבט אַזוי ווי אויף יענער זייט אינטערעסן פון אַנגענומענער איינגעאָרדנטקייט״, ווי עס כאַראַקטעריזירט אים ה. לייוויק אין זיין אַריינפיר־וואָרט און ער, טאַקע לייוויק, לאָזט לידעריש הערן זיין קדיש נאָך אים, דעם אויסגעצאַנקטן, פאַרטיליקטן פּאָעט:

מיין ברודער ישראל שטערן,
מיין ברודער פון איובשע לידער,
איין טאָטן מיר טוען געהערן,
איין טאָטן — דעם אייביקן יידן.
מיין ברודער ישראל שטערן,
דער טאַטע האָט געלאָזט זיך שעכטן
דעם שופר פון משיח צו הערן —
געווען איז דאָס נעכטן, נעכטן — —
— — — — — — — — —

אַ רירנדיקער קדיש פון אַ פאַריתומטן ברודער־זינגער וואָס איז געבוירן געוואָרן צו וויטיקן ווי דער, וואָס ליגט אָקערשט אויף „עקדה

אַזוי ווי ס׳איז יצחק געלעגן״ (לייוויק). דורכדרינגלעך איז דאָס קול פון אונדזער באַדייטנדיקסטן דיכטער איבערן קבר וואָס ערגעץ „צווישן חורבן־געוועלבער״... נײַן, נישט צווישן די אָפּגעמעקטע וואַרשעווער הייף זענען צעזייט די אַשן פון דעם דיכטער־־נסתר ישראל שטערן; אין קבר פון אונדזער פאַרוויסטן געדעכעניש איז ער געבליבן, אַ געאַכפּערטער, הויערן באַגלייך מיט זיין בלוטנדיקן ליד.

הערצער טויזנט — און איין ווייטיק...

ווען ש. פרוג

א

עס זענען שוין פאַרביי מער ווי זעכציק יאָר זינט עס איז אַוועק אין דער אייביקייט דער ייִדישער דיכטער שמעון־שמואל פרוג. און זאָגט מען פרוג, דערמאָנט זיך אַ פּיינלעכע עפּאָכע אין ייִדישן לעבן אונטער דער צאַרישער מאַכט; און דערמאָנט מען פרוגן דעם דיכטער, טויכן אויף זיינע ברייט אַפּגעהילכטע פערזן ווי אַ יאָמער־רוף צו דער וועלט: „גיט די טויטע אויף תכריכים, גיט די לעבעדיקע ברויט!״ יאָ, ס׳פאַרשמעקט ווידער אַ מאָל מיט דער פאָלקישער אבלות נאָך די אויפטרייסלענדיקע פּאָגראָמען אויף ייִדן און רוסישן תחום המושב.

פרוג, קאָן מען זאָגן, איז אַ מאַרקאַנטע פּאָזיציע אין דעם אויפלעב פון דער ייִדישער קולטור אין רוסישן גלות אין די לעצטע יאָרצענדליגער פון 19־טן י״ה; שפּעטריש איז ער געווען אַקטיוו אין דער רוסישער פּאָעזיע ווי אין דער ייִדישער פּאָעזיע פון יענער צייט. אמת, די ייִדישע ליטעראַטור האָט אים נישט געשטעלט אויף איר מזרח־וואַנט, אָבער אַ וויכטיקע פּאָזיציע אין איר אַנטוויקלונג פאַרנעמט ער, דער פּאָעט שמעון־שמואל פרוג, ווייל אין ייִדישן פאָלקס־זכרון האָט ער אַריינגעזונגען געדענקלעכע מאָטיוון וואָס זענען דער קנין פון דורות און איז בלתי ספק אַ יש, מיט וואָס מיר דאַרפן זיך רעכענען אויך אין אונדזערע טעג.

מער ווי אַ האַלבער יאָרהונדערט ווי פרוג איז נישטאָ אין אונדזער עולם התוהו. דערצו איז אונדזער תקופה געשיכטלעך און אויך פּסיכאָלאָגיש גאָר אַ ווייטער מרחק וואָס שייך דעם פאַרנעם און דער מאָס פון דער צייט, אין וועלכער פרוג האָט געווירקט שפּעטריש, און דאָך קלינגט גאָר בולט אַריין אין אונדזער באַוווסטזיין דער פרוגישער מאָטיוו. מחמת זיין ליד וואָס דערגייט צו אונדז נאָך היינט, רעדט צום ייִדישן געמיט מיט דער אינטענסיוויטעט פון דעם באַומרויִקטן ייִדישן גורל, וואָס דערמאָנט אונדז דערעיקרשט אין ייִדנס ליידן צווישן פרעמדע פעלקער. נו, פון פרוגס געזאַנג הערט זיך נעמלעך אַרויס דאָס קול פונעם אַלטן ייִדן־געטאָ, וואָהין געקרויינטע צוררים און אויך דאָס פּעבל האָבן אונדז אַריינגעשטויסן אויף פּיין און ענגשאַפט, בעת איבער די ייִדישע קעפּ האָט

זיך געהערט דער בפירושער געפלאָטער פון גלות השכינה אין ברייט אָרומנעמענדיקן באַגריף פון דעם אָ קענצייכן.

מיר רעדן פון פרוגן דעם ייִדישן דיכטער, כאָטש אַנגעהויבן זינגען טרויערן אויפן ייִדישן גורל האָט ער אויף — רוסיש. און די רוסישע פּליִיט איז אויך געווען דער אינסטרומענט פון פרוגס בענקשאַפט צו זיין פּערזענלעכער גאולה. אין סימאָן פרוג, דעם אָרעמען ייִדישן יונגן־מאַן פון אַ פּאַרוואָרפענעם אוקראַיִנישן דאָרף, האָט סטיכיש זיך דערוועקט דער חשק זיך אַרויסצורייסן — מיט דער הילף פון רוסיש־לשון — פון דער נבזהדיקער ענגעניש, וואָס האָט פאַרביסן געדריקט אויפן ייִד אין דער פּיינדלעכער סלאַווישער אַרומרינגלונג. אמת, דאָס ייִדישע פאָלק, די ייִדישע היסטאָרישע, נאַציאָנאַלע פאַרגאַנגענהייט, איז געווען פרוגס הויפּט־טעמע, וועלכע ער האָט אַפילו באַוויזן ליריש צו אַקטואַליזירן. אין זיין אויפגעשוימטן ייִדישן מאָטיוו האָט פרוג על פי רוב לידעריש זיך אויפגעהויבן איבער דער אייבערפלאַך פונעם אומהיימלעכן היינט פון זיין צייט; ווייל אין ממשותדיקן קלעם פון ייִדישן גלות האָט ער פאַר אַ טרייסט סענטימענטאַל געפונען רק די געשיכטלעכע פּערספּעקטיוו — די גייסטיקע באַהאָפטנקייט מיט ציון און צו מאָל די טראַדיציאָנעלע אמונה און ביאת המשיח.

דער צעוויטיקטער ייִדישער דיכטער האָט זיין געזאַנג, געניער — זיין ייִדישע דעקלאַמאַציע פּאָעטיש, אין עצבות אַרויסגעבראַכט אין אַ פרעמדן לשון, אין רוסיש. פרוג האָט עס געטאָן מיט טאַלאַנט, מיט אַזאַ כוח וואָס האָט זיין ווייַ פאַרוואַנדלט אין דעם אָכץ פונעם אונטער־געדריקטן ייִדישן פאָלק. אַזוי אַרום האָט פרוג זיך איינגעקויפט דעם שם־טוב פון אַ נאַציאָנאַלן ייִדישן דיכטער, כאָטש ער האָט געזונגען אין אַ נישט־ייִדישן לשון.

און פרוג האָט דיכטעריש אויסגענומען אויך ביי די רוסן, ווייל ער׳ט געשאַפן אויך אויף אַלגעמיין־רוסישע מאָטיוון, אָבער האַרציק האָבן אים מקרב געווען נאָר די ייִדן. די רוסישע ליטעראַטור האָט אים געשאַנקען נאָר אַ העפלעכן שמייכל, אָבער אים נישט אַריינגענומען אין אירע געצעלטן. די רוסיש־ייִדישע אינטעליגענץ, וואָס האָט אויף איר פאַן אויפגעשריבן די לאָזונג וועגן אַרויספירן דאָס ייִדישע לעבן פון די ענגע ד׳ אמות פון בית־מדרש און עס פאַרבינדן מיט דער גרויסער וועלט, האָט פרוגן דער־לאַנגט אַ ברודערלעכע האַנט. קלאָר, די תקופה פון פרוגס דיכטערישן

פונאַנדערבלי איז געשטאַנען אונטערן איינפלוס פון דער השכלה, וועלכע האָט זיך געראַנגלט פאַר אַ וועלטלעכער פּאַרעם פון ייִדישן לעבן, כדי די אַלטפרענקישע ייִדישקייט אַרויסצופירן פון ענגן געסל, כאָטש זי׳ט איינצייטיק זיך וועלטלעך געמיאוסט מיט די רוסישע פּאָגראָמען. פרוג האָט דעם דאָזיקן סינטעז שפּעריש געזוכט אויף די וועגן פון דער רוסישער ליטעראַטור. ער האָט אַפילו געהאַט אויסגענומען אין אַ טייל פון די רוסישע ליטעראַרישע קרייזן, אָלאַ אין תּוך איז ער אַנערקענט געוואָרן אויך פון די רוסן פאַר אַ ייִדישן דיכטער, הגם ער האָט לאַנג נישט אויפגעהערט זיך קלאַמערן צו די ווינקלען פון דעם פרעמדן מזבח.

ב

אומזיסט זענען געווען די קרבנות פונעם ייִדישן דיכטער פאַר די פרעמדע. אין דער אומאייגענער סביבה האָט ער שפּעריש נישט געקענט אָרגאַניש אַריינוואַקסן. די רוסן האָבן זיך אָפּגעטרייסלט פון די שענסטע פרוגישע עלעמענטן וואָס דער ייִדישער פּאָעט האָט בכוונה אַריינגעטראָגן אין זייער פּאָעזיע. אַזאַ איז קענטיק שוין דער גורל פון די מערסטע, וואָס ווילן זיך דערווייטערן פון אונדז. שמעון־שמואל פרוג איז לכן געבליבן נאָר צווישן ייִדן אַ ייִדישער דיכטער, כאָטש ער האָט געזונגען אויף גויִיש. נו, אַן אונדזעריקער, מחמת ער איז נשמהדיק דורכויס ייִדישער זינגער. און ער איז סוף־סוף דערגאַנגען צו דער אַ אַליין־דערקענטעניש. דעמאָלט איז ער אַריבער אויסשליסלעך צו ייִדיש־לשון ווי זיין שאַפונג־אינסטרומענט. טאַקע אין ייִדיש האָט מיט אַן אַנדערער קראַפט אָפּגע־קלונגען זיין ליד, ווייל אין זיין סטראָף האָט זיך דערשפּירט ייִדישע עכטקייט.

איז אָנגעשטאַנען די צייט פון פּאָגראָמען אויף ייִדן אין מאַטושקאַ ראָסיאַ, האָט די ברוסט פון ייִדישן פּאָעט פרוג אויפגעציטערט און — מ׳האָט דערהערט זיין טיפן קרעכץ. נאָך מער, די ייִדישע מאַסן אין רוסישן ווי אין פּוילישן גלות און ערגעץ ווייטער האָבן זיך פרוגיש צעהילכט מיט מעלאַנכאָליע מחמת די בלוטיקע געשעענישן אין צאַרישן תחום. יונג און אַלט האָט געזונגען דאָס ליד פון הריגה איבער אומשולדיקע ייִדישע קינדער און זקנים און ס׳האָט געוועקט דאָס געוויין פון ייִדישער נויט:

הערצער טויזנט — און איין ווייטיק.
טויזנט הייזער — און איין טיר:
אַלע, אַלע — איין פאַרקלאָגטער,
קראַנקער יתום זענען מיר.

יוסף אַקרוטני

> ברידער, שוועסטער, האָט רחמנות!
> גרויס און שרעקלעך איז די נויט —
> גיט די טויטע אויף תּכריכים,
> גיט די לעבעדיקע ברויט!

ער האָט געשריבן אַ ראַפינירטן רוסיש, דער רוסישער פּאָעט סימאָן פרוג; ער האָט אויף רוסיש באַזונגען די אוקראַיִנישע נאַטור, ר׳האָט אויסגעגאָסן זיינע בענקשאַפטן אין אַ קלינגעדיקן רוסיש, אָבער דאָס ליד פון ייִדישן צער: „טו די טויטע זייערע ייִדישע רעכט און זעטיק אָן די אָרעמע יתומים פון די גוייִשע רציחות״, דאָס ליד פון מוראדיקן עלנט פונעם ייִד אין דער צעשטורעמטער גוייִשער וועלט, האָט זיך אים געזונגען נאָר אויף ייִדיש, דעם דיכטער שמעון פרוג. וואָרן ווו, אַחוץ אין ייִדיש־געצעלט, געפינט מען נייטיקן אויסדרוק פאַרן האַרצרייסנדיקן צער אין אָנבליק פון אומשולדיק־פאַרגאָסענעם בלוט אין אכזריותדיק אויסגעשאָכטענע ייִדישע קהילות? נאָר אין דער שפּראַך פון די אומגע־בראַכטע קרבנות האָט דער דיכטער געקענט געפינען דעם ריכטיקן ניגון פאַרן ייִדישן ווייטיק. דערין פרוגס גרויסע, אומפאַרגעסלעכע פאַר־דינסטן פאַר דער ייִדישער פּאָעזיע. „גיט די טויטע אויף תכריכים״, רופט זיך דאָ איבער מיטן ביאַליקישן שטראָף און צאָרן־ליד וואָס האָט אַ ביסל שפּעטער אויסגעהילכט אונטער די שטוינענדיקע, צעשראָקענע ייִדישע הימלען פון רוסישן גלות.

ג

ברויט און טויט האָט אין פרוגס טרויעריקער צייט זיך געגראַמט מיט ייִדיש לעבן אין דער רוסישער אימפעריע אונטערן צאַרישן רעזשים. עס איז געווען דער פעריאָד פון שווערן געראַנגל מצד דער שפּערישער ייִדישער אינטעליגענץ מיט דער סיטרא אחרא פון דער רוסישער רעאַקציע. און דער דיכטער אין פרוגן האָט זיך דאָ בולט אַרויסגעהערט מיט זיין באַזונדערקייט.

מ׳באַדאַרף געדענקען אַז די שמידערס פון דער ייִדישער עפנטלעכער מיינונג ביים סוף 19־טן י״ה און אויך שפּעטער האָבן געקענט קומען צום וואָרט מערסטנס נאָר אין די שטרענג־צענזורירטע ייִדישע פּרעסע־אָרגאַנען וואָס זענען אַרויס אין דער רוסישער שפּראַך („ראַזסוויעט״, „רוסקי יעוורעי״, „וואָסכאָד״), מחמת אַרויסגעצויגן אַ צייטונג אין ייִדיש איז געווען סכנות שווער, והשנית איז די מניעה באַשטאַנען אויך דערין וואָס

אַרויסלאָזן אַ צייטונג אין זשאַרגאָן — ווי עס האָט געהייסן אונדזער מאַמע־לשון — האָבן די ייִדישע געבילדעטע קרייזן אין רוסלאַנד פּראָסט־פּשוט זיך נאָך געשעמט. ייִדיש איז פון זיי באַטראַכט געוואָרן ווי „אַ פּאַרדאָר־בענער זשאַרגאָן". דער אַרויסגעבער פון ערשטן ייִדישן בלאַט אין רוסלאַנד („קול מבשר"), אַלכסנדר צעדערבוים, האָט אגב זיך באַקלאָגט אַז די משׂכּילים האָבן נישט ווייניק שנאה אַרויסגעוויזן אים, דעם קול מבשר און דעם זשאַרגאָן. מ'האָט אָנגערעדט און אָנגעשריבן אַ סך המנס מסירות אויף דעם זשאַרגאָן, בכן ער איז עס שולדיק וואָס ייִדן לאָזן זיך נישט רוסיפיצירן. און דער אידעאַל פון דער השׂכּלה איז דאָך געווען אַז ייִדן „זאָלן ווערן מיט פעלקער גלייך". נישט קיין חידוש דעריבער וואָס אַ ייִדישער דיכטער פון פּרוגס אייגנשטעל האָט באַגערט זיך צו טוליען צו דער קולטור פון די שטאַרקערע און מערערע. אָפּילו זיין באַרימט געוואָרן ליד „דער בעכער", וואָס שרייט אויס דאָס גרויסע ווייגעשריי פון ייִדישן פאָלקס־אומגליק, האָט דער עכט־ייִדישער פּאָעט אויסגעקלאָגט אין רוסיש. עס האָט, אמת, געהאָט גאָר אַ שטאַרקן אָפּקלאַנג אויך אין דער רוסישער ווי אין דער ייִדישער עפנטלעכקייט, דער בעכער מיט ייִדישע טרערן, אָבער דעם אייגנטלעכן ייִדישן תּיקון האָט געקראָגן פּרוגס קלאַסיש־ייִדישע ליד, וואָס האָט זיך טיף אַריינגעשניטן אין די ווייטערע ייִדישע דורות, ווען עס איז אַרויסגעקומען אין י. ל. פּרצעס קערניקער ייִדיש־איבערזעצונג:

— זאָג מיר, מאַמעשי, איך בעט דיך,
איז דאָס אמת, וואָס עס האָט
מיר פאַרציילט דער אַלטער זיידע,
אַז אין הימל דאָרט פאַר גאָט,

אַז פאַר גאָט דאָרט שטייט אַ בעכער —
און ווען מיר קוועלן זיך דאָ שווער,
האָט דער גרויסער גאָט רחמנות,
לאָזט אין כּוס אַריין אַ טרער?

— אמת, קינד מיינס! — אָך, מאַמע, מאַמע,
איז אויך אמת, איז אויך זיכער
אַז משיח, דער וועט קומען,
קוים וועט ווערן פול דער בעכער?!

— — — — — — —

יוסף אקרוטני

ווי לאַנג מירליידן שוין אין גלות
און דער כוס וויל פול נישט ווערן!
אפשר טריקענען דורך די יאָרן
אינעם בעכער אויס די טרערן?

ייִאוש פילט אָן די ברוסט פונעם דיכטער אינעם אַנבליק פון דעם בלוטיקן געוויטער וואָס האָט פּאַרעקשנט זיך געטראָגן איבער ייִדישע קעפּ. ער פאַרענדיקט דאָס ליד מיט אַ רחמים־געבעט צום בורא־עולם, אַז ער זאָל האָבן מיטלייד מיט זיין פאָלק און ר׳זאָל אַריינגעמען אין דעם בעכער די טרערן פונעם תמימותדיק־פאַרטרויערטן ייִדישן קינד וואָס מוז שוין קליינווייז זיך צוקוקן צו די ייִדישע צרות. ווי אַ לייטפאָדעם אין זיין פּאָעטישן שאַפן זעט זיך בולט פרוגס צער וואָס באַגלייט די ייִדישע עקסיסטענץ אין אַלע אירע אויסדרוקן אונטער די פיינטלעכע הימלען. און עס איז אויך נישט קיין צופאַל וואָס פרוגס ערשטע לידערבוך אין ייִדיש, וואָס איז אַרויס אין 1896 („לידער און געדאַנקען") עפנט זיך מיט אַ מאָטאָ: „איך לאַך און איך קרעכץ".

שמעון־שמואל פרוג, דער אומהיימלעך־געפּרוּווטער ייִדישער דיכטער קוקט באַוווּסטזיניק אויף דעם אַרום און עס רייסט זיך אַרויס פון אים אַ ביטערער שמייכל, צו מאָל אַ חוזק־געלעכטער מחמת איבערפלוס פון ביטערניש, וואָס קוואַלט אַרויס אַ מאָל פון אַ סאַרקאַסטישן געלעכטער. נישט זעלטן באַגעגענען מיר זיך ביי אים מיט אַזאַ אויסבראָך וואָס זאָגט עדות אויף דער איבערגעלאָדנקייט פון צרות, וואָס דריקן אויף אים. יאָ, פון צרות איז פרוג אויך פערזענלעך געווען איבערזאַט. אַוודאי, מיט וואָס פאַר אַ געפיל קען מען גלייכן אַ געוויסע מדרגה פון היסטעריע? פרוג האָט אין אַ רוב פון זיינע לידער אין ייִדיש זיך אַרויסגעוויזן מיט שאַרפער סאַטירע. בדרך כלל איז ער געווען אין אַ מעמד פון פּסיכישער און אויך מאַטעריעלער אומבאַפרידיקטקייט וואָס האָט אויף אים געדריקט און ממילא דאָס אַרויסגעבראַכט אין פערזן, סאַטיריש געגראַמטע. אין זיין „רוסישן פעריאָד" האָט ער אַפילו געחוזקט פון ייִדיש־לשון, באשר עס שמעקט מיט דינאַבורגער יאַטקעס און קרום געקוקט אויפן ייִדיש־לייענער, וועלכן ער האָט באַצייכנט ווי אַן אָפשטאַמיקן פון תוכחהווקע, זלידניווקע און שחיניווקע. געשריבן פאַר די דאָזיקע לייענערס האָט ער דווקא אויף ייִדיש, זענען פרוגס לידער דעמאָלט אַרויסגעקומען היפּש ווולגאַר, אָפט מאָל ווי צוגעפּעפּערטע פעליעטאָנען אין פערזן. אָבער צום שבח פון פרוגן, באַדאַרף מען אָקצענטירן אַז שפּעטער האָט ער פון

דער אַ אומפֿריינדלעכקייט צום פֿאָלקס־לשון זיך אויסגעהיילט. סע לאָזט זיך פֿון דעסטוועגן נישט אויסמיידן דאָס כאַראַקטעריסטישע פּרוג־ליד וואָס ברענגט אַרויס זיין לכתחילהדיקע אומבאַצוווּנג צו ייִדיש:

פיל ביטערע, פיל טרויעריקע לידער
האָב איך אייך שוין געזונגען, ליבע ברידער.
מיט אַלע פּחות, מיט דעם לעצטן צאַן,
געביסן און געריסן דעם זשאַרגאָן.
געקייט די ליבע שפּראַך פֿון אונדזער מאַמען,
געפּעפּערט מיט צ ע ז ו ר, געזאַלצן מיט גראַמען — —

סיי חרטה אויף דער אומפֿריינדלעכקייט צום לשון פֿון דער מאַמען, סיי פֿאַרריסנקייט מצד א שונא וואָס קאָן טיף אין זיך נישט בייקומען דעם ווידערווילן צום אָביעקט פֿון זיין פֿיינדשאַפֿט, הערט זיך אין די ווייטער־דיקע שורות זיינע פֿון יענעם ליד. אָבער די שאַרפֿע ייִדן־שנאה האָט באַשיימפּערלעך אויסגעניכטערט דעם פּאָעט, וועלכער האָט זיך געראַנגלט מיט די סתירותדיקע געפֿילן און סענטימענטן, פֿון וועלכע ער האָט שטאַרק געליטן, אויף וואָס עס זאָגט עדות אגב זיין בן־דור, דער גרויסער היסטאָ־ריקער שמעון דובנאָוו אין זיין אויטאָביאָגראַפֿיש ווערק „דאָס בוך פֿון מיין לעבן״, באַנד 1. דאָס סתירותדיקע וואָס האָט בשעתו באַהערשט דעם דיכטער, איז פֿון דעסטוועגן נאָך נישט דער גאַנצער פּרוג, וועלכער האָט בכל עצמותיו זיך געפֿילט אַ זון פֿון ייִדישן פֿאָלק און ווי אַזעלכער האָט ער געליטן די פּיינען פֿון זיין דור. אַזוי האָט ער אויך באַזיניקט דעם דערנערוועג פֿון זיין פֿאָלקס געשיכטע. אין דער אַ דערקענטעניש פֿון ייִדישן גורל האָט שמעון־שמואל פּרוג דיכטעריש־סענסיטיוו דורכגעטראָגן אַלע שווערע נסיונות פֿון די ייִדן און זייערע ליידן פֿאַרקערפּערט אין אומעטיקן, ליריש־פּאַטעטישן און סאַטירישן ליד, און דווקא אין אונדזער ייִדישן לשון.

נאָוועמבער, 1976

דער ניגון וואָס שפּאַנט איבער דורות

א

ס'איז פּאַראַדאָקסאַל, אָבער אַ פֿאַקט נישט אָפּצולייקענען: דאָס יידישע ליד באַגלייט נישט נאָר דער פֿרייד. אַדרבא, ליד נייגט זיך לייכטער צום ריטעם־געשוועב, ווען זיינע פֿליגל שפּירן שווערער די איבערלעבונג. דאָס יידישע ליד געגענט גיכער צו דער נויט. דער נאָגנדיקער ניגון שאָטנט זיך נאָך גרינגפֿיסיק דעם טרויער.

דאָס איז אַן אַלגעמיינער שטריך ביים רוב געדריקטע פֿעלקער. גאָר שטאַרק קענטיקט זיך אָט די אייגנשאַפֿט ביי אונדזער פֿאָלק.

אַפֿילו אויף דער שטרעקע פֿון יידנס מאַרטירער־געשיכטע הערן מיר דעם פֿאַרצערטן מאָטיוו אינעם אויפֿזינגג פֿון דעם ליידנדיקן, מכל־שכן אין די תקופֿות ווען דער ייד איז געשטעלט געוואָרן פּנים־אל־פּנים מיט דער האַרטנעקיקייט פֿונעם באַדריקער און רצחן. איז דען רבי אַמנונס וויטיקלעכער ניגונדיקער אויפֿשריי צו כל נדרי נישט אַ ליד פֿון דער טיפֿסטער יידישער נויט, אַ ליד וואָס זיין פֿאַרהייליקטער הויך איז געבליבן הימלען איבער די קעפּ פֿון יידישע דורות?

אין לשון־קודש, אין אַראַמיש, אין יידיש־טייטש און אין מאַמע־לשון פֿון די מערסטע יידישע שבטים קען מען אויפֿקלייבן כלערליי וואַריאַנטן פֿונעם פּיין־מאָטיוו אינעם ליד וואָס באַגלייט מיט געטריישאַפֿט אונדזער יידישקייט־גורל. צו מאָל אין תקופֿת היטלער ימ״ש ווען טויזנטער קהילות זענען געווען פֿאַרטריבן אין די געטאָס צו מוראַדיקער שיפֿלות; יידן זענען מיט קידוש־השם פֿאַרשניטן געוואָרן אין די פֿייערן פֿון די פֿלאַקערנדיקע קאַלכאויוונס, האָבן די באַצוווּנגענע קרבנות אויך אויפֿ־געזונגען לידער פֿון האַס און חוזק צום שונא; אויך דעמאָלט האָבן זיך געטראָגן, אין פֿאַרקלעמטקייט, לידער פֿון האָפֿענונג אויף אַ נס וואָס האָט זיך געשפּונען אויפֿן טראַגישן שיפֿוע פֿון יאוש. אויך קליינע יידישע קינדער, געשלאָגענע פֿון לעצטער נויט און יתומשאַפֿט, וואָס איז גיכהאַנטיק אַריין אין איר טרויעריק־באַרימטער אומדערבאַרעמלעכקייט, האָבן אין זייער פּיין זיך אַריינגעריסן מיט אייגענעם טרעריקן אויפֿזינגג אין חושכדיקן יידישן כלל מיט אומגעריכטער „ציטיקונג״ פֿאַרן באַשערטן ווייִ.

אַוודאי, פֿריערדיקע יידישע דורות האָבן אַנדערש געזונגען פֿון

פינצטערן געמיט ווי פון זייערע האָפענונגען. פריער איז עס געווען דאָס טרויערליד פון

> גיט די טויטע אויף תכריכים,
> גיט די לעבעדיקע ברויט — —
> (ש. פרוג)

וואָס אין זיין תמצית האָט עס באַלד אָפּגעברומט מיט אַליינטרייסט פאַר די געשלאָגענע פון פאָלק, וואָס פאַרגעסן נישט אינעם „גם כי אלך בגיא צלמות — לא אירא רע!"

דער גאַנג פון דורות צייכנט דעם נאַטירלעכן דראַנג זיך קעגנ־צושטעלן דער אימה וואָס דרינגט פונעם שונאס גבולן, און דאָס איז נישט נאָר הכנעה כלפּי דעם מענטשנס גורל.

אין אונדזערע נסיונותדיקע צייטן איז דער מאָטיוו פון ייִאוש קאַפּויער געקומען אין אַן אַנדערן ניגונדיקן לבוש. דער עיקרשטער זוימען וואָס באַפּרוכפּערט דעם וואָרצל פון ייִאוש, נאָגט אויס די בלוטן פון עם ישראל, ווייל ר'איז געבליבן די זעלביקע — די ברענענדיקע ייִדן־שנאה. און ווידער גליט דער דריקנדיקער טרויער אינעם ייִדישן ליד. נו, מיר האָבן ערשט אין זינען דאָס אויסגעצייכנטע ליד וואָס געהערט צום סוג ייִדישע פאָלקסלידער אין זייער אומבאַצווייפלטער עכטקייט פונקט ווי די מאָטיוון, וואָס ווערן על פּי זייער באַנוץ צוגערעכנט צו די פאָלקסלידער — און דאָס נאָר מחמת זייער אינהאַלטלעכער שייכותדיקייט. געוויס, מיר גיבן זיך אָפּ אַ חשבון אַז צווישן המון־עם גייען אַן אַ סך געגראַמטע „אַקטואַליטעטן" ווי פאָלקסמאָטיוון וואָס געניסן על פּי טעות אויך פון מוזיצירטע פּאַדפּאַרעס... מיר מוזן אָבער געדענקען, אַז דעם זכות פון פאָלקסלידער קענען אַזעלכע קוואַזי־שאַפונגען נישט דערגרייכן. צווישן דיביידע מינים שטעלן מיר אַ האַרטע מחיצה.

ב

אַזוי צו זאָגן אַ קלאַסישער פאָלקסמאָטיוו איז געוואָרן זינט דורות דאָס ליד פון ייִדישן אלף־בית. אַ פאָלקסמאָטיוו, כאָטש פון זיינע מתיקות־דיקע פערזן וואָס גיסן אונדז אָן מיט האַרבן טרויער, טרעט נישט אָפּ דער בפירושער מחבר פונעם ליד, מאַרק וואַרשאַווסקי. דאָס וויל זאָגן אַז נישט שטענדיק איז די אַנאָנימיטעט פונעם געזאַנג וואָס טוליעט זיך צו די פאָלקישע ליפּן, די פולע גאַראַנטיע פאַר דער פאָלקישער אויטענ־טישקייט פונעם ליד וואָס די מאַסע האָט דערהויבן צו אייביקייט־

דערלייטערונג, און פֿאַרקערט — די מפורסמע מחברשאַפֿט פֿון אַ ליד וואָס „זינגט זיך דעם פֿאָלק", איז מסוגל צו ווערן אַ וואָרהאַפֿטיקער פֿאָלקסמאַטיוו. די נעמלעכע עכטקייט פֿון פֿאָלקסליד ביי ייִדן האָט זיך דערדינט למשל בירך שאַפּירס געזאַנג „אויפֿן בוידעם שלאָפֿט דער דאַך" ווי מרדכי געבירטיקס „רייזעלע". דאָס גלייכן געהערן צו דעם מין איציק מאַנגערס „אויפֿן וועג שטייט אַ בוים", זיין „רבנו תם". לפֿי זייער גאַטונג און חן נעמען אויס די דאָזיקע מאָטיוון פֿאַרן שם־טוב פֿון לעגיטימע דיכטערס, הגם זיי זינגען זיך ווי פֿאָלקסמאָטיוון. דער דערהייבנדיקער וואָרצלדיקער פֿאָלקסמאָטיוו גיט חותם דער עכטקייט, וואָס גיסט זיך צונויף, אין גליקלעכער שותּפֿות, מיט דער שעפֿערישקייט פֿונעם גאָט־געבענטשטן פּאָעט, אַקוראַט ווי דער לויטערער אַנאָנימער פֿאָלקסזשאַנער פֿון דער באַטרעפֿנדיקער שאַפֿונג שליסט נישט אויס די אויטענטישקייט פֿונעם מאָטיוו, הגם האַרט ביי זיין צוקאָפּנס שטייט נישט אַ באַשטימטער מחבר, נייערט דער טאַלענטירטער אומדעפֿינירלעכער אַנאָנים.

טאַקע צו די בולטסטע ראיות דערפֿון געהערט צו מאָל מאַרק וואַרשאַווסקיס ליד פֿון אלף־בית, וואָס איז פּאָפּולער ווי „אויפֿן פּרי־פּעטשיק":

אויפֿן פּריפּעטשיק ברענט אַ פֿייערל
און אין שטוב איז הייס,
און דער רבי לערנט קליינע קינדערלעך
דעם אלף־בית.
— — — — — — — — —
איר וועט, קינדער, עלטער ווערן,
וועט איר אַליין פֿאַרשטיין,
וויפֿל אין די אותיות ליגן טרערן
און וויפֿל — געוויין — —
לערנט־זשע, קינדערלעך,
געדענקט־זשע, טייערע.

ס'איז מער ווי אַ ליד, כאָטש עס זינגט זיך אין פֿאָלקישן נוסח. עס איז אַקומולירטע מאַרטירערשאַפֿט פֿון ייִדן צווישן פֿרעמדע פֿעלקער. דאָס רעדט מיט וויטיק און אויך מיט האָפֿענונג וואָס קנוילט זיך אין נעפּלדיקער פּערספּעקטיוו; אָנגעזאַמלטער ייִדישער נסיון לייכט אַרויס אין פֿולער טריבקייט פֿון מאַרק וואַרשאַווסקיס געראָטענעם געזאַנג וואָס ער האָט אויף דורות באַוואָרט אין ייִדישן האַרץ. ס'איז אַ געזאַנג וואָס שטרעקט זיך אַריבער געשיכטלעכע מרחקים, אפֿילו אַריבער חורבנות, ווען ייִדן

פאַרגעסן אויכעט דעם חוב לגבי ייִדישקייט וואָס זיי דאַרפן פאַרפלאַנצן אין זייערע קליינע קינדער.

דער קאַטאַקליזם וואָס דער שד אין געשטאַלט פון היטלער־סטאַלין האָט געבראַכט אויפן הויז פון ישראל, האָט אין וואָרצל אויפגעריסן פאַרפונדעוועטע ייִדישע צענטערס. סע האָבן טראַגיש איינגעפינצטערט די הימלען איבער ייִדישע קהילות ווו געזאַנג פון דורותדיקער ייִדישער פלייס און מי האָט בצניעות געדעקט ברייטע רקיעים. ס׳איז אויך איינגעשטומט געוואָרן דאָס צעוויגטע קול פון תינוקות של בית רבן וואָס האָט זיס געקלונגען אין ייִדישע אויערן און ס׳איז איינגעקברט געוואָרן דאָס וויברירנדיקע ליד פונעם ייִדישן בעל־מלאכה. דער פאַר־דאַרבער האָט אַפילו צעגראָבן, געשענדט דאָס הייליקע קבר פון די אבות וואָס האָבן געגרונטפעסטיקט דאָס ייִדישע ציבור־לעבן אויף די ברעגעס פון דער ווייסל, פונעם נאַרעוו און פונעם דניעסטער. צעבראָכן זענען די ווענט, איינגעוואָרפן דער דאַך פון דער ייִדישער היים. פון אַנומלטיקן קינדער־געזאַנג און דעם קול־־תורה פונעם בית־מדרשניק איז אין אויג פון דעם צעבלוטיקטן שריד־הפליטה געבליבן גליווערן די לאַנדשאַפט פון מאַגנעטיקן כרת וואָס יאָמערט, ווייל ער ווייסט נאָך אַלץ נישט דעם מאוימדיקן פאַר וואָס. פון אים שרייט נאָך אפילו אין די נעכט דער שטומער צער און וויי.

סע ברענט און בראָט דעם בעל־דמיון דאָס בילד פון פּיין, צו וועלכן סע האָט געגלוסט (און סע גלוסט שטענדיק) דער גוי אין זיין צעקאָכטער יוכע. ווילנוויז גיט ער זיך אָפּ חשבון, דער טרויעריק־געפּרוווטער ייִד, וואָס דער שכן איז באַגאַנגען קעגן אים און זיין גלויבן אין דעם מין מענטש, באשר ער׳ט אויך אַ נשמה אין זיך, ר׳האָט אויכעט „גאָט אין האַרצן". דער נסיון האָט אים אָבער דערלאַנגט אַ פּאַטש אין פּנים: כ׳אַ נאַריש אויסדאַכטעניש דיין אמונה אינעם נכרי! און פון וועגן אים, דעם ווילד געוואָרענעם שכן, האָט גענומען רעדן דער דערוואַכטער דיכטער. איך האָב געחלומט אַ גוטן חלום, וואָס אין אמתן איז ער גלייך צו סם. טאַקע דער פרעמדער שכן האָט אין אונדז געפּעלשט. לאָמיר־זשע אין גאַנצן זיך אַרויסרייסן פונעם פאַרפירערישן חלום, וועלכער וועקט זיך אָקערשט ניכטער, קאַלט, אַנטקעגן די שוועלן אויף וועלכע עס הויקערט זיך נאָך דער חורבן וואָס קאַנוולסירט ווידער אין אָנבליק פון דעם גרויליקן געשעען וואָס האָט געטראָפן נעכטן. נישט אומזיסט ווילט זיך דעם דיכטער אַרויסמאַכן פון דעם קאַשמאַר. אים איז ליבער צו מאָל

וווּינען אינעם חלום, אין וועלכן עס בלאָזט אַן אומהיימלעכער אָוונט־ווינט, איידער צו פאַרהיינטיקן זיך אין דער אַנגרייפנדיקער וואָר:

כ'וועל אַריינפירן אין חלום פענצטער
איידער מ'האָט זיי נאָך צעבראָכן.
הונגעריקע שאָטנס
זענען שוין צו זיי דערקראָכן.

הענט געביילטע גרייטע וואַרטן
שטיין אין זיי צו שליידערן.
פייגעלעך דערשראָקן טרעפן:
וועלן פליען פעדערן?
כ'וועל צום חלום ברענגען פענצטער,
ראַמען שוין צעבראָכן.
גאָט, וווּהין זענען מיר פאַרקראָכן?
(מ. חסיד: „פענצטער")

ער איז חלילה נישט קיין האַלוצינאַנט, דער פּאָעט מרדכי חסיד, דער ייִד פון בעסאַראַביע. אמת, אין זיין דערצונדענעם דמיון לעבט נאָך אין פולן נאַקעט דער מוראדיקער פּאָגראָם וואָס דער גוייִשער שכן און דער רצחן פון דער פרעמד האָבן אין „גייסטיקער שותפות" אויסגעפירט איבער זיין הויז און היים. ניין, ער איז אויך נישט קיין שאָוויניסט, דער ייִדישער פּאָעט, ווען ער רעדט וועגן גויים ווי די פיינד וואָס זענען להוט רק זיין ייִדיש בלוט. טאַקע גויים הייסט איינס פון זיינע שטאַרקע לידער.

די גויים האָבן אַלץ פון מיר אַרויסגעטראָגן,
עס גייט זיי נאָך מיין פוסטע שטוב,
נאָר וואַנקע קערט זיך אום פאַמעלעך
מיטן וואָגן —
ער מוז נאָך מיטשלעפּן דעם גרוב.

די חיהשע כיטרעקייט פונעם וואַנדאַלישן שכן דעם ייִדנס צייכנט אַזוי פּלאַסטיש דער פּאָעט, וואָס איז דער אייגנטלעכער פירשפּרעכער פון זיין געליטענעם דור.

וועגן מרדכי חסיד דעם פּאָעט רעדן מיר דאָ, מחמת זיין געלייטערטער געפיל איז דער בעסטער עדות אויפן געזעענעם בשעתן אויפגעשטורעמטן תוהו ובוהו פון חורבן; ער איז אונדז נייטיק כדי צום קלאָרסטן אילומינירן דעם וועג פון רציחה וואָס די גויים זענען באַגאַנגען אין זייער לאַנגאָניקן געלוסט אָפּצומעקן דעם ייִד פונעם פּנים פון דער

ערד, וועלכע ער האָט ערלעבט, פּליטיק באַפּרוכפּערט. אויך אַן עד־ראיה איז ער אונדז, דער פּאָעטישער ייִד מרדכי חסיד, אויף דערויף ווי אַזוי זיי האָבן זיך געפּלייסט צו פאַרטייבן דאָס נאָגנדיקע ליד פונעם אומשולדיקן ייִדישן קינד. ס'איז דערשטיקט דאָס געזאַנג פונעם אלף־בית, וואָס דער רבי האָט געקנעלט מיט די טייערע קינדערלעך. מ'האָט אָפּגעמעקט לגמרי דאָס שטיל געציקלטע קול פון ייִדישן געסל ווו ס'איז אַרויסגעריסן געוואָרן פונעם רצחן און צעשטערט דאָס געצעלט פון דער ייִדישער היים.

נאָר אין געדעכעניש איז געבליבן הויערן ביים ייִדיש־געטרייען זון פון זיין פאָלק דאָס געזאַנג פון אלף־בית וואָס אַ מאַרק וואַרשאַווסקי האָט מיט דורות צוריק אַריינגעוועבט אין ייִדישע געהירן. סיי דאָס ייִדישע קינד, סיי דער רבי זענען מער נישטאָ. יאָ, געבליבן איז ערגעץ בלאָנדזשען אַ בענקעניש צום זינגעוודיקן אלף־בית און אין דעם בענקען עכאָט נאָך אַלץ דער ניגון פונעם ייִדישן קינד וואָס איז פאַרטראָגן געוואָרן פון אַ בייזן געוויטער.

ג

נאָר אין מוח און אין האַרץ פון אַ געטרייען ייִדישן בעל־דמיון איז דער דערוואָרגענער מאָטיוו געבליבן בלאָנדזשען אין אונדזערע טעג פון נאָכן חורבן בית השלישי. טאַקע דאָס ברומעדיקע ווידערקול אין פאַרדמיונטן געהער איז מסוגל אונדז ביי נייס אינספּירירן צום געדאַנק וועגן דעם גורל פונעם אלף־בית־ניגון וואָס איז אין וואָרצל פאַרשאָטן געוואָרן פונעם גלות־השכינה אין דער פאַרוויסטער תפוצה. ס'איז אָבער מעשה־נס וואָס אַ ייִד אַ זעלטענער האָט צאַרט זיך פאַרבענקט צום אַנטשוויגענעם, פאַרשעמטן אלף־בית און ער'ט אים מיט זיין וואַרעמען קול געגנומען דערוועקן, דעם אלף־בית. יאָ, ער וועקט זיך צו מאָל, אונדזער אלף־בית, און ער רעדט צו אונדזער געמיט אונטערן געשעפּטש פון דעם, וואָס האָט ליבלעך געגעגנט צו אים. ביידע, אי דער איידעלער ייִד אי דער אלף־בית דערוואַכן מיט ברייט צעעפנטע אויגן אונטערן באַלעבנדיקן באַריר פונעם דורות־אַלטן געדעכעניש וואָס וווינט נאָך ערגעץ אין האַרץ פון אַ ייִדיש־ייִדישלעכן בענקער.

און באמת —

ס'איז וווּנדערלעך דער דמיונותדיקער גאַנג פון אַט דעם צאַרטן

בענקער, וואָס גייט האַנט ביי האַנט מיטן דערוועקטן אלף־בית, וועלכער באַגלייט אונדז אַ היפּש צעוויטיקטער, אָבער ר׳גייט־נאָך מיט געטריי־שאַפט. מיר רעדן פונעם דיכטער י. ח. בילעצקי, אַ ייִד פון פוילן וואָס האָט בכל עצמותיו זיך באַהאַפטן מיטן לאַנד פון דורותדיקן ייִדישן בענקען צו דער אייגענער געבוירן־היים אַז זי זאָל זיין באַשירעמט פון גוייִשער שנאת חינם. איז געשעען אַז אין זיין יחידישער בענקעניש צו דער היים פון זיין קינדהייט, וואָס ער׳ט פאַרלוירן, האָט ער אין דער ווייט אומעטיק זיך צעזונגען איבער די געשטאַלטן און נשמות פון די ייִדישע אותיות, דער זינגעוודיקער בעל־דמיון בילעצקי. דער אלף־בית רופט ער אָן דאָס טריב אָנגעליכטיקטע געזאַנג פון זיין בענקען און דענקען אַריבער דער פאַרוויסטונג וואָס דער בלוטגיריקער שונא האָט געבראַכט אויפן הויז פון ישראל וואָס האָט מוראדיק לאַנג געהויערט אין דער פרעמד.

עס איז כּדאַי זיך איינצוהערן אינעם שאַרף קלינגענדיקן נייעם גילגול פונעם אלף־בית אין עקסטענסאַ, ווייל ער ברענגט אונדז צוריק צום פּחדימדיק אַנטשטומטן חדר פונעם ייִדישן קינד ווי צום קול־תורה פון אַנומלטיקן בית־מדרשניק אין פאַרלענדטן שטעטל:

שוין אויסגעלערנט דעם אלף־בית אויף אויסנווייניק:
אלף, בית, גימל.
ממש אַ באַשולטער,
אָפּגעציילט אַלע שטערן אויף מיין הימל
און דאָך פאַרבליבן אַ קינד לעם מולטער
וואָס קנעט און קנעט
און ווייסט נישט, אַז אויף די ווייטע האָריזאָנטן
האָט זיך נאַכט אַראָפּגעלאָזט
שפּעט.

שוין אָפּגעציילט דעם אלף־־בית אויף אויסנווייניק:
ד. ה. ו.
אין זיין פישוף אַ געפאַנגענער
אַ ליד אָנגעשריבן,
צו זיך אַליין געמורמלט כּי־טוב.
נאָר פאַר וואָס האָט היינט ווי אַ פּאָן
אַ געהאָנגענער,
לעם מיין פענצטער געוואָרפן זיך
אַהין, אַהער
און איבערגעלאָזט אויף מיין טיש
אַ טרער?

שוין אויסגעלערנט דעם אלף־בית אויף אויסנווייניק:
ז. ח. ט.
אויפגעקליבן אַלע אותיות אין מיין לאָגל.
אין אַלע פיר און צוואַנציק שעה
פון מיין מעת־לעת
האָט געשימערט זייער חן
אויף מיין אומעטיקן וואָגל.
נאָר פּאָר וואָס האָט די טרער
פון דעם געהאַנגענעם
צעיאָמערט זיך אין אימה און געוויין
און געלאָזט דעם דיכטער אין זיין ליד אַליין?
און ער וועט ציילן וויטער די אותיות
פון אלף־בית
און אויסהיטן זיין ניגון פון אַל דאָס בייז.

שוין אויסגעלערנט דעם אלף־בית אויף אויסנווייניק:
י. כּ. ל.
געגלייבט אַז אַלע גערטנער גרינען.
פריילעכע — די שניטער.
זענען טעג אַראָפּ פון זינען.
האָט זיך אַ לאָז געטאָן אַ לאַווע
און אויף מדרש רבה
געבליבן איז אַ האָר פון אַ ווייסער באָרד
און דער גבאי
איז אַוועק צו גאָט
אים אָפּגעבן די שליסלען
פון דער שול.
איז פול
מיין ליד מיט אַ גליווערדיקן פחד.

קען איך מער מיין אלף־בית ניט ציילן.
געבליבן שטיין אין מיטן:
ווער האָט מיינע אותיות
פון עץ־החיים אָפּגעשניטן?
(י. ח. בילעצקי)

ניין, ס׳איז נישט קיין נייע ווערסיע פונעם באַליביקן אלף־בית־געזאַנג, נייערט אַ דיכטערישע פּאַנעגיריק אויף דעם אַ דערוואָרגענעם מאָטיוו וואָס האָט אין דור־דורותדיקן גאַנג געפירט צו דער געהייכטער יידישער אייביקייט דאָס גאָרע לעבן פונעם פאָלק און זיינע תוכן. דער דיכטער וואָס שפּירט זיך אויפן ראַנד פון פּלאָגעניש, טרערט אויס מיט זיין פּערלדיקן ליד כמו אַ וויטיקלעכן קדיש נאָך דעם פאַרהייליקטן ניגון, וואָס פון זיין האַלדז טריפט נאָך די נישט פאַרהיילטע ווונד פון דער טויטלעכער רציחה, וועלכע איז באַגאַנגען געוואָרן קעגן אים, דעם ניגון.

איר דערשפּירט דעם ברי פון פאַרצווייפלונג דעם פּאָעטס מחמת דעם יתום-גורל פון זיין אלף־בית, וועלכן ער היט מיט יראת הכבוד ווי די ירושה פון דורות. נישט נאָר מיר דערפילן עס, מיר זעען דאָס אין דער רעליעפער בילדערישקייט פון דער ווייַ־גרימאַסע, וועלכע ער לעבט איבער. עס איז סכנות שווער דעם פּאָעט פון ארץ ישראל, וואָס לעבט נאָך מיטן געדעכעניש פון זיין פרומען געסל, ווידער איבערצולעבן דעם מוראדיקן עלנט וואָס עס האָט געליטן דאָס ייִדישע קינד, אַ דער־שטיקטס אין טשאַד פון חורבן וואָס איז געקומען אויף אים בייַנאַנד מיטן רבין אין חדר ווו עס האָט געברענט אַ הייליק פייער, ביי וועלכן מ׳האָט געלערנט אלף־בית, דעם יסוד פון ייִדישקייט.

...ס׳איז אַ נס און אַ וווּנדער, וואָס שעפערישע ייִדן בויען ווידער בריקן צום אלף־בית, וואָס דער פאַרדאַרבער האָט באַגערט צו פאַרלענדן פון דער געגרונטפעסטיקטער ייִדישער אייביקייט. י. ח. בילעצקי דער פּאָעט איז איינער פון די איידעלע בויערס פון דער בריק, צו וועלכער מיר אַלע שטרעקן זיך אין בענקשאַפט.

סילועטן און פראָפילן

יעקב גלאַטשטיין

...אַזוי ווערן מיר איטלעך מאָל געשטעלט פאַר דער רופנדיקער טאָוול פון דערמאָנונג־טעג. ס׳רעדט זיך על פּי רוב פון דער סאַמע יינגסטער ייִדישער היסטאָריע. מ׳באַווייזט אָבער נישט אָפּצומערקן אין וויכטיקע דאַטע און שוין האָט אונטערגערוקט אַ... נישט גייטיק דווקא אַקוראַטנע אויסצורעכענען צי ס׳איז אַ פרייד־טאָג צי חס־וחלילה אַ טרויער־מאָנונג. יאָ, יזכור איז דער גרעסטער חלק ירושה וואָס איז לעגיטים ייִדיש אין אַלע צייטן. אַזוי פירט זיך שוין ביי אונדז: קומט אַ שמחה צוליב אַ גרויסן פאָלקס־דערגרייך, פאַרזאַלצט מען זי באַלד מיטן דערמאָנען וויפל קרבנות ייִדן האָבן דערפאַר באַצאָלט במשך דורות. ס׳הייסט, מיר טאָרן נישט אויפהערן צאָלן ציגדז דער אומברחמנותדיקער געשיכטע. קלאַפּט שוין אָן אַ ביסל פרייד, איז זי תמיד פאַר׳טעמ׳ט מיט אַ קלעמענדיקער טרער. און פרייט מען זיך שוין אויף אָן אמת, רוקט אַרויס זיין קאָפּ אויך דער צער. נישט שכיח צו מאָל דאָס יחידישע, מיינס צי דיינס, אַז עס זאָל נישט ווערצלען אויך אין כללישן. ווילסט צי דו ווילסט עס נישט — ביסט אַ קינד פון אַ געפּלאָגט פאָלק.

האָט מען ערשט געפייערט די זיבעציק־יאָריקייט פון דעם איידעלן פּאָעט יעקב גלאַטשטיין; געווען אַ פרייד וואָס מיר האָבן אַזאַ זעלטענע זינגעוודיקע פלאַנץ אויסגעכאַוועט צו נחתן זיך מיטן שיינעם געראָטעניש וואָס ער האָט פאַר אונדז איינגעשפּייכלערט מיט זיין געדאַנקלעך אָנגעזאַפּ־טיקטן, בילדלעך־רעגנדיקן וואָרט. קומט ער, דער געיומטובטער, אין סאַמע מיטן פון יובלשן יאָריד מיט אַ נייער גאָב פון ווענקנדיקן אומעט. וואָס מיר זעגען, זענען מיר, אָבער ייִדן זענען מיר — קען עס הייסן אין פראָסטן לשון — לאָמיר פון דעסטוועגן נישט פאַרגעסן ווו מיר האַלטן. פּיין און לייד גייען אונדז נאָך תמיד. אויב נישט אונדז גופא, איז די קלאָג ביי נאָענטע און ליבע! קיין גאַנצע פרייד איז פאַרן ייִד נישט אָנגעמאָסטן. קברים וואַקסן פאַר אונדזער שוועל, גזרות־רעות האָבן שכנים תמיד גרייט פאַר אונדז. נו, יחידיש האָט איטלעכער „רעכט" פאַר אַן

אייגן ביסעלע טרויער. ס׳דאַ דערויף אַ פּאָר וואָס... דער דיכטער באַווייזט עס מייסטעריש, פּיקחותדיק, אין געדאַנקלעכן ליד. אַ מאָל טוט ער עס ווי ר׳וואָלט מעביר־געווען די סדרה איבערן חומשדיקן טרויער. ערשט קומט ער מיט אַ ניי ווערק „אַ ייִד פון לובלין“, אַן אַנצוהערעניש אַז ער האָט זיך נישט פאַרלוירן אין דער פרעמד. זיין געבוירן־שטאָט, די שטוב וואָס טאַטע־מאַמע האָבן אויפגעשטעלט, איז נאָך אַלץ די היים פון זיין געפיל; אָבער דערעיקרשט איז ער אויסן אי אייגענעם חשבון־הנפש, אי אַן אַרויסזאָגן זיך מכוח די וואָס שטרויכלען זיך אין זייער ייִדישן גאַנג. ביי דערביי זעט זיך אַ חוזק־שמייכל אַקעגן דער וועלט, וועלכע איז נעבעך אָן אַ ריכטיקן שכל.

ווי אַ לאָגל איז פול מיט ביטער־געזעטיקטן ייִדישן געפיל, מיט אייגן האַרבער דערמאָנונג דאָס יחידיש־גלאַטשטיינישע ספר. ס׳איז בולטער סאָלאָ וואָס איז געניט אָרקעסטרירט פאַר אַן איבערגעפּאַקטער שיל מיט אַ פאַרדבקהט צעדאַוונטער עדה. קלאָר הערט זיך אַרויס דאָס קול פון פאַרטראָגענעם שליח־ציבור וואָס שפּירט בכל עצמותיו די אחריות פאַרן פאָלק וואָס שטייט אַרום אים אַן אָפּהענטיקס, אַ דערשראָקנס פאַרן אייגענעם גורל. אגב, דעם גורל פון דער גאַנצער ייִדנשאַפט שפּירט ער, צאַפּלט אין זיין בלוט און ער טוליעט זיך צום אומגעהייערן ייִדישן עלנט.

זינג צו מיר, קליין פאָלק —
עטלעכע מנינים צעוואָרפן
אין אַ צענדלינג יישובים.
קינדערלאָז פאָלק,
לאָמיר זינגען אונדזער פאַרברודערט, פאַריתומט געזאַנג...

אַ קליין פאָלק, אַ פּיצעלע פאָלקל,
מיט אונדזערע געדעכענישן,
אונדזערע אויסגעציטערטע געדעכענישן
פון ייִדישע רייד געגעבענע —
אויף די באַרג סיני׳ס פון ייִדישע שטעטלעך.

(קליין פאָלק, ז׳ 8)

ס׳איז דאָס כליפּנדיקע געזאַנג פון דעם געשיכטלעך אויפגערודערטן האַרץ אין אַנבליק פון פייערדיקן מבול וואָס דער יתום ייִד האָט אין זיך אַריינגעזאַפּט זיין אייגענעם אַש. דעם באַרג יסורים וואָס איז באַשערט געוואָרן דעם פאָלק, טראָגט דער דיכטער אין זיין בלוט וואָס פאַרצערט יעדער עוקץ פרייד. דער נייער חורבן איז אַ געשעעניש וואָס האָט פאַרן ייִד גרינטלעך פאַרשטראָכן אַלע פריידן. נאָך אַנומלט האָט גלאַטשטיין געטרויערט אויף דער טאָטאַליטעט פונעם פאָלקס־אומגליק:

„נאך די יארן פון אומברענג / האב איך מיין קלעטער פארהאלטן. / ארומגערינגלט האבן מיך מתים / און ענג געמאט מיין גאנג. / די קלאגן און גוואלדן / האבן פארטויבט מיין געזאנג. / כ'בין אראפ פון נישט דערקלעטערטן בארג / און כ'ווייס נישט וועמענס לוחות כ'האב צעבראכן".

ער ווייסט עס, ר'שפירט דאס, דער דיכטער מיטן גאנצן יידישן וועלטל אויף זיין נאקן. אזוי קלאגט פון אים דער יאוש. אים, דעם ייד פון לובלין, זענען קודם צעבראכן געווארן די לוחות פון גלויבן אין דער געהייכטער מענטשהייט. אין אוממאכט זענען אים פון די הענט ארויסגעפאלן די לוחות מיט די דיברות וואס זענען חל אויפן מין מענטש. מחמת דעם דער הארצוויי אין זיין ליד וואס דעקט אויף דעם מהות פונעם פאעט. און גלאטשטיין אנטפלעקט זיך דא אויך ווי דער עסייסט מיטן דענקענדיקן מוח פון א ראפינירטן פאעט. ווו נישט ווו דאקומענטירט עס אין זיינע לידער דער פיינער עסייסט, וועלכער גייט האנט ביי האנט מיטן פאעט. יא, דער יידישער פאעט גלאטשטיין איז „געשטראפט" אויך מיט דער תשוקה פון א טראכטער.

וואס זשע איז בכן פארבליבן דעם יידישן טראכטער וואס סיי דער שבת, סיי דער אינדערוואכן איז אים צעשטערט געווארן זינט דעמאלט? ביטערער שפאט איבער זיך, ממילא אויך איבער דער צעפוילטער וועלט. א שארפער קנייטש, וואס עדותט אויף סארקאזם האט זיך אריינגעשניטן ארום זיין קלוגן מויל.

ווי א געטרייער פירשפרעכער טראגט דער דיכטער דעם עול פאר זיינע ברידער וואס דרייען זיך אקערשט ארום אויפן בית־עלמין, ווייל ס'איז נאך דער קבורה פון זייער שותפותדיקן נעכטן. ער ווייטיקט אויף זייער צעטומלטקייט און ער ברענט אויס אין זיך אלעמענס צער אויפן אנווער פון אל דאס טייערסטע. אוודאי איז פיינלעך צו שטיין פאר דער לאנדשאפט פון דעם אכזריותדיקן פארלענד, אבער ס'איז ברענענדיקער דער ווי הלמאי די רעשטלעך פון אומגעבראכטן פאלק האבן זיך אזוי גיך פארגעסן אינעם שפיל פון חיי־שעה. זיי קרעכצן טאקע ארויס ס'געקרעכץ פון טאטאלן עלנט וואס דער שונא האט געברענגט אויף זיי, אבער דער קרעכץ, הערט ער, איז, א לאמיך־געמאכטער. ער קען זיך אויס אויף אזא טאנדעטנער גרימאסע, אונדזער דיכטער וואס בלוטיקט אויף די גלייכע יסורים פון זיין אומה. און עס צעשוימט זיך אין וויין געשליפענעם סטראף א גאליקער חוזק. מיינע ארעמע, טראכט זיך אים, זענען באמת פאריתומט נאך די אויסגעשאכטענע, פארברענטע טאטעס

און מאַמעס, אָבער די יסורים לאָזן זיי צו צו זיך נאָר ביזן קנעפּל פון העמד אויפן לייב. צו גיך פאַרגעסן די בראַנדפּייערן. דערויף באַזיניקט ער דעם יידישן עבר וואָס איז דאַכט זיך ערשט אַנומלט געווען אָנגעליכטיקט פון היימישקייט, הגם פּגמים האָבן נישט געפעלט אויפן כללישן בילד.

קליינע לאַמטערנס גיבן ווייניק ליכט;
כ׳בלעטער און זוך,
אין מיין קעשענע־ווערטערבוך
דאָס ריכטיקע טרייסטוואָרט
פאַר אַ מידן אַרויסגעשליידערטן יידן,
וואָס האָט זיך געפונען אויף אַן אָרט
אין אַ געטאָ פון אַרויסגעבריקעטע הינטנס.

אויף האַרטע בענק, אַרום און אַרום
זיצט מען אויף אייגענע ביאָגראַפיעס
אין אַן אָפּגעזונדערטן תחום.
דער צוריקפאַר צו דער באַריקאַדן־וועלט,
ווו מען האָט זיך אַמאָל פאַרשטעלט
און פרעמדע געשיכטע געקנאָטן,
איז — פאַרצוימט, פאַרבאָטן.

(אַרויסגעשליידערטע יידן, ז׳ 13).

ביי יעקב גלאַטשטיינען איז בולט די תשוקה צו בילדלעכער טראַכטערישקייט; ער איז שפּעריש רייך אויך אין אַנטפלעקערישע מעטאַפאָרעס און געדאַנקלעכער פיגוראַטיווקייט, אָבער דאָ שפּאָרט פון זיין קינסטלערישן געמיט אַ בליציק־סאַטירישע אינטערמעצאָ אַנטקעגן די, וועלכע רייסן פון זיך די הויט פון פּנים מחמת דעם אַזוי האָפערדיקן גלויבן וואָס געגלייבט אָקערשט נעכטן, אַז זיי האָבן מיט גרינגן געמיט זיך אָפּגעזאָגט פונעם ביסל אינעווייניקדיקן, געירשנטן, אייגנס. די שמענדריקישע אַסימילאַציע לאַכט אויס דער פּאָעט מיט ביטערניש ווען ער זעט אין זיין שניידיקער ניכטערקייט ווי עס באַציִען זיך פיינדלעך צו די זשידקעס די, צו וועלכע די יידליקעס פלעגן זיך שאַרן מיט חניפה.

„זיצט מען צווישן זיך אַליין, / געאירצט און געשעצט, — / מען רעדט ליידנשאַפטלעך דאָס פויערים־לשון / צווישן אייגענע וועגט. / די מיילער זענען הלבדיק פאַרפּעצט / מיט אַן אַקצענט / וואָס אַפילו די פויערים / רעדן שוין ווייניקלעך״ (דאָרט).

אין דעם אַ גדר איז דער דיכטער גאָר שאַרף אין זיין סאַטירישער צייכענונג, וועלכע ער פאַרענדיקט מיט אַזעלכע שאָטן־פלעקן:

ארויסגעשליידערטע ייִדן
מיט אפּגעזעסענע מאַזאַליעס
פון פרעמדער געשיכטע,
באַקלאָגן זייערע דאַליעס
און באַרימען זיך מיט די טעג
ווען זיי האָבן זיך קונציק פאַרשטעלט
אויף פרעמדע עסטראַדעס
פון אַ משוגענער וועלט.

(דאָרט, ז' 14).

אַריינגעפאַלן אין געטאָ־קלעם, האָט די צייט, דער האַרטנעקיקער שטראָפער פון דעם מין צעטומלטן האַלב־ייִד, אים לחלוטין נישט גע־שוינט; אָבער אויך שפּעטער, ווען פאַר אים ליגט די פאַרמידבּרטע וועלט אַ מוראַדיק־נאַקעטע, האָט דאָס נישט געענדערט דעם אַסימילאַנט אין זיין טעמפּקייט. דאָס האָט שטאַרק באַאומרויִקט דעם פּאָעט, מחמת ער האָט דעם האַלב־ייִד ווידער דערזען אַזעלכן ווי ר'איז געווען פאַרן גרויליקן מבול. פון דיכטער רעדט דעריבער אַרויס וויסטער ייִאוש, ווען ער קוקט אויפן איינזאַמל פונעם „קליינעם פאַלקל". און צווישן אים אויך די גלייכגילטיקע ווי די אַנקאַלירקע:

... זענען מיר גלייכע אין דעם שפּאַציר
אויפן זוניקן טראָטואַר?
אָדער מיר טרעטן אויף געפּליקטע בלעטער
פון אַן אומגעדולדיקן קאַלענדאַר?

אין די ביכער־פענצטער ליגט צעבראַסטעט
הייזעריקער סעקס,
וואָס שרייט אוים אַנאַניזירטע פריידן,
און גלידער ווי פאַרשימלט געבעקס
שפּאַצירן פאַרביי גלייכגילטיקע
און פיל־געפּרוּווטע מיידן.

זענען מיר אויך אַ טייל
פון דער אָרגיע בפרהסיא?
שפּאַצירן מיט מיט —
אין דער לעצטער פּראָצעסיע?

(צוטראַכטנדיק אַ טרונק־שמועס, ז"ז 10—11).

באַשיימפּערלעך: פונקט ווי ער איז מיט זיינע זינגעוודיקע און זאַגערישע סטראָפן אָנגעצילט מיט דער אינטעלעקטועלער שאַרף אויף די אַרויסגעשליידערטע ייִדן מיט די אָפּגעזעסענע מאַזאַליעס פון פרעמ־

דער געשיכטע", ווייכט אויך נישט יעקב גלאַטשטיין פון דער הייסער אַקטועלקייט, וועלכע קריגט ביי אים בלוט און מוסקלען אין טראַכטערישן ליד. יאָ, פאַר דעם פּאָעט וואָס איז מיט זיין גאַנצן מהות פאַרקנאָטן מיטן עבר פון זיינע אָבות ווי מיט די אָבות פונעם פאָלק, איז ממש אַ וויטיק צו זען דאָס קאַנוווּלסירנדיקע בילד פון היינט, אין וועלכן דער ייִד ווערט געשטויסן פון בייזע רוחות און באַשפּיגן. דער דיכטער קען זיך נישט אויסטאָן פון אומרויִקן היינט און דעם באַדראָטן מאָרגן, וואָס לויערט שוין אויפן געניזוקטן ייִד. עס איז ממש באַוווּסטזיניקער פּראָגראַם פון אַ פּאָעט ביי וועמען דער נאַציאָנאַלער באַוווּסטזיין איז צאַפּלדיקע קלאָרקייט פון זיין פּערזענלעכן שאַפערישן קיום. אַוודאי, גלאַטשטיין טוט עס אויף זיין אופן, מיט אייגנאַרטיקע מיטלען, און ר'טוט עס דרייסט. ער איז נישט משועבד צום גראַם, כאָטש דער גראַם קומט אים אונטער פון מאָל צו מאָל. און ער איז נישט צעכראַסטעט. פאַראַן אינעווייניקדיקע דיכטערישע דיסציפּלין אין זיין ליד, אין וואָס פּאַר אַ פּאָרעם עס זאָל נישט זיין. און נאָך אַ מעלה פון גלאַטשטיינס דיכטערישער באַזונדערקייט: ער קליגלט זיך נישט מיטן וואָרט. צו מאָל איז זיין לעקסיק אַ וואָכעדיקע, נו, אַ פּובליציסטישע, אָבער די דורכזעעוודיקייט פון זיין לידערישן מהות קויפט אונטער דעם לייענער מיט דער קלאָרקייט. דאָס איז דערפאַר, ווייל מיט אינטויִטיווער דערפינדערישקייט קריגט ער אַרויס אין שטח פון וואָרטשאַפונג דעם פולן תמצית פונעם געדאַנק אָדער שטימונג וואָס איז דער חוט־השדרה פון ליד. און תמצית איז ביי גלאַטשטיינען דער עיקר־העיקרים פון זיין קרעאַטיוון דרך, אין וועלכן דאָס וואָרט איז, פאַרשטייט זיך, דער הויפּט־אינסטרומענט. אים גייט עס אין דעם ייִד־זיין אין אַלע זיינע אַטריבוטן וואָס דער אַרום שטראַלט אויס אויפן לעבן אָדער זיי פינצטערן זיך אויס חס ושלום. געוויס, פאַרן דרויסנדיקן, דעם שונא, האָט ער האָס, פאַראַכטונג. ערגער איז מיטן פוילעכץ וואָס יוירט אין דער אייגענער מיט. קעגן עיפּושדיקן דרויסן האָט ער טאָקע בשעתו אַ וואָרף געטאָן זיין „אַ גוטע נאַכט, וועלט!" איצט איז שפּאָט דעם דיכטערס געוווער קעגן די פעלשערס צווישן די אייגענע, נישט זעלטענער — אויך טיפער באַדויער אויף די קליינלעכע נפשות וואָס ווילן טאַנצן אויף דער פרעמדער חתונה, כאָטש מ'קוקט קרום אויף די דאָזיקע. די אַ לייט — פירט אויס דער דיכטער — האָבן אומזיסט — לאַנג זיך „קונציק פאַרשטעלט אויף פרעמדע עסטראַדעס פאַר אַ משוגענער וועלט".

ריכטיק, פאַר אַ פּיינפּילנדיקן אויער קען אַ גרילץ טאָן אַ פּובליציסטישער טאָן וואָס דער פּאָעט ניצט אין אַ דיכטערישן געמעל. דערפאַר אָבער פאַרגעלט יעקב גלאַטשטיין די דאָזיקע גרעלקייט פון אַן אומגעריכטער קאָליר מיטן פאָלקלאַנג פון יידישן תוך אינעם ליד, וואָס איז פאַר זיך אַ גאַנצער געביי פון אינטעלעקטועל־קינסטלערישער קאַטעגאָריע אין באַזונדערן גלאַטשטייניש נוסח. און ווי אַזוי האָט די יידישע פּאָעזיע פאַר גלאַטשטיינען ברייט צעעפנט די טויערן צום היכל פון דער מאָדערנער יידישער לידשאַפונג.

קלוגער סאַרקאַזם איבער דער פאַרנאַרטקייט פון לייכטזיניקע, חוזק אויפן אומזין פון די גלייכגילטיקע צו אַלץ וואָס איז טייער אַפילו דער שארית־השחיטה פון אויסגעצערטן פאָלק, באַגלייט יעקב גלאַטשטיינס דיכטערישן שפאַן אויך אין די פּופּציקער, אין שפּעטע זעכציקער יאָרן פונעם יאָרהונדערט — מחמת די באַשפּיגענע האָפענונגען וואָס „די קלוגע" האָבן פאַרשייט געוואָרפן אין בלאָטע אַריין. גראָבער כוח און ווערעמדיקע צוויי־פּנימדיקייט גייען נאָשפּיץ איבער די שליאַכן פון דער וועלט. דער דיכטער באַנעמט עס ווי דעם שאַרפסטן גרויל פון דער נייסטער תקופה און ער קלאָגט דערויף.

פאַרשיידענע ניואַנסן ביטערניש רייסן זיך אַרויס פון זיין ליד, וואָס איז אָנגעקליידט אין לבוש פון פּאָליטישע צויטן, וואָס זענען אויסן צו פאַרטייבן די מוראדיק געליטענע און שפּירעוודיקע. סאַרקאַזם איז שניידיק אין דעם ליד, כאָטש אויך איינגעבוירענער יידישער בטחון בלייבט אין גרונט־טאָן פון גלאַטשטיינישן געזאַנג מתוך טרויער. יאָ, דער דיכטער פון אונדזער בלוטיק גליקלעכן דור פון ווידעראויפקום אויפן באַרג פון חורבן, שרייבט זיך אַריין מיט זיין ליד אין דער כראָניק פון דער גענעראַציע, וואָס איז קוים אַרויס פון איין בלוטבאָד און פיבערט בעל כרחו מיט אַ נייעם שוידערלעכן נסיון.

> יידעלע, מיין קרוין, שרעק זיך נישט פאַר די גלעקער,
> פאַרן ווייערעד, אונדזערע מערדער
> וועלן אונדז באַלד פאַרגעבן אונדזער ביסל לעבן,
> וואָס איז זיי תמיד אין וועג ווי אַ שטרויכלשטיין.

(יידעלע, ז' 24)

ס'איז אַפילו אַן אָנצוהערעניש אויפן באַרימטן קאָנציליום פון וואַטיקאַן, ווו מ'האָט עפנטלעך געפּרעגלט אונדזער גוואַלדיקע „שולד". דערויף קומט דער שפּאָט אויף דער קאַריקאַטור, וואָס אַ נייע שיטה פון יידישן

אַנהאַלט געבוירט אין די מוחות פון אומגעבעטענע רעפאָרמערס. און פּשרהניקעס גרייטן שוין אַ לויזן יידישן זיין אין די נייע היימען, וואָס דער גלות האָט אויסגעבעטע פאַר די נעכטיקע זין פון יידיש אוקראַינע, פּוילן, ליטע, רומעניע. ס׳איז הוילע פוסטקייט אַרום, ברענגט אַרויס דאָס ליד פון יעקב גלאַטשטיין. ער זעט בלענדעניש אין די „ניט־געדאַווענטע יאָר־מעלקעס, לוויה־קרוינען (וואָס) זיצן דערשראָקענע אויף קעפּ פון אויס־געגאַנגענע פּאַספּאָרטן״.

כאָטש שאַרפער מאָדערניזם ראָמט אַרום דאָס ליד פון גלאַטשטיינען, אָטעמט עס אין תוך מיט דורכויסיקער לויטערקייט פון אַן אויסגעבענקטער אייגענער יידישער וועלט וואָס איז דאָך נישט אויסגעטאָן פון חלום.

נו, און דאָס סובטיל־יחידישע, דאָס אינטימע האָט זיך זיין ווינקל אין דעם דיכטערס נייע לידער. אָבער אויך אין זיי דעקט דער טראַכטער דעם ליריקער.

אוודאי, אַ באַזונדערן אויסקלאַנג באַקומט דאָס דאָזיקע יידישע ליד פון חלום און פילאָסאָפישן ייאוש, ווען מ׳איז אין שטאַנד זיך איינצוהערן אין דער מוזיק פון גלאַטשטיינס יאַדערדיקן, לעבעדיקן יידיש, וואָס אַנטהאַלט סיי ירושהדיקס פון דעם תחום, וואָס מיר זענען דערצו נכנע אין ערפאַרכט און סיי עס פאַרמאָגט די זאַפטן פון דורכגעלעבטן, וואַרצלדיקן לשון וואָס באַהעפּט אונדז מיטן גייסט פון מאָרגן, אין וועלכן מ׳איז פאַרהאָפט, ערלעך פאַרגלייבט. און יעקב גלאַטשטיין לערנט אונדז אַפילו גיין אין די וועגן פון דער דאָזיקער פאַרגלייבטקייט, כאָטש איר היינט איז אַזוי מטושטש.

זיכער, ס׳איז דאָס ליד פונעם לובלינער ייד, וועמען די מוזע האָט געזאָלבט פאַר יידישן געזאַנג, וואָס הערט זיך איבער אַלע ברייטן און לענגן פון יידישער וווינשאָפט, יידיש ניו־יאָרק ווי יידיש ירושלים אַריינגערעכנט.

אפרים אויערבאַך

אפרים אויערבאַך, דער דאָזיקער קערנדיקער זינגער האָט שוין אָנומלט זיך געאײַלט אײַנצוזאַמלען אין שײַער אַרײַן ס׳געראַטעניש וואָס איז בײַ אים אויפגעגאַנגען אונטער דער גילדענער שקיעה. ס׳איז אַ גרויסע געגונטונג וואָס דער דאָזיקער קרעפטיקער שטאַם נערט נאָך זײַנע צווײַגן מיט זאַפטיקע פּירות.

און קומט צו רייד פון אפרים אויערבאַכן, שווימען אויף בילדער און רעפלעקסן וואָס ער גופא, דער באַיאַרטער דיכטער, האָט אַזוי בשפעדיק צעהאַנגען איבער די ווענט פון אונדזער געדעכעניש. איי, ווי פיין, ווי פּלאַסטיש און טיף ייִדיש דער דאָזיקער פּאָעט האָט עס אַרײַנגעמאָלן, אַרײַנגעזונגען אין אונדזער געמיט דאָס געזאַנג פון וואָרצלדיקן ייִדישן בטחון, — כאָטש ער איז דורכגעוועבט מיט דורכויסיקן אומעט! איבער דעם גאַנצן שטח פון זײַן ווערק איז סאָליד פאַרזייט אָט די אייגנאַרטיקע אויערבאַכישע נאָטע פון ייִדישער עצבות וואָס איז אויף אַ נאַטירלעכן אופן אויסגעמישט מיט פונקען ייִדישלעכן אָפּטימיזם. נישט קיין חידוש דערין, וואָרן דער דיכטער בכבודו ובעצמו האָט אין זײַן מענטשלעכער דערפאַרונג באַגלייט די גרעסטע מעטאַמאָרפאָזעס פון אונדזער לעבן און איז געווען דער עדות פון געשיכטלעכע געשעענישן וואָס לאָזן זיך נישט פאַרגעסן דעם דור פון שווערסטן נסיון.

אפרים אויערבאַך דער פּאָעט איז אַ קוואַליקער אינטעלעקטועלער ייִדי־שער שטראָם. ער איז עכט אין זײַן שטראָמען ווי ס׳איז עכט אין איר פּעטקייט אַ גליבע שוואַרצערד. און ער איז פּרוכטיק סײַ אין ליד, סײַ אין דער עסיי און סײַ אין דער פּובליציסטיק, אין וועלכער דער פּאָעט לאָזט זיך הערן. איבער אַלץ דאָמינירט דער פּאָעט. ווײַל פּאָעזיע ווי דער נשמהדיקסטער שטריך פון זײַן מהות, איז דער קענצייכן פון אפרים אויערבאַכס פּערזענלעכקייט. אַפילו אין זײַן מאמר איבער אַן אַקטועל־ברענענדיקער דערשיינונג שפּאַרט אַרויס דער פּאָעט מיט די ביינער. איר דערפילט עס דאָס גלייכן אין דער פרישקייט פון זײַן ייִדיש־לשון ווי פון דער מעטאַפאָריק און אין די אַלע אַנדערע זיבן זאַכן וואָס כאַראַקטערי־זירן אָט דעם אָריגינעלן פּאָעט. מכל שכן ווען איר באַגעגנט זיך מיט אפרים אויערבאַכן דעם עסייִסט, וועלכער דערגאַנצט דעם דיכטער. נישט מער, דער עסייִסט איז נאָר מכוון אײַנצוטייטשן אַ ליטעראַרישע שקלא וטריא, צו

שטעלן זיך אויפן משקול פון אַ קינסטלערישער אידעע. דאָ צייכנט זיך שוין גאָר בולט די געשטאַלט פונעם אַלטבאַקאַנטן יידישן לערנער דעם אַנאַליטיקער, וועלכער קען זיך נישט באַגיין אָן דעם זאַלץ פון פּאָעזיע און איר מוזיק.

יאָ, מ׳דאַרף בייצייטנס שטעלן דעם טראָפּ אויף אפרים אויערבאַכס לידערישער מוזיקאַלישקייט ווי אויך אויף זיין תשוקה צו עפּיק, וואָס גיט אָפּ אָפּטלעך מיט ביבלישן אַראָמאַט און מיט דורכויסיקער פאָלקס־טימלעכקייט. עס איז יענע אידעלע פאָלקסטימלעכע יידישע חברה, וואָס פאָרט זיך ניט באַין אופן מיט דער ווולגאַריזאַציע פון גראַם־שטראַם מאַך מיר אַ לעטניק, אַז די שורה זאָל זיך לייכט צעקלונגען, באַדאַי פאַרן פּרייז פון איר פּוסטקייט. אויערבאַכס פּאָעטישער נוסח איז טיף יידיש, צו מאָל פאַרדמיונט און וואָרצלדיק ווי דער ניגון פון מעביר־זיין די סדרה, וואָס זינגט זיך אויס אַליין שוין אין אָנבליק פון דעם פאָלקישן ערב־שבת. געוויס איז עס דער פּועל יוצא פון דער דורותדיקער פרום־יידישער טראַדיציע, וואָס גייט נאָך אונדזער דיכטער אויף אַלע זיינע וועגן. און וועגן, אוי, האָט ער דורכגעמאַכט אַ סך און שווערע! טאָקע זיין דיכטעריש ווערק צייכנט עס בולט דאָ און דאָרט. די אַטמאָספער פון זיין בעסאַראַבישער היים האָט עס אין אויערבאַכן פאַרפלאַנצט אָט די ירושהדיקע יידישע מוזיקאַלישקייט, וועלכע געפינט ביי אים אויסדרוק סיי אין דער ליריק, סיי אין דער עפּישער פּאָעמע. מיט דעם לאָזט זיך אגב פאַרשטיין וואָס אויערבאַך האָט אַזוי שיין און אַזוי אייגנאַרטיק אַריינ־געזונגען אין אונדזער פּאָעזיע זיין אייגענע ווערסיע פון שיר השירים. מערערע יידישע דיכטערס זענען געפאַנגען געוואָרן פון אָט־דער וווּנדער־לעכער פּאָעמע, האָבן געפּרוּווט זי איבערגיסן אין אַן אייגענער כלי. אָבער אפרים אויערבאַכס געזאַנג פון אַלע געזאַנגען גיט זיך אויס אין זיין יידיש מיט באַזונדערע חנען, הגם דאָס ווערק איז געבליבן געטריי זיין אורמוסטער. דער דאָזיקער מאָמענט וויל נאָר עדות זאָגן אויף דער קינסטלערישער קאַפּאַציטעט פון דעם וואָגיקן דיכטער, וועלכער איז, צום באַדויערן, ביזן היינטיקן טאָג נאָך נישט געהעריק אָפּגעשאַצט געוואָרן. זאָגן, אַז עס איז אַן ענין פון מזל, צו וואָס אויך אַ דיכטער דאַרף זוכה זיין. סיי ווי ועט קיינער נישט וואָגן אָפּצוזאָגן דעם ערנסטן חלק פון אפרים אויערבאַכן אין דער גרויסער יידישער פּאָעזיע. זיין פּראַכטיק ליד ליכטיקט אָן פאַר אויערבאַכן זיין חשוב אָרט אין הויז פון דער יידישער ליטעראַטור.

אפרים אויערבאַך דער דיכטער — יאָ, קודם כל רעדט צו אונדז

דער דיכטער. אויערבאַך — האָט, ווי עס געשיקט זיך ביי רוב פּאָעטן, אין זיין ווערק אַריינגעשריבן אַ סך בלעטער און עפּיזאָדן, ממילא די חלומות פון זיין אייגענעם לעבן. עס איז אַ לעבן פון גרויסער מי, פּיַין אידעאַליסטישע שטרעבונגען און פון געזאַנג בתוך אומעטן. געוויס, דער ייִדישער מענטש פון מחשבה און פון קינסטלערישן געפיל איז נישט להוט די שפּייז פון אומעט. עס איז די פּריווילעגיע פונעם פּיינפּילנדיקן פּילפּאַכיק צו שפּירן די פּיין פון זיין דור. אַז דער דיכטער פּערזאָניפיצירט תמיד זיין דור, איז אַ כלל גדול. די באַשערטקייטן פון אפרים אויערבאַכן זינגען אַרויס פון אים מיט די ווייטיקן פון זיינע מיטגייערס און מיט־צייטלערס. געקומען מיט דער עמיגראַציע־כוואַליע אין די גרויסע אַמעריקעס, האָבן די קאָנוווּלסיעס פון פאַרוואָרפענע ייִדן פון אים אַרויסגעטרויערט ליריש.

אין מיינע פיבערדיקע פינגער צאַפּלט זיך די וועלט.
איך בין אַ נעץ פון דראָטן,
אַ פּולס פון טויזנט פּולסן,
אַ סייסמאָגראַף פון וועלטס געלאַף.
אין מזרח־לאַנד גייט אויף אין מיר די זון,
אין מערב־לאַנד פאַרגייט אין מיר די זון,
מאַראָקאָ שטורעמט מיינע פעסטונגען,
אַן אוראַגאַן מאַכט חרוב מיינע תבואהדיקע פעלדער,
אויף ברום סטריט פאַרגיי איך אין פלאַמען.
דער שוואַרצער האָדסאָן שלעפּט מיך צו זיין גרונט,
די וועלט צינד איך אין פייער פון מרידה
מיט ברוסטן נאַקעטע, צעווונדיקטע,
מיט אויגן הונגעריקע, פויסטן פלאַמיקע
אויף זאַטע וועלטן גיי איך —
אין מיינע פיבערדיקע פינגער צאַפּלט זיך די וועלט
און איך אין איר — אַ פינצטערע משוגעת.

עס איז דער סוביעקטיווער אויטאָפּאָרטרעט פונעם דיכטער, וואָס איז מיט לערך פינף צענדלינג יאָר צוריק אַריינגעשליידערט געוואָרן אין ניו־יאָרקער קעסל ווען אויפן האָריזאָנט האָט געבראַנדיקט די מגיפה פון ייִדן־שנאה אין אייראָפּע און אין רוסלאַנד איז פריש אויפגעגאַנגען די קנאַלנדיקע פּראָפּאַגאַנדע פון רעוואָלוציאָנערן ביאת המשיח. אין אָנגעזיכט פון אַזאַ בלבול המוחות שטייט אונדזער פּאָעט אַ פריטשמעליעטער און געפינט זיך נישט קיין ווינקל פאַר נשמהדיקער רו, בעת פאַרן לחם הקלוקל איז ער איינגעשפּאַנט אין טומלדיקער צייטונגס־אַרבעט. איז אָט די סטראָפע אַן אויסגעשריי פון דער פּיין, וואָס האָט זיך איינגעביסן אין

זיין געמיט, בעת אין דער זעלביקער צייט — עס איז דאָס יאָר 1925 — פאַרבענקט זיך אים האַרציק נאָך דער אָבותדיקער היים זיינער אין בעלץ, וואָס אין בעסאַראַביע, ווו עס פייערט טריומפן די פרומע יידישקייט אין זיין טאַטע־מאַמע הויז. נאָך מער, די אויפגעוואַכטע ווידעראַנאַנדן צווישן יידן און פאָטער ווערן אַנטשטומט אינעם סדר פון דער דורותדיקער יידישקייט. דער טאַטע, אלעזר ברב חיים שמואל וואָס איז געווען שוחט אין ק״ק בעלץ, האָט נישט געוואָלט ווערן שוחט בחזקה, ווי עס האָט זיך געפירט זינט דורות. פאַרקערט, דער טאַטע האָט אַרויסגעוויזן אַ תשוקה צו פאַרנעמען זיך אויף אַן אַנדערן וועג. אַזאַ איז געווען דעם דיכטערס טאַטע:

מיט שוואַרצע, גוטע אויגן,
מיט שאָטנדיקע ברעמען איבער זיי,
מיט אַ זינגעוודיקער, פריילעכער נשמה
וואָס גייט אוים אין בענקען נאָך אַ וואַלאַר.

אָבער מ׳האָט דעם טאַטן אויפגעצווונגען נישט צו פאַרשעמען די אָבות און ער איז געוואָרן שוחט. „האָט דער טאַטע ווייסע טייבעלעך געקוילעט... אַ מאָל זיי נישט דערקוילעט און מיט די פינגער אין הייסן בלוט זיך איינגעגראָבן און די גערגעלעך געריסן. ווייסע, כשרע טייבעלעך.. און איך, אפרים בן אלעזר, איך הער בייגאַכט ווי אָקסן רעווען, ס׳פליצט דאָס בלוט פון זייערע העלדזער. איך זע ווי שטומע אויגן מיט שרעק פאַרגליווערטער אין שוואַרצע פינטעלעך. שטרעקן ווייסע טייבעלעך די העלדזלעך, איך קוילע זיי. מיינע ווייסע טייבעלעך, אין בלוט פון אייגן האַרץ דערטרונקענע, דער רויטער פאָדעם שפינט זיך ווייטער״.

נו, ס׳אייניקל איז ווייט אַוועק פונעם זיידן. דערפאַר הערט זיך דאָס געזאַנג מתוך צער פון דעם יונגן פּאָעט. אפרים אויערבאַך דער רייפער פּאָעט באַזיניקט שוין מערער, לויטערער די גורלשאַפט פונעם זינגער ביי יידן און קערט זיך אום צו די זעלביקע מאָטיוון מיט אַ דורכגעלויכ־טענעם געמיט. די אַלטע היים־בילדער דערזעט ער אין שיין פון היס־טאָרישער יידישער פּערספּעקטיוו, ממילא קלינגען באַדאַכטער די געזאַנגען פונעם פּאָעט דעם גלויבער און טראַכטער. יאָ, עס איז אַנגעקליידט אין רעיון דאָס וואָרט פונעם פּאָעט דעם מאָלער און דערציילער פון יידישע אומעטן:

נאָטם טרויער רוט אויף בליעכן און געוויקסן
אויף ערד, וואָס טרינקט די זון זיינע, און רעגן,
דעם מענטשנס טרויער ברענט אַרוים פון ביקסן
און קלאָגט זיך אוים אין בלוטיקע געשלעגן.

נישט בלויז אויף איינגעקוקטקייט אין זיך איז געווענדט דאָס געזאַנג פונעם דיכטער, וועמען עס ווילט זיך רק הערן און הערן. ווייל דער דיכטער איז אויך אַ געמיטלעכער זאָגער. אפרים אויערבאַך ווייטיקט אויך אויף דער פאַרוואָרפנקייט פון יִדן צווישן גוייִם און אויף די קאָנ־סעקווענצן פון אָט דער אָפּגעפרעמדקייט. פאַראַן אויך היינט אַזעלכע אינדזלען ווו יִדן ברענגען אויס זייערע לעצטע פונקען מענטש־לעכקייט צווישן די גוייִם. דער דיכטער זעט עס צו און ער איז מרעיש עולם דערויף, בעת אַרום איז די יִדנהייט פאַרלענדט געוואָרן פון די באַוואָפנטע רשעים.

דאָס בין איך טאַקע דער יִיד, ס'איז מיט מיר געשען דער נס
און איך הייס נישט מאיר, פּיאָטער הייס איך, ניין, פּיעטרושאַ.
כ'בין זיך מודה, ס'טרעפט אַמאָל אַז איך אַליין פאַרגעס
אַז נאָך איצט בין איך אַ יִיד,
נאָר דאָס האַרץ מיינס קאָכט און זידט,
כ'פּיל ווי ס'ברענט אויף מיר די הויט פון ווייטיק און פון בושה.

ס'איז די עפּיק פון דער יִדישער דראַמע, וועלכע שפּילט זיך אויס אין די וויסטע פרעמדן, וואָס יִדן באַזאַפּטיקן עד היום מיט זייער פּראַצע, אָבער דאָס יִדישע פלעמל וועקט זיך אין זיי פון מאָל צו מאָל אַזוי אַז נאָר דאָס דיכטערישע געהער איז מסוגל עס צו פאַרנעמען. דער פּיינ־פילנדיקער יִדישער פּאָעט איז וואַך אויך פאַר דער דאָזיקער טעמע, ווי עס איז ביי אים לעבעדיק באַוואָרנט דער מאָטיוו פון געהייליקטן חלוציזם פון באַוווסטזיניקן יונגן יִיד, וואָס האָט בשעתו, לאַנג פאַר מתן מדינת־ישראל, זיך געוועקט, כדי זיך אַרויסצורייסן צום לאַנד פון דורותדיקן יִדישן טרוים. אויך אפרים אויערבאַך האָט אין זיין יוגנט לאַנגע יאָרן געהויזט מיט ארץ־ישראל, ווען זי איז נאָך געלעגן אין שויס פון טרוימערס וואָס האָבן זיך געקליגט מיט די אייגענע שוואַכע כוחות צו פאַרווירקלעכן דעם חלום וואָס זייערע פרומע זיידעס האָבן בחייהם אויסגעתפילהט יאָר־איין, יאָר־אויס, דור איין, דור אויס. אפרים אויערבאַך האָט דיכטעריש אַריינגעשריבן אָט די טרוימען אין בוך זיין לעבן וואָס איז אַ לעבן פון לויטער פּאָעזיע און זינגעוודיקער יִדישער מי.

מיט דער פולסטער באַשיידנקייט פונעם געטרייען יִיד וואָס איז באַשאָנקען מיט דער ברכה פון אַ באַטעמטן זינגער, האָט דער דיכטער אפרים אויערבאַך צום בעסטן געגעבן זיין אויטאָ־כאַראַקטעריסטיק. זי איז

צו געפינען אויף יעדן דף פון זיין דיכטערישן ספר. עס איז איבעריק, נייך, ס'איז גאָר נישט טויגלעך אונדזער מי צו זוכן דאָס טרעפלעכע וואָרט אויף אויסצומאָלן דאָס וואָרע בילד פונעם פּאָעט וואָס מיר ווילן אים אָפּגעבן דעם כבוד וואָס ער האָט זיך פאַרדינט מיט זיין ווערק. אַוודאי, ר' אפרים ברב אלעזר שו"ב טוט עס אין זיין אייגענעם נוסח:

דער אָרעמסטער בין איך פונעם באַשאַף,
דערציטערט פון שרעק — פאַר דיר דאָ צו שטיין,
דאָס האַרץ מיינס, פון פּחד, איז וואַך און איז שלאַף
און פול מיט ערפאַרכט איז מיין געביין.
דער ציבורס שליח בין איך פאַר געבעט,
דעם צער פון אַ פאָלק דאַרף איך ברענגען פאַר דיר.

עס איז לדוגמא דער ניצוץ פון דעם פּאָעטס השתפכות הנפש וואָס באַזעלט זיין ווערק וואָס איז אין פולן אָפּגעגעבן דעם געדאַנק פונעם געפלאָגטן ייִד צווישן די מענטשן אין דער גרויסער צערודערטער וועלט. דער הנני העני ממעש איז דער לייטפּאָדעם פון אפרים אויערבאַכן, דעם לירישן שריפטשטעלער אויפן גאַנצן לאַנגן שטח פון זיין שאַפערישקייט. אַזוינעם אַכפּערן מיר אין זיין צייטיקן געזאַנג.

בעריש ווײַנשטיין

ווייזט אויס, טאַקע מחמת דער פּאָטענציעלער מעכטיקייט פון דער פּיל־פּעלקערישער אַמעריקע, איז מעגלעך געוואָרן אַז אין אַט־דעם גרויסן, רייכן לאַנד וואָס שימלט אויך מיט גוואַלטיקן עלנט פאַרן מענטש, זאָלן דאָס גלייכן אויפשפּראָצן באַדייטנדיקע דיכטערס און טרוימערס. מיר מיינען נישט נאָר אַ וואָלט וויטמאַן צי אַן עדגאַר אַלאַן פּאָ; אויך ייִדישע דיכטערס זענען הויך אויפגעשטיגן אויף דעם דאָזיקן שטייניקן באָדן, וואָס איז באַפּרוכפּערט געוואָרן מיטן בלוט און שוויס פון הונגעריקע און געררודפטע מענטשן־קינדער פון אַלע וועלט־עקן. די ייִדישע שטימעס הערן זיך שאַרף אַרויס פון צווישן די אייזן־בעטאָנענע וואָלקנקראַצערס, פונעם משוגענעם רויש, וואָס דער כרך ניו־יאָרק האָט גיגאַנטיש צעטורעמט אונטער די נשתומ־מדיקע הימלען. יאָ, קיין שום כוח איז נישט אין שטאַנד צו איבערגעוועלטיקן דאָס געציקלטע פּאָעטישע קול מיט אַלע זיינע צאַרטקייטן און אומגעריכט־קייטן. ראיות האָבן מיר צו מאָל אין אונדזער גבול. איבער דורות קלינגט אָפּ די אייגנאַרטיקע פּאָעטישע סטיכיע פון יענע שטראָמען ייִדישע אימי־גראַנטן, וואָס האָבן זיך אַראָפּגעזעצט אויפן צפון־אַמעריקאַנער ברעג און אויפן מאַנהעטן־אינדזל פאַרפלאַנצט די בענקשאַפט ווי אויך דעם אומאָפּ־מעקלעכן וויי פונעם גלות רוסלאַנד, פּוילן, רומעניע, בעסאַראַביע. נו, עס איז נישט שכיח צווישן אונדז צו טראַכטן וועגן בבל ניו־יאָרק, אַז עס זאָל זיך נישט אַריינפלאָנטערן די פּיינפולע סטראָפע פון מאָריס ראָזענפעלד, וואָס מישט זיך ערגעצוו אויס מיט דער הייסער גאַמע פון אַ דוד עדלשטאַט. דאָס געהערט שוין, אמת, צו אַ פאַרהילכטן ייִדישן דור. וואָס שייך דער מאָדערנער, מער געלייטערטער ייִדישער פּאָעזיע טיילט זיך אויס — אין דער ראָם פון דער אַמעריקאַנער לאַנדשאַפט — דאָס ליד פון גאַליציאַנער שבט, דער וואָס מיטן אימפּרעסיוו צעוויטיקט־נשמהדיקן געמעל פון אַ משה־לייב האַלפּערן, אויך מיטן צאַרטן געזאַנג פון אַ נחום באָמזע, דער אייגנאַרטיקער ליריק פון אַ מאיר שטיקער, שוין נישט צו רעדן פון אַזאַ ווי משה נאַדיר וכדומו וואָס זענען באַזונדערס אייגן מיט דער אַמעריקאַנער צעזונגענקייט אין דער אַלוועטלעכער ייִדישער פּאָעזיע. זיי און אַמעריקע זענען אומצעטיילעוודיק אַזוי צו זאָגן, אַ שטריך וואָס רעדט צום לויב פון זייער קרעפטיקער ייִדישער חנעוודיקייט.

איינער פון די אָנגעזעענסטע ייִדיש־זינגערס פון שבט־גאַליציע איז בעריש ווײַנשטיין. די דאָזיקע שורות ווערן אָפּגעגעבן ווײַנשטיינען דעם

צעזונגענעם, דעם תמיד פאַרבענקטן גאַליציאַנער ייִד אויפן ניו־יאָרקער ברוק. און מחמת דעם דעמערט עס תמיד אין דער וועלט פונעם דיכטער. פון זיבט זיינע ייִנגל־יאָרן בלאָנקעט ער אַרום אין ניו־יאָרקער רעש, אָבער אין געמיט איז ער געבליבן טיף פאַרוואָרצלט אין זיין געבוירנשטאָט ריישע. מיטן גוף, אַפילו מיטן געדאַנק געמוזט זיך אונטערגעבן דעם געבראַזג פון דער זשעדנער וועלטשטאָט, נאָר נשמהדיק איז ער געבליבן די בליענדיקע פלאַנץ, וואָס לעבט, געדייעט אין דעם קלימאַט פון גאַליצישן ריישע. אַפילו אין איר ייִדישקייט־פּייסאַזש שטייט ער נאָך פאַרחידושט, פאַרליבט, כאָטש דער אַרום, דער פּוילישער, דער גוייִשער איז געווען אַ פיינטלעכער, אַן אָפּשטויסנדיקער מחמת דער בלוטיקער שנאה צום ייִד.

אַזאַ זעען מיר בעריש וויינשטיינען דעם פיינפילנדיקן ייִדישן פּאָעט אויפן גאַנצן שטח פון זיין דיכטערישן ווערק, פון בוך „ברוכוואַרג" (ניו־יאָרק, 1936), ביז די „באַשערטע לידער" (1965). ער איז אַן אַמעריקאַנער ייִדישער פּאָעט, בעריש וויינשטיין, אָבער מיטן גאַנצן מהות שטייט ער אין מיטן פון דורות ייִדיש לעבן אין ריישע, וואָס שפּייזן זיין מוזע, טרינקען זי אַן מיט אומגעשטילטע בענקשאַפטן צו קערנדיק, זאַפטיק ייִדיש לעבן וואָס אַמעריקע איז (קענטיק) פאַר אים נישט קיין געבענטשט פעלד.

אַ, ווי עס קלאָגט אין דעם פּאָעט די גלות־ייִדישקייט אין אַמעריקאַנער פרעמד, כאָטש בעל כרחו שוין אויפגעבראַכט אויף איר שויס אייגענע דורות!

ווייל פילאָסאָפישער ייִדישער קוק רוט אינעם בליק פון דעם דיכטער, וואָס באַזיגיקט ייִדישן ז י י ן אינעם אומגעוויינטלעכן האַרמידער פון אַ וועלט, וואָס אין איר אַלטעגלעכקייט וואַרפט זי אָפּ מיט ביטול אַיעדע באַזיניקונג. אַבי די חיי־שעה איז שמאַלציק, דאָס ליכט — האַפּערדיק.

פּול איז בעריש וויינשטיינס געזאַנג מיט צניעותדיקן ייִדישן טרויער, אָפט ווענדט ער זיך צום אַמאָל פון טאַטע־מאַמע, פון די זיידעס און באָבעס, אַזוי אויך צו זיינע קינדער און אייניקלעך, געהאָדעוועטע אין דער „נייער וועלט", אָבער דערוויטערטע פון דעם ליכט, וואָס באַשטראַלט עד היום דעם אומפריילעכן וועג פונעם ריישער ייִד מיטן ליד אין האַרצן. און עס האָט די גרויסע מעלה, בעריש וויינשטיינס סובטעל געזאַנג, וואָס עס איז עפּיש רויִק און דערציילעריש קלאָר מיט לירישן אויסקלאַנג. עס גיט זיך מיט דער לייכטקייט פון אַ געלייטערט ליד און מיט דער פאַרטרויִלעכקייט פון אַן אינטימער כראָניק.

פון ריישע ביז ניו־יאָרק איז ביים דיכטער אַ תחום שבת אין דער תמיד שוין פאַרוואָכעדיקטער היים.

מיינע אייניקלעך וועלן נישט וויסן פון זייערע זיידעס — נישט די געגאָלטע,
וואָס האָבן דעם טלית־תפילין ווי אַ בינט־שליסל פאַרוואָרפן —
נאָר די, וואָס זענען נאָך די מודה אני׳ס צו גאָט געגאַנגען
אין די הייסע קלויזן ביז שפּעט נאָך קריאת־שמע ביי נאַכט,
און חסידיש זיך געגרויסט, געלויבט מיט יחוס סאַנדז —
זיי וועלן נישט וויסן פון דערהויבענעם משה יאַנקל עלוי;
פון זייער פרומען דרך וואָס קלינגט ווי אַ לעגענדע בערד.
זייער אַטלאַס, זייד, דער היציקער גאַנג איבער דער ערד;
די סויבלנע שטריימלעך, טולעפּעס, ס׳פייער אין די בערד —
זיי וועלן נישט וויסן, אַז נישט זיי — מיר איז געווען באַשערט
צו טראָגן די ירושה פון זייערע ווינטיקע וואָכן און יאָבן;
אויסצושרייבן בכתב אין אַ באַלאַדע פון יידישע אותיות
ס׳לעצטע טרויעריקע בלעטל פון זייערע ליכטיקע דורות.

דער דיכטער, ס׳אייניקל פון דורות צניעותדיקע, יידיש־געפּרוווטע יידן אין גאַליציע, פון ריישע, פון גאָרליץ, פון טוטשין, פון דזשיקאָוו און ראָזוואַדאָוו. באַדויערט נישט זיך, נאָר די אַמעריקאַנער אייניקלעך זיינע הלמאי זיי קענען נישט פאַרשטיין און זיי וועלן נישט וויסן אַז אַט אַזאַ זיידע „האָט לשם שמים געקענט אַוועק קיין ארץ־ישראל... ר׳האָט נישט געקענט פאַרטראָגן די טומאה, דעם זאַטן גלח; ס׳האָט אים געשטאָכן דער צלם מיטן טרייפענעם הילוך״.

אין אויפריכטיקער פאַרצאַגטקייט גיט ער זיך אָפּ אַ חשבון אויף דער אָפּגעפרעמדקייט פון יידישקייט ביי די דורות, וואָס זענען אַרויסגעקומען פון אים, אַרום אים אויף אומהיימישער ערד. און בכתב, מיט זיין איידעלער יידישער פּאָעזיע, שטעלט ער אויף, דער פּאָעט ווײַנשטיין, די שיינע פּיראַמידע פון גוט־יידישקייט און פון המונישער פאָלקישקייט, אַ פּיראַ־מידע וואָס זאָל אַריינלייכטן אין די קומענדיקע דורות. לפּחות צו זיין מסוגל אַריינצולייכטן יידישן טעם און חן פאַר די וואָס וועלן להבא אַרויסווייזן אַ תשוקה צו דערקענען די יידישקייט, וועלכע ווערט קרענקלעך פאַרבלאַסט אין אונדזערע טעג.

✶

פאַר זיינע אייניקלעך, וואָס וואַקסן אויף די אַמעריקאַנער רחבותן, האָט דער דיכטער אויפגעשריבן די עלעגישע באַלאַדע פון די ליכטיקע זיידעס און פאַרן אייגענעם געדעכעניש ווי פאַר דעם ווייטערן שפּעטער, האָט ער מחבר־געווען אַלע זיינע ביכער, די פּאָעמעס, די באַלאַדעס און אינטימע לירישע פאַרצייכענונגען פון דער פאַרביקער ריישע, וועלכע ער גיט אונדז מיט מייסטערישן פליס אין אַלע אירע דימענסיעס; די געבוירנשטאָט באַגלייט אים זיין גאַנצן לעבנסגאַנג איבער אַמעריקע, צו

מאָל אויף זיינע נסיעות אין אייראָפּעיִשע שטעט פּונקט ווי קיין ארץ־ישראל. ריישע איז דער קאַמערטאָן, אויך דער לייטמאָטיוו — צו גלייך די האַרפּע, אויף וועלכער דער דיכטער שפּילט אויס זיין באַגערט ליד. יאָ, ריישע די שטאָט פון „גוטע ייִדן״, פון שיינע ייִדישע הייזער און ריישע וואָס חלומט בתמימות פון דער ווייטער וועלט ווי די וואָס ראַנגלט זיך, אונטערן דראַנג פון די נייע צייטן, פאַר איבערגעאַנדערשטע באַגריפן פון סאָציאַלן יושר. יאָ, די נייע השגה איז נישט פרעמד דעם קינסטלער־שילדערער פון ריישע. מיקאַשקע, וואָליע און אַנדערע שטאָט־געגנטן און זייערע טיפּן, זייער אייגנאַרט איז דער קעגנשטאַנד פון דעם דיכטערס זען און פאַרפיקסירן ס׳געזעענע מיט קרעפטיקע מיטלען.

די פרום־ליכטיקע באָבע חנהלע, די זיידעס, די פעטערס, די פּייערדיקע לערנערס און גרויסע חסידים לעבן אויף, אין רעליעפע פאַרבן, אונטער דער פּאַליטרע פונעם שילדערער. דאָס זעלביקע די ליכטיקע געשטאַלטן פון די זעלטענע יידן, די צדיקים, וואָס פאַרשטראַלן די פּייסאַזשן, וואָס בעריש וויינשטיין צעוואַרפט מיט שיינער פּזרנות איבער די בלעטער פון זיינע ווערק. און אויף די אַלע ברייטן שטראַלט די אָפּגעהאַרציקע איכישקייט זיינע צו גלייך מיט דער פאַרשפּילטקייט מיט די אַלע עלעמענטן, וואָס האָבן אים פאַרוואַנדלט אין דעם פיינעם ייִדישן דיכטער, צו וועלכן מיר געגנען מיט דער ליבלעכקייט ווי צו אַ לייבלעכן ברודער, וואָס ווייס צו דערציילן דאָס וווּנדערלעכע פון געווען ווי פונעם היינט.

אגב, אויף דער געטרייקייט צו זיין אייגענעם דרך אין דער פּאָעטישער מלאכה, וואָס ער טוט שוין עטלעכע יאָרצענדלינג, זאָגן עדות אויך די מאָטיוון אין אַלע וויינשטייניִשע ביכער. אַזוי דאָס ליד צו דער באָבע, אַזוי די שילדערונג פון דער ווילִיונגערישער חברה און אַזוי די אוממיטל־דיקייט פון געמיט־אַנטפּלעקונג, אַזוינס וואָס לאָזט זיך בשום אופן נישט פעלשן, נישט צעוואַסערן. עס וועט גענוגן דאָס צו אילוסטרירן מיט אַ ליד פון דעם נאָך יונגן בעריש וויינשטיין אינעם ניו־יאָרקער האַרמידער, ווו ער שפּירט זיך ווייטיקלעך אָפּגעריסן פון דער לייבלעכער היים. עס איז זיינס „אַ בריוול״ אינעם ערשטלינג־בוך ברוכוואַרג:

מאַמעשי...
ביי דיר איז איצט פּסח־ביינאַכט אין שטוב
און ביי מיר איז פּסח־ביינאַכט אין גאַס.
כ׳האָב נישט קיין שליסל צו אַ הויז.
כ׳טראָג אפילו נישט קיין לייטיש העמד.

פון האַרבסטיקן געמיט

און דו, אין דער היים, גייסט אַרום אין ווייסע זאָקן,
אָנגעטאָן דער באָבעס שטערנטיכל
און בענטשסט די ליכט אין זילבערנע לייכטער.

דער רויטער ווײַן לייטערט דײַן תּפֿילה.
און דו ווייסט נישט אַז ווען כ'וואָלט איצט ברויט געהאַט
וואָלט איך אין פּסח אויך געגעסן.

מאַמעשי...
אליהו הנביא וועט היינט בײַנאַכט אוודאי זײַן בײַ דיר,
גיס פֿאַר אים אָפּ דעם ווײַן אין מײַן געבלומטן כּוס,
ווײַל כ'קאָן אים נישט גיין אַנטקעגן אויפֿמאַכן די טיר.
כ'האָב אַליין נישט קיין טיר ווו צו עפֿענען,
כ'האָב נישט ווו איבערצונעכטיקן.

אַזוי שרײַבט בעריש ווײַנשטיין דער פּאָעט, דער פֿאַרוואָגלטער ייִד, זײַן ביאָגראַפֿיע. דאָס ברייוול צו דער מאַמעשי איז נאָר אַ קורצער כּליפּ פֿון זײַן ייִנגלשן עלנט אין דער גרויסער, פֿרעמדער ניו־יאָרק. די וואָגיקסטע בלעטער פֿון אָט דער ביאָגראַפֿיע זענען צעוואָרפֿן איבער זײַנע גרויסע פּאָעמעס „ריישע" (1947) און „אַמעריקע" (1955) ווי אויך אין זײַן רײַפֿקייט־בוך — רײַפֿקייט מיינט דאָ אין יאָרן — „באַשערטע לידער" (1965).

*

עס איז נישט קיין נייס, אַז אַ דיכטער שרײַבט לאַנג, ביכערמעסיק זײַן ביאָגראַפֿיע. אַ מאָל נישט דווקא בלשון „איך". בעריש ווײַנשטיין איז דאָ דורכויס אוממיטלדיק. ריישע גייט אים נאָך אומעטום, זײַן כּשרע באָבע חנהלע, זײַן מאַמע, דער טאַטע, די פֿעטערס, זייערע כאַראַקטעריסטיקעס שוימען אַריבער די בלעטער פֿון זײַנע גרויסע און קלענערע שריפֿטן. אַפֿילו אין דער פֿאַרנעמיקער פּאָעמע „אַמעריקע", וועלכע איז אגב אינהאַלטלעך אַ דירעקטער המשך פֿון דעם בוך „ריישע", איז פֿול מיט דער גלײַכער בענקשאַפֿט און מיט דיגרעסיעס, אין וועלכע עס שפּאַרן זיך דורך די אַנומלטיקע געשטאַלטן פֿון דעם דיכטערס געבוירנשטאָט און איר סביבֿה.

אוודאי דאַרף מען זײַן פֿאַרליבט אין דער שטאָט פֿון דער אייגענער קינדערוויג אַז מ'זאָל מיט אַזוי פֿיל אײַפֿער פֿונאַנדערוויקלען די קאַנווע פֿון אַזאַ ראָמאַן, ווי עס איז בעריש ווײַנשטיינס „ריישע". און טאַקע זי מיטנעמען, די בענקשאַפֿט, אין דער ווײַטער, פֿרעמדער וועלט אַרײַן:

אַלץ וואָס איז באַשערט אויף גאַליציעס ערד
איז אין דיר, היימשטאָט ריישע, פֿאַראַן.
און ווײַל ייִדן מאַכן אַ ברכה איבער דײַן לבֿנה,

בלויז דערפֿאַר אַנדערש דיין הימל ביי נאַכט.
עס גייט אויף דאָס ליכט פֿון גאַסן־צינדער;
פֿאַרבענקט ווערן ווינטער די חדר־קינדער.
אַ טבֿע האָבן מלמדים צו לערנען טריב
מיט יינגלעך קלוגע, מיט יינגלעך ווילדע.

...די שטאָט איז אַלט, דער בית החיים איז גרויס.
ר׳ הערש־יעקבֿ זאָגט קדיש מיט יתומים אין קלויז.
ער צינדט ליכט נאָך טויטע וואָס שטאַרבן עלנט,
וואָס האָבן קיינעם אויף דער וועלט נישט געלאָזט.
אַזוי היט ער אַלע יאָרצייטן ביי טאָג און ביי נאַכט,
און מיט אַלע וואַכעדיקע מנינים דאַוונט ער מיט,
ער זאָל עמעצנס אַ קדיש חלילה נישט פֿאַרפֿעלן.

ער הייבט אָן די פּרשה ריישע מיט מלמדים, מיט ר׳ הערש־יעקבֿ דעם איש תמים, מיטן חסיד ר׳ מאָטיש, מיטן גרויסן טשודאַק שבתאי, מיט די לייט פֿון מיקאָשקע, פֿון טאַרגאָוויצע, פֿונעם המון ביז דעם אמתן „זייד און אַטלאַס", מיט וועלכע עס איז שטאַרק באַפֿעלקערט דעם דיכטערס ווערק. ניין, נישט בלויז „ריישע". אַפֿילו די פּאָעמע „אַמעריקע", דאָס גלייכן דער גרויסער באַנד לידער און פּאָעמעס, וואָס נעמען אַריין בעריש וויינשטיינס שפּעטערדיקע שאַפֿונגען, אַנטהאַלטן מאָטיוון פֿון דעם דיכטערס אויסגערונענער היים. און מ׳מוז מיט געוניגטוונג זאָגן, אַז עס ליכטיקן אָט די לידער, די „ריישער" און די „אַמעריקאַנער", מיט די זאַפֿטן און ריחות פֿון בינה און תפֿארת, שיינקייט מתוך דיכטערישער גבֿורה. אָן יאָגעניש נאָך גראַמען צי געקינצלטע מעטאַפֿאָרן, טראָגט זיך אַ לויטערע מוזיק פֿון די פּאָעטישע בלעטער. מיטן בוך „באַשערטע לידער" האָט דער דיכטער ברייט צעעפֿנט דעם שייער אין אָנגעהאָרעוועטן פֿעלד אַריין און ער שפּייכלערט אַריין די פּרוכט פֿון זיין גייסטיקער מי פֿאַר די יאָרן פֿון קילער מחשבֿה. געוויס וואַרפֿט דער דיכטער ווידער זיין בליק אויף צוריק — ווי דען אַנדערש? — ער ציט אונטער אַ חשבון הנפֿשדיקן סך־הכּל. נו, אַן אָפּגעניכטערטער אויף אַ וויילע זעט ער זיך פֿון ס׳ניי אין דער ליאַרעמדיקער, דער מאַטעריאַליזירטער אַמעריקע, אָבער געפֿינען געפֿינט ער זיך צום מערסטן, דער פּאָעט בעריש וויינשטיין ווי דעם געליטענעם, כאָטש צו מאָל אויך דערהויבענעם ייִד פֿון ריישע. און ער זיפֿצט אָפּ ייִדישלעך, מיד, ממש אומבאַהאָלפֿן, אַנטקעגן דעם קאָלאָס פֿון שטאָטישן עלנט:

ס׳איז נישט פֿאַר אַ מענטשנס כּוח
דיך אַרומצונעמען, ניו־יאָרק, אין דיין טרויער.
ס׳איז נישט פֿאַר אַ מענטשנס אויג
דיך אַריינצונעמען מיט דיינע פֿעלקער און לשונות.

עס האָבן זיך אין דיר אײנגעזאַמלט
אַלע אָפּגעפּלייצטע װאַסערן פון גאָטס מבול —
עס האָבן זיך אין דיר אַנגעקליבן
אַ װעלט מיט לענדער, שטעט און געטער,
װאָס בלויז ס׳פּאַרגייענדיקע פייער פון פאַרנאַכט
קען אָזעלכעס אײננעמען.

דאָס איז נאָר איין פּעדערשטריך פון בעריש װײנשטײנס ניו־יאָרק פּייסאַזש, װאָס האָט אים אָנגעטרונקען מיט אַ װעלט פון טרויער, װאָס ער האָט אײנגעזאַפּט אין זיך אויף יוניאָן סקװער, אין דזשעקסאָן־פּאַרק, אויף ריװינגטאָן־סטריט זוי אין די װאַלד־פּאַרװאַקסענע שטעטלעך ביי העמפּסטער, „װוּ עס זענען װיסט די שבתים, די זונטיקס, די װאָכן״.

*

ברייט־אָטעמדיקע, ריטמיש־פּאַראַקערטע עפּיק פון אַ װעלט, װאָס איז כולה ייִדיש אין מיטן פון אַ צעשטורעמטן גויישן מידבר, איז דער קענציכן פון דעם אייגנאַרטיקן ייִדישן פּאָעט בעריש װײנשטיין. ריישע איז געװען אַ שטאָט מיט ייִדן אונטער אַ הימל װאָס איז אָפּטלעך פאַר־כמאַרעט געװאָרן פון פּוילישער רשעות. רויִק־פּאַרטראַכט, אין אומערנדיקן ליכט דערציילט דערפון בעריש װײנשטײנס „באַלאַדע פון טרויעריקן װאַלד״ װי אײנעם ציקל װעגן זײנע ליכטיקע ייִדעס. דאָך האָבן די אויסגעשפּרייט־קייטן איבער ריישע אויפגענומען די טענער פון חסידישער שירה, פון צניעות און דבקות. ייִדישע מעשהדיקייט מתוך האַרטער װאָר דאָמינירט אין דער שיינער נאַראַציע פונעם פּאָעט, װאָס זינגט ממעמקים, און ער פאַרשװימט צו אונדז פון די סאַמע קװאַלן, װאָס האָבן אים אַרויסגעבראַכט אויף דער אייבערפלאַך פון ייִדישער געפרװוטקייט. רעאַליסטישער פּאָעמאַ־טישער שטראָם שלאָגט זיך דורך ביי װײנשטײנען צו די רייכקייטן פון באַגייסטערטער שילדערונג פונעם לעבן, װאָס איז אייגן נאָר דער געלײי־טערטער ייִדישקייט. דערפון דער אויפפלאַם פון דעם דיכטערס השתפכות הנפשדיקע אויסרופן:

— „װער געגריסט, גאָט, פון אונדז, מאַמעס, ביי די ברכי נפשידיקע שויבן, אמן!״ אָדער: — „האָב רחמנות, גאָט, אויף די שאָף און רינדער װאָס פאַלן לעבעדיק אין זייערע הענט אַריין״ (װעגן די פּראָסטאַצקע ייִדישע לייט פון ריישע).

אויף דער פּאָעטישער פּאַליטרע באַגעגענען זיך היימישלעך אויך די װאַסער־פאַרב פון דער שאַרסטקער רעאַליטעט צוגלייך מיט אַ ניצוץ פון ייִדישער מיסטיק און דער געפלאָטער פון לעגענדע. די אײדעלע סינטעזע דערפון באַקומט זיך אין בעריש װײנשטײנס דערהייבענער פּאָעזיע.

יוסף אַקרוטני

מלך ראַוויטש

פילזייטיקע שעפערישקייט

א

איטלעך מענטשלעך לעבן איז אַ קנופּ פון נסיונות וואָס דער בן־אדם טראָגט אַדורך אויף זיינע אַקסלען אין שאָטן פונעם אייגענעם גורל. און גורל מיינט זיגזאַג פון דעם וועג וואָס איז דעם מענטש באַשערט דורכצומאַכן און עס מיינט דאָס גלייכן — סך־הכל. יאָ, די שפּראַך פון גורל איז אויך די דראַמע אין איר גאַרן נאַקעט, אַפילו ווען זי, די דראַמע, וויקלט זיך פונאַנדער אונטער קלאָמפּערשט שטילע הימלען. מיט דער שקיעה און, לסוף, מיטן אָנשטייך פון דער טאָטאַלער נאַכט, פאַלט דער לעצטער אַקאָרד פון דער דראַמע. פאַרשטייט זיך, לעבנסקלוגע און „מוטיקע" דערוואַרטן סטאָיִש דעם שליח פון יענער זייט לעבן.

אין מהות געשטאַלטיקט זיך אין אַן אַנדער ליכט דער גורל פונעם גייסטיק־שאַפערישן אינדיווידו. ריכטיק, אויך ער איז מענטש. אָבער זיין גאַנץ לעבן איז אַקומולירט אינעם ווערק. ער איז שטאַפּלוויז אַריינגעפלייצט, פּסיכיש און גייסטיק אַריינגעבויט אין זיין שאַפונג. ביי אַ שרייבער איז דאָס צום בולטסטן אַרויסגעבראַכט אין זיין בוך. בעלעטריסטן און ליריקערס גיבן אָפּ נישט זעלטן באַזונדערע ווערק פאַר זייער אויטאָביאָגראַפיע, וואָס איז על פּי רוב נאָר אַן אַריינפיר אין זייער וועלט. לדוגמא איז צו דערמאָנען מענדעלעס „שלמה ר' חיימס", פּרצעס „זכרונות", גאָרקיס „מיינע אוניווערסיטעטן", זשאַן זשאַק רוסאָס „קאָנפעסיאָן" וכדומה. אוודאי, די טראַנסקריפּציע פון דיכטערישע אויטאָביאָגראַפיעס איז ווייט פאַרשיידן פון די ביאָגראַפישע שילדערונגען פון בעלעטריסטן צי דענקערס.

ב

אַנטקעגן וואָס איז דאָס געזאָגט געוואָרן? אַנטקעגן דעם וואָס עס דערמאָנט זיך גראָד מלך ראַוויטשעס פּרוכטיקע, פילזייטיקע שעפערישקייט. פון זיין ווערק ווי פון זיין פּערזענלעכקייט שטראַלט אַ טיף־מענטשלעכע גוטסקייט. אָן אַנדערע באַזונדערקייט וואָס עס באַווייזט ראַוויטשעס ליטעראַרישע שאַפן איז זיין אומגעווײנטלעכע פּשטות. אַ דענקענדיקער שרייבער

און ער צייכנט זיך אויס מיט אַזאַ נוסח אַז ער איז ביז גאָר פאַרשטענדלעך סיי פאַרן אינטעליגענטן לייענער, סיי פאַרן פאָלקסמענטש. נאָך אַ וויכטיקער שטריך זיינער איז: ער שאַפט אין כלערליי זשאַנערס — אין ליד, אין דראַמע, אויך דערציילונג, עסיי און רייזע־שילדערונג. און קומט ער מיט זיין פובליציסטישער פען, איז ער אַלע מאָל כולו קולטור־בויעריש, קולטור־זאָרגער פאַר זיין פאָלק. ער איז ראשו ורובו אַריינגעטאָן אין סאַמע גייסטיקייט, אויסגעדריקט אין מאַמע־לשון יידיש. ווי אַ קולטור־בויער האָט דער פאָעט מלך ראַוויטש אויך אָפּגעגעבן היפּשע יאָרן פאַר נסיעות איבער אַלע וועלטטיילן כדי צו שטאַרקן מאָראַליש און פינאַנציעל אונטער־צושפּאַרן אַזעלכע וויכטיקע יידישע אָרגאַניזאַציעס ווי די ציש״אָ (צענ־טראַלע יידישע שול־אָרגאַניזאַציע אין פוילן) און דעם ייוו״אָ (יידישער וויסנשאַפטלעכער אינסטיטוט אין ווילנע).

און נאָך אַ וואָגיקער שטריך דערגאַנצט דעם פּאָרטרעט פון מלך ראַוויטש: ער איז אַ גוטהאַרציקער חבר פון יידישע שרייבערס אין מערערע לענדער. די דאָזיקע אייגנשאַפט לאָזט זיך גאָר גרינג אַרויסהייבן נישט נאָר פון זיינע לידער, נייערט אויך פון די פען־פּאָרטרעטן און פּראָפילן פון יידישע שרייבערס („מיין לעקסיקאָן״), ווי אויך פון זיינע דריי בענד מעמואַרן „דאָס מעשה־בוך פון מיין לעבן״. דאָס זענען בילדער, עפּיזאָדן און איבערלעבענישן פון ראַוויטשן, דעם מערקווערדיקסטן און ליבן מענטש צווישן די יידישע שרייבערס אין גאָר דער וועלט.

אָבער אויף אַלע שטחים פון זיין שאַפן אוןווירקן איז ראַוויטש קודם־כל אַ סובטילע דיכטערישע נאַטור. ס'איז נישטאָ קיין ווידעראַנאַנד צווישן דעם מענטש און דעם פּאָעט מלך ראַוויטש. אַדרבא, די ביידע, דער מענטש און דער פּאָעט, דערגאַנצן זיך קעגנזייטיק. מלך ראַוויטש איז דער אַריסטאָקראַט פון לויטערסטער פּראָבע. דערין דער קאַפּיטאַלער חותם פון ראַוויטשן דעם דיכטער וואָס טיילט אים אויס צווישן דעם רוב יידישע דיכטערס. אומעטום, אין יעדער סיטואַציע, איז די פּערזענלעכקייט מלך ראַוויטש גאַנץ מיט זיך.

ג

ברייט אַרומנעמענדיק איז דער דיאַפּאַזאָן פון מלך ראַוויטשעס דיכטונג. איר טעמאַטישער צענטער איז ייִד־מענטש־וועלט. און אינטעלעקטועל גרייכט זיין וועלט דורכויס צו גוטס פאַרן מענטש, פון וועגן יושר לטובת דעם מענטש שטרעקט ער זיך שטענדיק; אַלץ איינס צי פאַרן האַרעפּאַשניק,

פֿאַרן בעל־מוח צי פֿאַרן גאַסנקערער. לויטערער הומאַניזם איז זיין אני־מאמין. זיין נשמהדיקער דאָרשט איז געווענדט צו די תוכיקייטן וואָס דער מענטש שטראַלט אויס. און כאָטש ער איז „אויסגעוואָן אַ וועלט", איז ראַוויטש'ס שאַפֿערישע פֿאַראינטערעסירונג אַזוי צו זאָגן געאָגראַפֿיש אָפּגעגעבן דערהויפּט זיין געבוירן־לאַנד פּוילן. אמת, אויך דער גרעסטער ייִדן־ייִשוב אין צפֿון־אַמעריקע מיט ניו־יאָרק דער מעטראָפּאָליע, וווּ ייִדן האָבן אויסגעבויט זייער פֿיזישע און גייסטיקע גרויסקייט, האָט פֿאַרכאַפּט זיין שאַפֿערישן אויפֿמערק. נו, און מדינת ישראל, דער ממשות־דיקער וווּנדער פֿון ייִדנס רענעסאַנס אויף דער שוועל פֿון זייער גרעסטן פֿאַלקישן בראָך; ישראל איז געוואָרן דער נייסטער אינספּירירנדיקער אָנשפּאַר פֿאַרן דיכטערישן אויסלעבן זיך אין דעם רייכסטן עטאַפּ פֿון זיין שעפֿערישן לעבן.

גאָר אָנזעעוודיק איז דער טעמאַטישער מהלך וואָס עס האָט אַרומ־געכאַפּט די ראַוויטש־דיכטונג, וועלכע איז ווי אין אַ פֿלאַקערנדיקן סנה דראַמאַטיש געצונדן געוואָרן פֿון פֿאָלקס־אומגליק וואָס האָט געטראָפֿן אים, דעם זון פֿון רעדים וואָס אין גאַליציע ווי אויך אַלע זיינע שטאַמברידער, די פֿון וואַרשע, פֿון לאָדזש, סעמיאַטיטשע, ביאַליסטאָק, קאַלושין, לאָמזשע, מינסק, קיִעוו און פּאַריז צי אַנטווערפּן.

שוין אין סאַמע בראשית פֿון היטלערס פֿאַרטיליקן די ייִדישע קהילות אין מזרח־אייראָפּע, האָט דער דיכטער מלך ראַוויטש — כאָטש ער איז פֿיזיש געווען ווייט פֿונעם חורבן־פֿעלד — עלעגיש געזעגנט די וואַרשעווער ייִדן וואָס זענען שוין דעמאָלט געשטעלט געוואָרן אַנטקעגן דעם אכזריות־דיקן גזר פֿון ייִדישן גורל:

> „זיי געזונט, מיין וואַרשע, געליבטע שטאָט. / האָסט צוגענומען מיינע בעסטע יאָרן, / און איצט מעק איך דיך אויס מיט ווייטיק און צער / און מיט אַ מעסער אויס מיין זכרון — — — / כ'גיי אַוועק פֿון דיר, אויף אייביק גיי איך. / דו מאָן נישט פֿון מיר און איך וועל נישט מאָנען; / כ'נעם מיט מיינע לעבעדיקע, די טויטע לאָז איך — / דעם אוהל־פּרץ מיט אַנסקין, דינעזאָנען — — — / הייבט אייך אויף אַלע — פֿון נאַלעווקעס און פֿון סמאָטשע, / נעמט אין דער האַנט אַריין דעם וואַנדערשטעקן, / איר האָט אייערס געטאָן און טראָגט אייך אָפּ / אין אַלע פֿיר וועלט־עקן — — —"

ווייל מען איז עס ראַוויטשעס פּאָעטישער ווידערריף פֿון יצחק גרינבוימס אַנומלטיקן גוואַלדגעשריי אונטער פּוילנס הימלען וואָס האָבן בשעתו שוין געפֿלאַקערט פֿון צעהפּקרטן ייִדנהאַס, אַז מ'זאָל ייִדן בייצייטנס אַרויסנעמען פֿונעם ווייסללאַנד; און עס איז איינצייטיק אַ דייטלעכער עכאָ

פון זאב זשאַבאָטינסקיס פּאַטעטישן לאָזונג צו עוואַקוירן אַ מיליאָן ייִדן פון דער פּאָגראָמישער פּוילישער גאַס, וועלכע האָט זיך צעיושעט מיט איר בלוטיקער האַק אונטערן בלוט־באַזאַפּענעם מאָטיוו פון האַרסט וועסלס ליד, וואָס האָט וועלפּיש זיך געוואָרפן צו מאַסנהאַפטיקן ייִדנמאָרד. ביז די טיפענישן פון זיין נשמה איז דער דיכטער דערציטערט געוואָרן פון די איוב־בשורות וואָס האָבן זיך געהאַט דערטראָגן צו אים. ווי אין אַ פּיוט האָט מלך ראַוויטש דעמאָלט וויטיקלעך אויסגעניגונט אַ נייעם איכה: „אַ וויגליד פאַר אַמעריקאַנער ייִדישע קינדער — 1940”. ווי בכוונה קומט ראַוויטש דאָ נישט אַרויס ווי דער פּאָעט מפונק וואָס קען זיך אויס אויף די פּרטי־פּרטים אין הלכות פּאָעטיק; אים מאַטערט נאָר די פאַרגוואַלטיקטע עטיק כלפּי דעם מין מענטש. ער זינגט נייערט פּשוט ייִדישלעך מיט צעבראָכענעם האַרץ אויף דעם בראַנד פון די רציחות וואָס די דייטשן, אין שותפות מיט זייערע פּוילישע באַהעלפערס, האָבן אַזוי פריי ווי אין 1940 שוין באַוויזן אַ סך בייזס אָפּצוטאָן קעגן דער ייִדישער עדה, וואָס איז געווען אַריינגעשטויסן הינטערן שטעכלדראָט פון דעם ניי איינגעפּעסטיקטן ענגעניש פון געטאָ:

שלאָף איין, מיין קינד, מיין ייִדיש קינד,
שלאָף איין אָן שרעק, שלאָף איין אָן זאָרג.
איאַ, עס שלאָפט זיך רויִק, קינד מיינס,
צווישן צוויי מיליאָנען ייִדן אין דער שטאָט ניו־יאָרק.

שלאָף, קינד מיינס, שלאָף און דריי זיך איבער
מיטן פּנים צו דער וואַנט,
און איך וועל דיר אַ לידל זינגען
פון ברידערלעך און שוועסטערלעך
אין אַ וויַיטן לאַנד.

שלאָף, מיין קינד, דאָס לאַנד הייסט פּוילן,
און ברידערלעך און שוועסטערלעך אָן צאָל
האָסטו דאָרט, קינד, בלוט פון דיין בלוט, ביין פון דיין ביין,
כאָטש האָסט זיי קיין מאָל נישט געזען
און וועסט שוין זען קיין מאָל — —

שלאָף, מיין קינד, אין יענעם לאַנד / גייט אין גאַס אַצינד אַרום די פּעסט, / שריפות לויפן איבער דעכער / און אין צעלעכצטע שטיבער גייען / פראַנק און פריי אַריין די פּרעסט — — / שלאָף, מיין קינד, אין יענעם לאַנד / וואַקסן ווי די ווילדע גראָזן קברימלעך אַ סך, אַ סך / און יתומהלעך אויף די גאַסן ליגן. אאַ״ו אאַ״ו.

אין צער און פּיין וואָס איז געקומען אויף זיינע ברידער אין דער וויַיט,

האָט ראַוויטש פאַרפאַסט מערערע פּיוטים וואָס אַנטפּלעקן זיין פּערזענלעכן ווײַ אויפן וויסטן כרת וואָס האָט געטראָפן סײַ די נאָענטסטע סײַ די ווײַטסטע. ער האָט זיך נאָר געטרייסט מיטן סאָלידן יידן־אינדזל אין דער גרויסער אַמעריקע און אים קאָנטראַסטירט מיטן גרוילבילד וואָס האָט אימהדיק אויפגעדראָלן אין זיין דמיון. על פּי מקרה אַליין אויסגעמיטן די טרויעריקע מערכה פון פּוילישן יידנטום, מיט וועלכן ער איז געווען צונויפגעוואַקסן, האָט ראַוויטש בעתן בלוטיקן געוויטער געזוכט אַ קוואַל פון באַרויִקונג פאַר זיין צעשטורעמטן געמיט. אָבער ס׳איז נישט באַשערט געוואָרן אים קיין מנוחת־הנפש. דער דיכטער וואָס שפּאַנט אַלע זיינע יאָרן אונטערן שטערן פון דער אידעע, וועלכע וואַרפט איר שיין אויפן ווײַטאָלן תכלית פון דעם יידנס לעבן, האָט דווקא דעמאָלט אונטערגענומען „אַ דיאַלאָג אין אַ יידישער דיכטערשטוב אין אַמעריקע״:

... — איז ווערזשע וועט זינגען דיינע שיינע לידער,
טאַטע מיינער, טאַטע, — וועט זיי זינגען דער ווינט?
— קען זיין, אַז דער ווינט, נאָר דער ווינט איז אייביק
ווי מיינע לידער, דו מיין אייביק קינד.

זיינע ספקות בנוגע יידנס צוקונפט ווי אַ פאָלק און דער תוך פון דער דאָזיקער צוקונפט, עקבערט טיף אין דער נשמה פון דיכטער און ער לאָזט הערן די אָנגעוואָלקנטע שטים פון דער יידישער דיכטערשטוב. ס׳איז די שטים וואָס דרענגט אויף אונדז און מאָנט.

דער צענטער פון טויזנט־יאָריקן יידישן קיבוץ אין פּוילן איז וואַנדאַליש אָפּגעמעקט געוואָרן, פאַרברענט, זענען ממילא באַדראָט די וואָרצלען פאַרן קיום פונעם פאָלק — פרעגט זיך דעם באומרויִקטן יונגן ייִד פון אימיגראַנטישן אַמעריקע, וואָס כאָטש ער איז גרויס אין כמות, איז ער דאָך אָן יידישע קולטור־טראַדיציעס, ס׳הייסט אָן אַ ממשותדיקן באָדן פאַר אַ נאַטירלעכן פאָלקישן המשך: „— און ווער וועט אויסהערן דיינע וווּנדערלעכע מעשיות, / וואָס אַז מען האָט זיי איין מאָל געהערט / וויל מע שוין אייביק — / אפשר די וואָלקנס פון הימל, די גראָזן פון דער ערד?״ מחמת ברענענדיקן אומרו דרינגען אָן אַ סוף די פראַגעס און עס ענטפערט דער דיכטער, וואָס אין אים לעבן „אַלע הונדערט וואַכע אויגן פון מיין האַרץ״. אָבער דער שמועס צווישן דעם פאָטער־פּאָעט און זיין יונגן זון וועבט זיך ווייטער:

„...— און ווער (עקבערט זיך נאָך אין דעם זונס דמיון דער אומרו

פאַרן מאָרגן וואָס איז פאַרהוילן אין די טונקלענישן פון געמיט) וועט פאַרזינקען אין דיינע געדאַנקען, / וואָס אין נעכט אַזוי פיל האָסטו צו זיי זיך דערטראַכט? / — נעכט און שטערן וועלן זיך פאַרטיפן אין מיינע געדאַנקען, / און קינדער ווי דו, אין יעדער אַזאַ נאַכט. / און ווייטער צו זיין קינד האָט גערעדט דער פאָטער / און אַ יענערוועלט־ליכט האָט פון אים געשיינט: / — עס איז אמת, אַז עס וועט נישט מיינע לידער זינגען / און מיינע מעשיות הערן דער דאָזיקער היינט, / ווייל דער היינט איז אַ מידבר און זיין האַרץ איז אַ פעלדז. / קען אַ שטיין הערן לידער? אַ שטיין איז דאָך טויב / און אין מיינע אײנזאַמע קול־דממה־לידער / יעדער איינציקער אות איז אַ ליד פון לויב״...

עס איז דאָס קול פון האַרבסטן יִיאוש. אָבער אונדזער דיכטער איז פון „אייביקע יאָרן״ אַן אידעאַליסטישער מאַמין אינעם עצם פון פּאָעזיע; קיין ערדישן שכר זוכט ער נישט פאַר זיין געזאַנג וואָס קוואַלט אַרויס פון דער נשמה. ער איז כהן־גדול פון דעם מיקדש השירה. ווי אַזאַ קוקט ער אויפן אַרום וואָס אים איז ס׳עיקרשטע דער סיר הבשר. ניין, עס אי־ז נישט קיין פּעסימיזם, נייערט ווידער אַ מאָל דער מאַמין אין דער שליחות פון געלייטערטן ליד. נאָר אין דער אַ דערהויבנקייט איז דער שכר פאַרן דיכטער. בשם דער פּאָעזיע הייליקט דער דיכטער זיין לייב און לעבן דעם יִידישן ליד און ער לאָזט הערן זיין קול פון אַליינטרייסט, כאָטש פאַר יִדישער ליריק איז כלל נישט צו דערוואַרטן קיין שום רעזאָנאַנס.

„— עס איז אַלע מאָל אַזוי, מיין קינד, מיט יִדיש געוועזן (פּירט אויס דער בעל־הדיאַלאָג) / יִדיש ליד האָט קיין מאָל נישט צום היינט קיין גליק / — פון דעם מאָרגן זינגט עס און מאָרגן לעבט עס, / און אין היינט איז עס דמיון און פּאַפּירענע בריק. / און וווּנדערלעך איז וואָס אויך טאַקע דו, קינד מיינס, / טאַקע דו וועסט אויך מיינע לידער זינגען / ווען דו וועסט אין יענעם מאָרגן זיין״.

קלאָר, אויפן לעתיד לבוא בויט זיך דער גלויבן פונעם גייסטמענטש, בפרט פון אַזאַ וואָס איז גורלדיק געבענטשט מיט דער תשוקה שוין היינט צו לעבן אין מאָרגן אַריין, מיטן חלום פונעם מאָרגן וואָס טראָגט די ברכה פון אויפריכטונג פאַרן מין מענטש, בפרט פאַרן אייגענעם פאָלק. אַזוי לעבט און האָפט אונדזער דיכטער. ער איז זיך נישט מייאש. ס׳וועט קומען צו אַ תקומה דאָס פּאָעטישע יִידישע ליד אין די קומענדיקע דורות. וואָרעם דער ניצוץ פון פּאָעזיע לעבט אייביק פאַרהוילן אינעם גייסט פונעם פאָלק וואָס איז ערשט אַ געשלאָגן געוואָרן פון שווערע נסיונות. „אָט דערפאַר זיץ איך רויִק דערווייל אין דעם מידבר און איך חבר זיך מיט די וואָלקנס און זייער פאַסטעך, דעם ווינט״.

— — — פון איין זייט דער צעפלאַקערטער היטלעריסטישער שייטער

וואָס האָט פּאַרצוקט דעם שפּעפּרישסטן טייל פון איראָפּעיִשן ייִדנטום און פון דער אַנדערער זייט דאָס געשפּענצנט פון דער אַסימילאַציע וואָס פּרעסט אויף דאָס ייִדישע לעבן מיט די ביינער. אין כלאחר־ידיִקער פּאַרצווייפלונג זוכט דער דיכטער זיך צו טרייסטן מיט אַ שפּראָץ אָפּטימיזם. אמת — איז ער מודה — ס'איז מער דמיון ווי וואָר, אָבער עס טרעפט אַ מאָל אַז אויך אַ מיט קען ווערן אַ ממשותדיקער אָנשפּאַר פאַר אַ פאַרלוירענעם אין מידבר. אַזוי האָט מלך ראַוויטש, וואָס קלאַמערט זיך אין גלויבן פון אייביקן דויער פון ייִדישער מענטשלעכקייט, זיך אָנגעכאַפּט אין דער מעגלעכקייט אַז דווקא אין דער אַמעריקע ווו די אַסימילאַציע פאַרצוקט דעם מאַרך פון דער תוכיקער ייִדישקייט, וועט אויפקומען אַ באַגייטע ייִדנהייט. אָ, ווי סע צעבליען זיך די מיראַזשן! עס איז טאַקע אַ טראַגישער יאָך צו טראָגן אָט די קרוין, האָט ער זיך צעטענהט אין אַ שמועס מיט זיין ייִנגערן חבר, דעם גרויסן פּאָעט חיים גראַדע בנוגע זיין אידעיִשער וויזיע בכן ס'איז מעגלעך אויף איר אָנצולעבן זאַפטיק פליש און צאַפּלדיק בלוט אין אירע אָדערן. די דאָזיקע אידעע האָט אַזוי אינספּירירט מלך ראַוויטשן צו זען אין שאַפערישער השתפכות־הנפש דעם טרוימערישן ייִנגלינג וואָס נאָפּלט נאָך אין דער דורותדיקער ייִדישקייט אַפילו אין דער מאַטעריאַליזירטער אַמעריקע ווו ייִדישע דיכטערס מוזן „טראָגן אַ יאַרמע־יאָך און נישט קיין יאַרמולקע־קרוין". אַזוי זאָגט ראַוויטש שוין אין 1953, אין דער הקדמה צו זיין גרויסער פּאָעמע וואָס איז אין פאַרטראַכט אַ סימבאָל פון אַ וואָרהאַפטיקער „קרוינונג פון אַ יונגן ייִדישן דיכטער אין אַמעריקע"*. אין קדושת הפּאָעזיע אין ייִדיש־לשון זוי תוך־עלעמענטן פאַרן ייִדישן לעבן נאָכן חורבן־איראָפּע, גייט עס דעם דיכטער, ווען ער האָט מכוון געווען זיין אידעע אָנצוקליידן מיט פּאָעמאַטישן פליש און הויט:

> „אין דמיון פון מיין ווי האָב אָפּגעזוכט איך אין אַמעריקע פאַר אונדז אַ חבר־יורש, ייִדן־דיכטער. / געוועז איז ער אַ ייִנגל דאָן; איצט איז ער צוואַנציק אַלט, כּמעט זעען זעט ער אוים אויף מער. / נאַכט־שוואַרץ די האָר, טאָג־בלוי דער בליק; ער פינצטערט־שטראַלט מיט תהומען און מיט הימלען. / ס'איז אמת, כּמעט נאָך רוי זיין דיכטערישער חזיון; יאָ, אַזוי גייט אויף דער זאָמען פון אַ וויזיאָנער" (דאָרט, ז' 9).

ס'איז אין קלאָרער צייכענונג אָן אויסגעדמיונטע געשטאַלט פון אַ קומענדיקן ייִדיש־פּאָעט אין אַמעריקע; אַ פּאָעט וואָס טראָגט אין זיך

* מלך ראַוויטש: „די קרוינונג פון אַ יונגן ייִדישן דיכטער אין אַמעריקע", פּאָעמע אַרויסגעגעבן פון דוד איגנאַטאָוו ליטעראַטור־פאָנד, ניו־יאָרק, 1953.

בירושה די אידעען־וועלט פון יצחק־לייבוש פרץ ז״ל, אין וועלכער עס געדייעט — זאָל געדייען — דער קיום פון אַ קרעפטיק יידיש לעבן אין אַמעריקע און עס זאָלן לייכטן „די הימלבלויע פּאַסן און דודס שילד״. אָבער מוראדיק האַרב איז די וואָר וואָס בעל־כרחו ניכטערט זי דעם דיכטער. דאָ און דאָרט ווערט ער צוריקגעשליידערט אויף די רויפן פון דער שווערער מלחמה־מאַשין וואָס שלאָגט אונדז און צאַפּט אויס דאָס בלוט. אין געמיט טויכט אויף פון דעסטוועגן דער יונגער יידישער פּאָעט פון אַמעריקע, וואָס ראַוויטש קריינט אים וויזיאָנעריש ווי אַ יש וואָס מוז ווירקן אויף די לעבעדיקע פליגל פונעם באַנייטן יידישן הייבט אויך אין מדינת ישראל. אַוודאי, ס׳נישט שייך אין אונדזערע טעג צו דענקען מחוץ דער יידישער מדינה אַפילו אין דער גרויסער, שטאַרקער אַמעריקע. מהאי טעמא קומט פון אונדזער דיכטער אַזאַ דיגרעסיע, ווען ער טראַכט פונעם גורל וואָס עס דערוואַרט אַ יידיש־פּאָעט אין דער תפוצה:

דור אויס, דור אויס, דורך בלוט און פייערריקע לענדער, האָבן מיר געטראָגן
דעם חלום פון אַ וועלט אָן בלוט־פּאַרגאָס, אָן פייערבראַנד.
געפירט פון אַ משיח אויף אַ ווייסן פערד, אַ לייכטן ווי אַ וואָלקן,
געהאָפט מיר האָבן קומען בלויז מיט שלום־גרוס דערהויבענעם
צוריק אין לאַנד.
(דאָרט, ז׳ 31).

די וועלט האָט דאָך זיך נישט גערעכנט מיט אונדזער חשבון און אונדזערע אַספּיראַציעס; די וועלט האָט אין זינען אירע אייגענע חשבונות, צו מאָל אויפן חשבון און שאָדן פון געפּלאָגטן יידישן פאָלק. צעוואַקלט פון ייאוש, הלמאי אויך די אַמעריקאַנער ווירקלעכקייט איז נישט מסוגל צו שטאַרקן דעם יונגן יידישן דיכטער אינעם גלויבן אויף אַ געזונטן מאָרגן פאַר יידן אין דעם גרויסן לאַנד, קרעכצט אויס דער מחבר פון דער „קרוינונג״: „אַוודאי האָסטו צוגעלייגט אַ האַנט און מיטגעקאָוועט סיי דעם אַקער סיי די שווערד ישראלס; נאָר ווען זשע ועסטו קאָווען דיין נשמה, דו פּאַרווירטער, פילמיליאָניקער, אַמעריקאַנער ייד?!״ יאָ, די עקבערנדיקע פראַגע פונעם אייגן־באַוווסטזיין וואָס דאַרף גרינטלעך אויסגעהאָדעוועט ווערן אין דער אַמעריקע, אויב זי וויל באמת אויפהאַלטן יידיש חיות אין דער ווייט פון דער יידישער מדינה. ראַוויטש, דער וועלט־ייד מיטן ליכטיקן יידישן הארץ, קען נישט אויפהערן דאָס צו מאָנען ביי זיך און מאָנען ביים אומעטומיקן ייד, כאָטש ער איז אַזוי צו זאָגן גייסטיק באַהאָפטן מיט ישראל. בלייבט עס טאָקע ביים יידישלעכן תיקו? אפשר וועט עס דער פּראָבלעמאַטישער מאָרגן לייזן.

ד

אָן אַ שיעור פּראָבלעמען מאַטערן דעם דיכטער, אָבער שטענדיק קערט ראַוויטש זיך אום צום ברענפּונקט פון אַלע אומרו:קייטן וואָס רודערן אים אויף אַלע מאָל: ווו און אין וואָס הויערט די שלימות, וואָס זאָל אויספולן דעם קיום פון יידישן מענטש, מענטש מיטן טראָפּ אויפן אוניווערסאַלן אין עכט יידישן מהות — ווי אַזוי קאָן מען דאָס דערגרייכן אין זיך? און צוריק געשמועסט, צי איז בכלל שכיח אַ האַרמאָניע צווישן חומר און גייסט אויף גאָטס זינדיקן וועלטל? נו, אַפילו צו זיין אַ מענטש צווישן יידן און אַ גאַנצער ייד צווישן די פעלקער? ס'איז פּיינלעך שווער, טייטשט ער דיכטעריש. ער אַליין דאַרשט נאָך אַ גרונטיקן ענטפער אין גלייכצייטיק ספקט ער דערין. פון דעסטוועגן זוכט ער ערגעץ אַן אָנשפּאַר, לפחות אַן אויגנבליק אָפּטימיזם צו געפינען פאַר זיין קווענקלעניש. געפונען האָט ער נאָר אַ ברעקל שיינקייט אינעם מענטשישן אַרום, אלא אין דער אונטערשטער שורה געקומען צו דער מסקנה אַז דער בן־אדם מוז זיך גורלדיק פּלאָנטערן אין דעם שפּינגעוועב וואָס העגנט אַרום אים, וויגט אים איבער אומהיימלעכע געמויזעכצן. דערפאַר דאָס ביטערע איבערלעבן פונעם דיכטער די דראַמע פון זיין פאָלק; און מחמת דעם דער ווונדיקער פּעסימיזם, פון וועלכן ער וויל אַנטרינען. דערפאַר די אָפּטלעכע כמאַריקייט וואָס הימלט איבער זיין ווערק, דער טאַטשנדיקער אומרו וואָס טרייבט אים פון לאַנד צו לאַנד. ראַוויטש האָט כידוע דורכגעשפּאַנט קאָנטינענטן און אָקעאַנען, זיך געטוליעט צום ניי־אויפגעריכטן ישראל, אָבער יאָרן גייען און פאַרגייען און קערפּערלעכע מידקייט לייגט זיך אָן ווי אייזנשטויב וואָס ווערט לסוף שווער ווי אַ שטיין. און אַ דיכטער איז אויך אַ מענטש און די נשמהדיקע מידקייט נעמט דריקן. אין פאַל מלך ראַוויטש האָלט אָן ביי אים — צום גליק — די גייסטיקע וויטאַליטעט און דער טוי פון זיין שעפערישקייט איז אויך נאָך פריש. אַגב, איז כאַראַקטעריסטיש דער אַליינפאַרטרעט ווי מלך ראַוויטש צייכנט אים אין זיינע יינגערע יאָרן:

„...איך לייקן נישט, איך האָב געוואָלט זיין געהערט, געלעזן, מיט־געלעבט. נאָך היינט, נאָך באַלד צוויי צענדלינג יאָרן שרייבן, ווייס איך גאַנץ געטנוי, אַז קיין איינציקער מענטש אויף דער גאָרער וועלט איז נישט מיטגעגאַנגען מיט מיר אין מיין וועג, פונקט ווי איך בין נישט מיטגעגאַנגען אויף אַלע וועגן מיט קיין איינציקן דיכטער. קיינעם האָבן מיינע פריידן נישט געפרייט, מיינעליידן נישט אינטערעסירט. און דאָך טרעט איך ווידער (אויף) פאַר דער „עפנטלעכקייט", וואָס עקסיסטירט

נישט פאַר מיר, אַפּעליר (נישט ?) צו „לעזער" וואָס איז פאַר דער דיכטונג בכלל און פאַר מיינער בפרט, נישט מער ווי אַן אילוזיע. וואָס אַרט אייך? זייט גוט און נעמט נישט צו ביי דעם וואָס איז צו אייביקער תפיסה פאַר־משפּט, דעם גלויבן אין אַ נס — — — ליבער לעזער! — — אָט האָסטו מיין ניי בוך, די פיר פּאָעמען פון מיינע לעצטע זיבן יאָרן, די פיר זייטן פון מיין גאַנצער וועלט. נעם נישט פאַר אומגוט אָט די עטלעכע קורצע קאָמענטאַרן: „דאָס געזאַנג צום מענטשלעכן קערפּער", עס זענען די לעצטע בליטן פון דעם אָפּגעדאַרטן בוים פון מיין אָפּטימיזם. עס איז נישט מיין געזאַנג. עס איז אַ פּאַראַפראַזע צו וואָלט וויטמען מיט 99 טיילן וואַסער פון מיין אייגענעם דיכטונג־כוח. אַזוי האָב איך אַמאָל געגלייבט אין דעם מענטש איידער איך האָב אים דערקענט — — — „דאָס געזאַנג צו דער זון" — איז דאָס געזאַנג צו דער איינציק, דערוויל דאַנקבאַר און לאַגישער פאַרעם פון גאָט — — — „דאָס געזאַנג פון האַס און ליבע צום יידישן פאָלק" — איז דער אַנהייב פון דער פּאָעטישער באַגרינדונג פון דער אַנאַציאָנאַליסטישער טעאָריע אין מיין וואַריאַנט. איך קען נישט ליידן דעם נאַציאָנאַליזם, און נאָר מענטשלעכן רחמנות פיל איך צו די נאַציאָנאַליסטישע דיכטער פון אַלע פעלקער און פון אונדזער פאָלק אויך. פון נויט, ווייל קיין אַנדער באַוועגונג איז דערוויל נישטאָ, באַקען איך מיך איצט צום אינטערנאַציאָנאַליזם, אָבער דאָס איז נישט מער ווי אַ סוראָגאַט, אַ דערווייליקע זאַך. אויף איין מאָל און עלעמענטאַר — און דאָס איז מיין שענסטער גלויבן, פּונקט ווי מיין גלויבן אין וועגעטאַ־ריזם — — —" (פון דער הקדמה צום בוך „די פיר זייטן פון מיין וועלט", פאַרלאַג קלעצקין, ווילנע 1929).

דער אַ גרעסערער אויסצוג זאָגט עדות אויף דער פּסיכאָ־גייסטיקער אומוואַנדלונג וואָס עס האָט דורכגעמאַכט די פּערזענלעכקייט פונעם יידישן דיכטער במשך אַ קנאַפּן האַלבן יאָרהונדערט, דעם צייט־שטח וואָס האָט ממש איבערגעקערט די וועלט, דערין די יידישע וועלט מיט די וואָרצלען אויף אַרויף צו די צעאַקערטע הימלען פון יידישע אידעאָלאָגיעס און ייִד־דערקענטעניש.

אַ ראיה דערויף גיט אונדז מלך ראַוויטש גופא אין זיינע לעצטיקע פּאָעטישע (און אויך לידעריש־עסייִסטישע) שאַפונגען, וועלכע ער האָט ביז איצט באַוויזן צו קאָנצענטרירן אויף דעם איכותדיק גרויסן בוך, וואָס ער רופט אָן מוסר השכלדיק, ווי די אונטערשטע שורה פון זיין לעבנס־חשבון: „עיקר שכחתי". ס'הייסט, מיין ווערק באַגיטיק איך ביינייס

מיט דער ערלעכקייט פון טיף דורכגעטראַכטן געדאַנק, אָבער סע בלייבט מיר נאָך צו ברענגען אויף זיינע ראַנדן דעם סוף־סופיקן סך־הכל פון מיין נאָכטראַכטן איבערן אָפּגעטוענעם בעתן געלעבטן לעבן. עיקר שכחתי, נאָך דאָס האָב איך צוצוגעבן לשם אויפקלערונג פונעם געזאָגטן, פון געטוענעם לטובת דעם ייִדישן מענטש און די דורות וואָס איך האָב מיט האַרץ קאָנסערווירט אין מיין געדעכעניש. אין דעם זין האָט ראַוויטש נאָך פריִער מיט יאָרן שעפעריש געבראַכט געמעלן אויפן פאָן פון פּרעהיסטאָ־רישע לאַנדשאַפטן ווי פון זיין אינדיווידועל־גייסטיקן עמוד־האש, ברוך שפּינאָזע, ווען ער האָט זיך מחשבהדיק אין גאַנצן אָפּגעגעבן. ווי שפּינאָזע פריִער איז עיקר־שכחתי אַ שפּעטערער פּרווו דיכטעריש אונטער־צוציִען אַ חשבון־הנפש פון אייגענעם לעבנסאָפּשניט. אָט אַ שטייגער איז ראַוויטשעס אינטעלעקטועלע צוגעהעריקייט צו דעם אַמסטערדאַמער גאון:

„באַשערט איז מיר אפשר אַ לייכטער צו זיין, / אַ לייכטער פאַר מיין דור, / אַ וועג־ווייזער אפשר, וואָס שטייט אויף דעם וועג, / אויף דעם אומענדלעכן וועג צו גאָט. — / דו אָבער ביסט דאָס ליכט פון מיין ליכט, / דער לייכטער פון מיינע אייגענע נעכט, / שפּינאָזע. / ס'איז אפשר באַשערט צו מיין נאָמען אַ קלאַנג / וואָס לייכט דעם קבר אַריבער נאָך לאַנג / און צו די מטבעות פון מיין גייסט / איז אפשר באַשערט אַ באַזונדערער ווערט; / דיין נאָמענס קלאַנג קלינגט אָבער אין מיר / און ציטערט לאַנג, / ווי דער גאָלדענער, דרייפאַכער האָלאַנד־גולדען / ביים אָרעמסטן פישער ביים ברעג פון ים; / ווייל ס'הונגערט דאָס קינדווארג פון מיין האַרץ, / רייכער, געוואַלטיקער מאַן".

דער אומרויִקער גייסט פון דעם דיכטער — האָט דאַרשטיק געזוכט אַ תיקון פאַר זיין אומרו; לאַנג געאומרוט אין עיגול פון דער אינספּירירנ־דיקער אידעע און פון איר שעפעריש אינספּירירט געוואָרן. ער האָט טאַקע געלעבט כמו מחוץ די גרענעצן וואָס פאַרטפּיסהנען דעם מענטש פון אַ גאַנץ יאָר. ווידער אַמאָל עדותן דערויף ראַוויטשעס סטראָפן פון דאָ און דאָרט און עס באַקרעפטיקן דאָס זיינע סוביעקטיוויסטישע טראַכטענישן, פאַר־פיקסירטע אין אַנצאַליקע עסייען, וועלכע זענען פאַרעפנטלעכט געוואָרן אין מערערע ייִדישע אויסגאַבעס ווי אין זיינע הקדמות „אמר המחבר", וואָס פירן אונדז אַריין אין זיינע ביכער. אין דער אונטערשטער שורה איז גרויס דאָס גערעטעניש פון דיכטערישן עלנט ראַוויטשעס און געכפּלט איז אויך דער צער וואָס דעם ייִד איז באַשערט געוואָרן, ממילא אויך דעם ייִד מלך ראַוויטש. אויף דעם שטעלט ער זיך טאַקע אָפּ אין דעם פּאָסט־סקריפּטום פון זיין פּאָעטישן האָב און גוטס וואָס ער האָט עסענציעל איינגעזאַמלט צום יובל פון זיין אַכציקיאָריקייט:

דאָס ליד איז צו קליין פאַר דעם גרויסן צער,
דער צער איז צו גרויס פאַר דעם קליינעם ליד —
ווו זאָל איך מיך אַהינטאָן מיט דעם גרויסן צער?
איך קען אים נישט טראָגן מער — איך בין אַזוי מיד.
(,עיקר שכחתי', ז' 148).

ה

נישט נאָר דאָס ליד איז צו קליין פאַרן צער וואָס די וועלט האָט דערויף אָנגעוואָרפן, איז אַ כאַראַקטער־שטריך וואָס פאַרפולט דאָס פאַר־טרעט פונעם דיכטער; אויך דער עסיי, די ציקלען פען־צייכענונגען פון זיין לעקסיקאָן (צוויי בענד) וואָס זאַמלט איין אונטער ראַוויטשעס דאַך אַ גרויסע גאַלעריע דיכטערס און קינסטלערס פון זיין דור, דאָס גלייכן זיינע בילדער פון די לאַנגאַניקע וואַנדערונגען איבערן כדור הארץ, שאַפן דעם פולן אימאַזש פון דעם זעלטענעם שרייבער און טראַכטער צווישן די פאַרדינסטפולע דיכטער־געזעמלען וואָס שרייבן אין מאַמע־לשון אין אַלע פיר עקן וועלט. און מער ווי אַ בולטער גרונטשטריך וואָס ער האָט אַליין אוממיטלדיק צוגעטראָגן צום פאָרטרעט פון מלך ראַוויטש, זענען בלתי ספק די ווידוי־שע שורות, וועלכע ער האָט אַריינגעשריבן אין זיך אין 1944 גלייך ער וואָלט געשטאַנען אַנטקעגן דעם אייגענעם שפּיגל און אַרויסגעבראַכט דעם פּסק וואָס עס מאָנט צודרינגלעך זיין נשמה־דאַרשט נאָך וואָרהאַפטיקייט:

„...ער האָט זיך נישט ליב פאַר די געדריידלטע האָר פון זיין קאָפּ. ער האָט ליב גלאַטע. ער האָט זיך נישט ליב פאַר דער נייגונג צו פעטקייט. ער האָט ליב מאָגערע, הויכע מענטשן. (ער האָט זיך נישט ליב) פאַר זיין אַריינפאַלן אין התפעלות און אויך אין כעס. ער האָט ליב רו־קע מענטשן. (ער האָט זיך נישט ליב) פאַר זיין פּחדנות, ער האָט ליב מוט. (ער האָט זיך נישט ליב) פאַר זיין שלעכטן זכרון, פאַר און פאַר, פאַר... ער האָט נישט ליב זיינע ווערק. ער חלומט כסדר צו קאָנדענסירן אַלץ וואָס ער האָט געשריבן, אין אַ בוך פון 160 זייטן. אָבער זינט יאָרן ווייסט ער, אַז דאָס וועט אים שוין מער נישט געלינגען. זינט זיך 30־סטן לעבנסיאָר האָט ער אַלע מאָל אַ צוואה צווישן זיינע פּאַפּירן——— יאָ, דאָס גאַנצע אינטימע לעבן זיינס, אַלע זיינע ליבעס זענען דאָ אין זיינע לידער, נאָר מיט געענדערטע נעמען אאַ״וו. פאַרשטענדלעך, אונטער דעם „ער האָט זיך נישט ליב" מיינט מלך ראַוויטש זיך אַליין בכבודו ובעצמו. פּראָסט און פּשוט. פּונקט אַזוי פּראָסט און פּשוט ווי ער האָט בשעתו, מיט יאָר־צענדלינגער פרי־ער אָנגעשריבן מיט אָפענעם סאַרקאַזם כלפּי זיך גופא

אָנגעשריבן לידעריש, דעם מיִנימום־פּראָגראַם פאַרן דיכטער מלך ראַוויטש:

„דו פרעגסט מיך, מיין פריינד, אויף אַ ציל אין מיין לעבן. / צי איז דען היינט מעגלעך אַ ציל? / כ'האָב אַ שטיקל ווילן נאָך — אמת, מיין פריינד, / נאָר ווייניק איז וואָס איך וויל. / כ'וויל פאַרענדיקן מיינע שטורמישע טעג / און מיין שווערן קאָפּ אוועקלייגן גרינג / ווו עס ליגן די זינגערס פון יִדישן ניו־יאָרק, / אויף דעם בית־עולם פון אַרבעטער־רינג, / ווי ס'רוען די וואָס האָבן געחלומט פּונקט ווי איך, / כאָטש בעסער געשריבן ווי איך, / אַרעמער, שרייב. — ווו דער קלוגער זישאַ ליגט, דער משוגענער דילאָן, ווו עס רוען די ביינער פון ווילדן משה־לייב. / דאָרט וויל איך אויך זיין באַגראָבן אין אַ ווינקל, / דאָס אַלץ וואָס איך וויל: מיין מיִנימום־פּראָגראַם / און עס קומט מיר כשר נאָך אַזוי פיל וואַלגערן זיך / פון לאַנד צו לאַנד און פון ים אויף ים — —".

ער איז דעמאָלט נאָך יונג געווען, ראַוויטש, און ער האָט זיך מיישב געווען: נאָך צייט צו פאַרענדיקן דעם חשבון מיט דער וועלט. און ער'ט געלאָזט הערן זיין „סענטימענטאַלע פילאָסאָפיע":

„איך וויל אַלץ נאָך נישט שטאַרבן, ס'איז אַלץ נאָך צו פרי. נאָך אַזוי פיל זונען צו גריסן געבליבן, נאָך אַזוי פיל גוטס אויף דער וועלט נישט געטאָן..." פון דעמאָלט ביז היינט איז קאַלענדאַריש שוין ווייט דער אָפּגעגאַנגענער וועג, פון דעסטוועגן איז מלך ראַוויטש גייסטיק נאָך יונג און פריש איז זיין שאַפערישע מחשבה, ווי עס עדותט צו מאָל זיינע אַ פאַרצייכענונג פון אַ מעשה וואָס ער האָט דורכגעלעבט ייִדיש, מענטשלעך, ווי איינער פון געזעמל ייִדישע זינגערס וואָס גרייכן מיט זייערע שטאָלצע קעפּ צום ייִדישן אָלימפּ. ווי אַזאַ האָט ער, אין אַ רגע פון שאַפונגגלי, דיכטעריש, קרעפּטיק, אין זיינעם אַ ליד, געחלומט אויף אַ קול:

— „כ'מוז אַראָפּרעדן מיר דעם באַרג פון דעם האַרץ, אין אָט אַ דעם פּראָסטן ליד".

און ס'איז כ'לעבן געווען צו גלייבן אויף ראַוויטשן, אַז ער וועט עס באַווייזן ווי ר'האָט עס באַוויזן אַ לעבן־לאַנג מיט זיין טאַלאַנטפולער גרינגקייט.

1973

„עפן דיך, בלעטער זיך, ווער געלייענט"

צו זכרונות־ביכער זענען מיר שוין געוווינט, אלאַ נישט אַלע רופן אַרויס דעם לייענערישן אינטערעס. אָבער אויך ייִדישע שרייבערס ווענדן זייער פּנים צום אייגענעם עבר און רעקאָנסטרויִרן אים — צו מאָל אַפילו קינסטלעריש — ווי אַ קנין פאַר די קומענדיקע דורות. ווי זשע אַנדערש

פאַרשטיין דעם זין פון זכרונות, אויב נישט דער באַוווסטזיין אַז „אַזאַ מאַטעריאַל" איז וויכטיק, וועט זיין באַלערנדיק פאַר די קומענדיקע גענעראַציעס פון דער אייגענער גזע און נישט ווינציק ניצלעך אויך פאַרן ‚קומענדיקן היסטאָריקער'. די וואָס האָבן נישט אין זינען די פריצה היסטאָריע, ווילן לפּחות אַז פון זיי זאָלן בלייבן ס׳געדעכעניש אין אַ בוך פאַר אייניקלעך און אוראייניקלעך.

אין דער דאָזיקער שיין שטייען דער רוב זכרונות. צום סוג קינסטלערישע ווערק, באַזירטע אויף זכרונות, געהערן לעוו טאָלסטאָיס „קינדהייט, אונטערגעוואָקסנקייט, רייפע יאָרן", אויך אונדזער מענדעלעס „שלמה ר׳ חיימס", שלום עליכמס „פונעם יאַריד" און ענלעכע. דער ריח פון אויפגעלעבטער אַמאָליקער אַטמאָספער, גייט ווידער אויף פונעם בוך וואָס איז געהאַלטן אין נוסח פון געווען. עס הייסט: געווען באַלערנדיק און שיין, צו מאָל מוסטערדיק, אונדזער צייט אין הויז פון טאַטע־מאַמען, ביי דער זייט פון באָבע־זיידע. אַזוינס וועט געוויס זיך מער נישט צוריק־קערן. אַזאַ סביבה, אַזעלכע טיפן און געשעענישן חזרן זיך נישט איבער. ס׳איז כדאי צו פאַרגעדענקען, צו נעמען דערפון אַ לערנונג.

געשריבן צילגעווענדט גייען דער רוב זכרונות־ביכער אין פאַר מיט די כראָניקעס וואָס ווערן אויף אַזאַ אָדער אַנדערן אופן אַריינגעבויט אין דער געשיכטע פון דער באַטרעפענדיקער תקופה. דער היסטאָריקער שיילט אויס פון זיי דעם קערן און די נאָכקומענדיקע דורות קענען אַזוי אַרום געפינען אַן אָנשפּאַר פאַר זייערע אידעאַלן און בענקשאַפטן.

*

מלך ראַוויטשעס „דאָס מעשה־בוך פון מיין לעבן" איז אויטאָביאָ־גראַפיש. אין זיינע אינהאַלטלעכע גרונטן קרייצן זיך דורך סיי די שטימונגען פון אַ מענטש וואָס שטייט אין שקיעה־שיין פון די אייגענע יאָרן און סיי דער רצון זיך צוצונייגן רעטראָספּעקטיוו צו די רעטענישפולע קוואַלן פון מענטשלעכן קיום אויף גאָטס ערד. אַ פילאָסאָפישער גריבלער לפי זיין נאַטור, איז אַזאַ סך־הכל־בוך דער באַדן פאַר ראַוויטשן דעם גייסטמענטש. גורל — ברומט עס אַרויס פון דעם רוב עקסקורסיעס איבער גע־שעענישן פון זיין אַמאָל — איז דעם מענטשנס טאָפּל־געשטאַלט, דער תמידער אומגעזעענער מיטגייער. גורל איז דער בוים וואָס איטלעכן מענטש איז באַשערט צו גיין אין זיין שאָטן און ער מוז נאָך געניסן פון זיינע פּירות, ווי ביטער זיי זאָלן נישט זיין.

און אָט איז די באַגרינדונג דערפון פאַרן חקרן מלך ראַוויטש:

„אַלץ פליסט און פאַרגייט — קען זיין אַן אַ ציל, אפשר צו אַן אומבאַקאַנטן געטלעכן ציל. טאָמער װעט אַ מאָל עמעץ פרעגן: װי אַזוי האָט אויסגעזען דאָס אייביקע פליסן, דער גאַנג און פאַרגאַנג פון דורות? איז נאָר און איינציק מיט דער הילף פון אותיות און פאַפּיר קען אים אַ מאָל געגעבן װערן אַן ענטפער. װייל פאַפּיר איז נישט נאָר געדולדיק, נאָר אַפילו אייביק — — גיי דיר געזונט, דו מעשה־בוך פון מיין לעבן, מיין איצטיקן גילגול. גיי אַװעק פון מיר און בלייב — אַליין שטאָט מיין לעבן און מיין לייב. עפן דיך, בלעטער דיך, װער געלייענט, װער איבערגעלעבט".

עס זענען די רייד פון דעם „אמר המחבר", פונעם אַריינפיר צום ערשטן באַנד „מעשה־בוך פון מיין לעבן". אַ תיקון דעם אומרו פון דער אייגענער נשמה װייל דער מחבר געבן אויף די בלעטער פון דעם ספר װאָס איז איינציק אַליין מסוגל װידערצוקערן אים (און אויך זיינע לייענערס) דעם טעם, דעם זין פון די שיינקייטן װי אויך די לערנונג פון די איבער־לעבענישן װאָס זענען אים באַשערט געװאָרן. און מ׳דאַרף באַלד אין אָנהייב זאָגן אַז אַ דאַנק זיין פּאָעטישן געמיט און זיין טראַכטנדיקער פעדער איז מלך ראַװיטשן געלונגען אונדז איבערצוענטפערן די שטימונגען און די בילדער װאָס האָבן אים באַלעבט פון דער סאַמע פריִער קינדהייט ביז זיין טיפער עלטער.

*

דער מחבר פונעם „מעשה־בוך פון מיין לעבן" איז קודם כל אַ דיכטער, דורכויס דיכטער. דאָס געמעל, די שטימונג איז אַריינגעפּליישט אין דער אידעע װאָס פירט זיין פעדער, די מאַטעריע איבער װעלכער עס איז אָנגעבויגן זיין געדאַנק, זיין אויג. אַזוי איז די אויטאָביאָגראַפיע װאָס ראַװיטש האָט פונאַנדערגעעפנט װי אַ ציקל מעשיות פון זיין אייגענעם בראשית אויף גאָטס ערד. מיר שטרייכן אונטער: פונאַנדערגעעפנט, און נישט אויפגעמישט. דער גייסט פונעם דיכטער דאָמינירט איבער דעם גאַנצן היקף פון בילדער און געשיכטעס װאָס זענען צעשאָטן איבער דעם בוך. און הגם דיכטונג (אויך לעבן איז טייל מאָל בבחינת דיכטונג), איז דאָס מעשה־בוך געהעריק אויספּלאַנירט אין עפּיזאָדן און מעשיות און יעדע מעשה פאַר זיך איז אַ גאַנצקייט װאָס לייענט זיך מיט נייגיר און אינטערעס.

מלך ראַװיטש װייסט דעם סוד דערפון, אַז אַ מעשה דאַרף האָבן אַ ראַזשינקע, אויב דאָס איז נישט אין אַן אידעע אָדער אַ מוסר־השכל, איז

עס לפּחות אין דער מעשה־שהיה וואָס עס איז כּדאַי מ׳זאָל זיך באַקענען מיט איר תּוך. אויב ראַוויטש איז מיט זיינע מעשיות נישט מכוון קיין שום „מאָראַל״, זענען די פּרקים פון בוך דאָך באַלערנדיק ווי געשעעניש און ס׳איז שווער פון זיי זיך אָפּצורייסן. ווייל סיי די סביבה וועלכע ער שילדערט, איז אַ זעלטענע, סיי די גאַלעריע מענטשן וועלכע ער פירט אַרויס, איז אַזאַ וואָס חזרט זיך נישט איבער אין אַ סך ביכער. די הויפּט־מעלה איז אָבער אין דעם אופן פון עקספּאָנירן די מעשיות, דאָס באַזאַכטע, מאָלערישע און באַלערנדיקע דערציילן. מיר האָבן אין זינען דעם נוסח מלך ראַוויטש, די לויטערקייט פון זיין עטישער פּערזענלעכקייט, אויך די ווייכקייט פונעם לשון און דער אויסקלאַנג פון יעדער סוף־מעשה.

✶

בעתן ערשטן אַריינבליק קען זיך אויסווייזן אַז ס׳איז גאָרנישט קיין באַזונדערקייט מיטן אינהאַלט וואָס הייבט זיך אָן וויקלען אין דעם מעשה־בוך. אָט אַ קורצער חשבון פון די וואָס האָבן געהערט צום היימישן קרייז פון די דורות וואָס האָבן אַרויסגעגעבן אונדזער מחבר — פּשוטע משפּחה־כראָניק. און אָט „אַ מעשה מיט אַ קינד וואָס איז געבוירן געוואָרן מיט געזאַנג״. ווידער אַ פאַדעם פון משפּחה־כראָניק. דאָס מאָל וועגן דעם ווי אַזוי „מיין טייער מאַמעלע איז קיין מאָל נישט מיד געווען מיר נאָך אַ מאָל און נאָך אַ מאָל צו דערציילן די מעשה ווי אַזוי איך בין געבוירן געוואָרן מיט געזאַנג״. וואָס פאַר אַ געזאַנג, מיינט איר, איז עס געווען? נישט דאָס ניי־געבוירענע איז געפאַלן אויף דער וועלט מיט געזאַנג, נייערט מיט אַ געשריי, נאָר די געווינערין איז אַזוי געגאַנגען צו קינד און אירע געבורטסווייען זענען געווען אוי־אוי־אוי־אוי״... דער טאַטע איז אויך געווען אין אַ גוטער שטימונג און ער האָט אויך גענומען מיטזינגען. און די באָבע שיינדל האָט אויך גענומען אונטערברומען: אוי־אוי — איז אַזוי די גאַנצע שטוב מיט מענטשן געגאַנגען שוועל־איין, שוועל־אויס און געזונגען — און פּלוצלינג האָט די מאַמע אַ שטאַרקן זונג געטאָן — אוי־אוי־אוי־אוי!״. דאָס איז געווען „דאָס ליד״ וואָס אונטער זיין הויך איז געפאַלן אויף דער וועלט דער ייִדישער דיכטער — מלך ראַוויטש.

אָבער אַ ליד פון אַ ניי־געבוירן ייִדיש לעבן איז נישט שכיח אָן בלוט און וויי. דערציילט טאַקע דער בעל מעשה־בוך ווי סכּנותדיק עס איז געווען זיין ייִדישונג, „ווי שיין און צעזונגען עס איז געווען די מעשה פון מיין געבוירן ווערן — פון מיין ווערן אויס מלאך אין הימל, ווערן מענטש אויף דער ערד — אַזוי אומעטיק און פּאַרווייַנט און פאַרבלוטיקט

איז די מעשה... פון מיין זוערן אויס סתם מענטש און ווערן ייִד־מענטש".

דאָ קומען די רייד וועגן מלך שמש וואָס איז געווען אויך דער בעסטער מוהל פון שטעטל. „ווי ביי יעדן מוהל, זענען אויך ביי מלך שמש עטלעכע קליינע ייִדעלעך נישט אַרויס אין גאַנצן לעבעדיק פון אונטער זיין מוהל־מעסער. און אויך מיט מיר איז שיער, שיער דאָס זעלביקע געשען... און אַז ער האָט געזאָגט — פון צווישן זיין פילפאַרביקער באָרד און זיינע וואָנצעס, מיט זיין שיינער שטימע: ואמר לך בדמיך חיי, האָט ער חלילה אין די ווערטער פון יחזקאל דעם נביא נישט אַריינגעלייגט קיין אַנדערן טייטש; ער האָט געמיינט: חיי — אָבער אַנדערע כוחות האָבן אַנדערש געוואָלט — איז וואָסזשע האָט ער שוין דאָ צו טאָן? — איז ער אַנטלאָפן אין שיל אַריין און אפשר דאָרט אויך געזאָגט אַ קאַפּיטל תהילים, און עפּעס האָט ווייזט אויס געהאָלפן אויך דער תהילים פון דעם מזומן דאָקטוירים — וואָרעם איך בין געבליבן לעבן".

אַזוי וויקלט זיך אויך פונאַנדער די מעשה פון ראַוויטשעס פריִער קינדהייט, זיין מערכה צווישן קליינוואַרג וואָס האָט אים מחמת זיין בלאַסקייט און קרענקלעכקייט גערופן: גרינע זשאַבע, ווייסע נאָז, שוואַרץ אויג... אַלץ „פּסעוודאָנימען" וואָס זענען דעם שפּעטערדיקן דיכטער נאָכגעגאַנגען אין די פריִע יאָרן, הגם מלך ראַוויטש איז אויך נישט זיין אייגנטלעכער נאָמען. דער ריכטיקער נאָמען זיינער איז זכריה חנה („נישט חנינה, נישט חננאל, נישט חנן, נישט חנא — און נאָר חנה מיט אַ „ה" ביים סוף", אַקצענטירט דער מחבר) בערגנער. זכריה איז דער נאָמען פון אַן עלטער־פעטער פון טאַטנס צד און חנה איז געווען אויך דעם טאַטנס אַן עלטער־פעטער, וועלכער איז „געשטאָרבן אַט נאָר וואָס פאַר מיין געבוירן" — דערציילט דער מחבר און גיט צו: אַזוי „לייגט זיך אויס מיין פאַדשעווקע־נאָמען", און תוך כדי דיבור ברענגט ראַוויטש די פּסיכאָלאָגיע פון געבן נעמען ביי ייִדן אין פוילן, מיט אַ 70—80 יאָרן צוריק. אין יענע צייטן, זאָגט ער, האָט מען די נעמען שטאַרק באַלאַנסירט — חצי שלי וחצי שלך — איין נאָמען פון דער מאַמעס צד און אַ צווייטער נאָמען פון טאַטנס צד. און ער מעדיטירט אויף דער אַ פלאַך; „אַז איך בין געבוירן געוואָרן אין 1893 פלעגן נאָך מענטשן נישט אַזוי אָפט שטאַרבן ווי זיי שטאַרבן אַציִנד. יעדנפאַלס אַזאַ אילוזיע האָב איך היינט, כאָטש איך ווייס אַז דאָס איז אַ נאָנסענס, און די ייִדישע משפחות זענען נאָך נישט געווען אַזוי צעשליידערט און צעוואָרפן איבער דער וועלט און אויך עפּעס נישט אַזוי צאָלרייך, איז אַלע מאָל געווען אַ פּראָבלעם מיט געבן אַ נאָמען".

זוילט איר איז עס סאָציאָלאָגיש באַנומען, אָבער מלך ראַוויטש האָט פּאַר אַ קאַנווע די מעשה פון זיין קינדהייט און די משפּחה־סביבה וואָס האָט פול געמאַכט זיין קינדעריש וועלטל. נו, אַ גאַנץ באַזונדערן אוניווערס. בכלל איז ראַוויטש אַ וואָרעמער אָבסערוואַטאָר און אַ גריבלערישע נאַטור, קומט במילא אַרויס יעדע געשיכטע פון מעשה־בוך אַ קאַלירפולע שטודיע אין מענטשן־פּסיכאָלאָגיע און אין גורל־פּלאָנטערנישן.

אין זייער קינדערשטוב זענען געווען דינסטן, אַמען, ייִדישע, רוטענישע דאָרפישע, שטאָטישע. האָבן אַ סך פון זיי איבערגעלאָזן בולטע אָפּדרוקן, אויב מ׳מעג אַזוי זאָגן, אויפן געדעכעניש פון דעם שפּעטערדיקן מלך ראַוויטש. למשל, איינע פון זיי, אַן אַם, האָט דאָס קינד זכריה־חנה, סתם אַזוי אָנגערופן מיטן נאָמען זיגמונט. אַזוי איז עס געפעלן איר דאָרפישן שכל און אַזוי איז ער שוין געבליבן ביי נאָך אַ נאָמען, זיגמונט, וואָס אַ טייל היימישע האָבן פאַרצויגן אויף זוזיו אָדער זוזיאַ. נעמען זענען, אמת, נישט קיין עיקר־זאַכן, אָבער זיי שטעמפּלען זיך אָפּ אין דער פּסיכיק פון אַ מענטש; דערציילט ראַוויטש אַז די אַלע נעמען און צערטל־נעמען וואָס ער האָט מיטגענומען פון זיין עלטערן־הויז, גייען אים נאָך אַלע זיינע יאָרן. נאָך היינט, ווען ער זיצט אַ מאָל ביינאַכט פאַרטיפט איבער זיינע כתבים, שרייבט ער אָפט מאָל אַרויס אַלע זיינע נעמען: זכריה, חנה, זוזיאַ־זיגמונט, מלך ראַוויטש. צו זעכצן יאָר, ווען ער האָט אָפּגעדרוקט זיין ערשט ליד, האָט ער זיך געגעבן דעם פּסעוודאָנים מלך ראַוויטש. אַ נאָמען אָדער אַ צונעמעניש, עווענטועל אַ פּסעוודאָנים קען זיין אַ צופאַל, אַ קאַפּריז אָדער אַ סיבה פון אַ געוויסן פאַרוואָס. אין ראַוויטשעס לעבנסבוך מיינען די נעמען פון אַלע פּערסאָנאַזשן אייגנאַרטיקע געשיכטעס פון מענטשלעכע גורלות. ער דערציילט פון זיי מיט האַרציקער איבערגענומענקייט פון דער צייט ווען ער איז געווען אַ פּיצל קינד אין טאַטע־מאַמעס הויז און אַ ייִנגל וואָס איז געווען להוט אויף טשקאַ־וועקייטן און נייסן.

צו די הויפּט־געשטאַלטן, ביי דער זייט פון טאַטע־מאַמען און זיין ברודער מאַניע (משה) וואָס איז צו 28 יאָר באַגאַנגען זעלבסטמאָרד, געהערן זיין זיידע פון דער מוטערס צד, יאָסעלע ראָזענבלאַט; דער אַ מענטש האָט זיך טיף איינגעקריצט אין זכרון פונעם מחבר צו גלייך מיט פעטערס און מומעס און אַ פּוילישע לערערקע פון דער פאָלקסשול אין רעדים. ס׳איז אָבער נישט שייך צו רעדן נאָר וועגן מענטשן און געשעענישן וואָס וויקלען זיך איבערן עקראַן פון ראַוויטשעס מעשה־בוך,

בעת בעלי־חי טרעטן דאָ אויך אויף ווי עקספּאָנענטן פון דעם כוללדיקן בילד וואָס טראָגט דעם נאָמען לעבן, דערצו נאָך לעבן פון אַ קינד, וואָרן אָקערשט רעדט זיך דער עיקרשט וועגן ראַוויטשעס פּריער קינדהייט. נו, זיין גאָרע קינדערשע וועלט. טאַדזשקאָ און אַוואַלדי, צוויי הינט פון דעם רעדימנער בערגנער־הויז זענען אַ פּראַקטיקער פּסיכאָלאָגישער אַקוואַרעל וואָס איז אינטעגראַל אַריין אין סאַמע מיטן פון זויאָס סימפּאַטישן קינדערוועלטל. אַ הערלעכע צייכענונג פון קינדערשרעק באַגלייט פון מוטער־צער איז די דערציילונג „אַנדעק דזשבאַנעק", אַ פּיצל יינגעלע וואָס איז צעטראָטן געוואָרן פון פערדישע קלאָען, ווען דאָס קינד האָט זיך געשפּילט מיט אַ הילצערן פערדל בעת זיין גויישע דינסט האָט גראָד זיך געהאַט נקבהש פאַרשפּילט מיט אַ זעלנער. הגם ס'איז אַ דראַמאַטישע טעמע, איז זי פון דעם שרייבער אַרויסגעבראַכט ווי אַ סובטילע קינסטלערישע קוילן־צייכענונג אויפן פאָן פון אַ שלעכט־פאַרבאָרגענעם סעקסועלן דראַנג ביי צוויי יונגע מענטשן. אַ דראַמע פון זעלביקן מין — אויפן גרונט פון שטעטלשער פאַרצייטישקייט און קינדערשער דערשראָקנקייט איז די מעשה „אַ געשריי און אַ פּלעמל אַרום אַ ברונעם". ווידער אַ מאָל אַ דינסט, אַ פאַרפּירטע פון אַן עמעץ, מחמת וואָס זי האָט זיך אין מיטן נאַכט אַריינגעוואָרפן אין ברונעם אָדער מ'האָט זי אַהין צו בכוונה אַריינגעוואָרפן און דער אויסטערלישער חיים מאַדיאַר, דער אויסגעדינטער הוזאַר, שלעפּט זי אַרויס אַ טויטע אין מיטן דער פינצטערער ווינטערדיקער נאַכט. אַוודאי ס'איז אַ מעשה שהיה, אָבער ווי אַזוי ווערט זי אונדז דערלאַנגט?! מיט די סאָלידסטע קינסטלערישע מיטלען. עס באַקומט זיך פון איר די אַטמאָספער פון עכטקייט און פון פאַרצייטישע ברונעמס וואָס האָבן באַצירט און אויך געשראָקן דעם שטעטלשן מאַרקפּלאַץ. ס'איז כדאי זיך צו באַקענען לפּחות מיטן אַריינפיר צו אַזאַ שילדערונג פון דער אַטמאָספער:

„דריי קליינע פירעקעכדיקע בנינים, די מאָס פון גרויסע סוכות, אָבער געבויטע פון שווערע הילצערנע בעלקעס, זענען געשטאַנען אין אונדזער רינגפּלאַץ אין מיין גאַליצישן שטעטל רעדים. אין יעדן ווינקל פון רינגפּלאַץ — איינער. די בנינים האָבן נישט געהאַט קיין ווענט, האָבן אויסגעזען אַ ביסל ווי אַלטאַנעס, אָבער שווערע, מאַסיווע, אַלע מאָל פאַרחושכטע און מיט זייער שווערע דעכער, געדעקט מיט שינדלען. אונטער אָט די דעכער האָבן געגעסטיקט קראָען און וואָראָנעס און טויבן און שפּערלען, און זומערצייט שוואַלבן, און גרויסע, געפּערלעכע שפּינען.

און אונטער איינעם פון די דעכער האָט זיך אַפּילו זאַנאַדיעט אַ סאָווע — כאָטש סאָוועס האָבן בעיקר ליב קלויסטער־טורעמס. אין די געוועלבן פון די דעכער פון די דריי בנינים האָט געהויערט אייביקע פינצטערניש און פייכטקייט און עס האָט אויך געגעסטיקט אַלע אומקערפּערלעכע שרעקנס פון מיין קינדערישער וועלט. אויך שדים האָבן נאַטירלעך דאָרט געוווינט, און מען האָט זיי נישט איין מאָל געזען אין דער נאַכט״...

שילדערונג און מעשה זענען באַלאַנסירט אין יעדן פון די קאַפּיטלען אין מעשה־בוך וואָס איז אַ גרויסע מאָזאַיִק פון מענטשן־קענטעניש, פּסיכאָלאָגיע און בעלעטריסטישע קונסט פון אַ פּאָעט, וועלכער איז ווי אַ ייִד דורכגעדרונגען פון די קאָנפוזיעס וואָס האָבן געטראָפן זיין פאָלק און זיינע נאָענסטע משפחה־מענטשן. ריכטיק, ראַוויטשעס מעשה־בוך איז ווי אַ מאָזאַיִק פון פאַרשיידענע כאַראַקטערן, געצייכנטע אויפן הינטער־גרונט פון אַ שטעטלשער בעל־הביתישער סביבה ווו דער גביר און משכיל האָבן פאַרנומען דעם אויבן־אָן. אין ראַוויטשעס אויבן־אָן טיילן זיך אויס מיט כאַראַקטער־באַזונדערקייט אַ סך, כאָטש נישט אַלע זענען געווען באַשאַנקען מיט מאַטעריעלער עשירות ווי עס איז געווען זיין סענטימענטיוואָר כאָטש פּשוטער, קאַרגער זיידע יאָסעלע ראָזענבלאַט. אַן אויסנעמלעך־פּאָל־קיש־טראַגישע אינטעליגענטע נשמה איז געווען דאָס שטוב־מיידל חנה פון ראַוויטשעס עלטערן־הויז. חנהס אָנזען אין שטוב, איר אָרנטלעכע האָרעוואַניע און איר שטילע ליבע צום שכנס זון ווי אויך איר צוגעבונדנ־קייט צום היינעשן ליד, זענען אייגנשאַפטן וואָס טיילן זיך שטאַרק אויס מיט דער רעליעפקייט וואָס הויערט ווי טוי־טראָפּנס אויף די בלעטער פון דעם מעשה־בוך. אָבער דער זיידע יאָסל, די מומע לייטשע, די דינסט הנה, דאָס שוועסטערקינד מאַטע, דער פּויער וואָס איז געווען דעם זיידע יאָסלס אַ בעל־חוב, זענען נאָר איינצלנע פון די געשטאַלטן וואָס פאַרבילדלעכן די סאַגע, וועלכע ראַוויטש האָט איינגעשפּיכלערט שוין אין ערשטן באַנד פון זיין לעבנסבוך, וואָס איז אָפּגעגעבן זיין קינדהייט און פריִע יוגנט.

*

כדאי מוסיף צו זיין אַז דער צווייטער באַנד פונעם מעשה־בוך באַשרייבט ראַוויטשעס יוגנט, די נאָענטע משפחה־סביבה, די קולטור־השפּעה וואָס באַקומען אין דער היים, אין דער שול צו גלייך מיט אָנשפּראָץ פון איידעלן רייץ פאַר דער ייִדישער ליטעראַטור אַ דאַנק אַזעלכע אויס־נעמלעכע דיכטער־פּערזענלעכקייטן ווי י. מ. אימבער און ענלעכע ; דערנאָך

קומט די ווירקונג פון ווין ווו געלעבט און באַקומען פּרצעס שבחים פאַר זיינע עשטע לידער. ביידע ערשטע בענד זענען אַרויס אין בוענאָס־איירעס, אין פאַרלאַג „דאָס פּוילישע ייִדנטום” (1962, 1964) און דער דריטער באַנד איז אַרויס אין תל־אביב, 1975 און איז אָפּגעגעבן דעם אויפּיויר פון דער מאָדערנער ייִדישער ליטעראַטור אין וואַרשעווער צענטער.

*

געוויס, פאַרן לייענער איז דאָס ווערק אַ זיס־נאַגנדיקע, ערנסטע איבערלעבונג, ווייל געשריבן אין ריטעם פון יענער לעבנס־חכמה וואָס איז תמיד יונג, כאָטש זי רעדט שוין אין דער אַנגעקליידטקייט פון באַ־שיימפּערלעכער זיקנה־גראַ. אַן אַנדערע מעלה פון דעם מעשה־בוך איז זיין פּאַעטישער שימער. דערצו קומען ווי אַ באַצירונג די קינסטלערישע אילוסטראַציעס פון אַדרי בערגנער, דער שנור פון מלך ראַוויטש.

חיים גראַדע

גאָר יונג איז חיים גראַדע געקומען צו אונדז ווי אַ פּאָעט מיט אַ בולט אויסגעשאַרפטן אייגענעם קול, וואָס האָט באַלד אָפּגעגעבן מיטן ריח און טעם פון דער געדיכטער ייִדנשאַפט אין דעם דורותדיקן, טראַדי־ציאָנעל־פאַרפרומטן צענטער פון דער ליטע; און געקומען מיט דער ספּעציפיק פון איר גייסטיקן זאַפט און קראַפט; איצטער, אין זיינע זעכציקער, שטייט ער שוין, דער זעלביקער חיים גראַדע, פאַר אונדז אַ פּרוכטיק באַלאָדענער גרויסער ייִדישער דיכטער מיט נאַציאָנאַלער ציל־געוואוּנדטקייט אין זיין לירישן, ווי פּאָעמאַטישן געזאַנג, אָבער איינציייטיק אויך ווי אַ יאָדערדיקער, אָריגינעלער נאָוועליסט פון באַטייטיקן דערגרייך; אין דעם אַ פאַרמעג ציילן זיך אַ צאָל ברייט־פאַרמאָסטענע געמעלן אין זיין פּסיכאָלאָגיש־פאַרטיפטער קינסטלערישער עפּיק, וועלכע פאַרשמעקט דורכויס מיטן פּאָעטיש־מייסטערישן פאַרנעם פון... נוסח גראַדע.

פון מאָל צו מאָל טויכט אויף דער קינסטלער פון זיין שאַפערישער לאַבאָראַטאָריע מיט אַ ניי ווערק סיי אין ליריש־אָרקעסטרירטן זשאַנער פון ברייט־אָטעמדיקער פּאָעטיק און סיי אין אינטעלעקטועל־גענערטער, פּלאַסטיש־פאַרכאַפּנדיקער לאַנדשאַפטלעכקייט פון זיין נאָוועלע און ראָמאַן, וועלכע ער באַצייכנט עניוותדיק ווי — דערציילונג. נו, אויף די אַלע פלאַכן ווערט וואָס אַ מאָל מער רעליעף די אייגנאַרטיקייט פון דעם מייסטער גראַדע און די אַטראַקטיווקייט פון זיין שעפערישן אימאַזש.

א

מיט פעסטע טריט איז חיים גראַדע אַריין אין דער ייִדישער ליטעראַטור מיט דעם טאַלאַנט וואָס איז אייגנטימלעך פאַר דעם אַ ראַסאָוון זון פון ירושלים־דליטע, וועלכע איז געווען מלא וגדוש (ווײ, ווײ, אונדזער ווײ־טיקלעכער געווען!) מיט ייִדישער גייסטיקייט, מיט תורה און געהויבענער וועלטלעכקייט. שוין מיט זיין ערשטיקן באַווייזן זיך אויף דער בימה פון דער ייִדישער פּאָעזיע, האָט ער אויסגערופן זיין יאָ. יאָ, איך בין צווישן מיין פאָלק, און כ׳וועל בלייבן אויך מיט מיין יחידישער אייגנקייט. דאָס לעבן און זיינע פּלאָנטערבישן איז גורלדיק אָנגעהאָנגען ווי אַ משא אויפן האַלדז פונעם בן־אדם און ווי אַזאַ מוז ער עס דורכטראָגן איבער די שיפּועים פון די יאָרן, כאָטש זיי טריפן ווי וווּנדן. אַזאַ האָט חיים גראַדע

זיך אַנטפּלעקט שוין אין זיין אַנהייבוועג און אַזעלכער פאַרבליבן אין זיין שאַפערישן לעבנסבאַנעם אין די רייפערע פּאַזעס פון זיין ליטעראַרישער מי. בלי גוזמא, אויף דער דאָזיקער השקפה פונעם פּאָעט האָט מכריע געווען דאָס בינטל נסיונות וואָס אים איז באַשערט געוואָרן פון די יינגסטע יאָרן אָן. ער איז טאַקע מרמז דערויף אין זיין באַגין:

איך טראָג אום מיין שעפּסענעם לעבן אין וועלפישע ציין,
איך לעב ווי אַ שעפּס און האָב פיינט ווי אַ וואָלף זיך אַליין.
עס גייען אָוועק מיינע וואָכן ווי האַלצהעקערס מיד
און לאָזן די העק אין מיין קראַנקן געמיט.
(בוך „יאָ״, קלעצקין־אויסגאַבע, ז׳ 21).

אָט דער פענדזלשטריך איז אַ שאַרף ליכט וואָס דער דיכטער האָט יונגערהייט געוואָרפן אויפן פּנים פון דער וועלט, וועלכע איז אים אַנטקעגנגעקומען. און דאָס זאָגט עדות אויף זיין באַזונדערקייט אין פּרט פון צייכענען און מאָלן די דאָזיקע וועלט, וואָס האָט זיך באַוויזן פאַר אים מיט אַ פאַרריסענער צורה, הגם זי האָט אויך נישט געקענט פאַרהוילן פון אים די שיינקייטן פון דער נאַטור. ממילא האָט פון גראַדעס דיכטערישן פאַטשעראַק — מיט יאָרן שפּעטער — אַזוי גענומען ריידן אויך זיין טיף אָריגינעלע פּראָזע. און מערקווירדיק; גראַדע שטעלט אונטער זיין קינסטלערישן פּראָזשעקטאָר סיי די פרומע יידישקייט סיי די וועלטלעכקייט, אין וועלכע יידן האָבן זיך אויך אַריינגעטאָן, אַפילו זיך אַרויסגעהויבן אין איר מיט דער לײַדנשאַפט צו הייבן אַלץ וואָס איז וואָרצלדיק געטריי דעם יידישן מהות. אין דעם זין איז די חומרדיקע אָרעמקייט פון יידישע מאַסן צו מאָל געוואָרן בטל ומבוטל פּנים־אל־פּנים מיט דער שאַצונג פאַר יעדן גייסטיקן אויפטו וואָס סיי אָרעם, סיי רייך האָבן געזוכט צו פאַרפאַנצערן אַרום זיך. געוויס איז דער דאָזיקער חותם געווען לייבלעך אייגן דער ווילנע, וועלכע האָט אין די תפוצות־ישראל געשמט ווי די פעסטונג פון יידיש־פּרוכטיקן גייסט, ממש ווי אַ מאָדערנע יבנה פון די גלותן וואָס רייסן שטיקער פון יידנס לייב און לעבן. מיט תורה און ברייט־אַרומנעמענדיקן באַטייט איז מען כידוע אַנגעגאַנגען אין ווילנע פון פאַרן חורבן־אייראָפּע ווי מיט אַ קונסט בנוסח דורותדיקער יידישקייט. די שטאָט פון קלויזן, בתי־מדרשים, ישיבות, אויך יידישע גימנאַזיעס, יידישער לערער־סעמינאַר, פונעם ייוואָ, פון אייפעריקע לערנערס, חוקרים, מתמידים און טרוימערס וועגן אַנדערע וועלטן, איז געווען דער סימבאָל פון ליב־פאַרהאָרעוועטער יידישער גייסטיקייט און ווי אַזעלכע ווערט זי עד־היום מיט

ווערדע קעגנגעשטעלט יעטוועדן מאַטעריעלן רכוש. ווי אומאָפּמעקלעכע פּאַרקערפּערערס דערפון, פון דער געוועזענער ווילנע, דערמאָנט מען בנשימה אחת נאָך אין אונדזערע טעג דעם ווילנער גאון, ד״ר צמח שאַבאַדן, משה קולבאַקן, חייקל לונסקין, אויך הירש לעקערטן און הירש גליק, נו, און די דיכטער־גרופּע „יונג־ווילנע״ וואָס האָט אַריינגעשריבן אַ ווונדערלעך בלעטל אין דער געשיכטע פון דער נייער יידישער ליטעראַטור. די נעמען חיים גראַדע, אברהם סוצקעווער, אלחנן וואָגלער, לייזער וואָלף א״אַנד׳ שטראַלן מיט אַ באַזונדער איידל ליכט פון אָט דעם געזעמל. בצניעות שיינט אַרויס פונעם ווערק פון דער אַ שאַפערישער חבריא דאָס אינע־ווייניקדיקע געמעל פון ווילנע, איר נשמהדיקע געשטאַלט, וועגן וועלכער עס האָט אַפריִער אַריינגעלערנט אין די יונג־ווילנאַער זייער באַליבטער עלטערער חבר און וועג־באַלייכטער משה קולבאַק. ער איז עס געוועזן דער, וואָס האָט אויף זיין אופן, קולבאַקיש, עלעגיש אויסגעזונגען די אָדע צו דער אומשטאַרבלעכער יידישער ווילנע וואָס איז ווי אַ פאַרהייליקט בלאַט פון זיין רייסן:

...דו ביסט אַ טונקעלע קמיע איינגעפאַסט אין ליטע,
פאַרשריבן גרוי און אַלט אַרום מיט מאָך און מיט לישייעס;
אַ ספר איז איעדער שטיין, אַ פאַרמעט — יעדע וואַנט,
צעבלעטערט סודותדיק און אויפגעעפנט אין דער נאַכט,
ווען אויף דער אַלטער שיל אַ וואַסערטרעגער אַ געפראַרענער —
דאָס בערדעלע פאַרקאַשערט — שטייט און ציילט די שטערן.
(משה קולבאַק: געקליבענע ווערק, ציקאָ־אויסגאַבע ז׳ 21).

נאַטירלעך, אויך די יינגערע דיכטערס זענען נשמהדיק באַהאַפטן מיט זייער ווילנע און שאַפעריש האָבן זיי אויסגעזונגען די ליבע צו איר. אָט ווי אַ. סוצקעווער דריקט עס אויס שוין אין דער ווייט, דערפאַר דער לירישער זיפץ מחמת דער פאַרדאַרבערישער צעשטערונג פון דער שטאָט, וועלכע הערט נישט אויף צו טריפן אין אים מיט נאָסטאַלגישן ווייי:

ניין, איך דאַרף זיך ניט דערמאָנען, דו אַליין ביסט מיין זכרון,
בין אַ זונזייגער אין מידבר און מיין שאָטן איז דער ווייזער,
ס׳גאַנצע לעבן וועט ער קרייזן אַרום זונזייגער דעם דאָרן,
און באַוויינען דיינע יאָרן און באַוויינען דיינע הייזער.
(אַ. סוצקעווער: פּאָעטישע ווערק, באַנד 2, ז׳ 302)

אַ געזאַנג צו ווילנע, פון ליבשאַפט אָדער אומדעפיניִרטער בענקעניש צו איר ווי צו זייער מאַמע־ערד לאָזן הערן אַלע אירע טאַלאַנטירטע קינדער, אַלץ איינס צי זיי הייסן לייזער וואָלף, אברהם סוצקעווער צי

פרץ מיראַנסקי. אין פאַרשיידענע וואַריאַציעס, אויף כלערליי מאָטיוון זינגען זיי זייער פאַרבונדנקייט מיט דער שטאָט וואָס צו איר גייסטיקן טורעם טראָגן זיי צו אייגענע ציגל און אויך שטיקער האַרץ. דער סובטילער כאַנקע וואָגלער איז אונדז מוסר־סוד אַז „פון פלוימענסאָד און / איך האָב אין איר געזאָנג דערהערט; / מיין ברודער איז דער ווילנער שליאַך, מיין ווייב — די ליטווישע, די הייסע ערד.“ חיים גראַדע האָט זי אַנדערש דערקענט, טיף קענען געלערנט זי אין דער פריזמע פון זיין „קאַמער אַן פענצטער“:

א קאַמער אָן פענצטער. אין רויכן פאַרוואַרגן,
בין איך צוואַנציק יאָר אַפּגעזעסן געבויגן
און האָב אויסגעפּיבערט א וועלט אין פאַרבאָרגן, —
איז וויפל עס זאָלן נישט פלאַטערן טויבן
אין הימל אין בלויען — מיין שטיבל אָן שויבן
באַשטענדיק מיר קוקט אין די אויגן — —

(פון בוך „פליטים“, ז' 75).

טראַגישע יידישע יוגנט, וואָס אויפן שימל פון דער האַרטנעקיקער אָרעמקייט האָבן פון איר אויפגעשפּראָצט אַזעלכע זעלטענע פלאַנצן, וועלכע טראָגן אויס אויף זייערע אָרעמס די שענסטע פון די בלומען — די פּאָעזיע פון אינדערלייטערונג. אָן איבערטרייבן, איז גראַדע די פרוכט פון דעם אין פייער־געלייטערטן נסיון. זיין ליד און זיין דערציילונג עדות'ן צום שטאַרקסטן דערויף. יעדער דיכטער קענטיקט זיך אַרויס מיט זיין אייגענעם פּרצוף־פּנים, אויב ער איז באמת אין יכולת צו זינגען עכט, מיט איבערצייגעוודיקן כוח. חיים גראַדע געהערט צו די דיכטערס פון דער עיר־הבירה ווילנע וואָס זייערע שטימען קלינגען אָפּ מיטן כוח פון האַרציקער לויטערקייט וואָס דערלאָזט נישט קיין מליצהס. אַ קערניקער פּאָעט קאָן ער נישט זיין נישט אָפּנהאַרציק. וואַרפט ער טאַקע אָן דאָ און דאָרט שטריכן פון זיין אַליין־פּאָרטרעט. ממילא וואַקסט אויס דער דאָזיקער פּאָרטרעט מתוך ווילנע, די יידישע ווילנע מיט אַלע אירע גרימאַסן און קאַנוולסיעס וואָס שפּיגלען אָפּ דעם מהות פונעם ציבור אין דעם קלסתר־פּנים פון איעדן יחיד. ווילנע איז דער עיקר־מאָטיוו פון גראַדעס שאַפן. אגב, פון זיין דרך לאָזט ער אונדז וויסן בזה האופן, דער מחבר חיים גראַדע:

„מען האָט מיך געלערנט: זאָלסט האָבן צוויי פּנימער, / אַ וואָלף צווישן וועלף און אַ פּאַסטעך פאַר קעלבער'. / און איך האָב איין פּנים... איך קען נישט מער / ווי אומעטום זיין נאָר דער זעלבער. — — /

מעט האָט מיך געלערנט: ,הייב אָן אויך פון ווינציק, / זיי גרייט זיין אַ קנעכט, ביז דו ווערסט — דער געביטער'. / נאָר איך וואָס איך ווער אין איין אויגנבליק גינציק, / פאַל אָן מיט אַ מאָל ווי אַ ווילדער געוויטער". (דאָרט, ז' 79).

עס איז דער באַשיימפּערלעכער אַני־מאַמין פונעם דיכטער; דער קרעדאָ פון דער פּערזענלעכקייט חיים גראַדע, וועלכע האָט אויף דער גאַנצער טראַיעקטאָריע פון זיין ליטעראַרישן לעבן ביז איצט געשריבן מיינסטנס בלשון איך און אויך אין דער פּערזאָניפיקאַציע פון אַנדערע געשטאַלטן. אָבער שטענדיק שפּירט זיך די אינטענסיוויטעט פון זיין עטישן דענקען און פילן. זענען טאַקע די מערסטע שריפטן זיינע בלעטער פון אַן אינטעלעקטועל־אויסגעוויטיקטן אַני־מאַמין אַ ייִדנס פונעם דור פון קאַטאַסטראָפישן דורכבראָך. ווי אַזאַ לאָזט עס אונדז אַ סך הערן פון גראַדען דעם בעל־נסיון און בעל־יסורים. אַזוי פון זינט זיין ערשטלינג־בוך „יאָ" (ווילנע, 1936) ביז זיינע נייסטע בענד פּראָזע „די קלויז און די גאַס" (ניו־יאָרק, 1974) און „דער שטומער מנין" (ניו־יאָרק, 1976). און רעדט מען פון חיים גראַדען דאַרף מען אויך שטעלן דעם טראָפּ אויפן פאַקטועלן, דעם מעדידאַטיוון רעאַליזם, לאָוו דווקא דורכויס אויפן דמיונות־דיקן, וואָס איז אַ כשרע פאַר דעם קינסטלער פּאָעט און דערציילער. בפירוש אַזוי אַרום באַקומט זיך פון אונטער גראַדעס פּען אַ רייך ניואַנסירט ווערק פון אַ גרויסן ייִדישן פּאָעט און פּראָזע־מייסטער, אַ ווערק וואָס ער האָט אויפגעשטעלט אויפן שטח פון אָט די פיר יאָרצענדלינגער, אַן אינטעלעקטועל־שעפערישער אויפטו פון מאָנומענטאַלן האַפט.

ב

אַ לעגיטימער יורש פון דער רייכער ווילנער ייִדישער גייסטיקייט, האָט חיים גראַדע אין דער מאָדערנער ייִדישער פּאָעזיע ווי אין דער פּראָזע אַריינגעפירט מיט זיך אייגנטימלעכן כוח פון אַ דענקענדיקן קינסטלער דעם אימאַזש פונעם נזירישן למדן און זיין התרוממות. אָבער צו גלייך מיט דעם האָט ער אויך אַרויסגעבראַכט די שאַטנזייטן פון דער אַ מיליע און זיי לויערן פונעם אַרום וואָס יורט און זויערט מיטן נאַקעטן חומר. גשמיות אַנטקעגן געפאַך פון דעם עולם־רוחני. די אַטמאָספער פון לערנען לשמה איז די צענטראַלע בימה, פון וועלכער עס טראָגט זיך דאָס פאַר־טראַכט־אומערנדיק קול פונעם דיכטער דעם בעל־מוח. דערצו איז נישט קיין גוזמא דערין אַז ווילנע און איר אַטמאָספער וואָס האָט ביי ייִדן זיך אויסגעצייטיקט במשך דורות, איז דער מיטלפּונקט פון זיין זעפעלד. אַלץ

וואָס גראַדע האָט צו דערציילן און אונדז צו זאָגן אויף נישט צו פאַרגעסן (און ער זאָגט עס אַזוי אַז ס׳לאָזט זיך נישט פאַרגעסן!) גיט אָפּ מיט אַן אינעווייניקדיקן ניגון, גלייך ער וואָלט געווען דבקותדיק אַריינגעטאָן אין אַ דף פּאָעזיע, אַקוראַט ווי ער איז אין זיינע פריִע יאָרן געווען אָפּגעגעבן אין גאַנצן דער גמרא און דעם עולם המוסר. אַזוי הערט מען אים אַפילו ווען מיר לייענען זיינע דינע, קרעפּטיק־געצייכנטע פּייסאַזשן, וויל עס ווייעט פון זיי אַ ייִדישלעכער תענוג־רוח. ביים פּאָעט ווי ביים פּראָזאַיקער חיים גראַדע באַקומט זיך ווי מיר וואָלטן צו גלייך מיט דער מוזיק פון זיין דיסציפּלינירטן סטראָף אויף פאַרנומען דעם קוואַליקן ריטעם פון זיין געדאַנק, אַלץ איינס צי ער ווערט אינספּירירט פון לויטערע שטימונגען אָדער עס רעדט פון אים דאָס טראַכטנדיקע האַרץ וואָס איז נישט זעלטן צעשטורעמט פון די טועניש וואָס זענען אים נישט ניחא אָדער רופן אַרויס זיין העפּטיקן ווידערווילן. אין דעם אַ אופן איז דער דיכטער אין הייס־אַנגעפּלאָסענע זכרונות זיך מתדבק אין גייסט פון זיין גרויסן רבין, דעם חזון איש אָדער עס גרייפט אַן אויף אים צעטרייסלענדיקער צער, מחמת דעם בלוטיקן פאַרלענד — בעתן חורבן — פון די, וועלכע האָבן אין אים דערוועקט ליבע און האָפענונגען.

אינעם שטראָם פון אויסלאָדן זיין געפילן־משא איז דער דיכטער ליידנשאַפטלעך, אינטים פאַרטאָן אין זיין יחידישער וועלט. אָבער אַלע מאָל קערט ער זיך אום צו דער טריבער וואָר, וועלכער ער מוז בעל כרחו זיך אונטערוואַרפן. דערפון די ניכטערע וואַכיקייט אין זיין לעבעדיקן דענקען און, גלייכצייטיק, די נטיה צו שעפערישער פאַרטראַגנקייט כלפּי דער גלײַענדיקער דראַמע פון די מיטמענטשן ווי פּנים־אל־פּנים מיט אייגענע ספקות.

זיכער איז עס אויך נישט קיין ניי־אַנטפּלעקונג אַז ווען מ׳רעדט וועגן חיים גראַדן, זעט מען אין זיין שאַפונג ווי ביים רוב דיכטערס, דעם פּרווו צו געבן טראַפּנס פון דער אייגענער ביאָגראַפיע. ביי אים דאָמינירט אָבער נאָך אַן אמת וואָס איז שייך זיין שאַפן אין טאָטאַליטעט: דער פולבלוטיקער פּאָעט אין ליד ווי אין פּראָזע איז אינטעלעקטועל אַזוי גבורהדיק אַז ס׳איז נישט שכיח אַז ער זאָל זיך קענען באַגנוגענען בלויז מיט זיין יחידישן לעבן; ער מוז אויסברייטערן די ברעגעס פונעם גייסטיקן טייך וואָס טראָגט אים אויף שטאַרקע שטראָמען. אַסאָציאַטיוו באַפּאַלן אים אויף־אַ־מאָל מערערע בילדער־רעיונות און דמיונות וואָס פאַרקנעטן זיינע אייגענע איבערלעבונגען מיט די נסיונות פון די מענטשן, וועלכע

האָבן באַלעבט זיין אַרום ערשט אַנומלט, אַזוי אויך אָקערשט אַצינד. דאָס סוביעקטיווע איז, פאַרשטענדלעך, דאָס דורכויס גראַדעשע ליכט וואָס עס רעפלעקטירט פון זיין דערציילן פונקט אַזוי ווי דאָס געשעט אין לירישן אויסגוס פון זיין ברויזיקן געמיט. אי דער אופן אי דער סגנון זיינער איז דורכגעדרונגען פון דעם פילאָסאָפישן איינשטעל וואָס האָט זיך אין אים רעכט אויסגעצייטיקט במשך זיין לעבנסטאָג, דהיינו, אַז סוף־סוף איז דעם מענטשנס קיום נאָר אַ פּרוּװשטיין פון דער נויטווענ־דיקייט אָפּצוהיטן פשטות ווי די געזינטסטע תרופה פאַר גייסטיקן גלייכ־וואָג. אָבער די ווירקלעכקייט איז אומדערבאַרעמלעך, זי גרייט להכעיס, סע פאַרטרינקען זי, די וואָר, קעגנזעצלעכע שטראָמען וואָס ציִען צום גרויסן קנויל פון תאוותס: דווקא דאָס חומרדיקע נעמט די אייבערהאַנט איבערן דרעסירטן רצון צו צניעות; עס זידט און שוימט די דראַמע פון ווידער־אַנאַנדן וואָס אין יידישלעכן אויסטייטש האָט זי, די דראַמע, אַ באַזונדערע אויסווירקונג צו גלייך ווי אַן אייגנטימלעכן טעם. חיים גראַדע דער פּאָעט ווי גראַדע דער נאָוועליסט הייבט אַרויס די שאַרפן ווו זיי זאָלן נאָר נישט געדייען. אין דעם קערניקן מאָלער דאָס לירישע בילד און פון דער סאָציאַ־פּסיכאָלאָגישער שילדערונג אין דער דערציילונג פונקט ווי אין דער פּאָעמע, האָבן מיר אַ מוסטערדיקן יידישן עפּיקער פון אייגנאַרטיקן אויסמעסט.

אָודאי רעדן מיר דערעיקרשט וועגן גראַדען פון די רייפערע יאָרן, ווען ער איז אַן עלנטער געשטעלט געוואָרן אויפן פעלד פון דער מאָרמדי־קער פאַרוויסטונג, וואָס דער אשמדאי האָט אָנגעהויפנט אונטער אונדזער צעטראַנטיקטן הימל. אלא דער דאָזיקער זאַפטיקער פּאָעט איז מיט אַזאַ ענלעכער צורה געשטאַנען פאַר אונדז אויך אין זיין יוגנט, ווען מיר האָבן מיט אַנטציקונג דערזען דעם כוח־יצירה שוין אין זיין פּאָעמע „מוסרניקעס" (1939).

יאָ, „מוסרניקעס" איז אַ גרונטיק ווערק פון חיים גראַדע דעם יונגן פּאָעט און אַ רעפלעקטאָר פון גראַדען דעם שוין רייפן שרייבער. „מוסר־ניקעס" ווי אַן ערשטיקער אַמביציעזער אַרויסטריט וואָגט דראַסטיש צו אַנטבלויזן די פאַרצאַפּלטע נשמה וואָס רייסט זיך פון די פּענטעס פון יידישער נזירות ווי אַ פּרוזדור וואָס איז אויסן צו דערפירן דעם בן־אדם צו דער וועלט פון כולה אויסגעטוענקייט פון חומר. בעט זיך בכן אַרייג־צובליקן אין דעם ווערק פון יונגן גראַדע, וועלכער טרעט דאָ אַרויס ווי דער ישיבהניק חיים ווילנער; פון אים קענטיקן זיך אַרויס בולטע

שטריכן פון דעם פּאָעטס פּנימיותדיקן פּאָרטרעט, וועלכער אַנטפּלעקט אַ ברוּיזנדיקן ויתרוצצו וואָס שוימט און בריט אין זיין מהות. אין דער היפּש צערוקטער ראַם פון דער פּאָעמע באַקומט זיך דער איִנעווייניקסטער איבער־בראָך פון חיים ווילנער פּנים־אל־פּנים מיט זיין נשמהדיקן און גופישן הונגער. און די מעלה פון דעם אַ אַמוזאַנטן געמעל באַשטייט אויך דערין, וואָס דער מחבר ווערט דאָ געשטעלט מחמת מאָראַלישן געקוועל אַנטקעגן דעם גאָרן ציבור פון די מוסר־ניקעס. אין שפּאָרעוודיקע פּענדזלגענג, מיט דער קאָליר פון זיין שפּרודלדיקן טאַלאַנט גיט עס איבער דער דיכטער כהאי לשנא:

„ביי דער קלויזטיר שטייט ר׳ אבא, צופּט די באָרד פאַרמוטשט; / אַ גאַנצן זומער זיצט ר׳ אבא אויף אַ בוידעם — אין התבודדות. / אלול קומט ער דעם בית־מדרש אָפּגעבן זיין כוח — — / דער אַסטראָוואָליער רירט אים אָן, ר׳ אבאָ מורמלט ווי פון חלום: / וואָס איז אַ מענטש דער פּשט — — / דער אַסטראָוואָליער איז ניט אויפגעלייגט און ענטפערט אויפן קול אים: / — איר מאַכט היינט פאַר די יינגערע אַ וועד? / מען האָט געפונען אין דעם ווילנערס קעסטל... ר׳ אבאָ שפּיצט די קליינע אויגן אוים — — / אַ בוך / דער אַסטראָוואָליער גייט אַרוים פון קלויז / פאַרלאַנגוויליקט, אַ בייזער און אַ מידער. / ר׳ אַבאָ איז צו לאַנג געזעסן ביחידות, שטייט ער, גלאָצט און גולמט / ביז ער גיט אַ צאַפּל — נעמט זיך דרייען / צווישן שטענדערס, לערנערס און געשרייען — — / ר׳ אַבאָ גלעט אַ בחורל פון קאָוועל: / — וואָס זיצט איר, יוסף, אַז דער אייבערשטער מעג זיך דערבאַרעמען, / צונויפגעדרייט, פאַרמרה־שחורהט ווי אָן אָבל? / לערנט מוסר — ווערט איר זיך דערוואַרעמען. / מיט אַ מאָל דערזעט ער: ס׳שטייט דער ווילנער ביי דער בימה, / דערמאָנט ר׳ אַבאָ זיך אָן בוך אין קעסטל — — / דאָך שמייכלט ער. און חיים ווילנער הערט אַ זיסע שטימע: / — וואָס מאַכט איר, ווילנער? / — און אַזוי, גאָר אָן אַ מיין, / פאַררוקן זיך צוויי פינגער אין זיין וועסטל: / — וואָס איז עס, האַ? אַ קעמעלע / דערצו אַ שפּיגעלע מיט אַ באַגילדטן רעמעלע! / פיין, — פאַרקרימט זיך דער בעל־מוסר און ער גיט צו שטרענג: / — נאָך מעריב מאַכן מיר אַ וועד, / און פאַרשווינדט צעווישן די באַזעצטע בענק. / חיים ווילנער בלייבט פאַרחושט. / ער האָט אין גאַנצן ניט געדענקט / אַז ווען די מאַמע האָט מיט טרערן אים געקושט, / האָט זי אַריינגעלייגט אַ קעמל אין זיין וועסטל־קעשענע. / ער פאַלט צו מיט זיין שטערן צו די בימה־קעפּ די מעשענע — / ערשט איצט האָט ער דערשפּירט ס׳אַר אַ פאַרביסענער / ער איז געוואָרן אין דער קורצער צייט. / עלנט קוקט ער זיך אַרום ווי פון אַ שיפּברוך אַ געליטענער, אַרויסגעוואָרפן אויף אַ ברעג אין וויסטער ווייט. / און ס׳קלעטערן צום הימל אויפן אייגענעם געשריי די זין / פון אוקראַינע, ליטע, פוילן און וואָלין — — / חיים ווילנער אין נאָוואַרעדקער ישיבה, שנת תר״ץ. / ווי אַלע בחורים האָט ער אָן אַרבע־כנפות ביז די קני געטראָגן / און ר׳ אַבאָ מוסרניק — אַ ווילדע בוידעמקאַץ ער האָט אַ זומפּ אין זיך געפונען אויף דער וואָר, / און אויף זיך ווי אָן עכטער מוסרניק געאַרבעט פלייסיק. / ער איז געשלאָפן אויף אַ קלויזבאַנק אין אַ הוט, / פון טאָג (צו טאָג) געוואָרן איינגעהאַל־

טענער און בלאָסער. / ר׳ אַבאַ איז געווען אַ ווילדע בווידעמקאָץ /
און ער — אַן אַרבע־כנפותדיקער פילאָסאָף אין אויסגעדרייטע שיך. /
חיים ווילנער אין נאַוואַרעדקער ישיבה שנת תר״ץ — / דאָס בין איך...
(„מוסרניקעס״, אוניווערסיטעט־אויסגאַבע, ירושלים, 1969, ז״ז 12—15).

דאָס אַ בילד פון דער האַרטער יוגנט, קריטיש באַלויכטן, זעען מיר מער פאַרטיפט, דערגאַנצט אין גראַדעס שפּעטערדיקע ווערק אין ראַפינירטן פערז ווי אין דער קרישטאָל־געשליפענער פּראָזע. אָבער שוין אין דעם פּריִיִקן שמועס פון ישיבהניק מיטן אַפּיקורס צווישן די מוסרניקעס, מיט משה ליבער, וויזט ער זיך, טאָקע ער, חיים ווילנער, אין זיין פולן וועלט־באַנעם. אין נאַוואַרעדאָק רעדט יענער זיך אַראָפּ פאַרן ווילנער כאילו ער וואָלט אים געוויזן זיין האַרץ פון אַ געפאַנגענעם אין גיהנום אויף אַ קייט, אָבער אינעם ווידערווילן פונעם צוהערער חיים רעדט אַרויס קלאָר די שאַרפע סענטענץ פון אַן עטיקער, וואָס איז נישט גרייט אָפּצוטרעטן פון זיינע אייגענע אמתן, וועלכע ער האָט שוין יונגערהייט געהאַט אויסגעשמידט אין זיך.

„איר האָט זיי פיינט ? — פרעגט ער משה ליבערן. — אַנטלויפט ! איר האָט צו לערנען מוסר זיך געצוווּנגען, איצט צווינגט איר זיי צו האַלטן אייך. איר פרעסט, איר זויפט ; איר מיינט, זיי האָפן איר וועט בעסער ווערן ? זיי האַלטן אייך פון עקל, צו דערנידעריקן גאָר. זעט אים, דעם פאַרלייקענער, זיין שטאָלץ קען אים נישט שטערן צו עסן אונדזער ברויט אַזוי פיל יאָרן... אַן קרבנות וואָלט געווען דאָס לעבן שרעקלעך. ער חוזקט אָפּ פון אונדזער זוכעניש און פיין, דאָך קומט ער יעדן טאָג אין קיך — —״ (דאָרט, ז״ז 67—69).

גערANגל מיט זיך, מיט אייגענע שוואַכקייטן און ספקות שוין בעתן צאַרטן פּיזישן וואַקסן אין שאָטן פון דער מאַמען, דער אומבאַהאָלפענער, פרומער פרוי, וועלכע ווערט כסדר געשלאָגן פון ביטערן גורל, איז דער גייסטיק־עטישער חוט־השדרה פון גראַדעס שאַפערישע אימפּולסן. אַזאַ איז דער הויפּטשטריך פון זיין וואָגיקן ווערק סיי אין פּאָעטישן סטראָף, סיי אין דער פאַרנעמיק־יאָדערדיקער פּראָזע און דאָס גלייכן אין זיין פאַרטיפטן ברייטן עסייִסטישן געמעל ווי עס איז למשל זיין „מיין קריג מיט הערש ראַסיינער״. דאָס איז אַגב אַ זעלטן־אָריגינעלע שטודיע איבער די תוכן וואָס באַוועלטיקן די טראַכטערישע מוחות בנוגע דער אויטענטישער ייִדישער גייסטיקייט און רעכטפאַרטיקן ייִדישלעכן קוקפונקט דערויף אין דער אָקערשטיקער צערודערקייט.

ג

ערשט שטייען מיר פֿאַר חיים גראַדען אויך ווי פֿאַרן מחבר פֿון דעם מייסטערישן ציקל „דער מאַמעס שבתים", די נאָוועלן וואָס זענען אַרויס לאור יום אונטערן כוללדיקן טיטל „דער שילהויף", דעם ראָמאַן „די עגונה" ווי אויך די ישיבה־עפּאָפּיי „צמח אַטלאַס" און די דערציילונגען, איינגע־זאַמלטע אין די בענד „די קלויז און די גאַס" און „דער שטומער מנין". דאָס זענען ווערק וואָס קוואַליטאַטיוו פֿאַרשעמען זיי נישט חס ושלום דעם שם־טוב פֿון גראַדען דעם אויסגענומענעם יִידיש־פּאָעט, נאָר אדרבא — זיי באַשיינען נאָך מער זיין אויבנאָן צווישן די בעסטע און שענסטע שעפֿערישע געשטאַלטן אין דער היינטצייטיקער קינסטלערישער יִידישער ליטעראַטור. יאָ, די איכות פֿון זיין שאַפֿונג, אויך די פּאַרטיפֿקייט פֿון זיין געמעל און סיפּור־המעשׂה טיילט אויס גראַדען פֿונעם רוב שרייבערס. אַ ראיה דערויף האָבן מיר צו מאָל וואָס טייל פֿון זיינע ווערק זענען אַרויס אין צוויי אויפֿלאַגעס ווי „דער מאַמעס שבתים" (ניו־יאָרק, 1955 און 1959), ווי אויך אַן אויפֿלאַגע אין דער העברעיִשער איבערזעצונג, אין תל אביב, 1958. דאָס געזאָגטע איז שייך דעם פּראָזע־שאַפֿן פֿון גראַדען. אָבער אויך אין זיין דיכטערישן פֿאַרמעג האָט ער אויך אַזעלכע ווערק, וועלכע האָבן אויסגעהאַלטן צוויי אויפֿלאַגעס וואָס איז אַן איבעריקער באַווייז פֿאַרן טיפֿן אינטערעס וואָס עס האָט די איינגעשרומפּענע יִידיש־לייענער־שאַפֿט פֿאַר די ביכער פֿון דעם אַ איידעלן שרייבער. לדוגמא, זיין ערשט לידערבוך „יאָ", וואָס איז אַרויס אין ווילנע אין 1936, האָט געמאָנט אַ צווייטע אויפֿלאַגע שוין אין יאָר 1937. דאָס גלייכן די פּאָעמע מוסרניקעס (ווילנע 1939) האָט זיך דערוואַרט אַ צווייטע אויפֿלאַגע פֿונעם יִידיש־אָפּטייל ביים ירושלימער אוניווערסיטעט, אין 1969. די אַנדערע פּאָעטישע שאַפֿונגען גראַדעס זענען שוין אַרויס אין דרוק מחוץ זיין באַליבטער געבוירנשטאָט, נייערט ווייט פֿון איר, ווייל שוין נאָכן חורבן וואָס האָט אָפּגעמעקט די לעבעדיקסטע אייראָפּעיִשע יִדן־צענטערס. אַזוי איז אין נייעם פּעריאָד זיין ערשטער לידערבוך „דורות" אַרויס אין ניו־יאָרק, אין 1945, ווען דער דיכטער איז נאָך געווען אַ פּליט, ווייט פֿון זיין חרובער היימשטאָט; דער לידערבאַנד „פּאַרוואָקסענע וועגן" האָט זיך באַוויזן אין פּאַריז, אין 1947; דעם זעלבן יאָר איז אַרויס אַ צווייטער לידערבוך גראַדעס „פּליטים", אין בוענאָס איירעס. אַ גרויסע לידער־זאַמלונג זיינע איז אַרויסגעקומען אין ניו־יאָרק, אין 1949, אונטערן טיטל „דער מאַמעס צוואה" און אין 1950 איז אַרויס אַ נייער באַנד לידער און

פּאָעמעס א״ט „שיין פון פאַרלאָשענע שטערן״, ווידער אין בוענאָס־איירעס. דאָס אָפּטע באַווייזן זיך פון גראַדעס לידער אין בוכפאָרעם באַלד נאָך די מלחמה־יאָרן זאָגט אונדז אַ סך וואָס שייך דעם געמיטצושטאַנד פון גראַדען דעם פאַרוואָגלטן פּאָעט, נעמלעך, אַז ער איז דווקא אין פּעריאָד פון גוואַלטיקן עלנט און נויט געווען מוראדיק אומרוּיִק, דערפאַר האָט ער געפונען מנוחת־הנפש אין זיין קינסטלערישן שאַפן. ער איז געטריבן געוואָרן פון אַן אומגעלאָשענעם דראַנג כאָטש גייסטיק, אימאַגינאַטיוו צו זיין נאָענט צום גורל פון זיין ייִדישן דור, וואָס איז געבליבן אין קלעם צווישן פייערן פון דחקות און אומקום. און נאָך עפּעס זאָגט עס אונדז, די פּראָדוקטיווקייט פונעם פּאָעט אין גלות אונטער די הרי חושך צווישן מאָנגאָלן פון אַזיאַטישע מידבריות: אַז אַפילו אין יאָרן פון וואָגל איבער ווייטע קאָנטינענטן, האָט זיין האַרץ גאָר שטאַרק געקלאַפּט פּנים־אל־פּנים מיט די ביטערע נסיונות אויף וועלכע עס זענען אויסגעשטעלט געוואָרן די שאריתן פון זיינע שווערגעליטענע שטאַמברידער. אַחוץ מזה האָט אין אים געפלאַקערט דער דאָרן פון צער פאַרוויסטן געשען מיט די מערסטע ייִדישע קהילות אין פּוילן, אין ליטע ווי אין אַנדערע לענדערייען. דער ליריקער גראַדע האָט נישט געקענט רוען, ווען ס׳האָבן געהערשעוועט אי די דייטשישע טעווטאָנען, אי די באָלשעוויקישע גאָרגלשניידערס וואָס מאָרדעווען אומשולדיקע ייִדן און סתם מענטשן וואָס זענען נישט פּ״ן זייער סגאַל, מיטן לעניניש־סטאַלינישן שם־המפורש אין פּיסק. מאָטיוון פון גרויל און פּיין, וואָס אָפּגעפּילט אין דער ווייט, זענען דער רוקנביין פון גראַדעס ווערק פון דער אַ תקופה; אויך בענקשאַפט צום פאַרשניטענעם אַמאָל האָבן גערעגט זיין שאַפערישן אימפּולס. אַזוי האָבן זיך ביים פּאָעט אין דמיון געמישט דער אומרו מיטן מאָנענדיקן רעיון בנוגע דעם געאַכפּערטן אַלטן דור ווי אויך די אימה סוף כל סוף זיך צו באַגעגענען מיט דער העפטיקער ווירקלעכקייט, באשר אויך די אויסדערווילטע פון זיין האַרץ איז אויך אויף אַן אמת שוין נישטאָ. זי׳ט זיך נישט געפונען צווישן די שארי ההריגה. טאַקע דער ציקל „מיט דייך גוף אויף מיינע הענט״ (אין בוך ‚פּליטים׳, ז״ז 127—180) איז אַ רירנדיקע איכה פון אַ פאַרוואונדיקטן געליבטן און אַן אויפטרייסלענדיקער געיאָמער — מחמת פאַרצווייפלונג:

„מיין האַרץ, איז עס וואָר, עס איז וואָר! — / אַזוי זאָגט מיין ברודער פון פּוילן. / ס׳ווערן פראָסטיק און סיוו מיינע האָר, — / זיי ליגן צעשאָסן פון קוילן / און מיין ציטריקע אינד צווישן זיי. / דו, מיין אינד, מיין פאַרליטענע, טרייע — / כ׳וועל פאַרהילכן די וועלט מיט

געשריי / ווי דעם וואַלד — אַ פאַרווונדעטע חיה. / מיין האַרץ, זיי
נאָר שטיל — / איך וועל פרעגן אַ חבר אַ צווייטן; / איך בין איצטער
אַ חרובע מיל, / איך צעלויף זיך אין ווינט מיט שגעון, / ווי אַ פליגל
מען קען מיך אַ דריי טאָן / און היינט ביי דער נאַכט אין מיר וואָיען" (דאָרט).

דער מאַן וואָס זוכט אַ וועג אַהיימצו, כדי צו טרעפן זייך געליבטע, פאַרשעלט זיך אין ייִאוש הלמאי ער האָט „אין וועג זיך געלאָזן. ס'יאָגט אַ קללה מיך נאָך, כ'קען קיין רו נישט געפינען, נאָר איין טרייסט האָב איך דאָך — דאָס דערהאַלט מיך ביים זינען: אויב דערלעבן וועל איך ביז דעם סוף פון די שטרייטן, וועל איך קומען אַן שיך אין מיין לאַנד דעם באַפרייטן — אויף די הענט וועל איך נעמען דיין פאַרפרוירענעם גוף — אַ מירמלנער קאַלטער — און... וועל שטיין אין דער ברייט אויפן קרייץ פון די וועגן און ביי יעדן וואָס גייט און וואָס פאָרט, וועל איך פרעגן: — אפשר ווייסט איר פאַר וואָס איז מיין טויב אומגעקומען? זעט, איר פנים איז גלאָז, זעט איר שמייכל דעם שטומען. אפשר ווייסט איר די זינד פון איר האַרץ, פון איר טראַכטן?" צו וואַנזין דערפירט אים דער ייִאוש מחמת דעם מאויִמדיקן פאַרברעך פון דעם רוצח מחמת מאָרדלוסט. דער דיכטער קען זיך נישט באַרויִקן. ער וועט, זאָגט ער, „מיט איר רוף אויף די הענט דורך דער וועלט וועל איך בלאָנקען, ווי אַ שטיין־מאָנומענט וואָלט דער טויט מיר געשאָנקען און איך זוך אַן אָרט ווו אים צו שטעלן מיין מלאך. און אַן טרייסט און אַן רו מיט דער שטיין־משא פאַל איך..." (דאָרט).

פונקט אַזוי נעמט אים פייניקן די באַרבאַרישע פאַרשניטנקייט פון „מיין אַלטער דור". אים ברענט דער צער, וואָס:

מיין ייִחוס־שטאַם אויף בלוטיק־דורכגעווייקטער ערד,
די וואַלגערסט זיך דעם קאָפּ אין שטויב צעטראָטן —
נאָר איבער מיילן טויזנטער עס פלעכט מיין שאָטן
אין דיר זיך איין — איך זאָל נישט פאַלן — —

עס איז די יללה פונעם פילפאַכיקן אבל וואָס איז אין נע־ונד וויט פאַרוואָרפן פון זיין פאַרלענדטער היים. אָבער דער אַנגעצונדענער דמיון דערנענטערט צו אים די פיינלעכע וואָר און עס יאָמערט זיין האַרץ אי מיט די ווונדן פון אַ פליט, אי מיטן ווויי פון אַ נאַקעטן יתום. אין דער אַ פאָזע קלאָגט עס אין פאַראַבלטן פאָעט אויף דער פאַרוויסטקייט פון זיין צעקאַליעטשעטער וועלט.

פון חיים גראַדען רעדט דער פאַרווונדיקטער דיכטער אַפילו אין זיין רעאַליסטישער פּראָזע. ס'איז, אמת, פּראָזע, אָבער זי איז נישט קיין

נעבנזאַך אין זיין מלאכה פון קינסטלערישן אויסהאַמערן בילדער ווי אויך פסיכאָלאָגיש אָנגעזעטיקטע לאַנדשאַפטן און פּאָרטרעטן פון זיין היפּשער גאַלעריע זעלטענע, קוריאָזע און אויך געזונטע ווי אויסטערלישע אָריגינעל־געצייכנטע טיפּן פון פּרושים, רבנים, למדנים און אויך פּשוטע חיי־וקיימס. ריכטיק, אָפּטלעך קערט ער זיך אום אין זיין פּאָעטישן ווערק ווי אין דער פּראָזע צום אויטאָפּאָרטרעט, תמיד אַ פּנימיותדיק באַלויכטענער פון זיין אומרויִקן גייסט. אַוודאי, דער מוח באַוועגט אומאויפהערלעך זיין סענסיבילע ברוסט. אַ פּנים צום דאָזיקן סוביעקטיוויסטישן געמעל איז אים, דעם דיכטער, נעענטער דאָס פּאָעטישע געצייג וואָס זענען אויך אייגן זיין געמיט דהיינו — די פֿאַרבן פון ברוויזיקן הארץ. טאַקע, גראָדע איז זיך ביי נייס, שוין אין זיין פולער רייפקייט, מתנצל אין אַנטבלויזטער אינטימיטעט:

...נאָר אין דער תפיסה־צעל פון מיין געליימטן זינען
זעצט איינער מיט די פויסטן ווי מיט שאַרפע העק:
„דו וועסט דיין שטוב די ניי־געבויטע ניט געפינען
ווי באַלד דו וועסט אויף אַ מינוט פון איר אַוועק״.
אַ גילגול זיצט אין מיר, אַ דיבוק פון רויִנען
און וואַרט אַז דו זאָלסט אים דערלייזן פון זיין שוועל.
(פון בוך „דער מענטש פון פייער״, ז׳ 45)

ס'איז אַ שאָטן פון נייסטן פּראָפיל וואָס דער דיכטער אַנטפּלעקט פון זיין פּנימיותדיקער געשטאַלט, שוין נאָך דעם ווי אים האָט אָפּגעצוואָגן אויף קאַלט די האַרבע וואָר, וועלכע ער האָט באַגעגנט נאָכן צוריקקער פון די פּאַרוואָקסענע וואָגל־וועגן. אין יִאוש טראַכט ער חשבון־הנפשדיק ווי ווייט דער חורבן האָט אין אים גופא זיך אַריינגעוואָרצלט אַזש „די קברים־גראָזן וואַקסן אויך שוין אין מיין שאַרבן״ (דאָרט). קלאָר, דער טרויער האָט גרינטלעך צעטראָטן דאָס אַזוי אויך טריבע געמיט, ווען ער איז אויסגעשטעלט געוואָרן אויף אומדערטרעגלעכער נויט צווישן האַלב־ווילדע פעלקער. אומעטום געשפּירט די אַליינקייט אַנטקעגן די קאַשמאַרן וואָס צעגראָבן זיין נשמה. נישט קיין חידוש וואָס דער דיכטער האַלוצינירט וועגן די עדהס יידן וואָס זענען אין די פּאַרלוירענע היימישע ערטער געטריבן געוואָרן צו די פלאַקערנדיקע קאַלכאויוונס וואָס דער שונא האָט אין זיין האַרטנעקיקייט געצונדן פאַרן מין מענטש. דער מענטש פון פייער הערט דעריבער נישט אויף צו מאָנען ביים פּאַראַבלטן דיכטער „גוט־שכנישאַפט״; מיט זיין קומען און דערמאָנען אין זיך, דעם גייסט פונעם ייִד וואָס איז געוואָרפן געוואָרן לעבעדיקערהייט אין די פלאַמען אַריין, רייסט ער ערשט די אָדערן פון זיך, דער דיכטער:

„פאַר וואָס זשע ציטערט ער פון קעלט, דער מענטש וואָס פלאַקערט? / זיין פלאַמיק לייב איז צוגעדעקט מיט ווייסן פראָסט. / ער, איז מיין לייב און מיין געביין אין שטויב פאַראַקערט, / מיין נאָכוווּקס אין דער ערד וואָס פוילט אין שניי און ראָסט" (דאַרט).

אַן עד־ראיה פון אומפאַרגלייכלעכן כרת וואָס איז מיט רוצחישע הענט געבראַכט געוואָרן אויפן פאָלק אין די לעבעדיקסטע איינזאַמלונגען זיינע, קען ער בשום אופן נישט איינשטילן דעם ווייטיק וואָס נאָיעט אין זיין געמיט. אַ רוב גראַדעס פּאָעטישע שאַפונגען, צעשפּרייטע איבערן ביכער־שייער וואָס ער'ט אויפגעבויט מיט זיין מאַרך, האָבן איינגעשפּייכלערט דעם דאָזיקן אומפאַרלעשלעכן ווייַ לשם דעם געדעכעניש פון דורות.

ד

אַז חיים גראַדע דער פּאָעט וועט זיך פאַרשותפותן מיטן נאָוועליסט, האָט מע געקענט זען שוין אין זיין פריִער גרעסערער פּאָעמע „מוסרניקעס", וועלכע דערציילט וועגן די גייסטיק־עטישע באַזונדערקייטן פון דער אַ סביבה, וועלכע האָט אים גופא אויפגעכאָוועט. שוין דעמאָלט איז געווען באַשיימפּערלעך אַז דעם נוטה ל'עפּיק זענען ענג די ראַמען פון העמענדיקן סטראָף. יאָ, די דערשיינונג גראַדע האָט מיט איין מאָל פאַרשמעקט מיט אַזאַ שאַפעריש־אינטעלעקטועלער אייגנקייט, וועלכע פאָדערט, מאָנט פאַר איר טיפן אָטעמען, מער שטח, אַפילו מער הימל. ס'איז אַן אויסנעמלעכע ספערע און השגה פאַר דער באַטרעפנדיקער פערזענלעכקייט, וואָס איר עקסיסטענץ באַדינגט גאָר אַנדערע מאָסן פאַר מענטשלעכע באַדאַרפטיקייטן און פירונגען. געוויס, אַזאַ שווונג האָט געגרונטפעסטיקט פאַר אים, דעם שאַפערישן גייסט, די שיטה פון די אנשי־מוסר. זי האָט באַשאַפן נייע דימענסיעס פאַר באַגריפן פון ייִדישער אמונה און פאַר מאָראַל. עס איז די וועלט פון אַסקעטיזם, ביטול־היש פנים־אל־פּנים מיט די גשמיותן פון עולם־הזה, ממילא פון זיינע שלעכט־באַנומענע סוראָגאַטן. אַרום און אַרום האַוועט און זויערט דער זשעדנער חומר און דאָ איז מען איבערן קאָפּ אַריינגעטאָן, ביי הונגער און אַליינפּיין, אינעם תכלית צו דערגרייכן שלימות פון קרישטאָל־האַרטער מדרגה. באַשר דער בן־אדם האָט אין זיך איינגעבוירענעם שלעכטס, באַדאַרף ער טאָן כל התפעלות דאָס אַרויסצורייסן פון זיך. ס'איז די שיטה פון ר' יוסף־יויזלס מוסר ווי אַ פילאָסאָפיע פון דער געלייטערטער ייִדישקייט, וועלכע דער דיכטער האָט איינגעזויגן אין זיין בלוט. עס איז אַגב אַ רעכטגעשאַפענער אָפּצווייג פון דעם פרום־אָפּגעהיטענעם וועג אין דער ייִדישקייט, — אַזאַ ספּעציפיק

אין דער ליטווישער הנהגה, וועלכע איז אייגנטימלעך דעם קאַלאַריט פון דער מעלאַנכאָלישער ליטווישער לאַנדשאַפט. און דאָס איז דער אייגנטלעכער חוט־השדרה, דער לייבנטייל פון חיים גראַדעס פּאָעטישן און נאָוועליסטישן ווערק, וואָס איז תוכיק און זאַפטיק אין זיין אייגנאַרט. אַוודאי, על פּי רוב איז דאָס איכישע די פלאַך און די טיף, איבער וועלכע דער דיכטער און דערציילער לייגט קלאַפּטער. אין דער אונטערשטער שורה איז דאָס אַ פילשטאַפּלדיק ווערק פון כמעט־אויטאָביאָגראַפישן מין וואָס איז כולו דיכטונג פון גראַדעס בילדערישן, סאָציאַל־עטישן אויסמעסט, וואָס לאָזט אונדז הערן אין זיין באַדעכטיק־פּאַרטיפּטן סטיל:

דער מענטש איז אייגנטלעך אַזאַ ביאָלאָגיש געביי פון בלינדער ענערגיע, אָבער אויף אים איז בפירוש נגזר געוואָרן אויסצוטראָגן חמור־למשאדיקע האָרעוואַניע פאַרן פּאָסנעם ברויט און אויך צו קענען אויסשטיין אַ שטורעם פון פלוצלינג דערוועקטע נשמהדיקע ראַנגלענישן — — לפּי ערך אַזוי מיינט עס אין חיים גראַדעס אינטערפּרעטאַציע; אָבער נאָך אַ צרה פלאָגט וואָס איר איז מוראדיק שווער בייצוקומען:

די רויע תאווה וואָס געוועלטיקט איבערן בן־אדם. טאָקע אין זיין ראָמאַן פון ישיבה־לעבן („צמח אַטלאַס") פּרוווט דער מחבר אויפצוּוויקלען אַט די קאַנווע, וועלכע איז טעמאַטיש, ווי גראַדע דערגראָבט זיך צו איר, אַן איבעראַשנדיקע נייס אין אונדזער קינסטלערישער פּראָזע. דערצו דאַרף מען מוסיף זיין אַז גראַדען איז געראָטן אין דעם פּאַרמעסט קינסט־לעריש אַרויסצוהייבן די פּסיכיש־פאַרוואָרצלטע פּאָטענצן וואָס דרימלען אין אים גופא (אין דער געשטאַלט פון ישיבהניק חיים ווילנער), ווי אין זיינע הויפּט־פּערסאָנאַזשן, וואָס לייכטן מיט זייער אייגענעם אָנגעצונדענעם לעבן און שטרעבן; ער'ט עס געגעבן אין רעליעפע בילדער, אין פּסי־כאָלאָגיש באַגרינדעטע סענטענצן אין אַ ברייט־אָטעמדיקער, קינסטלעריש געזעטיקטער עפּישער לייוונט פון זעלטענעם שניט. און נאָך עפּעס דאַרף אָקצענטירט ווערן בנוגע גראַדעס פּראָזע־שאַפונגען:

כדי מער צו פאַרטיפן זיין פּאָעטישע פאַרבונדנקייט מיטן מאָטיוו ווילנע ווי פון ישיבה־לעבן, האָט ער באַשיימפערלעך געשפּירט אַ נויטווענדיקייט צו פרי׳ער זיך לאָזן שווימען מיט אַ מער אינטימען שטראָם פון זיין שרייבערי־שער יכולת, נו, אויפן גילדיק אָנגעזשאַווערטן שפּיגל פון דער לייבלעכער, ליבער היים, וועלכע ער באַשטראַלט מיט באַזאַכט פליסנדיקע, עמאָטיווע בילדער פון דער „מאַמעס שבתים". דאָס איז די ווילנע של מטה, אלאָ אויך זי, די בידנע, די וואָכעדיקע ווירקלעכקייט שטרעקט זיך צו מאָל

צו העכערע רעגיאָנען פון אמונה אין זיין ליבן נאָמען; און דאָ איז די האַרציקע מאַמע און איר וועלט דער לויטערער אָפּשיין פון דער אַ דער־הויבענער ספערע. אמת, די אמונה אין גאָט ברוך־הוא איז ביי איר אַזאַ וואָס אַ פשוטע ייִדענע קען מיטן ניכטערנעם שכל נישט גאָר באַנעמען: נישט מער; די גענווינשאַפט פירט זי צום דורותדיק פאַרהייליקטן טייטש־חומש וואָס נאָר אַ דאַנק דעם און ענלעכע רגילותן איז זי ווי עס איז גובר דעם דערדריקנדיקן דלות. עס איז נעמלעך די ווילנע פון דער זלידנער אָרעמקייט ביי דער איינצייטיקער געהייבענער ייִדישקייט. די וואָכעדיקע טעג זענען איבערזאַט פון דער פרומער מאַמעס מיזערנעם האַנדל, עס איבלט די פאַרריסנקייט פונעם פּראָסטאַק אַלטערל פון דער שכנישער געגנדזלאַרניע ווי ס'איז איר דערעסן די אומווערדיקייט פון די פאַרצרהטע ווייבער וואָס טראָגן אַרום אין זייערע מיילער „די גאַנצע שטאָט". צו דעם נמאסן רומל קומט נאָך צו כייקע די מויד מיט אַן אויס־געשפּיצטן בויך, אַ פאַרפאַלענע יתומה וואָס אַ ליאַדע אונטערוועלטניק „דערבאַרעמט זיך איבער איר" און יערט איר אַן אַלע מאָל אַ ממזר. אָבער פאַראַן אויך דער טיפּ פון אַ ברוכל דער זקן וואָס גייט שוין אין שאָטן פון זיין נאָענטן סוף, אלאַ אַ שנעפּסל האָט ער נאָך ליב אַריינצוכאַפּן מיט חברה, דערפאַר האָט ער אַ ווייב מיט דער תשוקה צו געבן אַ נויטבאַדערפטיקער ייִדענע אַ גמילת־חסד בסתר, וואָס זי מאָנט בכיוון נישט איין, די כשרע בלומעלע. עס איז די שטאָט וואָס פאַרמאָגט אויך אַזאַ נתן־נטע, וועלכער האָט אין זיין נחלה אַ צאָל קעמערלעך, אין וועלכע עס הויזן אביונישע משפחות וואָס האָבן נעבעך נישט צו באַצאָלן ס'דירה־געלט, אָבער דער באַלעבאָס הערט נישט אויף מאָנען, סטראַשען אַז ער וועט, ר'וועט שוין... צו די אַ איז נתן־נטע גאָר שטרענג, אָבער אַלטערל גיט אים „פּאָר דער נאָז" ווען ער קומט נאָך דירה־געלט; ער הייסט אים קומען מאָרגן אָדער ער ענטפערט אים אַז ר'זאָל אים נישט שטערן ווען ער האַלט אין מיטן לייזן... דער פרומער נתן־נטע דערמאָנט אין די פרייטיק־נאָכמיטאָגן די קרעמער אַז ס'קומט דער הייליקער שבת, זיי דאַרפן גיכער פאַרמאַכן די קראָמען, אָבער נישט אַלע האָרכן דעם שומר־שבתניק. כאַצקל דער קלייטניק שפּילט אים נאָך אויף מיט ירגזון: „וואָס איר'ט צאָלן מיינע שטייערן? איר ווילט איבערנעמען מיין קאַפּוויטיק?" ס'הייסט, גראָד מאַכט זיך אַ ביסל פדיון, טאָר מע נישט טרייבן קיין קונים. די מאַמע וואָס איז די צענטראַלע פיגור פון דער פאַרגאַנצטער סעריע דערציילונגען, איז דער דימענט צווישן דעם כלל קרעמערס: זי ראַמט

בייציטנס אַריין פון טויער אירע קוישן מיט עפּל און באַרנעס און גרייט זיך פלייסיק ליכט צו צינדן. אַלע חנען פון יידישער צניעות הויערן דעמאָלט אויף דער פאַרחושכטער פרוי, ווען זי מכינט זיך צו באַגעגענען דעם שבת קודש. נישט קיין חידוש בכן וואָס דער מחבר האָט דעם אַ פאָלקיש-לייכטנדיקן דיאַדעם, וואָס שטראַלט פון זיין מאַמעס קאָפּ, געגעבן אַ כוללדיקן נאָמען: „דער מאַמעס שבתים". ווייל שבת איז דער איינציקער טאָג פון דער מאַמעס בשמהדיקער רו; זי קען נאָר דעמאָלט אָפּגעבן אַ לויב דעם אייבערשטן וואָס גיט איר כוח צו האָרעווען אויף איר אויס-קומעניש און ער שטאַרקט זי צו קענען האָפן אויף נחת פון איר בן-יחיד וואָס איז „עפּעס אַראָפּ" פון דעם דרך וואָס זי און זיין טאַטע ע"ה האָבן פאַר אים אויסגעחלומט. אָבער סיי ווי האָט די פאַרחושכטע מאַמע שוין אַן אַדערויף אויפן דערוואַרטן ביסל פרייד פונעם יורש וואָס איז איר איינציקע טרייסט: ער האָט אַריינגעבראַכט אין שטוב אַ מיידל אויף שבת, איז עס פאַר איר אַ סימן „אַז מיט דער איצטיקער מיידל טראַכט ער טאַקע חתונה האָבן". און מגדל זיין דעם זון איז ביי איר געווען אַ גרויסער חלום. קומט מען צום שבתדיקן טיש, מאַכט די מאַמע „המוציא און שווייגט ביז זי שלינגט אַרונטער אַ כזית. פרומע-ליבטשע (אַזוי הייסט די כלה, וואָס איז אַ בת-הרב) קווענקלט זיך זייער לאַנג, ווי זי וואָלט זיך מיישב געווען: זאָל זי מאַכן אַ המוציא אָדער ניט? ענדלעך נעמט זי קייען אָן פאַרגעניגן. זי וויל זיך ניט אַרויסשטעלן פרימער ווי זי איז, קלערט די מאַמע און כדי אַרויסצוהעלפן דעם גאַסט פון פאַרלעגנהייט, זאָגט זי: — מיר קויפן חלה ביים בעקער, ער האָט פון כל-טוב. אַפילו אין מיטן יאָר באַקט ער יומטובדיקע קיטקעס און פורים-קוילעטשן... אין די גרויסע שטעט האָט מע ניט קיין צייט אַליין צו באַקן; אין די קליינע שטעטלעך, ווייס איך, באַקט מען אין די שטיבער, מסתמא פירט מען זיך ביי אייך אין שטוב אויך אַזוי.

„— יאָ, ביים אונדז אין שטעטל באַקן די ווייבער אַליין. ערב שבת איז ביי אונדז אין שטוב אַ יאַריד, מען קומט צו מיין מאַמען קויפן הייוון. די רבנים אין די שטעטלעך לעבן פון דעם וואָס זיי פאַרקויפן הייוון — זאָגט פרומע-ליבטשע מיט קענטיקן פאַרדראָס — — דאָס צימערל איז פול מיט אַ וואַרעמער געמיטלעכקייט און אויך די מאַמע ווערט רויִקער. זי זעט איין אַז איר שרעק פאַרן גאַסט איז אַן אומזיסטע. די פרייד צעגיסט זיך איבער אירע אויסגעמאַטערטע אברים" („דער מאַמעס שבתים", צווייטע אויפלאַגע, ב"י 1959, ז"ז 157—158). עס איז נאַטירלעך נישט

אויסצושעפּן דעם קוואַל פון ציטאַטן וואָס בעטן זיך אַהער אויף צו באַקרעפ־טיקן דאָס אויסגעמלעכע ליכט וואָס גייט אויף פון גראַדעס דערציילונגען אויף דער מאַמע־טעמע און איר אַרום. עס איז אַ פאַרכאַפּנדיקער אויס־שטעל פון טיפן וואָס זענען אַ געשמאַקער ביסן פאַר פּסיכאָלאָגיש־גיריקער אָבסערוואַציע פאַר איעדן לייענער, מכּל שכּן פאַר אַ מפונק אויף פּערלדיקע געמעלן אין ציזעלירטן וואָרט און געוועב פון זעעוודיקן געמיט. צו מאָל אַזאַ שטאַרק בילד וואָס גראַדע ברענגט פון דער בעטלער־פּראַצעסיע און אירע אויסטערלישע געשטאַלטן, איז אַ גוואַלטיקע אַטראַקציע אין אונדזער קינסטלערישער פּראָזע וואָס אין כלל נישט ווינציק פאַרטאָן אין מאַסן־פּסיכאָלאָגיע. ס׳איז אַן אומפאַרגלייכלעכער געמעל. סאָציאַל־פּסיכאָלאָגיע געפּאָרט מיט קוואַליקער, פאַלקישער סאַטירע גייען דאָ האַנט ביי האַנט.

קינסטלעריש באַלעבטע שאַטנס פון מענטשן און טיפּן פון דער פאַר־לענדטער ייִדישער ווילנע און איר פּעריפעריע, אַריינגערעכנט אויך די ווייטערע שטעטלעך וווּהין ייִדישע קינדער זענען געפאָרן לערנען, אָנזאַפּן זיך מיט תורה און תוכיקער ייִדישקייט, אַנטהאַלטן אויך די אַנדערע פּראָזע־ווערק גראַדעס, ווי „דער שילהויף", וואָס פון אים איז ניט ווייט, גייסטיק, דער מהלך פון ,דער מאַמעס שבתים׳; ענלעך, כאָטש מיט אַן אַנדערן טיפּאַזש, איז אַרויסגעבולט דער סיפּור־המעשה פון ראָמאַן „די עגונה". על פּי רוב זעט מען דעם פרומען האַרעפּאַשניק וואָס איז זיך מוסר־נפש פאַר ייִדישקייט פּונקט ווי דאָס קינסטלעראויג שטעלט זיך אָפּ אויף אַ מלווה, אַ האַרטע שקורע וואָס לעבט רק מיטן חשבון פון צינדזן וואָס ער רייסט פון אַרעמעלייט אונטער דער ערבות פון משכּנות. נו, אויך דער היינטוועלטיקער ייִד וואָס הייליקט דאָס ביסל מענטשלעכקייט איז אינטעגרירט אין דער געשטאַלטן־פּיראַמידע פון דעם ייִד וואָס טראָגט אין זיך ביודעים ובלא יודעים דעם זין פון בעל־שמסקן לעבנסבאַגעם. דאָס גלייכן כלי־קודש, פאַרלאָזענע נייטערקעס, אויסגעגליטשטע פאַרשוינען — די אַלע ווירקן אין דער דראַמע וואָס ייִדן שפּילן אויס אין אינטענסיוון געראַנגל אויף ווילנער גאַסן און זאַווולקעס. חיים גראַדע ווי אַ דער־ציילער ספּראַוועט זיך הצלחהדיק אויך מיט דער אומפּאַטעטישער מאַטעריע וואָס איז אים צו דער האַנט, כאָטש זי איז אָפּטלעך טוכלע און האַרב צו קענען זי גרינג פאַרדייען. אַ גאַר חשובע פּאָזיציע אין גראַדעס קינסט־לערישער פּראָזע איז אויך דער באַנד דערציילונגען „די קלויז און די גאַס", ווו די ווילנע וואָס האָט אייפּעריק געהיט די דורותדיקע פירעכצער ביי ייִדן, האָט גענומען אויך נידערן צו די נייצייטיקע „מאָדעס" וואָס זענען

עלול צו פֿאַרדעקן מיט אַ שווערן שטויב אַלץ וואָס איז לאַנג־לאַנג געווען פֿאַרהייליקט. ממש אַ דענקמאָל אין טיף־ייִדישן קינסטלערישן געמעל איז אין דאָזיקן באַנד די דערציילונג „זיידעס און אייניקלעך". ס׳איז אַ מאָנומענטאַלע קאַנווע וואָס גיט אָפּ מיט מייסטערישע מיטלען די קאָליר און ס׳געמיט פֿון דעם תהום וואָס די גאַס, ריכטיקער, די נייע צייט, האָט אויסגעגראָבן צווישן די זיידעס און דעם דור פֿון די אייניקלעך. אַוודאי, דער דור פֿון די זין און טעכטער איז אויך שוין געשטרויכלט אין דעם דרך וואָס פֿירט צו אָפּגעהיטער ייִדישקייט. אין בילדער, אין פּסיכאָלאָגיש־באַלערנדיקע צייכענונגען גיט דער מחבר דעם האַרצווייטיק פֿון די זיידעס. ער באַווייזט אַז דעם תהום צווישן אַלט און יונג איז כמעט נישט אַריבערצושפּרייזן קאַלטבלוטיק. אגב, דעם ווידעראַנאַנד צווישן אַלט און יונג אויך אין דעם גאָר פֿרומען ווילנע ברענגט גראַדע אַרויס אויך אין דער נאָוועלע „לייבע לייזערס הויף", כאָטש דאָ שפּילן אויס געטריי זייערע ראָלן איינע אַנטקעגן די אַנדערע די דורותדיק פֿאַרוואָרצלטע ייִדישקייט מיט דער וועלטלעכקייט וואָס איז נאָך מיט אומדרייסטקייט אַריין אין דער ספֿערע פֿון דער כשרער היים. צו מאָל האָט די רביצין פֿון גרייפּעווער רב זיך געלאָזט „כאַפּן" פֿון אַ וועלטיש ווינטל. עולם האָט טאַקע גענומען אָנווינקען אַז די רביצין איז אַ מרשעת, בעת דער רב איז אַ מזג־טוב. אָבער דער מחבר דעקט אָפּ אין אומדערבאַרעמלעכן רעאַליזם אַ פּסיכישן מיחוש אין דעם ויתרוצצו, וואָס זי, די רביצין, האָט פּניותדיק אָנגעוואָרפֿן אויף איר מאַן, דעם תמים און דער עדה פֿון גרייפּעווע, אַבי זיי זאָלן קענען אַריבערפֿאָרן זיך באַזעצן אין האָראָדנע, אין דער אַנדערער קהילה ווו דעם רב ר׳ אורי־צבי איז באַשערט געוואָרן אויסצושטיין אַנדערע נסיונות. די סיבה פֿון דער אָ אומוואַנדלונג, איז מוסר־סוד דער מחבר אין בילדלעכער צייכענונג, איז געווען וואָס דער שטאָט־רב פֿון האָראָדנע איז געווען דער ערשטער חתן דער גרייפּעווער רביצינס, און זי׳ט אים נישט געקענט פֿאַרגעסן. ס׳הייסט, נישט נאָר דער ענין יונג און אַלט קאָן אין אַ פֿאַרפֿרומטער סביבה זיין דער גורם פֿון אַ העפּטיקן ווידעראַנאַנד אין קיום פֿון ייִדישן ציבור, נייערט דער פּראָבלעם פֿון ליבע ווי פֿון קנאה זענען אויך (קענען אויך) זיין אַקסעסואַרן פֿון דער פּיראַמידע ייִדיש לעבן. דער נאָוועליסט חיים גראַדע האָט ווי אַ פּיקח אַ קינסטלער באַוויזן צו עפֿענען פֿאַר אונדז די שליוזן פֿון אָט די פֿאַרהוילענע ליידנשאַפֿטן אַפֿילו אין דער סביבה פֿון די כלי־קודש. ערשט ווי אַזוי דער שרייבער ברענגט אַרויס ס׳געמיט פֿון די באַטרעפֿנדיקע געשטאַלטן.

איטלעכער עפּיזאָד איז אַ באַזונדער מייסטערשטיק פון הויכער נאַראַטיווער מדרגה וואָס כוואַליעט זיך אין אַ טיפן עפּישן בעקן. געוויס, גאָר אַ ברייטע לייוונט מיט אַ מער קאָמפּליצירטן דראַמאַטישן אויפשפּיל פונעם ויתרוצצו וואָס גייט אָן אין דעם מענטש גופא, איז די פּאָעטישע ראַנגלעניש פון צמח אַטלאַס, דער בעל־מוסר וואָס שטרויכלט זיך אין זיין דרך, אָבער ער טויכט אויף לסוף אַ געגנזענער, כאָטש מיט אַן אַנגעשפּאַלטענער נשמה. יאָ, אויך דאָ איז די פּרוי דער פּרוּווּשטיין פאַר דער שטרויכלונג פון דעם מענטש אין צונויפשטויס מיט דער וועלט, וואָס אין איר ווימלט עס מיט די רייצן און וועלעכצן וואָס זענען יעדע ווילע עלול צו וואַרפן אים אין שאול תחתיה.

ה

אינעם עטיוד, אין בילד און געמיט־שילדערונג וואָס חיים גראַדע וואַרפט אָן דאָ און דאָרט אויפן פאָן פון דער פאַרלענדטער ווילנע, טראָגן זיך כלערליי סאָציאַלע און פּסיכאָלאָגישע אומוועטערס וואָס זעצן זיך אָפּ ווי זשאַווער אויפן דנאָ פון דער מענטשלעכער נאַטור. עס זענען איבלען וואָס טראַדיציעס פון הונדערטער יאָרן רופן אַרויס אין העפטיקן צונויפ־שטויס מיט נייצייטיקע פּירעכצער. אַפילו דער אויפשוים פון יידישע דעק־עלעמענטן קענטיקט זיך אַרויס פון די אַ פלאַכן ווו ליידנשאַפטן פון עמך און די עטעריש קלאָרע אצילות פונעם בן־תורה גייען זיך אין זייערע באַזונדערע דרכים. לכאורה זענען דאָס יחידישע דראַמעס, וועלכע דער קינסטלער גראַדע הייבט אַרויס אין ליכט פון די דערעסנדיקע גראָע טעג. די אַטמאָספער פון מעדיטאַטיווער שפּאַנונג טרעפן מיר דערעיקרשט אין דער שילדערונג פון דער ישיבה און איר פּעריפעריע, פון בית־הרב און דער קלויז. אָבער אין אַלע פאַלן גייט עס דעם מחבר אַרויסצוברענגען די נשמהדיקע ראַנגלענישן פאַר דערלייטערונג.

אַ מאָטיוו וואָס גראַדע גיט אים דעם אויבנאָן אין זיין שאַפן, איז דער מאַמע־מאָטיוו. די באַשיידענע, פרומע און עלנטע מאַמע וועלע אַנטקעגן איר בן־יחיד. שוין אין דעם פּתיחה־ליד פון זיין ערשטלינגבוך גיט ער די בכורה דער שילדערונג פון דער מאַמען, אַ בילד וואָס איז דורכגעזאַפּט מיט ליבשאַפט און מיטגעפיל פאַר איר שווערן גורל.

> די באַקן־איינגעפאַלן און די אויגן האַלב נאָר אָפן,
> הערט מיין מאַמע ווי עס זיפצן אירע קני.
> אַ גאַנצן ווינטערדיקן אין דער פרי
> אויף אַלע מערק אַרומגעלאָפן —

לאַז זשע איצטער אונדז ביים טויערוואַנט
די נאַכט דערשלאָפן . . .
און ס'וויינט איר האַנט.
אַ פויגל ווערט דאָך אויך פאַרמאַטערט פאַכן, פאַכן
מיט די פליגל נאָכאַנאַנד . . .
און ס'זינקט אַראָפּ איר קאָפּ — —
נאָר מיין מאַמע טרייסלט גיך פון זיך דעם דרימל אָפּ
ווי אַביימל טרייסלט גיך אָפּ דעם רעגן.
איר פּנים רייכערט זיך — אַ פייערטאָפּ,
און אירע הענט, זיי מעסטן, וועגן — — — („יא", ז' 3).

אָן אַ שיעור מאָלט, באַזינגט און זוכט צו טרייסטן זיין מאַמען דער געאַכפּעטער זינגער און טראַכטער חיים גראַדע. נישט נאָר ,דער מאַמעס שבתים' און איינצלנע לידער גיבן אַ פולע מאָס ליבשאַפט דער מאַמען און איר עלנט ווי איר פרומקייט. אין אַ ריי ביכער ברענגט פאַר אונדז דער דיכטער דאָס אינעווייניקדיקע ציטעריקע געשטאַלט פון זיין מאַמען. דאָס לידערבוך „דער מאַמעס צוואה" (ניו־יאָרק, 1949), גיט ער אָפּ אין גאַנצן דעם פאַרהייליקטן אָנדענק פון דער מאַמען און אַפילו אירע שכנים. דאָס אַ ווערק איז ווי אַ פּאַעטישער דובליקאַט פון דעם פּראָזעבוך וואָס איז אָנגעשריבן פון ליבשאַפט צו דער געליטענער מאַמען. כאַראַקטעריסטיש: כאָטש שוין אַזוי פיל יאָרן ווייט אַוועק פון דער מאַמעס רשות, פון דעסטוועגן לעבט זי אין ממשות אין דמיון פונעם זון וואָס בעט זיך ביי איר אין ווייטיקלעכער צוגעבונדנקייט (אין ערשטן טייל פון ספר דער מאַמעס צוואָה): „קום, מאַמע, ווי אַ קינד אויף מיינע הענט, / איך וועל דיך איינשטילן אין רו — דו וועסט מיך טרייסטן — — —".

אַ פּנים, עס איז באמת נישט צו טרייסטן דעם ווערדיקן זון פון דער פאַרשניטענער, אָבער אומפאַרגעסלעכער יידישער ווילנע, דער וויג פון אונדזער גרויסן דיכטער חיים גראַדע.

*

שוין פערציק יאָר ווי דער פּאָעט שרייבט זיין ליבע־און בענק־שאַפטליד צו זיין עלנטער מאַמען ווי צו זיין מוטערשטאָט ווילנע און מיר הערן עס מיט דערוועקטער בייגיריקייט ווי אַ ניי־אַנטפּלעקונג וואָס ציט, לאָקט.

חיים גראַדע דער פּראָזע־קינסטלער

חיים גראַדע פאַרנעמט, כידוע, אַן אויבן־אָן צווישן די וואָס האָבן אין זייער שאַפונג אָפּגעגעבן דאָס גאַנצע האַרץ ירושלים דליטא אין אַלע אירע שאַטירונגען. ס׳זענען די רייד פון דער ווילנע של מעלה ווי דער ווילנע של מטה: די מענטשן פון געלייטערטער גייסטיקייט און אויך פון די פשוטע חי־וקיימס. אין בונטן פאָלקסגעווימל האָט ער, דער יאָדערדיקער קינסטלער גראַדע, טעמאַטיש נישט פאַרזען אַפילו אַזעלכע פאַרשווינען וואָס האָבן, להוטע נאָכן פונק לעבן, אומדערמידלעך זיך געווידמעט אין די טונקלעניש פון סאַמע דנאָ. ווי יידן וואָס זענען איגנרייסנדיקע שטרייפן אויפן פאָלקס גוף האָט חיים גראַדע אויך זיי אַרויסגעבראַכט אויף דער אויבערפלאַך, געשטעלט אונטערן פּראָזשעקטאָר פון זיין שאַרפן פסיכאָלאָגישן אַנאַליז. דעם גאַרן יידישן אַרום האָט ער גענומען אונטער זיין פאַרטיפט רעאַליסטישן ליכט.

אָקערשט ליגט ירושלים דליטא אין געשענדעטן קבר, אָבער זי לעבט און וועקט דאָס אינספּירירטע געדעכעניש פון חיים גראַדען און זיין פרוכטיקן דמיון. די ווילנע פון דער סטראַשון־ביבליאָטעק, פון די אַלטע קלויזן און ישיבות, פונעם שולהויף מיט די ווילנער ערגערס און די עמך־יידן פון יאַטקעווער גאַס און זאַוואַלנע מאַנען פון זייער לייבלעכן זון געטריישאַפט ווי אַ חוב צו אַ מאַמען. קלאָר, אויך די געטרייאַשאַפט צום פאַרפלאָסענעם אייגענעם פּריליגג לאָזט זיך נישט פאַרוואַסערן אין סתם מליצות וועגן בענקשאַפט. אַזוינס מוז, אַזוי אָדער אַנדערש, קומען צום אויסדרוק מיט עכטקייט. חיים גראַדע דאָקומענטירט די אַ צוגעבונ־דנקייט מיט זיין גאַנצן שאַפן, וואָס איז מלא קינסטלערישן כוח פון פסיכאָלאָגישן געמעל און רעאַליסטישער שילדערונג וואָס גיט אָפּ מיט אַ טיפן ליריזם. נו, זיין בילדערישקייט איז אַזאַ וואָס זאָגט עדות אויף גראַדעס באַזונדערקייט און — זיין שרייבערישן טעמפּעראַמענט. ער קאָן נישט זיין לעבלעך צו זיין העלד, אויב ער איז אַ האַרטע שקורע. און, אדרבא, ער ווייזט אַרויס מיטגעפיל, לעבט־מיט די פּיין פון אַ געדרודפטן אָדער געשלאָגענעם פון גורל. ביים ניצן די קאָלירן צו מאָלן זיינע געשטאַלטן איז ער, מעשה־קינסטלער, שטאַרק ניזהר, ממילא טרעפלעך מיט יעדן פּענדזל־שטריך. אָבער ס׳עיקרשטע איז ביי אים אַרויסצוברענגען די ליכט־און אַפילו די שאָטן־זייטן פון דעם בילד וואָס האָט דורות־לאַנג

זיך געטראָגן איבער דער וועלט מיטן שם־טוב פון ירושלים דליטא. די אָ אין זיך פאַרטראָגענע יידישע ווילנע איז דער חוט־השדרה פון זיין ברייט אַרומנעמענדיק ווערק אין געצאַמטן פערז ווי אין דער עפיש־אָטעמדיקער פּראָזע.

מיט זיין פּראָזעווערק „דער שטומער מנין" האָט חיים גראַדע דער־גרייכט גאָר אַ הויכע שלימות פון מייסטערשאַפט. ביי דער זייט פון זיין פריערדיקן באַנד דערציילונגען „די קלויז און די גאַס", אין וועלכן דער שרייבער האָט געגעבן אַן אויסנעמלעכע לאַנדשאַפט פון ווילנע אין איר לעצטער תקופה, ווען די וועלטלעכקייט האָט שוין באַוויזן מיט אירע נעגל זיך אַריינצודראַפּען אין דורותדיקן פרום־יידישן טראַדיציאָנאַליזם(זע דאָרט, למשל, די דערציילונג „זיידעס און אייניקלעך", אַנטקעגן דער גרעסערער נאָוועלע „די רביצין", ווו דער וואָרעם פון דער מאָדערנער היינטיקייט טאַטשעט שוין אַפילו אַ בית־הרב), איז דער ציקל וואָס שטעלט צונויף דעם תוכן פון „שטומען מנין", אַ גאַנג אויף אַרויף אין דעם דיכטערס אָכּפּערונג פאַר דער עניוותדיקער עדה פון ירושלים דליטא, ווי זי האָט זיך אַריינגעפּליישט אין זיין געביין.

אָבער אַ שטומער מנין? ווי שיקט זיך אַזוינס — קאָן דער לייענער שטוינען אין ערשטן אויגנבליק. אַזאַ משונהדיקן פּענאָמען איז חיים גראַדע באמת נישט אויסן געווען אַרויסצופירן, נייערט אַרויסצוהייבן דעם „פילאָסאָפירנדיקן" לעבנסבאַנעם פון זיין הויפּטגעשטאַלט אליקום פּאַפּ, אַזאַ „אָריגינאַל" פון אַ פרומען בעל־מלאכה, אַ סטאָליער, וואָס אים איז געקראָכן אין קאָפּ אַריין אַ מאַנקאָליע צו פאַרצירן מיט די אייגענע הענט אַ פאַרוואָרלאָזטע קלויז מיט זיינע שניצערייען פון לייבעלעך, שויתיס. יידן לומדים, פּרושים זיצן און לערנען גאָטס הייליקע תורה און די קלויזן זענען עלנט, אָרעמלעך, אָן אַ שמץ פון דעם תפארת, מיט וואָס עס קאָנען זיך יאָ גרויסן אַנדערע מקומי־קודש. דער געדאַנק צו טאָן פאַר די אָרעמלעכע בתי־מדרש האָט דעם סטאָליער נישט געלאָזט רוען. ער פלעגט אין מיטן דער אַרבעט לאָזן שטעקן די זעג אין אַ ברעט און גאַנצענע טעג אַרומבלאָנקען איבער די ווילנער קלויזן, איינקוקן זיך אין די אָרון־קודשס, באַוואונדערן די שניצערייען איבער זיי, די באַלעמערס מיט די געשניצטע גאָלקעס, אָבער געהאַט שברת־לב למאי אין אַנדערע קלויזן זענען די שטענדערס צעבראָכן, דער עמוד הינקט און דער אָרון־קודש שטייט אַ נאַקעטער אָן שום באַשיינעכץ. אָ, פאַראַן גאָלדענע הענט ביי די וואָס האָבן באַוויזן אויסצושניצן וווּנדערלעכע כתרס מיט די

לוחות איבער די אָרון־קודשס, אויך לייבעלעך מיט פּאַרריסענע ווײדלעך ביי די טרעפּלעך וואָס פירן צום אָרון־קודש.

נו, „דער שטומער מנין" איז נאָר אַ כוללדיקער נאָמען פון אַ קלויז, און דער נאָמען דערקלערט זיך מיט דעם, וואָס דער דרויסנדיקער מהות פון דער קלויז האָט זיך אַזוי אויסגעשטאַלטיקט אין די אויגן פון „פּעסעלעס הויף", וואָס אין אים איז דער שטומער מנין נאָר אַ באַשטאַנדטייל זיינער. וואָרן אין דעם הויף וווינען אויך אַנדערע יידן, וואָס טויכן־אויף אַנטקעגן דער קלויז. ס'הייסט, דער מחבר שענקט דעם גאַנצן אויפמערק נישט בלויז דעם „שטומען מנין". אויך די אַנדערע פּערסאָנאַזשן זענען ביי אים נישט קיין טפל, אלא דער סטאַליער און זיין טועכץ איז דער לייטפּאַדעם פון דער אַקציע, וואָס דער קינסטלער וויקלט פונאַנדער מיט מייסטערישער אויסנעמלעכקייט. דער שטומער מנין איז, אַזוי צו זאָגן, דער עקראַן, איבער וועלכן עס טראָגן זיך דורך די אַלע געשטאַלטן וואָס באַוועגן זיך אויף פּעסעלעס הויף. נישט נאָר די לערנערס, וועמען דער מחבר גיט אָפּ מער חלל אין זיין געמעל.

„די שכנים פון פּעסעלעס הויף האָבן זעלטן געהערט פון בית־מדרש אַ פריילעך קול, אַ גמרא־ניגון, ווי די פּרושים אינעווייניק וואָלטן שטענדיק געדרימלט אויף די שטענדערס אָדער געזעסן פאַרגולמטע. בלויז ווען־ניט־ווען האָט אַ לערנער זיך אַ שאָקל געטאָן איבערן ספר אויפן שטענדער און זיין אָפּגעריסן קול איז דורכן פענצטער אַרויס ווי אַ שוואַרצער פויגל. די קלויזזיצערס האָבן אויך נישט תמיד געדאַוונט מיט אַ מנין; און ווען זיי האָבן שוין יאָ געדאַוונט בציבור, האָט דער בעל תפילה מער געפּרעפּלט פאַר זיך ווי געזאָגט מען זאָל הערן, ביז ער האָט אומגעריכט מיט רוגזה אַ געשריי געטאָן: קדוש! קדוש! און עמעץ האָט אים נאָכגעשריגן הויך, שאַרף און מיט האַרצרייסעניש. דערנאָך איז די קלויז ווידער פאַרזונקען אין אַ פאַרמוחטער שווייגעניש, אין אַ פאַר־אומערטער קאַלט־פאַרגליווערטער דבקות פון אַ פאַסנעם ליטווישן שבת. דעריבער האָבן די שכנים פון הויף געגעבן דעם בית־מדרש אַ צונאָמען, וואָס האָט זיך אַנגענומען איבער גאַנץ ווילנע: „דער שטומער מנין" (ז' 17).

אָבער אליקום פּאַפּ בלייבט אין צענטער, כאָטש פאַראַן אַ היפּשע פּעריפעריע פון מערקווירדיקע טיפּן, וועלכע דער מחבר קאָן נישט אָפּפּטרן אַבי ווי, און גוט אַזוי. וואָרן אַן די אַנדערע וואָלט פאַראָרעמט געוואָרן דאָס נעמלעכע וועלטל, ממש אָן גייסטיקן בלוט.

אליקום פּאַפּ איז אַן איינציקאַרטיקע געשטאַלט אין חיים גראַדעס

פּאָעמע וועגן דעם שטומען מניך. ער ווינט ערגעץ ווייטער אין אַ געסל. פּעסעלעס הויף איז, ווי געזאָגט, דער עקראַן, ווו עס ליכטיקן אויף די מענטשן און אויך די דאַגות־געדאַנקען וואָס פאַרכאַפּן זייער טוען און האָפן. אליקום פּאַפּ האָט זיך פירגענומען אויפצוריכטן דעם פאַרוואָרלאָזטן בית־מדרש אין פּעסעלעס הויף. אָרעמע קלויזן טאָרן נישט בלייבן פאַר־שעמט, אָן אַ רעכט שטיקל שניצעריי. אָבער פּעסעלעס הויף איז נישט קיין טאַבולאַ ראַסאַ. עס איז אַ גרויסער קנופּ פון לעבן וואָס האָט נישט אויפגעהערט מאָגען ס׳זייניקע, כאָטש שטילערהייט, ייִדישלעך. דער סטאָליער האָט זיי נאָר קאַליע געמאַכט זייער דאָכטעניש אַז אָט, אָט וועט חנה־עטל פּעסעלעס, די בעל־הביתטע פון הויף, פונאַנדערנעמען דעם חרובן בית־מדרש און אויף זיין אָרט אָפּבויען דירהלעך אַז די אונטערגעוואַקסענע קינדער פון די אייגענע שכנים זאָלן קאָנען האָבן ווו צו וווינען. און אַז ס׳איז נישטאָ קיין דירה, איז ווי אַזוי זאָלן די קינדער קאָנען חתונה האָבן? האָט מען טאַקע געהאַט תרעומות צום פרעמדן סטאָליער, הלמאי ער האָט גענומען „מאַכן אַ לייט״ פון דעם פאַרוואָרלאָזטן בית־מדרש, וואָס די פּרושים האַלטן זיך אין אים. און די טענות האָבן די אָרעמע שכנים אויסגעגאָסן אַפילו פאַר חנה־עטלען, דער בעקערין, דער יורשטע פון פּעסעלעס הויף. ווי זשע זאָל מען מגדל־זיין אונדזערע קינדער, אַז זיי האָבן נישט ווו צו וווינען? די לערנערס קענען גיין לערנען אין אַנדערע קלויזן פון שטאָט און פון דער קלויז אין אייגענעם הויף וואָלטן געקענט זיין וויפל דירהלעך. ס׳וואָלט געווען אַ מצווה פאַר גאָט ברוך־הוא און אַ פריידּ פאַר טאַטע־מאַמען ווי פאַר די קינדער וואָס האָבן זיך באמת האַלט! טאַקע, דער הויף האָט, ווערדליק די שכנים, אויך שוין אַ שטיקל חזקה. אָבער רעד און בעט, אַז די בעל־הביתטע וויל ליבערשט אָנהאַלטן די קלויז מיט די לערנערס, פאַר וועלכע זי האָט אַ פול מויל מיט לויב און אַ האַרץ מיט טיפן אָפּשיי. יאָ, סע באַווייזן זיך דאָ ייִדן מיט פּראָבלעמען און דאַגות. אָט קומט זבולון דער שניידער און זיין טעכטערל יענטעלע וואָס מיט איר „קורצן העלדזל און אויסגעטאָקטע הענטעלעך האָט זי געשטראַלט מיט איידעלער בלאַסקייט... אויסצוזען העכער, האָט זבולון דעם שניידערס טעכטערל געטראָגן טופל אויף הויכע קאָרקעס, נאָר זי האָט נאָך אַלץ אויסגעזען — אַ ברעקל״ (ז׳ 54).

אויך איר חתן, אָרעלע, איז געבוירן געוואָרן אין פּעסעלעס הויף... זיין טאַטע נוחקע טעפּער, איז גראָד געווען אַ בערשטער, נישט קיין טעפּער און געהאַט אַ געוועלבל פון באַרשטן, בעזעמער, לאַפּעטעס. „מ׳האָט

אים גערופן נוחקע שרייער, ווייל עפּעס אַ האָר, האָט ער געשריגן מיט אַ קול פון אַ בלעכערנער טרובע. דעריבער האָט מען זיך נישט געקענט אָפּוווּנדערן פון וואַנען ס׳קומט צו אים אַזאַ בחורל. אַרעלע האָט געהאַט אַ פּאָר טונקעלע זיסע אויגן, אַזעלכע זאַפטיק־פרישע ליפּן ווי ער וואָלט געבוירן געוואָרן אין אַ ווייַנגאָרטן, נישט ערגעץ אין אַ טוכלע שטיבל אין פּעסעלעס הויף. אַרעלע און יענטעלע אין איינעם האָבן אויסגעזען ווי צוויי טויבן מיט ראָזלעכע שנאָבלען אויף אַ געל מאָכיק דעכל״ (ז׳ 55).

אַ באַזונדער אינדזל צווישן דעם מענטשנוואָרג אין פּעסעלעס הויף איז דער כיראָמאַנט, וואָס אין אמתן איז ער אַ גלעזער, אַן אַלטער בחור, וואָס וווינט אין אַ שטיבל וואָס איז געבליבן נאָך זיינע פאַרשטאָרבענע טאַטע־מאַמע. ברוך־לייב וויטקינד איז פרום, האָט אַ „גרויסע וועקסענע״ נאָז און אַ פּאָר וואַסערדיקע אויגן. אַליין זיך אויסגעלערנט גלעזעריי, כדי נישט דאַרפן אָנקומען צו קיינעם פאַר זיין אויסקומעניש (אָבער לפי זיין תשוקה), זיך אויסגעלערנט פון ספרימלעך, האַלב אויף לשון־קודש, האַלב אויף עברי־טייטש חכמת־היד, ביז ער איז ביסלעכווייז מפורסם געוואָרן ווי אַ טרעפער... „אַרום עלף אויף דער נאַכט, די שכנים אויף די גאַניקעס אין פּעסעלעס הויף דערעסט דאָס פלוידערן, געגעצן זיי שלעפעריק און צעגייען זיך איבער די שטיבלעך. דעמאָלט שאָקלט זיך ברוך־לייב איבער אַ גמרא ווי עס רעדט זיך וועגן דער מחלוקת צווישן די חכמים, צי שטערן און מזלות זענען משפיע אויפן גורל פון מענטשן אָדער נישט. גראָד דעמאָלט דערוואַרט ער נישט קיין אורחים. צו זיין פאַרדרוס עפנט זיך די טיר און ס׳קומט אַריין זלאַטע־כאַשע פייגעלסאָן, די פּאַפּיראָסניצע. דאָך ווייזט ברוך־לייב נישט אַרויס אַז ער איז אומצופרידן. ער פאַרמאַכט די גמרא און פרעגט ביי דער ייִדענע וואָס ס׳מאַכט איר קראַנקער מאַן.. „ער הוסט אויס די לונגען״, בלייבט די פּאַפּיראָסניצע שטיין אים קעגנאיבער און זיפצט אויס מיט פאַראיבל: „וויפל איך זאָל נישט גיין צו אייך, ווילט איר מיר ניט זאָגן דעם אמת צי מיין מאַן וועט לעבן״. — איך האָב אייך שוין ניט איין מאָל געזאָגט (האָט ער געענטפערט), אַז איך בין ניט קיין נביא און ניט קיין דאָקטער. פון דעסטוועגן האָב איך אייך צוליב געטאָן און געקוקט אויף אייער מאַנס האַנט. וואָס קען איך אָבער העלפן ווען אַ מענטש איז איינגעמאַטערט, אויפגערעגט אָדער קראַנק, קען מען לויט די שטריכן אויף דער האַנט גאָרניט וויסן, ווי מען זעט ניט דעם וועג אין אַ נעפּל״ (66). אָבער די ייִדענע טרעט נישט אָפּ פון דעם טרעפער, זי איז בעת־מעשה אויסן עפּעס אַנדערש — אים צו געווינען

פאַר אַן אײדעם פאַר איר עלטערער טאָכטער, װעמען זי ליובט שטאַרק, אָבער אײנצײטיק רעדט זי אױס כל דבר אסור אױף אַנדערע ייִדישע מײדלעך. „פאַראַן פּרױיענצימערס, זאָגט זי אים, װאָס שטופּן זיך אַן מיט קישעלעך, זײ זאָלן קענען װײַזן אַ פּאַרנט און הינטן. אױף עלקען דער זאַקן־שטריקערקע מיטן גרױסן מױל, זאָגט מען, אַז זי האָט זיך מײדלװײַז אַרומגעלײגט מיט קישעלעך, איר חתן עוזרל באָס זאָל ניט דערקענען, אַז זי איז אַ דאַרע שדיכע. „הלמאי דאַרפט איר בײם ליובן אײער טאָכטער באַרײדן אַנדערע״, ערגערט זיך ברוך־לײב און נעמט אַרײנקוקן אין אַן אַנדערן קלענערן ספר, אַז די פּאַפּיראָסניצע זאָל װיסן, אַז זי שטערט אים. נאָר זלאַטע־כאַשע פּײגעלסאָן רירט זיך נישט פון אָרט, שטײט מיט בײדע הענט אױפן אײנגעפּאַלענעם בױך און ציט מיט די אַקסל: „װער באַרעדט? זאָל איר דאָס מױל אַהינטערשטײן, אױב זי באַרעדט עמעצן. בלױז אים ברוך־לײבן האָט זי אין זינען. זי איז צו אים װי אַ מאַמע. איר איז אַ האַרצװײטיאָג צו װיסן, אַז ער װאַלגערט זיך אײנער אַלײן. װען ער װעט אַרײַננעמען אַ װײַב, װעט זײַן װער עס זאָל האַלטן רײן די שטוב, אים פאַרריכטן אַ בגד און אָפּהיטן ער זאָל זיך ניט שפּײַזן מיט טרוקנס... ער דאַרף האָבן אַ קלוג, געטרײַ װײַב, װעט ער דורך זײַן קענטעניש מאַכן אַ פאַרמעגן״ (ז׳ 67).

דער כיראַמאַנט איז אױך אַן אַטראַקטיװער טיפּ טאַקע אַנטקעגן דער כיטרער ייִדענע, װאָס װיל אים אײנשלײערן אײנע פון אירע טעכטער. דער קראַנקער מאַן איז נאָר אַ תירוץ אַרײנצוגײן צו אים אין דער שפּעטער נאַכט־שעה װען פּעסעלעס הױף שלאָפט שױן. נישט װײניקער פאַרביק איז דער שטײנקריצער לײבעלע באַלטראַמאַנצער, װאָס אין שמועס מיט אַליקום פּאַפּ לײגט ער אַרױס זײַן גאַנצע פילאָסאָפיע בנוגע דעם תוך פון דעם מענטשנס האַנדלונגען. „אױף די אַלטע מצבות אױפן זאַרעטשער בית עולם זאָגט זיך אַז אַ פרוי איז געװען אַ רביצן אָדער אַ גבירטע, װאָס האָט געטײלט צדקה. אױף אַ מאַנצביל זאָגט זיך, אַז ער איז געװען אַ רב און געשריבן ספרים, בעת אױף לײבעלע באַלטראַמאַנצערס מצבה זאָגט זיך גאָרנישט אױסער געבױרן און געשטאָרבן. און װאָס איז אין מיטן טאַקע, װאָס איז דאָ אין מיטן צװישן געבױרן און שטאַרבן? אױסער אַ גוט ביסל בראָנפן איז אין מיטן גאָר נישטאָ, זאָגט דער שטײנקריצער און שװערט זיך אָפּ, אַז די גוטע יאָר זאָל ער האָבן װיפל ליגנס ס׳זענען אָנגעשריבן אױך אױף די אַלטע, פרומע מצבות... אױף אַלע מצבות אין די אַלטע צײַטן איז אמת בלױז דאָס ערשטע װאָרט, דער פּ״נ, דער פּה

נקבר, אַז דער מענטש איז געשטאָרבן און ליגט אין דער ערד" (ז' 42). ערשט ווו איז דער שירווינטער מלמד ר' טעוועלע אַגרעס, דער פּאַר־ביסענער שונא פון די מאָדערנע חדר מתוקנס? אַזוי אויך די אַנדערע געשטאַלטן וואָס גראַדע נעמט זיי אַריין אין דער ראָם פון זיין נאָוועלע, אָבער אליקום פּאָפּ איז דער אַנזעעוודיקסטער עלעמענט פון דער פּאַר־כאַפּנדיקער נאַראַציע.

אליקום פּאָפּ פאַרנעמט אַ לייבנטייל פון גראַדעס ווערק. נישט נאָר די לייט פון פּעסעלעס קלויז און אירע שכנים רעפלעקטירן אויף אים, נייערט אויך זיין ווייב מאַטלע. זי איז געווען „אַ פּאַרקויפּערקע אין גרויפּן־געוועלבל, אַ בלאַסע יתומה, וואָס האָט נאָך מיידלוויז געטראָגן אַ טיכל אויפן קאָפּ, עלעהיי זי וואָלט געבוירן געוואָרן אַ חתונה־געהאַטע". ער לאָזט אַגב נישט אַרויס דעם פּענדזל פון האַנט און מאָלט זי אין דעטאַלן; „אויף צומאָרגנס נאָך דער חופּה האָט שוין מאַטלע אויסגעזען אַ פאַרדאַגהטע מאַמע פון עטלעכע עופעלעך — און דורך דריי יאָר האָט זי טאַקע געבוירן דריי בלאַסע מיידעלעך... אליקום פּאָפּ האָט געווינט אויפן ווילנער גאונס גאַס אין אַ האַלבן קעלער, ווו אַ העלפט פון דער דירה האָט פאַרנומען דער וואַרשטאַט" (ז' 9).

אליקום פּאָפּ ווי זיין ווייב זענען אונטער גראַדעס פּען אַרויסגעקומען אין אַ בולטער רעמבראַנדישער פּלאַסטישקייט, אין אַ געמעל וואָס קריצט זיך אַריין אין זכרון. מחמת דעם מאַנס אָפּגעבן זיך דער אַרבעט, וואָס האָט געמינערט די חיונה פאַר דער משפּחה, האָט מאַטלע אי געליטן עגמת־נפש, אי געמוזט הערן חוזק־רייד קעגן איר מאַן, למאי אַ באַיאָרטער ייִד פאַרנעמט זיך „מיט אַזעלכע שפּילערייען". און האָט אַ קונד אויפגעהויבן פון די סטרוזשקעס אין וואַרשטאַט אַ נישט־פאַרענדיקטע שניצערייַ, האָט ער איר געלאַכט אין פּנים אַריין: „דאָס איז אַ לייבעלע? ס'איז אַ ים־קאַטער מיט וואָנצעס". זי'ט זיך פון דעסטוועגן געווערט קעגן דעם חוזק: „און אַ מאַן אַ שיכור איז בעסער, אַ קאָרטן־שפּילער איז בעסער?" (ז' 10). יאָ, אליקום פּאָפּ איז אַ מענטש מיט כאַראַקטער. פירגענומען זיך עפּעס אויפ־צוטאָן, טוט ער ס'זייניקע. און זענען זיינע שניצערייען סוף כל סוף אַרויס־געקומען „פּאַרטיקע לייבעלעך מיט אַ גופל און פיר לאַפּקעס, האָט זיך אויך ס'ווייב געחידושט: פון וואַנען קען דאָס איר מאַן? די אַנדערע סטאָליערעס האַלטן דאָך אים פאַר אַ גולם און רופן אים יאַקעם־בעמבע?" (דאָרט). אָבער אליקום דער שניצער האָט נישט געהאַט קיין הצלחה. אָוועקגעטראָגן די פּאַרטיקע לייבעלעך אין אַ בית־מדרש ווו זיי זענען שוין

געפעלן געוואָרן, האָט גראָד ער אַרויסגעוויזן אַ קליינעם חסרון. דהיינו, ער האָט געפרעגט ווער עס וועט אים באַצאָלן פאַר דער מלאכה וואָס ער האָט אַריינגעלייגט אין דעם? ער וואָלט, אמת, זיך באַגנוגנט מיט אַ שיבוש פון צען זלאָטעס, אָבער דער שמש האָט אים אָפּגעצוואָגן מיט אַ קאַלט געלעכטער: „צען זלאָטעס? פאַר אַזוי פיל געלט וואָלט מע דאָך געקאָנט קויפן מי יודע וויפל האָלץ אויף ווינטער". סוף־כל־סוף איז דער שניצער אַוועק מיטן ליידיקן און נאָך אַן אויסגעשפּעטער. ער האָט אַפילו שוין געוואָלט לאָזן די לייבעלעך אומזיסט, אַבי מ׳זאָל לאָזן איינקריצן אין זיי זיין נאָמען „און פּטור אַן עסק", האָט מען אים פון ס׳ניי אויסגעלאַכט: „— ווער זייט איר, דער באַנקיר בונימאָוויטש, מען זאָל אייער נאָמען איינקריצן אין אונדזער בית־מדרש, און נאָך אין דער הייך איבערן אָרון־קודש ווילט זיך דעם גלאָמפּ!" (ז׳ 15).

נישט געקוקט אויפן דורכפאַל, האָט די מאַנקאָליע אים ווידער געפירט מיט אַן אינעווייניקדיקן כוח. נאָך לאַנגע טעג זעגן, הובלען ברעטער אין זיין וואַרשטאַט, האָט ער ווידער גענומען בלאָנקען איבער ווילנער קלויזן. לסוף דערשמעקט חנה־עטל פּעסעלעס קלויז האָט ער „זיך אַריינגעשטעלט — אַ לאַנגער, דאַר און טרוקן ווי דער שטעקן פון אַ פּאַמעלע. ער׳ט נאָך אין לעבן ניט געזען אַ בית־מדרש זאָל זיין אַזוי חרוב ונחרב. דער סטאָליער האָט זיך אַרומגעקוקט מיט אַ פּאָר־הונגעריקע אויגן, דער אָטעם האָט אים פאַרכאַפּט פון חשק צו בויען און פאַרריכטן. ווי אויף באַזונדערע אינדזלען, ווייט איינער פון צווייטן, זענען יידן געזעסן פאַרשפּינטע אין שוויגעניש... דער ווערזשבעלאָווער פּרוש האָט זיך אַרומגעדרייט אַרום זיך אַליין און גערעדט צו זיך אַליין מיט די הענט. ס׳האָט אויסגעזען ווי ער וואָלט זיך געקריגט מיט זיך אַליין און באַלד זיך איבערגעבעטן מיט זיך גופא. אליקום פּאַפּ איז צו אים צוגעגאַנגען: מען דאַרף דאָ אַלץ פאַרריכטן. אַלץ איז דאָ חרוב ווי אין בית־מקדש. איך בין אַ סטאָליער. איך וועל אַרבעטן ביליק. און ווער זייט איר, דער שמש? ר׳ דוד־אהרן האַכגעשטאָלט האָט אַזש אויפגעצאַפּלט... אוי וואַבוי, אויב אַ מענטש פון גאַס רעדט צו אים מיט אַזאַ העזה. און ווער איז שולדיק? אַלץ זי די מאַרק־יידענע, וואָס איז עלטער פון אים מיט צוואַנציק יאָר און וויל נישט נעמען פון אים אַ גט. דער פּרוש האָט זיך צום סטאָליער געשטעלט מיט אַ זייט און אים געענטפערט איבערן אַקסל: — דאָ איז אַ בית־מדרש אָן אַ שמש, אָן גבאים און אָן בעלי־בתים. מען דאַרף דאָ גאָרנישט פאַרריכטן. און אַז מע וועט פאַרריכטן וועט מע ניט באַצאָלן... דערזען אַז ער האָט

פֿאַר זיך אַ גרויסהאַלטער אין אַן אויסגעריבענעם סורדוט, האָט ער זיך פֿון גרויסהאַלטער אָפּגעדרייט און זיך געלאָזט גיין צו אַן אַנדער ייִדן אין אַן אַנדער ווינקל פֿון בית־מדרש... כאָטש אַ בלינדער האָט ר׳ מאַנוש מאַץ גריילעך פֿאַרשטאַנען וועגן וואָס עס האַנדלט זיך און ער האָט גענומען מגידיש, ווי ס׳איז זיין שטייגער, אויסטייטשן פֿאַר די אַרומיקע דעם מיין פֿון דער שניצעריי: „אין דער הייליקער תורה שטייט געשריבן, זה אלי ואנוהו. זאָגן אויף דעם אונדזערע חכמים אַז מען דאַרף דעם אייבערשטן דינען מיט שיינע זאַכן, מיט אַ שיינעם אתרוג, מיט אַ מזוזה אויף אַ זילבערן שיידל״ — — און האָט דער שניצער געפֿרעגט: און ווער וועט מיר באַצאָלן פֿאַר מיין אַרבעט? האָט אויף דעם דער מגיד נישט געוווּסט וואָס צו ענטפֿערן. און באמת: ווער צאָלט אים פֿאַר זיינע דרשות? מ׳האָט הנאה פֿון מיינע דרשות, טראַכט ער. אָבער אינטערעסירט וועמען צי ער האָט דעם טאָג איבערצולעבן? פֿון דעסטוועגן צערעדט ער זיך ביי נייס מיט אַ זיסן מגידישן ניגון, אַז אויך די כלי־זמר פֿון מלך דוד, עליו השלום, די האַרפֿן און די פֿלייטן זענען נישט סתם צוליב שיינקייט און שיינע קאָלירן אויסגעמאָלט אויף די ווענט און סופיטן פֿון קלויזן. זיי זענען נייערט כדי אונדז צו דערמאָנען אַז מיר האָבן געהאַט אַ בית־מקדש מיט לויים צו זינגען און שפּילן. דאַרפֿן מיר תשובה טאָן אויף אונדזערע זינד, וואָס האָבן חרוב געמאַכט דעם בית־מקדש... מיט אַנדערע ייִדן האָט אליקום פּאַפּ איצט נישט קיין צייט און געדולד צו רעדן. ער איילט זיך אַהיים מיט גרויסע פּלענער אין קאָפּ, קומט אַריין אַ פּאַרסאָפּעטער און דערציילט מאַטלען אַז ער ווערט בעל־הבית פֿון קלויז אין פּעסעלעס הויף. דאָרט איז דאָ אַ וועלט מיט אַרבעט אויסצופּאַרטיקן און פֿאַרפּוצן, און דאָרט וועט אים קיינער ניט קיין דעה זאָגן. מאַטלע פֿאַרברעכט די הענט: ווי אַזוי קען ער אָפּגעבן די גאַנצע צייט אויסצופּאַרריכטן אַ בית־מדרש, ער האָט דאָך צו שפּייזן אַ ווייב מיט קינדער? שטענדיק רעדט צו איר אליקום קורץ און מיט געבייזער; דאָס מאָל קאַרגט ער נישט קיין ווערטער און רעדט ווייך, אַז פֿאַר איר מיט די קינדער וועט ער האָרעווען ווי אַ פֿערד און פֿאַר פּעסעלעס קלויז וועט ער אַרבעטן אין דער פֿרייער צייט. ס׳וועט נאָך קומען אַ טאָג און אין שטומען מנין וועלן דאַוונען די שענסטע בעלי־בתים פֿון שטאָט. דער מאַן ציט אויס צום ווייב אַ לאַנגן, האַרטן פֿינגער: „זאָלסט ניט זיין קעגן, הערסט ייִדענע!״ (זז׳ 20—24).

אַוודאי איז זי נישט געווען קעגן, ווי באַלד ער וועט זאָרגן אי פֿאַר דער משפּחה אי פֿאַרן בית־מדרש, ווו ער וועט אַרבעטן אין דער פֿרייער צייט.

אַרויספאַרענדיקט אַ באַשטעלונג — אַ פּאָר ווייסע קיטשישן, מאַטלען אָוועקגעגעבן דאָס פּאָרדינגסט, באַלאָדנט מיט אַ קעסטל געצייג און עטלעכע ברעטער און איז אַוועק אין שטומען מנין פּאַרריכטן קודם כל די צעבראָכענע טרעפּלעך פון דער בימה. „ער האָט אויף קיינעם נישט געקוקט אין קלויז — אַזוי האָט ער געדאַרשט און געפיבערט זיך צו נעמען צו דער מלאכה. אָבער גלייך ווי ער האָט גענומען אָפּרייסן אַ צעפוילט טרעפּל... האָט דער ווערזשבעלאָווער אַ שפּרונג געטאָן פון זיין ווינקל ווי אַ געביסענער. שרייען איז דעם ר׳ אהרן־דוד ניט אָנגעשטאַנען, האָט ער זיך געקאָכט אין דער שטיל: אַזוינס איז נאָך ניט געהערט געוואָרן זינט ער זיצט דאָ אין בית־מדרש קרוב צו צוואַנציק יאָר! אין דער רגע האָט דער סטאָליער פון דער בימה אָפּגעריסן אַן אַלט טרעפּל. אַ וואָלקן שטויב, געמישט מיט ערד און שפּענדלעך האָט אַ שפּריץ געטאָן אויפן ווערזשבעלאָווער פּרוש. — „פּראָסטאַק!" האָט ר׳ אהרן־דוד אַזש געציטערט פון אויפרעגונג. — אויב איר זענט אַזוי איידל געבאַקן, טאָ נעמט אַ בעזעם און קערט אויס דאָס מיסט וואָס איר האָט דורך 20 יאָר דאָ אָנגעטראָגן!" (25).

פּאַרעקשנט אויסצופירן ס׳זייניקע האָט אליקום פּאַפּ געהאַט געגוג אויסצושטיין ביז ער׳ט פאַרענדיקט זיין פּריוויליק גענומענע מיסיע אויפצופרישן די קלויז וואָס אין איר זענען געזעסן אַ צאָל פּרושים, און איטלעכער מיט זיין גורלדיקן פּעקל דאגות און חלומות, וואָס זענען געקראָכן אין קאָפּ אַריין. אַחוץ דעם ווערזשבעלאָווער וואָס טראַכט כסדר וועגן זיין ווייב, וועלכע ער׳ט געלאָזן אין קאָוונער ליטע און זי וויל אים נישט געבן קיין גט כדי ער זאָל קענען חתונה־האָבן מיט דער בעל־הביתטע פונעם הויף ווו עס געפינט זיך דער שטומער מנין, אַ הויף וואָס איז באַזעצט מיט אָרעמע משפּחות, וואָס קוקן אַרויס אַז די בעל־הביתטע זאָל צעטרייבן דעם שטומען מנין און פון דעם בית־מדרש אויפבויען שטיבלעך ווו מ׳זאָל קענען אַריינזעצן די אונטערגעוואָקסענע קינדער וואָס דאַרפן שוין חתונה האָבן. דער דוחק אין דירות איז די איינציקע מניעה אין דעם וואָס טאַטע־מאַמע קענען נישט אויסגעבן זייערע מיידלעך וואָס האָבן שוין חתנים. די פּרושים פון שטומען מנין זענען דעריבער אַ דאָרן אין אויג פון די אָרעמעלייט, די בעל הביתטע וויל נישט הערן פון צעטרייבן דעם שטומען מנין. זי איז אַ פרומע און אַ ווייכהאַרציקע. איר איז טייער די ירושה פון דער מאַמען וואָס האָט געהאַט גרויס אָפּשיי פאַר די איידעלע ייִדן וואָס לערנען תורה. אויך זי, חנה־עטל, קוקט אויף די לערנערס מיט דרך ארץ און העלפט זיי יעדן ערב שבת מיט חלות. מער האַרצוויייטיק האָט

זי ווען עס קומט אַריין צו איר אין בעקעריי דער צעמישטער אונגאַרישער רב, וואָס האָט אין מהומה פאַרלוירן זיין ווייב און קינדער, און ר׳ווייסט נישט געננוי ווו ער האָט זיי געלאָזן, אין פּרעשבורג צי אין בערלין. באַווייזט ער זיך פּרייטיק אויף איר שוועל, ציטערט גאַר דאָס האַרץ ביי דער בעל־הביתטע. „מיט דער לינקער האַנט דריקט ער צום האַרצן אַ דיק בוך פון צונויפגעגנייטע העפטן. ס׳איז דער ספר וואָס דער אונגאַרישער רב שרייבט קעגן די שונאי ישראל פון בערלין. יעדן פּרייטיק קומט ער אַריין צו דער ברויט־בעקערין און זי נייט צו אַ ניי העפט פּאַפּיר צום דיקן בוך פון די פריִערדיקע צונויפגענייטע העפטן. אויף קיינעם פון אירע כּרושים רייסט נישט חנה־עטלען אַזוי דאָס האַרץ ווי אויף אָט דעם פרעמדן, צערודערטן ייִדן מיטן שיינעם הדרת־פּנים און די גרויסע טרויעריקע אויגן. זי קען אַ וואָרט ניט איבערלייענען פון זיין כתב־יד אין לשון־קודש. צייטנווייז פאַרשטייט זי אַפילו נישט וואָס ער רעדט צו איר אין ייִדיש. זי ווייסט אָבער אַז ער איז אַ געלערנטער און איידעלער ייִד וואָס איז געבעך צעמישט געוואָרן פון די צרות... ר׳ משולם טוט נישט קיין בליק אויפן זעקל מיט די באַקומענע חלות, נעמט אָבער נישט אַראָפּ די אויגן־פון דער בעל־הביתטעס פינגער בעת זי ציט דורך אַ נאָדל־פאָדעם דורך די נייע זייטלעך נישט־באַשריבן פּאַפּיר. זי נייט און ער רעדט ווי אין פיבער. „נאָך איין מכה וועל איך אָנשיקן אויפן פּרעה פון בערלין און אים מאַכן שטום...״ (ז׳ 29). גייט אַוועק פון דער בעקעריי דער אונגאַרישער רב, בלייבט חנה־עטל זיצן פאַראומערט ביז ס׳קומט אַריין ר׳ מאַנוש מאַץ, דער בלינדער מגיד וואָס „לעבט פון נדבות, גייט אָנגעטאָן קרוע־בלוע און אַ שטעקן איז זיין וועגווייזער, דאָך האָט ער פאַר יעדן אַ גוט וואָרט און חנה־עטל בייטיקט זיך איצט אין אַ טרייסטוואָרט... חנה־עטל איז אַזוי גערירט פון סגי־נהורס טרייסטווערטער אַז אין איינעם מיט די חלות גיט זי אים אויך צוויי ליכט אויף ליכטבענטשן. אָבער נישט נאָר די בלינדקייט איז די פּערזענלעכע דראַמע פון ר׳ מאַנוש דעם מגיד. ער האָט געהאָדעוועט ביי זיך אַ פלימעניקל, סענדערלען, געפירט אים אויפן דרך הישר פון ערלעכער ייִדישקייט און דאָס ייִנגעלע איז אים געוואָרן אַ האַנט אין זיין עלנט — ר׳האָט אים געפירט אין דער קברנישער קלויז לערנען מיט ייִדן משניות, און געלערנט האָט ער אויסנווייניק, וואָרן ער איז געבענטשט מיט אַ גוטן זכרון. איז אָבער געקומען דער „חבר העננך בעגגיס וואָס האָט מער געהאַלטן פון דער וועלטלעכער אויפגעקלערטקייט ביי ייִדן, זיך אָפּגעגעבן מיט דער ייִדישער שול, ווו זיין טאַכטער, שוין אַ פאַר־

עלטערט מיידל, איז געווען די לערערקע, וואָס האָט זיך שטאַרק איבער־געגעבן דער דערציִונג פון קליינוואַרג. סענדערל איז געוואָרן אומגעריכט, נישט מיט זיין גוטן ווילן, פאַרקאַכט אין דער ייִדישער שול און האָט פאַרלאָזן דעם געטרייען, בלינדן פעטער ר׳ מאַנוש. דער בלינדער מגיד האָט שטאַרק געטרויערט אויפן פאַרלירן סענדערלען אָבער ווידער זיך געספּראַוועט מיט זיין בלינדקייט צו גלייך ווי מיט זיין פרומקייט.

...חבר הענעך בענגיס איז אויך אַן איינוווינער אין אַ בוידעמשטיבל אין פּעסעלעס הויף. פּייע, זיין טאָכטער, די לערערין פון זינגען און טאַנצן אין דער ייִדישער שול, פירט אויך די קינדער שפּאַצירן אין וואַלד און פעלד. ווען די שול איז געשלאָסן, הערט נישט אויף פּייע זינגען אין בוידעמשטיבל, ווי אויף להכעיס די פרומע פּרושים וואָס שטומען ביי די ספרים אין בית־מדרש קעגנאיבער אירע פענצטער. אין דער זעלבער צייט ווען די טאָכטער אַרבעט נישט און זינגט אַרונטער אין פּעסעלעס הויף, לויפט דער טאַטע אין די קלאַסצימערן פון דער ייִדישער שול פאַר־ריכטן די צעבראָכענע בענק, די וואַנטטאָוולען, די צעטראָסקעטע אַלמערס... און חבר הענעך האָט בנוגע פּעסעלעס קלויז געהאַט זיין אייגענעם שטאַנד־פּונקט: „מען זאָל פוןביידע העלפטן קלויז, פאַר מאַנסלייט און ווייבער, איבערבויען אַ ייִדיש־וועלטלעכע שול. פאַר וואָס זאָלן אין ווילנע זיין הונדערט און צען קלויזן פאַר בטלנים און אונדזער יונגער דור זאָל זיך שטיקן אין ענגע שול־בנינים״ (ז״ז 101—102)? אַן „אַקטועלער״ טיפּ איז דער דאָזיקער חבר הענעך, וואָס ווייסט ווי אַזוי צו מאַכן פּאָליטיק כדי נישט פאַרלירן תלמידים פאַר דער ייִדישער שול. ער האָט געזאָגט די לייט וואָס האָבן זיך אַגומלט אַרומגעשטעלט אַרום אים, אַז „די אַרעמשאַפט וואָס לערנט אין אונדזער שול, וועט אונדז געדענקען מיט ליבשאַפט; דערפאַר וואָס מיר העלפן אונדזערע שילערס צו זיין קינדער אין זייער קינדערשן עלטער, וועלן זיי זיין דערוואַקסן אין די דערוואַקסענע יאָרן. אָבער דער חדר האָט די קינדער געצוווּנגען זיך אויפצופירן ווי אַלטע לייט...״ (דאָרט). אַ טיפּ, אַן אַדורכגעפאַלענער אין זיין וועלטלעכקייט איז, פאַר־קערט, דער לערער אליהו־אַלטער קלונימוס וואָס האָט דווקא יאָ פאַר־בלאָנדזשעט אין שטומען מנין, ווו ער האָט זיך געלערנט „צו זיין אַ שטומער״ און אויפן הימלבלוי האָט ער געקוקט ווי ער וואָלט פון די הייכן זיך געלערנט שווייגן. ער גליבט מער נישט אין די באַפליגלטע מליצות וועגן דער ברידערלעכקייט צווישן דער ייִדישער און נישט ייִדישער אַרבעטערשאַפט... די היינטיקע וועלטלעכע שטאָלצע ייִדן (זאָגט ער) וואַרפן

זיך נישט מער צו די פיס פון אַמאַליקן פריץ, נאָר אין די אָרעמס פון זיין פּאַרובאַק. און אַפילו דער פּאַרובאַק שטויסט זיי אָפּ פון זיך (ז׳ 106).

איטלעכער פון די פּערסאָנאַזשן וואָס גראַדע פירט אַרויס איז אין ממשות אַ העלד פון דער דראַמע, וואָס שפּילט זיין ראָל אויף זיין אייגענעם אופן. עזרל באָס און זיין ווייב, עלקע די זאָקן־שטריקערקע איז אַ באַזונדער וועלט אין פעסעלעס הויף, די פּאַרקערפּערערס פון די סאַמע אונטערשטע שיכטן פון פאָלק. פון זיי רעדט אַרויס די פּרימיטיווקייט, פּונקט ווי פון די מיידלעך און ייִנגלעך פון די פּראָסטאַצקע טאַטע־מאַמע וואָס האָדעווען זיך אין די אָרעמע געסקעס. דער שטומער מנין איז אָבער גאָר אַן אַנדערע אַטמאָספער וואָס באַדינגט דאָס וואַקסן פון אַ פאַרשיידן אַנדערן טיפּאַזש און זיין וועלטבאַנעם. אַן אויסנעמלעכער טיפּ איז, למשל, אויך דער שירווינטער מלמד ר׳ טעוועלע אַגרעס. זיין „אידעאָלאָגיע״ דיקטירט אים צו טראָגן אַ בייז האַרץ קעגן דעם חדר מתוקן. „ר׳ טעוועלע איז אַריבער די אַכציק, ער האָט נאָך אַ רויטע צורה וואָס שפּריצט מיט כעס און צעשרייט זיך ביי אַ ליאַדע וואָס. ר׳ טעוועלע פירט נאָך ביז איצטער זיין מחלוקת פון פאַר פערציק יאָר קעגן די מלמדים וואָס האָבן געקעמט די בערד, געטראָגן שבת און יום־טוב צילינדערס, געלערנט מיט די קינדער תנ״ך, דיקדוק און געהאַלטן מיט די חובבי ציון... זייער דאָקטער הערצל האָט דאָך אַ טרייפע באָרד (ז״ז 77—78).

אָבער נישט בלויז מיט פּרושים און זייערע באַזונדערע וועלטעלעך איז אָנגעזעטיקט די לאַנדשאַפט פון שטומען מנין. למשל אליקום פּאַפּ, וואָס האָט זיך מיט דער צייט דערקלערט פאַרן ראש וראשון וואָס פירט אָן מיט דער קלויז, איז חס ושלום אויך נישט געגנוג פרום. ער איז נאָר אַ בעל־מלאכה וואָס גייט ערלעך אין גאָטס זועגן. אין געזעמל דאַוונערס אינעם שטומען מנין האָט זיך אויך אַריינגעפּאַסט אַזאַ ווי דער האָלץ־סוחר ירחמיאל סעוועק, וואָס האָט געליטן הלמאי זיין זון האָט גענומען אַ ווייב אַ שיקסע. ער האָט געהיט טראַדיציע, געגאַנגען דאַווענען און געהאָלפן אויפהאַלטן דעם שטומען מנין מיט האָלץ צו הייצן, געגעבן דעם סטאָליער געגנוג ברעטער און קלעצלעך צו פאַרריכטן די קלויז. דערצו האָט אויך, אַזוי צו זאָגן, אַ בלוטסטראָפּן אַריינגעטריפט אין דעם געזעמל מתפללים. אין סאַמע יום־הדין האָט אַהין זיך אַריינגעריסן אַ משפחה אונטערוועלטניקעס, ראובע דער טאַטע, אַ ייִד אַ גביר מיט „אַ קול פון אַ קלויסטער־גלאָק, מיט אַ רויטן געפּאַלדעוועטן קאַרק, מיט אַן אָנגעזויפּטער צורה און אַ פּאָר אייזערנע ידיים״. (ז׳ 132). דער אַ ראובע איז געקומען שפּילן פרומקייט

אין שטומען מנין צוזאַמען מיט זיין כאַפּטע זין און דעם גוטן ברודער עוזרל באַס. און האָט דער ראובע דורכויס געוואָלט עולה לתורה זיין אין הייליקן טאָג ווי אַן אָדם חשוב, האָט אליקום פּאַפּ, געהילט אין טלית, מעשה גבאי זיך פּאַרמאַסטן אים נישט צולאָזן צו דער תורה. אַפילו נישט געלאָזן שלאָגן אים אין געלט אַריין מיט וואָס דער ראובע האָט געטריבן דעם מקח. ס׳איז שיער נישט געקומען צו פּעטש, אָבער ירחמיאל סעוועק האָט דאָס פייער פּאַרלאָשן מיט קלוגשאַפט. ער׳ט געקויפט די עליה, צו וועלכער ס׳איז געווען להוט דער אונטערוועלטניק. „די פּתיחה איז אייערע, האָט דער האַלץ־סוחר זיך געווענדט צום כוח־גייער, גייט עפענען דעם אָרון־קודש. „ראובע דער טאַטע האָט אויפן האַלץ־סוחר אַ גלאָץ געטאָן מיט אַ פּאָר הייסע, ביר־ברוינע אויגן און זיך געלאָזט גיין. פון הינטן איז אים נאָכגעגאַנגען דער קורצער עוזרל באַס אי פּאָר אַ שמירה, אי כדי צו זיין נעענטער צו דער גרויסער מצוה — —״ (ז׳ 139).

*

ס׳איז נישט שייך אויסצושעפּן די אייגנשאַפטן, די באַזונדערע אַקצענטן, מיט וועלכע חיים גראַדע הייבט אַרויס די באַזונדערע טיפן פון זיין ווערק, וואָס איז כלומרשט אַנגעצילט אויף איין קליינעם ווינקל פון ירושלים דליטא. אין דער אונטערשטער שורה איז „דער שטומער מנין״ אַ מעלאַנזש פון ציכטיק־באַדאַכטער בעלעטריסטיק וואָס איז אידעיִש פּאַרטראַכט ווי אַ פּאַרטיפטער אַריינבליק אין די גייסטע קאַרקברעכערישע געשעענישן וואָס גראָבן אומדערוואַרט טראַנשייען פאַר דער געשיכטע פון אונדזער צערודערטן יידישן דור. טאַקע דער שטומער מנין סימבאַליזירט, ניין, ער פּאַרקערפּערט אויפן גרונט פון דער געוועזענער ווילנער סביבה, פונעם צונויפזאַמל פון אומדורכשניטלעכע פּאַלקסטיפּן און עלנטע תלמידי־חכמים, דעם טראַגיזם פון יידישן קהל אין אַ צייט פון היסטאָרישן איבערבראָך. דער מעלאַנזש אין דער שפּראַך פון קינסטלערישע צייכענונגען און בילדער איז מכוון צו געבן דעם אָנזאָג פון דער מעגלעכער פּערספּעקטיוו וואָס די נאָענטע צוקונפט איז קאַפּאַבל פונאַנדערצובויען פאַרן יידישן לעבן אויף אַ באָדן וואָס איז פּאַקטיש פרעמד, כאָטש יידן האָבן אים במשך דורות פּאַראייגנט מיט זייער כוח און מוח. אין דעם זין דערמאָנט חיים גראַדעס טיף־אָטעמדיקע, קערניקע עפּיק אין די מייסטערס פון דער נאָוועלע אין דער גרויסער וועלט, פון דעם שניט האַמסון און גאָרקי. געוויס, גראַדע אָקערט מיט התמדה. נאָר דאָס יידיש־פּאָלקישע פעלד, הייבט אַרויס פון זיין שויס פּאַרזונקענע קאָרטשעס. אין אונדזער קינסט־

לערישער פּראָזע קען מען דערהערן אין גראַדעס נאָוועלע, אין זיין נוסח, אַן עכאָ פון בערגעלסאָנישן דמות. די קאָנדענסירטע בילדערישקייט, אַ באַזירטע אויפן פּסיכאָלאָגישן פּייסאַזש פון מענטש־דערקענטעניש, צו מאָל אויך אַ שפּור פון בערגעלסאָנישן סקעפּסיס וואָס זענען אייגן גראַדעס געשטאַלטן. אַוודאי זענען מיר נישט אויסן קיין פאַרגלייכן צווישן די מייסטערס, שוין בלויז דערפאַר, ווייל יעדער פון זיי קומט מיט אַ פאַרשיידן אַנדערן וועלטבאַנעם, ממילא מיט דער באַזונדערקייט פונעם געמיט. דערצו קומט חיים גראַדע אויך מיט אַן אַנדערן וועג און אין אַן אַנדערער צייט, וועלכע האָט מיט אכזריותדיקער האַרטקייט געלייגט דעם חותם אויף זיין דור. „דער שטומער מנין״* קען דערפאַר, אין אַ געוויסן זין, באַטראַכט ווערן ווי אַ פּרעלודיע צו אַ פאַרנצמיקער עפּישער לאַנדשאַפט פון דער תקופה, וועלכע ליגט נאָך אינעם נישט־דערגאַנגענעם עתיד פון די הויפּט־געשטאַלטן פון דער קלויז אין פּעסעלעס הויף, וועלכע חיים גראַדע שילדערט אין זיין וואָגיקן ווערק, וואָס איז אגב איינדרוקספול אילוסטרירט פונעם באַדייטנדיקן ישראלישן קינסטלער אַלכסנדר באָגען, אויך אַ געוועזענער תושב פון דער פאַרשניטענער ירושלים דליטא.

.1977

* „דער שטומער מנין״, דערציילונגען, פאַרלאַג ברידער שולזינגער; ניו־יאָרק; 1976.

אברהם סוצקעווערס ליריק

ס׳איז מערקווערדיק מיט אברהם סוצקעווערן, דעם וואָרטצויבערער אין דער יִדיש־פּאָעזיע: סיי ער איז אײַנמאָליק אין זײַנע פּנימיותדיקע געמעלן וואָס ענדערן זיך אַלע מאָל כּפי עס צעשטראַלט זיך דער הימל איבער אונדזער טאָג אָדער עס רוקט אָן אַ שווערע כמאַרע, ווען ס׳טונקלט זיך דאָס געמיט און סיי ער איז אײַנגעשטעלט אויף אייביקייט־מאָטיוון וואָס צעוואַרעמען זײַן שאַפערישע אינספּיראַציע. געוויס מוז עס אַזוי זײַן, מחמת ער לעבט נישט אויף אַ וואָלקן, דער דיכטער אברהם סוצקעווער. דאָס ווונדערלעכע פון זײַנע געמיט־פאַרענדערונגען מאַניפעסטירן זיך דערעיקרשט אין דעם ווי אַזוי ער אַנטפּלעקט זיך אין אָט די שינויים. דער תּירוץ דערויף איז, פאַרשטייט זיך, אַן אויבנאויפיקער: די רויע וואָר איז כּידוע אים געווען גאָר אַ האַרטע שול, וועלכע האָט אים דערבראַכט צו אַ באַזונדערש אַנדערן, גאָר אַ נײַעם באַנעם פון די דערשײַנונגען וואָס דער גראָער טאָג רוקט אַרויס מיט האַמעטנע לאַפּעס. יאָ, דער גרויסער בעל־נסיון סוצקעווער האָט על־פּי נס און אפשר מער על־פּי גליק פון דעם קינסטלערישן יִדישן ליד, מיט זײַן אייגנטימלעכן אינטעלעקטועלן כּוח דערפירט צו אַ גרונטיקער באַנײַונג פון דער יִדישער פּאָעטישער לעקסיק און בילד־אויסדרוק. אָבער דאָס מהותדיקע אין דער דאָזיקער באַנײַונג איז דער אומאָפּפרעגלעכער פאַקט, וואָס די סוצקעווערישע אויסדרוק־מיטלען — די ריטמיק, די גראַמען און די פאָרעם־געשטאַלטיקונג פון זײַן שאַפן — זענען אייַנציקאַרטיק; אויך זײַן רעפלעקטירנדיקע לאַנדשאַפט־לעכקייט פונעם גאָרן קאָמפּלעקס ליד צי פּאָעמע ביי אים איז גאָר־גאָר רייך אין דער ניואַנסירונג פונעם שפּראַך־קאָלאָריט ווי אין דער מוזי־קאַלישקייט פון דער קאָמפּאָזיציע.

נאָך אַ שטריך וואָס הייבט אַרויס די אַנדערשקייט פונעם סוצקעווער־פּאָטשעראָק איז אויך דאָס, וואָס אַחוץ דעם וואָס זײַן מוזע מאַניפעסטירט דאָ־דאָרט די תּשוקה צו אַזוי־גערופענע אוניווערסאַלע פּראָבלעמען און דערשײַנונגען; זײַן שאַפערישער גייסט האַלט זיך אין אייבערשטע רעגיאָנען פון געדאַנק מכּוח לעבן און טויט, דאָך איז אים אויך נישט פרעמד די... אַקטועלע טעמע. דאָס וויל נישט זאָגן אַז דער סובטילער ליריקער איז קאַפּאַבל זיך אַראָפּצולאָזן צו וואָלוועלער ווערסיפיקאַציע, מחמת סע קאָן גיכער ווערן עובר לסוחר. חס וחלילה פאַר אַזאַ אַלוזיע. סוצקעווערס

קוואַליטאַטיווע קאַטעגאָריע איז נישט מסוגל זיך אַראָפּצולאָזן אין די נידערונגען ווו עס „פּאַטשט” אייליק די בלאָטע פון דער פאַרשוויצטער אָדער פאַרסאַזשעטער טאָג־טעגלעכקייט וואָס ווערט תיכף אַלט ווי באַלד די אָפּגעקילטע בייגל דערשפּירט דעם ערשטן הויך פונעם טריבן ווינט.

דער פּאָעט סוצקעווער האָט, אמת, אַחוץ זיין דמיוניתדיקע געפילוועלט, אויך אַ וואַך הארץ און אַן אָפן אויג פאַר געשעענישן, וואָס באַוועגן די מעכאַניזמען, וועלכע מנהיגי־הדור שטויסן רעכצייטיק (אָדער פאַרקערט), צו וועבן די געשיכטלעכע געוואַנטן פון זייער געפּלאָגטן פאָלק. נו, אונדזער פּאָעט שפּירט זיך גורלדיק אַ לייבלעכער שותף צו זיין דור פון די שרידים, וועלכע האָבן זיך אַרויסגעריסן פון שענדלעכער עבדות און אין קלאָרן באַוווסטזיין פון נאַציאָנאַלער ווערדע זיך פּראָקלאַמירט פאַר דער גאָרער וועלט ווי דער יידישער דור פון ענדגילטיקער גאולה אויף דער ערד פון זיין פאָטערלאַנד, וואָס האָט סוף־סוף אַליין זיך באַפרייט פון לאַנגאָניקן יאָך.

איז בכן נישט קיין צופאַל וואָס דער אַנומלטיקער דיכטער־פּאַרטיזאַן פון די ווייסרוסישע וועלדער איז, כאָטש אַן אויסגעמאָרעטער, מיט שטאָלץ אַוועק אין די שפּורן פון דער העלדישער צבא הגנה לישראל אין איר מוטיקן אויפמאַרש צו דער היסטאָרישער אומאָפּהענגיקייט פון אייגענעם פאָלק און לאַנד.

ריכטיק, דער פּאָעט סוצקעווער וואָס איז פון זיינע סאַמע שאַפערישע אָנהייבן געווען נוטה צום קלאַסישן מאָטיוו וואָס לפי זיין מהות דינט ער דער שיינקייט לשם שיינקייט, האָט אין דער גורלדיקער שעה פאַר זיין פאָלק אָפּגעווענדט דעם געדאַנק פון איעדער אַבסטראַקציע ווי עסטעטיש זי זאָל נישט שפּיגלען זיך און קלינגען אין ריטמישן גערעם. מיט זיין גאַנצן לייב און לעבן האָט ער דענצמאָל חשבון־הנפשדיק אָפּגעשפּירט אַז ס׳איז אָנגעשטאַנען די שעה פון מאָנענדיקער ניכטערקייט, ווייל אַליין זיך דערזען פּנים־אל־פּנים מיטן נאַקעטן גורל פונעם דור פון גרעסטן נסיון. טאַקע דעמאָלט האָט אין פּאָעט אברהם סוצקעווער אָפּגעניכטערט דער בליק און זיין קול האָט אין השתפּכות־הנפש געגעבט צום באַוואָפנטן אָרעם פון זיין לאַנג־פאַריאָכטן פאָלק, ווען ס׳האָט זיך געשטעלט אויפן שוועל פון גאולת הארץ לעולם וועד:

— טו אוים די שיך און שטעל זיך אין אַ שורה, / טו אוים די שיך און זאָל דאָס זאַמד דיך שווענקען. / אַצינד איז דאָ די צייט פון מתן־גבורה. / די שטילקייט איז אַ תהום. אַ תהום פון בענקען. / און אויבן, אויף די שטראַלנדיקע לייטערס, / אַ תפילה קלעטערט פון די סאַמע טיפן, /

וויּ ס'וואָלט אין האַרץ, ביים קלאַנג פון די טרומייטערס, / אַ דימענט אַן
אַ דימענט זיך געשליפן — — („אין מידבר סיני", ז' 15).

הקיצור, דער איידעלער דיכטער איז אונטערן מבול־שטורעם פון זיין דור געוואָרן ביז גאָר וואָך פאַר דער נייער וואָר און סטימולירט פון איר. ער דערציילט אַפילו אַז „מיט יונגען צה"ל קלעטער איך צוזאַמען... דער קעמל שטעלט זיך אָפּ. און מיר — מיר שטייגן, און ס'גייט אַ וואָלקנזייל פאַרויס דעם צה"ל" (דאָרט). ס'איז די עדותשאַפט פונעם דיכטער גופא מכוח זיין מיטשפּאַנען מיט דער יונגער ישראל־אַרמיי אין דער סיני־עקספּעדיציע, ווען די מערכה פון דער מדינה איז מצד די אַראַבישע אַרמייען ווידער אַ מאָל אויסגעשטעלט געוואָרן פאַר נייע סכנות.

פון דעם דורכויסיק־פּאַטעטישן גדר האָט סוצקעווער, אַן איבערגעפלאַנצטער אינעם ישראל־באָדן, מיט אַלע פיבערן פון זיין נשמה זיך אינטעגרירט אינעם לעבן פון דער אויפגעריכטער מדינה, וואָס איר איז באַשערט געוואָרן צו האָבן אין די אַרומיקע שכנישע אומות, פאַרביסענע שונאים. אין מערערע מאָטיוון טויכט דערפאַר אַרויס דעם דיכטערס שווערמוטיקייט מחמת דער שינאת־חינם מצד די אַראַבישע העצערס וואָס זענען אַריבער צו מאַסאָווע רציחות איבער יונג און אַלט פונעם פרידלעכן ייִדישן ייִשוב. פון מאָל צו מאָל זעט זיך אברהם סוצקעווער געצוווּנגען טעמאַטיש צו גענענען צו דער ברענענדיקער אַקטואַליע פון דער באַאומרויִקטער מדינה. אַזאַ למשל, איז די סקולפּטורעל אויסגעשליפענע פּאָעמע וועגן אונדזער אייגענער צייט פון מתן־גבורה („אין מידבר סיני"). נישט אומזיסט קלאָגט דער דיכטער אויף זיין צעשטערטן אייגנגעפיל מחמת די נויטן וואָס זענען אים צו האַנדן געקומען:

דאָס אויג פון דער נשמה וויינט מיט בילדער, / פאַר זיך אַליין
ווי פאַר אַ צווייטן, / פאַר אַ צווייטן ווי פאַר זיך אַליין. / דאָס אויג
פון דער נשמה וויינט מיט בילדער / ווי זונפאַרגאַנג מיט וואָלקנס: /
ווו און ווען זיך פאַרטרויען? — — — („צייטיקע פנימער", ז' 87).

אָבער דער בראָך וואָס עשיו האָט שוין מיט פייער און שעכטמעסער געבראַכט אויף זיין גאָרער וועלט איז אומאָפּטרעטלעך פונעם דיכטער, וועקט זיינע שאַפערישע אימפּולסן אויף אַזאַ און אַנדער אופן. די לידער פונעם ציקל „די פעסטונג" רעדן צום בולטסטן דערפון, ווייל זיי זענען געשאַפן אין די ענגענישן פונעם סאַמע ברענענדיקן גיהנום, אין ווילנער

געטאָ, אויג אויף אויג מיטן לויערנדיקן מלאך המוות. גענוג לדוגמא צו ברענגען צוויי סטראָפן פון דעם פּאָעטס עלעגישער סעריע „מיין מאַמע":

כ'געפין אַנשטאָט דיך אַ צעריסנס דיין העמד,
נעם איך צום האַרצן און דריק עס פאַרשעמט.
עס ווערן די לעבער פון העמד מיינע טעג
און דער זוים פונעם העמד ווערט אין האַרץ מיר אַ זעג.

צערייס איך פון לייב מיינע קליידער און קריך
אין דיין אָפענעם נאַקעטן העמד ווי אין זיך.
ס'איז מער ניט קיין העמד, ס'איז דיין ליכטיקע הויט,
ס'איז דיין קאַלטער, דיין איבערגעבליבענער טויט.

(„פּאָעטישע ווערק", ב' 1, ז' 269).

ס'איז ווידער אַ מאָל אַזוי־געררופענע אַקטואַליע, פון וועלכער דער פּאָעט שמידט אויס אין פייער פון זיין נשמה אַ געלייטערט געזאַנג פון אייגענעם געמיט.

*

וואָס דער טאָג ברענגט דעם רעיון אָדער דעם דמיון ווערט איבער־געשמאָלצן אינעם געטלי פונעם דיכטערס געמיט ביז עס צייטיקט אויס אין ליד אָדער אין לידערישן געמעל. אַוודאי, איטלעכער דיכטער ברענגט זיינע פּירות אין אייגנטימלעכער געשטאַלטיקונג אָדער סוביעקטיווער סענטענץ. אברהם סוצקעווער האָט אין מערערע זיינע פּאָעטישע שאַפונגען אויף אַזאַ אָדער אַנדערן אופן געבראַכט זיין איך אין אַ צאָל פון אייגענע שטאַרקע, אויך פּחדימדיקע איבערלעבענישן, וואָס דער יידישער גורל האָט אים צוגעטיילט. זיין קראַפטיקער טאַלאַנט האָט אים אויף דעם אַ שאַפערישן וועג געפירט צו גרויסער הצלחה, פאַרדינטע אָנערקענונג. און וויל מען, קאָן מע די סוצקעווער־ווערק פאַר אַ פיר יאָרצענדלינג אויפשטעלן ווי זיינעם אַ פּאָעטישן טאָגבוך. מחמת דאָ און דאָרט גיט דער דיכטער זיך אַליין, זיך און זיין וועלט. אַזוי כמעט יעדער דיכטער, אָבער סוצקעווער קומט מיט זיין סוביעקטיווער קינסטלערישער באַזונדערקייט. דאָס זעלביקע דאַרף געזאָגט ווערן בנוגע זיין נייסטער זאַמלונג: „לידער פון טאָגבוך" *. אַלע געהייבענע אייגנשאַפטן פון דעם אַ סובטילן ליריקער באַקומען זייער תיקון אויך אין דאָזיקן בוך: סיי דאָס דמיונותדיק־אינטעלעקטועלע, סיי

* אברהם סוצקעווער: לידער פון טאָגבוך, פאַרלאַג „די גאָלדענע קייט", תל־אביב, 1977, מיט דריי אַליין־געצייכנטע פּאָרטרעט־עטיודן פונעם מחבר.

דאָס סוביעקטיוו־לירישע און דאָס גלייכן דאָס, וואָס קאָן באַצייכנט ווערן ווי דאָס כמו אַקטועלע, הגם ס׳האָט קנאַפּ וואָס צו טאָן מיט דעם קויט פון דער צעשטורעמטער היינטיקייט, וועלכע קאָן רעדן אויך מיטן צייטונגס־מויל. אָבער אַזוינס איז נישט ניכר אין סוצקעווערישן ציקל טאָגבוך־לידער, וועלכע ער שרייבט די לעצטע עטלעכע יאָר און פאַרעפנטלעכט זיי אין „די גאָלדענע קייט״, וועלכע ער רעדאַקטירט שוין קרוב צו דריי יאָרצענדלינג.

די לידער פון טאָגבוך וואָס סוצקעווער האָט אונדז אָקערשט אונטער־געטראָגן צווישן טאָוולען פון אַ בוך, זענען ווי דער רוב זיינע פּאָעטישע שאַפונגען — ליריש געטונקען אין זיין אינטעלעקטועלן איך, אָבער זיי טיילן זיך אויס דערהויפּט מיט דעם, וואָס קיין איין ליד האָט נישט איבער זיך קיין קעפּל. און „אַ קאָפּ״ איבער אַ דיכטערישער יצירה איז על־פּי רוב אַ מין דאַך, וואָס האַלט אונטער די אידעיִשע ווענט פון דער קאָמפּאָזיציע. אַזוי לערך. לפּי דעם דיכטערס קלאַסיפיקאַציע קערט זיך אָן סוצקעווערס נייסטע פּובליקאַציע צום מין טאָגבוך־לידער. אָבער אַלץ איינס זענען די דאָזיקע לידער, ווי ס׳איז בכלל סוצקעווערס שאַפערישער שטייגער — אינזיכיק אָפּגעהתמעטע שטימונגען, געמיט־צייכענונגען אין לירישע מעדיטאַציעס וואָס דער אָדער אַן אַנדערער טאָג האָט אים געבראַכט, עלול געווען חס ושלום אַ ווייטיק וכדומה. און מן הסתם האָט ער די אַלע געמיט־צושטאַנדן פאַרפיקסירט אַזוי צו זאָגן אויף דער הייסער מינוט. אמת, עס קענטיקן זיך נישט אַרויס קיין שום סימנים פון אַוועלכער טריוויאַליטעט אָדער אייליקייט אינעם קאָמפּאָנירן די אַ לידער. דער סוצקעווער־נוסח פון זיין ליד־קונסט איז אויך אינעם טאָגבוך ציכטיק אָפּגעהיט. וואָס יאָ, סע ווייזן זיך אין זיי באַשיימפערלעכע אימפּרעסיעס פון איבערלעבענישן, וועלכע האָבן זיך טיף פאַרזיגלט אין זיין געמיט, צו מאָל אים אַ צופּ געטאָן. אַ שטייגער זיין ליד־צייכענונג (ניין, ס׳נישט קיין פאַרצייכענונג, וואָס איז עלול אָנצוברענגען אַ זשורנאַליזם ווי אַ שטרויכלונג אין פּאָעטישן קאָמפּאָנירן אַ מאָטיוו) וועגן נסיעות, וועלכע האָבן דעם דיכטער אָפּגעריסן פון זיין רוטינערער צוגעזעסנקייט צום היימישן ווינקל; נו, איבער אַזוינס מוז מע זיך אַ ווייל פאַרטראַכטן, מחמת דער עצם רייזעס זענען אַ סימן פון גייסטיקן אומרו אָדער נייגער צו אומבאַקאַנטע, אפשר עקזאָטישע מרחקים. סוצקעווערס טאָגבוך־לידער באַלאַנגען צו די יאָרן 1974, 1975 און 1976. אין 74סטן יאָר האָט ער אַדורכגעמאַכט אַ ווייטע נסיעה, געשטוינט איבער נישט געזעענע בילדער, אומבאַקאַנטע לאַנדשאַפטן, אַנגעשטויסן זיך אויף אַ סביבה וואָס איז

אומטעגלעך אין זיין ביזדעמאַלטיקן קיום. מעדיטירט ער טאַקע מכוח דעם זין פון אַזאַ לאָזן זיך אין דער ווייטער וועלט אַריין, גיט אַ קלער וועגן תכלית דערפון:

ס׳דערנענטערט זיך די ווייט. נאָך אַלע רייזעס, אוואַנטורעס
און לייגן קלאַפּטער אויף פּאַפּיר ביים שאָטן פון אַ שפּאַרבער,
לאָז איבער צוויי (ווי טאָג מיט נאַכט) צונויפגעגראַמטע שורות
און זאָלן זיך מיט זיי צעטיילן דיינע יונגע אַרבער — — (ז׳ 7).

דער דיכטער טראַכט וועגן איבערענטפערן זיינע נסיונות פון אַזאַ פאַרן און זען, וואָס זייער אייגנטלעכער ציל איז דאָס „צעשענקען דיין פאַרמעגן". עס איז פאַר אים ווי אַן אָפּצאָלן „פאַר זיינע ווונדן"... ער רעדט אין בילדערישע טערמינען, פון הינטער וועלכע עס שטעקט אַרויס דעם קאָפּ דער אומפאַרמיידלעכער פעסימיזם וואָס וועקט ביי אים אַ באַגער צו אַנטלויפן „אין מידבר ווו די שטערן טריקענען אַן רעגן" (דאָרט). נאָך אַ ראיה אויפן דיכטערס שווערער שטימונג מיט וואָס דער הייגט האָט אים געשלאָגן איז צו מאָל אויך דאָס באַקלאָגן זיך הלמאי „געפאַנגען איז דאָס מענטשן־לשון הינטער שווערע שטייגן... (ממילא לערנט זיך די שטומע שטילקייט) דעם אלף־בית פון שוויגן" (ז׳ 9). פון די אַ שטימונגען איז גרינג צו באַנעמען ווי ווייט דער פאַקט סוצקעווער איז נאָך נישט גענעזן פסיכיש פון די ווונדן וואָס די יאָרן פון זיין געפאַנגענשאַפט אין גיהנום פון אוממענטשלעכע יסורים, האָבן אים גורם געווען. אלאַ דער נעקטאַר פון לעבן, וואָס דער ווידערגעבורט האָט אים געשאָנקען, לאָבט אים פון דעסטוועגן אויך מיט אומגעריכטע שטימונגען פון אַן אומדעפינירטן האָפן אויף עפּעס ווערטיקס, באשר ובכן ס׳איז יאָ כדאי אַן אָנשטרענג.

די לידער פונעם טאָגבוך זענען אין דער אונטערשטער שורה, ווי עס זאָגט זיך, נאָך אַ דיגינקער שטריך וואָס דערגאַנצט, פאַרפולט סוצקעווערס אימאַזש פון זיין פּאָעטישער פּערזענלעכקייט, וואָס קאָן זיך נישט אָפּזונדערן פון דעם אימפּעטיקן לעבן; ער איז ווי אַ פּאָעט אויך מענטשלעך ביז גאָר שפּירעוודיק כלפּי די שטרויכלונגען און גרימאַסן פון דער האַרבער ווירקלעכקייט ווי פון זיינע מיטמענטשן. נו, אויך דער ראַסלענדיקער שטראָם פון דער גאַס רופט זיין אויפמערק, כאָטש אים ציט נשמהדיק צום נישט־היי, וואָס איז נישט אַזוי רוי־שיכור. ער פאַרטראַכט זיך וועגן דעם עצם זיין פון זיין אייגענער עקסיסטענץ וואָס:

אַ שלאַנג אָן אומגעזעענע האָט סם אַ פולע דאָזע / אַריינגענאָדלט זים אין מיינע אָדערן לאַנגאַניק /... (און) ס'איז געבליבן לזכרון אַ נעדעלע אין מיר... (פון דעסטוועגן חלומט ער זיך אָנצוטאָן אַ כוח אַז ר'זאָל זיין אין שטאַנד פאַרוואַנדלען) די צייט אין רוחניות, אָט איז מיין אידעע! / פאַרוואַנדלען וועל איך טויט אין לעבן; איך דער לאַנג־פאַרלענגדטער — — (ז' 36).

דער סקעלעט, אין וואָס דער אשמדאי האָט אין „יענע שווערע יאָרן" פאַרוואַנדלט דעם ייִד, וועלכן ער האָט אַריינגעשטויסן אין דער מיסטעריע פון כולו האָפן און טונקעלן גלייבן־אומגלייבן אין זיך, פאַרפאָלגט עד־היום דעם דיכטער. נישט אומזיסט זעט ער נאָך איצט, אין אַ טאָגבוך־ליד פון 1975 (ר'זעט מיט זיינע אינעווייניקדיקע אויגן) בילדער מיט דער נשמה אַז „פאַרשלונגען איז אין גאַרנישט אַלץ. און אַלץ איז מיין פאַמיליע" (ז' 41). היות ער באַווייזט דאָך רגעוויז זיך אָפּצוניכטערן פונעם „דאָרט" וואָס איז ענדגילטיק פאַרלוירן, איז אים גאָר היימיש־אייגן די שוין פאַראייגנטע ישראל־לאַנדשאַפט וואָס מיט איר לעבט ער, לאָזט זיך פירן פון איר סיי אויף דער וואָר סיי אין דמיון. פאַר דאָס זענען מיר גענייגט אויסצוהערן דעם דיכטער ווען ער דערציילט אונדז איבערצייגעוודיק פון דעם איצטיינעם, כאָטש ער איז פאַרדמיונט אין זיין טראַכטן, אַז:

אַ מירטן־ריח האָט געפירט מיך פאַר דער האַנט אין צפתער / געבערג. דערפירט מיך צו אַ הייל; איך האָב אין איר געפונען / אַ שלאָפנדיקן רעגן־בויגן ביי אַ קוואַליק וואַסער: / עס ציען זיך אַהער די וואָרצלען פון פאַרשטויבטע זונען. / כ'וואָלט מעגן אויסטאָן מיינע שיך, נאָר האַנטיק צו באַרירן / דעם שלאָפנדיקן רעגן־בויגן איז געווען אַ העזה (ז' 43).

אין זיינע לידערישע טאָגבוך־בלעטער דענקט דער דיכטער אויך אין פסיכאָלאָגיש־ פילאָסאָפישע בילדער. ער פרעגט זיך למשל: „צי וועמען געהער איך?" און ענטפערט זיך אַליין:

צו דיר און צו מיר. / און איבער אונדזביידן דעם שטערן. / צוזאַמען איז דריי. נאָר אַווו איז דער פיר / צו וועמען מיר מוזן געהערן? (ז' 48).

אלאָ דעם דעפינירנדיקן ענטפער לאָזט ער אונדז דאָך הערן בדרך בילד אין סימבאָלישער טראַנסקריפּציע:

דיין לייטער איז דאָך אינעווייניק, אין־דיר איז דיין לייטער,
אַבי דו האָסט געמיינט אַז דרויסן, אָנגעלענט אָן בוידעם — —
... אומזיסט געווען צו מיינען און פאַרוואָלקענען שוואַרצאַפּלען:
זעקספליגלדיקע ווערטער זענען גרייט אויף זיינע שטאַפּלען... (ז' 49).

דער שווער־געפּרוווטער דיכטער קלאַמערט זיך אין די ווינקלען פונעם מזבח לעבן, ווי זשמודנע עס זאָל נישט זיין. אדרבא, ער פרייט זיך צו מאָל מיט זיינע וויברירנדיקע צייכנס און מיט די גרוסן פון דער ווייט. אוממיטלדיק נאָענט שטייט ער, אויך ווי אַ רעדאַקטאָר, מיט קאָלעגן־שרייבערס אין אַנדערע לענדער. די דאָזיקע גרוסן גיט ער אויך אָפּ אַ רירנדיק ליד, אין וועלכן עס ציטערט אויס זיין נאָענטקייט צו די מחברים פון די צוגעשיקטע כתבי־יד. ער זעט זייערע מחברים און לייענט די בריוו מיט ליבשאַפט. „ביים צערטלען איך, ביים לייענען ווערט יעדער בלעטל ענלעך (זאָגט ער) צום פּנים דעם געוועזענעם געבויגן איבער טישן".

די טאָגבוך־לידער פון אברהם סוצקעווער זענען נישט נאָר עדות דערויף, אַז מיר האָבן אין אים אַ ראַפינירטן, ביז גאָר אָריגינעלן יידישן פּאָעט פון הויכער מדרגה, נייערט אויך אַ מענטש אַ דערלייטערטן אין די נסיון־פייערן פון אונדזער פאָלקישער ביי־געשטאַלטיקונג.

אברהם סוצקעווער דער דערציילער

דער דיכטער פון דער פּאָעמע „געהיימשטאָט", וואָס וואַיעט אויס מיט קינסטלערישער קראַפט די דראַמע פון דער קאַנאַליאַדע, צו וועלכער די שארית הפליטה איז פאַרטריבן געוואָרן אין די פינצטערסטע יאָרן פונעם יאָרהונדערט, איז איצטער אַרויסגעקומען מיט אַ באַנד דערציילונגען „גרינער אַקוואַריום". דאָס איז נישט ווי געוויינטלעך ביי סוצקעווערן אַ לידער־זאַמלונג וואָס שטראַלט אויס זיין באַזונדערקייט אין מייסטערישן קאָמפּאָנירן די מעלאָדיק פון וואָרט, געדאַנק און בילד וואָס אַנטפּלעקט דעם פּאָעט אין נאָך אַן אַנדערן פּראָפיל פון זיין שוין אויסגעצייטיקטן שאַפערישן אימאַזש. דאָס אַ נייע בוך איז פון גאָר אַן אַנדערן פאַרטראַכט, הגם סע צייכנט זיך אויס מיט די אויסדרוק־מיטלען וואָס זענען אייגנטימלעך דעם דאָזיקן ראַפינירטן פּאָעט. סוצקעווער קומט איצט מיט פּראָזע, וואָס פאַרראַט נישט חס ושלום דעם דיכטער סוצקעווער. אדרבא, מיט די דער־ציילונגען פאַרטיפט דער דיכטער זיין פאַרטרעט ווי דער, וואָס פילט זיך „אָנגעטאָן מיט ווונדן, ווי אַ בוים איז אָנגעטאָן מיט פייגל אין אַ שטורעם". דער סענסיטיווער קינסטלער איז ווי אין טראַנס געפאַנגען פון דער

שאַפערישער וויזיע, כאַטש ר׳שפּירט זיך אָן אויפהער אַ בעל־יסורים. אַזעלכן זעען מיר אים אויך אין זיינע... דערציילונגען.

אָבער פּראָזע ביי דעם אַ ראַסאָוון פּאָעט?! לכאורה חידושט מע זיך טאַקע. אָלאָ צוריקגעשמועסט, איז דאָס גריילעך מעגלעך, אויף וואָס עס האָט שוין מיט יאָרן פריִער געקענט עדות־זאָגן סוצקעווערס כראָניק „ווילנער געטאָ". וואָס פאַר אַ בילדערישע דערציילונג דער דיכטער האָט אונדז דעמאָלט געגעבן פון זיין היימשטאָט ביי דער ווילִיע! אמת, ער איז אין זיין געטאָ־כראָניק דער הויפּטהעלד און צו דער זעלבער צייט אויך דער עדות, אָן אויטענטישער עדות פון דעם יִדנס גוראָנגל פאַר זיין נאַקעטער עקסיסטענץ בעתן אָנפּלייץ פון נאַצישן צרעת אויף פּוילן און ליטע. ווי דער דערציילער פון די רדיפות אויף די יִדן וואָס אין קלעם, פּרעזענטירט דער פּאָעט סוצקעווער אויך סוצקעווערן ווי אַ טאַלאַנטפולן פּראָזאַיִקער מיט אַ טיף אָנטוויקלטן חוש פאַר געמיט־שיל־דערונג און דעם דראַסטישן איבערקער אין דעם דורותדיק איינגעפונדעוועטן פייסאַזש און שטייגער. און פאַראַן סיפור־המעשה אין דער געטאָ־כראָניק ווי ס'איז פאַראַן סוזשעטישער חוט־השדרה אין סוצקעווערס שפּעטער־דיקער פּאָעמע געהיימשטאָט. קאָן מען אָבער דעם ציקל שילדערונגען־באַשרייבונגען „גרינער אַקוואַריום" קלאַסיפיצירן ווי דערציילונגען פשוטו כמשמעו? דערויף מוז מען ענטפערן: אי יאָ אי ניין. פאַראַן אין זיי לרוב בילד, אויפטרייסלענדיק, שאַרפאויגיק בילד און אין אַ טייל פון זיי אויך דערציילערישע פאַבולע. אָבער דערעיקרשט דאָמינירן דאָ עלעמענטן וואָס שאַפן באַזונדערע פּאָעטישע ווערק, אין וועלכע ס'זשיפּעט קוים אַ פלעמל צאַנקענדיק לעבן אין דער ספערע פון עססעישער בלוט־באַזאַפּענער ממשלה. אַוודאי, די מיניאַטורע דערציילונגען פון „גרינער אַקוואַריום" זענען סוצקעווער־לידער אין פּראָזע, געשאַפענע אויפן פאַן פון געטייטן געטאָ; דורכויס לידער, אָנגעזאַפּטע מיט אינעווייניקדיקן געמעל פון אַ פאַרוווּנ־דיקטער נשמה, וואָס זעט די וועלט אין אַן אומפאַרענדערלעכן טריבן בין־השמשות. יאָ, טוכלער דעמער וואָס איז דורכגעפרעסן פון אַ שווינדזוכטיקער בלייכקייט וואָס פליושקעט זיך אין העפטיקע כוואַליעס פון טויט־סכנות פאַר די רעשטלעך פון אויסגייענדיקן געטאָ. נישט אומזיסט האָט דער מחבר פון „געהיימשטאָט" בשעתו טיף פאַרנומען ווי אַ צוואה פאַר שפּעטער־דיקע יאָרן, אויב זיי וועלן באַשערט זיין, דעם באַפעל פון זיין קאַמפּסהעלד פאַליע, וועלכער האָט איינגעזאַמלט „דאָס פאַלק זאַלבעצענט" אונטער דער ערד:

און דו, חבר דיכטער, באַזון אונדזער טרויער / מיט לידער. אַ פֿאָלק זאַלבעצענט איז מסתמא / אַ פֿאָלק. ס'וועט מיין מאַמע באַזאָרגן מיט עסן / און איך — מיטן וואַרעמען ברויט פֿון נקמה, / דער קרבן זאָל קיין מאָל די האַק ניט פֿאַרגעסן („געהיימשטאָט", ז' 22).

✶

קלאָר, רעאַליאַ גייט ביי סוצקעווערן געפּאָרט מיט... גוט געצאַמטער „געאָרדנטער" וואַקכאַנאַליאַ פֿון אַ וואָרט־צויבערער וואָס איז געבענטשט אויך מיט דער מייסטערשאַפֿט פֿון אַ גרויסן קינסטלער. ס'איז נישט קיין אויסטערלישס, נייערט ס'אַ געזעץ כמעט, אַז רעאַליטעט און דמיון קאָנען גיין האַנט ביי האַנט און אַזוי אַ זיך לויטערן אויף די האָריזאָנטן פֿון אומפּאַרגעסלעכע קינסטלערישע געמעלן. אַזוי אויך די דערציילערישע קרעאַציע „גרינער אַקוואַריום", אין וועלכער דער מאָלער יאַנקל שער, דערווירקלעכער פּערסאָנאַזש פֿון דער פֿריִערדיקער לעבעדיקער, אָרעמער ווילנע „מאָלט" אין דער טויטער היימשטאָט אַ זקנה, וועלכע בליט אַרויס פֿון דער „יונגער, פֿרישער וועסנעדיקער ערד... אַזוי האָט זי אויסגעזען, די אַכציק־יעריקע... דאָס פּנים — אַ קנויל זילבערנע קנייטשן. אין זיי צאַפּלען פֿרילינגדיקע ריטשקעס. פֿליו, פֿליו. אין די ריטשקעס טאַנצט די זון, וואַרפֿט העזעלעך אין קאַלטע באַגנעטן. און די זקנה, אַ קאַפּעטשקע געבויגן, טראָגט באַראַנטשיק אַ בלאָנד מיידעלע. הינטער דער זקנה — פּנימער, פּנימער. אַ קוימען מיט אַ געקוילעטן האַלדז... יאַנקל שער מאַכט אַ שפּאַן אַהינטער. יע, אַזוי האָט זי אויסגעזען, די אַכציק־יעריקע. עס פֿעלט בלויז... האַ, וואָס פֿעלט? זיינע וואַסערדיקע אויגן ווערן אויסגעפּוקלט מער. גיסן זיך איבער אויף דער פּאַליטרע — — די זקנה איז געגאַנגען, מיט אַ של־ראש אויפֿן שטערן. דעם של־ראש האָט זי אויפֿגעהויבן פֿון דר'ערד, פֿון רינשטאָק. — יאַנקל, ביסט אַ מאָלער. מאָל דעם של־ראש! ער טונקט דעם פּענדזל אין די געפּאַלענע טרערן, אין אַ שפּריצל רויט; און די זקנה מיט דער בלאָנדער מיידעלע באַראַנטשיק, שפּאַנט שוין אונטערן צעשפּאָלטענעם טויער, צווישן באַגנעטן, מיט אַ קליין שטיבעלע אויפֿן שטערן, ווו עס וווינט גאָט. — די איובטע, אַזוי וועט הייסן דאָס בילד..." (די איובטע, ז"ז 14—17).

לשם אילוסטראַציע פֿאַר דער פּאָעטישער פּראָזע ברענגען מיר נאָך אַ בלעטל סוצקעווער פּנים אל פּנים מיט אַ געשטאַלט, וועלכע איז אַנגעגאַנגען אין דער לעבעדיקער ווילנע ווי דער מאָלער פֿון די געסלעך. אין די געסלעך, געסקעס, זאַווולקעס מיינט אין ווילנער פֿאָלקסמויל די געגנט

פון דער געהייליקטער ייִדישער אָרעמשאַפט, וועלכע איז פאַרשניטן געוואָרן בימי דייטש, דעם פּאַרטיליקער פון די ייִדן. עס איז דער אימאַגינירטער טעט־אַ־טע פון דעם פּאָעט מיטן אויפגעלעבטן „מאָלער פון די געסלעך", ווען זיי זענען שוין געלעגן אויסגעקוילעטע:

„אין זיין גרינער, סאַמעטענער מאַרינאַרקע שטייט ער אַנטקעגן אַ לייוונט. די מאַרינאַרקע האָט ער אַ מאָל איינגעהאַנדלט אין פּאַריז... אירע פּאָלבן האָבן זיך געמיניעט ווי די פעדערן פון אַ פּאַווע. זי האָט פאַרמאָגט אַ צענדלינג פאַרשיידענע קעשענעס פול מיט פּענדזלען, בלייערס און בלאָקנאָטן. איצטער הענגט אויף אים די מאַרינאַרקע אַ געשוואָלענע, באַדעקט מיט שימל, גלייך ניט קיין מענטש, נאָר אַ האָן וואָלט זי געטראָגן. און דער פּענדזל וואָס ער האַלט אין זיינע ציין, זעט אויס ווי אַ חלף... ער קוקט, דער מאָלער, דאָ אויף די צעקרימטע געסלעך, דאָ אויפן לייוונט און גלייבט ניט זיינע אויגן. זינט ער באַהאַלט זיך אויף דער גאַלעריע (פון די צעפאַלענע ליימיקע נעסטן... און צעבויגענע טירן ציִען זיך צום זונפאַרגאַנג גלייך ברענענדיקע שמות, ווי דער דיכטער מאַלט דעם איבערבלייב פונעם ווילנער שולהויף — י. אָ.), זעט ער היינט צום ערשטן מאָל ווי זיין וועלט האָט זיך געביטן. ווער האָט אַנטקעגן אַרויסגעבלאָזן אַ קלויסטער? און דאָ, ווו די קיילערשע יאַטקע, ווי קומט דער ראַטוש? ווער האָט אַנגעצונדן די לאָמטערנעס אויפן טויטן שולהויף? נאַכסאַל, טאַטעניו, קומט סקילה דעם גאונס קלויז? און הלמאי קומט שרפה דעם ביימעלע אויפן טויער? בלויז די רינשטאָקן האָבן זיך ניט געביטן. זיי אויך! גלאַנצן פון בלוט... און אפשר איז גאָר שולדיק זיין פּאַליטרע, האַ? — —" (ז' 15).

ווילנע פון זיין אַמאָל און די ווילנע פון דעם אין זיך איבערגעפלאַנצטן היינט, באַגעגענען זיך ביי סוצקעווערן, דעם מחבר פון געהיימשטאָט, פון אָאַזיס, די פעסטונג, אויך אין זיין דערציילערישן גרינער אַקוואַריום. אַקוראַט ווי די לידער און פּאָעמעס פון דער שחיטה־צייט זענען אויך זיינע דערציילונגען (פון דער זעלביקער תקופה) לידער. זיי זענען געשריבן נאָר אין לענגערע שורות, כמו אין פּראָזע; ווי אַלע זיינע שאַפונגען איז אויך די פּראָזע גענערט פון סוצקעווערישן פּאָעטישן טאַלאַנט צו מאָלן נשמהדיקע לאַנדשאַפטן אין לירישן אויסגאָס פון געדאַנקען און דאַכטענישן מכוח דעם מענטש און זיין וועלט, וואָס איז אַנגעפלאָנטערט פון גורלדיקע זיגזאַגן.

בנוגע זיין מאָלערישער תשוקה, וועלכע אַנטפּלעקט זיך אין יעדן

דף פון זיין יעדן לידערבוך, איז די אַ אייגנשאַפט ביז גאָר קאַנטיק אין דער פּראָזע (אויך אַ רייכע אין מעטאַפאָרן), אַזוי ווייט, אַז פון איטלעכן פּאַראַגראַף קאָן מען, אויב מ׳זאָל עס קענען טעכניש נאָכקאָפּירן, זיי צעהענגען איבער אונדזערע ווענט ווי אָריגינעלע צייכענונגען אָדער פּייסאַזשן. גענוג צו נעמען די קורצינקע נאָוועלע „די פרוי אין דער שטרויענער פּאַנאַמע״ (ז״ז 7—11) כדי אויסצוטיילן פון איר, אַחוץ דעם טשיקאַוון, רירנדיקן סיפּור־המעשה, אַ צאָל היפּערבאַליש־געצייכנטע פאַרגלייכן, וואָס קענען דינען ווי אָריגינעלע צייכענונגען פון אַ מאָלער־פּלאַסטיקער. אַט: „כ׳האָב זיך דערפילט אין חדרל ווי די הענגענדיקע צונג אין אַ גלאָק. אַ ריר, אַ צאַפּל — און דער גלאָק וועט זיך באַלד צעקלינגען״ (דאָס דערציילט דער מחבר פון זיין באַהעלטעניש אין אַ משקולת צווישן די געטאָ־חורבות, איידער עס איז אַריין צו אים די פרוי אין דער שטרויענער פּאַנאַמע). ערשט ווי אַזוי באַווייזט זיך די דאָזיקע פרוי? „דער איינדרוק — אַ בעטלערין. ס׳איז ניט קיין נאָווינע. אין דער פּויזע צווישן טויט און טויט, ווען ס׳קיניגט דער הונגער אין זיין פולער סקעלעטישער גלאָריע, ציִען זיך המונים בעטלער ווי געשוואָלענע היישעריקן. נאָר די בעטלערין האָט איבערראַשט מ׳יט איר קליידונג: אַ שטרויענע זומערהוט, אַ מין פּאַנאַמע, באַפּוצט מיט פאַרטריקנטע פּאָזעמקעס; אַ לאַנגע אַלטמאָדישע קרינאַלינע — אַ רעגן־בויגן פון שמאַטעס; ביי דער זייט אַ טאָרבע; פון איר האַלדז הענגט אַראָפּ אַ דין שוואַרצגלאָזיק שנירל און אויף אים אַ בינאָקל אין העלפאַנד־ביין; און די שפּיצן פון אירע לאַקירקעס — צוויי ראָבן גלאַנציקע מיט אָפענע בלוטרויטע שנאָבלען״.

ווי „פּיקאַנט״ ס׳איז די דערשיינונג פון דער דאָזיקער פרוי אויג־אויף־אויג מיטן דיכטער, אַזוי איז אויך אויסטערליש די דראַמאַטישע געשיכטע פון איר מאַן, וועלכער האָט אין אַן אומגליקפאַל פאַרלוירן די נאָז און געמוזט טראָגן אויף זיין פּנים אַזאַ פּראָטעזע, אַ גומענע נאָז. אָבער זי האָט שטאַרק ליב געהאַט איר מאַן איגנאַץ, וואָס כאָטש ער איז געווען אַ רייכער פאַבריקאַנט אין לאָדזש, געהאַט „ניין וועבער־פאַבריקן, געוווינט אין פּאַלאַצן״, האָט זי געהאַט פאַר אים דעם טיפסטן סענטימענט נאָר צוליב זיין דיכטערישן שאַפן. ער האָט געשריבן אין די נעכט זיין גרויסע פּאָעמע וועגן איובן.ביים אַנטלויפן פאַרן אָנפאַלייך פון די בייזע דייטשן, האָט זי פאַרלוירן איר וואַליזע מיט קליידער, ברילִיאַנטן און דעם מאַנוס־קריפּט פון איר מאַן, וועלכער איז פריִער אומגעקומען, אָבער פאַר זיין אויסהויכן די נשמה, האָט ער איר פאַרשווירן: „פעליציע טייערע, זע

ראַטעווען מיין ווערק. אין דעם איז מיין גאַנץ לעבן, מיין עולם הזה און עולם הבא״. — —

די פרווו וואָס „דער זונפאַרגאַנג באַלייכט אירע קנייטשן מיטן ליכט פון גרינע גליווערעם״ (ז׳ 9), איז נאָך איין דוגמא פון דער סוצקעווער־פּראָזע, מיט וועלכער ער שטייט נאָך אַ צוגענאָגלטער צו דער ברענענדיקער געטאָ־ערד. און פאַראַן נאָך ראיות וואָס זענען נוגע דעם ווי אַזוי סוצקעווער קאָנסטרויִרט זיינע קורצע באַשרייבונגען, וואָס צווישן זיי קאָן מען אויפֿקלייבן מערערע פּערל פון פּאָעטישער עשירות אין מעטאַפאָרן, מאָלערישער קאָמפּאָזיציע און סקולפּטורעלער רעליעפקייט פון אַ גרויסמייסטער. טאַקע די סוצקעווערישע גבורה, וועלכע ער באַוויזט אין דעם ווי אַזוי, ברענגט אונדז אַריין אין התפעלות. דאָס פאַרלאַקט אומגערנווייליק צו ציטאַטעס כדי אַליין צו הערן נאָך אַ מאָל די מוזיק פון שפּעדיקן יִידיש וואָס דער פּאָעט קנעט אים מיט די שפּיצן פון זיינע נערוון און אין איינוועגס אויך זען ווי פון אונטער זיינע פענדזלגענג וואַקסן אַרויס בילדער, פּייסאַזשן וואָס רעדן מיט זייער אייגנמאַליקייט. אַזאַ איז למשל אויך די דערציילונג „צום אָנדענק פון אַ פעלצל״, וואָס לאָזט זיך נישט איבערדערציילן ווי מ׳דערציילט אַ מעשהלע. אין אַזוינס ווי סוצקעווער ברענגט עס, מוז מען זיך אַליין אַריינלייענען, אַריינפילן, כדי צו באַנעמען דעם תמצית, די ראַזשינקע וואָס דער מחבר האָט נשמהדיק אַריינגעזונגען אין זיין שאַפונג; דאָס פעלצל האָט דעם דיכטער באַגלייט אַ לאַנגן וועג און איצטער אומערט ער אויף דעם וואָס ער, אַ רייטער אויף אַ פערד, האָט עס דערקענט ווי „אַ בלאָ שעפעלע (וואָס) בלאַנקעט אין דער אייביקייט: — מע־מע... מאַ־מע...״ נו, סע פאַרשמעקט מיטן רירנדיקן סענטימענט פונעם דיכטער צו זיין אייגענער קינדשאַפט ווי צו זיין מאַמען. אָך, ווי זעלטן ס׳געבליבן אַ לעבעדיקע מאַמע ביי אַזאַ וואָס רעדט היינט צו אונדזער סמוטנעם דור. הערט, אדרבא, ווי סוצקעווער רעדט צום „גייסט״ פון זיין פעלצל וואָס איז שוין אין די הימלישע אייביקייטן:

„ביים ווערן אַ פעלצל ביסטו פאַרבליבן אַ שעפעלע... ווען מיין מאַמע האָט דיך אויסגעקויפט ביי אַ קירגיז אַ הונדערט־יעריקן פאַר אַ טאַרבעלע זאַלץ און מיך דערפרייט מיט דער מתנה צום זיבעטן געבוירן־טאָג — איז אַזוי ווי דער מאַמעס אָטעם וואָלט אַריין אין מיינע ביינדלעך. ווי איך וואָלט אָנגעטאָן אַ לעבעדיקע זון...

„קרומאויגיק און צעשניטן פון קינדזשאַלן האָבן מאַרשירט אין שנייען די טעג. אין דיר האָב איך באַשאַפן מיין ערשט ליד — אַ שניימענטש.

אַ גייסט בין איך געווען אין דיינע פליגל. פון זיך אַליין פאַרשווונדן... האָסט מיך באַגלייט איבער צייטן, לענדער, מיטן ניגון פון דער קינדהייט — אַ ווארעם פידעלע. האָסט געזען ווי דער צפון־שטערן האָט מיר געטאָן אַ ראַץ... — — שפּעטער, ווען מיין טויבנשלאַק איז אַוועק מיט די וואָלקנס, ווער נאָך, אויסער דיר און אַ טשאַטע וווּנדן, האָבן מיך באַגלייט! ווען מיין פּנים האָט זיך פאַרביטן אין אַ פאַרקוועטשטן פינגער, האָסטו ניט דערלאָזן דעם פיאָלעטן אייז צו פאַרגליווערן מיין שמייכל...״

ס׳איז נישט אויסצושעפּן מיט אַ חומרדיקן לעפל די געפילן־גאַמעס וואָס דער דיכטער האָט מיט זיין ווענטקע אַרויסגעפּאַנגען פון שטראָמיקן געדעכעניש וואָס פאַרבינדט אים נאָך היינט, אין די רייפערע יאָרן, מיט דער קינדהייט ווען די מאַמע האָט אין ליבשאַפט אים זיס, מיט אויגנשמייכל, געזונגען די חד־גדיא פון דעם שפּעלע איידער ס׳איז אים געוואָרן אַ געטריי פעלצל. ערשט ווי איז נישט פאַרלאַקט צו ווערן פון איידעלן נייגער צו אַזאַ פיראַמידע פון פאַרכאַפּנדיקע, פליסנדיקע פרעסקאָס וואָס דער מחבר שטאַפּלט אויף אין דער באַשרייבונג ״דער טויט פון אַן אָקס״! (ז׳ 30):

״מיט ברענענדיקע הערנער, צוויי אויסגעקרימטע וואַקסענע ליכט, אונטער אַ געלן שטראַליקן אַרעאָל, טראָגט זיך אַן אָקס מיט אַ הייזעריקן רעווען פונעם פלאַמיקן שטאַל אַרויס, ווי אין זיין האַלדז וואָלט געבליבן שטעקן אַ גילדענער חלף. דאָס צוגעקלעפּטע טרוקענע מיסט פון זיין היגטערטייל רייכערט זיך אין פיאָלעטע קנוילן און זיינע פאַדערשטע פיס, אַרויף ביז דער געמבע, פלאַקערן ביים סאַמע פלייש ווי אונטערגעצונדן ווילדגראָז... צו זיינע אויערן דערטראָגט זיך אַ גרויליק בענקענדיקער מממו, אַ דונער מיט אָפּגעהאַקטע פליגל״...

אוממעגלעך אויסצומעסטן די פאַרבן־גאַמעס פון אָט דעם בילד וואָס איז אין זיין ריטעם סאַמע דינאַמיק, אומגעריכטע נאַטור־סטיכיע. אין אַזוינס מוז מען זיך איינקוקן פון נייטיקער פערספּעקטיוו און צו דערצו נאָך זיין אין יכולת צו זען. יאָ, אַקוראַט ווי מ׳דאַרף קענען לייענען, מוז מע זיין אין שטאַנד זיך משתּף זיין מיטן מחבר פונעם ווערק; מ׳דאַרף קענען ריכטיק זען דאָס, אַקעגן וואָס מ׳שטעלט זיך אָפּ אָבסערווירן.

אַזוי אַ זענען אויך קאָמפּאָנירט די בילדער־דערציילונגען ״אַ לוויה אין רעגן״ (ז״ז 45—48), ״האָניק פון אַ ווילדער בין״ (ז״ז 49—51). איטלעך ווערקל איז אַ פלאַצדאַרם, אויף וועלכן דער מחבר אַנטפּלעקט זיך שאַפעריש

אין זיינע פולע כוחות פון אַ קינסטלער וואָס באַהערשט פריי דעם שטאָף, ווי עס שטייט אין פסוק: כחומר ביד היוצר.

*

די שאַרסטקע רעאַליטעט, אין וועלכער סוצקעווער פירט אונדז אַריין מיט זיינע אויסגענומענע מיטלען, גייט אין זיין פּאָעטישער פּראָזע געפּאָרט — ווי אויסטערליש דאָס זאָל נישט אויסזען — מיט אַזאַ דמיונותדיקן געוועב וואָס איז איינציקאַרטיק אין אויסדרוק און דערמאָנט טייל מאָל אין שאַגאַלישן שווונג: דאָס — אויב ס'האַנדלט זיך אין דער פּיטאָרעסקער צייכענונג פון געשטאַלטן אין אַן אַפּגעטייטער ווירקלעכקייט, אין וועלכער זיי שאַטענען זיך אין איינער אימה, אַזוי שטעלט ער אויך שפּרייז אָדער היפּט איבער דער גרימאַסנער וועלט פון דורכויסיקע דוממים. דערצו איז סוצקעווער אַ מאַדים אויף טרעפיקע פאַרגלייכן וואָס צעפּענען זיך מיט אומגעריכטער שאַרפקייט ווי בליצן אין ברייט־פונאַנדערגעגאָסענעם חושך, וועלכער נידערט איבער געבערג און פליינען און וואָס זענען איטלעך מאָל אַ מיני־אוניווערס וואָס דער פּאָעט אַנטפּלעקט. אַן אַנדער אַספּעקט פון דער אַ פּראָזע איז אויך דאָס, וואָס זי האַלט זיך פּאַקטועל נאָענט צו דער איצטיקייט, כאָטש זי קלאַמערט זיך איינצייטיק צום אַמאָל, וועלכער וואָרצלט אין זיין ירושלים דליטא. דער דאָזיקער עלעמענט איז שייך בעיקר דעם ציקל „גרינער אַקוואַריום", אָבער נישט ווינציקער דעם צווייטן טייל פונעם בוך, „משיחס טאָגבוך", וואָס ברענגט אַ ריי לענגערע דער־ציילונגען — אין פאַרגלייך מיטן פריערדיקן ציקל; לענגערע — באַזירטע סיי אויפן דאָרט, דער אַפּגעמעקטער היימשטאָט פונעם מחבר, סיי אויפן דאָ, אין ישראל; אלאָ אויך דער דאָ האַלט אַן, סוזשעטיש, דעם ענגן קשר מיטן דאָרט. און קלאָר, דער דיכטער קאָן נישט אַרויס פונעם עיגול איבערלעבונגען, וועלכע האַלטן אים נשמהדיק געפאַנגען.

נו, אויך אין די דערציילונגען פון „משיחס טאָגבוך", אַנטוויקלט סוצקעווער דעם סיפּור־המעשה מיט פּאָעטישע מיטלען, צו מאָל אַפילו די פּאַבולע דורכגעפלאָכטן מיט אַ פונק הומאָר אָדער דינעם סאַרקאַזם. די ערשטע דערציילונג איז כמו אַ צוריקבליק אין דעם פּאָעטס יינגלשאַפט: „דעם חלפס טאָכטער", איז געווען מיין ערשטע ליבע, לאָזט אונדז וויסן דער מחבר...

„די גאַס וווּ מיר האָבן ביידע זיך געהאָדעוועט, איז געלאָפן אַ פּאַר־סאָפּעטע באַרג־אַרויף, אַנגעהויבן פון דער גרינער בריק איבער די

ליימיקע ברעגן פון דער ווילִיַע, ביז העט אויבן, צו די שעסקינער בערג ווו די גאַס ווערט פאַרוואַנדלט אין אַ שליאַך וואָס לויפט אַזש קיין ווילקאָמיר; און די מערסטע קינדער פון מיין גאַס און אַפילו געגנוג דערוואַקסענע, האָבן גערופן ס׳רויטהאָריקע מיידעלע: דעם חלפס טאָכטער. אַלמאַי קומט עס איר? פאַר וואָס האָט מען צוגעטשעפּעט אַזאַ צונאָמען אַ יתומה? — — לאַנגע יאָרן שפּעטער איז מיר אָפּט באַפאַלן אַ תשוקה צו מאָלן אין ווערטער מיין ערשטע אָדער כמעט ערשטע ליבע. איך האָב זיך אָבער געשעמט פאַר די נעגל פון מיין שרייבהאַנט, ווו דאָס מיידעלע האָט זיך געשפּיגלט ווי אַ וואָלקנדל אין וואַסער, וואָס איך געדענק נישט איר נאָמען — דעם אמתן. און ווייל אַזוי, פלעגט זי תמיד זיך אַראָפּגליטשן פון פאַפּיר ווי פון אַ בלעטל אייז... (אָבער) דעם זכרון אַ לויב. ער האָט היינט פאַרנומען מיין תפילה און איר נאָמען דעם פאַרגעסענעם אַריינ־געבלאָזן מיר אין אויער: גליקעלע. אַ שטיין האָט זיך אַראָפּגעקייקלט פון מיין האַרץ. איך קאָן שוין וועגן איר דערציילן, זי מאָלן אין ווערטער" — — (ז״ז 55—56).

בכיוון ווידער געבראַכט אַ ציטאַטע צו באַקרעפטיקן די עדותשאַפט פון מחבר גופא, ווי ווייט ער איז איגנעם דערציילערישן סטיל און אופן אין זיינע גרעסערע דערציילונגען. אמת, ביידע ציקלען פּראָזע זענען באַהויכט מיטן סוביעקטיוו־פּאָעטישן שימער פון סוצקעווערס מאָלערישער תשוקה וואָס איז אים געטריי אויך אין דער פּראָזע, אַקוראַט ווי די כאַראַקטעריסטע מיטלען זענען איינציקאַרטיק זיינע, נאָר זיינע. די קאַנווע פון די ביידע סעריעס פּראָזע איז טאַקע די זעלביקע, די אייגענע ווילנע, אַפילו איר טאָפּאָגראַפיע, און דאָך ווי אַנדערש די רעאַליזירונג, דער דערצייל־אופן פון די ,קורצע באַשרייבונגען׳ פון „גרינער אַקוואַריום" און די דערציילונגען פון „משיחס טאָגבוך", וואָס עפנט זיך מיט דער פרישער לופט פון באַהאַרצטער נאָענטשאַפט צווישן דעם יִינגל פון דער ווילקאָמירער גאַס און דעם רויטהאָריקן מיידעלע. די עטערישע ווייכקייט און דער מאָלערי־שער סטיל פון דער דערציילונג איז נישט אָפּצוּווּעגן מיט אַ סתם קריטיציסטי־שער וואָג. ס׳איז אַ קרעפטיקע יצירה פון אַ קערניקן פּאָעט וואָס קאָן אויך די סודות פון רעאַליסטיש־לירישער פּראָזע, וועלכע לייענט זיך מיט גרויס הענוג. יאָ, ס׳איז היפש די מחיצה צווישן די לידער אין פּראָזע און די דערנאָכדיקע דערציילונגען וואָס די ערשטע פון זיי, „דעם חלפס טאָכטער", רופט זיך איבער, לויט דער פרישקייט און חנען פון אַ שטומער ליבע צווישן צוויי יונגע קינדער, מיט שלום עליכמס אומפאַרגעסלעכער דער־

ציילונג „שיר השירים"! בוזי, די אומשולדיקע מיידל־געשטאַלט, טראָגט אויך אין זיך די טעמים און ריחות פון סוצקעווערס גליקעלע. און דער אַרום זייערער? נישט שייך צו זוכן אַקוראַטנע פאַרגלייכן, ווייל... שיינקייט איז אַ קלאַסישע מאָס.

ווידער אַמאָל: ס'איז נישט שייך צו איבערדערציילן די מעשה־שהיה וואָס וויקלט זיך אויס — לפי דער באַגלייבלעכער גבית־עדות פונעם מחבר — אויף די טעמ'עדיקע זכרונות וועגן אַ ליבעשפּראָץ צווישן קינדער. מ'דאַרף נאָר שטעלן דעם טראָפ אויף דעם גרינגפיסיקן הומאָר וואָס היפּט איבערן דערציילערישן געוועב ווי דאָס קינדערשפּיל אין „עטל־בעטל". דערצו איז זי דורכגעווירצט מיטן רייכן לשון וואָס באַטעמט דאָס פּליסן פונעם טשיקאַווון מעשהלע אברהמל־גליקעלע: „ס'איז ניט ווינטער, ניט פרילינג. ס'איז פּורים־צייט, ס'דאַרף אַט־אַט־אַט אָנקומען דער פריילעכער יום־טוב, נאָר ער איילט זיך ניט. ער הענגט אויפן שפּיץ נאָז פונעם פרילינג, נאָר עפּעס קאָן ער ניט, דער פרילינג, אַ נאָס טאָן. די המן־טאַשן זענען דערווייל נישט ממשותדיק. נישט אַנדערש: פאַר אַ יאָרן האָט זיי די מאַמע פאַרזייט אין דערבייַיקן גאָרטן און זיי דאַרפן באַלד אַרויסוואַקסן פון דער ערד" (ז' 56).

בכלל איז „דעם חלפס טאָכטער" אַ פאַרכאַפּנדיקע דערציילונג וואָס פירט אונדז אַריין נישט נאָר אין גדר פון דעם מחברס פּסיכאָלאָגישן אַריינדרינג אין קינדערישן מהות וואָס אויף דער שוועל פון צייטיקונג, נייערט אויך אין דעם אומהיימלעכן ווידעראַנאַנד וואָס שפּראָצט ביים אונטערוואַקסנדיקן מיידעלע פּנים־אל־פּנים מיטן לייבלעכן פאָטער, וועלכער קלייבט זיך אַריינפירן אין הויז אַ שטיפמאַמע. די פּערספּעקטיוו פון אַ יוירנדיקער דראַמע שטעכט ממש אין די אויגן, רייצט די נערוון. אַזאַ איז דער גורל פון סוצקעווערס העלדיבע גליקעלע. קרעפטיק האָט דער מחבר אַרויסגעבראַכט די קאָנטורן פון דעם אַנזאָגנדיקן קאָנפליקט.

אויף דער קאַנווע פון דערמאָנונגען זענען געבויט אויך די דער־ציילונגען „דער נדר", „יאַנינאַ און די חיה", „דער צווילינגל". אָבער אינהאַלטלעך וויקלען זיך אויס די ערשטע צוויי דערמאָנטע אין דער שחיטה־צייט בעת „דער צווילינגל" איז שוין אָוועקגעשטעלט אין קאָנ־פראָנטאַציע צווישן דעם הייַנט דאָ און דעם ווילקירלעכן נעכטן פון דאָרט. די אוואַנסצענע פון דער נישט גאָר היימלעכער דראַמע איז אַרויסגערוקט (אויב מ'קאָן אַזוי זאָגן) אין אַלט־יפו בעת אַ באַגעגעניש פון אַ שאָטן־געשטאַלט פון יענער זייט לעבן, וועלכע וואַנדלט נאָך אַרום איבערן

געדעכעניש וואָס הויערט פלאַסטנווייז אין אונדזער מוח און עס האָרעוועט, האָרעוועט כדי נישט צו לאָזן פאַרגעסן דעם געוועזן. אפילו אין דער אייגענער ישראל וואָס איז זייער ווייט פון דאָרט און גאָר־גאָר אַנדערש. מער נאָענט צום צאַפלדיק־לעבעדיקן ישראל, מיט וועלכער עס אָטעמט דער מחבר, איז די דערציילונג „דער שטרייק פון קברנים". ס'איז אַקטועלער היינט, אָבער אַריינגעשריבן אין אונדזער זינען מיט דער פּען פון אַ מייסטער וואָס קאָן נישט אַראָפּנידערן צו טאָנדעט, מחמת לויערנדיקע שטרויכלונגען מצד אַ פּובליציסטישער היץ. אויך אין דער דערציילונג, וועלכע עפּנט קינסטלעריש אַ פּענצטער פונעם היינט אין אונדזער געדעכעניש אַריין וואָס אין אויסגעשטאַלטיקונג, קאַרגט ער נישט דעם פּענדזל פאַר געמעלן וואָס אַנטפּלעקן כלאחר־ידיקע שטריכן פון סאַטירע פליוס אַן עוקץ סאַרקאַזם. נו, אויך דאָ איז קאָנטיק דער איבעררוף פונעם מחברס געוועזן בײַנאַנד מיט דער לייבלעכער היימשטאָט. אָבער אונדז גייט אין באַווייזן אויך דעם שראַם סאַטירע ביים דערציילער סוצקעווער, וואָס איז שפּאָרעוודיק מיטן וואָרט.

ס'איז רעאַליסטישע פּראָזע וואָס איר לשון איז ס'לשון פון שטרייקערס־קברנים; און די דערציילונג ווערט געדעקט מיט אַ רייכן ייִדיש, כאָטש ער רעדט וועגן ביז גאָר פּראָזאַישע דברים־קשים פון ר' יואלישן דעם ראש־המדברים צווישן די שטרייקערס, וועלכער גיט „אינסטרוקציעס ווי צו פירן דעם שטרייק" (ז' 99). ווידער די דערציילונג „אַ שמייכל אין עק וועלט" איז אַ פּאָעטישער פלי פונעם דיכטער אין דער אַנדנאָיקער ספערע פון אַבסטראַקציע, אַ באַזירטע אויף די עקסטראַוואַגאַנציעס פון דער מאָדערנער טעכנאָלאָגיע פליוס דעם אויפוואַך פון די דזשונגלען אין עק וועלט, וועלכע כוחן זיך צו פאַרפלאַנצן ביי זיך די אויסטערלישסטע ווילדפלאַנצן פון דער אָקערשטיקער ציוויליזאַציע מיט אַלע „חן־גריבלעך" וואָס בלי̇ען צו מאָל אין די פאַרוואָרפנסטע ווינקלען בײַנאַנד מיט דער אַזיאַטישער עקזאָטיק. אָן ספק איז די אַ נאָוועלע אַן עקספּערימענט פונעם פּאָעט סוצקעווער נאַראַטיוו אַריינצודרינגען אין דער ספערע פון אַלעגאָריע, וועלכע איז אויסן באַשיימפּערלעך צו טרעפן אין רוקנביין פון דער „מאָדערניסטישער" ציוויליזאַציע אין די ווילדערנישן פון די הימלטויבע ברעגן פונעם ערדקיילעך. אַ ראיה דערויף האָבן מיר צו מאָל אינעם סוף־בריוו וואָס דער מחבר האָט געשריבן צו זיין העלד וויליאַם בוק: „...ביי מיר איז רעכט, איר וועט נאָך ווערן פּרעמיער, און אויב די ייִנגלעך פון דזשונגל וועלן אייך ניט אָוועקלייגן, וועט איר אויסלעבן די יאָרן אין כבוד,

מ׳וועט איך מאַכן אַ שיינע לוויה און שטעלן אַ גראַניטענעם דענקמאָל. נאָר דעמאָלט אַפּילו וועט איר ניט אויפהערן צו זיין מיין מערדער. און דאָס איז די סיבה אַלמאי איך האָב געמוזט וואָס גיכער פון מיין חשובן מערדער אַנטלויפן. צום ניטווידערזען!״ (ז׳ 117).

צו דעם אויטענטיש־סוצקעווערישן נוסח פון בילדערישן אויסדרוק געהערט אויך די דערציילונג „משיחס טאָגבוך״, וועלכע איז אין תוך אַן אַבסטראַקציע וואָס אין איר עכאָט אָפּ די סאַמע וואָר פון צעשערבלטן, קוים דערלעבטן נייעם מאָרגן.

מיט דעם בוך גרינער אַקוואַריום האָט אברהם סוצקעווער זיך פּרע־זענטירט מיט אַ גאָר נייעם שאַפערישן פּנים: ווי סוצקעווער דער פּראָזע־קינסטלער, דער דערציילער מיט אַ נייעם מכשיר אין זיין רשות. ריכטיק, דער פּאָעט האָט אויך דאָ, אין זיין נייעם פעלד, נישט פאַרלאָזן דעם מייסטער, ס׳איז אַן אַנוועזנקייט וואָס שטאַרקט מערער דעם מייסטער. יאָ, דער צאַרטער פּאָעט סוצקעווער דערגאַנצט, גיסט אַן מיט פרישן כוח דעם דערציילער אין סוצקעווערן, און דאָס איז אַ סך, אַ ברכה.

אגב — סוצקעווערס פּראָזע־בוך עפנט זיך מיט אַ ברייטן, אַנאַליטיש־באַקרעפטיקטן אַריינפיר פון פּראָפ׳ רות וויס. די ליטעראַטור־פאָרשערין צעגלידערט דאָס ווערק פון סוצקעווערן דעם פּראָזאַיקער, לויבט זיינע נייִקייטן וואָס ער האָט אַריינגעבראַכט אין שטח פון זיין אייגנאַרטיקן ליד אין פּראָזע; שטעלט זיך אָפּ דאָס גלייכן אויף די בלאָסערע שטריכן פון סוצקעווערישן פּאָרטרעט און, לסוף, געפינט זי אויס אַפילו טייל סתירות אין דער קאָמפּאָזיציע. דער עיקר אָבער שטעלט זיך אָפּ די בעלת ההקדמה אויפן קינסטלערישן אַנאַליז פון דער סוצקעווערישער דערציילונג וואָס איז בכלל אַן אַנטפּלעקערישע נייס אין אונדזער ליטעראַטור. שוין דער פאַקט וואָס די אַנאַליטישע אַרבעט פון ד״ר רות וויס פאַרנעמט די ערשטע 35 זייטן פון אַנגערופענעם בוך זאָגט עדות אויף דעם ערנסט וואָס סיי די פאָרשערין סיי די אַרויסגעבערס * פון סוצקעווערס בוך שרייבן צו זיין פּאָזיציע אין דער קינסטלערישער פּראָזע אין ייִדיש־לשון. געוויס, דאָס בוך „גרינער אַקוואַריום״ איז זוכה אויך דעם שהחיינו פון דער לייענער־שאַפט וואָס איז מסוגל נהנה צו זיין אַ פרישן ביסן פון אונדזער ליטעראַרישן טיש.

* העברעיִשער אוניווערסיטעט אין ירושלים, ייִדיש־אָפּטייל און קאָמיטעט פאַר ייִדישער קולטור אין ישראל, תשל״ה — 1975.

יוסף אקרוטני

אַ טייער לעצט־געלט פאַרן דיכטער

אַקוראַט צו די שלושים נאָך שלמה ביקל דעם אויסנעמלעכן עסייִסט, האָט זיך באַוויזן, ווי אַ באַשטעטיקונג פון זיין ווייטערדיקן גייסטיקן לעבן, שלמה ביקלס נייסטער בוך „די ברכה פון שיינקייט" אַרויסגעגעבן פון ישראלשן פאַרלאַג המנורה. עס איז אַ בוך וועגן דער וועלט ווי עס זעט זי דער דיכטער אברהם סוצקעווער.

אַ פנים, אין פאַרגעפיל פון זיין נאָענטן פיזישן סוף, האָט דער קראַנקער, איידעלער שלמה ביקל זיך געאיילט מיטן צונויפשטעלן זיין אַני־מאמינדיקע שריפט בנוגע ייִדישער פּאָעזיע.

שיינקייט, קען מע זאָגן אָן מורא מגזם צו זיין, איז געווען די עיקרשטע דיבּרה פון שלמה ביקלס שרייבערישער ייִדישער וועלט. זיין גאַנץ לעבן איז ער געווען אַן אוהב מענטש, אַ גרויסער חסיד פון צדק, פון רחמים פאַרן געליטענעם, אָבער דער חוט־השדרה פון זיין גייסטיקן ווי פיזישן מהות איז געווען די אומגעוואַקלטע געטריישאַפט, די צוגעבונדנקייט צו שיינקייט. אין אים, דעם אויסגעשולטן יוריסט, האָט געוואַקט די אינטע־ליגענץ פון אַ ראַפינירטן עסטעטיקער. אויף יעדן קווינט שיינקייט איז ער געווען ביז גאָר שפּירעוודיק און זעעוודיק. נו, צו שיינקייט האָט שלמה ביקל אַרויסגעוויזן אַ באַזונדערס שטאַרקן טאַלאַנט. ער האָט זיך געשטרעקט צו די כל המיני אויסשפּראָצן פון שיינקייט, וועלכע האָט די מעלה איינ־צוהיטן אונטער אירע פליגל אַ שפע פון ווילקלאַנג, ווידערקלאַנגען און טענער פון ליכט און אירע בייטענער וואָס עס אַנטהאַלט מענטשישער יופי, די געטלעך ייִדישע תפארת און די אַלבאַוווסטע העלענישע פּראַכט. און שלמה ביקל האָט אַ וואָך געפיל פאַר אָט דער כלערלייִקייט און זיין פאַר שיינקייטן. אַוודאי, שיינקייט אַפילו אין נסיון פון טרויער, פון האַרציקן זוויי אויף וואָס דער ילוד אשה איז אויסגעשטעלט. דער מענטש, פנים־אל־פנים מיט דער נאַטור, איז דער מאַדולירער און היטער פון דער שיינקייט, מחמת ער באַגערט צו ווערן אַ לעבעדיקער טייל פון איר.

✶

אין דער שיינקייט האָט שלמה ביקל געזען די ברכה, מיט וועלכער עס איז געבענטשט געוואָרן דער מענטש, כאָטש ער איז נישט אַלע מאָל מסוגל אויסצומיידן די האַרטנעקיקייט וואָס אים איז באַשערט אַריבער־צוטראָגן איבער מכשולים און בראַנדן פונעם לעבן.

ביקלס בוך „די ברכה פון שיינקייט", איז דער זאַמלנאָמען פון די אידעען און דער לעבנס־פילאָסאָפיע פון דעם ייִדישן פּאָעט, וועלכער איז גורלדיק געשטעלט געוואָרן אַנטקעגן דעם געווירבל פון פייער און בלוט וואָס האָט געשלאָגן זיין וועלט און די וועלט פון זיין שווער־געפּרוווטן פאָלק. לכן האָט ער אין עקסטן ייִאוש זיך איינגעקלאַמערט אין דער שיינקייט, וואָס דרינגט אַדורך אַפילו דעם כאַמע חושך, געפינען אין איר, אין דער אָ שיינקייט, זיין איינציקן מקום־מקלט אַנטקעגן די פורענויותן און מגיפות וואָס עס האָט געליטן זיין דור, דער דור פון די פיינלעכסטע ייִדישע נסיונות.

שיינקייט, שיינקייטן, זענען דאָס איינציקע וואָס קאָן היילן, ראַטעווען, מגין־זיין דעם בן־אדם וואָס איז אַריינגעטריבן געוואָרן אין אָוונטלאַנד.

און אַ שפע פון שיינקייטן געפינט שלמה ביקל אין דער גראַנדיעזער, מייסטערישער דיכטונג פון דעם ייִדישן פּאָעט אברהם סוצקעווער, וועלכער איז אגב אויך אַ גרויסער בעל־נסיון פונעם דור מאַרטירערס און קידוש־השמניקעס וואָס האָבן אויפגעטויכט מיט זעלטענער גבורה און איידלקייט בעת דעם היטלערישן אומקום־גזר פאַר אונדזער פאָלק. אַליין אַ שווער־געליטענער, דער פּאָעט אברהם סוצקעווער, און דאָך איז ער געבליבן אַזוי צו זאָגן אַ כוהן־גדול אין היכל פון שיינקייט, נישט געקוקט אויף די מאויִמדיקע איבערלעבענישן וואָס דער גורל האָט אויך אים צוגעטיילט.

דער מחבר פון דעם עסייען־געזאַמל האָט טאַקע לכתחילה אַקצענטירט די אידעע וואָס אונטער איר האָט ער געשטעלט זיין אַני־מאַמינדיקן בוך פון אַ ייִדישן ליטעראַטור־קריטיקער: „עסייען וועגן אברהם סוצקעווער", מחמת אברהם סוצקעווער ווי אַ יחיד במינו אין ייִדישן ליד איז איינער פון די באַטייטנדיקסטע קינסטלערס וואָס האָמערט אויס, געשטאַלטיקט אין וואָרט די שיינקייט פון מענטשלעכן זען און פילן. אגב באַצייכנט שלמה ביקל אונדזער דיכטער ווי אַ סקולפּטאָר, און אין אַן אַנדער אָרט ווי אַ קאָמפּאָזיטאָר, אַ שאַפערישער כוח פון מוזיק אין פעלד פון ייִדישן ליד. ס'איז מוזיקאַליש זיין פערז, און ס'איז מייסטעריש־פּלאַסטיש דאָס בילד וואָס האָט אַ געזונטן באָדן אין זיין ליריק. די עסטעטיק איז דער פאַנטאַס־טישער וואָגן, אין וועלכן סוצקעווער האָט זיך אַריינגעלאָזן אין מאַגישן געשוועב איבער די אָרביטעס פון אוניווערס. דער עסייִסט ביקל, אַ פאַר־ליבטער אין שיינקייט לשם עסטעטיק און לשם עטיק, שפּאַנט אים נאָך אַ פּאַרטראַגענער אין באַגייסטערונג. און ניכטערט ער זיך אויס, דער בעל־דמיון ביקל וואָס איז אויך אייפעריק געטריי דעם בעל־מוח אין אים,

דערזעט ער ערשט די גרייס פון דער ברכה וואָס דער פּאָעט אַנטפּלעקט אין דער שיינקייט פון וועלטאַל, אַפילו ווען דער אשמדאי האָט אים געפּרוּווט פּאַראומווערדיקן, דעם אוניווערס. שריט ביי טריט דאָקומענטירט עס דער דיכטער מיט זיינע וויזיעס ווי אין הארבע געשעעניש. שלמה ביקל, דער מפרש, באַווייזט עס מיט סוצקעווערס ווערק און ער רופט אויס מערמאַליק: אָט זעט, אָט האָט איר זי, די ברכה פון שיינקייט! סוצקעווער איז דער פּאָנענטרעגער פון די אַלע שיינקייטן, צו מאָל קרישטאָלענע שיינקייטן. עס האָט נישט קיין שיעור צו זיין התפעלות פאַרן פּאָעטישן אויפטו פון דעם פּאָעט. נו, עס איז דערפאַר וויל דער איינטייטשער און אויסטייטשער פון דעם סוצקעווערישן שיינקייט־מאָטיוו איז אַליין כולו עסטעט וואָס פּאַסמאַקעוועט זיך מיט דער געשליפנקייט פון יעדן וואַריאַנט יופי.

✶

ביקלס בוך איז אַ נייגעריק, גינציק און געסטלעך קומען פון אַ פּאַר־ליבטן אין הויז פון זיין געטרייער. שלמה ביקלס איינזאַמל פון עסייען דערווייזט דעם אופן ווי אַזוי דער דאָזיקער ליטעראַטור־מפונק האָט אין סוצקעווערן אַנטפּלעקט די שאַפונגזוועלט פון אַ זעלטענעם יידישן פּאָעט: דאָס געפינען פונקען און פלעמלעך שיינקייט אין דער וויזיע און אין דער סימבאָליק, וועלכע ווערט פונעם פּאָעט געשטעלט אין קאָנפראָנטאַציע מיט דער וואָרהאַפטיקער פאַנטאַסטיק (יאָ, אין סוצקעווערס מענטשישן נסיון האָט די וואָר וויט אַריבערגעשפּאַנט די גרענעצן פון אומנאַטירלעכע „מעגלעכקייטן") וואָס דער פּאָעט דערזעט צו מאָל אויפן ברענענדיקן באָדן פון דער טאָג־טעגלעכקייט אין געטאָ ווילנע, אָדער אין פּאַרטיזאַנ־שטשינע, וואָס אין די טריבע, דולע וועלדער. קלאָר, ביי סוצקעווערן גייען אין פּאָר וויזיע מיט פּאָעטישער סימבאָליק פנים־אל־פנים מיט דער פּאַרעקשנטער וואָר; נו, אויך פון דער צעקאַליעטשעטער וואָר אַנטקעגן דער נאַטור אין קראַמפּהאַפטיקן ווי ווי אין קול־דממהדיקער ליכט, אַנטרינט נישט דאָס שפּירעוודיקע אויג פונעם פּאָעט.

שלמה ביקל גייט נאָך דעם פּאָעט פוסטריט און ס'איז אייפעריק זיין אַריינבליק אין דעם דיכטערס געמיט. זי איז פּילקאַלירִיק, די אַ וועלט, ווי דער קאַיאַר אויפן שפּיץ באַרג און פּילגעשטאַלטיק ווי דער אימפּעטיקער טאָג אין דער שטאָלגעקאָוועטער גרויסשטאָט. די וועלט פון אברהם סוצקעווער, וועלכע איז צוזאַמען מיט איר שיינער עדה געוואָרפן געוואָרן אויפן שייטער פון צעפּלאַקערטן אויספּרוּוו, וואָס דער טייוול האָט ווי

אַ פֿאַסטקע אָוועקגעשטעלט פֿאַרן מין ייִד. און קענטיק, ווערליק דער באַגלייבטער עדותשאַפֿט פֿון דעם פּאָעט און זיינע אחים־לצרה, איז דער קרבן אַרויס טהור־ריין, געלייטערט פֿונעם פּיינלעכן נסיון. אַ ראיה: דאָס קול פֿון סוצקעווערס ליד קלינגט דורכזעעוודיק ווי געשליפֿענער קרישטאָל. עס רעדט דערפֿון — פֿון דער הייך פֿון זיין פּאָעטישן ווערק — אויך די לויטערקייט פֿון האַרץ, כאָטש עס איז צעפּייניקט און סע רעדט דערפֿון דאָס בילד פֿון דער פֿאַרקראַמפּטער געהיימשטאָט, וועלכע איז געווען אַריינ־געשטויסן אין די קאַנאַלן אונטער דער אויבנאויפֿיקער ערדפֿלאַך. אויך אַזוי טענהן ביי אים, מאַנען און רופֿן צו דער געשענדטער גערעכטיקייט, די עלעגישע געזאַנגען, די טיראַדעס פֿון דער פּאַטריאַ־שיף וואָס סוצקעווער האָט געלאָזן שווימען צו זיין גייסטיקער ערד. די ייִדישע וועלט איז אָוועק אין אַ נייעם תוהו־ובוהו, מוז איר פּאָעט אויסחלומען לפּחות אַ גייסטיקע וועלט, בעל כרחו זי אויסחלומען, כדי צו קענען זיך אָנכאַפּן אין איר ווי אין דער אַלעגאָרישער שטרוי פֿאַרן זיך טרינקענדיקן.

און ריכטיק: עס איז אוממעגלעך אין חורבן סדום זיך צו האַלטן ביים ממשות פֿון דער משקולת־וועלט, ווען אַלע אירע פּלאַכן זענען פֿאַרכאַפּט פֿון דער חיה־רעה. אויב מ׳וויל אונטער די חושך־פֿאַרפּאַנצערטע הימלען גייסטיק באַזיניקן דאָס פֿאַראַנענע בייז, מוז דער פּאָעט עפֿענען פֿאַר זיך אַ באַזע פֿון... סימבאָליק. מחמת נאָר סימבאָלן זענען מסוגל צו באַוואָרן אַזאַ וואָר, וואָס ס׳איז נישט געמאָלט זי אָוועקצושטעלן אַנטקעגן דעם טאָג וואָס מאָנט ברויט און זאַלץ און אַן עוקץ זיכערקייט בפּועל ממש פֿאַרן באַדראָעטן פּלעמל לעבן. ווייל דאָס וואָס איז פֿאַר־בליבן פֿון סוצקעווערס היימישער גאַס, האָט אָנגעווירן איר אייגנטלעכן פּנים — ס׳איז כלל נישט געווען ענלעך צו אָוועלכער מעגלעכער ווירק־לעכקייט פֿאַר מענטשנס אָטעמען. און איז געקומען די עקסטרעמע נויט צום ווידער־געבוירן אַ במקום פֿון דער ווילנע של מטה, האָט אין זינען פֿון דעם פֿאַרליטענעם דיכטער דעמאָלט אויפֿגעטויכט די אימאַגינאַציע פֿון אַ ווילנע של מעלה אין דער אַליין באַלעבטער אינטערפּרעטאַציע פֿון אַ נייער אויסגעדמיונטער געשטאַלט. און סוצקעווער, דאַרף מען צוגעבן, איז רירנדיק סענסיטיוו אין דער רייכקייט פֿון זיין אָנגרייפֿנדיקן בילד וואָס ער ברענגט אין אַן אומגעהערטער דימענסיע פֿון ברענענדיקן טאָג און נאַכט פֿון יענעם סדום. — —

טאַקע אַזאַ אייפֿעריקער ליבהאָבער פֿון ציזעלירטן פּאָעטישן וואָרט און פֿאַרכאַפּנדיקער שעפֿערישער אידעע ווי עס איז ביקל, האָט זיך

געקענט שטעלן דעם ציל צו געבן אַ טיפן אַריינבליק אין דער אויס־נעמלעכקייט פון סוצקעווערס אָריגינעלער פּאָעטיק. געשטעלט דעם שריט און אַנטפּלעקט די פּיל־זייטיקייט פון בילדער און שטימונגען וואָס רע־פלעקטירן דעם אַנדראַנג פון אַ יענער־וועלט, וועלכע יוירט אַריבער די גרענעצן פון סטערעאָטיפּן דענקען און זען. דעריין דער כוח פון סוצקעווערן, דעם מאָדערנעם קינסטלער מיט אַ שפּעדיקער פּאַליטרע אין האַנט און אַ פידעלע אין דער נשמה.

✶

דער עסייִסט שלמה ביקל מאַכט אַן עקסקורסיע איבער סוצקעווערס פּאָעטישע שאַפונגען — אין קווערשניט מיט זיין פּסיכאָגראַפיע — אויפן פאַן פון זיין קינדשאַפט און יוגנט, וועלכע צייכענען אַ נישט פאַר־געסלעכע, אומדורכשניטלעכע לאַנדשאַפט אונטער עקסטרעם פאַרשיידענע קלימאַטן און איבערלעבונגען. און אַוודאי הייבט זיך אַרויס פון דעם אַ פּאָעטישן פעלד דאָס גרויליקע פּונעם געטאָ, פון פּאַרטיזאַנער־וואַלד געכפּלט אויף דער הימל־שרייענדיקער וויסטקייט פון דעם טויטנטאַל פּאָנאַר, דעם לעצטיקן בית־עלמין פון זיין ירושלים דליטא.

שלמה ביקל איז פול התלהבות פון סוצקעווערס בילדערישער באַ־זונדערקייט; ניין, ר'איז ממש שיכור אויך פון זיין מוזיקאַלישן סטראָף, אָבער מער פון אַלץ אַקצענטירט ער די שפע פון שיינקייטן מיט וועלכע דער פּאָעט אַרגומענטירט אַזוי צו זאָגן דעם זכות הקיום פון דער סוצקע־ווער־וועלט, כאָטש דער שד האָט באַוויזן זי צו צעקאַליעטשען, צעבלוטיקן. דער חוש פאַרן ביסל יופי וואָס הענגט אַלע מאָל אויף זיין וויִע, איז באַשיימפּערלעך אַזאַ אָרגאַנישער „מום" זיינער. אַפילו אין דער סכנותדיקער ענגשאַפט וואָס האָט פאַרווונדיקט דעם פּאָעט, האָט דער דאָזיקער פעלער שולט געווען אויף אים. אויסנעמלעכע, געטלעכע שיינקייט זעט ער אויך אין געטאָ, ווען די לערערין מירע איז אַרומגערינגלט פון די הונגעריקע, דערשראָקענע קינדערלעך און גרויסע, איידעלע שיינקייט געפינט ער אַוודאי אין דער הייליקייט פון דעם מענטש וואָס אין אייגענער פּיין איז ער קאַפּאַבל איינצושטעלן דאָס לעבן כדי צו ראַטעווען אַ ייִד. זיי זענען געווען ווינציקע, אָבער געווען אין זייער זעלטנקייט. ער זעט בכן די קריסטלעכע פרוי, וועלכע האָט געראַטעוועט זיין אייגן געפלאָגטן געביין אין עיגול פון אַן אומערדישער רו, גלייך זי, זיין רו, וואָלט געווען אַרומגערינגלט פון „אַ לאַנקע צווישן תליות".

יאָ, די מעטאַפּאַריק איז אין פולער האַרמאָניע מיט דער שטאָק־פינצטערער אַטמאָספער וואָס האָט פון ייִדנס וועגן געלאָזן רק לאָנקעס צווישן תליות. די ווייטיקן, מיט וועלכע עס איז געשלאָגן געוואָרן זיין פאָלק אין דער געשטאַלט פון דעם צי יענעם קרבן היטלערס, איז פאַרקערפּערט ביים פּאָעט סוצקעווער אין אַ „בערגל ווונדן". דער אַ אופן פון מאָלן און שילדערן האָט אַגב צו טאָן מיט סוצקעווערס אייגנטימלעכן פּאָעטישן נוסח, זיין ווירטואָזיטעט. אָבער דער דערגרייך פון סוצקעווערס פּאָרנעם איז אַ סך ווייטער פון ווירטואָזיטעט. און עס איז אויך רייך דער דיאַפּאַזאָן פון זיינע מאָטיוון. שלמה ביקל שטעלט דעריף דעם טראָפּ אין יעדער פון די עסייען וואָס זענען איינגעשלאָסן אין זיין בוך וועגן סוצקעווערן. דעם דיכטער פון אונדזער נסיון־דור זוכט ער צו פאַרגלייכן מיט דעם גרויסן געטהע און לענגער שטעלט ער זיך אָפּ אויף אַ קאָנפראָנטאַציע סוצקעווער — לייוויק בשייכות דער סימבאָלישקייט און דער פּראָבלעמאַטיק וואָס זענען אייגן דיביידע דיכטערס; אָבער ביקל טיילט אויס — און מיט רעכט — סוצקעווערס באַזונדערקייט אויך אין זיין פּאָעטישע דערהייבנקייט.

גאָר אַן אויסנעמלעכן זכות זוכט ביקל פאַר סוצקעווערס לידער וועגן דער ווידער־אויפגעקומענער ייִדישער מדינה. ער באַקרעפטיקט זיין הנחה מיט סוגעסטיווע סטראָפעס פון זיין פּראַכטיקער פּאָעמע „גייסטיקע ערד". וועגן דעם גריכישן פּאָעט פּינדאַר — גיט ער צו — ווערט דערציילט אַז ער האָט מיט זיין ליד אָפּגעראַטעוועט די שטאָט ספּאַרטאַ פון אירע באַלאַגערערס. אונדזער ייִדיש־פּאָעט אברהם סוצקעווער קען ווי פּינדאַר דעם כוח פונעם ליד און ער גלייבט אין אים, אין דעם אַ כוח. ער זינגט:

אויב דו וועסט מיך באַשיצן פון די חיות
באַצאָלן וועל איך דיר מיט גרויסע לידער
ביים כרמל, ביים געזאַלבטן הר־הבית,
אַז יעדער שטיין וועט שפּרינגען ווי אַ ווידער.

„סוצקעווערס לוין און סוצקעווערס זכות — פאַרענדיקט שלמה ביקל איינעם פון זיינע קאַפּיטלען אין דעם בוך — איז דאָס וואָס ער באַרעכטיקט די דאָזיקע שורות און מאַכט אונדז גלייבן אין זיי".

און לאָמיר צוגעבן פון אונדזער זייט, אַז אברהם סוצקעווערס שפּעטערדיקע און נייסטע לידער און פּאָעמעס זענען אַ ווייטערדיקע באַקרעפטיקונג פון שלמה ביקלס געהויבענעם אויספיר בנוגע דעם דאָזיקן גרויסן דיכטער אונדזערן.

יוסף אקרוטני

✶

דאָס בוך „די ברכה פון שיינקייט", דאַרף מען מוסיף זיין, איז אַ וואָגיק לעצטגעלט פונעם באַרימטן עסייִסט שלמה ביקל פאַר דעם ילד השעשועים פון דער ייִדישער פּאָעזיע, פאַר אברהם סוצקעווערן, אים צו לאַנגע שעפערישע יאָרן. נו, און עס איז ביז איצט דאָס בעסטע בוך, פון די ביכער, וועגן אַברהם סוצקעווערס פּאָעטיש פּאַרמעג, וואָס ער האָט ביז איצט זוכה־געווען אין ייִדיש־לשון.

א. וואָגלער אַן אײנזאַמער — זעלטענער זינגער

עס איז דער זעלבער אלחנן וואָגלער, דער אײנזאַמער, האַרציקער ווילנער זינגער, וואָס האָט זיך מתחתן געווען מיטן פּלוימען־סאַד, וואָרן די מענטשן זענען נישט איבעריק צוגעלאָזן, מחמת...

עס איז שוין אַוועק אַ היפּשער מהלך פון יענער ווילנע — הינטער זיך שוין געלאָזן דאָס סטעפּישע מיטל־אַזיע, דאָס טויזנט מאָל חרובע פּוילן און איצט קלאָגט־אַרויס זיין עלנט פון אַ שטיבל ערגעץ אויף אַ זעקסטן גאָרן אין דעם שיינעם פּאַריז. אין דער היימישער ווילנע איז ער געווען אַ נעסט פון טרויער. ערשט אין נע־ונד אין דער ווייטער, גרויסער פרעמד ווײנט אין אים דער ווי פון דער גאָרער וועלט. זיין ניי בוך איז עס דער טורעם פון אײנגעשפּייכלערטן געזאַנג פון טרויער, וואָס לייזט זיך אויף אין אונדז מיטן כוח פון וואָגלערס דיכטערישער גבורה.

מיט אײנזאַמקייט האָט אלחנן וואָגלערן געשלאָגן זיין מענטשלעכער גורל, אָבער זעלטן, אײנציקאַרטיק איז די לירע, פון וועלכער ער ברענגט־אַרויס זיין ליד. אַן עכטער דיכטער איז ער, לעבט ער איבער זיין ליד און ער לעבט אין גאַנצן אינעם ליד. איז בכן איבעריק צו שטעלן דעם טראָפּ, אַז וואָס שייך זיין מעדיום, זיין פאָרעם און אינהאַלט, איז דער דאָזיקער פּאָעט אַ יחיד במינו. אלחנן וואָגלערס געזאַנג איז כולו אייגנס. עס איז אײנמאָליק ביי אים און ערשטיק איז עס ביז אים. מיר זאָגן בכיוון: געזאַנג, ווייל אין אַלע וואָגלערישע מאָטיוון דאָמינירט דער ניגון פונעם עלנטן זינגער, ווען די גאַנצע וועלט טוט ווי; ער וואַנדלט־אַרום אַ בלאָנדזשענדיקער. זיין געזאַנג הענגט זיך אָן אָן אַ צוויג, עס זוכט זיך פּאָר אַ נעסט אַ תמימותדיקע ברוסט. יאָ, אַזאַ איז דער מענטש אלחנן וואָגלער בן מאיר, וועלכער האָט נישט קיין אָרט צווישן די מענטשן, מחמת זיין ווייטיק איז גרעסער פון דער גאַנצער ערד (דעם דיכטערס זאָג).

בלי גוזמא: אין דער גאָרער יידישער פּאָעזיע האָט וואָגלער נישט קיין גלייכן, וואָס שייך די דיכטערישע מיטלען און דעם אויסקלאַנג פון זיין ליד. און נישטאָ קיין גלייכן צו זיין עלנט ווי אַ יידישער פּאָעט.

אַדרבא, זיין מעיין אין זיין „בלעטל אין ווינט", אַרויסגעגעבן פון יונג־ווילנע, 1935, און אין זיין גרויסער פּרעמירטער פּאָעמע „צוויי בער־יאָזעס ביים טראַקט", (אַרויסגעגעבן פון פּען־קלוב אין ווילנע, 1939), וועט איר געפינען דעם קאָמפּאַס צו וואָגלערס ביז גאָר אינטערעסאַנטער פּאָע־

טישער וועלט. און קיין אַנדערע וועלט ווי די פּאָעטישע פאַרמאָגט ער נישט. זי איז זיין לייב און לעבן. וואָס עס איז נוגע די מענטשן — און די שרייבערס צווישן זיי, די טרובאַדאָרן פון גערעכטיקייט — האָבן זיי טאַקע ליב שיינקייטן, האָבן אַן אויער פאַר זיסע און אומעטיקלעכע לידער; זיי האָבן אַפילו זייער אייגענעם אוצר פון איידלקייטן, אַ געפיל פון יושר און חסד — פאַרן עלנטן זון פון דער יידישער פּאָעזיע האָבן זיי צומאָל אַ טויב האַרץ. בפירוש אַזוי. איר וועט דאָס דערפילן פון וואָגלערס ציכטיקן שיר, איר וועט עס דערקענען אין זיין לאַנגן גליוועריך מיטן ליד אין מויל. און איז ער ענדלעך אַרויס, נאָך יאָרן, מיט אַ לידער־בוך, דערהערן מיר פון דעם דאָס געשריי פון אומגעווייינלעכן צער.*

✶

עס איז אַן אַלטער כלל: אויב מ'וויל ריכטיק מסביר זיין אַ פּאָעט, בפרט אַזאַ פיינעם פּאָעט ווי וואָגלער, דאַרף מען געפינען דאָס מיסטעריעזע שטעגל, וואָס פירט צו „די טויערן פון זיין געמיט". און כאָטש וואָגלערס שאַפונג איז נישט טראַפּאַרעט, דאַרף מען פון דעסטוועגן נישט גיין ביי אים זיך גריבלען אין אַ וואָסערע עס איז רמזים. ווייל בילדעריש, פּלאַסטיש איז זיין מעטאַפאָריק, וואָס איז אויסגעלייען פון דער פשוטער נאַטור און איבערצייגעוודיק, נמשלדיק איז זיין געמעל, און באַלאַדיש, געצייכנט מיט האַרץ, איז די פאַן פון זיין יעדן ליד. און נאָך אַ מעלה האָט וואָגלערס פּאָעזיע: ביי איר גאַנצער עלעגיק איז אין איר אַריינגעכישופט אַ מעשה. עס איז די מעשה פון זיין בידנעם און דאָך אַזוי רייכן לעבן, וואָס ער כישופט־אַרויס פון דער „פּאָסנער ליטע", פון דער אומעטיקער לאַנדשאַפט, פונעם בוים און קוקאַווקע, פון ליימיקן בערגל און פון סטאַוו. און זיי וויסן, קומענדיקער ביאָגראַף: פון זינט ער געדענקט זיך, דריקט אויף וואָגלערן דער האַרטנעקיקער אָרום און דאָס בילד פון טאַטע־מאַמע זענען אידענטיש מיט דעם טרויער, וואָס הויזט אין אים.

אַוודאי, יתומשאַפט האָט אים געפירט און די מענטשן האָבן דעם קליינעם ווי דעם אונטערגעוואָקסענעם חנקען קיין גוטס נישט אַרויסגעוויזן. דערפאַר האָט ער ווי אַ קראָט זיך פאַרבאָרגן אין די אייגענע פינצטערנישן און זיך אַליין געשאַפן אַ באַזונדערע וועלט. איבער דער דאָזיקער וועלט איז אַ פאַרצאָגטער, וואָגלערישער הימל, אַ וואָגלעריש ליכט. אַזוי האָט ער אויך געפונען זיין אייגענעם ניגון.

* „פרילינג אויפן טראַקט", פּאַריז, 1954.

וואָגלער זינגט שטיל, שטענדיק פאַרצערט, אָפּטמאָל פאַרציט ער דעם ניגון אויף אַ פאָלקסטימלעכער נאָטקע. עס איז דעמאָלט אַ טרויעריקע פריילעכקייט אין די געצעלטן פון אלחנן וואָגלער. פאַרמאַכט מען די אויגן און מ׳הערט זיך איין אין ניגון, דערזעט מען דעם זינגער זיצן ערגעץ אויף אַ באַרג מיט טרויער.

אַליין דערציילט ער פון זיך:

איך בין געבוירן אין מדינת־ליטע.
אירע טראַקטן, אויסגעוועבט מיט בלויע טריט,
און אירע ווײַנשל־גערטנער צעבליטע
זענען די טויערן פון מײַן געמיט.

די נאַכט האָט אויפגערוישט איבער מײַן וויגל,
ס׳געבעט פון ווערבעס אויפן גוטן אָרט,
און פאַרהילט אונטער איר שוואַרצן פליגל —
דעם טאַטנס שפּראַצנדיקע געלע באָרד. — —

כ׳האָב מיט פויגלען זיך געטיילט דעם ביסן,
געפיטערט אויף דער לאַנקע פרעמדע ציגן,
און די טײַכן אין מײַן לאַנד, וואָס פליסן
פון מײַנע שירים איז אַצינד דער ניגון. — —

אין גרויסן ווי באַהאַפטן זיך מיטן דומם ווי מיטן בעל־חי, האָט דער דיכטער־יתום אומצוטרווילעך זיך פאַרקוקט אויפן מענטש. די געירשנטע „עשירות פון דער מאַמע״ — דעם בטחון אין „אייער ברידערלעכקייט״, איז שוין אַ נייע גאַמע אין וואָגלערס ליד. אין די פאַלדן פון זײַן צעוווּנ־דיקטער נשמה וואַקסט דאָך אויס אַ בלום פון גלויבן אינעם מענטש. נישט אַנדערש — עס איז אַ פּועל־יוצא פון די פּרוווּ־יאָרן, ווען צוזאַמען מיט אונדז האָט אויך דער דיכטער פאַרלוירן דאָס סאַמע לעצטע. דער שקיעה־שטראַל פון יידיש־לעבן, וואָס לייכט אים נאָך צו, איז דערפאַר פילפאַך נאָך טײַערער געוואָרן. אַן עדות פאַר דעם־אַ עלנט איז דאָס, וואָס אין זײַן איצטיקן בוך האָט ער געהייליקט דעם אָנדענק פון זײַן ברודער הירש, וואָס האָט איינציק געטיילט מיט אים די יתומשאַפט נאָך זײַן פרי־פאַרשניטענער היים. איצט איז ער אַליין, איינער אַליין. אַ ניצוץ ליבע איז עלול אין אים אַרויסצורופן אַ פונק גלויבן אין מענטשן. אָבער נאָר אַ פונק. אין גאַנצן און אין פולן טוליעט ער זיך צו דער נאַטור, וועלכע ער האָט אַזוי צו זאָגן פאַרמענטשלעכט. דער פויגל איז זײַן העכער און זײַן האַרץ פאַרוואַנדלט ער אין דער זון.

יוסף אקרוטני

אין בינשטאָק טשוכעט זיך די בין
עס זינגט די נאַכטיגאַל מאַריאַנע
און צינדט אָן מיט בעריאָזע־קין
אין פעלד די זון פון האַרעוואַניע.

פון פלוימענסאַד און וואַלד די שפּראַך
איך האָב אין איר געזאַנג דערהערט:
מיין ברודער איז דער ווילנער שליאַך,
מיין ווייב — די ליטווישע, די הייסע ערד.

כ׳האָב זי באַפּרוכפּערט מיט מיין ליד
איר שיינקייט מיט מיין טרער געמאָלט;
זי קושט מיט רויזן־ליפּן מיינע טריט
און זומער איז נאָר דאָן — ווען כ׳האָב זי האָלט.

אויב איר ווילט, איז אָט־דאָס צאַרטע ליד אַ באַשולדיקונג קעגן דעם מין מענטש דעם בחיר היצירה. און כאָטש דער דיכטער וויל גענענען צום מענטש, שפּירט ער זיך פון דעסטוועגן בעסער צווישן די שטומע באַשעפענישן. בעסער איז אים אין דער אימאַגינירטער וועלט, אין וועלכער ער קען פאַרשפּרייטן זיין „אידעע״ פון גוטס און ליבשאַפט. איז דערפאַר רייך אין ניואַנסן די מעשהלע וואַגלערס, ווו ער וואַרפט די קערנער פון שיינס און פון חלום. און אַ ראיה אַז עס איז שיין די שיינקייט פון וואַגלערס ליד און עס איז וואָרהאַפטיק דער אמת פון זיין וואָרט, געפינט איר אין דעם, וואָס יעדעס קינד וועט מיט פאַרגעניגן זיך איינהערן אין זיין זינגען.

ווען ס׳איז פסח, ווייט דער רוח —
טראַכט דער ייִד פון דאָרף סלאָבאָדע;
ס׳האָט די ציג פאַרשלעפּט זיין לוח,
דער האָן צעפּליקט האָט זיין הגדה.

אויף זיין כאַטע רייט אַ כמאַרע,
ס׳רינט די נאַכט פון בית־החיים —
מסתמא איז דער וואָלקן — פּרעה,
די שטערן — די ייִדן אין מצרים.

דער ווייסער אָדלער אין סטאָדאָלע
בליצט מיט פאַדקאָוועס פון פייער,
ס׳הערט אַ שטים דער באַלעגאָלע —
ס׳קראַכט אַ דונער אין זיין שייער:

— משה היים איך, האַר, זיי ווייסן,
האָסט מיין בידנעם פאָלק פאַרקנעכט,
האָסט מיין לאַמע ווייב פאַרשמיסן,
גאָטס געבאָט — מיט בייטש פאַרשוועכט אַאַז״וו.

ביי וואַגלערן איז דאָס ליד מעשהדיק, באַלויכטן פון אַן אייגן וואַרעם פּייערל. ביי אים איז אַ ווינט אַן אַלטער און אַ ווינט אַ יונגער; אים איז דער אַלכע־בוים אַ חבר, דער שליאַך דערציילט אַ מעשה און דער מאַנדלבוים שרייבט תנאים מיט דער שוואַלב. דאַכט זיך — אויסטערליש, אמת? עס איז אָבער וואַרהאַפטיק די אויסטערלישקייט, וואָרן דער פּאָעט דער־נענטערט זי אונדז און שפּינט זי איין אין זיין ליד, וואָס ווערט אונדז אַ ליד אין דער אייגענער אומהיימלעכקייט. פאַרשטייט זיך: צו וואַגלערס ליד דאַרף מען זיך באַזונדערס צוהערן; עס שוימט זיך נישט ווי אַ לאַק־ריצדיקע כוואַליע פון דער אַלבאַוווסטער, גלאַטינקער לידלעריי. עפנט דאָס אויער פאַר זיין געזאַנג, וועט איר געפינען אין אייער האַרץ אַן אָרט פאַר אַ נייער תפארת.

וואָסער פויגל זינגט, בשעת איך וויין,
און וואָסער פויגל קלאָגט, בעת איך לאַך?
בלויז זי, די נאַכטיגאַל אליין
ווי מיין דאַליע אין טומאַן איז וואַך.

אויפן גאַסטינעץ נאָר צוויי בערעזעס
די שפּורן בענטשן פון מיין איינזאַם גאַנג
און די כוטערלעך אויף שטומע מיעזשעס —
כאַטש מיט דער דלאָניע דערלאַנג.

אויפן אַקסל אין אַ טלומעקל איך טראָג
אַ ווערב־פייפל און אַ לאַבן ברויט
און מיט מיין וואַנדער־שטעקן איך דעריאָג
דעם טאָג, וואָס גוססט אויף אַ פּלויט.

עס דרייען בלעטער זיך אין קאַראַהאָד —
די קרוין פון האַרבסט טוט אויס דער וואַלד;
דאָס זומערליד פון נאַכטיגאַל אין סאָד —
אויף דנאָ פון פייפל מיינער איך באַהאַלט.

גבורהדיק איז וואַגלער אין אָנשטעקן אונדז מיט די שטימונגען פון זיין געזאַנג. און די אַלעגאָרישקייט פון זיינע אייגנאַרטיקע מעטאַפאָרן איז אומפאַרגלייכלעך. אָבער אויך דער סגנון איז אומפאַרגעסלעך, אַ שטייגער:

דעם הונט ליבט די צויג, דעם קאָטער די קאַץ,
נאָר מיינע פריינט זענען די דאָזיקע אותיות;
מיין לאַנד איז דאָס ליד, יעדער סטראָף — אַ פּאַלאַץ
מיין מאַמע — די ליכט אויף מיין טישל — זי וויים עס.

דאָס האַרץ מיינס — אַ וווּנד, די ליבע איז יאָר,
כ'האָב חתונה היינט מיט דער מלכה פון פרילינג;

יוסף אקרוטני

מיין כלה, דער ווייסער, דער בליִענדער סאַד
איז פון מיין געשאָכטענעם זוייג — דער צווילינג.

פון געשאָכטענעם זיווג פון מענטשנס יידישן חלום זינגט וואָגלער זיין ניי, גרויס ליד. דאָס אומגליק פון פאָלק האָט זיין האַרץ נישט געשווינט. ער זינגט, און שוידער איז דער עכאָ פון זיין געזאַנג ער וועט מער נישט זינגען פון זיינע אויסגעטרוימטע קאַרשן־בוימער — זאָגט ער: דער וועלט־העקער האָט זיי אויסגעהאַקט פון מיין לייבלעך ערד. פון אויפ־געברויזטן ניעמאַן, זאָגט ער, וועל איך אויסגיסן אַ שווערד — און זיין פון שטערן־סאַד דער וואַכער מאַרש און שומר.

אַנדערשדיק איז דער מאָטיוו פון זיינע בע״ונד־יאַרן אונטער די סאָוועט־טישע הימלען. עס איז צער אויסגעמישט מיט בלוטיקן געזאַנג איבער דער הריגה.

דאָס געזאַנג איז, אמת, דאָס זעלביקע, אַ פולברוסטיקס און ווי פון הינטער אַראָפּגעלאָזענע ווִעס. ווייל וואָגלער איז צניִעותדיק אין זיין גאַנצן מהות און לחשדיק, אין זיין אַנגעלאָדענעם וואָרט.

אַ, דאָקטער מיין, מאַריע וואַסיליעוונע האַרץ,
מיין ווייטאָג — די זון וועט אַליין דיר דערציילן;
נישט מיט גליוקאָז און מיט שטראַלן פון קוואַרץ,
נאָר מיט דיין ליבשאַפט — מיין ווונד קענסטו היילן.

דו האָסט מיך גענערט מיטן מילך פון דיין דיעטע,
ווען איך בין אין טרוים פון נירוואַנאַ געלעגן,
היינט ליג איך ווי גראָז אין דער וואַרשעווער געטאָ,
און כ׳בינד איבער מיין ווונד מיט די רוסישע וועגן.

...ס׳טוט ווי מיר די ערד, אירע ליידיקע שטיבער —
אָן דיין ליבשאַפט — די וועלט איז צו קליין;
ער איז דער שטערן איצט אונטערן שטיין.
כ׳בין איינער אַליין נאָר פאַרבליבן פון ציבור —

אוממעגלעך אַזויפיל אַנצוווניקן אונדזער באַשיידן וואָרט מיט דער זאַפטיקייט פון וואָגלערס ליד און באַלאַדע. יעדער סטראָף שימערט מיט דער שפע פון זיין רייכער פאָעטישער לעקסיק; ער האָט אַ פול האַרץ מיט ליבשאַפט און ער לעכצט עס אייך אָפּצוגעבן. לייענט איבער זיין „באַלאַדע פון אייביקן וואַנדערער" און איר וועט מיטגיין מיט וואָגלערן, דעם פלאַנצער פון ליבשאַפט. עפנט אייער אויער פאַר זיין ערלעך וואָרט און איר וועט ווערן אַ שותף צו זיין טיפן, ריינעם טרויער. זיין ניי בוך „פרילינג אויפן טראַקט" איז, אַגב, דער עדות אויף דעם אמת, וואָס עס

זאָגט דער דיכטער, אַז ער איז דער „פּאַריתומטער פּרינץ פון יסורים, וואָס שמידט־אויס אין פּיין דעם באַשייד פון דער וועלט״.

ס׳אַ טרויעריקע און אַ מעשהדיקע וועלט, ווי אלחנן וואָגלער האָט זי אונדז איבערגעענטפערט.

דער יתום וואָס איז פאַרבליבן אין סומנעם דרויסן

צו אָפּט טוט אונדז וויי דער טעלעגראַף. ער זאָגט עדות אויף קאַטאַ־סטראָפעס, אויף נאַטור־אומגליקן און מענטשלעכע טראַגעדיעס. שוין ניט צו ריידן פון מלחמות, פאַרשווערונגען און סתם אויפטרייסלונגען וואָס צערודערן טיף אונדזער געמיט. מחמת אומעטום שמעקט עס מיט בלוט־פאַרגיסונג, מיט דער אומהיימלעכקייט פון טויט, אפילו ווען די ידיעות זענען צו מאָל שייך יחידים. ניט זעלטן קערט זיך אָפּ דערפאַר אונדזער געדאַנק פונעם בייזן מבשר, דעם טעלעגראַף. ס׳איז געזונטער ניט צו הערן אים, מאַכסטו אָפּ ביי זיך. פון דעסטוועגן איז שוין ניט מעגלעך אויסצומיידן זיין דינסט. פאַרקערט, עפּטערס זוכן מיר אים גאָר, דעם אומפאַרמאַטערלעכן אַקטיוון קאַבל. שוין אַזוי צוגעוווינט אַז מיר כאַפּן זיך תמיד צו צו די ידיעות וואָס עס ברענגט די גרויסע וועלט און מיר גיבן זיך ניט אָפּ קיין חשבון ווי שאַרף, ווי אומדערבאַרעמלעך עס איז צו אונדז דער טעלעגראַף. אָט אַ האָט ער ווי מיט קנאַכיקע פויסטן אויס־געפויקט איבער אונדזער שאַרבן די וויסטע בשורה פון פּאַריז: געשטאָרבן אלחנן וואָגלער. און דער באַוווסטזיין וויגט מעלאַנכאָליש מיטן שטערן: ר׳איז אויסגעגאַנגען, וואָגלער. אין עלנט אויסגעגאַנגען.

דאָס זאָגן מיר מיט ווייטיק, אָבער דער בר־נש חידושט זיך אַנטקעגן דער טרויעריקער איילעניש אַנצוזאָגן די בשורה: „וואָגלער? עפּעס ניט געהערט פון אַזוינעם״. אַנדערע האָט די ידיעה יאָ עפּעס דערמאָנט, אָבער ניט גאָר היימיש. ווייסעך וואָס! אַ מאָך געטאָן מיט דער האַנט: מיר לעבן אינעם דור פון די אייפעריקע שטאַרבערס, וועט נאָך איינער מער ניט ליידן. נאָך דעם בראָך וואָס אונדז האָט געטראָפן, קען שוין מאַכן אַ לאָך אין הימל, אויב ס׳איז געפאַלן נאָך אַ נע־ונדניק? און זיך געגאַנגען זיין וועג, דער פאַרטוענער מענטש וואָס בטבע מיינט ער, ווען מ׳דערמאָנט די עקסיסטענץ פונעם מלאך־המות אַז „אים מיינט מען ניט״. וואָג־לער?

— קייעט דער צעטראָגענער די טראָפּן — געהערט אַפילו דעם אויסטערלישן נאָמען, און ס'טראָגט אים אַוועק ווייטער.

*

אלחנן וואָגלער, דער יידישער פּאָעט, האָט יאָקאָש קיין מאָל ניט פאַרגעסן אַז אים מיינט יאָ דער מלאך־המות. שוין קינדווייז, ווען בני־רחמנים האָבן אים אַרויפגעזעצט אויף אַ וואָגן כדי דורכצומאַכן אַן ערשטע לענגערע נסיעה, האָט פאַר זיין בליק געהויערט דער שוואַרץ־פאַרדעקטער בר־מינן פון זיין טויטער מאַמען. ס'איז געווען אין די הונגער־יאָרן פון דער ערשטער וועלט־מלחמה, ווען די מוטער איז אויסגעגאַנגען פאַר אירע קינדערס אויגן, האָבן פרעמדע לייט אַוועקגעפירט אויפן בית־הקברות די געשטאָרבענע און נאָר די קינדער־יתומים זענען געווען די איינציקע מלווים. האָבן די עלנטע, דערשראָקענע יתומים באַנומען דעמאָלט דעם קלאַפּ פונעם גורל? נאָך ניט די אַכזריותדיקייט פונעם וויי, וואָס האָט זיי דערנאָך געמאַטערט, ווען זיי האָבן זיך דערזען אינעם יתומים־הויז. סיי ווי, דער שפּעטערדיקער פּאָעט האָט אַלע זיינע יאָרן זיך געשפּירט אין דער ספערע פון יסורים; ער האָט ניט געוווסט פון קיין מנוחה אַלע זיינע יאָרן, דער עלנט האָט אים געפּלאָגט און די פליגל פון טויט האָבן ניט זעלטן זיך צעפּאַכעט אַקעגן אים.

נו, דער אָרגאַניזם זיינער איז צעשטערט געוואָרן שוין אין זיינע פריִע קינדער־יאָרן.

אומאויפהערלעך האָט ער טרויעריק געוואָגלט איבער שפּיטאָלן, קיין מאָל זיך ניט געקענט אָפּיאָגן פון די יסורים וואָס האָבן געטאָטשעט זיין לייב, אַן אויסגעצערטס פון צודרינגלעכער נויט. און ערשט האָט כאָנקע וואָגלער, דער ווילנער פּאָעט, אויסגעצאַנקט הינטער פּאַריז. יאָ, הינטער פּאַריז; כאָטש ער האָט אין דער שטאָט פון ליכטער געוווינט אַ קימאַ־לן פון צוואַנציק יאָר, האָט די גרויסע שיינע פּאַריז ניט באַוויזן צו דערנענטערן צו זיך דעם אידעלן זינגער. ווי אין זיין קינדהייט, ווען די מאַמע איז אָפּגעשטאָרבן אויף זיינע אויגן, האָט אויך אין פּאַריז דער טרויער אים ניט אָפּגעלאָזן און דער עלנט האָט אים צוגעשפּילט אויף זיין פייפיאַל, ניט די פידל, ניט דער טשעלאָ, אויך ניט די פּיאַנאָ, נייערט דער פייפיאַל, וועלכער פּאַרט זיך מיטן פּאַסטעך, מיטן פעלד און מיטן וואַלד. די נאַטור, וואָס דריקט אויס דעם כוח און די שיינקייט פונעם אוניווערס, איז דעם קינד וואָס איז אויסגעשטעלט געוואָרן אויפן חסד פון אייגענעם באַזונדערן

גורל, כאַנקען, געוואָרן נעענטער ווי דער מענטש, דער בחיר־היצירה. דער מענטש, האָט ער טיף באַנומען, איז צו פיל פאַרטאָן מיט זיך אַליין; דער מענטש האָט אים גענומען שרעקן. דער עלנט איז אים געוואָרן נאָענט ווי אַ ברודער אין דער נויט; דער עלנט האָט אים שטילערהייט געלערנט די קונסט פון צוזאַמענלעבן מיטן דמיון וואָס האָט אַנגעהויבן פונאַנדערנעמען די פליגל האַרט אַנטקעגן אים. און אַזוי איז די דחקות און אַליינקייט אים געוואָרן אייגן פונקט ווי דער בוים און ווי דער פויגל אויף דער צווייג. אַזוי דעם גאַנצן וועג זיינעם, פון ווילנע אַריבער אַלמאַ־אַטאַ וואָס אין צענטראַל־אַזיע, מאָסקווע, דער נאָכמלחמהדיקער וואַרשע און, לסוף, פאַריז. פראַנקרייכס הויפּטשטאָט האָט ער ליב באַקומען פאַר איר שיינקייט, פאַר איר געשיכטלעכער ראָמאַנטיק און ער האָט זיך אָפּגעפונען אַ פּיצל ווינקעלע אין אירע שאָטנס. פריִער האָט ער אין פאַריז געפינצטערט אין אַ בוידעם־שטיבל אויפן זעקסטן גאָרן ערגעץ אין דער געגנט פון מאָנמאַרטער. דערנאָך האָט דער עלנט אים געטריבן אַרויסשטאָט. פון שטענדיקן געקוועל האָט געקלאָגט דעם דיכטערס שוויגן. און האָט זיך געעפנט דער קוואַל פון זיין געזאַנג, האָט ווייסטער עלנט פון דעם אַרויסגעטרערט. ווייל יסורימדיק אָנגעריִרט איז געווען דאָס אַ אייגנאַרטיקע געזאַנג און דער־דריקט פון אַליינקייט. אָקערשט איז ער אויסגעגאַנגען, דער דיכטער, וואָס האָט אומאויפהערלעך זיך געוואָלקנט פאַזע זיין אויסגעצערטן וועלטל.

*

דער ליריקער אלחנן וואָגלער האָט אויף זיין פייפיאַל געזונגען רק פון דעם עלנט וואָס בראַדזשעט אַרום צווישן הימל און ערד ווי אַ בידנער נע־ונדניק. ער ווייכט פון דעם מענטש, מחמת ער האָט אים תמיד געשראָקן. אינסטינקטיוו האָט אים געצויגן נאָר צו דער שיינקייט וואָס האָט גענערט זיין גאַנץ חיות. ווייטער איז אַלצדינג געווען פאַר אים געהילט אין נעפּל און אין דער גורלדיקייט, וואָס האָט געלויערט פון די ערגעצן. און אויב שיינקייטן, וועלכע דער פּאָעט האָט געטוליעט צו זיך, האָט עס געמיינט ביי אלחנן וואָגלערן קודם־כל די שיינקייטן פון פעלד און גאָרטן און פון סטאַוו. זיין גאַנצער אוניווערס באַוועגט זיך אויף די פליגל פונעם פויגל און ער שפּרייט זיך אינעם צוויט פונעם פלוימענסאַד און אינעם געקריי פון האָן אין פאַרחלומטן באַגינען. דער פּאַסטעך מיקיטע איז אַזאַ באַשע־פעניש ווי די שאָף וואָס פיטערט זיך צופּוסנס פונעם באַרג. ער דערגאַנצט די לאַנדשאַפט צו גלייך מיט דער שטרויכאַטע און דעם אָדלער אונטערן הימלדאַך. דער פייפיאַל איז דעריבער דער נאַטירלעכסטער אינסטרומענט

אויף אויסצושפּילן דעם מאָטיוו פון נאָגנדיקע בענקענישן און פונעם מאַטערנדיקן עלנט. אָרעם, רייך? ס׳איז ניט קיין גרויסע נפקא־מינה דעם תמימותדיקן זינגער כאַנקע וואָגלער. ער איז ניט גענוג קלוג אויף די מעלות פון די חומרדיקע עשירותן און ער איז אויך ניט להוט אויף ברויטיקער שפע. ער פילט אַנדערש ווי דער רוב מענטשנקינדער. אים טוט נאָר וויי דער הונגער פון בעל־חי און ס׳קלעמט אים איעדע עוולה וואָס מ׳באַגייט אויף גאָטס וועלט. די הויפּטזאַך איז דאָס אָפּהיטן די ריינקייט פון דער מענטשישער תשוקה צו אמתן יושר און סאַמע גוטס. מחמת דעם איז זיין וועלט באַפעלקערט מער מיט סימבאָלן און אַלעגאָרישע געשטאַלטן ווי מיט מענטשן.

אַוודאי, אלחנן וואָגלער איז אַן אויסגעמלעכע דערשיינונג אין דער וועלט, וווּ ברוטאַלער כוח און מאַטעריעלער האָב און גוטס ווערט אַוועק־געזעצט אויבן־אָן. זיין מהות איז צו דעליקאַט אַנטקעגן יעדן חומר. דער־וואַכט ער אַנטקעגן דער רויער ווירקלעכקייט, מוז ער צניעותדיק אָפּקערן דעם קאָפּ, אלאָ ניט שניידט אים ווי מיט אַ חלף דער גוז (וואָגלערס אַ מעטאַפאָר, אַנגעווענדט כלפּי, דער נאַטור) וואָס איז אַנגעוואַקסן אויפן פּנים פון לויטערן טאָג. ביז קרענקלעכקייט איז ער שפּירעוודיק אויף די יסורים וואָס פּלאָגן דעם בעל־חי, ניט דווקא דעם מענטש. נעמט ער אַריין אין זיין ליד דעם מענטש, איז ער נאָר אַ באַשטייטייל פון באַגערטן בילד, אַ גאַמע פאַר זיין געמיט־קאָמפּאָזיציע, אָבער ניט דער עיקר. פאַרקערט, דאָס דאָרף, דער באַרג, דער טייך, די רינד איז דער הויפּט־עלעמענט, וואָס שאַפט זיין מוזיק. וואָגלער זעט דעם מענטש דורכן נעפּל פון זיינע אייגענע טרערן. מ׳דאַרף אַריינקוקן טיפער אין זיין כאַראַקטער, אין מהות פון דעם פּאָעטס וועלט, כדי צו פאַרשטיין פאַר וואָס דער מענטש שטייט ניט אין צענטער פון זיין דיכטונג.

אַ פּנים, דער מענטש האָט זיך ניט אויסגעצייכנט מיט לייטזעליקייט כלפּי דעם דיכטער, וואָס האָט פון די יינגסטע יאָרן אָן דערשפּירט ווייטיקלעך זיין יתומשאַפט. דאָס אָ, ווי די איינציקע ירושה וואָס ער האָט באַקומען פון אָרעמען עלטערנהויז, איז אים נאָכגעגאַנגען דאָס גאַנצע לעבן. די יתומשאַפט האָט אים ווי געטאָן ביזן ביין און זי האָט אים פאַרפאָלגט כל־ימיו. מ׳דאַרף האָבן געזען וואָגלערן אין זיינע ענגע דלת־אַמות, אין זיין וואָכנטאָג און אין זיין יום־טוב (אָ, ווי קאַרג עס איז געווען דער יום־טוב צו דעם פּאָעט!) כדי אים ריכטיק צו פאַרשטיין. ניין, ער האָט ניט באַגערט אַרויסרופן מיטלייד צו זיך; אדרבא, דער

סענטימענט האָט אים באַליידיקט. ער האָט נאָר געבענקט נאָך אמתער, געטרייער נאָענטקייט. האָט מען עס אים אַרויסגעוויזן איז ער געווען אומענדלעך דאַנקעוודיק. וואָגלער האָט מען מן־הסתם צו פיל באַוווּלט אַז אים זאָל זיך גלוסטן צו הויזן מיטן בן־אדם, ער זאָל קענען גלייבן אַפילו זיינע שיינע רייד. עס איז אַ ביטערער נסיון וואָס חתמעט זיך איין טיף אין דער נשמה. זיכער, פאַראַן אַ נשמה, כאָטש די קלוגע לייקענען אַז עס איז פאַראַן אַזוינס; באשר עס איז דאָ נאָר אַ גייסט וואָס פירט מיטן מענטש. אלחנן וואָגלער איז אַן עדות אַז ס'איז אַ ליגן. ער גופא האָט יעדע מינוט פון מעת־לעת געצאַפּלט מיט זיין גאַנצער נשמה אַז ס'איז וואָרהאַפטיק דאָס וואָרט וואָס ער ברענגט אַרויס און זיין ברוסט האָט זיך צונויפגעקראַמפּט אין אַנבליק פון די מיאוסקייטן וואָס מענטשן האָבן אָפּגעטאָן אין זיין נאָענט. איבריקנס, אויך וואָגלערס זיין אין כרך פאַריז האָט אין אַ גרויסער מאָס באַשטעטיקט זיין מאוּמדיקע איבערצייגונג אַז דער מענטש איז ניט גוט, אויב ניט נאָך ערגער. דער קלאָג דערויף טראָגט זיך אי פון זיין ליד, אי פון די ווינציקע בריוו, וועלכע ער פלעגט זעלטן שיקן צו פריינד.

*

ניט אין זיין ווילנע, נייערט אין פאַריז, האָט כאַנקע וואָגלער (כאַנקע, פאַרצערטלט, האָט מען אים גערופן, מחמת מ'האָט אים ליב געהאַט פאַר זיין געטריישאַפט, זיין תמימות און זיין קערפּערלעכע צאַרטקייט) זיך אויסגעלאָשן ווי אַ קאַנעצל אין ווינט. די נייע שיינקייטן האָבן ניט געקענט אים רעכט אַנוואַרעמען. דער אַרום האָט געבלאָזן מיט רויער קעלט. אויך אין פאַריז, וועלכע ער האָט ליב באַקומען, האָט ער געשרומפּן מחמת אומבאַגרייפלעכער שרעק, כאָטש די שיינקייטן פון דאָזיקן כרך האָבן אים צוגעצויגן צו זיך.

אויסגעשטעלט אויף יתומשאַפט האָט כאַנקע, דער יונגיטשקער פויגל, שוין אין דער היים גורלדיק דערשפּירט אין דער סאַמע נאָענט די אויטענטישקייט פון חברל עלנט. פון דער דאָזיקער שניידיקער אויטענטישקייט איז אים מער ניט באַשערט געווען זיך צו באַפרייען. חס־ושלום, עס איז ניט די שולד פון כאַנקען, דעם זון פון די ווילנער זאַוווּלקעס, וועלכער איז שפּעטער אויסגעוואַקסן אַ מפורסמדיקער זינגער, וואָס רק דער עלנט איז אים געוואָרן די נאָטן פאַר זיין געזאַנג.

אָן ספק איז עס פּסיכאָלאָגיש באַגרינדעט וואָס דאָס ייִנגל, וועלכער איז צו אַלעמענס שטוינען אויסגעוואַקסן אין אַ חנוודיקן דווידל האָט

זיך צעשפּילט אויף זיין אַליין אויפגעסטראַיעטער האַרף; זיך צעשפּילט־צעזונגען אין התפּעלות און אַזוי אַ זיך דערנענטערט צו די בעלי־חיים אין פעלד, צוגעבונדן זיך צו די סודותדיקע רוישן פונעם גאָרטן אין וואַלד. אין פּאַריז אַזוי פּונקט ווי פריִער אין זיין ליטע. מיט בענקעניש פּאַרקוקט זיך אויף דער נאַטור און געוויכט פון מענטשן וואָס באַוועלטיקן דעם דומם. און האָבן זיך כאַנקעס סטרונעס שוין מתדבק געווען אינעם פּאַסטעכל, אַנעם בוים צי אינעם שליאַך, איז ער, דער זינגער, פּאַר איין וועגס זיך שוין פאַרגאַנגען ווייט אין דער מיסטעריעזער בלאָלעכקייט פון דמיונותדיקן מעשהלע. געוויס, די באַלאַדע, כאָטש זי איז לרוב באַהאַפטן מיט דער אומהיימלעכער וואָר, איז אים מער ניחא ווי אַלע לאַקונגען פון די לייט וואָס שלייערן זיך אין קלאַמפּערשטער אָרנטלעכקייט. דעם פּאָעט איז ליבער די וועלט, וועלכע ליגט אויף דער אַנדערער זייט פונעם מענטשס שליטה. מהאי טעמא איז אויך דער ייִדישקייט־עלעמענט אים עפּעס ניט גאָר נאָענט. עס דערקלערט זיך מסתמא מיט דעם וואָס דאָס לעבן פון זיין אָרעמען טאַטן און מאַמען איז אים געבליבן ווי אַ כימערע וואָס געגענט נאָר אין קאָנטורן, וועלכע קענען בשום אופן ניט אָנוואָרעמען זיין געמיט.

סע וואַרפט זיך אויך אין די אויגן אַז ביי דעם פּאָעט וואָס ייִדיש־לשון איז זיין שאַפערישער מכשיר, זענען ניכר ווינציק קוואַליק ייִדישע מאָטיוון. אַפילו די וואַרעמקייט פון דער ייִדישלעך פאָלקישער אַטמאָספערע האָט אים ניט אָנגעהויכט. ייִדישקייט דרייט זיך ביי אים ווי אַ קאַלטער אָפּשיין, אַ מין צוגווינט וואָס בלאָזט פון מאָל צו מאָל פון זיין סטראַף. ס׳איז ניט דערפאַר, ווייל וואַגלערן האָט מער געגומען דאָס אוניווערסאַלע און דאָס איז בלי־ספק פאַרקערפּערט אין דער נאַטור, צו וועלכער וואַגלער איז אַזוי צוגעפאַלן. ווי, דער פּאָעט וואָס איז אָנערקענט געוואָרן ווי אַ זעלטענער זינגער מיט אַ באַזונדערן ייִדישן קול, איז כלל ניט געבענטשט געוואָרן מיט אַ היים, נו, ממילא ניט מיט קיין ייִדישער היים. דערפאַר האָט אלחנן וואַגלער זיין היים דערזען אין גאַטס וועלט פון גרויסן אינדרויסן. קריגט זיך פון אים שוין אַרויס אַ גאַמע ייִדישס, איז עס אויך דרויסנדיקס, צו מאָל אויפגעהויבן אין גראַטעסקן ליכט:

> ווען ס׳איז פּסח, וויים דער רוח —
> טראַכט דער ייִד פון דאָרף סלאָבאָדע;
> ס׳האָט די ציג פאַרשלעפּט דעם לוח,
> דער האָן צעפּליקט האָט זיין הגדה.
>
> אויף זיין כאַטע רייט אַ כמאַרע,
> ס׳רינט די נאַכט פון בית־החיים —

פון האַרבסטיקן געמיט

מסתמא איז דער וואָלקן — פּרעה,
די שטערן — די ייִדן אין מצרים.

דער ייִדישקייט־ניגון איז וואָגלערס, אָבער די שטים פונעם ייִד דעם געפּלאָגטן פון דורות גויִים הערט זיך קלאָר פון זיין עלנט־געזאַנג. מיטן צער פון געליטענעם ייִד איז זיין ליד פול ביז איבער די ברעגעס. מער, מיט ליטע־אומעט איז דורכגעדרונגען דאָס גאַנצענע וואָגלערישע ליד. דער אָרעמקייט־מאָטיוו איז דער רוקנביין פון אָט דעם געזאַנג; אויך דער סומנער פּייסאַזש באַגלייט דעם פּאָעט אַפילו אין זיין נע־ונד הינטער די הרי־חושך פון סאָוועטישער מיטל־אַזיע, און ווו ניט? זיין אייגענע נויט און די פּיין מחמת דער פאַרשניטענער ליטווישער היים לאָזט ניט אָפּ דעם דיכטער וואָס איז מיט גוף און נשמה צונויפגעקניפּט מיט דעם לאַנד, כאָטש עס איז צו אים געווען שטיפמוטעריש. אָט ווי עס קלאָגט פון וואָגלערן די בענקשאַפט, ווען ער שטייט אין אַלמאַ־אַטאַ, דעם גרויסן סטעפּישן אַאַזיס צופוסנס די מעכטיקע בערג די אַלאַ־טאַוער:

אַ, שאַרקאַווּשטשיזנע, ליימיק היימלאַנד, דיסנער קרייז,
אַ גרוס דעם ברודער הירש און מיין פּלימעניק מאיר;
איך בלי אין קאַזאַכסטאַן — אַ פּעלד מיט רייז —
פאַרזייט מיט טרערן פון מיליאַנען זייער.

ביי וואָגלערן וואָס האָט, אַזוי צו זאָגן, פאַרשווירן געטריישאַפט צו ליטע זיין היימלאַנד, קענט איר פועלן צו זען אים בפועל ממש אַן איבער־געשטאַלטיקטן אין אַ פּעלד מיט רייז אין ווייטער אַזיע, פּונקט ווי ער איז אין זיין סובטילער פּאָעטישער געשטאַלטיקונג די פאַרקערפּערונג פון היימישן גריקעפעלד. אַזוי איז ער זיך מזווג מיטן קאַרשנסאָד און דער שליאַך איז זיין חבר ווי דער אָלכע־בוים טיילט בפירוש זיינע געדאַנקען. צו דער אָלכע פאַרטרויט ער זיך ווי פאַר זיינס גלייכן.

ער רעדט, ער דערציילט, און איר הערט אים מיט צוטרוי, ווייל זיינע מיטלען זענען דער כישוף וואָס בויט אַריין אין דיר דעם צוטרוי, אַפילו ווען דער נימשל ניגונט זיך ביי וואָגלערן פון די פאַרמשפּטע ווייסע הענער. פון זייערטוועגן רעדט ער זיך אַראָפּ פאַר דער חברטע אָלכע, פאַרטרויט זיך איר אַז „אַ קלעזמער בין איך און די ווילנער ווילִיע איז אַן אַקאָרד פון מיין טרערפולער האַרפע". דערין דאַרף די אָלכע האָבן די בטיחות אַז דער ניגון פון די פאַרמשפּטע ווייסע הענער איז באַהאַלטן אין אויער פונעם פּאָעט. פּונקט אַזוי לייכט, ציטערט אין אים דער טרויער אויף זיין לעבעדיקער אומה, וואָס איז אַכזריותדיק אויסגעשאָכטן געוואָרן אין צייט

פון דער ברוינער מגיפה. פון זיין פאַרטראַגנקייט כאַפּט ער זיך אויף, דער בעל־דמיון, און ער פאַרגייט זיך ווידער אין אומעט פון אַן אַנטהוילטן פון בייזע זאַווייעס. דעמאָלט צעזינגט זיך שוין אין אים דער אייביקער וואַנדערער. פון די קלעפּ וועקט זיך דער קילער באַוווסטזיין. אָבער ער בלייבט ניט אין גבול פון ניכטערנעם רעיון ווען דער זינגער אין אים רירט אָן די סטרונעס פון האַרץ. פון ס׳נייַ בלויט איבער אים דער חלום, צו וועלכן ער שפּירט אַן אייביקן הונגער, דער טרוימער.

„אין פוילן דער הימל ווערט בלויער, דער ווינט האָט די וואָלקנס פאַרטריבן; אין וואָלד זינגט אַ פויגל אַ גרויער: — אַ ברודער דעם צווייטן דאַרף ליבן״. קענטיק, דער אַטאַוויזם פון די וואָס זענען זינט לאַנגע דורות געצוווּנגען צו ברענגען זייער קרבן אויפן מזבח פון די האַרטנעקיקע, פירט דאָ אַרויס דעם ייִד פון וואָגלערן, וועלכער האָט זיך פאַרקנסט, אפשר אומבאַוווסטזיניק זיך פאַרקנסט, צום פעלד און צו דער בלאָנדער טשערעשניע, וואָס „גרינט אין חלום פון דרימלענדיקע כלות״. ער זאָגט אָן דער וועלט (און ער טרייסט זי מיט אַזאַ ביטערער טרייסט) וואָס שטייט אַ חרובע, אַ צעקאַליעטשעטע פונעם שפּאַרבערס בלוט־דאַרשטיקייט:

אַ ייִד מיט אַ פּלייט אין די הענט
אויף אַש פון זיין וויג קומט צו וואַנדלען,
שפּילט אויף איר דאָס ליד פון טאַשקענט
פון ראָזשינקעס־גערטנער און מאַנדלען.

אָ, ער גופא איז עס דער ייִד מיט דער פּלייט אין די הענט וואָס וואַנדלט אויפן אַש פון דער פאַרבלוטיקטער וויג, וועלכע ער זעט אין זיין פאַרלוירנקייט אין דעם ריזיקן אַזיאַטישן פּליטים־קעסל טאַשקענט. אָבער עס איז אויך אַן אַנצוהערעניש אויפן ברעקל בטחון אין דער ייִדישער אייביקייט וואָס פּולסירט אין אונטערבאַוווסטזיין פונעם פּאָעט, וועלכער איז שוין מיד פון אומפּרוכטיקן איבערטראַכטן וועגן דעם בייז פון דער וועלט. די פּלייט, די האַרף וועט ער אויך נאָכן חורבן, האָפט ער, דורכטראָגן איבער די טעג וואָס וועלן אָנשטיין. און עס איז אויך די אַלוזיע אויפן אומפאַרשריבענעם נדר פונעם פאָלק קיין מאָל ניט צו וויכן פון די דורות־דיקע חוקים; פאַרקערט — מיטן מויל פונעם דיכטער ווערט דאָ און דאַרט איבערגעחזרט אַז די ירושה וואָס איז איבערגעענטפערט פון די פאַרשניטענע, פון די אַוועקגעגאַנגענע, וועט הייליק געהיט ווערן. די וואָלגע־סטעפּעס צי דער אַזיאַטישער מדבר זענען דער הערוויילקער

מקום־מקלט פאַר די געפלאָגטע קינדער פון ישראל. ער זאָגט עס ניט בפירוש, דער פּאָעט וואָגלער; דער אויסקלאַנג פון זיינע לידער רעדט דערפון מיטן פולן מויל. אלאַ מער אוממיטלדיק, מיט שאַרפן זויי, רירט אים אָן די זאָרג פאַר זיינע ברידער אין פּיין. אַזוי אויך די יסורים פון די וואָס זענען געשטראָפט געוואָרן מיט דער שיפלות פון געטאָ. אויך זיין מוט שטאַרקט זיך אין אַנבליק פונעם געדאַנק וועגן געטאָ־אויפשטאַנד צווישן די שטעכלדראָטן פון וואַרשע דער יידנשטאָט. די ברוסט צעצאַפּלט זיך אין וואָגלערן, ווען ער געדענקט צו אָט דעם גרויליקן נסיון. דאָ קען ער שוין ניט באַהערשן דעם קראַמף וואָס פאַרקלעמט זיין נשמה: וואָרעם אויך זיין ווילנע איז גרייליך אין דעם מוראדיקן קלעם.

ווילנע, מיין וויג און מיין דויערן,
מיטן קלאַפּ פון מיין האַרץ אויף פּאַנאַר
אַ וועג לייגן צו דיינע טויערן
וועל איך מיט מיין שטיינערנעם צער.

עס איז ניט אויסצומעסטן דעם וויטיק פונעם פּאָעט, ווען ער דערשפירט די פלאַמען וואָס האָבן פאַרכאַפּט זיין היים. און היים מיינט ניט נאָר די פּאַסנע ליטע (וואָגלערס סוגעסטיווע בילדערישקייט!), ס׳איז די גאַנצע יידישע עלנטקייט וואָס שווילט פאַרן אויג ווי אַ ליימיקער באַרג. אָט אַ דער אלחנן וואָגלער איז אָקערשט פאַרשלונגען געוואָרן פון דער פּיין וואָס האָט אים פאַרצערט אין דער פרעמד, כאָטש ער האָט — אמת — קיין מאָל ניט געהאַט קיין היים וואָס טוליעט צו צו זיך. כאַנקע, וואָס האָט געקענט שטאַרק ליב האָבן דעם וואָס איז ווערט געווען זיין ליבשאַפט, איז אויסגעגאַנגען ערגעץ הינטער פּאַריז. הויך איבער אים איז אַ פאַרגליווערטס געבליבן העגנגען זייק שעמעוודיק קול:

— מאַמע, פּראַל אויף דיינע טויערן,
כ׳וויל זיין דאָס פעלד דיינס מיט קאָרן.
דער סערפּ וועט אין אונדז באַדויערן,
כ׳האָב די קערנער אין שטורעם פאַרלאָרן.

די בענקשאַפט פון כאַנקע וואָגלער קלאָגט מיט טרערן: אים איז באַשערט געווען דורכצומאַכן אַ פּיינלעכן, אַ לאַנגדויערדיקן שטורעם, אָבער די קערנער, די אַלעגאָרישע קערנער זיינע, האָט ער — צום גליק — ניט פאַרלוירן. דער יאָדער פון זיין אייגנאַרטיקער פּאָעזיע איז געבליבן, זיין זאַפטיקייט איז פול, זיסלעך אין זיין האַרבן טרויער. און די דורכויסיקע סאָלידקייט פון דעם מענטש און חבר אין אים האָט חס־ושלום ניט געליטן

קיין שום פגימה. אדרבא, די אידלקייט זיינע איז נאָך מער אויסגעשליפן געוואָרן אין דעם שווערן עלנט וואָס האָט אים געטאָטשעט. אזאַ שפּירן מיר אלחנן וואָגלערן דעם פּאָעט און דעם מענטש אין אונדזער געדעכעניש. נאָר אַ שאָד, אַ גרויסער שאָד וואָס אויך דאָס שיינע פּאַריז האָט דעם סובטילן פּאָעט אין זיין מענטשישער לעצטקייט ניט געגעבן מער ווי אַן איבערגעשטאַנענעם זויערן וויין (וועדליק זיין רירנדיקן כמעט ווידוי־ליד, וואָס ער'ט געשריבן צוקאָפּנס זיין פיזישן און גייסטיק צעטרייסלטן פאַרגיי). יאָ, פּאַריז איז געווען נאָך אַן אַנטוישונג פאַרן זינגער, וואָס האָט אַ לעבן־לאַנג זיך געשטרויכלט אויף שווערע אַנטוישונגען.

✶

ער איז אַכזריותדיק, דער טעלעגראַף, ווי דער טויט אומדערבאַרעמלעך, שאַרף: „געשטאָרבן אלחנן וואָגלער". אַזוי אָן האַרץ, גלייך דאָס וואָרט וואָלט געווען לגמרי אָן אָן אָטעם, אָן נשמה. אָבער אַזאַ איז דער פּגם נאָר אויפן טעלעגראַפישן וואָרט. טאָקע וואָגלערס שאַפערישע וואָרט איז די אַפּלייקענונג פון דער טעלעגראַפישער האַרבקייט. כאָטש ס'איז נעבעך יאָ וואָר — דער פּאָעט אלחנן וואָגלער איז באמת שוין ניטאָ! ווי אַזוי איז עס געשען, מאַשין גולמדיקע, שטאָלענע? וואָס האָט ער געזאָגט אין זיינע לעצטע מינוטן, דער עלנטער, קראַנקער פּאָעט? האָט ער עפּעס באַגערט פון עמעצן, דער אידעלער, אַנגעווונקען עפּעס — יאָ, ער האָט זיך קיין מאָל ניט געקענט אויסשרייען, צו מאָל ווען דער כעס האָט אים אַ דושע געטאָן. אוי, אוי, האָט עס אים געטראָפן אין די שווערע יאָרן זיינע, אָבער ער איז געווען באַשאָנקען מיט דער קינדישער שעמעוודיקייט, וועלכע האָט אים אַזוי באַחנט. און ער האָט ניט געקענט זיך אַ מאָל אויסוויינען אַזוי אַז ס'זאָל אים רעכט גרינגער ווערן אויפן האַרצן. מן־הסתם האָט כאָנקע עפּעס געשעפּטשעט פון ליבע צו דער שיינקייט פון לעבן, וואָס האָט זיך פאַר אים געצירט אין נימאוסע טראַנטעס, ר'האָט זיכער געוואָלט נאָך עפּעס זאָגן, דער באַהאַרצטער פּאָעט.

ווי דער טויט איז ער האַרטנעקיק, דער טעלעגראַף, אָבער, צום אומגליק, שטום אין זיין קנאַכיקן קלאַפּן מיר איבערן שאַרבן: ס'ניט געוואָרן כאָנקע וואָגלער, ניטאָ מער דער בלאַסער זינגער פון די שיינקייטן אין די סומנע דרויסנס.

יעקב שטערנבערג

יעקב שטערנבערג וואָס האָט די לעצטע יאָרן זיינע געוווינט אין מאָסקווע, דער ייִדן־פּרעמדער שטאָט, האָט אונדז מיט אַ מאָל דערמאָנט אַז עס איז העט ווייט אַוועק פון דרך־החיים דאָס געזאַנג פונעם ייִדישן שטעטל; און נאָך האָט ער געטאָן, דער פּאָעט יעקב שטערנבערג: ער האָט אונדז אויפגעוועקט מיט זיין לאַנגסטיק איבערגעחזרטער בשורה ווי פון אַ פּיינלעכן לעטאַרג — אַז עס איז מוראדיק די וואָר וואָס עס זענען אַרויסגעריסן געוואָרן מיטן וואָרצל טויזנטער לעבעדיקע ייִדישע עדהס אין זייער גאָרער פּילפאַרביקייט. באַפאַלט אונדז דערויף אַ נייער היגערפּלעט מחמת מידקייט פון דער אומאויפהעריקער מלחמה וואָס די וועלט, די גויישע וועלט, האָט פאַרפירט קעגן אונדז. ייִדן זענען אַלעמען צו פיל אין די אויגן, אַלץ איינס צי זיי הילן זיך דערביי מיט פאַרגלאַצצעניש אין דער פּראָלעטאַרישער פאָן מיטן סערפּ און האַמער אָדער פון זיי שרייט אַראָפּ די פאַרריסנקייט פון דער סוואַסטיקע מיטן טויטנשאַרבן. פּנים־אל־פּנים מיטן ייִד ווערן די גויים פאַרביסן און די קוקערס אַנגעגאָסן מיט חיהשער רציחה. אַזאַ איז דאָס פּרצוף פון דזשוגאַשווילי־סטאַלין און אַזאַ די ווילדע צורה פון אַדאָלף היטלער און זייערס גלייכן ווי וויעסלאַוו גאָמולקאַ אָדער מאַאָ טסע טונג. ביטערע נויט און אומאויפהעריקער וואָגל איז אונדז באַשערט געוואָרן אינעם דור פון טשעמבערליינס מינכען־אָפּמאַך און דער צעשמעטערטער מאַזשינאָ־ליניע. אַ גליק, כ׳לעבן, וואָס דער שארית־השחיטה איז געשען וואָס אויפן וווּלקאַן, וואָס דער חורבן האָט אַרויסגעבראַכט אין נאָענטן אָריענט, איז דאָך געבוירן געוואָרן די געשיכטלעכע נייקייט וואָס אויסגעצערטע ייִדן האָבן אויסגעראַנגלט־אויס־געחלומט, די ייִדישע מדינה. אָבער אַ צרה: דער דאָזיקער נס האָט נישט באַוויזן צו עלימינירן די סכנה פון די פונקען, וואָס האָבן דאָ און דאָרט פאַררעטעריש געטליעט אונטערן אַש פון איינגעבאַקענעם גויישן ייִדנהאַס.

טאַקע דער דיכטער יעקב שטערנבערג האָט אונדז דערמאָנט מיט זיין וווינען אין מאָסקווע ווי מיט זיין גייסטן לידערבוך, וואָס פריינד פון יענער זייט אייזערנעם פאָרהאַנג, אין פּאַריז, האָבן אַרויסגעלאָזט אין כבוד פון דעם סאָלידן פּאָעט, צו זיין אַכציק־יאָריקייט.

און קוקט מען אַריין אינעם ווערק פון דעם דיכטער, געפינט מען אויס פון ס׳ניי אַז ס׳איז מוראדיק ווייט דער מהלך פון שטערנבערגס

געבוירנאַרט ליפּקאַן וואָס אין דער אַמאָל פּרידלעכער, באַשיידענער בעסאַ־ראַביע, ביז דעם כּרך מאָסקווע וואָס איז אַ שייער פון פּאָליטישער הבה נתחכמה און אַן אַרסענאַל פון סכנהדיקן בייזס. אין אָט דער מאָסקווע איז אויסגעקומען דעם לירישן בעל דמיון יעקב שטערנבערג אין עלנט צו „פּייערן" זיין גבורות און איינצייטיק אַרויסקומען מיט דער פּרוכט פון זיין שאַפערישער צייטיקונג.

*

דערגייט אַזאַ דיכטער ווי יעקב שטערנבערג צו אַזאַ קיילעכדיקער עלטער, איז פאַרשטענדלעך וואָס די ליטעראַרישע פּובליציסטיק פּעדערט זיך מיט אָפּשאַצונגען פון זיין שאַפערישן דערגרייך ווי מיטן צייכענען די גרונטשטריכן פון דעם דיכטערס פּערזענלעכקייט. קיין ספק נישט אַז יעקב שטערנבערג איז אַ מאַרקאַנטע און פאַרביקע פּערזענלעכקייט, וואָס פאַרדינט ביי דער גרענעץ פון אַזעלכע יאָרן אַ פאַרסך־הכלונג פון זיין דורכגעמאַכטן וועג. טייל טוען עס אין געלויפיקע שורות, אַנדערע — בכבוד ראש, ווי אַזאַ ערנסטער דיכטער פאַרדינט עס. יאָ, קודם כּל איז יעקב שטערנבערג אַן איידעלער דיכטער, הגם ער האָט אויך באַטייטיקע פאַרדינסטן פאַרן ייִדישן טעאַטער, גענויער — פאַרן ייִדישן טעאַטער וואָס האָט אויף זיין געצעלט אויפגעשריבן דעם לאָזונג צו פאַראַקערן אין דער טיף דאָס דראַמאַטישע פון אונדזער לעבן און דאָס מיט דער הילף פון געלייטערטע פּאָעטישע זוימען. מומחים האַלטן אַז יעקב שטערנ־בערג דער טעאַטראַל האָט פאַר דעם אַ טעאַטער אָפּגעגעבן דעם לייבנטייל פון זיין שאַפערישן לעבן, אָבער דער פּרק געהערט זיך אַן מער מיטן רעגיאָנעלן ייִדישן טעאַטער פון בוקאָווינע און רומעניע, ווו שטערנבערג האָט געווירקט די מערסטע צייט פון זיין פּראָדוקטיוו גייסטיק לעבן.

יעקב שטערנבערג איז אַ בעסאַראַבער; ער האָט זיין שעפערישע יוגנט און זיינע מיטעלע יאָרן אַוועקגעגעבן טשערנאָוויץ, דער הויפּט־שטאָט פון בוקאָווינע ווי אויך בוקאַרעשט, דער רומענישער מעטראָפּאָליע. ער קער זיך אָבער אַן מיטן „ליפּקאַנער אָלימפּ", ווי עס באַצייכנט דאָס מיט צערטלעכקייט דער אויסגעצייכנטער עסייִסט שלמה ביקל, אַ מיט־גייער פאַר אַ שטיק צייט מיט יעקב שטערנבערגן, דעם שרייבערישן אויפטוער און זיינע באַרימטע מיטצייטלערס, די זיילן פון ליפּקאַנער אָלימפּ. עס זענען געמלעך די רייד פון די יוצאי ליפּקאַן — טאַקע דעם דיכטער יעקב שטערנבערג, דעם אייגנאַרטיקן־אָריגינעלן דערציילער משה אַלטמאַן און דעם גרויסן משלים־שרייבער אליעזר שטיינבאַרג. די אַלע אַטעמען

מיט דער ליפּקאַנער אַטמאָספער און וואָרצלען אין זיין פּייסאַזש. ליפּקאַן איז אַ טיפּיש שטעטל פון צפון־בעסאַראַביע און מיט דער אייגנטימלעכקייט פון זייער טאַלאַנט האָבן די קינדער פון ליפּקאַן אַרויפגעשטעלט אויף דער ייִדיש־שאַפערישער מאַפּע דאָס דאָזיקע שטעטל, עס פאַרוואַנדלט אין אַ מקום וואָס לאָזט זיך נישט, טאַקע אַ דאַנק זיי, פאַרשטויסן אין דער פאַרגעסנקייט. נו, פון ליפּקאַן שטאַמען אויך דער באַקאַנטער העברעיִשער שרייבער יהודה שטיינבערג, אַ געשוויסטערקינד פון אליעזר שטיינבאַרג, און — צו לענגערע יאָרן אים — דער אָנגעזעענער פּאָעט און עסייִסט אליעזר גרינבערג, וועלכער איז אויפגעגאַנגען אין דער וועלטשטאָט ניו־יאָרק. פון אליעזר גרינבערגן בעט זיך דאָ „צום עמוד" זיינער אַ לירישער סטראָף וואָס לאָזט הערן די כמורנע אָפּגעפרעמדטקייט, ווי עס פילן זיך אין דער ווייט די קינדער פון ליפּקאַנער אַלימפּ:

כ׳ווייס, אַז דער אַטלאַנטיק איז מעכטיקער פון פּרוט
און אַז ניו־יאָרק איז גרעסער פון ליפּקאַן, איז זיכער,
נאָר ס׳איז אַ בענקשאַפט דאָ וואָס וואָרצלט טיף אין בלוט
און ס׳קען זי נישט אויסוואָרצלען קיין שטורעם און קיין וויכער.

כ׳האָב צוויי מאָל יאָרן מער שוין אין ניו־יאָרק פאַרבראַכט,
ווי כ׳האָב אין ליפּקאַן, אין היים פון מיין געבוירן,
נאָר אַלע מאָל ווען כ׳טו פון ליפּקאַן אַ טראַכט,
ווייס איך אַז כ׳האָב עפּעס טייערס דאָרט פאַרלוירן.

זיי שפּירן דעם נאַטירלעכן הימוויי, די אַנטרינענע, צום קליינעם ליפּקאַן וואָס איז, ווי איטלעך געבוירנלאַנד, אומפאַרמיידלעך אײַפערזיכטיק אויף די גרויסע שטעט וואָס פאַרשלינגען זייערע גראַטנסטע קינדער. דאָס לאָקערן פון בלודנע כוחות געווינט סוף־כל־סוף דאָס האַרץ פון בן־אדם. און אַ דיכטער קען אַוודאי נישט אַנטלויפן פון זיין אייגענער געפילזוועלט. אַזוי איז עס טאַקע געווען מיט אליעזר שטיינבאַרגן, וואָס איז פאַרוואָרפן געוואָרן אין דעם טראָפּישן ריאָ־דע־זשאַנייראָ, וואָס אין בראַזיל און נישט אַנדערש מיט משה אַלטמאַן וואָס האָט בשעתו באַגערט צו געפינען אַ מקום מנוחה אין דער הויפּטשטאָט פון אַרגענטינע. יעקב שטערנבערג איז נישט קיין אויסנעם אין דעם פּרט. ער האָט „געפּרוווט מזל" אין די שכנותדיקע ראַיאָנען פון זיין ליפּקאַן, אָבער, קענטיק, ער האָט אין ערגעץ נישט באַגעגנט דאָס געהאָפטע. אַן איינגעמידטער פון שווערע נסיונות און וואָגל ווי אַ מלחמה־פּליט האָט ער די סוף־יאָרן, וואָס באַשערט, פאַרבראַכט אין דער פרעמדער מאָסקווע. זיינע דין וויברירנדיקע לידער גליִען טאַקע מיט בענקעניש צום פאַרלוירענעם, צו דער וויג פון זיין

קינדשאַפט. מ׳באַדאַרף נאָר צוגייגן דאָס שפּירעוודיקע אויער צו זיין סובטיל ליד. עס טראָגט זיך דערפון אַ ווייטיקלעכער נאָכקלאַנג פון דורכדרינגלעכן חשבון־הנפש.

*

עס איז אָנציִענדיק און באַלערנדיק דער צוריקבליק צום אָפּגעגאַנגענעם וועג פון אַ שאַפערישער פּערזענלעכקייט פון דער מאָס ווי עס איז יעקב שטערנבערג. אויף זיינע אַקסלען דריקט די לאַסט און דאָס ליכט פון ווייטיקלעכע איבערלעבונגען. דערויף פאַלט נאָך די אינדיווידועל־קאָנוול־סיווע באַפּאַרבונג פונעם מענטש און ייד וואָס קרענקט איבער אויף זיין שטייגער די גרימענישן פון זיין פאָלק. פאַרשטייט זיך, מיר שפּירן אויף זיך מיט באַזונדערן ווי דעם באַרג פּיינען וואָס געשווירענע פּיינד און מ׳זאָנטראַפּן זוכן אויס בכיוון פאַרן מין ייד. אַמאָל האָבן די דאָזיקע זיך אָנגעקליידט אין דער פייערדיקער פעל פון אַ טשונגיס כאַן, פון אַ ניקאָליי און אַ פּעטליורע; אין אונדזערע טעג זענען עס די קאַניבאַלן היטלער, סטאַלין און זייערע געטרייע נאָכגייערס. אמת, יעקב שטערנבערג מיידט אויס יעדע אָנצוהערעניש אויפן בייז וואָס עס האָט אָפּגעטאָן די געמיינע גזע פון סטאַלינען און זיינע אייפעריקע נאָכקומערס. אָבער פאַר־קערט, די רשעים פון דייטשישן געביר זשאַלעוועט ער נישט קיין האַרב וואָרט אין זיין באַזיניקטן, איידעלן ליד. אין אמתן האָט דער דיכטער דאָס טרויעריקע גליק צו הויזן אין נאָענטער שכנות פון דורות וואָס שפּירן ערשט די באַדריקונג פון די אומגעבעטענע „וועלט־דערלייזערס" און היטערס פון זייער משוגענער תורה. דערפאַר, מסתמא, די זהירות מיט אַ ליאַדע אָנצוהערעניש אויף זייערע מעשים־תעתועים. ס׳איז די געלאַסנקייט פון אַ שטאַרק געליטענעם וואָס איז שוין צו מיד פון זוכן אָנטרינונג.

דער ליריקער וואָס פון אים זינגט די בענקשאַפט צו דעם גאַנצן מענטש און דעם פאַרפייניקטן שטאַמברודער זיינעם, איז אַרויסגעריסן געוואָרן פון היימישן ליפּקאַן, פאַרוואָרפן אויף פון זיך טשערנאָוויץ, זיין בוקאַרעשט; ערשט האָט ער זיך דערשפּירט אַן אימהדיק פאַרצאַפּלטער אין דער צעשרי־גענער מאָסקווע, ווו עס שטיקט די לופט פאַר אַ קינסטלער מבטן ומלידה. שטערנבערג איז אַ קינד פון דער נאַטור וואָס יידן האָבן מיטן שוויס פון זייער פּנים געיִידישט, דערהויבן מיטן אייגענעם דמיון און אינספּירירנדיקן געדאַנק. פאַראַן נאָך אַן עדות דערויף ווי יידן זענען צוגעקניפּט צו דער נאַטור ממש און ער איז גאָר שטאַרק באַגלייבט מיט זיין ריידנדיקער

קינסטלערישער קרעפטיקייט. נעמט, למשל, אפרים אויערבאַכס געמעל „שאָפּענע יידן" ווי אַ באַוויין אַז זיי האָבן געשלאָגן טיפע וואָרצלען אַפילו אין דער געבערנדיקער ערד. אַזוי אויך יעקב שטערנבערג. דאָרט האָט ער געדייעט ווי אַן אויטאָכטאָנער קינסטלער; אין בעסאַראַביע, אין בוקאָווינע האָט ער געאָטעמט מיט געזונטע לונגען — אין דער רוסיפּי־צירטער, באַוווּסטזיניק־אַסימילירנדיקער, פּאָליטיזירטער מאָסקווע, וועגע־טירט ער, מכל־שכן דער יידישער דיכטער. בפרט אַזאַ ווי עס איז יעקב שטערנבערג דער דערדריקטער ייד וואָס איז נישט מסוגל צו זינגען פּאַניגיריקעס פאַר די מושלים פונעם פּאָליטביוראָ. דער דיכטער זעט אַרום זיך זשעדנע פּאָליטיק און נאָר געשוואָלענע טעכנאָלאָגיע אָן אַן עוקץ יידיש לעבן, בפרט אָן אַ טראָפּן יידישע גייסטיקייט. דערפאַר ווייַ־טיקט אויס דער יידישער דיכטער די פּיין, וועלכע ער באַזינגט איצט אַזוי צו זאָגן רעטראָספּעקטיוו. זיין איינציק ביסל פרייד געפינט שטערנבערג אין דעם גרויסן פרייען דרויסן, וועלכן ער דערזעט ערשט, צום באַדויערן, נאָר „טעאַרעטיש", אין דמיון. פיזיש, ממילא גייסטיק, שפּירט ער אויף זיך נאָר אַ... צוים טאָטאַלע באַדריקונג. מחמת דעם קערט ער זיך אום מיט ליבשאַפט צו דער נאַטור וואָס איז אגב זיין שאַפערישע סטיכיע.

אַט אַ דאָס דאַרף מען אונטערשטרייכן. יעקב שטערנבערג איז וועדליג זיין מהות דער דיכטער פון דער מאַכטיקער, שטענדיק אַטראַקטיווער נאַטור. דער דאַזיקער באַזינגער פון שיינעם, אומגעהייער קלוגן, פילאָ־סאָפיש פאַרטראַכטן גרויסן דרויסן שפּירט אָבער אויף זיך די גיריקע נעגל פון דער צעשריגענער וואָר, וועלכע ער האָט שוין אין זיין יוגנט דערקענט פון דער אומהיימלעכער זייט. ער'ט איר געקוקט אין פּרצוף אַריין, דערזען זי ביזן דנאָ אין איר קאַמעלעאָנישע, קאַפּריזנע שטיק צו ענדערן זיך דווקא צום שלעכטן, און ר'האָט תמיד זיך געוואָלט אַוועק־דרייען פון איר. ווייל זי איז אָפטלעך מאַנאָטאָן, פאַרביסן אין איר שווייגנ־דיקער לויערונג אָדער ווילד אין איר צאָרן. נו, ער האָט געגרן זיך אָפּגעקערט פון איר, דער טריוויאַלער וואָר, אָבער זיך נישט געקענט אַרויסמאַכן פון דער צעליאַרעמטער שטאָט, מחמת ווי עס איז גיט זי די בטיחות פאַר ברויט און אַ צעעפנטן ברונעם פון פּרוכטיקן געדאַנק. דאָך איז זי, די שטאָט, מער אָפשטויסנדיק ווי צוזאָגנדיק, דערצו ווינציק גרייט צו שפּייזן מיט אָרנטלעכקייט. אָן אַראָפּגעשטיגענער פון אָלימפּ אין זיין היימישן ליפקאַן האָט ער רעכט דערזען דאָס צעפלאַמטע פּרצוף פון דער שטאָט און זיך דערשראָקן. דער פּאָעט האָט בכן אין ווידערווילן

זיך איינגעקוקט אין דעם כרך און געוויזן זי אונדז נאָר אין פּראָפיל, מחמת ס׳גאַנצע פּנים זיינס זאָגט אָן גאָרנישט קיין גוטס. אַזוי האָט ער אויך אָנגערופן זיין לידערבוך „שטאָט אין פּראָפיל״. די שטאָט האָט אויף אים געקוקט מיט אומהיימלעכקייט. אַזוי איז עס געווען מיט יעקב שטערנבערגן שוין אין זיין יונגן אַמאָל. ס׳איז באַשיימפּערלעך, ער איז מער צוגעבונדן צום אַנטיפּאָד פון דער שטאָט. אַלע זיינע יאָרן איז דער דיכטער פול מיט בענקעניש, מיט טליעדיקן שטרעבן צו דער נאַטור, בפרט אַצינד ווען די נאַקעטע, גרוילעכע וואָר האָט גענומען אים שלאָגן מיט אַן אייזערנער פויסט, דעכען אין פּנים אַריין מיט עיפּוש פון מענטשן־האָס און פאַרשייטער ייִדן־שנאה.

אויף זיינע געשענקטע יאָרן מוז דער דיכטער לעבן גאָר ווייט פון דער באַליביקער, כאָטש אָפּגעמעקטער היים און נאָך ווייטער פון דער ספּערע, וועלכע איז מסוגל צו וועקן זיין שאַפערישע אינספּיראַציע. בלית ברירה הויזט ער כמעט אויסשליסלעך מיטן נעכטן. בנוגע דעם מעדיום פון זיין דיכטונג און איר געדאַנקלעכער באַזע, לעבט ער אין טאָטאַלער פרעמדקייט, הגם זיין סטראָף איז ווי פריער תמציתדיק אין בילד און אין צילגעווענדטקייט. יאָ, דער פּאָעט שטערנבערג איז אַן אָריגינעלער פּלאַסטיקער, אַן אײדעלער מאָלער פון פּייסאַזשן ווי פון אומגעזעטיקטן געמיט, אַלץ איינס ווען ס׳איז אַ געליטנס פון שמיץ אָדער עס איז אין תוך באַלאָדן מיטן נאַטירלעכן כי־טוב מיט וועלכן עס אָטעמט איטלעך באַשאַף. אויך איז כאַראַקטעריסטיש פאַר יעקב שטערנבערגן וואָס דאָס אוניווערסאַלע איז אים אייגן ווי עס איז אים האַרציק נאָענט דער אידעאַל פון דעם ייִדנס שלווה אויף דער ערד. אָבער ער ווייכט פון דער פּאָליטישער טעמע, פאַרקערט ווי עס רירט זיך צו צו איר זיין בן־דור יעקב גלאַטשטיין (אַ גוטע נאַכט, וועלט!״), אויך אַן אײדעלער, אינטעלעקטואַליסטישער ייִדישער פּאָעט. ביי יעקב שטערנבערגן איז דאָס אַפילו קשה צו פאַרשטיין. ער איז דאָך, ווי מ׳זאָגט, (געווען) סאָציאַל אַקטיוו אַנגאַזשירט, אַלאָ זיין לירע איז געבליבן טהור ריין. אויב אַקטועלס, ברענגט דאָס שטערנבערג נאָר אין דער אָנגעווייטיקטער ייִד־טעמע. דער מוראדיקער חורבן וואָס איז געקומען אויף זיין דור גיט אים נישט קיין רו. פאַרשטענדלעך. אויך די פּיינען וואָס זענען געקומען אויף פריערדיקע ייִדישע גענעראַציעס, צערייסן דעם דיכטערס נשמה. מער, דער פּאָעט פאַרהיינטיקט אַמאָליקע ווײ־מאָטיוון און פאַרצייטיקטע קידוש־השמניקעס. דער דאָזיקער שטריך איז ביי יעקב שטערנבערגן אויך אויף דער ליניע פון זיין אוניווערסאַליזם.

אַזוי פירט ער דמיונותדיק צונויף אין די קאַרפּאַטן־בערג דעם בעל־שם־טוב מיט זיין גויִישן מיטגייער, דעם פּויערישן תּם וואַסיל, וועלכער איז ביז אַ געוויסן גראַד דער פּראָטאָטיפּ פון דער לעבעדיקער לעגענדע וואָס האָט צווישן ייִדן געהויזט בשכנות מיט די אָרנטלעכע פון פרעמדן פאָלק. מיר האָבן אין זינען די פּאָעמע „צווישן קאָסעוו און קיטעוו". דער טראַגישער ווידעראַנאַנד צווישן די וואָנציקע גויִים און די ייִדן מיט די טרויעריק־פאַרטראַכטע אויגן, ווערט קינסטלעריש קאָנפראָנטירט צווישן דעם הייליקן מתבודד, דעם ליימפּירער ר׳ ישראל בעל־שם און דעם תמעוואַטן וואַסיל מיט וועמען דער ייִד גייט באַנאַנד נאָר אַ שטיקל וועג. אָט דעם שאָרסטקן מאָטיוו האָט דער דיכטער אַרויסגעבראַכט פּנים־אל־פּנים מיטן בלוטיקן געוויטער וואָס דער אַשמדאי אין רוסישן און דייטשישן לבוש האָבן אָנגעבערענגט אויף טויזנטער ייִדישע עדהס. דער בעל־שם זעט מיט צער דאָס ווילדע בייז און ער שיקט אַוועק וואַסילן „אין אַ גרויסער שליחות".

אין וואַלד אַליין זיצט דער בעל־שם
אין אַ שעה פון גיין צו סליחות.
אים דאַכט, די ביימער רירן זיך מחנותווייז
אין שטומע רייען.
ס׳איז ריין פון ייִדן יעדע שיל —
סליחות זאָגן ביימער גייען.
אַזוי איין רגע דער בעל־שם האָט אַ טראַכט געטאָן, נאָר באַלד ער
זיך זאָגט, אַז קלערנדיק אַזוי, איז מגייר גאָר דעם וואַלד ער...
די שווערע שטילקייט ברעכט דעם וואַלד. האַ? ווער גייט?

אַ בער דערנענטערט זיך און גלייך צו אים ער שפּאַנט.
בלייבט שטיין בעריש־פּראָסט מיט אים באַקענט זיך:
ער איז נבוכדנאצר, ער, וואָס אַ בער זיין איז פאַרשאָלטן.
ער ווייסט, דאָ קען מען טאָן אַ פּרעס
און ס׳האָט היינט אים אָפּגעגאָלטן.

איז עס נאָר אַלעגאָריע, צי סימבאָליק? אָבער ס׳איז קלאָר, דער בעל־שם טרעט דאָ אַרויס ווי אַ שטראָפער. לסוף קלינגט אין זיין ציטעריקן קול דער אָנזאָג פאַרן „תיקון פון דער וועלט, פאַרן אויסהיילן איר זאָמען". די סצענע פון קאָנפראָנטאַציע צווישן איבער־ערדישן און דעם בלוט־דאָרשטיקן חומר לעשט זיך אין צעהעלטן ליכט און ס׳שרייט אויס די קדושים־עדה אַז זי וואַרט מיט בטחון אויפן תיקון פון דער קראַנקער וועלט. עס קאָן גריילעך אויך זיין דער סוביעקטיווער אויסטייטש פונעם דיכטער הלמאי ער גופא האָט אין זיין טרוימערישקייט זיך געלאָזט כאַפּן

פון דער צעפּויקטער אידעע בכן ס'איז פֿאַראַן אַ צד אויפֿן פֿאַראומווערדיקטן ערדקיילעך וואָס איז מסוגל אַרויסצופֿירן די וועלט אויפֿן דרך־המלך, אַז גרויס און קליין זאָלן געפֿינען אַ תקומה אינעם וואָרט וואָס עמעץ האָט באַקליידט מיט אַ קלאַמפּערשטן חזיון פֿון מענטש־דערלייזונג.

אַוודאי איז עס אַ פֿאַלשער קול־שופר וואָס האָט זיך אין ערמה אויס־געשפּרייט איבער דער צעטומלטער וועלט. עס איז געוואָרן אַ שטרויכלונג פֿאַר גלייביקע מענטשנקינדער און אַ פּאָעט, אַפֿילו אַ גוטער ייִדישער פּאָעט, האָט „רעכט" אויך צו פֿאַרבלאָנדזשען אין זיין זעלטענער ניכטערקייט. יעקב שטערנבערג איז משמעות אַזאַ געשטרויכלטער (געווען), דערפֿאַר איז אים ערשט ליב נאָר די נאָענטקייט מיט דער בלי־ענדיקער אָדער אַפֿילו וויאַנענדיקער נאַטור. און די נאַטור רעדט ביי אים, און זי איז קלוג. זיינע נאַטור־מאָטיוון זענען ווונדערלעך אין זייער לויטערער בילדערישקייט און ווי אַזעלכן באַגעגענען מיר דעם פּאָעט מיט דאַנקשאַפֿט, זאָגן אים אַ גאָט העלף אין דער שעה ווען ער איז אין זיין עלנט דערגאַנגען לגבורות אינעם אומייִדישן מאָסקווע. מיר שטעלן דעם טראָפּ אויפֿן אומייִדישן, ווייל שטערנבערג איז ביי זיין גאַנצער אוניווערסאַלישקייט ביז גאָר חנעוודיק ייִדיש מיט זיין ווערק. דער ייִדישער ניצוץ פֿינקלט פֿון אים. צו מאָל קלינגט אויך אַ ייִדיש־פֿאָלקישע נאָטע אין זיין אויסגעהאַמערטן סטראָף. אַפֿילו ווען ער זינגט פֿון פֿאַסטעך אויף די פֿעלדזיקע צי באַוואַלדיקטע שיפּועים פֿון די קאַרפּאַטן, הערט זיך פֿון אים דער געהויבן ייִדישלעכער אונטערטאָן וואָס גיט אַ פּאַ מיט תהילים. נישט סתם אַזוי איז ביי יעקב שטערנבערגן נולד געוואָרן אַ ציקל נאַטור־געמעלן אונטערן טיטל „ליד און פּסאַלם אויף באַרג". עס איז אַ סעריע ליכטיקע געזאַנגען פֿון וועלכע עס שיינט אַרויס די אויסנעמלעכקייט פֿונעם זעער און בענקער. ביי שטערנבערגן איז עס די נאַטור אין איר מענטשלעך באַנומענער זינלעכקייט.

גוג מגוגיש גרויסע,
אינעם שליאַך פֿאַרפֿלאַנצטע שיקסע
מיט די רויטע באַקן —
דו האָסט אויסגעקנאַטן דאָ דעם לעקעך־שטראָז צווישן זאַנגען?

זע, ווי שיין, ווי געל, ווי הויך ער איז אויפֿגעגאַנגען!
קוק, די אורחים דיינע
דאָרט אויפֿן האָריזאָנט שוין פֿליִען, רייטן,
אָט די הימל־יונגען וואָס זיי קומען
זיך אין טעכטער פֿון דער ערד פֿאַרליבן
ווי אין מיינע ספֿרים, שיקסע,
שטייט מיט אותיות פֿאַרשריבן.

בילד און רעיון זענען באַהאַפטן מיטן געהויבנסטן אויסדרוק פון מאָדערנעם פורעמען, אויסקלאָרן אידעען. אויך דאָס אַקטועלע וואָס איז שייך יידן, איז ביי יעקב שטערנבערגן אַריינגעמייסטערט אין דער לאַנדשאַפט.

דערוויטערט פון זיין היימאָרט אין בעסאַראַביע, לעבט דער פּאָעט מיט די גורלדיקע בילדער וואָס די צייט האָט ווילקירלעך אונטערגעטראָגן זיין אומה. ווי אויף דער אייגענער הויט לעבט ער איבער די פּיין פון די פאַרשניטענע קהילות אין פוילישער און אוקראַיִנישער גאַליציע. זיין גרויסער ציקל לידער און באַלאַדעס אויף די קאַרפּאַטן עדותן נאָך אַ מאָל אויף דעם פאַלקסאומגליק וואָס דער דיכטער ביטערט דערויף אין צער מחמת די שחיטות אויף די יידן וואָס דער פאַרדאַרבער האָט זיך געוואָרפן אויף זיי.

דער דיכטער וואַנדלט אום איבער די חורבות־רחבותן אין ליכטיקע זומערטעג. איבער די שיפועים און אין די טאָלן פון די קאַרפּאַטן זוכט ער שרידים פון יידיש לעבן. אין טויטן שטעטעלע יאַרעמטשע ווערט זיין האַרץ אויפגעשטורעמט פון ווייטיק און דאָס געמיט בלייבט סוף־סוף דערשלאָגן. ער דערזעט דערנאָך אויף דעם „מאַרטירוועג" ווו יידן זענען געוואָרן געצוווּנגען צווישן באַרגפעלדזן פאַר זיך אַליין צו גראָבן אַן אייגענעם ברידער־קבר.

„כ'שטייג ווייטער און כ'זע איןביימער־געדרענגעניש אַט דאָ ווו איך גיי : / די יידישע עדהס פון סניאַטין, צעלעטין, זאַבלאָטאָוו און בראָד, קאָלאָמיי, / נאַראַיעוו און זלאָטשעוו — די גאַנצע רוישיקע יידיש־גאַליצישע נעסט. / מיט איר — אירע זין משה־לייב, משה נאַדיר — געקומען צו שווימען אויף בלוט און געוויין, / צו טיילן איר פּיין, נאָר נישט לאָזן דערבויען דעם וועג, וואָס זיין שטיין / האָט ענדלעך דערוואָרט זיך צו שלאָגן אין רוקן דעם תלין — —".

געדיכט און הייס איז די פאַרב פונעם גרויל בילד וואָס יעקב שטערנבערג מאָלט פון יענער שוואַרצער תקופה. און לויטער, פּלאַסטיש, ממש אַנצוטאַפּן מיט די הענט, איז יעדער דעטאַל פון אַט דעם בילד. אין געשליפענעם וואָרט איז דער פּאָעט אַ געניטער מאָלער־פּלאַסטיקער. דאָס איז מער ווי אַ פאַרדינטער שבח פאַר אַ קינסטלער וואָס קומט צו זיין פולער רייפקייט. צו אַט דעם קינסטלער זינגט אין דינעם סאַרקאַזם ממש אַ לויב דער שורות־געמעל וועגן צווערג (ליליפּוט).

שטערן און בערג —
וואָס פאַר אַ זיווג און וואָס פאַר אַ ווערק!

יוסף אקרוטני

נאָר איך הער דעם זמר פון טעטיקן צווערג
וואָס גראָבט טיף באַהאַלטן אין אונדז און פאַרמערט
דאָס ביסעלע גאָלד און דאָס ביסעלע ערד
וואָס יעדן ז'באַשערט...
אָט דאָס איז מיין ליד, איר באַמערקט,
אַז כ'האָב נישט באַליידיקט די שטערן און בערג.

*

צו זיין אַכציק־יאָריקייט האָבן פריינד אין פּאַריז — הערט, אין קאַפּיטאַליסטישן פּאַריז און נישט אין זיין מאָסקווע! — אַרויסגעגעבן אַ בוך נאַטורלידער פון יעקב שטערנבערג. אַ שיינע מתנה דעם פאַר־דיינסטפולן בעל־יובל. ווי ווייט דער פּאָעט איז עלנט אין פּראָלעטאַרישן הימלאַנד זאָגט עדות צו מאָל אָט אַ דער פאַקט! און נאָר נאַטורלידער, כדי צו זיין באַהיט פון יעטוועדן עווענטועלן מכשול, באַשטייט דאָס בוך פון צוויי ציקלען לידער־געמעלן און באַלאַדעס — לירישע מעשיות, חזיונות פונעם דיכטערס אָפּגעקליבענער שאַפערישער פּראָדוקציע אין משך זיין גאַנצן לעבן. איין ציקל קומט דאָ אַריין פון זיין בוך וואָס איז אַרויס מיט עטלעכע דרייסיק יאָר צוריק און דער צווייטער ציקל איז אָפּגעגעבן שטערנבערגס שאַפונגען פון די יאָרן 1963—1964, ווען ער האָט פאַרבראַכט אין די קאַרפּאַטן, צווישן די אויסגעשאָכטענע יידישע שטעטלעך. דער דיכטער האָט דעמאָלט פאַרנומען דאָס צעשטורעמטע געזאַנג פון שטילקייט פּנים־אל־פּנים מיט דעם נאָענטן געשריי פון צעטראָטענעם, געשענדטן יידישן בלוט; דערהערט עס אין דער פּערספּעקטיוו ווי פון אָקערשטיקן נעכטן און — אויך פון דעם אַמאָל וואָס איז דאַכט זיך גאָר נישט אַזוי ווייט. עס איז אַ פּראַכט־אויסגאַבע פון לידער־סקולפּטורן און לידער־לאַנדשאַפטן פון אַ קרעפטיקן יידישן דיכטער וואָס קאָרטשעט זיך אין ווייען ווי אין סטאַטישן שווייגן, אָבער באַשיימפּערלעך: מ'זעט ווי דער דיכטער באַנעמט אין טריפנדיקן צער, וואָס פאַר אַ מוראדיקע אכזריותן, די יידן־קרבנות האָבן געמוזט אויסשטיין אויפן וועג פון זייער אומקום. צו אונדזער טרייסט איז יעקב שטערנבערג נאָך פריש אין זיין ביז גאָר געצווימטן מאָלן־אויפלעבן די אַ טריבע פּייסאַזשן. נו, די באַליביקע נאַטור און דער געלייטערטער רעיון איז אויך איצט דער מעדיום פון זיין פּאָעזיע. און דער געדאַנק, דער אַבסטראַקטער געדאַנק וואָס זיין פורעם איז אַנגעגליט אין אַלעגאָריע און רמזים לעבט מיט אַן אייגן לעבן אונטער דעם דיכטערס טייטהעלצל:

„דו, געדאַנק, פון וויטן פייער ריינער, / וואָס צו מיר איך הער דיך שטענדיק ריידן. / אָבער קיין מאָל נישט ווי מיט אַ גלייכן, / עלעהיי אונדז טיילן און צעשיידן / הויכע בערג און ברייטע טייכן. / דו, דער פלאַם פון גייסט אין מיינע ביינער, / איך מיט דיר בין צוויי, צי — איינער ?"

אונטער אַלע פּאַראַוואַנען, ווו דער דיכטער מוז זיך באַהאַלטן אין באַשטענדיקן געקוועל, איז דאָס שוין אַ ניי ליד אַ שטערנבערגישס. אָבער וויפל אייגנקייט, טאַקע נישט דערזאָגטס, שטאַמלדיקס איז פאַראַן אין די דאָזיקע קורצע שורות, אין דעם געמיט! אַזאַ פרישקייט גיט אָפּ דאָס גאַנצע בוך וואָס די פּאַריזער פריינד האָבן אונטערגעטראָגן דעם פּאָעט במתנה צו זיין יובל השמונים. און ווי אַ מתנה פון קינסטלערישער יופי איז צוגעגעבן דערצו אַרטור קאָלניקס הילע און זיינע אַ פּראַכטיקע צייכענונג ווי אַן אַריינפיר צום פּאָעטישן אַלבום פון נאַטור-געמעלן.

1970.

יוסף אָקרוטני

משה גראָסמאַן

א

ס׳זענען שוין פאַרבײַ היפּשע יאָרן זינט עס איז אַרויסגעריסן געוואָרן פון לעבן דער שטורמישער משה גראָסמאַן. און משה גראָסמאַן איז געווען אַ שרײַבער, אַ רעדאַקטאָר און פאַר אַ צײַט אַ פּאָליטישער טוער, וועלכער האָט אין אומרו, אין אומאויפהערלעכן געראַנגל מיט שטרויכלונגען, אויך מיט ברענענדיקער נויט זיך אַרויסגעשלאָגן אויף אַן אייגענעם בכבודיקן וועג. ער איז געווען אַ קינד פון אָרעמען ייִדישן שטעטל און איז געוואָרן אַ ייִד מיט שאַרפן אומרו פּנים־אל־פּנים מיט דער גרויסער קאָנוולסירטער וועלט.

משה גראָסמאַן איז פריצײַטיק אַוועק פון דער וועלט, מיט וועלכער ער האָט געהאַט „אַ שווער לערנען", אָבער זי וועט געוויס אים האָבן צו געדענקען, אויב זי וועט זיין אין שטאַנד אַרײַנצוקוקן אין זיין גײַסטיקן פּנים וואָס איז בלי ספק פאַרבליבן פון אים ווי אַ ירושה פון אַ שטאָלצן ייִד פון אַ צעווייטיקטן, נסיונותפולן דור.

משה גראָסמאַנס ביכער, משה גראָסמאַנס פּובליציסטישע אַרבעטן האָבן איבערגעלאָזט אַן אומאָפּמעקלעכן רושם. עס האָט שטאַרק אויסגענומען זיין אומפשרהדיקייט כלפּי אַלדאָס אומווערדיקע אין מענטשלעכן לעבן און סע האָט אונטערגעקויפט דאָס אייגנאַרטיקע, דאָס ספּעציפיש גראָסמאַנישע וואָס איז געווען דער קענצייכן פונעם אימפּעטיקן, אינטעלעקטועל געלייטערטן נוסח, אין וועלכן ער האָט געפירט זיין קאַמף מיטן פּסולת, וואָס די פלינק־הענטיקע און די מיט די גליטשיקע רוקנס האָבן אַרײַנגעבראַכט אין ייִדישן לעבן. יאָ, משה גראָסמאַן איז געווען אַ וועלטלעכער מענטש, אָבער קודם כל אַ באַוווסטזיניקער ייִד און אַלץ וואָס האָט געקענט פּוגע זיין די חשיבות פונעם ייִד, האָט אים ביז גאָר ווי געטאָן אַזש ער האָט אויפגעשריגן מיט אַ פּײַנלעכן געשריי.

ב

משה גראָסמאַן איז געבוירן געוואָרן מיט אַן אַנגעפּינצטערטן גורל. שוין אין זיין פריִער קינדהייט געווען אַן עדות פון דער סאָציאַלער דראַמע וואָס איז מסוגל צו דערהרגענען די תמימים, די אומשולדיקע און גוטע, אומצוברענגען זיי אויף די אויגן פון די אייגענע, די לייבלעכע און מוזן צוזען ווי עס ליידן, מאַטערן זיך די ליבע אונטער די מוראדיקע

קלעפּ פון הונגער נאָך ברויט. יאָ, די צו להכעיסן פון גורל צעוואונדיקן אויך די שיינקייט וואָס די נאַטור האָט באַוויליקט פונאַנדערצושפּרייטן אונטער גאָטס פרידלעכע הימלען. נעמלעך, אויך דאָס מיאוסע איז אַ פּלאָג וואָס שלאָגט דעם מענטש, וועלכער איז להוט אַ ביסל פּשוטן גוטס. און דערזעט אַ יונג יינגל ווי דער לייבלעכער טאַטע גייט אויס, ער שטאַרבט ממש, ווייל שטאָטס צו קויפן פאַר אים די נייטיקע רפואה, האָט מען פאַרן איינציקן קראָן וואָס איז געווען אין שטוב, אַריינגעבראַכט אַ לאַבן ברויט פאַר די הונגעריקע קינדער. פאַרשטענדלעך, אַז יענץ קליינע יינגל האָט לאַנגע יאָרן נאָך דעם אַ צאַנקען פון אייגענעם פאָטער, איבערגעלעבט דאָס אויפשוידערלעכע געפיל, אַז דעם טאַטנס טויטע אויגן עקבערן זיך אייַן אין זיין בויך, וואָס האָט מיט יענעם שטיקל ברויט (וואָס געקויפט שטאָטס צו קויפן די רפואה פאַרן קראַנקן טאַטן), אויפגעגעסן זיין לעצטע האָפענונג אָפּצוראַטעווען דעם טאַטנס יונגע לעבן. ס'איז אומאָפּטרעטלעך דאָס געפיל, אַז מחמת אָזאַ פחדימדיקער נויט, שטאַרבט דער לייבלעכער טאַטע אין 39־יאָריקן עלטער. משה גראָסמאַנען האָט טראַגיש צעשניטן דאָס שולדגעפיל כלפּי זיין פאָטער, די שולד פאַרן הונגעריקן ביסן ברויט וואָס ער'ט אויפגעגעסן קינדווייז.

נויט — אין אַלע דימענסיעס איז געווען דער גורלדיקער שטערן אויף משה גראָסמאַנס לעבנסוועג, וואָס האָט זיך אָנגעוואָלגערט מיט שטרויכל־שטיינער.

ג

ווי אַ שווימער אין אַ צעשטורעמטן טייך, האָט משה גראָסמאַן אַ לעבן־לאַנג געקעמפט מיט די צעשוימטע כוואַליעס פון בייז, אויף וועלכן עס איז אָנגעיוירן די גאָרע ווירקלעכקייט וואָס אויף איר איז מיט באַזונדערן אומחסד געשליידערט געוואָרן דער ייד. אין פוילן פון די לעצטע יאָר־צענדלינגער וואָס פאַרן היטלער־געוויטער (און גראָסמאַן האָט דאָרט געלעבט בתוך עמו), איז באַזונדער פיינלעך געווען די מערכה פונעם ייד. דער פּאָגראָם, די עקאָנאָמישע פּויפּעריזאַציע, אויף וועלכער עס איז הפקרדיק אויסגעשטעלט געוואָרן דער יידישער ציבור, דער נומערוס קלאַוזוס אין די הויכשולן, דער „אָושעם", דער פּוילישער ביטע זייער בנוגע דעם ייד אין ווירטשאַפטלעכן לעבן פון לאַנד, וואָס דער וואַרשעווער סיים האָט אויפן הויכן קול באַוויליקט פאַר די באַנדעס וואָס האָבן געבושעוועט אין די שטעט און שטעטלעך מיט דער ברכה פון אַדאָלף נאָוואַטשינסקי.

(דעם אֲבי־אֲבות הטומאה פון פוילנס פּעבל), האָט צייטלעך געעפנט דעם ברייטן וועג פאַר דער אוישוויץ־ציוויליזאַציע וואָס די רעגירונג האָט אימפּאָרטירט אויף „סטאָק". איבער געגוג זיך אָנגעגעסן מיט אָט דעם טשאַד און באַהערשט פון אַן אינעווייניקדיקער לעבנס־סטיכיע וואָס האָט אים דערלאַנגט אין האַנט אַריין אַן אייגענעם קאָמפּאַס, האָט גראָסמאַן מיט חכמה און אינטעליגענץ אָפּגעשטויסן פון זיך אַלע מוטנע שטראָמען וואָס האָבן זיך געוואָרפן אויף אים. ר'האָט זיך סוף־כל־סוף אַרויסגעקראָגן פון כלערליי סכנות וואָס די סאָציאַלע זאַווערוכעס האָבן געבראַכט שוין אויף זיינע יונגע יאָרן.

נו, אונטער דער שיך פון כסדרדיקע אומוועטערס איז משה גראָסמאַנען דעם שרייבער באַשערט געוואָרן אויך שפּעטער זיך צו ראַנגלען פאַרן ביסל ריינע לופט וואָס אַ מענטש מוז האָבן צום אָטעמען. אויף זיין גורל איז אויסגעפאַלן צו בלייבן אומצופרידן, צו באַגעגענען צו מאָל די זון מיט אַ טונקעלן שראַם אויף איר פּנים.

אַן אומגעזעטיקטער אין זיין הונגער נאָך מענטשלעכער שיינקייט, האָט ער אַ שווער פאַרווונדיקטער פיזיש אויסגעצאַנקט אין זיין 57סטן לעבנסיאָר. גראָסמאַן איז געפאַלן ממש אין מיטן פון געראַנגל. נישט ווי אַן אָרעם קינד, ווי די מאַמע האָט אים געבראַכט אויף דער וועלט אין שטעטל קאַריוו וואָס הינטער לובלין, איז משה גראָסמאַן אויסגעגאַנגען, נייערט ווי אַ טאַלאַנטפולער יִדישער שרייבער מיט אַ וואַכער, אַ מאָנענדיקער פּען אין האַנט.

ד

משה גראָסמאַן האָט געהערט צו דעם טיפּ שרייבער ביי וועמען די פּען איז געוועזן אַן אינסטרומענט וואָס ווערט געפירט פון אַן אָנגעשאַרפטן באַוווסטזיין. מיטן קאָפּ האָט ער אָנגעשפּאַרט צום ליכט וואָס איז געאייגנט צו אַנטהוילן, אויפצורייסן די פלאַסטערס וואָס ס'לעבן איז געוווינט אַרויפ־צוציִען אויף זיינע אייגענע וווּנדן.

משמעות, נאָר אַ קינד פון אַ געליטן פאָלק איז מסוגל צו טראָגן אין זיך די זוימען פון אַזאַ רעבעלישקייט וואָס האָט כל ימיו געזאָטן, געוואַכט אין משה גראָסמאַנען. ממש מיט די אויגן פון אַ סאָציאָלאָג און מיטן מוח פון אַ קינסטלער איז געווען באַשאַנקען דער שרייבער משה גראָסמאַן; ער'ט אַנאַטאָמיש צעגלידערט דאָס בילד וואָס האָט זיך גענייגט צו אים און דערנאָך אויסגעצאַפּלט אין זיין גאַנצן לייב און לעבן. פונעם

צעגלידערטן בילד האָט ער אַרויסגעקראָגן סיי די וואָגיקסטע ליכט־ניואַנסן, סיי די שאָטנס וואָס זענען עלול צו צעשטערן די ערגעץ פאַראַנענע סובסטאַנצן וואָס באַדינגען דעם יסוד פון לעבן. זיכער, נאָר דאָס פייער פון אַ הייס פּולסירנדיקן האַרץ האָט געקענט מיטווירקן צו דער אַנטפּלעקונג פון די לעבנסצעלן וואָס האָבן וויברירט אין אים. גערעגט און באַוועגט זיין וועלט.

משה גראָסמאַנס שעפערישער סטיל איז דער אויסדריקלעכסטער עדות פון אָט דעם ווערטפולן עלעמענט וואָס האָט געגנערט זיין מאַרקס־ראָמאַן, אַזוי קאָנסטרואירט די געשיכטלעך־ביאָגראַפישע נאָוועלע וועגן דער רעוואָלוציאָנערקע ראָזאַ לוקסענבורג און נישט אַנדערש רעגן אונדז די קלענערע בילדער און לייוונטן פון בולט אויטאָביאָגראַפישן שניט. אין דעם נעמלעכן נוסח, הגם אויך זכרונות־מאָסיק איז פאַרמאָסטן זיין גרויס ווערק וועגן דעם סטאַליניסטישן סדום, וואָס האָט איינגעשלונגען ווי אין אַן אומענדלעכן גיהנום־הייל אַ וועלט אַ גאַנצע און אַ רוב יידן־קרבנות, כאָטש אַ סך פון זיי האָבן אידעאָלאָגיש זיך געטוליעט צום לאַנד פון לעגענדאַרן דזשוגאַשווילי ווי צום לאַנד פון געהאָפטער גאולה.

יאָ, מירן רעדן, צום אומגליק, פון משה גראָסמאַנען אין טערמין פון געווען; די בראַנדן פון נויט און ביטערער אַנטוישונג אין זיינע לעבנס־אידעאַלן האָבן אים פּריציייטיק פאַרצוקט, כאָטש אין די לעצטע צען־עלף יאָר האָט ער זיך שוין געשפּירט מאָראַליש אויפגעריכט ווי אַ תושב פון דער יונגער יידן־מלוכה. ס'האָט אויסגעצאַנקט דער איידעלער שרייבער קעמפער משה גראָסמאַן. די איינציקע טרייסט איז וואָס זיין אינטעלעקטועל־קינסטלערישער מהות האָט זיך אַקומולירט אין זיינע שריפטן, אין אַלע שריפטן. אָבער ווידוייִש קלינגט זיין קול פון דעם בוך „שטויב און אייביקייט" וואָס איז אַרויס אין דרוק פּאָסט מאָרטעם. דאָ רעדט שוין אַרויס דער באַגער פון פערזענלעכן חשבון־הנפש פונעם ייִד משה גראָסמאַן. הינטער אַ צאָל בלעטער פון דעם אַ בוך הערט זיך אומצווייִדייטיק די דערקענטעניש פון דעם דערנענטערנדיקן פיזישן סוף זיינעם. אַרויסזאָגן זיך דערפון וואָס גליט שוין לאַנג אין דער נשמה, אַראָפּרעדן זיך פון אַלץ וואָס דריקט אויפן געמיט, איז דער אָטעם וואָס הויכט פון די בלעטער, וועלכע „טראַכטן" שוין פון גאַלאָפּירנדיקן סוף פון כל אדם און עס וועקט זיך דער טאָטשנדיקער געדאַנק: איז דער מענטש, אַפילו דער דענקענדיקער, שלימותדיקער בן־אדם דער, וואָס באַווייזט וווּנדער מיט זיינע אויפטוען, אין אמתן עפר ואפר, אָדער ער ווערט ערגעץ מיט עפּעס אַ מיסטישן יש פאַרבונדן מיט דער

אייביקייט? האָט טאָקע אַ יסוד דער גלויבן אין דער אַבסטראַקציע פון השארת־הנפש? עס ברענט און פלאַקערט דער דאָרן פון ספקות און ס׳רייסט אַוועק אין די ערגעצן דאָס פייער פון אמונה אין אומבאַגרייפלעכן. אין אַזאַ געמיט האָט משה גראָסמאַן שוין אויפן טויטן־בעט געגרייט זיין לעצטן בוך וואָס שליסט איין אידעיִש, קינסטלעריש דעם סוף־פּסוק פון זיין שרייבערישן אויפטו, ממילא דעם גאַנצן היקף פון זיין שריפטשטעלערישן שאַפן. אַפילו די קורצינקע מיניאַטורן פון טומלערישן, בלענדנדיקן פּאַריז דערגאַנצן דאָס גראָסמאַנישע לעבנסווערק מיט אַלע זיינע אייגנשאַפטן און ספּעציפישקייטן.

פון זיינע בולטסטע מעלות דאַרף מען אויסטיילן דאָס קינסטלערישע אויג וואָס האָט מיט פּלאַסטישע מיטלען און אייפעריקן אַריינדרינג באַוויזן אַרויסצוברענגען רעליעפע שטריכן אויף דער שטילער אייבערפלאַך פון צעשוונדענעם, ערגעץ אַנידערגעוואָרפענעם טאָג און צו מאָל מיט וואָרעמען, כאָטש ציטערדיקן וואָרט אונדז באַענט געמאַכט עפּיזאָדן וואָס קאָנען לכאורה אויסזען גאָר, גאָר קאָמפּליצירט, אפילו אומגלייבלעך. ערשט די פּסיכאָלאָגישע וויוויסעקציעס איבער די אויסטערלישע געשעענישן, די מאַקאַברישע בילדער וואָס גייען־נאָך גראָסמאַנען דעם ייִד־מענטש, דינען אים ווי אַ מעדיום פאַר דער דראַמע, וועלכע ער לעבט אויף אין זיין ווערק, די דראַמע, וועלכע איז אים ווי זיינע העלדן ממש צווילינג־ברידער; אָט די וויוויסעקציעס לאָזן אונדז באַנעמען אַלץ וואָס ער דערציילט, וואָס ער לאָזט אונדז זען מיט דער קלאָרסטער קלאָרקייט. אַ צולייג צו דער אַ קלאָרמאַכונג איז זיין איכישע פאָרעם. ער גייט צוזאַמען מיט זיין טעכטערל, ער באַגעגנט זיך מיט זיין צערודערטן חבר נתן מילשטיין, ער גרוילט מיט דער טראַגיק פון זיין צניעותדיקן יוגנט־פריינד מאיר־מעכל, וועלכער ווידערשפעניקט קעגן גאָט און וועלט פנים־אל־פנים מיטן מטורפדיקן דייטשישן רוצח. אומעטום איז ער דער זעלביקער משה גראָסמאַן מיט זיין צעפייניקטער וועלט ווי אַ מיט־שותף צו די ליידן פון די געשטאַלטן וואָס באַלעבן זיינע שריפטן. אָדער זענען עס נאָר צעוואָרפענע זכרונות וואָס ער קליידט אָן אין אַ דערציילערישן לבוש, מיט בילדערישקייט, מיט שאַרפע פאַרגלייכן און אינטעלעקטועלן קנייטש? צי זענען זיי גאָר בלעטער פון זיין אייגענעם פיינפולן לעבן? אָ, ס׳מער ווי בלעטער פון אייגענע איבערלעבונגען. דער בעלעטריסט אין משה גראָסמאַנען ברייטערט אויס די גרענעצן פון דעם ענג פּערזענלעכן, אין וועלכע עס קענען זיך האַלטן נאָר שמאָלינקע דערמאָנונגען; אַזעלכע זענען אַפילו פאָרעמלעך איינגעשמעלערט ווי אינדיווידועלע זכרונות, פאַר־משפטע צו לעבן אָן האַריזאָנטן און לרוב אָן אַן וועלכער פּערספּעקטיוו.

די קאַנווע פון די גראָסמאַנישע בילדער און רעפלעקסיעס זענען פון אַ טיפן פאַרנעם, ווייל אָפט מאָל טרעפן מיר אָן ביי אים אינדיווידואַליזירטע שטריכן פון די באַזונדערע געשטאַלטן, וועלכע ער פירט אַרויס מחוץ זיין פערזענלעכן תחום.

אויך אינהאַלטלעך זענען גראָסמאַנס זכרונות־בילדער ברייטער און טיפער. אַוודאי, די איבערצייגעוודיקייט מיט וועלכע ער רעדט צו אונדז פון זיינע שריפטן, האָבן מיר צו פאַרדאַנקען דעם קינסטלערישן עספּרי וואָס דינט אים תמיד מיט אַ באַזונדערער אינטימקייט. דאָס איז אַ שטריך וואָס איז אייגן ספּעציפיש אָט דעם שרייבער. די תשוקה צו אַ בילדערישן אויסדרוק, צו אַ מעטאַפאָר, צו נאַטור־געמעל און אינטעלעקטועלן פּילפּול. דאָס אַנטפּלעקט זיך ביי משה גראָסמאַנען אַפילו דעמאָלט ווען אים פירט נאָר דער פּובליציסטישער טעמפּעראַמענט וואָס שפּאַנט אויפן שליאַך פון דער פלאַקערנדיקער אַקטואַליטעט. אַזאַ איז ער אויך אין דער ראָל פונעם פּאָלעמיקער מיטן שאַרפן סאָציאַלן אינסטרומענט וואָס גליט אויף זיין שפּיץ פּען. דאָס בילדערישע ביי אים ליידט אַפילו אָפט מאָל פון צו שטאַרקער קאָלירקייט, פון איבערפלוס אין פאַרבן־פלעקן.

סיי ווי איז לייענעריש אונדז צום האַרצן דער אַ גראָסמאַנישער, באַדאַכט אַנגעלאָדענער אופן פון דערציילן, פון מאָלן אָדער אַפילו פון זיין אַריינזאָגן מחמת אומווילן לגבי אומווערדיקע געגנלעך פון אַזעלכע וואָס ווילן אָנגיין פאַר כ׳ווייס־נישט־ווער! צוזאַמען מיט משה גראָסמאַנען בלייבן מיר אָבער ביים סוף פון זיין ווידוייִשן בוך מיטן נאָגנדיקן פרעג: גייען מיר סוף־סוף צו שטויב, אָדער — צו דעם אומפאַרענטפּערלעך לייכטנדיקן מיסטעריעזן שטערן, צו דער אייביקייט? — —

.1972

יוסף אַקרוטני

בנימין שלעווין

אין אַ נאָווינע האָט די קולטורעלע ייִדישע פּאַריז אָפּגעמערקט אַ יובל־דאַטע פון ב. שלעווינען. די סיבה פון דער פייערונג איז געווען וואָס צו די דרייסיק יאָר זינט עס איז אַרויס שלעווינס ערשטע בוך „צווישן ווענט" (וואַרשע, 1933) האָט אַ גרופּע פריינד אין דער פראַנצויזישער מעטראָפּאָליע אַרויסגעלאָזן אַ באַנד „געקליבענע דערציילונגען" פון דעם טאַלאַנטירטן נאָוועליסט (פּאַריז 1964) און אין איינוועגס געפּרייט זיך וואָס שלעווין איז שאַפעריש אין פּאַריז שוין פולע דרייסיק יאָר. דאָס וויל אגב זאָגן אַז באַלד נאָכן אַרויסלאָזן זיין ערשטן באַנד דערציילונגען, האָט דער יונגער מחבר זיך געשפּירט אין פּוילן אַזוי, אַז ער האָט געזוכט פאַר זיך אַ מקום מנוחה אַ ביסינקע ווייטער פון זיין געבוירנלאַנד, וואָס איז גראָד געגאַנגען „אין חדר אַריין" צו די נאַצישע גאַרגלשניידערס, וועלכע האָבן מיט דער הילף פון דער פּוילישער רעאַקציע גענומען זאַנדירן דעם באָדן פאַר דער שפּעטערדיקער ייִדן־אויסראָטונג. איז באמת געווען אין פּאַריז אַ גליקלעכע געלעגנהייט מיטן פייערן שלעווינס אַ שאַפערישע יובל־דאַטע און דערביי צו פּרעזענטירן אַ בוך וואָס איז אַן אויסוואַל פון דעם שרייבערס נייע דערציילונגען און אַן אָפּקלייב פראַגמענטן פון זיינע פריִערדיקע ווערק. אַוודאי איז די פייערונג אויך געווען אַ שעת־הכושר אונטערצושטרייכן ב. שלעווינס גורלדיקן שריט, וואָס ער האָט באַוויזן רעכטצייטיק עוקר צו זיין פון רע־פּוילן און אַזוי אַרום געהאַט מער שאַנסן ניצול צו ווערן פון דער פּאַגראָם־ספּערע וואָס די פּאָליאַקן האָבן אונטערגעהאַלטן אין פּוילן אויך נאָך דעם ווי די היטלעריסטן האָבן גענומען ווילד באַלעבאַטעווען איבער דער ווייסל־מדינה, וועלכע איז געוואָרן דאָס מאוימדיקע שעכטהויז פאַר ייִדן פון גאַנץ אייראָפּע. פאַרשטייט זיך, מיט אָט דער פייערלעכקייט האָט דער בוך־קאָמיטעט אין פּאַריז פאַרענדיקט זיינע טראַפאַרעטע פונקציעס, וואָס זענען פאַרבונדן מיט אַזאַ פייערלעכקייט לכבוד אַ ייִדישן שרייבער.

פאַרענדיקט? יאָ, פאַרענדיקט די פייערונג לכבוד דער יובל־דאַטע. אָבער מיט דעם האָט זיך נישט פאַרענדיקט דאָס תוכיקע, דאָס ברוויזיקע און טרויעריקע וואָס וואַרצלט אין יסוד פון שלעווינס ווערק. אדרבא, מיטן אַרויסגעבן זיין נייעם בוך, איז ערשט אַרויסגעהויבן געוואָרן דאָס בלייביקע פון דעם ווערק ווי אַ קינסטלערישער דאָקומענט פון אַ געדענקלעכער

צייט, וואָס איז דער באַדן פון דעם שרייבערישן דערגרייך. און שלעווין איז דאָך נאָך יונג און קרעפטיק זענען זיינע שאַפערישע לענדן. איז בכן גוט געשען מיט אַזאַ מין שרייבערישן יובילײ, ווייל סיי ב. שלעווין סיי זיין ווערק פאַרטראָגן נישט — לפּי זייער מהות — קיין וואָלוועלן פּירסום. אַנאַליטישער אָפּשאַץ, אַ טיפער אַריינבליק אינעם וועלטל וואָס דער מחבר האָט אויפגעבויט מיט מייסטערישן פליס — אָט וואָס עס פאַדערט זיך, אויב מע רעדט וועגן אַ שרייבערישער יובל־דאַטע, און דאָס האָט אין אַ געוויסער מאָס דערגרייכט די פאַריזער גרופּע מיטן אַרויסלאָזן דעם היפּשן באַנד פון ב. שלעווינס געקליבענע דערציילונגען.

✶

יאָ, די מערסטע פון זיינע רייפע יאָרן האָט ב. שלעווין פאַרבראַכט אין פאַריז. עס איז אַגב דער גורל פון דער אייביק־קאָכיקער יידישער עמיגראַציע, וואָס אירע שטראָמען לאָזן איבער דאָ און דאָרט נעסטן פאַר די אָפּגעשטאַנענע אין מיטן דער וואַנדערונג, ווו זיי וואָרעמען זיך אויס די מידע גלידער און די טרוימער צווישן זיי נעמען אָן כוח פאַר נייעם שווונג. ב. שלעווינס פאַריזער פעריאָד איז אָבער נישט דער גאַנג פון סתם אַן עמיגראַנט. ווי אַ סך אינטעליגענטן פון זיין דור, האָט אים געצויגן קיין פאַריז ווי צום קאָסמאָפּאָליטישן קעסל וואָס זידט אויפן סאַמע צענטראַלן שליאַך וואָס פירט צו דער גרויסער וועלט. געוויס, פאַריז אַליין איז גרויסע וועלט.

אַן אָפּשטאַמיקער פון בריסק דליטא, האָט ב. שלעווין — דאַרף מען וויסן — זיך געכאַוועט אויף דער היוון פון דעם רוסיש־יידישן וואַרשע. עס איז גראָד געווען די צייט, ווען דער פוילישער יידישער צענטער האָט באַקומען פליגל פאַר געזעלשאַפטלעכן אימפעט, וועלכער האָט זינט דעמאָלט זיך אַריינגעשריבן אין דער נייסטער יידישער געשיכטע מיט אויסנעמיקע וויכטיקע אויפטוען: יידישער קולטור־רענעסאַנס, דער אויפוואַך פון יידישע פּאָליטישע באַוועגונגען און אַנטקעגן די אַלע ציבורדיקע יידישע אַנטפלעקונגען — דער געפאַך פון דער „צוזאַגנדיקער" רוסישער רעוואָ־לוציע. ריכטיק, ס'איז געווען דער זעלבער פעריאָד ווען די פּוילישע רעאַקציע האָט שוין באַוויזן אירע שאַרפע נעגל, מחמת זי איז נאָך געווען פאַרשיכורט פון דער דערגרייכטער מלוכישער אומאָפּהענגיקייט. ער איז נאָך געווען גאָר יונג, ב. שלעווין, אידעען האָבן געלאָקט, גערופן צו דער גרויסער וועלט. דעמאָלט האָט ער איבערגעלאָזן פּוילן אין טשאַד פון אומהיימלעכע זכרונות וואָס האָבן זיך שוין געהאָט אַנגעהויפט אין אים.

די גרויסע פּאַריז האָט געעפנט אירע אָרעמס פאַרן פאַרשמאַכטן ייִדישן בחור פון צערודערטן פוילן. די ייִדישע פּאַריז האָט אים אַריינגענומען אין איר היים און טאַקע פאַרהיימישט.

באַצייכענען ב. שלעווינען ווי אַ פּאַריזער ייִדישן שרייבער איז היינט אַ נאַטירלעכע זאַך. העכער דריי צענדליגג יאָרן הויזן מיט דער פאַרביקער, טומלדיקער, זינגענדיקער און אומעטיקלעכער פּאַריז, לעבן בײינאַנד מיט איר אייגנווינערשאַפט, איז אַן אָטעסטאַט אויף פּאַריזערישקייט, אויב מ׳מעג אַזוי זאָגן. און ב. שלעווין דער ייִד, ב. שלעווין דער שרייבער, האָט בראשו ורובו זיך אַריינגעוואָרפן אין פּאַריזער לעבן, איז געוואָרן אַ טייל פון איר, אָטעמט מיט אירע לונגען, גייט אין ריטעם פון איר וועלטישער גרויסשטאָטישקייט, הגם ער בלייבט תמיד ער, ב. שלעווין, דער ייִדישער שרייבער אין זיין פולן שאַפערישן ערנסט.

וויל מע זוכן צייכנס פון ב. שלעווינס גאַנג צו פּאַריז וואָס איז געוואָרן זיין וואַרע היים (פוילן, וואַרשע איז נישט מער ווי אַ דעקאָראַציע, צו מאָל אַן אינטעלעקטועלער אָדער אַן עמאָטיווער אָנשפּאַר פאַרן קינסטלער ב. שלעווין), קען מע די דאָזיקע צייכנס געפינען לפּחות אין זיין ראָמאַן „די אידן פון בעלוויל״ (1948). ביאָגראַפישס מיינען מיר, הגם קינסטלעריש צייכנט זיך דער בעלעטריסט, אויטאָפּאָרטרעטיש, אויך אין אַנדערע ווערק. בעלוויל, דאָס פּאַריזער „פּלעצל״ וווּ עס קאָנצענטרירט זיך דאָס פאָלקיש־ייִדישע וואָס די אומרויִקע אימיגראַציע האָט אין פראַנקרייכס הויפּטשטאָט פאַרמישט אין איר מולטער. אויף אַ ברייטן לייוונט ברענגט אַרויס דער שרייבער די גילגולים פון בעני גרינבערגער, דעם וואַרשעווער יונגן־מאַן וואָס שטויסט זיך צונויף מיט דער שאַרסטקער ווירקלעכקייט פון דעם „נייעם פוילן״ פון מאַרשאַל פּילסודסקי און יוזעף האַלער. שוואַרצער אומרו בליט דעמאָלט אויפן וואַרשעווער ברוק, דעמאָראַליזאַציע האָט ביי האַנט מיט מוראדיקער אינפלאַציע גייען געפּאַרט מיטן נאַקעטן פּחד פאַרן בינטל ביינער. פּנים־אל־פּנים מיט די גרוילן וואָס די (ערשטע) וועלט־מלחמה האָט געלאָזן אין רואינירטן פוילן, שטייט פאַר אונדז בעני גרינבערגער ווי די באַשיימפּערלעכע פּערזאָניפיקאַציע פון דעם ייִדישן פאָלקסטיפּ. ער איז גורלדיק פאַרמשפּט געוואָרן אַוועקצוגיין אין אַלע אויסרייסעניש, מחמת טאַטע־מאַמעס היים איז געגאַנגען באַרג־אַראָפּ און די פּוילישע מלוכה ווערט אין יסוד אונטערגעשוואָנקען פון די מעכטיקע כוואַליעס וואָס עס טראָגן אַן די קאָנוווּלסיעס פון די אָנהייב צוואָנציקער יאָרן.

תוהו ובוהו אינעם אַרום, איז די איינציקע האָפענונג פאַרן ייִד די

בעסערע וועלט, וואָס ליגט אויף יענער זייט פון די געשלאָסענע גרענעצן. נו, פּאַריז, דאָס ליכט פון די באַרימטע פרייהייט־קעמפּערס וואָס שיינט פון דער שטאָט פון דער באַסטיליע אַריבער דורות, ס'איז די דעמאָקראַטיע די וואָרהאַפטיקע מענטשלעכקייט וואָס באַשטראַלט אויך דעם געדרודפּטן ייִד אין גלות־פּוילן. ווילנדיק, נישט ווילנדיק — טרייסט מע זיך אין האַרצוויייטיק — מוזן די געמיינע הערשערס אַריבערקוקן אַהין, פאַרשעמען זיך פון דרך־ארץ ווענן, הגם אַליין זענען זיי נישט מסוגל נאָכצוטאָן דאָס שיינע. פּשוט, נישט דערוואַקסן איז דער כאָם — אַהינצו צום נייעם לעבן־שפּראָצנדיקן האַרמידער האָט עס געצויגן אויף בעניך, כאָטש דער וועג איז געווען גאָרנישט גרינג. אים איז באַשערט געוואָרן נאָך גענוג איבער־לעבענישן ביז ער האָט דערגרייכט דעם ייִדן־צענטער אין פּאַריז.

אַוודאי זענען מיר דאָ נישט אויסן פונאַנדערצורוקן די קינסטלערישע קאָנסטרוקציע פון אַן עפּאָפּייע וועגן אַ ייִדישן דור, וואָס האָט דערשפּירט אַז עס דריקט אים שוין צופיל די ענגשאַפט וואָס שונאים האָבן אומיסטן אַרומגעבויט אַרום אים. ווי, פון דעם דאָזיקן קלעם איז שפּעטער אויפ־געקומען די בלוט־טריפנדיקע געטאָ, וועלכע האָט זיך אין דעם זעלביקן וואַרשע ווי אין לאָדזש, לובלין, ביאַליסטאָק און ווילנע פאַרענדיקט מיטן אומגעהאַרישן כרת פון אונדזער אומה. וואָס נוגע בעניך, דעם וואַרשעווער, וועמען דער טרויער אָנגעגעסענער מחבר בנימין שלעווין פירט איבער זיין דערנער־וועג ביז ער דערגרייכט דאָס פלעצל פון בעלוויל אין פּאַריז, דאַרף מע מוסיף זיין, אַז דער נעמלעכער בעני האָט געהאַט אויסצושטיין אַ סך האַרצקלאַפּעניש ביז דעמאָלט. מיט דעם פאַרנעמט זיך אויספירלעך די באַלערנדיקע לעבנס־געשיכטע וואָס שלעווין האָט פון אים אָנגעשריבן. אונדז גייט נישט דווקא אין ביאָגראַפישע עלעמענטן נישט וועגן שלעווינען און נישט וועגן זיין העלד בעני גרינבערגער. עס האַנדלט זיך נייערט אין שטעלן דעם טראָפּ אויפן שאַפערישן זוועג פון דעם מחבר פון מערערע נאָוועליזירטע, ביאָגראַפיעס, מיט וועלכע ער האָט באַפּעלקערט זיינע איב־טערעסאַנטע ביכער.

*

די „געקליבענע דערציילונגען" פון ב. שלעווין איז אַזוי צו זאָגן אַ זעלבסט־אַנטאָלאָגיע פון דעם שרייבער וועלכער האָט געגעבן דער ליטע־ראַטור אַ צאָל דערציילונגען און ראָמאַנען. דער עיקר־סוזשעט ב. שלעווינס איז אָבער די ייִדישע אימיגראַציע. ייִדן פון פּוילן, פון גאַליציע, ייִדן פון אָריענט זענען די מאָדעלן פון שלעווינס טיפּן און געשטאַלטן. מענטשן

וואָס שטייען פּסיכיש, עקאָנאָמיש, משפחהדיק על פּרשת דרכים פון לעבן און עפּאָכעס. עפּעס ציִען צוגווינטן אין שלעווינס שילדערונגען און באַשרייבונגען. פּונקט ווי פּאַריז שטייט אין צענטער פון דער גרויסער וועלט, שטייט ביים סאַמע שליאַך פון היסטאָרישע, פּאָליטישע און קינסטלערישע געשעענישן — אַקוראַט אַזוי געשעט עס מיט די יידישע מענטשן די שלעווינישע, שטורמישע אומרו באַוועגט מיט זיי.

איז דעם באַנד געקליבענע שריפטן טוט זיך דאָס זעלביקע. בכלל די ליידנשאַפטלעכע, כאָטש שטילע נאַראַציע, הייבט אַרויס דאָס אייגנטימלעכע ביי ב. שלעווינען דעם דערציילער פון פּאַרנעם. ער האָט פּאַרפּאַסט אַ צאָל ראָמאַנען, בתוכם אַ טרילאָגיע, און איבער אַלץ הויערט די געדיכטע, סובטילע שטים פון אַ דענקענדיקן שרייבער. און ער איז בילדעריש, פּסיכאָלאָגיש זענען באַגרינדעט די האַנדלונגען פון זיינע מענטשן, פּאַרביק, יאָדערדיק איז שלעווינס יידיש. און נאָך אַ טשיקאַווער פּרט וואָס טיילט אויס ב. שלעווינען: ער נעמט דעם רוי־מאַטעריאַל פּאַר זיינע דערציילונגען ווען ער איז נאָך הייס, רוי. דאָס אָפּטריילען זיך פון דעם סאָוועטישן רעזשים מצד יידן, אַפילו מצד אַזעלכע וואָס זענען געבוירן אין שויס פון דער אָקטאָבער־רעוואָלוציע, באַקומען ביי שלעווינען אַ קינסטלערישן תיקון סיי אין דער קלענערער דערציילונג („מאַיאַ"), סיי אין זיין גרעסערן ראָמאַן („חברים פון מוראַנאָווער ראַיאָן"). חבר אהרן איז אַ הײנטציטיקע געשטאַלט, וואָס אַפּעלירט שטאַרק צו דער יידישער יוגנט וואָס איז פּאַרכאַפּט פון די פּראָגרעסיווע אידעען. עפּיש אויסגעהאַמערט, ווי אין האַרטן שטיין געטעסעט, איז זיין שילדערונג „אהרן לייב מיט די בנים". סקולפּטורמעסיק באַוועגן זיך די פּשוטע מענטשן וואָס ווערן געשטעלט פּאַר ביטערע נסיונות. עס בעטן זיך ממש ציטאַטעס וואָס זאָגן עדות אויף דער פּלאַסטישקייט און אויף דעם אָנגעזעטיקטן זאַפטיקן לשון, וואָס איז משועבד דעם קינסטלער. דאַרפישע יידן, אויסגעפּרוּווטע רעוואָלוציאָנערן, נעכטיקע פּאַרטיזאַנער, עלטערלעכע געלערנטע, קרבנות, געיאָגטע בעת דער נאַצי־אָקופּאַציע, קאָנסעקווענטע חלוצים פון דעם אַלטן און נייעם ארץ ישראל און דער עיקר — פּאַריז, דער גרויסער יידישער קעסל אין מיטן דער צעטומלטער וועלט פון וועלטלעכע מענטשן, גאָט־זוכערס, קינסטלערס, אַוואַנטוריסטן און בעלי־חלומות. יאָ, אין צענטער פון שלעווינס ווערק זעט מען באַזונדער אַרויס די שארית הפליטה פון דער אַלטער, אידעאַליסטישער יידישער אימיגראַציע אין פראַנקרייך. חברטע פּערעלע איז אַ מין פּאַרהייליקטע געשטאַלט פון דעם דור יידישע

רעוואָלוציאָנערן וואָס זענען אויפגעקומען פון דער גויט אין פּוילן און דער חלום פון פרייהייט איז זיי אַריין אין די ביינער. אויך אין פרעמדלעכן פּאַריז איז אין זיי אויפגעהיט דאָס זעלביקע פייער, כאָטש דער אויסדרוק פון סאָציאַליסטישן אידעאַליזם באַקומט זיך דאָ אין לויטערער גוטסקייט צו עלנטע, קראַנקע, נויטבאַדערפטיקע. אויפן פּאַריזער ברוק איז פּערעלע די שׂרה בת טובים פון אונדזערע טעג. ס'איז כאַראַקטעריסטיש פאַר שלעווינען און זיין אינעווייניקדיקער וועלט, וואָס ער הייבט אַרויס די דאָזיקע טיפן מיט דער האַרציקער וואַרעמקייט פון זיין סאָלידער קונסט. אַ נאָסטאַלגיע שפּירט זיך צו דער מאַטעריע וואָס געפינט זיך ביים ראַנד פון אויסגיין אין דעם נייעם פּאַריז. פאַר דאָס טויכט אויף אויך דער נייער מין מענטש, די אימפּולסיווע זשאַקס וואָס גאַרניט איז זיי נאָענט, גאַרניט דערהויבן, סיידן די וווּלגאַרע ליבע צו דער ווילדער אַפריקאַנער מויד פון קאַלאַמב־בעשאַר. דאָס איז אָגב שייך שלעווינס פעיִקייט צו קענטן אַקטועלן שטאָף, אויך פונאַנדערצוויקלען סצענעס פונעם (למשל) אָקערשט אויסגעבאַקענעם אַלזשיריאַנער יִידישן צוגויפלויף פון בען בעלאַס פּאַליטישער מגיפה, וואָס איז אַנגעצונדן געוואָרן אין אַפריקע, זשאַקס פרומער זיידע גייט אויס פון שברת הלב, די לייבלעכע מאַמע ווערט דערדריקט, אָבער דעם יונג וואָס האָט געזאָלט ווערן אַ שוחט ביי יִדן, „נעמט" די פלאַמיקע מויד פון דעם סאַהאַראַ־מדבר. דעם שרייבער מיטן וואַכן חוש פאַרן לעבעדיקן לעבן, פאַרכאַפּט דאָס גלייכן די דער־שיינונג פון געמישטע חתונות, די טראַגעדיע וואָס ברענגט אַרויס פון שלאָף די אחריותדיקע צווישן יִדן, וועלכע קענען נישט אויפהערן דענקען אין קאַטעגאָריעס פון יִדישן פאַלקישן קיום. דער קינסטלער שלעווין ברענגט אַרויס זיין אינטערעס פאַר דער דאָזיקער פּראָבלעם אין דער טרעפלעכער אַטמאָספער־שילדערונג („דער צוקערבעקער פון „פּלעצל"). עס איז, אמת, אַ געוואָגטער אָנשטרענג פאַר אַ קינסטלער צו מאָדולירן וואַרעמען שטאָף, אָבער שלעווין וואָגט און לפי יכולתו, גיט ער זיך די מי גובר צו זיין די מניעות. אַוודאי, אויפן מער אויסגעקילטן שטאָף געווינט מער דאָס ליכט פון פּערספּעקטיוו, די בולטקייט פונעם בילד אַפילו ביים געניטן שילדערער שלעווין.

אַ פּראָפּאָ דער אַקטועלקייט, ברענגט ב. שלעווין אַ נאָגנדיקן איכה־ניגון וואָס באַגלייט די דראַמאַטישע גסיסה פון יִדישן טעאַטער אין פּאַריז („גאָלדפאַדעניאַדע"), אַ זוערקל וואָס אײַנהאַלטלעך און פּסיכאָלאָגיש איז עס ווי אָנגעמאָסטן פאַר דער רעקוויעם־רעקלאַמאַציע אויף דעם אָפּגאַנג

פון ייִדישן טעאַטער אין בוענאָס־אײַרעס ווי אין ניו־יאָרק. שײַן, צוציִענדיק האָט זיך געציקלט אַ האַרציקע ייִדישע מעלאָדיע וואָס האָט פאַרכאַפּט סײַ דעם פאָלקס־ייִד, סײַ דעם אינטעליגענט. אונטער דער דאַזיקער מעלאָדיִע האָבן געחלומט אויך גענעראַציעס ייִדישע יוגנטלעכע — ערשט גייט זי אויס, צאַנקט. בײַ שלעווינען ראַמט מע נאָך אַראָפּ — ווי טראַגיש אין דער סימבאָליק! — די אַלטע שאָפּע פון „בוף קאָמעדיען״.

— „אָ, ווא בראָך — האָט יאָסל (דער טעאַטער אידעאַליסט) אומגליק־לעך צעגומען די הענט — שוין! מ׳עט שוין מער נישט קענען שפּילן קאַ׳ ייִדיש טיאַטער...״.

*

אַ שיינע, טרויעריק שיינע גאַלעריע ייִדישע טיפּן פון אַן אינטערע־סאַנטער, שאַפערישער ייִדישער וועלט, די וועלט פון געוועזענעם ייִדישן וואַרשע אין דער ייִדישער פּאַריז האָט ב. שלעווין קינסטלעריש רעסטאַוו־רירט אין דער אַנטאָלאָגיע פון זיינע ווערק, וועלכע ער האָט געשריבן אין זיין נייער (קענטיק ליבער) היים אין פּאַריז.

1965

יעקב פרידמאַן

„דער פאַסטעך וואָס איז ראוי די קרוין פון מאַמע־לשון"

I

ביז 1940 האָט יעקב פרידמאַן געלעבט אין טשערנאָוויץ, אין די שווערע מלחמה־־יאָרן געווען פאַרשיקט אין בערשאַד, וואָס אין דעם טרויעריק־באַרימטן טראַנסניסטריע, דאָס אוישוויץ פון אַנטאָנעסקו ימח־שמו. על־פּי־נס איז דער דיכטער אַרויס פון דעם גיהנום און מיט די נסיונות פון אַ מעפּיל, דורך ציפּערן, זיך דערשלאָגן קיין ארץ־ישראל. אויף אַלט־ייִדישער הימ־ערד האָט דער דיכטער־פּליט אויפגעשלאָגן זיין געצעלט און ער פּראָוועט „טיש" מיט דער גברת השירה, אָבער ביחידות, אַן אַ זייט פון די רוישיקע טראַקטן, אין סאַמע מיטן פון דער ביבלישער נאַטור, פון ביבלישע געשטאַלטן און טאַקע אין דמיונות אין גרויס־ייִדישן מהות.

יודעי־חן ווייסן, אַז יעקב פרידמאַן שטאַמט פון דור־דורות גוטע ייִדן. די מוטער איז געווען די טאָכטער פון טשערנאָבילער רבי ר' יוחנטשע, דער פאָטער — אַן אייניקל פון בערזשענער צדיק און האָט אַליין געפירט רביסטווע.

יעקב פרידמאַנס לידער צייטיקן אָקערשט, ווען מיר שרייבן די שורות אויף די פעלדער פון בית־דגון; די ישראלשע הימלען טרינקען זיי אַן מיט בלויען, טיפן ליכט, די ישראלשע ערד זאַפּטיקט זיי און וואַרעמט מיט שפע און מנוחה. יעקב פרידמאַנס לידער זענען ליריש־דערציילערישע און דורכגעזאַפּט מיט צערפולער ייִדישער מחשבה.

*

אָנגעהויבן האָט ער מיט מיסטישע לידער. שוין די טיטלען פון זיינע פריערדיקע ביכער גיבן אָנצוהערעניש אויף דעם: „אדם", „שבת". דער בראשית פונעם מענטש, און מענטש מיינט מחשבה, דמיון, באַהעפטונג מיטן איבערערדישן. „איך האָב פיינט חול, כ'בין נישט סובל קיין איינ־דערוואָכן — רעדט דער דיכטער מיטן מויל פון רבי מענדעלע קאָצקער. — „אויב נישט שבת, דאַרף איך קיין וועלט אין גאַנצן נישט, און פטור".

די וואָרע וועלט איז אים געווען דערווידער דיכטעריש. אַזאַ איז ער אייגנטלעך פאַרבליבן, דער זון און אייניקל פון רעליגיעז־גייסטיקע אָדלערס, וואָס זוכן שלימות נאָר אין די רעגיאָנען פון טיפן מענטשלעכן פילן און דענקן. אמת, דער בראָך, וואָס איז געשען אונדזער דור, האָט אויף אים שוין אַרויפגעצוווּנגען אַ מער רעאַלן קוק, אָבער זעען זעט ער נאָך, יעקב פרידמאַן, ווי אַ חוזה פון הייליקייט, וואָס איז באַלאָדן מיט דער גרויסער משא פונעם יידישן נעכטן: ער קוקט פילאָסאָפיש, טרוימעריש און דערזעט אַ סך מיט די אויגן פון זיינע זיידעס. אינגאַנצן אויסגעטון פון דער וועלט איז ער שוין נישט, ער שפּירט אויך די ערדישע יסורים. אָבער דער פּעסימיסטישער מאָטיוו נעמט דעם אויבנאָן אין זיינע געזאַנגען, דרינגט אַריין אַפילו אין די, וו ער איז שיר־השירימדיק און פון זיין פערז טריפט האָניק פון ערדישער ליבע.

די הויפּט־כאַראַקטעריסטיק פון יעקב פרידמאַנס פּאָעזיע איז די פילאָסאָפיע פון יידישער עניוות. אין זיין פשטותדיקער שורה אַריינגעשטעלט דעם שטילן פּלאַם פון ישראל־סבא. איך, בן־אדם, בין אַ שטויבעלע, הייליק און מאַכטיק ביסטו, בורא עולם. אַלע שיינקייטן הויערן אין דער יצירה, און די שטרעבונג צו פשטות איז אָן אַ שיעור.

און נישטאָ קיין סתירה צווישן דעם תוך און דער פאָרעם פון יעקב פרידמאַנס פּאָעזיע. אַזוי פשטותדיק ווי עס איז אויפגעוויקלט זיין געדאַנק, אַזוי פשוט זיין ליד. פול איז זיין וואָרט און באַלאָדן מיט בילד.

לרוב איז ער תפילהדיק. ווי פון שחרית קלינגט אָפּ זיין ליד, פון מעריב־דאַוונען דערמאָנט אַמאָל דעם דיכטערס סגנון. פרום, אחריותדיק, אָפּגעציטערט אויפן געדאַנק, וואָס האָט תיקון אין וואָרט.

*

זיין פרום־יידיש בוך „פּאַסטוכער אין ישראל", וואָס לייענט זיך ערטערווייז ווי אַ סידור, עפנט דער מחבר מיט אַ מין תפילה קודם התפילה.

זיי גוט צו מיר, גאָט,
כ'בעט נישט קיין סך:
איך וויל פילן דיין ליבשאַפט
רוט אויף מיין דאַך.

און פאַר דער שוועל פון מיין הויז
ווען איך עפן די טיר,
זאָל די זון און דער רעגן
דערציילן פון דיר.

פון האַרבסטיקן געמיט

אין ס׳זאָל אַ קוואַל און אַ פעלד
און אַ טשערעדע פי
מיר זאָגן „גוט מאָרגן״
יעדן אינדערפרי,

בעת איך וועל קומען
אין אַ מלבוש פון לייוו,
מיט אַ הילצערן פייפל
צום ירדן צו גיין — —

וואָס דאַרף איך, באַשעפער,
וואָס דאַרף איך דען מער?
ס׳וועלן קומען צו מנחה
די אבות אַהער.

עס וואָלט כדאי געווען צו ברענגען ס׳גאַנצע ליד און אַריינגעפירט צו ווערן אין דער ספערע פון יעקב פרידמאַנס פּאָעטישער לאַנדשאַפט, וואָס איז כולה משנה בתוך בילד. בעיקר לעבט ער אין ישראלשן, לירישן געמעל, וואָס באַפליגלט מיט שיר־השירימדיקן גייסט.

זיי זאָגן: כ׳בין אַ ווילד־פלאַנץ אויפן כרמל.
אַ וואַסערפאַל אין מאָכיקע פלירשן.
איך בין... איך בין...
די ליבשאַפט בין איך,
קומט, איך וויל אייך קושן...

לאָזט, זאָג איך זיי, לאָזט די וועלדער וואַקסן,
און וויל דער מילגרוים רויט זיין, לאָזט אים זיין;
פאַרגינט דאָס קאָפּל גאָלד די פלאַקסן,
און דער טרויב — איר שמעקעדיקן וויין.

עס פאַרשמעקט פון דעם ליד מיט אורצייט יידישער און מיר זעען אויף פרידמאַנס דיכטערישע פליגנען אויפשטייגן די געשטאַלט פון יעקב אבינו ביי לבנס געצעלט. עס ווערט מחיה־מתים די מאַמע רחל אין איר יוגנט און עס לעבט אויף דוד דער פאַסטעך. פון דודן לאַכן די בחורים און בתולות און ער נעמט זינגען תהילים: „זיי אַ פאַנצער און פעסטונג מיר, באַשעפער״. ער טוליעט זיך צו די ווייסע פעלן פון די שאָף.

אין די ווייגגערטנער שטייגן די שניטערס מיט געזאַנג,
און צווישן זיי דערקען איך גאָר שולמית.
ווי אַ ציפּרעס איז זי שלאַנק,
און די אויגן טורקעלטויבן.
אָ, גאָט, באַהיט, באַשיץ זי און באַשירעם!

יוסף אַקרוטני

איך נעם דעם פלויער מיינעם און זינג
פאַר איר: שיר־השירים.

זי לאָזט די אויגן אַראָפּ און די שוואַרצע צעפּ
פאַלן אויף די אַקסלען אירע.
מיר דוכט, זי איז אַ קליינע זעגלשיף
אויף די וואַסערן פון מיין שירה.

אין דער טראַנספאָרמאַציע פון דעם בילדעריש־באַלאַדענעם ליד לאָזן מיר זיך צוזאַמען מיטן דיכטער איבער שטחים, וואָס זענען איינציטיק סאַמע עבר און סאַמע הווה. דער נעכטן אַריינגעפלייסט אינעם היינט און אין עקזאַלטאַציע פון דער פּאָעטישער זעאונג פאַרלירט זיך די צעשייד־ליניע צווישן דעם דמיונותדיקן און דעם ווירקלעכן. אַזאַ אַפּגעמעקטקייט פון די ווידעראַנאַנדן איז דער סימן מובהק פון עכטער פּאָעזיע. אויב זוכן די ריכטיקסטע דעפיניציע, וואָס עס איז אַזוינס פּאָעזיע, קען מען עס געפינען ביי יעקב פרידמאַנען. די צונויפגעשמאָלצנקייט פון בילד און געדאַנק, דאָס ליכט, וואָס דרינגט אַרויס פון זיינע פערזן — אַלץ צוזאַמען איז דער באַשייד אויף דער אייביקער קשיא: וואָס איז אַזוינס אמתע פּאָעזיע? יעקב פרידמאַנס ליד איז דער ממשותדיקער ביישפּיל. מיר לייענען יעקב פרידמאַנען און מיר גייען נאָך זיין ליד, ווי מען גייט נאָך אַ לאַקנדיקער שיין.

דער כוח פון זיין עכטקייט ברענגט אונדז אַריין אין שויס פון דער לעבעדיקער נאַטור. זהבה איז אַ טאָכטער פון יידנלאַנד. געזעגנען מיר צו זהבהן, ווייעט אָן אויף אונדז דער ריח פון ישראלשער ערד, זאַפּן זיך אָן מיט ביבלישן אַראָמאַט.

זעט מיך, שוועסטער, אַ טאָכטער בין איך אַ פּשוטע צווישן די טעכטער פון גליל, / אַ ווייַנגערטנערין אין מיין פאָטערס גערטנער. / נאָר, פאַרוואָר, איך זאָג אייך: / יעדער צמח האָט זיין לעבן, זיין פירונג און זיין לשון. / איך האָב ליב ביינאַכט די סעדער אין מיין געגנט, / בשעת צמחים וויגן זיך אין שלאָף / און ס'טריפט אויף זיי און רעגנט, לבנה־ליכט, און דערשרעקט דעם טוי. / ...איך זיץ ביים ברונעם, פלעכט די צעפּ / און גוט איז מיר, איך הער די טריט פון שכן. ער שפּאַנט אַ באַרוועסער אין גראָז. / ביים ברעג פון כנרת וואַרט זיין שיף / איצט דערנענטערט זיך דער שיפער. / ...„שלום צו דער וויינגערטנערין שיקט דער כנרת”. / — ווויל, זאָג איך, שיק דורך דער נאַכט / אַ גרוס אים צוריק פון די פּירות. / פון די הענגלעך וויין, פון וויינשטאָק אויך, / און דער עיקר: פון דער גערטנערין זהבה. / און דערצייל אים: ווי מיט וויין אַ צייטיקע טרויב / פול מיין האַרץ איז מיט אהבה.

עס פלעכט זיך דאָס חלום־ליד פון דער ווייַנגערטנערין, עס קלאָמערט זיך איר בענקשאַפט צו די וויַיטקייטן, וואָס דער פישער־יונג האָט שוין אויסגעמאָסטן אויפן ים כנרת. שולמיתשע ליבשאַפט ברענגט אָן די לבֿנה־נאַכט, כאָטש נישט אויף די גאַסן פון ירושלים, נאָר אויפן בוזעם פון אַלט־ייִדישן טייך.

...ער וועט מיך נעמען, זאָגט ער, צו זיך אין פישער־הייזל.
— און די סעדער, פרעג איך, וואָס וועלן טון אָן מיר?
— מיר וועלן הערן, זאָגט ער, קינדערלעך, פישערלעך און גערטנערס,
און די שיינקייט וועט וווינען ביי אונדזער טיר.
איך טראַכט: איז דאָס דער גאַנג פון מענטשנס לעבן?
— און די חכמים, פרעג איך, ווי אַזוי לעבן אויף דער ערד?
— די חכמים, לאַכט ער, זענען אַלע לענדער אויסגעוועזן
און זיך אומגעקערט מיט לאַנגע ווייסע בערד.
זיך אומגעקערט צו גערטנעריי און פישפאַנג
און צום פּראָסטן פויגלס ליד.
וואָרום פון צופיל חכמה איז די חכמה געוואָרן שלעפעריק און מיד.

עס איז די חכמה פון אַלטן בעל משלי. און די תשוקה צו פשטות ווי זיין וועלט־באַנעם, פירט דעם דיכטער צום תוך פון אַלע תוכן. זיין מסקנה:

די גרויסע זאַכן ליגן ליכטיק אָפן
און זענען פשוט ווי דאָס ברויט און זאַלץ,
נאָר דער בן־אדם איז אין פאַרפלאָנטערניש פאַרקראָכן,
זעט נישט, זעט נישט אַט דאָס אַלץ...

אייגנטלעך איז עס — ירושה. יעקב פרידמאַן ראַנגלט זיך מיט איר און ער קניפט זיך צו איר. אינעם אינטעלעקט פון זיין פערזענלעכקייט וואָרצלט דער אייביקער פרעגער און אייביקער זוכער. און דער ענטפער איז קיינמאָל קיין פאַרענטפערניש.

„ווער בין איך ווער,
און וואָס איז דער פשט פון „אני",
די מחשבה וועגן פליִען,
צי טאַקע ממש דער פלי?
און אפשר ביידע?"
אַזוי האָט געטענהט
דער באַרדיטשעווער זיידע.
דערנאָך אָנגעלאָדן דעם קלומעק
אויף פּלייצעס,
און אַוועק אין דער וועלט
צו לערנען בראשית.

ער גייט אַוועק אין זכרונות פון די נאָענטע און ווייטע אַמאָלן, פון אַ ר׳ אהרעלע מאַקאַראָווער ביז זיינע אָפּשטאַמיקע אין היינטיקן תל־אביב, ווו מ׳לערנט אַ נייעם מאַי קאַ־משמע לן? וואָס לאָזט אונדז הערן די מעשה יידישער סאָציאַליזם, די מעשה־קיבוץ, צו וועלכער עס גייט אַוועק דער איצטיקער דור?

מיטן מויל פונעם דיכטער פאַרענטפערט זיך דער יאוש. למאַי די אייניקלעך פון ריזשינער רבישאַפט זצ״ל זענען אַוועק צום קיבוץ.

— ביי אים איז עס נישט סאָציאַליזם, דער ענין איז טיפער, האַרבער...
ער ווייסט: אייביק וועט זיין אי טויב, אי שפּאַרבער.
ער גלייבט בכלל אין גאָרנישט. אין גאָרנישט חרוץ... ווי רופט ער עס?
יאָ, אין מענטשנס אחריותדיקער טרויעריקייט.

אויף די אייגענע אויגן איז אונטערגעגאַנגען אַ וועלט, אונטערגעגאַנגען ווידליג „אייזערנע״ געזעצן פון דער געשיכטע, דערפאַר רעדט דאָס ירושהדיקע אין קאַטעגאָריעס פון יִאוש, וואָס קען נישט אַראָפּנידערן פון די פילאָסאָפישן הויכן.

אויב אָדמס גורל
איז יאָך צו טראָגן, און קיין גאולה איז נישט פאַראַן,
דאַרף מען זיין צווישן די טראָגערס
פּשוט: דאַרף מען אויכעט טראָגן...

אין לאַבירינטן פון מחשבה און סימבאָלישע געשטאַלטן גייט דער דיכטער, כאָטש זיין וואַנדלען איז קלאָר: ער שפּאַנט אין שיין פון קוהלתדיקן ליכט. דער שפּאַרבער לויערט, די טויב מוז תמיד זיין דער קרבן פונעם פאַרציקער.

אַ שפּאַרבער? נו, מילא. וואָס־זשע איז דער רעש?
און משה־לייב עפנט די לעפצן:
איך קען נישט, טאַטעלע נאַש,
הערן דאָס טייבעלע קרעכצן
אין פּיסק פונעם שפּאַרבער און ס׳זאָל שאַלן מיין מויל,
בענטשן און לויבן תפארת...
תפארת נאַקעט און הויל,
אָן רחמנות, איז ממש הפקרות.

ס׳איז וואָר — אינעם צער ליגט שוין דער זוימען פון חדווה. עס איז דער דרך פון די באַגרונדפעסטיקערס פון חסידות. פירט אונדז טאַקע דער משורר פונעם הויז פון די פרידמאַנס איבער די היכלות פון די

גרויסע ייִדן, וואָס האָבן זיך דורך דער פּיל־געשטאַלטיקטער חסידות באַהאָפטן מיט גאָט און געטלעכקייט.

שטאַרק זענען אויסגעפאַלן פרידמאַנס דיכטערישע פּאָרטרעטן פון אר״י הקדוש, פון ר׳ אהרן קארלינער, פון דעם אָפּטער רב, פון ר׳ ישראל בעל שם־טוב, פון סאַסאָווער צדיק, פון קאָצקער און פון שפּאָלער זיידע. עס איז נישט נאָר אַ גאַלעריע פון אייגנאַרטיקע פירער־טיפּן פון צאַן־קדושים — נייערט דער תּמצית פון זייער השקפה.

לדוגמא — דער סאַסאָווער צו הקפות:

...עמך גאַפּט, און דער סאַסאָווער דרשנט צום עולם: איטלעכער טראָט קען ווערן אַ שטאַפּל צום רבונו של עולם. קדוש, קדוש, קדוש. און ס׳איז אין בחינה פון אַ כהן־גדול יעדער ייִד, וואָס טוט עבודה מיט דראָטווע צי מיט נאָדל. און פירט אַ וואַסער־פירער וואַסער, זינגען מלאכים אויפן וואָגן און טוען אויפן ייִדנס ברכות, ברוך־הוא, ברוך־שמו נאָכזאָגן. קדוש, קדוש, קדוש — גאַפּן בעלי־מלאכות. נו, — זאָגט דער צדיק — איצט קומט צו די הקפות! גייט ער, טוט מיטן פּראָסטוואָרג זיך אויסמישן. זעט ער ייִדישע בתולות די הייליקע תורות קושן, שרייט ער: אמת, ס׳איז הייליק צו דער תורה די אהבה, נאָר ס׳איז דאָך הייליקער אַוודאי אַ מכה אויסצוזייגן אויף אַ קינדישן קעפּל...

עס שפּראָצט ליבשאַפט פון תוכיקער ייִדישקייט און די ליבשאַפט, מתוך עצבות, שפּרייט אויס דער דיכטער איבער די בלעטער פון זיין בוך. עצבות, ווייל פאַראַן ווינציק יום־טוב פאַר דער ייִדישער נשמה, ווייל ס׳רינט אויס דער גלויבן אינעם מענטש, וואָס האָט אין אונדזער־ע טעג זיך אויסגעטון פון אַלע הייליקייטן. זיין פּעסימיזם באַגרינדט ער צומאָל אין די „פיר בריוו צו דער קאָנטעס פון לינץ״. אויב טראַכטן, זאָגט ער ערגעץ אַנדערש, בלייבט גאָרניט איבער פאַרן מענטשן, חוץ אַנטלויפן צו ערי־מקלט פון שגעון״. ליבער איז אים צו זעען אין שטאָל די לעמער אָפּגעשוירענע שלאָפן אויף לבנה־ליכט און היי און ווי „די יונגע פייגן אויפן ליכטיקן בוים עפענען בורשטיניקע אויגן״. פון זיין אַנגעוויטאָגטקייט רעדט ער מיט אַ קול דממה דקה, פרידמאַניש, אָפּט תּפילהדיק. און תּפילה טוט ער פאַר ייִדיש־זיין, פאַר ייִדיש־לשון. דאָס טוט ער סיי ווען ער, ווי אַ געטאָ־ייִד, שטייט אין דער בלוטנדיקע שקיעה פונעם פאָלק, און סיי ווען ער דערזעט זיך אָן אויפגעריכטער אין דער אבותדיקער ייִדישער היים. ייִדיש איז אים באַזונדערס טייער, דעם בן־טובים מבית־פרידמאַן.

אַ, האַר! פון אַלע זיבעציק לשונות אויף אַלע ווינקעלעך פון דיין ערד,
אונדזער לשון צו אויסדערוויילטקייט האָסט געטון באַוויליקן,
אונדזער יידיש־לשון אויסדערוויילט צו מיתה און פאַרטיליקן?
און ווען? ...גראַד אין יענער שעה, ווען אין מלכות־פּראַכט
מיט אַלע טויזנט כלה־חנען מיר האָבן צו דער חופּה זי געבראַכט?

נישטאָ וואָס צו ספקן. אַזעלכע עומדים פון יידיש, אַזעלכע קערניקע יידיש־שאַפערס מעג מען אַנטרויען צו היטן דעם גאָרטן פון מאַמע־לשון — אויך אין מדינת ישראל. שוין יעקב פרידמאַנס ליד איז אַ שאַצקאַמער פאַרן אוצר פון יידיש און יידישן תוכן.

יעקב פרידמאַן, וואָלטן מיר געזאָגט, איז אויף ישראל־ערד אַ פאַסטעך פון יידיש, וואָס איז ראוי די קרוין פון מאַמע־לשון.

— גראַמען פּראָסטע, גראַמען יידיש — זאָגט ער — כאָטש משיח רעדט לשון־קודש. נאָר אויב גראַמען כ׳וועל מיט טרערן, וועט ער אויך אויף יידיש הערן.

.1954

געפאַלן אַ שטיין אויפן געצעלט פון יידישן ליד

א

מיטן פריצייטיקן טויט פון יעקב פרידמאַן ע״ה איז געפאַלן אַ שטיין פון ברענענדיקן צער אויפן געצעלט פון דער יידישער ליריק. ס׳האָט זיך באַקומען אַזוי, גלייך דער דאַך וואָלט פלוצלינג זיך איינגעבראָכן איבער אונדזער קאָפּ. וואָרן אַזוי גרונטיק יידיש און דערביי אַזוי אוני־ווערסאַל, טיף מענטשלעך ווי ס׳איז די אַטמאָספער וואָס עס שפּרייט אָט דער זינגער, איז זעלטן צו געפינען אין אונדזער פּאָעזיע. מיר האָבן גרויסע יידישע פּאָעטן, אָלאָ אַזאַ ווי יעקב פרידמאַן איז אַ יחיד במינו.

וואָס עס איז שייך אים בעצמו, האָט יעקב פרידמאַן לידעריש אַ סך דערציילט פון זיין פאַרדמיונטער וועלט, פון זיין סביבה, פון זיין יוגנט, אַ באַהויכטע פון דער אַצילותדיקער היים. מיט זיין קינסטלערישער שפּירעוודיקייט האָט ער אויך ביטער פאַרויסגעזאָגט דעם גורלדיקן אָנגריף פון אַ פחדימדיקער חולאת וואָס ברעכט איין ברוטאַל די פּרוכטיקע שטאַמען פון זיין אייגענעם געביר. אויך זיין פאָטער, דער מילניצער רבי ר׳ שלום־יוסף — פון ריזשינער גזע — איז אַוועקגעריסן געוואָרן אין די

פריִע זעכציקער פון דער זעלביקער שלאָפקייט וואָס האָט אים אַזוי אומ־דערבאַרעמלעך פאַרשניטן. ס'איז אַ פּנים נישט קיין צופאַל וואָס די סענסיביליטעט פון דעם אײדעלן פּאָעט האָט גאָר פײַנלעך באַנומען די אַטמאָספער, מיט וועלכער סע פּיבערט דער ראָק־קראַנקער. און פרידמאַנען איז כלל נישט געווען פרעמד, צום אומגליק נישט פרעמד, דער שפּיטאָל־מאָטיוו וואָס האָט מיט שווערן טרויער אָנגעגאָסן זײַן גאָרע פּנימיות. זי האָט נעמלעך געאָטעמט מיטן באַגער נאָך רחמים, טאָקע אין אָנבליק פון דער סכנה וואָס האָט געלויערט אויף אים גופא. ער'ט תּפילהדיק געזונגען מיט געבראָכענעם געמיט:

„האַר. קום אין די נעכט פון שוואַרצן פּראָסט און זיי מיט אונדז! /
און אויב דו וועסט ניט קומען, גיב אַ צייכן כאָטש אַז דו ביסט דאָ און
פירסט אַ חשבון / און געדענקסט, געדענקסט אונדזערע פאַרשעמטע
אבֿרים אין זייער ערשטער שײַנקייט נאָך, / זאָלן מיר כאָטש אין דײַן
זכרון פאַרבלײַבן אין אונדזער אורפּראַכטיקייט... / וואָרעם, צי קען דען
געמאָלט זײַן אַז דער באַשאַפער טוט איבערענטפערן זײַן ווערק / אין
הפקר־העזנט פון אַ מטורפן שטיינהאַקער אויף צעברעקלונג און שאַנד? — — /
אָ, פאָטער, באַשאַפער, לאָז אונדז ניט אַליין".

אַזוי רעזאָנירט דער פּאָעט פּנים־אל־פּנים מיט דער אומדערבאַרעמ־לעכקייט פון גורל וואָס געוועלטיקט איבער יענער זייט עקסיסטענץ וווּ עס איז מער נישטאָ די שיינקייט פון בליִען און צײַטיקן, נייערט עקרדיקע האַרבקייט פון „שוואַרצן פראָסט". דאָך האָט יעקב פרידמאַן זיך געשטאַרקט בײַצוקומען דעם אַ געשפּענסטערישן גייסט פון האַרטנעקיקן פאַרלענד. ער האָט געשפּרייט זײַנע שאַפערישע פליגל איבער די רקיעים פון זײַן רייכער וויזיאָנערישקייט און אינטויִציע און אויפגעטויכט אין די הייכן פון פאַנטאַסטיק, דעם איינציקן מקום־מקלט פאַרן אַנטלויף פון דער אומ־היימלעכער וואָר. מיטן שווימען איבערן ים־השירה האָט ער געפּרוּווט גיבר־זײַן די גורלדיקע פּחדים וואָס האָבן אים נישט איבערגעלאָזן מיט זיך אַליין, מיט זײַן אייגנטלעכן פיזישן קיום. די פײַנלעכסטע שאַטנס טרעטן אָפּטלעך אַרויס אין זײַן ווערק, צו מאָל אין די לידער וואָס זענען אָפּגעגעבן דורכויס דער שיינקייט, דער סובסטאַנץ, ניין, דעם תּמצית פון דער יצירה. יעקב פרידמאַן גופא האָט געעפנט שלוזן פון שיינקייטן און צו זיי זיך געשטרעקט אין אומגעלאָשענעם דאָרשט. אַזוי האָט ער געענענט צום שיר־השירימדיקן מאָטיוו וואָס ער'ט פאַרהיינטיקט; אין דער זעלבער צײַט האָט דער דיכטער אונדז פאַראייגנט אין סובטילן געמעל אויך די געשיכטלעכע פּערספּעקטיוו און דעם ניגון פון זײַן יחידישער

איבערלעבעניש בעתן חורבן־השלישי אין גרויליקן קאָנצענטראַציע־לאַגער וואָס דער שד האָט באַשאַפן פאַר ייִדנס וועגן, אָבער אויך נישט געקענט אָפּווייכן אַגב אורחאדיק פון זיין אייגענעם נע־ונד אין גלות ציפערן, די שוועל פון גאולת ארץ־ישראל אין איר בייסטער תקופה. נו, דעמאָלט האָט דער דיכטער בוודאי נישט געקענט פאַרמאַכן די אויגן אויף די קריפּל־דערשיינונגען וואָס שטרויכלען זיינע טריט מחמת תמיד האָט ער על־פּי טבע איינגעהיט די אין אים איינגעוואָרצלטע צניעות פון די באַשערטע דלת אמות. אַזוי פון זיינע סאַמע פּריִעסטע יאָרן. ס'איז טאַקע געווען זיינס אַן אויסנעמלעך גליק וואָס דער פּאָעט האָט אין פרידמאַנען געוואַכט אַלע פיר און צוואַנציק שעה אין מעת־לעת. די פּאָעזיע איז געווען דער פּאַנצער וואָס האָט צו מאָל פיזיש מגין געווען יאַנקעניוס (ווי די מוטער פלעגט אים רופן) צאַרטן גוף און אויך געקריינט זיין קאָפּ. יעקב פרידמאַן איז געווען באַזעסן פון אַזאַ נשמה־יתירהדיקן כישוף וואָס האָט מיט זיין פּריש־כוואַליעדיקן סטראָף אים געמאַכט מסוגל איינצווויגן אין זיך — און ממילא אין שפּירעוודיקן לייענער — אַפילו די אומגעריכטסטע סטיכישקייטן, וועלכע לאָזן שווערע שאָטנשריט אויך אויפן פּנים פון דער נאַטור. און נאַטור לפי פרידמאַנען איז זינגעוודיק און רעדנדיק פעלד און גאָרטן, שאָף און פויגל, קוואַל און געשטערן וואָס אין שטענדיקן צונויפריד מיטן באַלעבטן דמיון און געדאַנק איז זי, די נאַטור, משפּיע אויפן בן אדם, דעם מיקראָסקאָפּישן — אָבער אונטערגעטעניקטן — שותף צום אוניווערס. מהאַי טעמאַ איז ער איינציייטיק סיי פאַרדמיוטער פּאַסטעך אין די געבערג פון אבותדיקן היימלאַנד, סיי שניטער אין ווייגאָרטן און סיי דענקער־פּאָעט אין זיין איכישן ווירקן אינעם אָרום, נו, אַ באַזונדער וועלטל נישט צו דערגרונטעווען עס. לכן זעען מיר מיט פאַרגאַפטע אויגן ווי אין דעם פּאַסטעך־פּאָעט וויברירט אַ מטושטשער ציטער פאַר דער מיסטעריע מענטש וואָס בינו־לבינו ווייטיקט ער ווי אַ ייִד אין אָנבליק פונעם נסיונותדיקן דורות־געוועב.

אין דעם אומרויִק־וואַכנדיקן יאַנקעניו איז למעשה שוין בנעוריו נולד געוואָרן דער פאַרגייסטיקטער פירשפּרעכער פונעם פאַרדביקהטן יושב אין רבישן הויף, פון דעם שטעטלשן חקרן, פון דער גלילער וויינ־גערטנערין זהבה ווי פונעם בלאָנדזשנדיקן בן־יקיר, אַ פאַרטראַגענער אין דער ווייט־פאַרקעכלטער ציוויליזאַציע. די אַלע אומדורכשניטלעכע געשטאַלטן וואָס באַפעלקערן סקולפּטורעל און אינטעלעקטועל יעקב פרידמאַנס לידערישע פליינען און געבערג, לעבן און אָטעמען אין זיין

נאָענט ווי קינדער פון זיין איך. צי מאָל באַוויזט זיך דער דיכטער אויך ווי די לעגיטימע וואָר־געשטאַלט וואָס רעדט וועגן די דערוועקטע יסורים און דאַכטענישן פון זיינע העלדן, כאָטש ער גופא געפינט זיך לרוב אין אומדיספּאָזיציע, כאילו ער וואָלט געלעבט אין אַ נישט־דאָיקייט, אין וועלכער עס וויברירט אומאויפהערלעך דער פאַרוווּנדיקטער ייִדישער אַמאָל. ס׳איז פּיינלעך, ווי דיווירקלעכקייט פעלשט אינעם מענטש. איז וויי, וויפל ספקות די צערודערטע רעאַליטעט רוקט אָן אויפן איידעלן דיכטער! יאָ, די וואָר צעפּייניקט דעם דאָזיקן טראַכטער. ס׳איז דערעסן דער טריוויאַלער אין דער וואָכן, אין וועלכן דער מענטש איז בעל כרחו אַריינגעקנאָטן. דער געוועלטיקנדיקער כאַאָס, די סטערעאָטיפּע נישט־ז׳ערגאַנגענקייט וואָס די מענטשישע חכמה — אייגנטלעך אָן אונטערגעפוילטע — האָט אויף איר אַרויפגעצווונגען בשם קולטור און איר נאָמען קלינגט מיקלאָמפּערשט אַזוי שיין. קומט טאָקע דער דיכטער מיט אַזאַ סוגעסטירנדיקן באַדויער למאַי פאַר זיינע אויגן האָט זיך אָוועקגעשטעלט:

> אַ גאַנצע וועלט מיט ניט־פאַרטיקייטן... אויף די הויטן פון זאַכן
> ווען נאָך די וואָרעמע שאָטנס פון זיין ערשטן באַריר.
> באַריירט און ניט פאַרענדיקט... ער שטייט באַהאַלטן הינטער אַ וואָלקנטיר
> און קוקט זיך צו, וואָס מיר וועלן פון די ערב־בילדער מאַכן.
> („צי מיינסטו״...)

ער שטייט באַהאַלטן... ער, דער גייסט וואָס בענקט צו שלימות וועלכע איז צווישן מענטשנוואָרג לעת־עתה זעלטן בנימצא. מחמת דעם הערן זיך פונעם פּאָעט תרעומות צו זיך, וואָרן צום באַשעפער קען מע גריילעך נישט האָבן קיין טענות הלמאַי אַזוי פיל נישט־פאַרטיקייטן שטאַרצן אַרויס אומעטום, שטעכן די אויגן. בראשיתדיק האָט גאָט באַשאַפן דעם אוניווערס, אים אַרויסגעצויגן פון תוהו ובוהו, אָבער ער׳ט אים איבערגעגעבן ענטפערט, דעם אוניווערס, דעם בן־אדם אים צו דערענדיקן, פאַרפולקומען מיט מעשים. אָבער אין סך הכל באַקומט זיך פון „דעם ווערק אַ פולע אַנטוישונג וואָס דערפירט צו מרה־שחורה. כדרכו הויערט דער תמים אינעם פּאָעט מיט געטריישאַפט איבערן געבענטשטן אויספרייט פון געבערנדיקן פעלד, איבערן אוּנטבלאָ און איבער דער באַלעבנדיקער מחשבה. ער דאַרשט נאָך אַ תיקון, דער דיכטער, אין תפילהדיקן אומרו און אין דער טשוכנדיקער שיינקייט פונעם נעכטן וואָס גיט אונדז אַ מוסר־השכלדיקן אָנזאָג, כאָטש ער פאַרגיינט אויכעט נישט דעם מאָנענדיקן היינט. אַדרבא, די מעשים פון היינט עקבערן שאַרף זיין מוח, צעשטורעמען דאָס האַרץ

וואָס באַגערט מנוחה. דער אַ יאַנקעניו — דער צערטלנאָמען וואָס איז דעם פּאָעט מיטגעגעבן געוואָרן אין לעבן אַריין צו גלייך מיט דער געירשנטער תשוקה צו תּפארת — איז געבענטשט אויך מיטן כשרון צו האַלטן זיך לייבלעך נאָענט צו דער עלעמענטישער עניוות כלפּי דעם לעבעדיקן וואָרט וואָס פורעמט די מענטשישע טוונג, גיט פליישׁ און בלוט די דרויסנס און אַנטפּלעקערישן פּתחון־פּה די נסתרות פונעם באַשאַף. פון דעם האָט יעקב פרידמאַן געדמיונט אַלע זיינע לעבנסטעג, געווען פאַרטראָגן אין די עולמות העליונים. יאַנקעניו איז פון דעסטוועגן געפּלאָגט געוואָרן פון די פּגעים וואָס איטלעכער טאָג איז עלול צו ברענגען; אַפילו די נויט פון קאָנצענטראַציע־לאַגער מיט וועלכן ער איז געפּרוּווט געוואָרן, האָט געשלאָגן זיין געמיט. ערשט איז דער אַ יאַנקעניו אַריינגעוואָרפן אין דער שטייניקער אומוואָר. לכן איז פון דער יידישער ליריק וואָס איז שוין אַנגעטאָן אין אַן אייגן קלאַסיש פּנים פון טיפער רייפקייט צוגערויבט געוואָרן יאַנקעניוס פאַרחלומטער פלויער, אויך דאָס הילצערנע פייפל פונעם געראָטענעם פּייטאָן, אַ פאַרקנסטער צום נאָגנדיקן רעטעניש פון מענטש און ייִד וואָס וויברירט אין זיין מעלאָדיע מיט אַ שלל ליכט פון באַלעבטע בילדער־צירופים.

ב

מיט יעקב פרידמאַנען איז אַוועק אַ סובטילער טראַכטער צווישן די נייצייטיקע ייִדיש־פּייטנים וואָס אויף זיי האַלט זיך — לאו דווקא נאָר סימבאָליש — אונדזער האָפענונג אויפן ווייטן דורער פון דעם ייִדיש־ליד. וואָרן ס'איז דאָך נישט שכיח אַ פול לעבן אַן דעם ליד וואָס איז אָנגע־זאָפּטיקט פונעם רוב־עם ווי פון זיינע אויסגעמלעכע מייסטערס. יעקב פרידמאַן האָט דאָס דערוויזן מיט מערערע מאָטיוון זיינע. אי ער האָט געזונגען פּשטותדיק, אין פאָלקס־נוסח, אי ער'ט לידעריש זיך אויפגעהויבן צו אייבערערדישע הייכן. נאָך מער, די פולע פרומקייט וואָס די קינדשאַפט און פריִע יוגנט האָט אים מיטגעגעבן איז, אַ דיכטעריש פערזאָניפיצירטע אין פאַרהייליקטע געשטאַלטן פון גוטע־ייִדן וואָס האָבן אָנגעליכטיקט די אַטמאָספער פון זיינע נאָענטסטע, איז ביי זיין דערווייטערטקייט פון יענער סביבה, דאָך געוואָרן זיין וואָך און זיין יום־טוב. אַזאַ איז אויך געבליבן דער טריב־לייכטנדיקער רעיון און די מוזיק פון יעקב פרידמאַנס ליד. יאָ, אַ הון טריבקייט איז פאַרוואָרט אין פרידמאַנס ווערק, כאָטש דער טאָן זיינער גיט אָפּ טייל מאָל אויך מיט הייטערקייט. אַזעלכער האָט

ער אין עניוות זיך אַרומגעדרייט אַ לויטערער, הגם ער׳ט באַשיימפּערלעך געשפּירט די דריקנדיקע משא פון דער ייִדישער באַשערטקייט. שאַפעריש באַנומען די אחריות פאַרן ליד, אַן אַנגעטרונקנס מיט די נגישות פון אַלטשפּאַניע ביזן פאַרלענד פון ייִדן אין ניי־פוילן, איז דער דאָזיקער אומהיימלעכער ניגון זיינער געווען ס׳ברויט פון דעם דיכטערס אַלטאָג. אַזוי האָט זיך דאָס פרידמאַנישע געזאַנג געשטאַלטיקט אין לירישן טומאַן פון געקוועלטן ייִדישן גורל. אַנגעזאַפּט מיט טרויער, אָבער עס איז געבליבן עכט ווי דער ניגון פונעם תורה־זאָגן דעם זיידנס און דעם טאַטנס. נו, ער איז נישט ווינציקער געווען נזהר מיט זיין פּאַעטישן פּענדזל ווי מיטן שפּאַן פונעם רעיון וואָס אונטער זיין טיפן ערנסט האָט ער צו מאָל זיך געלאָזט אַפּנייגן, אַפילו באַצווייפלען.

שטערן אין שפּיגל פון טייך
זענען שטערן אויף אַן אמת ?
גאָט, מיין גאָט, און דער וויינשטאָק,
אַז איך באַריר אים שוין יאָ מיט די הענט,
הייסט עס דען אַז איך באַנעם עס ?
באַנעם די וואָרקייט פון אַ וויינשטאָק אין דער וועלט ?

די ספיקות וואָס די בלענדנדיקע וואָר, גיבן נישט קיין רו דעם דיכטער. זענען די שטערן וואָס ער קוקט אויף זיי (און נישט דווקא בנוגע די הימל־קערפּערס איז דאָ דער מיין פונעם דיכטער) באמת עלול צו צעוואַקלען דעם מענטש וואָס איז געשטעלט פּנים־אל־פּנים אַנטקעגן די שאַרפן פונעם גורל ? דעם בעל־מוח איז באַשערט געוואָרן פילאָסאָפיש צו באַצווייפלען אַ סך דערשיינונגען פון דער אַזוי־גערופענער וואָרהאַפטיקייט, מחמת זי באַווייזט זיך לרוב אין — קלישעס. אַדרבא, ער דערוועגט זיך אויך אָפּצודעקן דעם בלענד פון אַל דאָס אויבנאויפיקע און טאַקע דאָס גיט עצמדיקן חן און כוח זיין ליד וואָס זוכט שלימות אַפילו אין צעשפּאָלטענעם. אַוודאי, פרידמאַן דער פּאָעט דאַרשט דענקעריש נאָך אמתן ווי ברוטאַל זיי זאָלן זיך נישט ווייזן פאַר אים.

דער הויפּטשטריך וואָס עס אַנטפּלעקט דאָס קלסתר־פּנים פון יעקב פרידמאַנען, איז זיין אומגעוויינטלעכע מידקייט. אַזוי פיל נסיונות אַליין אויסגעשטאַנען, אַזעלכע שווערע איבערלעבענישן פונעם דור הערן אויך נישט אויף צו דריקן אויף אים, אַזש ער פאַלט פאַרן באַשעפער מיט תחנונים:

„זיי גוט צו מיר, גאָט, / כ׳בעט נישט קיין סך : / איך וויל פילן דיין ליבשאַפט / רוט אויף מיין דאַך" (תפילה פון אַ פּאַסטעך).

ריכטיק, דער דיכטער איז מוראדיק מיד אויך פון יענע אמתן וואס קלוגעטשקע פארקויפן גרינג אויפן מארק פון די הונגעריקע נאך דער חכמה וועלכע איז עובר לסותר מחמת זי איז לייכטפיסיק אויף פארשפרייטן אליינלויב און קען אויך מאניפולירן מיט כלערליי בלענדנדיקע קאלירן. דער בן־טובים וואס איז געבענטשט געווארן מיטן כשרון פון א משורר פאר די „וועלטלעכע", איז צעווייטיקט פון דער מלשינות וואס גייט אן אויף שריט און טריט. ער קען זיך אבער נישט העלפן קעגן דעם, דער פאעט וואס באגערט דורכויס לויטערע מענטשלעכקייט צווישן מענטשן, אים זענען דערווידער די פרעמדע הויטן וואס אפילו די מאדערנע וויסנשאפט האט פארעקשנט אנגעווארפן די פשוטע. אן א שיעור ספיקות גריזשען פרידמאנען און זיי לאזן אים סוף־סוף אן אוממאכטיקן אנטקעגן דעם אנפלייץ פון פאלשקייטן.

וואָרהאַפּטיק, אַפּילו פון די שטרויכל־שטיינער וואָס ליגן אונדז אין וועג,
שלאָגן מיר קוואַלוואַסער אַרויס און מיר לאָבן און זשליאַקען מיט תענוג...
זע, אַפּילו פון דער טויטער שטומקייט וואָס קיניגט אין מדבר־זאַמד
שניצן מיר אויס שאַלנדיקע פידלען
און זיי ווערן אונטערטעניק אונדזער זינגענדיקער האַנט

צי האָבן מיר אַ ברירה, באַשעפער?
אַז פון קיי־שפּיי דאַרפן מיר אויסצירן אונדזער סצענע — —

אוודאי, אין זיין קאטעגאריע האט דער פאעט יעקב פרידמאן געטראכט ווי א פילאסאף־ א מאלער וואס דענקט אין בילדער, ממילא איז זיין פענדזל געטונקט אין אינטעלעקטואלע פארבן. אזוי געטראכט, געמאלן אויף דער קאנווע פונעם עבר וואס האט הילכיק אפגעקלונגען צווישן די טאוולען פון יידישן געשיכטע־ספר און אזוי דברט ביי אים אויך שוין די קינסטלערישע אויפגעהויבענע פערספעקטיוו וואס איז צום אומגליק שטארק קורצזעעווודיק כלפי דער מגושמדיקער וואר וועלכע לאזט זיך גרייכן נאר אין דער שיין פון דער רויער כראניק, אן אנגעבארייטע דורכויס פארן טאגבלאט. מער, דאס ציזעלירטעווארט פונעם פאעט וואס באווייזט אפילו אין קליינעם ליד צו פארהיינטיקן דעם ווייטן נעכטן, צו מאל געבן אים א וויזע אין מארגן אריין ווי אין קאנוואלסירנדיקן איצט וואס איז אנגעזעטיקט מיט דער פארשיכורטער טעכנאלאגיע.

„דער ייִד אין געטאָ צו מנחה, / בין איך ניט דער ייִד דאָ, וואָס שפּאַנט? / ס'איז איך... און אפשר מיין זיידע / אַמאָל נאָך אין שפּאַנישן

לאַנד? / די שקיעה ברענט אַלץ ווי אַ שײַטער / און פול מיט תליות — די ערד. / איך שפּאַן איצט אַדורכן געטאָ / מיט טויזנטער זילבערנע בערד. זיידעס, און זיידעס און זיידעס. / סע מישן זיך דורות און שטעט / און גלײַך ווי בײַ הונדערטער דורות / איז מײַן האַלדז צום חלף געגרייט. / און איך, ווער בין איך אַצינדער? / נישט מײַן זיידע פון שפּאַנישן לאַנד? / דער תלמיד־חכם משה באַרנאַלעס / איבער גאַסן טאַלעדער ער שפּאַנט. / ... אַ רײַטער באַוואָפנט אויף שוימיקן פערד. / זײַן קוק איז ווילד און צעגליט. / און זײַן קול איבער געטאָ ס׳דונערט: / שטעל אָפּ זיך, פאַרשאָלטענער ייִד!״

(אין געטאָ צו מנחה).

אין קאָנפראָנטאַציע מיט די ייִדן־רדיפות פון מיטלעלטער שטייט אונדזער דיכטער אין דער געשפּאַנטער ספערע פון די נייצייטיקע לבנה־עקספּעדיציעס אַנטקעגן די פילאָסאָפישע אַרכיפּעלאַגן וואָס עס האָבן בשעתם אײַנגעשטעלט די חכמי־יוון. פאַר דעם קינסטלער־ייִד וואָס לעבט אין דער וועלט פון דמיונות, מחמת די גראָע וואָר איז אים נישט ניחא — זענען נישט ווינציקער ווי קאַרקבּרעכעריש גראָב די גענג פון די וויסנשאַפטן אין אונדזערע טעג. דער דיכטער שפּירט דעריבער אַ שאַרפן ווידערווילן למאַי מ׳האָט באַוויזן מיט ערמה אַרײַנצוּוואַלגערן אין בלאָטע די מענטשלעכע אידעאַלן. צו מאָל גרײַפט אים אָן די ביטערסטע איראָניע אויפן דאָזיקן געשעען.

אַהאַ, וואָס עס ווייסט אַלץ גאַגאַרין! ער האָט געזען דאָס גרין־בלוי־פּורפּור־וויאָלעט פון „קאָסמאָס!״ און פּלאַטאָן האָט אַפילו קיין „קרישקע־אוניווערס״ נישט געזען, נאָר מיט פאַרמאַכטע אויגן געהערט דעם בלוטרויש פון אין־סוף דורך זײַנע אָדערן גיין און געפילט איבער זײַן געלעגער אָטעמען לעבעדיק דעם פּלאַנעט־באַלעט.
איטלעכער שטערן מיט זײַן אורגעזיכט, אַפילו די קאַץ צופוסנס זײַן בעט, האָט אין אירע אַפּלען געשפּיגלט דאָס אורבילד פון אידיי, וועגט און דילן האָבן אויסגעטאָן דאָס געשטיין און האָלץ פון זיך און גענומען שפּילן דעם אורניגון!

אָרעמער פּלאַטאָן! איצט ווייסט שוין דער קלענסטער אַבסאָלווענט פון אַ פאַקולטעט אַז אידיי איז „מעטאַפיזישער קוואַטש״ און חוץ מאַטעריע איז גאָרניט נישט פאַראַן! אַז מחשבה איז אײַוועיים פּליוס זויערשטאָף און דער אין־סוף איז אַ פּלאַנעטן־באַן.

(גאַגאַרין און פּלאַטאָן).

אויסנעמלעך! דער דיכטער פון לירישסטן ניגון האָט אויך חוש און מאָס פאַר דער אַקטועלקייט, וועלכע ער דריקט אויס מיט די סאָלידסטע מיטלען; ער איז וואַך פּנים־אל־פּנים מיט די דינסטע שטראָמען פון געמיט, וואָס הערט נישט אויף צו מאַטערן מיטן תמידיקן מאַי קאָ משמע לן. נו, ס׳איז אויסטערליש די באַשערטקייט וואָס איז צודרינגלעך מיטן בדמייך

חיי, כאָטש דער מוח און האַרץ זענען קאַפּאַבל אָפּצוּוואַרפן אַיעדע פּאַר־ענטפערניש: הלמאי, היתכן, בעת דער גורל פּירט פאַרעקשנט, ער שפּאַלט וועגט פון דורותדיקע געווינשאַפטן, ער מיניעט.

> אויסטערליש, איך שטיי אַנטקעגן מיין אייגענער מאַזאַאיק
> פון קעמערלעך, צעלן, פון נאַכטיש־טונקעלע זאַלן —
> אַ פרעמדער פאַר אַ דורותדיק געהויז!
> בין איך אַ ווילדע קרעטשמע אין וויסטעניש
> צי אפשר אַן אוראַלטע קלויז?
>
> (מאַזאַאיק).

ג

מיט לייב און לעבן אויסגעטאָן פון דער האַרבער וואָר, כאָטש זי האָט פיינלעך געשטרויכלט זיינע שריט טאָג איין טאָג אויס, האָט יעקב פרידמאַן געזונגען זיין איכיש, אייגנאַרטיק ליד, וואָס איז געווען זיין גאַרער אוניווערס. געשטעלט אַזוי צו זאָגן אַ גדר צווישן זיין געצעלט און דעם דרויסן און ווי ס׳קער זיך אָן מיט אויסגענומענע טרוימערס געלעבט זיין חלום און געווען פאַרטראָגן אין זיינע הימלען. יאָ, אַן אייגענע וועלט האָט ער אויסגעשפּרייט אַרום זיך און איבער איר פונאַנדערגעצויגן אַ שיינע אָבער אַן אומעטיקע פּאַנאָראַמע, וואָס האָט אומפאַרענדערלעך געמאָנט ביי אים די וואַכיקייט פונעם געדאַנק און פון דער געפיל־ספערע, וועלכע האָט זיך אין אים אויסגעבריט. ס׳איז דער תמצית פון אַן עקסיס־טענץ פון אַ למד־וואָוניק אין וועלטלעכן לבוש. ממילא האָט פון אים אַרויסגעזונגען די נשמה, אַ צעווייטיקטע פון די שטויסן וואָס די אכזריות־דיקע וואָר האָט געבראַכט אויף איר. אין צוגאָב איז דעם דיכטער נאָך באַשערט געוואָרן צו זיין אַ בעל־יסורים על־פּי געשיכטלעכער טראַדיציע (ווי אַ ייִד) און טראָגן חוץ מזה די אינדיווידועלע ירושה. איז בכן יעקב פרידמאַנען אויסגעקומען בתורת צוואה אויסצוזינגען אויך דאָס ליד פון קאַשמאַרן וואָס דריקן אויפן שכיב־מרע, וועלכער באַנעמט באַצייטנס זיין ערדישן סוף בתוך ברענענדיקן וויי: עס קומט דער „שוואַרצער פּראָסט״ וואָס וועט אים, אויך אים, איינגליווערן. ר׳ווערט אָפּגעשניטן פונעם וואַרצל פון אַלע תוכן און אַלע שיינקייטן, וועלכע געדייען עדי־עד פאַרן בליק פונעם מין מענטש, כאָטש אויף אים איז נגזר געוואָרן אויסצוּוועפן ווי דער טוי־טראָפן אונטערן הויך פון דער זון.

אוודאי ווייעט עס מיט מענטש־דראַמע, ווען מיר פאַרנעמען פון דעם גוטה־למות, ווי ער עקבערט אַריין אין אונדזער געהער די רייד

פונעם גוסס וואָס באַזיניקט זיין ערדישן סוף נאָך די לאַנגאָניקע יסורים פון גוף און נשמה:

„מיר זיצן אויף העסע־בעטן / אין שפּיטאָלישער טיף־נאַכט. / מיר זענען מתים וואָס פילן נאָך און טראַכטן, / און אפשר זענען מיר זשאַבעס און קרוליקעס / אין אַ שוואַרצן סלאַי אַ פאַרמאַכטן? / די ווייסע מלאכי חבלה מיט מעסערס און פּינצעטן / דריבלען אין אונדזערע ווייַנענדיקע פליישן. / די פּינצטערניש איז דאָ שווער און האַריק ווי די פעלן / פון מאַלפּעס, די נאַכט איז אַ חיה / וואָס בלאָנדזשעט אין אין־סוף: / „פאַר וואָס איז קיין גאָט נישט פאַראַן?" דאָ קיניגט די שאַנד פון מענטשלעכן גוף / דאָס אַמאָליקע יינגעלע פון גינגאָלד / ליגט צעלייגט ווי סחורה אין קראָם: / אָט זענען פינגער און פיס, די גראָבע קישקע, / אַ שטיקל מילץ און לעבער... / אַמאָל האָט עס צונויפגעוועבט דער גרויסער וועבער. / איצט צענעמט מען עס ווידער אויף טויזנט יאָדערדיקע פעדעם. / די פינצטערניש און שטילקייט נעמען זיך פאַר אייטערדיקע הענט / און עס שווינדלט אַ קאַראַהאַר פון שדים — — — / נעמט צו פון אונדז דאָס ערב־שטאַרבן / און שענקט אונדז די גרויסע גנאַד פון נישט זיין" — —
„אוי, גוואַלד, מיר ווילן רוען..."

„אוי, גוואַלד, מיר ווילן רוען..." איז דער פּיניש פון דעם יאָמערליד וואָס דער פּאָעט האָט אין יסורים פון אַ פאַרמשפּטן אויסגעזונגען אין געבראָכנקייט בשם דעם כלל וואָס פאַלט אַרונטער דעם גזר פון כרת, וואָס עס האָט אויף אים אַרויסגעטראָגן דער גורל.

אָ, ווי דער גורל איז געוואָרן אומדערבאַרעמלעך פאַר דעם געצערטלטן יאַנקעניו, וואָס האָט אונדז מוסר־סוד געוועזן דעם אייגנטלעכן זין פון זיין לעבן אַז מיר זאָלן עס פאַרגעדענקען:

כאָטש מיין האַרץ וויינט פאַר רחמים... נאָר פאַרבאַרגן
פון מיין אומרו ווינען אין דער רו...

אַזאַ, אַ למד־וואָווניק צווישן אונדזערע אידעלע זינגערס, איז געווען יעקב פרידמאַן.

יוסף אַקרוטני

אליעזר גרינבערג

א

גערענקשאַפט איז דער יסוד־היסודות פון דעם מענטשנס גייסטיקן לעבן. בילדערישע אָדער אינטעלעקטועל פּאַרפּיקסירטע זכרונות זענען אין תמצית די אינספּיראַציע פון יעדן זשאַנער ליטעראַטור, בפרט פון דער פּאָעזיע. ס׳איז אַ כלל גדול אַז דער לייבנטייל פון כמעט יעדן פּאָעטישן ווערק איז באַזירט אויף דער זכרונות־פּערספּעקטיוו פונעם באַטרעפנדיקן דיכטער. נו, יעדער שעפעריש־לירישער אויסגאָס איז אַזוי אָדער אַנדערש אַן איכישער פּאַרמעסט פונעם פּאָעט ערלעך צו דערגרייכן די קרני מזבח פון זיין אייגענער וועלט. דאָ איז אויך נישט אויסן וועג צו דערמאָנען אַז ס׳איז כמעט אַן אַקסיאָם אַז יעדער דיכטער שרייבט אויף זיין אופן די אייגענע ביאָגראַפיע. אַוודאי רײדן מיר נישט וועגן די אויטאָביאָגראַפיעס וואָס פּאָעטן פּאַרפאַסן אוממיטלדיק וועגן זייער לעבן בתוך דער סביבה וואָס האָט זיי אַרויסגעבראַכט. און רײדן מיר וועגן אַזאַ דיכטער ווי אליעזר גרינבערג, לאָזט זיך נאָך מער באַשטעטיקן די דאָזיקע הנחה. דער באַגריף גערענקשאַפט באַגלייט אים גאָר אָפט, טאַקע אין פּאַרשיידענע אויסדרוקן, אָבער תמיד מיטן זעלביקן אויסקלאַנג: ס׳איז שווער דער גורל פונעם פּאָעט, באַזונדער פון יידישן פּאָעט, וועמען דער אומרחמנותדיקער אַרום קעכלט נישט, נייערט פּאַרקערט, אים שפּילט נאָך צו דער האַרטנעקיקער עלנט וואָס צעטאָטשעט זיין געמיט.

די מערסטע לידער פון אליעזר גרינבערג עדותן טאַקע אויף דעם, און נישט קיין חידוש דעריבער וואָס דער פּעסימיזם נעמט דעם אויבן־אָן אין זיין פּאָעטישן ווערק. בכלל טרעפן מיר אַן ביי אים דעם אומהיימלעכן אימאַזש פון פילאָסאָפישן הבל הבלים. דעם גרונט פאַר דעם האָט קענטיק געגעבן זיין עמיגראַנטישקייט אין סאַמע ייִנגסטן עלטער. אין אָט דעם געמיט טרעפן מיר דעם דיכטער שוין אין יאָר 1928, ווען אין אים גליט נאָך פריש דער היימווי, ער דערזעט זיך איינער אַליין אין דעם רוישיקן ניו־יאָרק. „ליפּקאַן, מיין היים״, טריפט נאָך דעמאָלט מיט דעם אומפּאַרגיבלעכן פאַרברעך וואָס די האַרבע סאָציאַלע אומגערעכטיקייט האָט גורם געווען אַפילו קינדער ביי ייִדן וואָס האָבן נישט געקענט שלום מאַכן מיט דעם ביטערן גורל פון זייערע היימען:

באַשערט געווען אין יוגנט זיך אָפּזאָגן / פון היים, פון פריינד און טרוימען זעכצן־יעריקע, / זיך אָפּגעבן דעם וואַנדער — זאָל ער טראָגן — האָט פאַרטראָגן מיך אַהער קיין אַמעריקע. / פאַרגיב, היים, וואָס כ'האָב דיך נישט באַזונגען, / דו, אָרט ווי ס'איז מיין וויגל ווען געשטאַנען; / דיין ערד האָט שוין מיין טאַטן פאַרשלונגען / און האַלטסט ביי זיך אַלס משכון נאָך מיין מאַמען. / צעשיידטע אָבער וועלן מיר שוין בלייבן. / נישט איך וויל און נישט איך קען מיין גורל מיידן / און ווען איך וועל דאָס לעצטע ליד אָנשרייבן, / אַ קום, מיין האַרבסט, מיין קאָפּ איז גרייט פאַר שניידן... (פונעם בוך „גאַסן און עוועניוס", ניו־יאָרק, 1928).

באַשיימפּערלעך, מיט דעם אַ געמיט האָט דער דיכטער שוין יונגווייז אָנגעהויבן שרייבן זיין ביאָגראַפיע. אגב זאָגט דאָס אויך עדות אַז אויף דער סאַמע שוועל פון זיין באַוווסטזיניקן לעבן אין דער ווייטער פרעמד האָט ער ווי אַ נדר געטאָן אַז צו יענעם מקום, ווו עס וואַקסן־שפּראָצן עלנט, נויט, רדיפות און פּאָגראָמען פאַר ייִדן, וועט ער זיך קיין מאָל מער נישט צוריקקערן; פיזיש נישט צוריקגיין קיין בעסאַראַביע, כאָטש גייסטיק איז ער פון איר בכלל נישט אַוועק. און מ'דאַרף נישט אַרויסלאָזן פון אויג אַז שוין אין יענע ראָמאַנטיש־ברויזיקע אָנהייב־יאָרן איז די מערכה פון אַ יונגן ייִדישן פּאָעט אין גאָלדענעם לאַנד נאָך געווען אַ גאָר, גאָר טרויעריקע. פון דעסטוועגן האָט ער זיך פירגענומען אַז דער צוריק צו יענעם גיהנום איז פאַר אים שוין אָפּגעשניטן. אַזויערנאָך איז אליעזר גרינבערג פּאַוואָליע אַריינגעפלייסט אין דער נייער לאַנדשאַפט און אויסגעוואָקסן ביינאַנד מיט די סאָלידע שאַפערישע כוחות וואָס ער האָט אָנגענומען; אויסגעוואָקסן, מיינען מיר, אין פּאָעטישן זען און דערהערן די שריט פון ניו־יאָרק, זיין ניי־אַדאָפּטירטע היים. וועגן דעם דערציילט לפּחות אַזאַ ליד ווי ברוקלין־בריק וואָס איז אַריין אין זיין ערשטלינג־בוך, אין וועלכן עס זענען פאַרטראָטן מאָטיוון פון ניו־יאָרק, וואָס איז נאָך פאַרן יונגן דיכטער אַ ווייטיקלעך־באַשטראַלטע פון היים־בענקעניש צו בעסאַראַביע.

אָ, שטאָלצע, מאַיעסטעטישע סטאַטוע,
דו, וווּנדערלעך געפלעכט פון קייט און שטריק.
ס'פאַרטראַכטן דיך איז אַ ליכטיקע נבואה
און דיין אויסזען איז דער שטאָלץ פון מענטשנס זיג.

די באַגייסטערונג פאַר דער מאַכטיק אָנגעמויערטער ניו־יאָרק איז נישט קיין הוילע פּאַטעטיק, נייערט די באַוווּנדערונג פאַר דעם אורבאַנישן גדלות פון דעם כרך מחמת עס איז די פרוכט פון מענטשנס מוח און כוח וואָס האָט געקענט דערוויזן אַזאַ אומגעהייערן שווּנג. אין אַן ענלעכן

נוסח פון לויב פאַרן ווערק פון דער ברוקלין־בריק איז אַרויסגעבראַכט אין „ווולוואַרט־טורעס” און אַנדערע מאָטיוון, וועלכע עדותן ווי ווייט דער יונגער אימיגראַנט אליעזר גרינבערג גלידערט זיך איין מיט לייב און לעבן אין דער נייער לאַנדשאַפט, כאָטש אים פעלט נאָך בפירוש די אידילישקייט פון שטעטל ביים פרוט וואָס זיך אָטעם איז אַ ריטמיש געלאַסענער, אָן דער מאַסיווער אָנלאָדונג פון דער מעטראָפּאָליע ביים האָדסאָן. דאָ איז די שפּאַנונג אַ לעסטיקע און אירע שאָטנס — שווער. נישט קיין וווּנדער בכן וואָס דער דיכטער שטייט אַ דערשטוינטער, ווען ער באַגעגנט זיך אין דעם משונה־גרויסן, שפּעדיקן ניו־יאָרק מיטן שרייעדיקן עלנט, צו מאָל מיט גאַנצע גאַסן אין דורכויסיקער אָרעמקייט.

ווי הויקערס אויף דער פּלייצע פון דער ערד
שטייען דאָ די הייזער איינגעבויגן;
די גרויע ווענט — מיט לאַסט פון צייט באַשווערט,
די פענצטער דאָ — ווי אויסגעזעצטע אויגן.

די אַ מאָטיוון באַלאַנגען צום ערשטן פּעריאָד פון אליעזר גרינבערגס שעפערישן וועג. די ביאָגראַפיע זיינע האָט, הייסט עס, באַקומען אַ סאָלידן פּאָעטישן פונדאַמענט. און אונדז גייט טאָקע אין אַנטפּלעקן אי די אינעווייניקדיקע וועלט פונעם דיכטער אי די אַנטוויקלונגס־פאַזעס פון זיין ווערק לפי דער פּאָעטישער קאַנווע וואָס ער האָט אין גאַנג פון די יאָרן פונאַנדערגעשפּרייט פאַר אונדז. אין זיין פּאָעמע „פישערדאָרף” (1938) קרעפטיקט זיך זיין טאַלאַנט און דאָס בילד וואָס ער צייכנט פון אַמעריקאַנער הינטערלאַנד, פון דער נאַטורשויס, מאַניפעסטירט די אייגנאַרטיקייט פון דעם קינסטלער ווי אַ נוטה צו ברייט־פאַרמאָסטענער עפּיק:

די נעכט פיבערן נאָך דאָ
מיט גרויזאַמקייט פון לאַנג־פאַרשווונדענע פּרעסט,
נאָר די באַטאַנן שמייכלען שוין מילד
מיט קילער זונשיין, מיט ווידענעם שפּינוועבס,
מיט שערענגעס צוריקגעקומענע פייגל
פון ווייטע לענדער — ערשטע פריִע געסט.

— — — — — —

אַנטקעגן זון, אויף שוועל פון הויז —
אַן אַלטיטשקע מיט ציטערדיקע הענט
פאַרצירעוועט אַ פּאָר צעפּעדעמטע אַלטע זאָקן.

— — — — — —

פון הארבסטיקן געמיט

און אויף דער הויפּטגאַס אַן אומעטיקער סגל
דער פּאָסט־אַפּיס
דאָס פייערהויז
אַ הילצערן קלויסטערל
וואָס דרימלט אַ גאַנצע וואָך אויף זייערע אַקסל
און כאַפּט זיך אויף פון שלאָף אין זונטאָגס
און צעקלינגט זיך הייזעריקלעך און צעשראָקן — —

„די לאַנגע נאַכט", אַ שפּעטערע לידער־זאַמלונג (1946), איז אַ ווייטערדיקער עטאַפּ אין אליעזר גרינבערגס דיכטערישן גאַנג וואָס אויף אים דריקט בפירוש דער שווערער גורל פון זיין פאָלק. דערנאָך קומט ווידער אַ ביאָגראַפישער שטאַפּל פון דעם דיכטערס שאַפערישן דרך, וואָס זאָגט עדות אַז זיין טאַלאַנט נעמט אָן מער אויף די כוחות. ער דענקט און פילט דורכויס אין פּאָעטישע בילדער, שטימונגען און רעמיניסצענצן פונעם אייגענעם אַמאָל ווי פונעם קאָנפוזן היינט. אַן אָפּשפּיגלונג דערפון געפינט מען בולט אין זיין בוך „ביינאַכטיקער דיאַלאָג" (1953) און שפּעטער מיט פופצן יאָר אין זיין פּאָעטישער זאַמלונג „אייביקער דאָרשט" (1968), אין וועלכן דער דיכטער שטייט שוין אונטערן צייכן פון זיין רייפן זומער.
מיר האָבן בכיוון געבראַכט אַ כראָנאָלאָגיע פון אליעזר גרינבערגס איינגעזאַמלטן דיכטערישן פאַרמעג (הגם דאָ פעלן נאָך צוויי פּאָזיציעס: דאָס לידערבוך „פון אומעטום", 1934, און די אַנטאָלאָגיע פון דער יידישער דיכטונג — 1969 — אין דער ענגלישער ווערסיע פון אליעזר גרינבערג בשותפות מיט אורווינג האַו) כדי אַרויסצוהייבן די דיכטערישע באַזונדערקייט פונעם פּאָעט הן טעמאַטיש והן וואָס שייך דער טראַנס־קריפּציע פון פּאָעטישן שטאָף וואָס באַקומט פלייש און בלוט אין זיין שאַפערישער לאַבאָראַטאָריע. אליעזר גרינבערגס אַנדערשקייט טיילט זיך אויס צום בולטסטן אינעם לעצטן אויפזאַמל פון זיינע אויסקריסטאַליזירטע שאַפונגען, אין דעם לידערבאַנד „געדענקשאַפט" וואָס טראָגט די יאָר־דאַטע 1974.

געדענקשאַפט איז דער חוט־השדרה פון אליעזר גרינבערגס פּאָעטישן דרך. איבער דער זאַמלונג הויערט דער גייסט פון פאַרסך־הכלונג פון זיין שאַפערישן גאַנג. און שאַפערישקייט און לעבן איז ביי אליעזר גרינבערגן היינו הך. מסתמא דערפאַר חזרט זיך אָפּט איבער דער ווי־דווישער טאָן זיינער און דער אָפענער באַגער פון אונטערצוען אַן אונטערשטע שורה פון אַלע מעגלעכע חשבונות. ממילא מיינט עס דעם אויסדרוק פון אייגענעם יחידישן לעבנסבאַנעם. יאָ, אוממיטלדיק קערט ער זיך אום צו זיך, צו אייגענער ביאָגראַפיע ווי צום משפחה־סענטימענט.

דערפון קען מע גרינג זיך אָנשטויסן הלמאי דער דיכטער האָט אין דעם אַ באַנד אַריינגענומען אויך פריִערדיקע לידער וואָס אין זיי אַקצענטירט זיך זיין איינשטעל כלפּי פאַרשיידענע דערשיינונגען וואָס מאַנען אין אונדזערע טעג אַ מענטשישן ייִדישן ענטפער. טאַקע דער מאָטיוו פון פון געדענקשאַפט חזרט זיך איבער אין דאַזיקן בוך מערערע מאָל (צווישן אַנדערע „מיין טאַטע אין גרויען ליכט", „דאָס איידעלע געשטאַלט פון מיין מאַמען", „אלה תולדות נח" א"א). און דער מאָטיוו כפלט זיך אין פאַרשיידענע ווערסיעס. מיט געדענקשאַפט, מיט געדאַנקלעכן, דמיונותדיקן צוריִקקער צו דער אייגענער פאַרגאַנגענהייט דאָ, אין דעם נייעם לאַנד, ווי דאָרט, אין בעסאַראַביע, וועלכע איז פאַר ייִדן שוין אָפּגעמעקט פון דער מאַפּע, איז דורכגעוועבט אליעזר גרינבערגס דיכטונג. און דאָס איז משמע אויך בענקשאַפטלעכער צוריקבליק אין דער ייִדישער אַמעריקע פון פאַר אַ דור, פאַר צוויי דורות. און אויב אַמעריקע, איז ווידער אַ מאָל אַ וויִטיק, מחמת די זעלביקע אַמעריקע האָט אין דעם גאָר נישט וויִטן אַנומלט געבליט מיט גייסטיקער שאַפונג, מיט אַ רענעסאַנס פון ייִדישן קולטור־אויפטו, אָבער ערשט — פאַר די אויגן פונעם דיכטער — גליוועט אַ מוראדיקע פוסטקייט אין די אַלע שטחים. ניין, ס'איז שוין נישט די נעכטיקע אַמעריקע, ווען דער אימיגראַציע־שטראָם האָט אַרויסגעבראַכט אַ גיכציקע אויפרודערונג צווישן די ייִדישע מאַסן, להוטע נאָך אַ באַנייטער גייסטיקער אַטמאָספער, טאַקע מחמת דער פרייהייט וואָס אַמעריקע האָט זיי געגעבן. כאַראַקטעריסטיש פאַר אַט דעם פעריאָד אין דער געשיכטלעכער אַנטוויקלונג פון דעם גרעסטן ייִדישן צענטער, איז אליעזר גרינבערגס „באַלאַדע סעקאַנד עוועניו און צוועלפטע סטריט" וואָס שילדערט אַ ניו־יאָרקער ווינטערדיקע זאַוויערוכע־נאַכט, ווען דער אומשלאָף האָט אים אַוועקגעשטעלט ביים נאַכטישן פענצטער און אַ:

„בלענדעניש (האָט) גענומען מיך געפאַנגען, / און אויף גאַטס באַראַט / גענומען פירן מיך איבער דער שטאָט. / כ'האָב אַזוי לאַנג אַרומגעוואַנדערט / ביז פלוצעם — ווי עמעץ וואָלט די פיס מיר צוגעשמידט — / בין איך געבליבן שטיין / ביים ראָג פון סעקאַנד עוועניו און דער צוועלפטער סטריט, / ווי דורך די פענצטער פון אַן אַלטן אָפּגעפאַרענעם מויער / האָב איך דערזען הענגען אויף שטאַנגען אייזערנע / מאַנטלען, קאָסטיומען און רעק. / ס'האָט אַלץ מיר אויסגעזען באַקאַנט און אומבאַקאַנט, / נאָר טיף אין מיר געווירבלט האָט אומהיימלעכקייט און שרעק. / איך האָב געזען ווי פון די שטאַנגען נעמען זיך אַרונטערלאָזן / די מאַנטלען, קאָסטיומען און רעק. ווי ס'נעמען זיך פון זיי אַרויסשיילן געשטאַלטן / וואָס זענען לאַנג, שוין לאַנג פאַרשוווּנדן פון דער וועלט! — —

דער דיכטער האָט געוואָלט אַנטלויפן מחמת אימה וואָס גרענעצט זיך וואָרהאַפטיק מיטן טויט, אָבער אומגעריכט הערט ער ווי אַ קול רופט אויס זיין נאָמען און מ׳פאַרבעט אים אַריין אין דעם אָרט וואָס האָט אָקערשט אויף אים אַנגעבראַכט דעם קאָשמאַר פון אַ ווינטערנאַכט אין וואָגל איבער דער אומהיימלעכער שטאָט. איז וואָס ער האָט סוף־סוף געזען, געהערט, ווו לעבעדיקע געשטאַלטן זענען אַראָפּ פון די שטאַנגען פולע מיט מאַנטלען, אַנצוגן און אַנדערע בגדים? באַלאַדעסק דערציילט דער דיכטער פון דער זעונג וואָס האָט אים צוגעשמידט צום אָרט:

ס׳איז מיר שווער געווען דאָס אַלץ צו גלייבן,
נאָר כ׳שווער אַז כ׳האָב געהערט ס׳ברומענדיקע קול פון משה־לייבן.
ס׳האָט זיך נישט געביטן אויף קיין האָר!
ווי מעסערס זענען מיינע חושים שאַרף געוואָרן, אַנגעצויגן —
און אָפּגעווישט געוואָרן איז יעדע גרענעץ צווישן חלום און וואָר.
און פּלוצעם וואַקסן אויס פאַר מיינע אויגן
(פונקט ווי מיט יאָרן צוריק),
אַרום טישלעך אויסגעזעצט ביי קאַווע און ביי טיי:
ד״ר גינזבורג, זישאַ לאַנדוי, אָפּאַטאָשו, הײמאָוויטש,
און עטוואָס אָפּגערוקט פון זיי —
האַרט ביי טונקל־ברוינע הילצערנע ווענט —
געזעסן זענען זיך באַזונדער:
דאָקטאָר ניומאַן און דאָקטאָר קאַפּילאָוויטש
ווי תמיד פאַרטיפטע
אין די שווערע ספרים אין זייערע הענט.

אַ פּראָפּאָ דער באַלאַדע וועגן סעקאָנר עווענױ באַזירט זי זיך אין תוך אויפן ממשות, וואָס אויפן ראָג פון יענער עווענױ און דער צוועלפטער גאַס, האָט לאַנגע יאָרן זיך געפונען דער באַרימטער „קאַפע ראָיאַל״, דער זאַמלפונקט פון ייִדישע שרייבערס, פּאָעטן, זשורנאַליסטן און אַקטיאָרן. אַציקער איז „קאַפע ראָיאַל״ שוין געדיכט פאַרוועבט מיט שאָטנס. געווען און נישטאָ מער. דער זעלביקער לאָקאַל איז היינט אַ גרויסע „קליינינג סטאָר״, אַ וואַרשטאַט צו רייניקן כלערליי מלבושים. און דערויף טרויערט אונדזער דיכטער, איינער פון די עדות וועגן אויסלעש פון דעם וויכטיקן ייִדישן זאַמלפּלאַץ אין ניו־יאָרק. ס׳איז, אמת, געבליבן אין דערדאָזיקער מעכטיקער שטאָט אַ ייִדישע מאַסע, אָבער די אַטמאָספער וואָס זי האָט געשאַפן אין די ערשטע פיר יאָרצענדלינג פון אונדזער יאָרהונדערט און וואָס די שפּעטערדיקע באַדינגונגען האָבן דיקטירט, האָט גרינטלעך אַנגעפינצטערט די סצענע פון ייִדישן לעבן, דערויף ווײנען מערערע לידער פון אליעזר גרינבערג. דערביי איז פאַר יענער אונטערגעגאַנגענער

יִדיש־וועלט ממש אילוסטראַטיוו דער עלעגישער פּאָרטרעט פון משה־לייב האַלפּערן אין דער ראָם פון כללישן גלייכגילט צו אָט דעם זעלטענעם גרויסן יִדישן פּאָעט, גראָד דעמאָלט ווען יִדיש אַמעריקע איז געשטאַנען — אַפילו געזעלשאַפטלעך — אין פולן צוויט. אָט ווי אליעזר גרינבערג צייכנט, ביטערט אויס דעם פּאָרטרעט פון דעם ריז פון דער יִדישער פּאָעזיע:

...אַן יחוס־בריוו, אַחוץ אויף דיין נומען / דער זיסלעך ביטערער טעם פון וואָרט :/ האָט קיינער דיך טאַקע נישט אויפגענומען / מיט ברויט און זאַלץ, און נישט פאַרבריט דיר אַן אָרט / אין דעם וויינגאָרטן פון יִדישן ליד. / צעשראָקענע האָט מען פון אויבנאָנען / דיך אַפּגעמאָסטן פון אויבן אַראָפּ: / — אַ מאָדנער הילוך! באַטאַפּט די טראָנען, / אין דעם וויינגאָרטן פון יִדישן ליד. / קיין אסיפות האָט מען פאַר דיר נישט פאַררופן. / זאָל זאָלבן דיך הפקר־ווינט אויף באָראָט: / און זאָלן נגישות און נויט און סיגופים / לערנען דיך צוימען דיין וואָרט און דיין טראָט / אין דעם וויינגאָרטן פון יִדישן ליד. / נאָר זאָרגלאָז און פריי ווי אַ ווינט אויף שפּאַציר / האָסטו געלאַכט אַזאַ הילכיק געלעכטער: / האָסט אריבערגעשפּרייזט טויער און טיר / און אָפּגעשאָרט פון וועג די וועכטער — —

אַ שאָד וואָס נישט דאָס גאַנצע פּראַקטיקע ליד געקענט ברענגען לשבח פון אליעזר גרינבערג, דעם הייסן פאַרערער פון משה־לייבן, דעם פּרינץ פון יִדישן ליד, דאָס ליד וואָס ער'ט פאַרפלאַנצט אין האָרטן באָדן פון פאַרטרודטן אַמעריקע. אַפילו יִדישע פּאָעטן האָבן זיך געבוקט פאַר דער געלייטערטער גרויסקייט פון משה־לייבס ליד, אָבער נישט די דעה־זאָגערס וואָס אַרום דער קהילשער ליטעראַרישער שיסל. אגב, אליעזר גרינבערג האָט אויך אַ סיבה צו ביטערן אויף דער פיינלעכער מערכה פון דעם פאָלק־געטרייען יִדישן זינגער. ער דאָקומענטירט עס מיט אַן אָריגינעלן ליד „צו אַ יִדישער שרייב־מאַשין“, ביי וועלכער ער גופא האָט לאַנגע יאָרן געמוזט שקלאַפן ווי אַן עבד־כנעני:

אַ, שרייבמאַשין דו יִדישע, דו איינציקער גר אָרומגערינגלט
מיט אַזוי פיל שוועסטער, אויף אַ ווייט און פרעמד דיר לשון;
מיר ביידע זענען עלנט דאָ און איבעריק — זאַנגען
אויף אַ האַרבסטיק פעלד, שוין לאַנג צעהאַגלט און צעדראָשן — —

בלתי ספק איז די שרייבמאַשין אַ וואָגיקער עפּיזאָד אין לעבן פון אליעזר גרינבערג, דעם פיינפילנדיקן פּאָעט. און די בלעטער פון זיין גייסטיקער ביאָגראַפיע זענען אַ היפשער חלק פון זיין בוך וואָס שטייט אונטערן אויסדריקלעכן צייכן פון געדענקשאַפט און אַ מענטשלעך־שאַ־

פעריִשער חשבון אין סינטעז, אויב מ׳קען דאָס אַזוי אָנרופן. דער דיכטער פּרוּווט עס ערטערווייז אַליין פאָרמולירן:

...ס׳ווערט מיר נאָענט די וויַיטסטע וויַיט, די נאָענטע נאָך נעענטער.
און אַלץ וואָס כ׳האָב פאַרמאָגט: מיין חרוב־געמאַכטע, מיין אומגעבראַכטע וועלט,
שטייט תחית המתים אויף אין מיין זכרון, ווו פאַרכישופט און באַזעלט —
אַן איבערערדישער ניגון לעבט אויף פון קופּעס אַש און ליים, שטעט און לענדער — —

מערסטנס זענען דערציילעריש די מאָטיוון וואָס אליעזר גרינבערג וועבט אויס לידעריש אויף דער קאַנווע פון זכרונות און ער דערלאַנגט זיי אונדז אויף דער ריטמישער פּאַליטרע פון געדאַנק בכן ס׳איז די באַשערטקייט אַן אומהיימלעכע, אַ הבל־הבלימדיקע:

דער ווינטער שטייט אַ הונגעריקער ווי אַ ווייסער בער / ביי דער גרענעץ פון מיין לעבן און שטשירעט זיינע ציין. / גיי לינקס, גיי רעכטס, דו וועסט אים נישט אויסמיידן. / ער גייט דיר נאָך, און בלייבסטו שטיין / שטעלט ער אַן אויף דיר זיינע בלוט־פאַרלאָפענע אויגן, / וואָס בוייערן דיך דורך מיט זייער גיר און קוק. / גיי לינקס, גיי רעכטס, דו וועסט אים נישט אויסמיידן — אַ הונגעריקער וואַרט ער אויף זיין פאַרצוק.

אין כלל גענומען שטרייפט דורך אינהאַלטלעך דאָס דאָזיקע בוך די כוונה פון חשבון־הנפש. דעם דיכטער איז שטאַרק אומעטיק, כאָטש זיין מוח איז פריש, נאָר דער צוריקבליק אויפן נעכטן פאַרפאָלגט אים, מאַטערט. ער וויל דעריבער זיך „צונויפריידן״ מיט זיין קומענדיקן ביאָגראַף און ראַציאָנעל אים אויפקלערן, אויסקלאָרן שייכותן צווישן זיין ליד און דעם מענטשישן קיום וואָס אים איז באַשערט געוואָרן זיך אונטער־צוּוואַרפן:

נישט די נויט, נישט דער שניידנדיקער עלנט
האָבן איבערגעלאָזט אַ טיפע וווּנד אין מיין געמיט,
וואָס די שפּעטערדיקע יאָרן האָבן מיט זייער זעט קיין מאָל נישט
געקאָנט פאַרהיילן:
די הילפלאָזיקייט, דער עלנט פון מענטשלעכן גורל
האָבן אויף אייביק זיך אַריינגעוועבט אין מיין ליד,
נאָר דאָס באַדאַרף מען נישט דערציילן.

טיפער ערנסט לגבי זיך אַליין און לגבי דעם אָרום וואָס גיט ליכט און אַטמאָספער, איז דער עיקרשטער כאַראַקטער־שטריך פון דעם דיכטער אין זיינע רייפע יאָרן וואָס מאָנען מער באַזיניקונג ווי דאָס איז געווען

דער קענצייכן פון זיין שעפערישן דרך אין די ייִנגערע יאָר. און אין דעם דאַרף מען זוכן דעם תמצית פון אליעזר גרינבערגס דיכטונג. מיט דעם לאָזט זיך אויך דערקלערן הלמאי ער איז שוין זינט יאָרן שאַפעריש אַוועק אויפן וועג פון קליינע, קורצע לירישע לידער, צו מאָל צו „פּירפּיסיקע לידער", נאָר פון איין סטראָף וואָס גיבן אָפּ לרוב די קאָנצענטרירטקייט פון פילאָסאָפירנדיקער אַפאָריסטיק מצד אַ טאַלאַנטפולן פּאָעט. דעם זין פון ליד בכלל און פון רייפן ליד בפרט.

נישט נאָר בנוגע דעם עצם פון ליד גייט עס דעם דיכטער אַז ער זאָל אונדז אויפקלערן זיין שליחות, נייערט דאָס סאַמע דיכטערישע וואָרט פנים־אל־פנים מיט דער וואָר איז פאַר אים אַן עיקר; יאָ, און דאָס פּאָעטישע לשון איז אַ הויפּט־עלעמענט אין שאַפערישן גאַנג פון דער פּאָעזיע. אליעזר גרינבערג סקאַנדירט אויפן גערעמפּטן שטייגער ווי ער איז זיך נוהג בנוגע דער ראָל פונעם לשון אינעם ליד:

> עס דאַרף אין שטורעם רייפן און אין פרידן פלאַצן / פון זיך אַליין, ווי רייפע קנאָפּסן זומערצייט: / ווען נייטיק — קענען לעסטערן, נאָר מער פון אַלעם שאַצן, / ווייל דאָס איז דאָס אויסגעפּרוווטע לשון פון דער אייביקייט.

עס האָט נישט קיין שיעור די עדותשאַפט פון אליעזר גרינבערגן גופא אויף דעם ערנסט וואָס ער גיט אָפּ דעם וואָרט און פאַרב און געדאַנק, וועלכע ער וועבט איין אינעם ליד וואָס איז אַלע מאָל אין עצם אַן אַרויסזאָג פון זיין דיכטערישן ממעמקים.

1974

מאיר חרץ

מאיר חרץ איז אַ ייִדיש־דיכטער פון בעסאַראַבער שבט וואָס האָט נאָך מוראדיקע גלגולים, דערגרייכט צו די ישראל־ברעגעס. ווי אַ זינגער אין מאַמע־לשון טיילט ער זיך אויס מיט אַן אייגנקייט וואָס דערמאָנט שטאַרק אַ טיף־וואָרצלדיקן, פאָלקישן נוסח, וועלכער ווייעט אָן אויף אונדז אַ ליבלעכע וואַרעמקייט, כאָטש זי אָטעמט אויס נישט ווינציקע אומהיימלעכקייט. יאָ, ס׳פאַרשמעקט פון מאיר חרצס פּאָעזיע מיט דער באַזונדערקייט פון בעסאַראַבישן פרוכטיקן סטעפּ און פון ערלעכער ייִדישער האַרעוואַניע. זיין פּאָעטיש קול גיט אָפּ מיט אַ פּשטות וואָס קויפט איך גלייך אונטער, הגם ער איז נישט דער זינגער וואָס צעציקלט זיך פון סתם בענקשאַפט צי פון פאַרעוון סענטימענטאַליזם. ער איז גייערט אויך אַ טראַכטער, ווייל דורכגענומען מיטן וויי פון שווערן ייִדישן גורל. זיינע מעדיטאַציעס און דערמאָנונגען ווערן אונדז אייגן, גלייך דער דיכטער וואָלט געווען אַ מיט־שותּף צו אונדזערע אייגענע איבערלעבענישן, אַפילו אויך צו די אַנונגען פון די אַנומלטיקע שרעקן וואָס גייען נאָך דעם ייִד פּיסטריט. און ווי אַזאַ צייכנט מאיר חרץ זיין אייגענע אינעווייניקדיקע געשטאַלט. שטריך נאָך שטריך וואַקסט אַרויס פון חרצס פערזן זיין אויטאָ־פּאָרטרעט, וועלכער ווערט אונדז ברידערלעך נאָענט.
אגב, ערגעץ האָבן מיר געלייענט זיינס אַ ליד וועגן אַ וואַנדערנדיקן ייִדישן פּאָעט פון בעסאַראַביע און מירן דערהערט — דערזעען ממש אין דעם אַ ליד דעם ממעמקים פון חרצן, דעם צעווייטיקטן ייִד צומאַרגנס נאָכן חורבן, וועלכער איז ווי מיט דערנער־בעגל אַריינגעוואַקסן אין אונדזער געביין:

„כ׳האָב אַ וואַנדרער אין וועג / אָפּגעשטעלט און אים געפרעגט: / — זאָגט, ווי אַלט זענט איר עס, פעטער? / — זעכציק טויזנט קילאָמעטער / און ביז הונדערט צוואַנציק טויזנט / פעלט מיר אויס נאָר איין פּאָר הויזן / און אַ העמד נאָר איינס; אַ ריינס / און אַ בינטעלע אַ קליינס. / האָב איך זיך אָפּגעקוקערט / מיט די אויגן צו דער ערד / אַ פאַרשעמטער, אַ פאַרקלעמטער; / כ׳האָב קיין הויזן ניט, קיין העמדער, / אַז איך האָב ניט וואָס צו געבן, / האָב איך אויך ניט וואָס צו פרעגן. / און ער זאָגט מיר: נאָר דו איינער, / איך בין רייך ווי קיינער־קיינער, / כ׳האָב אַ סאָלאָווי פאַרשלונגען, / ווען ער האָט אין וואַלד געזונגען. / ס׳איז געווען אין פרילינגצייט, / כ׳האָב געהערט אים פון דער ווייט; / ניט געוואַגט כ׳האָב צוגיין נאָענט / און פון דעמאָלט, יענעם אָוונט / זינגט דער פויגל האָט געזונגען — / פול מיט לידער מיינע לונגען /

מיט די אויסגעקרימטע שיך, / מיט אַן אַלטן ראָק אויף זיך, / גיי איך אום פון שטאָט צו שטעטל / מיט אַ בינטל, מיט אַ בלעטל / און בין גליקלעך, מעגסט מיר גלויבן, / ווען איך הער אין מיר דעם פויגל — —"

חרץ איז אין התפעלות פון דעם וואַנדערנדיקן יידישן פּאָעט אין זיין געבוירנלאַנד און די דאָזיקע באַגייסטערונג מיטן גוזאַנג פאַרן עולם פון איעדן שטעטל, זעט ער אויך זיך אין זיין זינגערישן שליחות צו יידן וואָס קומען הערן „דעם שיחת חולין פון אַ ייִד אַ פויגל, וואָס ער שטייט פאַר אייערע אויגן."

און ער זינגט טאַקע, דער פּאָעט מאיר חרץ, ווי יענער דיכטער וואָס האָט געטראָגן זיין ליד פון שטאָט צו שטעטל אין בעסאַראַביע, אַלאָ ס'איז באַשיימפּערלעך גרעסער די פּיין פון אונדזער דיכטער — און ער פאַרהוילט זיין ווייטיק למאי זיין שירה ממעמקים הערן נישט די יידן ווי דעם שיחת חולין. מאיר חרץ איז אָבער גליקלעך — ווי מ'קאָן משער זיין וועדליק זיין געזאַנג — ווען ער גופא הערט אין זיך „דעם פויגל", די טיפע צעזונגענקייט פון אייגענעם געמיט, כאָטש עס איז איבערפול מיט צער און לייד.

מאיר חרץ טיילט דעם גורל פונעם רוב יידישע דיכטערס: ער זינגט ביחידות דאָס ליד פון זיין צעבלוטיקטער נשמה, כאָטש אים איז ווייט נישט ליב פון מאָל צו מאָל אַרויסצוטראָגן אויפן דרויסן זיין דין־שפּירעוודיק, טראַכטנדיק האַרץ. אָבער דעם פויגל זינגט זיך. האָט ער שוין באַוויזן אַרויסצולאָזן אין מדינת ישראל עטלעכע ביכער: „אין פרעמדן גן־עדן" (תל־אביב, 1973) און „הימל און ערד" (ירושלים, 1974). דערנאָך איז ער אַרויסגעקומען מיט זיינע „לידער צו אייגענע" (תל־אביב, 1975). קענטיק, פאַר לאַנגע יאָרן זיין אין גלות רוסלאַנד, וווּ דער דיכטער האָט געצאָלט בלוטיקן ציגנדז דעם מולך פון געפּעלשטן סאָציאַליזם און רעכט נישט געקענט קומען צום פּסוק אַזוי, ווי ס'זינגט זיך מיט אַ פאַרווונדיקטער ברוסט. אַלע לידער וואָס ער האָט אויסגעווייטיקט אונטער דער ממשלת זדון פון סטאַלין און זיינע יורשים, האָט ער געמוזט פאַרהוילן פאַר דער ליכטיקער שיין. געוועזן געצוווּנגען זיך צו באַהאַלטן מיט זיין טראַכטן און פילן, אַנישט וואָלט ער חס ושלום זיך פאַרמשפּט אויף מערערע פּלאָגן, מיט וועלכע דער רעזשים האָט אים געבראַנדמאַרקט — ווי אַ ייִד. די כתבי־יד פון זיינע לידערישע חיבורים האָבן דעריבער געמוזט דורכמאַכן די בראַנדן פון דער אינקוויזיציע ביז וואַנען דעם דיכטער איז באַשערט געוואָרן אַרויסצוקומען פון באַלשעוויקישן מצרים. ערשט האָבן די ווינציקע

וואָס שפּירן אַ טעם אין אײדעלער דיכטערישער פּראָדוקציע, די געלעגנהייט אַריינצוקוקן אין דעם נעבעך צעגיזוקטן וועלטל פונעם פּאָעט מאיר חרץ. און ס׳איז כ׳לעבן אַ נס וואָס דער דאָזיקער בעל־השירים איז כּמעט שעפעריש אַרויסגעקומען אַ גאַנצער ווי וויל זיין נשמה איז דאָך געבליבן צעוווּנדיקט. אויף וואָס עס זאָגט עדות זיין אוממיטלדיקער סטראָף אין לירישן און דערציילערישן אויסדרוק. די פּערזענלעכקייט פון מאיר חרץ און די וועלט, וועלכע ער׳ט געלאָזן הינטער זיך, אין זיין ביאָגראַפישן עבר, דערזעען מיר גאָר־גאָר בולט אין דעם באַנד לידער צו די אייגענע, די לייבלעכע, וועלכע זענען אים געבליבן ליב און טייער. צום קלאָרסטן דערציילן דערפון די טיטלען פון די לידער־ציקלען וועגן זיינע היימישע: „צו מיין מאַמען״. „אויף פּראָסטע וועגן״, „לידער צו בעלאַן״, צו קינדער און אייניקלעך״.

ווער איז מאיר חרץ, פון וואַנען ער קומט, וואָס עס זענען די ראשי פּרקים פון זיין לעבנסבוך, האָבן מיר אין אָט די לידער־סעריעס. סיי ביאָגראַפיש, סיי אינטימס און סיי סוביעקטיווער אַריינבליק פונעם דיכטער אין אייגענעם וועלטל, אין די חדרי־חדרים פון זיין פילן און איבערלעבן, גיט אונדז דאָס נעמלעכע בוך לידער. ווילט איר דעם פּייסאַזש פון זיין געבוירנשטעטל, גיט ער אייך אַ נעימותדיקן געמעל. אויב דראַמאַטיש אייגנס פון דער משפּחה, די עגונהשאַפט פון דער מאַמען, דער פאַרהאַרעוועטער, טייערער ייִדישער פרוי, וועלכע האָט מיט האַרציטער געהאָדעוועט איר זון, צי די ליבשאַפט צו דער באַשערטער פון זיין אייגענעם לעבן, זענען די בלעטער פון דער אַנגערופענער לידער־זאַמלונג אַן אוממיטלדיקער עדות אויף אַלע געשעענישן און גרימאַסעס פון גורל. ערשט מיט וואָס פאַראַ חן און פשטות די געמעלן זענען אַרויסגעבראַכט פון מאיר חרצן דעם פּאָעט וואָס לעבט מיטן וואָרט און באַלעבט דערמיט ס׳געמיט פון זיין לייענער!

אין אויבן־אָן פון דעם לידערבוך קומט דער ציקל „צו דער מאַמען״. די מאַמע וואָס האָט איר לעבן־לאַנג געפּיבערט מיט די דאגות פאַר איר בן־יחיד, די זאָרג פאַר זיין בעסערער מערכה ווי די וואָס איר איז באַשערט געוואָרן אָפּצופינצטערן. און לסוף האָט די מאַמע אין די יאָרן פון בראָך פאַר אַלע ייִדן, געטיילט דעם גורל פון איר גאַנצער משפּחה, פון דעם גאַנצן פאָלק. אומזיסט האָט דער זון שפּעטער געזוכט די שפּורן פון אַ קבר ווו דער מאַמעס געביין האָט באַקומען די אייביקע

„רו". לכן בעט ער זיך, דער דיכטער, ביי די הימלען פון דער ייִדישער מדינה, ווו ער האָט ענדלעך זוכה געווען אויפצושטעלן זיין געצעלט, זיי זאָלן באַווילִיקן אַ קבר פאַר זיין מאַמען:

אַ, הימלען, גיט מיר אָפּ אַ פּלאַץ,
איך וויל מקבר זיין מיין מאַמען.
זאָל איר מצבה — ברייִנע חרץ —
אין די ישראל־וואָלקנס פלאַמען.

איך ווייס ניט ווו זי אויסגעהויכט
האָט איר נשמה, אויף וועלכע וועגן,
איך בעט אַ ביסל הימל־רויך
ביי אייך, ביי אייך פון אירעטוועגן.

איך בעט אַ וואָלקנדל אַ ווייס
תכריכים ווייסע אויפצונייִ׳ען,
און שטערנדלעך, כאָטש איינציקווייז —
זיי זאָלן ביי איר קבר שטיין — —

מיט דעם אַ עלעגישן געבעט עפנט זיך דאָס זעלטענע ייִדישע בוך פון אַ פּאָעט וואָס האָט מוראדיק לאַנג געשטומט אויף דעם ווי פון אומגעהייערן כרת וואָס איז געקומען אויף זיין שטאָם. אָט דערציילט ער מיט קנאַפּע רייד, ווי אין אַנוונק, וואָס עס איז געבליבן פון זיין היים, די פאַרלענדטע:

„אָט דאָ, אויפן דאָזיקן פּלאַץ / ווו ס׳ליגט דער באַרג מיט ליים, / האָט געוווינט די משפחה חרץ / און דאָ איז געווען מיין היים. / אָט דאָ, אויפן דאָזיקן אָרט, / ווו אַש אַ קופּע ליגט, / האָט געזונגען דאָס ייִדישע וואָרט / און אַ וויג, מיין וויג, פאַרוויגט... איצט קום איך פון ווייטן אַהער / אויף קבר־אבות צו גיין, / און ווו איך טו זיך אַ קער, / דערהער איך איר געוויין.

דער מאַמעס געוויין גייט נאָך דעם זינגענדיקן זון פון ברייִנע חרץ פון אָפּגעמעקטן ייִדישן מאַרקולעשט. אַפילו דאָס שטעטל קלאָגט אין גע־דעכעניש פון דעם פּאָעט; ער באַשרייבט צו מאָל דאָס געמעל פון זיין געבוירנאָרט און ס׳קלאָגט פון אים אויף דעם אַנומלטיקן שטייגער פון דער היימישער עדה ייִדן ווי פון זיין אייגענעם מענטשישן חורבן.

מאיר חרץ ברענגט לידעריש קאַפּיטלען פון זיין אָפּשטאַם, דער עיקר פון דער מאַמען, וועלכע האָט אים געהאָדעוועט אין יסורים פון עגונהשאַפט און דערשלאָגנדיקער אָרעמקייט. דער ליבער מאַמען גיט דער דיכטער אָפּ דאָס בלוט פון זיין צעזונגענעם האַרץ, טאַקע מחמת

איר פינצטערן גורל. פיין קאָנטוולסירט אין דעם דיכטער ווען ער פאַרקוקט זיך אויף דער מוטערס הענט:

מיין מאַמעס הענט גלעטן מיך ניט צאַרט;
מיין מאַמעס הענט — פאַרהאָרעוועט און האַרט
און ווי באַקסער יעדער פינגער אויסגעדאַרט.

מיין מאַמע העקלט ניט און זיצט ניט ביי קיין זאַק;
מיין מאַמע קנעט ביי נאַכט און באַקט ביי טאָג —
און הונגערט ביי איר אָרנטלעכער וואָג.

מיין מאַמע וואַרעמט זיך די הענט ביים גלעזל טיי;
מיין מאַמעס הענט צעגייען ווי דער שניי —
און קלענער, קלענער, קלענער ווערן זיי.

ווי אַ סקולפּטאָר גיט ער פּרעציז פּלאַסטיש אויסגעבולט די אויסגעדאַרטע הענט פון זיין פאַרחושכטער מאַמען און זיין געשלאָגן געמיט פאַרפּאָלגט אונדז מיט דעם ווייַ, וואָס ווערט אויך אונדז אייגן. אָבער די גויט, ווי „זיס" זי זאָל זיך נישט האָבן צונויפגעלעבט מיטן דיכטער (וואָרן ס'איז אַ כלל גדול, אַז ווען מ'געוויינט זיך צו צו די צרות, לעבט מען מיט זיי אין פרידן, ווי ס'זאָגט אַ באַלערנדיק ווערטל), באַגערט ער אָפּט מאָל זיך אַרויסמאַכן פון איר האַרבער שליטה; ער האָט גערן זיך אָוועקצולאָזן אין גבול פון מעשהלע און באַלאַדעסקן געשוועב. ער לאָזט זיך אַוועק אין אַ „האַרבסטליד" ווי אין דמיון פון אַנדערע אומעטן, וואָרן אַן אומעט איז שוין נישט שכיח אויסצוקומען:

„האָט דער האַרבסט, דער אַלטער מלך, / פּאַר אַ בעטלער זיך פאַרשטעלט, / אונדזער לאַנדשאַפט אויסגעביטן / אויף אַ פרעמדן, וויסטן פעלד. / הענגט דער הימל אין מיין פענצטער, / איז ער אויכעט קויטיק, וויסט. / נעמט דער האַרבסט די וועלט די גאַנצע / און פאַרמאַכט זי און פאַרשליסט. / ווערט די טונקלקייט געדיכטער, / קריכט דער האַרבסט אין שטוב אַריין, / זעץ איך לייענען זיך אַ ביכל / ביי דער טונקלער פענצטער־שיין... / כ'לייען די מעשה מיטן מלך, / וואָס ער האָט געהאַט דריי זין — / וואָלט איך נאָר געוווסט אַ שטייגער, / וועלעכער פון זיי איך בין? / הייב איך אויף פון טיש די אויגן, / ס'איז דאָס פענצטער שוואַרץ און נאַס, / נאַסע בייטשן טרייבן בעטלערס / אין דער בלאָטע אויף דער גאַס."

זעען מיר אָקערשט ווי דער דיכטער וויל זיך אַריינרייסן אין דמיוּרגותדיקן מעשהלע פון נישט־היי, דערוועקט זיך באַלד די האַרבע וואָר:זי וויזט אים די אומדערבאַרעמלעכקייט פונעם האַרבסט אין דרויסן, ווו אַפילו דער

בעטלער ווערט געטריבן פון קאַלטן רעגן. די רעאַליטעט איז מכריע אינעם שעפערישן פּאָרטראַכט פונעם פּאָעט, וועלכער וויל טייל מאָל זיך אָוועקלאָזן מיט די שטעגן פון לירישן געמעל. אַט נעמט ער אויף זיין פּאַליטרע דווקא די פאַרבן פון טריבן אָסיען און אין זייער מיטן שטעלט ער אַוועק אַ נעבעכדיקע ייִדענע.

ווייַנענדיקער אָסיען־רעגן
אַלע גאַסן, אַלע דעכער
טרינקען אויס די קאַלטע טרערן
פונעם פולן אָסיען־בעכער.

שטייט אַ ייִדענע אַן אַלטע
אין אַ שאַל געהילט אַ נאַסן —
אויסגעשטעלט צום זעלבן גורל
ווי די דעכער און די גאַסן;

שטייט אין מיטן פונעם שטעטל
אויפן מאַרקפּלאַץ אויפן גרויען,
אויפן רוישנדיקן רעגן
צווישן לויפנדיקע פרויען.

האַלט דעם קאָפּ אַראָפּגעבויגן,
אין דער האַנט אַ קויש אַן אַלטן —
פול מיט שווערע צרות גרויע
אונטערן נאַסן שאַל באַהאַלטן.

ניט־פאַרקויפטע עפּל ווייכע,
ניט־פאַרקויפטע האַרטע בייגל,
אינעם גרויסן קויש דעם אַלטן
ליגן זיי ווי טויטע פייגל.

און דער קויש, די שווערע משׂא,
ציט אַראָפּ די הענט וואָס פרירן —
שטייט אַ ייִדענע פאַרגליווערט,
ווי אַ שטיין זיך ניט צו רירן.

ס'איז אַ פּאָרטרעט פונעם אַנאָנים וואָס באַוועגט זיך איבערן גרויסן אוניווערס פון דער אָרעמקייט, וועלכע שרעקט אונדז און פּייניקט בוודאי דעם פּאָעט, וועמענס מאַמע איז נעבעך אויך פאַרמשפּט אויף עלנט, פון וועלכן זי איז ניט אין שטאַנד זיך אָפּצוזאָגן. זי ליידט בכבודיק, האָרעוועט ווי אַ סאָרווערן אויף ייִדישע באַלעבאַטישע שמחות, אַ קאָכערן פון גרויסע חתונה־מאָלצייטן, אַ מענטש וואָס איז פאַרקויפט צו שטענדיקער

מי און מאַטער. אָבער דאָס שפּיגעלע דער מאַמעס „פון זינט זי האָט באַקומען עס אין אַ טאָג אַ שיינעם, האָט זי עס ניט געגעבן אין קיין פרעמדע הענט", דערציילט דער דיכטער פון דעם שפּיגעלע, וואָס זי האָט שטרענג באַהאַלטן אין אַ שופלאַד, ווייל ס'איז געווען אַ מתנה פונעם מאַן דעם אַנטרונענעם אין די ערגעצן.

א זיפּצערקע געווען מיין מאַמע די ניגונה / און צווישן זיפץ און זיפץ געשעפּטשעט עפּעס גיך; / מיין מאַמע האָט אין שפּיגעלע געקוקט ווי אין אַ ברונעם, / מיין מאַמע האָט פון שפּיגעלע אַרויסגעקוקט אויף זיך —

די מאַמע איז דער הויפּטמאָטיוו פון דעם בוך וואָס מאיר חרץ האָט אָפּגעגעבן זיינע פאַרפלאָסענע יאָרן, זיין פאַרלענדטער היים „בעסאַראַביע, די היים".

היימיש שטעטל פון די קינדער־יאָרן,
ווי זשע נעמט מען עס אַרויס פונעם זכרון
און מע שטעלט עס אויף אַספאַלט אַנידער
מיטן דלות, מיט די בלאָטעס טיף־געדיכטע?
ווי זשע שטעלט מען עס אַנידער
פאַר די אויגן ווי געשיכטע? — —

ס'טרעפט, עס גייט אַן אַלטיטשקע אין דרויסן
מיט אַ שאַלעכל און מיט אַן אַלטן קוישל;
כ'טו אַ ציטער, וויל אַ שריי טאָן: מאַמע!
וויפל וויאָרסטן איז צו דיר פון דאַנען?
איך בין גרייט צען וועלטן דורכצושפּאַנען,
דורכצושווימען וואַסערן און ימען — — — —
— — — — — — —
זיי מיר מוחל, מאַמע, פאַר די גראַמען!

סע גרוילט דער דיכטער פון פּיין אין בענקשאַפט צו דער מאַמען, וועלכע ער'ט געלאָזן איינע אַליין אויפן אומחסד פון גורל.

ווי דער תהום איז אומהיימלעך־פינצטער דאָס צעבראָכענע האַרץ פונעם דיכטער, וואָס קען נישט אויפהערן רופן, דערמאָנען זיין מאַמען, דער אומגליקלעכער. ער זעט אומעטום דער מאַמען, זי בליקט אַריין צו אים אין נאַכטישן פענצטער; ער זעט זי אַרומבלאָנקען אויף די וועגן וואָס האָבן געפירט צו דער פאַרטיליקטער היים דער בעסאַראַבישער.

אַ גרויסער פּרק איז אין דעם דיכטערס אַנען פון דעם פּקדון, דעם חלום נאָך צו געפינען זיין היים, איז זיין גרעסערע פּאָעמע „אויף פראָסטע וועגן". עס איז אַ ווערק, אין וועלכן דער פּאָעט זוכט זיין נעכטן

ווי דעם אייגענעם דענקענדיקן איך, וואָס מ׳האָט אים בגוואַלד אָפּגעריסן פון וואָרצל, אין וועלכן עס האָט געגאָפּלט זיין וועלט.

איך גיי אַרום אויף וועגן פּראָסטע,
אויף וועגן זײַטיקע, פאַרלאָזטע,
איך גיי אַרויס צום וועג צוםברייטן,
מיר קלינגען אויף די שטיינער קייטן.

איך בין אַ טרוימער אויף די וועגן
און שלעפּ מיין טרויער אויפן רעגן,
נאָר ס׳טרעפט, די זון איז אויפגעגאַנגען
און פונעם רעגן וואַקסן זאַנגען — —

טרוימענדיק דערוועקט זיך ווידער אַ מאָל פאַר זיין דמיון דאָס בילד פון דער מאַמען. די מאַמע איז אומאָפּטרעטלעך מיט איר מאַנונג ס׳געדע־דעכעניש פונעם זון, דעם איין איינציקן טרייסט אין איר פאַרשניטענעם לעבן. די מאַמע... קומט אָבער דאָס ליבע ווייב, די אייגענע, וואָס אים איז באַשערט געוואָרן, און זי פאַלט אַריין אין זיין פּלוצלינגן געוויין פון בענקשאַפט. די „לידער צו בעלאַן“ איז אַ לויבגעזאַנג צו דער יוגנט, דער אייגענער און אַ הימען צו דער נעסט וואָס אַליין זיך אויפגעבויט מיט ליבשאַפט.

וואָס האָסטו שוין ווידער צעוויינט זיך ביים עסן,
שוין ווידער געקומען די היים אויפן זינען?
נו, נעם שוין, צעקיי, שלינג אַראָפּ שוין דעם ביסן
און לאָז אָפּ דאָס שטעטל, פאַרגעס שוין אין דרינען.

און מאַך ניט קיין וועזן פון דעכער און שוועלן,
וואָס זענען פאַרברענט שוין ווי גלייך ניט געוועזן
און מאַך ניט קיין רעש וועגן ערדענע דילן
און מאַך נישט פון פענצטערלעך קרומע קיין וועזן — —

אַוודאי, איינעם ווידעראויפשטעלן די אייגענע היים הינטערן רוקן פון רוצחיש אָפּגעמעקטן ליבן געבוירנאָרט, איז דער טרויער אַ נייער שטרויכלשטיין, וואָס צעשטערט די געגאַרטע שלווה פון דעם קוים דער־וואַכטן געפיל פאַר אַ כמו נײַ לעבן. אָן ספק, אַזאַ געפיל לעבט ווידער אינעם פּאָעט, מחמת ער קאָן נישט פאַרטרייבן פון זיך די קאָשמאַרע בילדער פון די הריגות וואָס דער רוצח האָט געבראַכט אויף זיין היים, אויף אַלע יידישע עדהס.

געלאָפן דערשראָקן פון שרפה צו שרפה, / פון אומגליק צו אומגליק געיאָגט ווי משוגע, / אַנטלאָפן פון חורבות, געטראָפן אויף מתים, / אַנטלאָפן פון מתים, געטראָפן הרוגים. / קיין פלאַץ ניט געווען אויף דער ערד אויף דער ברייטער, / וווהין צו אַנטרינען פון הענט פון פאַרשניטער, / כאָטש נעם שטייג צום הימל אַרויף אויף אַ לייטער — / באַהאַלט זיך ביי גאָט ביז נאָכן געוויטער — —

גרויליק איז די שילדערונג פון פאַגראָם ווי פון שפּעטערדיקן טרייבן צו אומקום.

פּנים־אל־פּנים מיט די בראַנדן וואָס בלענדן און בריִען זיין בליק, קען דער דיכטער נישט אַנטרינען פון דעם מעדיום, וועלכן ער איז משועבד ווי אין אַ טראַנס. ערשט געפינט ער זיך שפּעריש אין פאַרכישופטן קרייז פון די לידער. ער איז מודה:

דער טאָג הייבט מיך אויף און די נאַכט לייגט צוריק מיך אַנידער — — / איך קען ניט פאַרלאָזן דאָס בילד מיט די שאָף און די רינדער, / איך קען ניט פאַרלאָזן דאָס הויז מיטן ווייב און די קינדער / ווי ס'קען ניט פאַרלאָזן דעם שטעקן אַ זקן אַ בלינדער. / מיין מאַמען פאַרלאָזט האָט מיין טאַטע און געמאַכט אַ טראַגעדיע, / מיין פעטער האָט געמאַלקן אַ באָק און געמאַכט אַ קאָמעדיע — / און איך זוך אַ גראַם כאָטש נאָך איינעם צו קאָמעדיע־טראַגעדיע.

ניין, גרויל קוקט אַרויס מיט ברענענדיקע אויגן פון דער אַ נאַקעטער טראַגיק!

די מאַמע האָט אין צניעות און ביטערער האַרעוואַניע דורכגעלעבט איר שווער לעבן, אָבער דער זון, איר טרייסט און צירונג, דער שפּעטער־דיקער פּאָעט, האָט אין לויטערער ליבשאַפט אויפגעשטעלט זיין אייגענע היים. אונטערן שטערן פון זיין באַשערטער בעלאַ, בעלאַטשקאַ, איז ליכטיק אויפגעגאַנגען די אַ ליבע נעסט, כאָטש אויך נישט אין גרויסע פריידן. די דאָזיקע אומעטן זענען פון דעסטוועגן נישט געווען פון דעם מין ווי זיין לייבלעכע מאַמע האָט זיך אָנגעגעסן מיט זיי ווי מיט אַליקע עפּל, וואָס פאַלן אומצייטיק אַראָפּ פון ווילדן בוים אין וויסטן פעלד. דער דיכטער דערציילט פון זיין דרך וואָס ער האָט אויסגעקליבן צו זיין ליבשאַפט און פון דער אייגענער נעסט וואָס אויפגעשטעלט:

איך פאַרלאָז מיך ניט אויף קיין פרעמדע הענט.
כ'האָב אַליין מיר אויסגעבויט פיר ווענט.
איך פאַרטרוי זיך ניט דער שטערנדיקער נאַכט,
האָב איך צוגעדעקט זיך מיט אַ דאַך.

יוסף אקרוטני

בלויז מיין ליבשאַפט איך געטרוי מיין גורל.
בלויז מיין ליבשאַפט האָב איך ניט פאַרלוירן.

קלאָר, זיין באַשערטער האָט דער דיכטער צו פאַרדאַנקען דעם גלויבן אינעם גורל ווי אַזאַ וועלכן ער האָט קענטיק אָנגענומען באהבה. ער רעבעלירט נישט, דער דיכטער חרץ, ווען דער גורל שטרויכלט זיין וועג, אַפילו ווען די פויסט פון רצחן האָט זיך פאַרמאָסטן קעגן אים, אַריינגעוואָרפן אין לייבנגרוב. מיר האָבן אין זינען דעם עמק הבכא וואָס דעם פּאָעט איז באַשערט געוואָרן אין דער תקופה ווען ער האָט צו גלייך מיט הונדערטער טויזנטער אחים לצרה געמוזט אויסטראָגן אויף זיך דעם קרייץ פון אַ שקלאַף אין אַ סאָוועטישן לאַגער. ס'איז דער ביטערער נסיון פון אַ קאַטאָרזשניק ביי די ווייסע בערן, אין לאַגער סוכאָבעזוואָדנאַיע, ווו דער סובטילער פּאָעט האָט אָפּגעחושכט לאַנגע יאָרן, און ווייב און קינדער זענען מוראדיק געפּייניקט געוואָרן פון אומדערבאַרעמלעכן עלנט געכפּלט אויף הונגער און רדיפות.

שיין איז געבליבן די ליבשאַפט צו בעלאַן, דער צאַרטער טאַכטער פון דער גרויסשטאָט, וועלכע האָט געטיילט דעם גורל פון איר באַשערטן, דעם דיכטער פון בעסאַראַבישן דאָרפישן ישוב. די שפּורן פון אָט דער ליבשאַפט בלעטערן זיך ערשט לויטער, כאָטש פאַרביק אין געמיט וואָס האָט באַגלייט דעם דיכטער אויפן וועג צו בעלאַן, דער ליבינקער, וועלכע האָט אים, טאַקע מאיר חרצן פריצייטיק פאַראָבלט, געלאָזן נאָך אַ מאָל אַ שווער געליטענעם יתום. אַ טרייסט האָט ער, דער פרי געעלטערטער פּאָעט אין די אייניקלעך צו וועלכע ער זינגט שטיל, באַלערנדיק, צו מאָל שטיפעריש־פאַרטראַכט שיינע, זייער גראַטענע לידער פאַר קינדער און אויך לידער פון אַ פאַרליבטן, אָבער צעוויטיקטן זיידן.

דער יידישער פּאָעזיע איז מיט מאיר חרצן באַשיימפּערלעך צוגעקומען אַן עכטער פּאָעט מיט אַן אייגן יידישלעך קול וואָס טראַכט און זינגט. צוגעקומען, זאָגן מיר נאָך אַ דיכטער, וואָרן אין די טרויעריקע יאָרן פון אונטערן אייזערנעם פאַרהאַנג איז ער סוף כל סוף געבליבן אַ נסתר. אין דער פרייער ישראל, שפּירט ער זיך אַן אַרויסגעקומענער פון געפּענקעניש אין מאַרקולעשט, דער צעשטערטער פאַר יידן און אַן אָקופּירטע פאַר די מאָלדאַוואַנען.